STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02597

ALE VERK

Sholem Aleichem

Permanent preservation of this book was made possible
by David Bern
in memory of
Israel Bernbaum

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלע ווערק
פון
שלום עליכם

איקוף פאַרלאַג
בוענאָס איירעס

אַלוועלטלעכער שלום-עליכם-יאָר
1959

OBRAS COMPLETAS DE

SCHOLEM ALEIJEM

TOMO XV

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
EDITORIAL "ICUF"
BUENOS AIRES, 1959

Queda hecho el depósito que marca la ley.

Copyright by the
Estate of Olga Rabinowitz
New York

אַלע ווערק
פון
שלום עליכם

*

באַנד XV

פונעם יאַריד
ערשט בוך

פונעם יאַריד
צווייט בוך

מיינע קינדער –

א מתנה.

טייערע ליבע קינדער מיינע – !

אייך ווידמע איך דאס ווערק פון מיינע ווערק. דאס
ליד פון מיינע לידער דעם שיר השירים פון איין נשמה
איך ווייס, אז איין ליד איז, ווי יעדעס מענשנס ווערק, ניט
ריין פון חסרונות, נאר ווער נאך ווייס אזוי ווי איהר וואס
עס קאסט מיך? איך האב אויפגעגעבן און איינגעלייגט
אין דעם דאס בעסטע וואס איך פארמאג – מיין הארץ
ליידנט דאס פון צייט צו צייט. תפשר וועט איהר, אבער
טייערע קינדער, בעדארפן עפּיס לערנען – ווי אזוי ליידן צו
האבן אונזער פאלק און צו שעצן עמיצ'ס גייסטיגע אוצרות
וואס ליגן באווארפן אין אלע פינסטערע ווינקלעך פון
אונזער גרויסן גלות איף דער גאנצער וועלט. דאס
וועט זיין דער פעסטער לוין פאר מיינע העלפער ברייטן יארן
געטרייע ארבייט אויפן פעלד פון אונזער מאמע־לשון
און ליטעראטור –

אייער פאטער – באפרייאסער

[illegible]

נאוו. 1916 ניו־יארק

אינהאַלט:

די געשיכטע פונעם בוך „פונעם יאריד" אין קורצן — — 11

ערשטער טייל

1. פאַרוואָס עפּעס „פונעם יאַריד"? — — — — — — — 15
2. די שטאָט — — — — — — — — — — — — — 17
3. טאַטע־מאַמע — — — — — — — — — — — — 20
4. שמואליק דער יתום — — — — — — — — — — 23
5. אוצרות — — — — — — — — — — — — — 25
6. דער רב אין גן־עדן — — — — — — — — — — 28
7. שמואליק ווערט פאַרשוווּנדן — — — — — — — 32
8. מאיר מעדוועדעווקער — — — — — — — — — 34
9. פאַרלוירן נאָך אַ חבר — — — — — — — — — 37
10. חבר „סירקאָ" — — — — — — — — — — — 39
11. סירקאָס טראַגעדיע — — — — — — — — — — 43
12. דער יצר־טוב מיטן יצר־הרע — — — — — — — 45
13. גנבה, קאָרטנשפּיל און אַנדערע עבירות — — — — — 48
14. פּייגעלע - אשמדאי — — — — — — — — — 51
15. דער ליץ — — — — — — — — — — — — 54
16. די משפּחה — — — — — — — — — — — 58
17. דער פעטער ניסל און די מומע האָדל — — — — — 61
18. פּיניעלע שימעלעס פאַרט קיין אָדעס — — — — — 65
19. משנה מקום — משנה מזל — — — — — — — — 72
20. דער עולם צעקריכט זיך — — — — — — — — — 76

21. גערגעלע גנב — 79
22. מאיר־וועלוול בעל־עגלה מיט זײַנע „סוסים" — 84
23. זײַ געזונט, וואַראַנקאַ! — 89
24. די נסיעה — 93
25. אין דער נײַער היים — 98
26. די גרויסע שטאָט — 102
27. בין הזמנים — 107
28. מלמדים און לערערס — 111
29. דער גמרא־מלמד — 115
30. דער אמאָליקער חדר — 118
31. די בר־מצווה — 122

צווייטער טייל

32. דער „בחור" — 129
33. די ערשטע ליבע — 133
34. די חלירע — 137
35. די שבעה־זיצערס — 142
36. באַם דניעפּער — 146
37. אױפֿן פּאַראָם — 150
38. אין באָסלאוו אױף דער „טאַרהאָוויצע" — 154
39. אַ שיינער ברוך־הבא — 157
40. צווישן פֿעלצן — 160
41. אַ ייִד אַ פֿויגל — 163
42. ימים נוראים — 166
43. ס ו כ ו ת — 171
44. אויס יום־טוב — צוריק אַהיים — 175

פונעם יאַריד

לעבנס - באַשרײַבונגען

ע ר ש ט   ב ו ך

די געשיכטע פונעם בוך „פונעם יאַריד" אין קורצן

דער מזל פון אַ בוך איז ווי דאָס גליק פון אַ מענטשן. עס באַדאַרף פריער פאַרשוואַרצט ווערן, דורכגיין אַלע שבעה מדורי גיהנום, ביז עס דערזעט די ליכטיקע וועלט.

דאָס בוך „פונעם יאַריד" איז נאָך נישט אַלט קיין טאָג. עס איז ערשט היינט אַרויס פון דרוק — און האָט שוין הינטער זיך אַ גאַנצע היסטאָריע. דערלויבט מיר זי אייך דערציילן אין קורצע ווערטער.

דער ערשטער, וואָס האָט מיר אויפגעגעבן די אידעע ברייט און אַלזייטיק צו באַשרייבן די פאַרגאַנגענע פופציק־יאָריקע עפּאָכע פון אונדזער יידישן לעבן אין גלות, איז דווקא אַ ייִד פון אַ גאַנץ יאָר, אַ ייִד, וועלכן דער פאַרשטאָרבענער משורר י. ל. גאָרדאָן האָט גע־קרוינט מיטן נאָמען „קורא נכבד". אים קען די גאַנצע וועלט. ער איז אונדזערער אַן אַדעסער משכיל, היינט אין אַמעריקע, אַ ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור, און זיין אמתער נאָמען איז א ב ר ה ם א ל י ה ו ל ו ב א ר ס ק י. ווי אַן עכטער חסיד און אַן אמתער גוטער פריינט, איז ער פאַר עטלעכע יאָרן געקומען צו מיר ספּעציעל אין דער שווייץ און אויפגעגעבן מיר אַ פּלאַן: היות אַזוי ווי איך האָב דורכגעמאַכט אַ גאַנצע עפּאָכע און בין אויסגעוואַקסן, קאָן מען זאָגן, אינאיינעם מיט דער יידישער פאָלקס־ליטעראַטור, — טאָמער וואָלט איך גענומען אַף זיך די טרחה צו פאַרקערפּערן די אויבנדערמאָנטע עפּאָכע אין דער פאָרעם פון אַ גרויסן ראָמאַן?

די אידעע איז מיר אַריין אין קאָפּ. און איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט, נאָר אין־אַן אַנדער פאָרעם. אין דער פאָרעם פון אַן אויטאָביאָגראַפיע, אָדער ראָמאַן־ביאָגראַפיע.

עס איז אַוועק עטלעכע יאָר אַרבעט. דאָס בוך האָט גענומען וואַקסן אַ קאַפּיטל נאָך אַ קאַפּיטל. נאָר וואָס קומט אַרויס? אַ בוך האָט פיינט ליגן. אַ בוך האָט ליב, אַז מע דרוקט עס און מע לייענט עס. ס'איז געקומען צום דרוקן — איז נישטאָ ווו. דרוקן אַף אייגענע

אחריות — פעלט א יידישן מחבר פאדעם. דרוקן אין א זשורנאל — איז די יידישע ליטעראטור נאך נישט אויסגעוואקסן, זי זאל האבן א מאנאטשריפט, ווי בא לייטן *. עטלעכע מאל האב איך די ארבעט מיט א ביטער הארץ געמוזט אוועקלייגן. אזוי האט זיך עס געצויגן, ביז איך בין מגולגל געווארן מיטן צווייטן גלות אין אמעריקע. און אט איז ערשט אוועק איין יאר, האב איך שוין „אריבערגעמופט" מיטן „יאריד" אין א צווייטער ווינונג. און ערשט אט דא האט די „ווארהייט" געפונען פאר ראציאנעל די ערשטע צוויי טיילן „פונעם יאריד" ארויסגעגעבן אין א באזונדער בוך-פארם אין צוויי בענדער.

זען די געדאנקען געדרוקטערהייט אין בוך-פארעם, באקומט דער פארפאסער מער מוט אף צו גיין ווייטער זיין וועג, וועלכן ער האט אויסגעוויילט. און דער וועג איז נאך גענוג גרויס. די עפאכע הייבט ערשט אן צו צעוואקסן זיך, די בילדער הייבן ערשט אן צו וועבן זיך, די געשעענישן הייבן ערשט אן צו אנטוויקלען זיך, און געשטאלטן פון מענטשן לאנג-פארשוואונדענע, און טיפן פון פארשוינען נאך לעבעדיקע און גאנץ בכבודע בעטן זיך אף פאפיר...

לאמיר האפן, אז מיר וועלן דערפירן אונדזער ארבעט ביז צו א מעגלעכן סוף.

שלום-עליכם

פעברואר 1916, ניו-יארק.

---

* אין ארגינאל קומען דא עטלעכע איבערגעשטראכענע שורות, וועלכע לייענען זיך דייטלעך אזוי: „בלייבט איבער ווידער אמאל א גאזעט און אבער אמאל א צייטונג. זאגן די ווארשעווער צייטונגען, אז זיי האבן קיין פלאץ ניט פאר גרויסע ווערק. פעליעטאנען גיט זיי, סקיצן, נאוועלן".

אנמערקונג פון י. ד. בערקאוויטש

ערשטער טייל

אפּגעבן דין־וחשבון און האָט שוין ביד צו וויסן דעם רעזולטאַט פונעם יאָ־ריד, און ער האָט שוין די מעגלעכקייט אויך די וועלט באַקאַנט צו מאַכן מיט די דאָזיקע רעזולטאַטן, דערציילן פּאַוואָלינקע, נישט געכאַפּט, אַלצדינג, מיט וועמען ער האָט זיך געטראָפן אַפן יאַריד און וואָס ער האָט געזען און וואָס ער האָט געהערט.

א סך מאָל האָבן מיך מײַנע גוטע פרײַנט אויפגעפאָדערט, פאַר וואָס זאָל איך מיר ניט נעמען די מי צו באַקענען דעם עולם מיט דער געשיכטע פון מײַן לעבן? ס'איז שוין צײַט, זאָגן זיי, און עס וואָלט אפשר געווען אינטערעסאַנט אויך. האָב איך געפאָלגט מײַנע גוטע פרײַנט און האָב מיך עטלעכע מאָל גענומען צו דער אַרבעט, און אַלע מאָל אַוועקגעלייגט די פּען, ביז... ביז ס'איז געקומען די צײַט, איך האָב זוכה געווען נאָך פאַר פופציק יאָר באַגעגענען זיך פּנים אל פּנים מיט זײַן מאַיעסטעט, מיטן מלאך־המוות, גאָרנישט אַף קאַטאָוועס — איך האָב מיך שיער־שיער ניט איבערגעפּעקלט אַהין, פון וואַנען מען קאָן קיין בריוול ניט שרײַבן, קיין זאַך ניט אַריבערשיקן און אַפילו קיין גרוס ניט איבערגעבן. קורץ, איך האָב געהאַלטן בײַ אָפּזאָגן די עטלעכע גילדן, — האָב איך צו מיר אַזוי געזאָגט: „אַצינד איז די רעכטע צײַט. כאַפּ אַרײַן און שרײַב, וואָרעם קיינער וויים ניט, וועמענס מאָרגן עס איז. דו וועסט מאַכן אַ שטאַרב, וועלן קומען מענטשן, וואָס מיינען, אַז זיי קענען דיך און וויסן דיך, און וועלן אויסטראַכטן זאַכן, וואָס נישט גע־שטויגן, ניט געפלויגן. צו וואָס טויג עס דיר? אַמער נעם שוין בעסער אַליין, דו קענסט זיך בעסער פון אַלעמען, און דערצייל, ווער דו ביסט, שרײַב דײַן אויטאָביאָגראַפיע!...

עס איז אָבער גרינג אויסצורײדן — „שרײַבן אַן אויטאָביאָגראַפיע", אַן אמתע לעבנסגעשיכטע, נישט קיין אויסגעטראַכטע! דאָס הייסט אַזוי גוט, ווי אָפּגעבן דין־וחשבון פון מײַן גאַנצן לעבן פאַר מײַן לעזער, זאָגן וידוי פאַר דער גאַנצער וועלט. איר וויסט? שרײַבן אַ אויטאָביאָגראַפיע און מאַכן אַ צוואה איז כמעט אַלץ אײנס... איז איין מאָל אַוועק. און נאָך אַ זאַך: עס איז שווערלעך פאַר אַ מענטשן, וואָס רעדט פון זיך אַליין, ער זאָל זיך קאָנען אויפהייבן צו אַזאַ מדרגה, אַז ער זאָל בײַשטיין קעגן דעם נסיון, ניט וועלן אויספּײַנען זיך פאַרן פּובליקום, באַווײַזן זיך פאַר אַ ווילן בחור, וואָס סע קומט אים אַ קניפּ אין בעקל. איך האָב צוליב דעם אויס־געקליבן אַ באַזונדערע פאָרעם אויטאָביאָגראַפיע: די פאָרעם פון אַ ראָמאַן, פון אַ ביאָגראַפישן ראָמאַן. עס וועט אויסקומען, אַז איך וועל ריידן פון זיך זעלבסט, ווי פון אַ דריטער פּערזאָן. דאָס הייסט: איך, שלום־עליכם דער שרײַבער, וועל אײַך דערציילן די ריכטיקע ביאָגראַפיע פון שלום־עליכם דעם מענטשן, אָן צערעמאָניעס, אָן באַפּוצונגען און צאַצקערײַען, ווי עס וואָלט אײַך דערציילט, למשל, א

זײַטיקער פּאַרשוין, אַ ווילד־פרעמדער, נאָר אַזעלכער, וואָס איז געווען מיט אים אומעטום, אַזעלכער, וואָס איז דורכגעגאַנגען מיט אים אַלע שבעה מדורי גיהנום. און דערציילן וועל איך עס אײַך ביסלעכווײַז, שטיקלעכווײַז, אײַנגעטיילט אין באַזונדערע מעשׂיות, אָדער עפּיזאָדן, איין עפּיזאָד נאָך דעם אַנדערן. און דער וואָס גיט כּח דעם מענטשן, ער זאָל געדענקען אַלצדינג, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט אין זײַן לעבן, זאָל מיר בײַשטיין, אַז איך זאָל נישט דורכלאָזן חלילה קיין זאַך, וואָס מיר האָט געטראָפן און וואָס קאָן האָבן אַ אינטערעס, און קיין פּאַרשוין, וואָס איך האָב וועגן באַגעגנט אַף דעם גרויסן יאַריד, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט אין די פופציק יאָר פון מײַן לעבן.

2

די שטאָט

דאָס קליינע שטעטעלע וואָראָנקאָ — אַ מין כתרילעווקע. — אַ לעגענדע פון מאַזעפּאַס צײַטן. — אַן אַלטע קלויז, אַן אַלטער בית־עולם, צוויי יאַרידים.

אויפגעצויגן געוואָרן און געוואַקסן איז דער העלד פון דעם דאָזיקן ביאָגראַפישן ראָמאַן אין סאַמע כ ת ר י ל ע ו ו ק ע , וואָס איז שוין אַ ביסל באַקאַנט אַף דער וועלט. געפינען געפינט זיך עס, אויב איר זײַט נײַגעריק צו וויסן, אין מאַלאָראָסיע, אין פּאָלטאַווער גובערניע, ניט ווײַט פון דער אַלטער היסטאָרישער שטאָט פּערעיאַסלעוו, און הייסן הייסט עס ניט כתרילעווקע, נאָר וו אָ ר אָ נ ק אָ . פּאַרשרײַבט דאָס אײַך.

אייגנטלעך, וואָלט איך באַדאַרפט אָנרופן דעם נאָמען פון דער שטאָט, ווו ער איז געבוירן, און דעם דאַטום, ווי עס פירן זיך אַלע ביאָגראַפישע שרײַבער. בין איך מיך אָבער מודה, אַז דאָס אינטערעסירט מיך ניט. מיך אינטערעסירט דווקא אָט דאָס קליינע כתרילעווקע, אָדער וואָראָנקאָ, ווײַל קיין אַנדער שטאָט אַף דער וועלט האָט זיך אים אַזוי ניט אײַנגעגעסן אין זכּרון, ווי אָט דאָס געבענטשטע כתרילעווקע־וואָראָנקאָ, און קיין אַנדער שטאָט אַף דער וועלט האָט נישט געהאַט אַזוי פיל חן אין זײַנע אויגן, אַזוי אַז ער קאָן עס נישט פאַרגעסן און וועט עס נישט פאַרגעסן אייביק און אייביק.

און באמת גערעדט, וועלכע שטאָט אַף דער גרויסער וועלט, עס מעג זײַן אָדעס, אָדער פּאַריז, אָדער לאָנדאָן, אָדער אַפילו ניו־יאָרק, קאָן זיך באַרימען מיט אַזאַ גרויסן ברייטן מאַרק און מיט אַזוי פיל יידישע קלייטן און קלייטלעך, טישן, טישלעך און שטעלכלעך, מיט גאַנצע בערג פרישע

שמעקנדיקע עפּעלעך און באַרלעך, דיניעס און קאַווענעס, וואָס ציגן און חזירים האָבן חשק צו געניסן פון זיי צו יעדער צײַט, און די מאַרקווײַבער פירן מיט זיי שטענדיקע מלחמות, און מיר, חדר־ייִנגלעך, האָבן אוודאי און אוודאי חשק צו געניסן פון די אַלע גוטע זאַכן און קאָנען צו זיי ניט גרייכן?...

וועלכע שטאָט פאַרמאָגט אַזאַ אַלטן אײַנגעהויקערטן בית־מדרש מיט אַזאַ שיינעם געשניצטן אָרון־קודש מיט צוויי לייבן, וואָס זעען־אויס ווי פויגלען, ווען ניט די לאַנגע צינגער און די שופרות, וואָס זיי האַלטן אין מויל און בלאָזן? אינעם דאָזיקן אַלטן בית־מדרש, דערציילן אַלטע ייִדן, האָבן זיך אונדזערע זיידעס אַמאָל פאַרשלאָסן פאַר מאַזעפּען, ימח שמו, געזעסן דרײַ טעג מיט דרײַ נעכט אָנגעטאָן אין טלית ותפלין און געזאָגט תהלים — און דורך דעם ניצול געוואָרן פונעם טויט. די זעלבע אַלטע ייִדן דערציילן, אַז דער אַלטער רב נאָך האָט דאָס בית־מדרש געבענטשט, סע זאָל קיינמאָל ניט ברענען — ברענט דאָס ניט, עס מעג זײַן וואָס פאַר אַ שׂרפה עס וויל זיך!

וועלכע שטאָט פאַרמאָגט אַזאַ באָד, וואָס שטייט באַרג־אַראָפּ, סאַמע באַם ברעג טײַך, און פאַרמאָגט אַזאַ ברונעם, וואָס זײַנע וואַסערן נעמען זיך קיינמאָל ניט אויס? און דער טײַך אַליין — ווו האָט איר נאָך אַזאַ טײַך אױף דער וועלט, ווו דורות און דורות חדר־ייִנגלעך, שקצים, באָדן זיך און פּאָ־ליאָסקען זיך, לערנען זיך שווימען, כאַפּן פישלעך און מאַכן קונצן, וואָס איז כדאי צו זען? וועגן דער דאָזיקער אַלטער באָד, וואָס שטייט אױף חידושים, האָבן אויך אַלטע ייִדן צו דערציילן און דערציילן. מע האָט דאָרט געפונען אַמאָל אַ געהאַנגענעם גוי, וואָס האָט זיך אָנגעשכורט און אַליין זיך אויפגעהאַנגען, איז דערפון ארויס אַ בלבול, אַז דאָס האָבן אים ייִדן אויפגעהאַנגען, האָט די שטאָט געהאַט אױף זיך נאָכדעם אַ פּעקל, מע האָט געוואָלט שמײַסן די שענסטע בעלי־בתים, אָדער מע האָט זיי טאַקע גע־שמיסן — איך וויל נישט אַזוי ווײַט גריבלען זיך, ווײַל איך האָב פײַנט טרויעריקע מעשיות, זיי מעגן זײַן אפילו פון פאַרצײַטן...

וועלכע שטאָט פאַרמאָגט אַזאַ הויכן באַרג אױף יענער זײַט בית־מדרש, וואָס זײַן שפּיץ דערגרייכט כמעט ביז דער כמאַרע, און וואָס אױף יענער זײַט — אַלע ווייסן עס — ליגט באַהאַלטן אַן אוצר נאָך פון כמעלניצקיס צײַטן? דעם אוצר האָט מען — אַזוי דערציילן אַלטע ייִדן — וויפל מאָל גענומען זיך גראָבן, און מע האָט אַלע מאָל געמוזט אָוועקלייגן די אַרבעט, וואָרעם גראָבנדיק האָט מען געפונען ביינער, הענט און פיס און קעפּ פון מענטשן אין תכריכים — משמעות, אַז דאָס זײַנען געווען ייִדן, און אפשר נאָך קדושים... ווער ווייס?

וועלכע שטאָט פאַרמאָגט אַזעלכע פײַנע בעלי־בתים, וואָס זײַנען, דאַכט זיך, אַלע מער ניט ווי קליינע קרעמערלעך און שענקאַרעס, וואָס לעבן,

דאַכט זיך, גאָר פּונעם גוי און איינס פון דאָס אַנדערע, און פּונדעסטוועגן פירן זיי זיך אַלע בעל־הבתּיש, יעדער האָט זיך זײַן היים, זײַן משפּחה און זײַן אָרט אין בית־מדרש — אין מזרח־וואַנט אָדער אין שפּיגלבאַנק, וואָס מאַכט עס אויס? — און טאָמער איז ער אַליין ניט אַזאַ גרויסער יחסן און אַ גביר, האָט ער אַ קרוב אַ מיוחס אַ נגיד, וואָס ער לאָזט אים פון מויל ניט אַרויס און דערציילט פון אים אַזעלכע גוזמות, אַז דער קאָפּ דרייט זיך אַזש?...

און אַזאַ אַלטן בית־עולם, אַזאַ גרויסן און אַזאַ רײַכן און אַזאַ אַלטן בית־עולם, וווּ דער גרעסטער טייל קבֿרים איז שוין פאַרוואַקסן געוואָרן מיט גראָז, אַזוי, אַז מע ווייס שוין גאָרניט, צי דאָרטן זײַנען דאָ ביינער פון מענטשן, אָדער ניין? פון דעם דאָזיקן בית־עולם איז שוין דווקא יאָ פאַראַן וואָס צו דערציילן, און דווקא נישט אַזעלכע פריילעכע מעשׂיות, און טאַקע גאָר שרעקלעכע זאַכן, — פאַרשטייט זיך, פון אַמאָל, פון פאַרצײַטן. נאָר אַקעגן נאַכט איז ניט כּדאַי צו ריידן פון בית־עולמס...

אַ קליין שטעטעלע אָט דאָס וואָראָנקאָ, נאָר אַ שיינס, מלא חן. איר קאָנט דורכשפּאַצירן דאָס גאַנצע שטעטל, אין דער לענג און אין דער ברייט, אין איין האַלבע שעה, אויב איר זײַט בכּח און האָט פיס. אָן אַ באַן, אָן אַ ים, אָן אַ רעש, מיט צוויי יאַרידים סך־הכּל דורכן יאָר, „קראַסנע טאָרגעם" און „פּאָקראָווע", — פון ייִדנס וועגן געמאַכט געוואָרן, ייִדן זאָלן לייזן געלט און האָבן פּרנסה. אַ קליין, קליין שטעטעלע, דערפאַר איז דאָס אָבער פול מיט אַזעלכע שיינע מעשׂיות און לעגענדעס, וואָס מע וואָלט פון זיי אַליין געקאָנט אָנשרײַבן אַ גאַנצן בוך. איך ווייס, אַז מעשׂיות און לעגענדעס האָט איר ליב. דאָס איז בײַ אײַך, אייגנטלעך, דער גאַנצער עיקר... קאָנען מיר אָבער ניט: מיר דאַרפן זיך האַלטן שטרענג אין די ראַמען פון אַ ביאָגראַפיע און מיר מוזן אײַך פריִער באַקאַנט מאַכן, ווי דער שטייגער איז, מיט די עלטערן פונעם העלד, מיט זײַנע טאַטע־מאַמע. זײַט צופרידן, וואָס איך הייב־אָן גלײַך פון זײַנע טאַטע־מאַמע, און ניט פון זײַן זיידן און עלטער־זיידן, ווי אַנדערע ביאָגראַפן טוען.

3

טאַטע־מאַמע

א וואָראָנקאָווער נגיד מיט א סך פּרנסות. — אַ כאַליאַסטרע קינדער. — פרומע די דינסטמויד געוועלטיקט איבער זיי. — דער העלד איז א נאַכמאַכער, א קונדס.

א הויכער, מיט א שטענדיק פאַרזאָרגט פּנים, מיט א ברייטן, ווײַסן, געקנייטשטן שטערן, מיט א שיטער שמייכלענדיק בערדל, א בעל־הבית א ייִד און א בעל־תפלה, א למדן און א בעל־תנ"ך, א פרומער און א בעל־לשון־קודש, א חסיד פון טאַלנער רבין און א ליבהאָבער פון מאַפּו, סלאָנימסקי און צעדערבוים, א חקרן, א בורר און א בעל־עצה און א שפּילער אין שאַך און א מבין אַף פּערל און בריליאַנטן — אָט דאָס וועט זײַן די ריכטיקע פיזיאָנאָמיע פון דעם העלדס פאָטער, רב נחום וועוויקס, וואָס האָט גערעכנט זיך אין שטאָט פאַרן גרעסטן נגיד.

וויפל אַזאַ נגיד פון וואָראָנקאָ האָט געקאָנט פאַרמאָגן — איז שווער צו זאָגן; נאָר געשעפטן האָט ער געהאַט א גוזמא: ער איז געווען א פּאָסעסאָר, צוגעשטעלט בוראַקעס אין „זאַוואָד", געהאַלטן די זעמסקע פּאָטשט, געהאַנדלט מיט תבואה, געגרוזעט בערלינעס אַפן דניעפּר, געהאַקט וואַלד און געשטעלט אָקסן אַף דער בראַהע, נאָר פּרנסה האָט מען געצויגן פון דער „שניט־קראָם". עס רעדט זיך נאָר אַזוי א „שניט־קראָם". דאָרט האָט זיך געפונען אויך צעלניק, און באַקאַליי, און היי און האָבער, און היימישע רפואות פאַר גויִם און גויעס, און אײַזנוואַרג אויך. אין „שניט־קראָם" האָט זיך דער טאַטע נישט אַרײַנגעמישט. דאָס האָט געפירט אינגאַנצן די מאַמע, א ייִדענע אַן אשת־חיל, א גיכע טוערן און מיט סכנות א שטרענגע צו אירע קינדער. און קינדער זײַנען געווען היפּשלעך, אַריבער א טוץ, און פון אַלערליי וווּקס און פון אַלערליי פאַרב: קינדער מיט שוואַרצע הערלעך, מיט בלאָנדע און מיט געלע.

קיין גרויסן צימעס האָט מען מיט דעם קליינוואַרג, געוויינטלעך, נישט געמאַכט. דאָס הייסט, שטאַרק בענקען האָט מען נאָך זיי ניט געבענקט, און אַז זיי זאָלן, חס־ושלום, נישט געווען קומען אַף דער וועלט, וואָלט אויך גענוען אַן אומגליק; נאָר אַז זיי זײַנען שוין דאָ, איז — „מהכתיתי, ווען מען מאַכן זיי קאַליע? זאָלן זיי זײַן מיט יאָרן"... ווער ס'האָט זיך געקאָנט אויסדרייען פון פּאָקן און פון מאָזלען און פון אַלע איבעריקע קינדערשע שלעק־פּורעניות, דער איז אויסגעוואַקסן און אַוועק אין חדר אַרײַן, פריִער צו נטע־לייב דרדקי, דערנאָך צו רב זרח'ל דעם גמרא־מלמד. און ווער עס האָט נישט געקאָנט בײַשטיין דעם בעל־דבר מיט די טויזנט אויגן, וואָס לאַקערט אַף קליינע עופהלעך, דער האָט זיך באַצײַטנס אָפּגעטראָגן אהין, פון

וואנען ער איז געקומען. האט מען פארהאנגען די שפיגלען, און טאטע־מאמע האבן זיך אוועקגעזעצט שבעה, אראפגעוואָרפן די שיך פון די פיס און שטאַרק־שטאַרק געוויינט. אזוי לאַנג געוויינט, ביז מע האָט אויפגעהערט. געזאָגט דעם פסוק: „ה׳ נתן וה׳ לקח", אויסגעווישט די אויגן, אויפגעשטאַנען פון דער ערד און פארגעסן... אנדערש איז עס אומעגלעך געווען אין דעם גרויסן טאַראַראַם מיטן יאריד פון אריבער א טוץ קינדער, צווישן זיי איינער א בעל־הבית׳ל שוין, וואָס סע שיט זיך אים א בערדל, און איינס א זויגעדיקס, נאָך בא דער ברוסט.

א גרויסע בריהשאפט איז עס געווען פון דער מאמע אויסצוהאָדעווען אזא כאַליאַסטרע און אויסצושטיין אַלעמענס קראַנקייטן. וואָרעם אזוי פלעגט א קינד קריגן פעטש מיט קלעפ מיט בוכענצים, וויפל ס׳איז אין דעם אריין. נאָר טאָמער חלילה איז עמעצער קראַנק געוואָרן, אזוי איז שוין די מאמע ניט אפגעטראָטן פון בעטל: „א מכה דער מאמע!" איז דאָס אָבער געזונט געוואָרן און געשטעלט זיך אף די פיסלעך — „אין חדר ארײַן, דו שייגעץ איינער, אין חדר ארײַן!"...

אין חדר האָבן געלערנט אַלע פון פיר יאָר ביז... כמעט ביז דער חתונה. און פון דער גאַנצער כאַליאַסטרע קינדער האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס גרויסער שקאָץ דער מיטלסטער, דער העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע, מיטן נאָמען שלום, אָדער שלום נחום ווערוויקס.

מען באַדאַרף זאָגן דעם אמת, אז גאָר קיין שלעכט ייִנגל איז דאָס ניט געווען, אָט דער שלום נחום ווערוויקס, און לערנען האָט ער זיך געלערנט בעסער פון אַלע קינדער, נאָר פעטש, קולעקעס, מיט קלעפ, מיט שמיץ, ניט פאַר אײַך געדאַכט, האָט ער אויך געקראָגן מער פון אַלע. מסתמא איז ער ווערט געווען.

— אָט וועט איר זען, ייִדן, אז פון דעם קינד וועט קיין גוטס ניט ארויס! דאָס וואַקסט עפּעס א גאַרנישט מיט א נישט, דער שוואַרציאָר ווייס וואָס, א שטויבער, א סאַמאָוואָלעץ, א זולל־וסובאַניק, א איוואַן פּאָפּעריליע, אַן אויסוווירפלינג, א משומד און א כל־בוניק, און וואָס אין דער קאָרט!...

אזוי האָט אים אָטעסטירט פרומע די דינסטמויד, א בלינדע אף איין אויג און א געשטופּלטע, נאָר זייער א קאַרגע און א געטרײַע דינסט. א געטרײַע און אַן איבערגעגעבענע און אַן ערלעכע דינסט. זי האָט געהרגעט־געשלאָגן די קינדער, זיי געזשאַלעוועט עסן, אַכטונג געגעבן, זיי זאָלן זײַן גוט און פרום און ערלעך און כשר צו גאָט און צו לײַט. און מחמת די מאמע איז געווען אַן אשת־חיל, שטענדיק אין קראָם, האָט פרומע די מויד געפירט די שטוב ביד רמה און „דערצויגן" די קינדער, ווי א מאמע. זי האָט זיי געוועקט, געוואַשן, געצוואָגן, געזאָגט מיט זיי ברכה, געפּאַטשט, געגעבן עסן, געלייענט מיט זיי קריאת־שמע, ווידער געפּאַטשט און באַלייגט

שלאָפן, אַלע אינאיינעם, ס'זאָל אײַך צו קיין חרפּה ניט זײַן, טאַקע מיט איר אין איין בעט. די קינדער אין בעט — און זי באַ זיי צופוסנס.

אַ שטיק גלות איז געווען פאַר די קינדער אָט די פרומע די מויד, און אַ יום־טוב איז געווען פאַר זיי פרומעס חתונה — לאַנג לעבן זאָל יידעלע־גנב מיט דער היטשקע געקרײַזלטע האָר, אָנגעשמירט מיט גענזנשמאַלץ, און מיט דער צונויפגעוואַקסענער נאָז, וואָס מע קאָן זי קיינמאָל ניט אויסשנײַצן מען זאָל זײַן, דאַכט זיך, מיט אַכצן קעפּ. לאַנג לעבן זאָל ער, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען (אָט אַ משוגענער!) חתונה האָבן פאַר דער בלינדער פרומען. און חתונה האָט ער פאַר איר געהאַט ניט גלאַט אַזוי, נאָר מחמת „ליבע": ער האָט זיך אין איר פאַרליבט, הייסט עס, מיט סכנת־נפשות. ניט צוליב דעם, וואָס זי האָט נאָר איין אויג און איז געשטופּלט — חס וחלילה! נאָר צוליב דעם, וואָס ער טוט אַ שידוך מיט רב נחום וועוויקס. אַ קליי־ניקייט — אַזאַ שידוך. חיה־אסתר אַליין (די מאַמע) האָט געפּראַוועט די חתונה, געווען די גאַנצע מחותנתטע, געבאַקן לעקעך, אַראָפּגעבראַכט כּלי־זמר פון בערעזאַן, געטאַנצט, געהוליעט ביז טאָג און געוואָרן הייזעריק ווי די וואַנט.

אוי־ווי, וואָס חברה האָבן זיך דעמאָלט אָנגעלאַכט און אָנגעטאַנצט! די שמחה איז געווען ניט אַזוי צוליב דעם, וואָס אַ פּײַפער אַ גנב נעמט אַ בלינדע מויד, נאָר איבער דעם, וואָס מע ווערט פּטור פון „פרומע די מויד" אויף אייביק און אייביק! און אגב האָט מען זיך טאַקע אָנגעלאַכט אויך אויף דעם, וואָס „דער שייגעץ" האָט קאָפּירט דאָס גליקליכע פּאָר — דעם חתן, ווי ער פּײַפט מיט דער נאָז, און די כּלה, ווי זי קוקט אויפן חתן מיט איין אויגל און באַלעקט זיך, ווי אַ קאַץ, אַז זי האָט אַ נאַש־געגעבן סמעטענע.

קאָפּירן, נאָכמאַכן, איבערקרימען — דערויף איז אונדזער שלום גע־ווען איין מזיק! האָט ער דערזען עמעצן דאָס ערשטע מאָל, אַזוי האָט ער שוין געפונען אויף אים עפּעס אַ חסרון, אָדער אַזוי אַ „לעבעריקס", און ער האָט זיך שוין אָנגעבלאָזן ווי אַ פּענכער, און ער האָט אים שוין נאָכ־געמאַכט. און חברה שקצים האָבן געלאַכט, און טאַטע־מאַמע האָבן צוגע־שטעלט אַ בענקעלע פאַרן רבין, אַז „דער שייגעץ מאַכט נאָך דער גאַנצער וועלט, ווי אַ מאַלפּע — מע באַדאַרף אים אָפּגעוווינען דערפון!"

און דער רבי האָט זיך גענומען אים „אָפּגעוווינען" דערפון — עס האָט אָבער ווינציק־וואָס געהאָלפן... עפּעס אַ „ניט־גוטער" האָט זיך פאַר־קליבן אין דעם קינד, אַ מין ליץ, וואָס דער גאַנצער וועלט מאַכט ער נאָך און אַלעמען קרימט ער איבער, אָבער אַלעמען, אפילו דעם רבין אַליין, ווי ער שמעקט טאַבאַקע און ווי ער גייט דריבניטשקע מיט די קליינע פיסע־לעך, און די רביצן, ווי זי פּיסקלט זיך, רויטלט זיך און בלינצלט מיט איין אויגל, בשעת זי דאַרף נעמען באַם רבין אויף שבת און קאָן ניט אויסריידן

„שבת", נאָר „סאבבעס", — און פּעטש זײַנען געפלויגן, און קלעפּ האָט מען געטיילט, און שמיץ האָט מען געציילט. אַי שמיץ! סטײַטש שמיץ!

בקיצור — ס'איז געווען אַ לעבן.

4

שמואליק דער יתום

מעשיות, פאַנטאַזיעס און חלומות. — קבלה און כשוף.

פאַראַן פּנימער, וואָס זײַנען באַשאַפן געוואָרן פון גאָט אַף צו פאַר־כּשופן אײַך מיטן ערשטן קוק. „האָב מיך ליב"! — אַזוי שרײַט צו אײַך דאָס דאָזיקע פּנימל, און איר באַקומט דאָס ליב, איר ווייסט ניט פאַרוואָס.

אָט אַזאַ מין חנעוודיק פּנימל האָט געהאַט שמואליק דער יתום, אַ ייִנגל אָן אַ טאַטן, אָן אַ מאַמען, וואָס אויפגעהאַלטן האָט ער זיך באַם רב.

צו אים איז דאָס צוגעקלעפּט געוואָרן שלום נחום וועוויקס, דער העלד פון דער דאָזיקער אויטאָביאָגראַפיע, פון דער ערשטער מינוט, וואָס זיי האָבן זיך באַקענט, זיך געטיילט מיט אים מיט די אָנבײַסנס און מיט די מיטאָגס האַלב אַף האַלב און געוואָרן חבר — אָבער וואָס חבר הייסט! נפש אחת — איין לײַב, איין נשמה! פאַרוואָס? איבער זײַנע מעשיות.

קיינער האָט נישט געהאַט אַזוי פיל מעשיות אַף צו „דערציילן", וויפל שמואליק. האָבן מעשיות אַף צו דערציילן איז אָבער נאָך ניט אינגאַנצן. דאָס דערציילן אַליין איז אויך אַ זאַך. דערציילן אַ מעשה דאַרף מען קאָנען. און שמואליק האָט געקאָנט דערציילן מעשיות אַזוי, ווי קיינער נישט!

פון וואַנען האָבן זיך צו דעם ציקאַווען בחור מיט די רויטע בעקלעך און מיט די פאַרחלומטע אויגן גענומען אַזוי פיל מעשיות, און אַזעלכע שיינע, רײַכע מעשיות, מיט אַזעלכע זעלטענע פאַנטאַסטישע בילדער? צי האָט ער זיי ווו געהערט אַמאָל דערציילן? אָדער דאָס איז געווען פון זײַן קאָפּ אויסגעטראַכט, לויטער פאַנטאַזיעס? עד היום קאָן איך דאָס נישט באַגרייפן. איך ווייס נאָר איין זאַך: עס האָט זיך באַ אים געגאָסן ווי פון אַ קוואַל, נאָר פון אַזאַ קוואַל, וואָס שעפּט זיך נישט אויס קיינמאָל. און גע־גאַנגען איז דאָס באַ אים גלאַט, ווי אַף בוימל, און געצויגן האָט זיך עס ווי אַ לאַנגער זײַדן־פאָדעם. און זיס איז געווען די שטים, זיס די שפּראַך, זיס ווי צוקער. און די בעקלעך רויט, און די אויגן פאַרחלומט און נאַסלעך, ווי איבערגעצויגן מיט אַ דין רויכל.

פאַרקליבן זיך פּריוואַטיק נאָך האַלבן טאָג, אָדער שבת נאָכן עסן, אָדער יום־טוב פאַרנאַכטלעך, אױפֿן הויכן וואַראַנקאָווער באַרג, וואָס „דער שפּיץ זײַנער דערגרייכט כמעט ביז דער כמארע", האָבן זיך ביידע חברים אוועקגעלייגט מיטן פּנים אַראָפּ צום גראָז, אָדער מיטן פּנים אַרויף צום הימל, שמואליק האָט גענומען דערציילן אַ מעשה נאָך אַ מעשה: אַ מעשה פֿון אַ בן־מלך מיט אַ בת־מלכה, אַ מעשה פֿון אַ רב מיט אַ רביצין, אַ מעשה פֿון אַ פּרינץ מיט אַ פּלעגהונט, אַ מעשה פֿון אַ פּרינצעסן אין אַ קרישטאָל־לענעם פּאַלאַץ, אַ מעשה פֿון צוועלף גזלנים אין וואַלד, אַ מעשה פֿון אַן אָקרעגט, וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט אױפֿן פֿאַרגליווערטן ים. מעשיות פֿונעם פּאַבסט, וואָס האָט געפֿירט ויכּוחים מיט די גרעסטע רבנים, און מעשיות פֿון חיות, פֿון שדים און פֿון רוחות און פֿון בת־ליצנים, פֿון מכשפים, שרעטעלעך, וואָווקעלאַקעס, פּיפּערנאָטערס, האַלב־מענטש, האַלב־חיה, און אַ מעשה מיט אַ ענגלײַכטער פֿון פּראָג — און יעדע מעשה האָט געהאַט איר טעם מיט איר ריח, און אַ באַזונדער כּשוף איז געווען אויס־געגאָסן אױף זיי אַלע.

דער חבר, שלום נחום וועוויקס, האָט געהאַלטן אָפֿן מויל און אויערן, קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פֿונעם דאָזיקן ציקאָוון בחור מיט די רויטע בעקלעך און מיט די פֿאַרחלומטע נאַסלעכע אויגן.

— פֿון וואַנען ווייסטו דאָס, אַלצדינג, שמואליק?

— נאַרעלע, דאָס איז נאָך גאָרנישט. למאַי איך ווייס, ווי אַזוי מע צאַפּט וויַין פֿון דער וואַנט? און בוימל פֿון דער סטעליע?

— ווי אַזוי צאַפּט מען דאָס ווײַן פֿון דער וואַנט? און בוימל פֿון דער סטעליע?

— נאַרעלע, דאָס איז נאָך אויך בלאָטע! איך ווייס אַפֿילו, ווי אַזוי מע מאַכט פֿון זאַמד גאָלד און פֿון שערבלעך דימענטן מיט ברילײַאַנטן.

— ווי אַזוי מאַכט מען דאָס?

— ווי אַזוי? דורך קבלה. דער רב איז דאָך אַ בעל־קבלה. ווער ווייס עס ניט? ער שלאָפֿט דאָך קיינמאָל ניט.

— וואָס דען טוט ער?

— בײַנאַכט, ווען אַלע שלאָפֿן, איז ער אויף. זיצט ער אַליין און פֿאַר־נעמט זיך מיט קבלה.

— און דו זעעסט אַלצדינג, וואָס ער טוט?

— ווי קאָן איך זען, נאַרעלע, אַז איך שלאָף?

— פֿון וואַנען־זשע ווייסטו, אַז ער פֿאַרנעמט זיך מיט קבלה?

— ווער ווייסט עס נישט? דאָס ווייס דאָך אַ מינדסט קינד. פֿרעג וועמען דו ווילסט. דאָס, וואָס דער רב קאָן, נאַרעלע, קאָן קיינער נישט. וויל ער — זײַנען אָפֿן פֿאַר אים אַלע צוועלף ברונעמס מיט קוועקזילבער

און אַלע דרײַצן גערטנער פון סאַמע זאַפראַן, און גאָלד מיט זילבער, מיט דימענטן, מיט בריליאַנטן — כחול הים, אַזויפיל, אַז סע גלוסט זיך אַזש ניט!...

— פאַרוואָס־זשע ביסטו תמיד הונגעריק? און פאַרוואָס האָט ער ניט אַף שבת?

— אַזוי, וואָרעם ער וויל ניט. ער וויל בעסער אָפּקומען אַף דער וועלט, תשובה־טאָן. ער איז אַ בעל־תשובה. ער זאָל וועלן, וואָלט ער געווען רײַך, ווי קורח; טויזנט רויטשילדס וואָלט ער פאַרשטעקט אין גאַרטל. וואָרעם ער ווייס, וויאַזוי מע ווערט רײַך. פאַר אים איז אַנטפּלעקט אַלצדינג. ער ווייס אַפילו דעם אָרט, וווּ דער אוצר ליגט באַהאַלטן?

— וווּ ליגט דער אוצר באַהאַלטן?

— חכם! פון וואַנען זאָל איך ווײסן? ווען איך זאָל ווײסן, וווּ דער אוצר ליגט, וואָלט איך דיר שוין לאַנג געזאָגט. איך וואָלט אין מיטן בײַנאַכט געקומען צו דיר און וואָלט דיך אויפגעוועקט פון שלאָף: „קום, שלום, צום אוצר, וועלן מיר צוניפזשעברעווען דאָס גאָלד פולע זשמעניעס און אָנשטופּן פולע קעשענעס!"

און האָט שמואליק אָנגעהויבן צו ריידן וועגן אוצר, אַזוי האָבן די פאַרחלומטע אויגן בײַ אים זיך אָנגעצונדן, די רויטע בעקלעך צעפלאַמט, און אַליין האָט ער זיך אַזוי צעהיצט און צעברענט און צעפלאַקערט, אַז ער האָט אויך דעם חבר זײַנעם אָנגעוואָרעמט, צעהיצט, צעברענט און צעפלאַקערט. שמואליק האָט גערעדט, און זײַן חבר, שלום נחום וועוויקס, האָט אים געקוקט אין מויל אַרײַן און מיט דאָרשט געשלונגען יעדער וואָרט.

5

אוצרות

וואָס איז אַן אוצר? — אַ לעגענדע פון כמעלניצקיס צײַטן. — וווּנדער־שטיינער.

אַז ס'איז פאַראַן אַן אוצר דאָ בײַ אונדז אין אונדזער שטעטל — אין דעם איז דאָך קיין ספק ניט.

פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אונדז אַן אוצר? פון כמעלניצקין. כמעלניצקי האָט אים דאָ באַגראָבן נאָך פאַרצײַטן. טויזנטער יאָרן האָבן מענטשן געזאַמלט אוצרות מיט אוצרות, ביז ס'איז געקומען כמעלניצקי און האָט עס באַשטאַט.

— ווער איז געווען כמעלניצקי?

— כמעלניצקי, ווייסטו ניט? נארעלע, כמעלניצקי — דאָס איז געװען אַ רשע, אַ המן, נאָך פּאַר כמעלניצקיס צײַטן... דאָס ווייסט דאָך אַ מינדסט קינד! האָט אָט דער כמעלניצקי דער רשע, דער המן, אָנגעראַבעוועט, הייסט עס, מילי־מיליאָסן גאָלד בײַ די אַמאָליקע פּריצים און בײַ די רײַכע ייִדן, און האָט דאָס אַלצדינג געבראַכט צו פֿירן אַהער צו אונדז, קיין וואָראָנקאָ, — און דאָ האָט ער עס איינמאָל באַנאַכט אויף יענער זײַט בית־מדרש באַרג־אַראָפּ, אַקעגן דער שײַן פֿון דער לבֿנה, באַהאַלטן טיף־טיף אין דער ערד באַגראָבן, און ס'איז מיט גראָז באַוואַקסן און מיט כּשוף פֿאַרכשופֿט, אַזוי, אַז קיין בן־אָדם זאָל עס ניט געפֿינען.

— און ס'איז פֿאַרפֿאַלן לעולם ועד, אויף אייביק און אייביק?

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז ס'איז פֿאַרפֿאַלן לעולם ועד, אויף אייביק און אייביק? און צו וואָס האָט גאָט באַשאַפֿן די קבלה? די בעלי־קבלה, נארעלע, האָבן שוין דערצו אַן עצה.

— דהיינו, וואָסער אַן עצה?

— זיי ווייסן שוין. זיי האָבן אַ שפּרוך אַזעלכן, און אַ פּסוק פֿאַראַן אַזעלכער אין תהלים, וואָס מע דאַרף אים זאָגן פֿערציק מאָל פֿערציק...

— וואָסער אַ פּסוק?

— ע, נארעלע, איך זאָל וויסן דעם פּסוק! און אַפֿילו איך זאָל שוין וויסן, איז דאָס אויך ניט אַזוי גרינג. מע באַדאַרף פֿאַסטן פֿערציק תעניתים, אָפּזאָגן אַלע טאָג פֿערציק קאַפּיטלעך תהלים, און אָפּן איין־און פֿערציקסטן טאָג, באַלד נאָכדעם, ווי די זון האָט זיך געזעצט, באַדאַרף מען זיך אַרויסגנבֿענען אַזוי קונציק, אַז קיין בן־אָדם זאָל דיך נישט באַגעגענען, — וואָרעם טאָמער חלילה דערזעט מען דיך, באַדאַרף מען אָנהייבן נאָכאַמאָל צו פֿאַסטן פֿון אָנהייב פֿערציק תעניתים, — און ערשט דעמאָלט, אַז ס'וועט דיר אָפּגעלטן, קיינער וועט דיך ניט באַגעגענען, זאָלסטו אַוועקגיין אין אַ פֿינצטערער נאַכט אין אָנהייב חודש אויף יענער זײַט בית־מדרש באַרג־אַראָפּ, און דאָרטן אָפּשטיין פֿערציק מינוט אויף איין פֿוס, ציילנדיק פֿערציק מאָל פֿערציק, און אויב ס'וועט נאָר ניט זײַן קיין טעות אינעם ציילן, וועט זיך דיר דער אוצר אַנטפּלעקן פֿון זיך אַליין...

און שמואליק דער יתום גיט צו פֿאַרשטיין גאַנץ ערנסט זײַן חבֿר, שלום נחום וועוויקס, דעם סוד פֿונעם אוצר מיט אַ שטיל קול, אַלע מאָל שטילער, ווי אויסגעלייענט פֿון אַ בוך, ניט אָפּשטעלנדיק זיך אויף אַ רגע אַפֿילו:

— און אַנטפּלעקן וועט זיך דיר דער אוצר דורך אַ פֿײַערל, אַ קליין פֿײַערל. און אַז דאָס פֿײַערל וועט זיך דיר באַווײַזן, באַדאַרפֿסטו גלײַך

צוגיין צו דעם, צום פײַערל הייסט עס, זאָלסט גאָר קיין מורא ניט האָבן פאַר אָפּבריִען זיך, וואָרעם דאָס פײַערל איז מער ניט אַף צו באַלײַכטן, ברענען ברענט עס ניט, און דו באַדאַרפסט זיך נאָר אָנבייגן און זשע־ברעווען מיט בײדע זשמעניעס (שמואליק באַווײַזט מיט בײדע הענט, ווי ער זשעברעוועט) גאָלד און זילבער און דימענטן און בריליאַנטן, און שטיי־נער אַזעלכע, וואָס הייסן מיטן נאָמען „ישפה“...

— וואָס איז דען דער חילוק?

— אַי, נאַרעלע, ס'איז אַ גרויסער חילוק! „כדכד“ איז אַזאַ שטיין, וואָס לײַכט אין דער פינצטער, ווי אַ סטרינעווע ליכט, און „ישפה“ האָט אין זיך אַ כח: עס מאַכט פון שוואַרץ ווײַס, פון רויט געל, פון גרין בלוי, פון נאַס טרוקן, פון הונגעריק זאַט, פון אַלט יונג, פון טויט לעבעדיק... מע באַדאַרף נאָר מיט אים געבן אַ רײַב אין דער רעכטער לאַץ פון דער קאַפּאָטע און אַ זאָג: „ס'זאָל מיר אַרויסגיין און אַרויסגיין אַ רעכטער אָנ־בײַסן!“ — גייט־אַרויס אַ זילבערנע טאַץ, און אַף דער טאַץ צוויי פּאָר געבראָטענע טײַבעלעך מיט פרישינקע פלעצלעך פון געבײַטלטער מעל, פערווי סאָרט. אָדער: „ס'זאָל מיר אַרויסגיין און אַרויסגיין אַ גוטער וואַ־רעמעס!“ — באַווײַזט זיך אַ גאָלדענע טאַץ מיט כל'ערליי מינים עסנוואַרג און פּאַטראַוועס, מעדני־מלך, געבראָטענע צונגען מיט געפילטע העלדזלעך, וואָס זייער געשמאַקער ריח צעגייט זיך אין אַלע אברים, און פרישע צו־געברוינטע געפלאָכטענע קוילעטשן וואַקסן אויס פאַר דײַנע אויגן, און ווײַן לרוב פונעם בעסטן סאָרט, און ניסלעך, און באָקסערן, און צוקערקעס לרוב — אַזוי פיל, אַז סע גלוסט שוין אַזש ניט!

און שמואליק קערעוועט־אָפּ דעם קאָפּ אָן אַ זײַט און שפּײַט־אויס, און זײַן חבר זעט נאָך זײַנע פאַרשמאַכטע ליפּן און נאָך זײַן בלאַס פּנים מיט די פאַרחלומטע אויגן, אַז ער וואָלט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אַ שטיקל געבראָטענע צונג, אַ געפילט העלדזל, אָדער כאָטש אַ שטיקל קוי־לעטש... און ער גיט זיך דאָס וואָרט, אַז מאָרגן, אם ירצה השם, טראָגט ער אים אַרויס אין קעשענע עטלעכע ניסלעך, אַ פּאָר באָקסערן מיט אַ צוקערקעלע, וואָס ער וועט אַרויסלקחענען, מחילה, בײַ דער מאַמע אין קלייטל, און דערווײַל בעט ער שמואליקן, ער זאָל דערציילן נאָך און נאָך. און שמואליק לאָזט זיך לאַנג ניט בעטן. ער ווישט־אָפּ די ליפּן און דער־ציילט נאָך און נאָך.

— ...און אַז דו האָסט זיך גוט אָנגעזעטיקט מיט די אַלע מיני מאכלים און פאַרטרונקען מיט די בעסטע ווײַנען, נעמסטו און טוסט אַ רײַב מיטן שטיינדעלע און אַ זאָג: „ס'זאָל מיר אַרויסגיין און אַרויסגיין אַ ווייבער

געלעגער!" — באַווײַזט זיך דיר אַ בעטל פֿון עלפֿנביין, מיט גאָלד באַפּוצט, מיט אַן איבערבעט — ווייך ווי פּוטער, און מיט זײַדענע קישעלעך צוקאָפּנס, און מיט אַן אַטלעסענע קאָלדרע איבערגעדעקט. ציסטו זיך אויס און ווערסט אַנשלאָפֿן, און עס חלומען זיך דיר מלאָכים מיט כּרובֿים, מיט שׂרפֿים, מיטן גן־עדן העליון, מיטן גן־עדן התחתון... אָדער, אַז ניט, טוסטו אַ רײַב מיטן שטיינדעלע, הויבסטו דיך גאָר אויף אין דער הייך ביז דער כמאַרע, און אַריבער דער כמאַרע, און דו פֿילסט זיך, ווי אַן אָדלער, הויך־הויך! ווײַט־ווײַט!...

צי האָט אָט דער אָרעמער יתום מיט זײַנע וווּנדערלעכע מעשׂיות זיך ווען אָפּגערופֿן נאָכדעם אין די שרײַבעכצן פֿון זײַן חבֿר שלום, בעת שלום נחום ווײַוויקס איז געוואָרן אַ „שלום־עליכם" — דאָס איז שווער צו זאָגן. איין זאַך איז געווויס: זײַן פֿאַנטאַזיע האָט ער געמאַכט רײַכער, זײַן השגה ברייטער, און שמואליקס חלומות און שמואליקס טרוימען וועגן אוצרות, וווּנדערשטיינער און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן טראָגט ער באַ זיך טיף אין האַרצן נאָך עד היום. אפֿשר אין אַן אַנדער פֿאָרעם, אפֿשר אין אַנדערע געשטאַלטן — נאָר ער טראָגט זיי, ער טראָגט זיי ביז צו הײַנטיקן טאָג.

6

דער רבֿ אין גן־עדן

די פֿרײַנטשאַפֿט פֿון דוויד מיט יהונתן. — דער לויתן מיטן שור־הבר. — ווי זעען אויס די צדיקים אויף יענער וועלט.

די שיינע, וווּנדערלעכע מעשׂיות פֿון שמואליק דעם יתום האָבן זײַן יונגן חבֿר אינגאַנצן פֿאַרכישופֿט און געבראַכט דערצו, אַז די פּרינצן מיט די פּרינצעסנס זײַנען אים געגאַנגען צו חלום, געוועקט, געשלעפּט באַ די אָרבל: „שטיי־אויף, שלום, טו דיך אָן און קום מיט אונדז!"... און נישט נאָר אין חלום — אויך אויף דער וואָר האָט ער זיך געפֿונען כמעט שטענדיק צווישן פּרינצן און פּרינצעסנס, ערגעץ אין אַ קרישטאָלענעם פּאַלאַץ, אָדער אויפֿן פֿאַרגליווערטן ים, אָדער אויף אַ ווײַספּע, וווּ עס געוועלטיקן ווילדע מענטשן, אָדער גאָר אין גן־עדן התחתון, וווּ עס געפֿינען זיך צוועלף ברונעמס מיט קוועקזילבער און דרײַצן גערטנער פֿון זאַפֿראַן, און גאָלד און זילבער וואַלגערט זיך, אַזוי ווי מיסט; אָדער ער הייבט זיך אויף, מיטן שטיינדעלע „ישפֿה", גאָר אין דער הייך, אויף יענער זײַט כמאַרעס...

עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייַט, אַז ער האָט אָנגעהויבן אָנרופֿן די אַלע זאַכן באַם נאָמען און זעען זיך מיט זיי אויף יעדן טריט און שריט.

עטלעכע צונויפֿגעלייגטע באַלקנס אין הויף איינס אויף דאָס אַנדערע זיינען שוין געווען גענוג פֿאַר אים, ער זאָל זיך אַרויפֿכאַפּן אויף זיי גאַנץ הויך און זיך פֿאָרשטעלן, אַז דאָס איז אַ „וויספּע", און ער איז דער פּרינץ, און די געגנט מיט די קאַטשקעס, וואָס שפּאַצירן־אַרום אין הויף, — דאָס זיינען די ווילדע מענטשנפֿרעסער, און ער איז איבער זיי דער מלך, וואָס קאָן זיי טרייַבן וווּהין ער וויל און קאָן טאָן מיט זיי וואָס ער וויל, וואָרעם זיי זיינען דאָך זיינע אונטערטעניקע... עס איז גענוג געווען אַ שטיקל גלאָז טאָמער האָט ער געפֿונען, זאָל עס ווערן בייַ אים פֿאַרוואַנדלט אין אַ טייַערן וווּנדערשטיין, אַ מין „כדכד"... אַ שטיינדעלע, אַ פּראָסט, פֿון דער ערד אויפֿגעהויבן — קאָן עס זייַן אפֿשר דאָס שטיינדעלע „ישפֿה" — ווער ווייס? פֿילט ער זיך ניט, נעמט און טוט דאָס אַ רייַב, אַז קיינער זעט ניט, אין דער רעכטער לאַץ און אַ זאָג, ווי שמוליק זאָגט: „ס'זאָל מיר אַרויסגיין און אַרויסגיין..."

מער פֿון אַלץ אָבער האָבן זיך איינגעוואָרצלט אין אים שמואליקס מעשיות וועגן „אוצרות". ער איז געווען מער ווי זיכער, אַז ניט הייַנט איז מאָרגן, נאָר אָן אוצר מוז זיך אים אַנטפּלעקן. דאָס גאַנצע גאָלד וועט ער, געוויינלעך, אַוועקגעבן דעם טאַטן מיט דער מאַמען. דער טאַטע וועט שוין נישט דאַרפֿן זייַן אַזוי פֿאַרזאָרגט און פֿאַרטראָגן אין די געשעפֿטן. די מאַמע וועט פֿאַרשפּאָרן פֿרירן גאַנצע טעג אין קלייט. מיט דעם כח פֿונעם שטיין „ישפֿה" וועט ער זיי אויסבויען אַ פּאַלאַץ פֿון קרישטאָל, אַרומגערינגלט מיט אַ גאָרטן פֿון סאַמע זאַפֿראַן. און אין מיטן גאָרטן וועט זיך געפֿינען אַ ברונעם פֿון קוועקזילבער. אַ פֿלעגהונט וועט היטן דעם אַרייַנגאַנג, און פֿיפּערנאָטערס, שרעטעלעך מיט ווילדע קעץ וועלן זיך דראַפּען אויף די ביימער. און ער, דער פּרינץ אַליין, וועט אויסטיילן פֿון זייַן ברייטער האַנט די וואָראָנקאָווער אָרעמעלייַט נדבות, גרויסע נדבות און קליינע נדבות, איטלעכן אַזאַ נדבה, ווי ער פֿאַרדינט.

עס איז געווען שווער זיך פֿאָרצושטעלן, אַז די צוויי געליבטע חברים, שלום נחום און וועוויקס און שמואליק דער יתום, זאָלן ווען אַמאָל זיך דאַרפֿן צעשיידן אויף אייביק און אייביק. ערשטנס, גלאַט לְמאַי זאָלן זיך חברים שיידן? און אויסער דעם, האָבן זיי זיך געשוואָרן ביידע בייַ גאָט און איבערגעשלאָגן מיט אַ ציצה, אַז איינער אָן דעם צווייטן זאָל נישט אַוועקפֿאָרן קיינמאָל ניט אין ערגעץ ניט, און אַז וואָס ס'זאָל זיך מיט זיי ניט טרעפֿן און ווו זיי זאָלן ניט מגולגל ווערן, זאָלן זיי תמיד זייַן איין נפֿש, איין נשמה. דאָס איז געווען אַ ליבשאַפֿט, ווי צווישן דוויד מיט יהונתן.

גייט ריכט זיך אַף אַזאַ מעשה, אַז דער רב, וואָס איז טאַקע געווען אַפילו אַ ייִד אַ זקן, איך האָב מורא, אויב ניט אַ בן־שבעים, וועט נעמען און וועט זיך פּלוצעם אינמיטן דערינען אוועקלייגן גאָר און וועט מאַכן אַ שטאַרב, און דער יתום שמואליק וועט אוועקפאָרן מיט דעם רבס אלמנה ערגעץ אין אַ קליין שטעטל, ווייס איך וווהין, ערגעץ אין בערסאַנער גו־בערניע, און אַז שמואליק זאָל פאַרשווונדן ווערן, גלייך ווי ס'איז גאָר קיינמאָל קיין שמואליק אַף דער וועלט נישט געווען!

מאָלט אייך, ניט אַזוי גיך טוט זיך עס, ווי עס רעדט זיך. ניט אַזוי גרינג לייגט זיך אַוועק אַ רב און שטאַרבט־אַוועק. דער רב, וואָס איז גע־ווען תמיד אַ „חלוש", אַ קראַנקער מענטש פון פאַסטן תעניתים און פון גלאַט ניט עסן, האָט זיך אַף דער עלטער אוועקגעלייגט אין בעט, אָפּגע־לעגן אַ געליימטער העכער אַ יאָר, אָן עסן, אָן טרינקען, און נאָר געלערנט און נאָר געדאַוונט, און געראַנגלט זיך מיטן מלאך־המוות. שמואליק האָט דערציילט פאַר זײַן חבר און געשוואָרן מיט כל השבועות, אַז אַלע פאַר־נאַכט, בין מנחה למעריב, פליט־אַרײַן דורך אַ שפּאַרונקעלע פון אַ פענצ־טער דער „בעל־דבר", שטעלט זיך אַוועק באַם רב צוקאָפּנס און וואַרט, טאָמער וועט ער אויפהערן „זאָגן", וועט ער אים מאַכן „ביק"... איז אָבער דער רב קליגער פון אים: ער הערט ניט אויף צו „זאָגן" אַפילו אַף אַ רגע כמימרא; אָדער ער לערנט, אָדער ער דאַוונט.

— ווי אַזוי זעט ער אויס?

— ווער?

— דער „בעל־דבר".

— פון וואַנען זאָל איך וויסן?

— דו זאָגסט, אַז ער קומט, האָסטו מסתמא אים געזען.

— נאַרעלע! ווער עס זעט דעם „בעל־דבר", דער קאָן נישט לעבן מער. הײַנט ווי אַזוי האָב איך אים געקאָנט זען?

— פון וואַנען־זשע ווייסטו, אַז ער קומט?

— ניין! וואָס דען וועט ער טאָן? ער וועט וואַרטן אַף כבוד?...

און אַז דער רב איז געשטאָרבן, איז פאַר די צוויי חברים געווען אַ יום־טוב. דער רב האָט געהאַט אַזאַ שיינע לוויה, ווי עס קאָן זיך פאַר־גינען צו האָבן נאָר אַ רב אין אַ קליין שטעטל. די קלייטן האָט מען גע־שלאָסן און די חדרים האָט מען צעלאָזט, און די גאַנצע „שטאָט" איז אים געגאַנגען באַגלייטן.

אַף צוריקוועגס זײַנען די פאַרליבטע חברים „דוויד ויהונתן", געווען די לעצטע שבלעצטע. מע האָט זיך גענומען פאַר די הענט און מע איז געגאַנגען פּאַוואָליע, בכדי מע זאָל זיך קאָנען גוט אָנריידן. און ריידן איז

געווען פון וואָס. פונעם רבס טויט און פון זײַן קומען אַף יענער וועלט, ווי אַזוי מע וועט אים דאָרטן באַגעגענען בײַ די טויערן פון גן־עדן, און ווי אַזוי מע וועט אים אויפנעמען, און ווער וועלן זײַן די, וואָס וועלן אים מקבל־פּנים זײַן.

אַלצדינג האָט שמואליק געוווּסט, אַפילו וואָס ד אָ ר ט ן טוט זיך. און פון אַלצדינג האָט ער גערעדט אַזוי, גלײַך ווי ער וואָלט געווען דערבײַ. עס איז אויסגעקומען אַזוי, אַז דער רב איז גאָרנישט געשטאָרבן. ער האָט זיך נאָר איבערגעטראָגן אין אַן אַנדער וועלט, אין אַ בעסערער וועלט, ווו מע האָט געוואַרט אַף אים מיטן לויתן און מיטן שור־הבר און מיטן יין־המשומר און מיט אַלע גוטע זאַכן פון גן־עדן. אָ, דאָרט וועט ער ערשט אָנהייבן צו וויסן פון אַ לעבן, אַ נײַ לעבן, אַ גליקלעך לעבן, אין אַ פּראַכטפולן גן־עדן, אינאיינעם מיט אַזעלכע מאַגנאַטן, ווי אברהם, יצחק און יעקב, און יוסף הצדיק, און משה מיט אהרונען, און דוויד המלך, און שלמה המלך, און אליהו הנביא, און דער רמב״ם, און דער בעל־שם־טוב, און דער ריזשינער — ווי לעבעדיקע האָט זיי שמואליק אָפּגעמאָלט, און ווי לעבעדיקע זײַנען זיי געשטאַנען פאַר די אויגן, יעדער מיט זײַן געשטאַלט און מיט זײַן פּנים און מיט זײַן אויסזען: אברהם אָבינו — אַ זקן מיט אַ ווײַסער באָרד, יצחק — אַ לאַנגער און אַ דאַרער, יעקב אָבינו — אַ קראַנקער און אַ סוטולעוואַטער, יוסף — אַ „קראַסאַוועץ", משה רבינו — אַ נידעריקער וווּקס, נאָר אַ ברייטער שטערן, אהרון הכהן — דווקא אַ הויכער מיט אַ לאַנגן יאַמשאָוון שטעקן, דוויד המלך — מיט אַ פידל, שלמה המלך — מיט אַ גאָלדענער קרוין, אליהו הנביא — אַן אָרעם יידל, דער רמב״ם — אַן אויסגעפּוצטער מיט אַ קײַלעכיקער באָרד, דער בעל־שם־טוב — אַ פּראָסטער ייִד מיט אַ פּראָסטן שטעקן, דער ריזשינער — אַ שיינער ייִד אין אַ זײַדענער זשופּעצע...

עס האָט אַזש אָנגענומען אַ חשק צו זען זיך מיט די דאָזיקע אַלע לײַט; עס האָט זיך פּשוט געגלוסט זײַן מיט זיי דאָרטן אין גן־עדן, פאַרזוכן כאָטש אַ שטיקל פונעם לויתן מיטן שור־הבר, כאָטש אַ טראָפּן פונעם יין־המשומר. עס איז געווען באמת מקנא צו זײַן דעם רב, ווי ער לעבט דאָס איצט דאָרטן אַ גוטן טאָג, נאָר פאַרגעסן, אַז מע האָט אים נאָר־וואָס אַראָפּגעלאָזט אין אַן ענגן פינצטערן קבֿר, און אַז מע האָט אים פאַרשאָטן מיט קלעפּיקער שוואַרצער ערד און צוגעקלאַפּט מיט הילצערנע לאָפּעטעס, און אַז שמואליק אַליין טאַקע האָט געזאָגט נאָך אים קדיש. וואָרעם דער רב איז געשטאָרבן אָן קינדער — ניט פאַר אײַך געדאַכט, ניט פאַר קיין שום ייִדן געדאַכט.

7

שמואליק ווערט פאַרשווונדן

דוויד מיט יהונתן צעשיידן זיך אַף אייביק. — דער סוד פונעם אוצר. — פאַרלוירן אַ חבר.

די גאַנצע וואָך, וואָס די רביצן איז געזעסן שבעה נאָכן רב, האָט שמואליק דער יתום אַרומגעבלאָנקעט איינער אַליין איבער דער שטאָט, ווי אַן אמתער יתום, וואָס איז נאָך מער פאַריתומט געוואָרן. זײַן גאַנצער אַרויסקוק איז געווען אַף דעם פאַרנאַכט, ווען מען צעלאָזט די קינדער פון די חדרים — דעמאָלט וועט ער זיך קאָנען זען מיט זײַן חבר, שלום נחום וועוויקס, וואָס איז צו אים נאָך מער צוגעבונדן געוואָרן זינט דער רב איז געשטאָרבן. עס האָט זיך געפילט אינסטינקטיוו, אַז די צוויי געליבטע חברים, „דוויד ויהונתן", באַדאַרפן זיך באַלד צעשיידן. ווי אַזוי דאָס וועט געשען — האָבן זיי נאָך אַליין ניט געוווּסט און נישט געוואָלט וויסן. זיי האָבן דעריבער אויסגענוצט יעדן פאַרנאַכט אַף צו פאַרברענגען אינאײנעם, זײַן וואָס נענטער איינס נעבן דאָס אַנדערע.

אַ גליק, וואָס ס'איז זומער, און זומער לערנט מען נישט באַנאַכט אין חדר. קאָן מען דעריבער זיך פאַרקלײַבן אינצווייען בײַ נחום וועוויקס אין גאָרטן, און דאָרטן, אונטער אַ באַרנבוים, אָפּזיצן אַ שעה און צוויי און דרײַ און שמועסן; אָדער אַז ניט, קאָן מען זיך דורכגיין פון דער שטאָט אַרויס, העט־ווײַט אַף יענער זײַט מיל, אַבי שקצים זאָל נאָר ניט באַפאַלן און ניט אָנרייצן די הינט אַף די „פאַרשאָלטענע זשידיוהעס".

דאָרט, פון יענער זײַט מילן, האָבן די צוויי חברים, שמואליק דער יתום און שלום נחום וועוויקס, געקאָנט זיך אָנריידן וויפל זייער האַרץ גלוסט. און ריידן איז געווען פון וואָס. איין זאַך האָט זיי אינטערעסירט ביידן: וו אָ ס וו ע ט ז ײַ ן וו ײַ ט ע ר ? וואָס וועט זײַן, טאָמער פאָרט שמואליק אַוועק? וואָרעם געהערט האָט שמואליק זאָגן, אַז די רביצן קלײַבט זיך ערגעץ ווײַט, אין כערסאָנער גובערניע. זי האָט דאָרט אַ שוועסטער, שרײַבט איר די שוועסטער, זי זאָל קומען צו פאָרן. איז וויבאַלד די רביצן פאָרט — פאָרט שמואליק אויך. וואָס וועט ער דאָ טאָן איינער אַליין? ער האָט דאָך אַפילו ניט ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן!...

פאַרשטייט זיך, אַז ער פאָרט נישט אַף לאַנג, און יעדנפאַלס — ניט אַף שטענדיק. לאָז ער נאָר קומען אַהין, אַזוי זעצט ער זיך באַלד לערנען „קבלה", און ווי נאָר ער דערגייט דעם „סוד", אַזוי קומט ער צו פאָרן צוריק אַהער, קיין וואָראָנקאָ, און נעמט זיך צו דער אַרבעט — אויפ־

זוכן דעם אוצר. ער וועט פאסטן פערציק תעניתים, אפזאגן אלע טאג פערציק קאפיטלעך תהלים, און אפן איין־און־פערציקסטן טאג כאפט ער זיך ארוים בסוד, אז קיינער זאל ניט וויסן, ציילט־אפ פערציק מאל פער־ציק, שטייענדיק אף איין פוס פערציק מינוט אפן זייגער...

— ווו האסטו א זייגער?

— איצט האב איך ניט, דעמאלט וועל איך האבן.

— ווו וועסטו נעמען?

— ווו איך וועל נעמען? איך וועל גנבענען! וואס האט דאס צו דיר?

שלום קוקט זיין חבר שמואליקן אין די אויגן ארייַן. ער האט מורא, טאמער האט ער אים אנגערירט מיט א וואָרט, און ער וועט חלילה ווערן ברוגז. שמואליק איז אבער ניט אזא חבר, וואס מיט איין וואָרט זאל מען פארלירן בא אים אינגאנצן. און שמואליק הערט ניט אויף צו דערציילן מעשיות, וואס עס וועט זיין אמאל, אמאל, אז ביידע חברים וועלן אויס־וואקסן און ווערן גרויסע, וואס זיי וועלן אויפטאן אין דער דאזיקער שטאט, און ווי גליקלעך זיי וועלן מאכן די וואראנקאוור יידן. און עס גיסט זיך בא אים, ווי רייַנער בוימל. און עס ציט זיך בא אים, ווי גוטער האניק. און עס ווילט זיך גארנישט אוועקגיין אין דער ווארעמער, זומער־דיקער, פארכשופטער נאכט. נאר מע מוז, מע מוז גיין אהיים שלאפן — אניט, קאן מע כאפן א מיאוסן פסק!... און מע געזעגנט זיך אף: „ביז מארגן, ביז מארגן!"

....

עס איז אוועקגעגאנגען א מארגן און נאך א מארגן, און נאך א מארגן — ניטא שמואליק! ווו איז ער? — ער איז אוועקגעפארן. אויפגע־הויבן זיך אינאיינעם מיט דעם רבס אלמנה און אוועקגעפארן אין כער־סאנער גובערניע. ווען? ווי אזוי? אפילו נישט געזעגנט זיך?!...

א פארלוירענער, א צערודערטער איז געבליבן זיין חבר שלום איינער אליין, עלנט ווי א שטיין. אוועקגעפארן זיין בעסטער, זיין ליבסטער און זיין טייַערסטער. אוועקגעפארן! פינצטער געווארן די גאנצע וועלט: וואס מיר וועלט, אז ס'איז נישטא שמואליק! וויסט געווארן דאס גאנצע לעבן: וואס מיר לעבן, אז ס'איז נישטא שמואליק! און דער איבערגעבליבענער עלנטער חבר האט דערפילט א מאדנע ענגשאפט אין האלדז, און אין נאז האט אים אנגעהויבן קיצלען און אין הארצן צו שטיקן. האט ער זיך פארקליבן ווייַט־ווייַט אין א ווינקעלע און לאנג־לאנג געוויינט.

ווי מיינט איר: לעבט ער נאך ערגעץ, אט דער ציקאווער שמואליק מיט די פארחלומטע אויגן און מיט זיין שיין, חנעוודיק לשון, וואס גיסט

זיך ווי ריינער בוימל און ציט זיך ווי גוטער האָניק? ווו איז ער, און וואָס איז ער, למשל, איצינד — אַ מגיד? אַ רבֿ? אַ מלמד? אַ סוחר? אַ קרעמער? אַ מעקלער? אָדער גאָר אַן אָרעמאַן, אַן עני ואביון? אָדער אפשר האָט עס אים פאַרטראָגן אינעם גאָלדענעם לאַנד, אין אַמעריקע, און ער „מאַכט אַ לעבן?"... אָדער אפשר ליגט ער שוין דאָרטן, וווּ מיר וועלן אַלע ליגן איבער הונדערט יאָר און די ווערעם וועלן פון אונדז הנאה האָבן?...

ווער עס ווייס עפּעס, ווער עס האָט געהערט פון אים, — זאָל זיך אָפּרופן.

8

מאיר מעדזשעדעווקער

אַ נייער חבר, וואָס קאָן זינגען. — חדר־יינגלעך קונדסים מאַכן טעאַטער־שפּיל. — פון באַרוועסן יונג אַ קונדס וואַקסט־אויס אַ באַרימטער אַרטיסט.

לאַנג זאָרגן זיך און באַקלאָגן דעם פאַרלוירענעם שמואליקן האָט זײַן געטרײַער חבר נישט באַדאַרפט. גאָט האָט אים ממלא געווען און גיך צו־געשיקט אַ נײַעם חבר.

אַזוי איז דאָס געווען: וויבאַלד דער אַלטער רבֿ איז געשטאָרבן, איז דאָך דאָס שטעטל געבליבן אָן אַ רבֿ, על־כן האָט נחום וועוויקס אַוועקגע־וואָרפן אַלע געשעפטן און איז אַוועקגעפאָרן אין אַ צווייטן שטעטל, קיין ראַקיטנע, ווו עס האָט זיך געלאָזט הערן איבער דער וועלט אַ רבֿ, אַ שם־דבר, מיטן נאָמען חיים מעדזשעדעווקער. אָט דעם רבֿ האָט דאָס נחום וועוויקס אַראָפּגעבראַכט קיין וואָראָנקאָ, און דאָס שטעטל האָט זיך מיט אים ממש משמח געווען, וואָרעם חוץ וואָס ער איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ ירא־שמים און אַ יודע־נגן, איז ער נאָך געווען דערצו אַ גרויסער אָרעמאַן אויך, האָט ער שוין אין איינוועגס צוגע־קנעלט מיט די בעל־הבתישע קינדער (פון דער עלטערער כתה).

פונדעסטוועגן האָט מען חלילה דעם מלמד רבֿ זרחלען אינגאַנצן נישט אָפּגעזאָגט. ווי נעמט מען דאָס און מע קוילעט אָפּ אַ ייִדן גלאַט אַזוי פון פּרנסה? איז רבֿ זרחל פאַרבליבן מלמד אַף תנ"ך און אַף שרײַבן (ייִדיש און רוסיש, און דײַטש, און פראַנצויזיש, און לאַטיין, וועלכע נישט די קינדער, נישט דער רבי האָבן פאַרשטאַנען מיט וואָס מע עסט דאָס), און גמרא האָט מען געלערנט באַם נײַעם רבֿ, און כאָטש

שלום נחום ווערויקס איז געווען טאקע נאך אלץ א שייגעץ און נישט געוואלט וואקסן אין דער הייך, נאר פונדעסטוועגן האט מען אים ארײַנגענומען אין דער גרויסער כתה, ווארעם אז דער נײַער רב האט אים פארהערט א פרשה חומש מיט רש"י, האט ער אים דערלאנגט א קניפ אין בעקל: „א רעכטער שקאץ!" — און דעם פאטער האט ער געגעבן א זאג, אז ס'איז אן עבירה פאר גאט איבערלאזן אזא שקאץ אף טרוקענעם תנ"ך; מע באדארף אים א נעם טאן צו דער גמרא. „נישקשה, ס'וועט אים גארנישט שאדטן".

פארשטייט מען, אז דער פאטער איז געווען מלא גדולה, און דער „שקאץ" אליין איז ניט געווען אזוי צופרידן מיט דער גמרא, איז ער אבער דערפאר געווען בא זיך גדולדיק, וואס ער זיצט אינאיינעם מיט די גרויסע, און געבלאזן פון זיך, פאררעסן די נאז — א קלייניקייט!

אראפגעקומען איז רב חיים דער רב פון ראקיטנע ניט אליין, נאר מיט צוויי זין: איינער א בעל־הביתל שוין, מיט א קנאפ אין גארגל, מיטן נאמען אברהמל, וואס האט געהאט א קול־נגינה און געקאנט שיין דאווענען פארן עמוד, און דער אנדערער, מאירל, האט נאר געהאט א שיין קול אף צו זינגען און אויך א קנעפל אין גארגל, נאר צום לערנען האט ער געהאט א שײַט־האלץ, ניט קיין קאפ. און ניט אזוי נאך א גראבער קאפ, ווי א גרויסער שייגעץ, און מיט אים איז דאס שלום נחום ווערויקס געווארן אינגיכן חבר. א ראקיטנער יינגל און דעם רבס א זון — מיט דער האנט קאן מען אים ניט אוועקמאכן. דערצו האט דער מאירל געהאט א מעלה: ער האט געזונגען לידלעך, און נאך וואסערע לידלעך! האט ער אבער צו דער מעלה געהאט א חסרון — א טבע פון אן אמת'ן ארטיסט: ער האט פײַנט געהאט זינגען גלאט אזוי אומזיסט. איר ווילט הערן זינגען — באצאלט, זײַט מוחל! א גראשן א לידל. און אז ס'איז נישטא קיין געלט, איז אן עפל אויך גוט. פאר נויט — א האלבער עפל, א פאר פלוימען, א שטיקל צוקערקע — קיין אומזיסט איז נישטא! דערפאר האט ער אבער געזונגען אזעלכע לידלעך, מיט אזא זיס קול און מיט אזא געפיל, אז א כפרה, כלעבן, אלע הײַנטיקע סאבינאווס, קארוזאס, שאליאפינס, סיראטאס און די אלע איבעריקע מנגנים פון דער וועלט!

„גיי איך ארום אף דער ווילנער גאס,
הער איך א קול מיט א גרויס געשריי:
אוי־וויי! —
מע וויינט אזוי..."

אלע יינגלעך הארכן, גאפן, גייען־אויס פון זיסקייט, און ער — גארנישט! יאסעלע סאלאוויי! הײַנט זײַנע שטיקלעך פון דאווענען! אמאל,

אז דער רבי, טאַקע זײַן פֿאָטער, דער רב, רב חיים הייסט עס, האָט זיך צעוויסגעכאַפּט אַף אַ רגעלע אין דרויסן, האָט זיך מאַיר אוועקגעשטעלט מיטן פּנים צו דער וואַנט, דעם טישטוך אָנגעטאָן פֿאַר אַ טלית, זיך גענגר־מען באַם גאַרגל מעשה חזן און אַרויסגעלאָזט אַ געשריי פֿון די סליחות: „אל מלך יושב" — גיך־גיך, און אויסגעלאָזט אַף אַ קול: „ויקרא־א ב־ש־ם!" — קומט ־ אָן דער רבי:

— וואָס איז דאָס? חזנישע שטיק ווילסטו פּראַווען? אַנו, משומד, ציִג דיך נאָר אַוועקעט אַפֿן בענקעלע אָט אַזוי...

און עס הייבט זיך אָן אַן עקזעקוציע.

נישט נאָר אין נגינה אַליין האָט זיך אויסגעצייכנט מאַירל מעדוועד־דעוווקער. ער האָט געהאַט נאָך אַ חולאת: שפּילן, פֿאָרשטעלן זיך, מאַכן אָנשטעלן: „מכירת־יוסף", „יציאת מצרים", „עשר מכות", „משה רבינו מיט די לוחות", און נאָך און נאָך אַזעלכע אָנשטעלן.

למשל, ער האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ גזלן, מיט אַ גרויסן שטעקן אין האַנט און מיט דער רביצנס קאַלאַדאַטשמעסער, אַרײַנגעשטעקט אין דעם רבינס גאַרטל, און דווקא באָרוועס, און מיט אונטערגעקאַטשעטע הויזן, און אויגן, רבונא דעלמא כולא — טאַקע ווי באַ אַ גזלן! שלום נחום וועוויקס איז געווען דער ייִד, דער אביון. מיט אַ גראָבן שטעקן אין האַנט, מיט אַ קישעלע פֿאַר אַ האָרב, איבערגעקערט דאָס היטל אַף דער לינקער זײַט, גייט ער נעבעך בעטן אַ נדבה. פֿאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד. דער וואַלד — דאָס זײַנען די ייִנגלעך. און שלום נחום וועוויקס דער אביון גייט צווישן די ביימער, אָנגעשפּאַרט אַף זײַן גראָבן שטעקן, זוכט אַ וועג און באַגעגנט זיך מיט — מאַיר דעם גזלן! כאַפּט־אַרויס דער גזלן דאָס מעסער פֿון גאַרטל און זינגט צו אים אַ ליד, און דווקא אַף רוסיש, און לאָזט־אויס:

„דאַוואַי דיע־ע־ענגי,
דאַוואַי דיע־ע־ענגי!"

בעט זיך באַ אים נעבעך דער אָרעמאַן, שלום, מיט טרערן, ער זאָל זיך דערבאַרעמען אויב ניט אַף אים, איז אַף זײַן ווײַב און קינדער. זי וועט בלײַבן אַ אלמנה, און די קינדער יתומים. כאַפּט אים דער גזלן, מאַיר, פֿאַרן גאַרגל און טוט אים אַ וואָרף אין דער ערד אַרײַן — קומט אָן דער רבי, און עס הייבט זיך אָן אַ חתונה:

— מילא דער (ער באַווײַזט אַף זײַן אייגענעם זון) איז אַ שייגעץ, אַ משומד, אַ מומר להכעיס. אָבער דו, נחום וועוויקס ייִנגל, ווי קומסטו זיך גלײַכן צו אים, צו אָט דעם משומד?

דער רבי, רב חיים דער רב, איז, אַפּנים, געווען אַ שטיקל נביא: אין

א סך יאָרן אַרום האָט זײַן מאיר מעדוועדעווקער, וואָס איז געוואָרן נאָכדעם דער באַרימטער אַרטיסט מ ע ד וו ע ד י ע וו , געגומען און האָט טאַקע, ווי עס רעדט זיך, אויסגעביטן דאָס רענדל... כאָטש דאָס מוז מען צוגעבן, אַז די מצווה פון כבוד־אָב האָט ער מקיים געווען, ווי דער בעסטער ייִד און אַפן שענסטן אָרט: ער האָט געקויפט פאַר זײַן אַלטן, אָרעמען טאַטן אַן אייגענע דירה אין ראַקיטנע, האָט אים „אָפּגעשאָטן מיט גאָלד", געקומען צו אים אַלע זומער צו־גאַסט, געבראַכט מתנות פאַר דער גאַנצער משפּחה, און רב חיים דער רב, וואָס האָט נישט געוווּסט, וואָס פאַר אַ שפּיצל זײַן זון האָט אים אָפּגעטאָן, בכדי ער זאָל זיך קאָנען אָנרופן „אַרטיסט אימפּעראַטאָרסקיך טעאַטראָוו", האָט געהאַט אַ גליקלעכע עלטער... נאָר מיר קערן זיך אום צוריק צו זײַן קינדהייט, בעת מאירל מעדוועדעווקער האָט גאָר ניט געוווּסט, און אַפילו ניט געחלומט, אַז ער וועט אַמאָל הייסן מיכאַיל יעפימאָוויטש מ ע ד וו ע ד י ע וו און וועט מרעיש עולם זײַן און איבערקערן וועלטן.

9

פאַרלוירן נאָך אַ חבר

מע טרייסלט באַרלעד און מע כאַפּט שמיץ. — מע לערנט זיך גנבענען. — תשעה באָב באָם גלח אין גאָרטן. — די עקזעקוציע.

עס איז קיין חידוש ניט, וואָס די צוויי חברה־לײַט, מאיר מעדוועדעווקער און שלום נחום וועוויקס, האָבן זיך צוגעבונדן איינס צום אַנדערן און געוואָרן נפש אחת. עפּעס האָט זיך געפונען אַ מחותנעשאַפט צווישן זייערע נשמות און אַ מין פאָרגעפיל, אַז עפּעס וועט פון זיי אַמאָל אויסוואַקסן. און זייער פאָרגעפיל האָט זיי ניט אײַנגעזאָגט אָפּגענאַרט: אין אַ יאָר צוואַנציק אַרום, אַז די צוויי האָבן זיך באַגעגנט (דאָס איז געווען אין ביעלאָצערקאָוו, קיעווער גובערניע, ווי מיר וועלן דאָס ווײַטער זען), איז איינער שוין געווען אַ באַרימטער אַרטיסט מ ע ד וו ע ד י ע וו , און דער אַנדערער האָט שוין געשריבן פעליעטאָנען אינעם „אידישען פאָלקסבלאַט" אונטערן נאָמען ש ל ו ם - ע ל י כ ם .

נאָר מיר קערן זיך אום ווידער אַמאָל צו זייער קינדהייט, ווען איינער האָט נאָך געהייסן מאירל מעדוועדעווקער, און דער אַנדערער — שלום נחום וועוויקס, און זיי האָבן נאָך שפּאַצירט איבער וואָראָנקאָווער גאַסן באָרוועס גלײַך מיט אַלע בעלי־בתּישע יינגלעך. און מע מוז זאָגן

דעם ריינעם אמת, אַז ביידע חברים האָבן נישט אַזוי שטאַרק חשק געהאַט צו דער תורה, וואָס דער רב רב חיים מעדוועדעווקער וועט אין זיי אַרײַנזעצן, און צו זײַן יראת־שמים, וואָס ער וועט אין זיי אײַנפּלאַנצן. זיי האָבן בעסער חשק געהאַט צו אַנדערע זאַכן. למשל, גרינע אַגרעסן רײַסן פון אַ בוים, אָדער טרייסלען באַרלעך אָדער פלוימען, עס מעג זיך זײַן אַפילו פון אַן אייגענעם גאָרטן, איז אַ סך מער פאַרגעניגן, ווי שמאַכטן איבער דער גמרא, אָדער דאַוונען מיט כוונה, ווי דער רב רב חיים האָט געפאָדערט פון זײַנע תלמידים, אָדער זאָגן אַ קאַפּיטל תהלים.

— די גמרא איז ניט קיין ציג, זי וועט ניט אַנטלויפן, דאַוונען וועט גאָט מוחל זײַן, און תהלים לאָזן זאָגן אַלטע ייִדן!...

אַזוי האָט אײַנגעטענהט מאיר מעדוועדעווקער מיט זײַן חבר שלום נחום וועוויקס און האָט אים בעסער געלערנט, ווי אַזוי מע קלעטערט אַרויף אין איין שמע־ישראל אַפן העכסטן בוים, אָדער ווי אַזוי מע שפּרינגט־אונטער און מע פאַרטשעפּעט אַ צווײַג פון אַ קאַרשן־בוים, קריכן די קאַרשן דעמאָלט אַליין אין מויל אַרײַן. אַי, עס ווערן נאָכדעם שוואַרץ די ליפּן, און נאָך די שפּיץ פינגער דערקענט מען, אַז מע האָט געריסן קאַרשן? וואָס קאָן דאָ זײַן? „וועט מען אָפּשמײַסן — אַ טײַערע מע־צאָצע!"...

דאָס שמײַסן אין חדר איז געווען אַזאַ געוויינלעכע זאַך, אַז די חדר־ייִנגלעך האָבן נישט געפילט קיין שום בזיון — פון קיין ווייטיק רעדט מען נישט! „וואָס איז דען אַזעלכעס, אַז מע באַקומט פונעם רבין עטלעכע לאָקשן? ביז דער חתונה וועט זיך עס פאַרהיילן"... אַ בזיון איז געווען נאָר פאַר יענעם, וואָס איז שוין געווען אַ חתן. אַי דאָס האָט ער נאָר מורא געהאַט פאַר איין זאַך: טאָמער ווערט געוווירע די כלה, און נישט אַזוי די כלה, ווי דער כלהס חברטאָרנס, — וועלן זיי איר אויס־וואַרפן: „דער חתן מיטן געשמיסענעם דאָס"...

מאיר איז נאָך ניט געווען קיין חתן און האָט דערפאַר קיין מורא ניט געהאַט, האָט ער דעריבער געפירט זײַן חבר שלום אַפן „דרך־הישר", געלערנט אים פאַרקנייטשן דאָס דאַוונען, טראָגן פון קלייט אונטער דער מאַמעס נאָז באָקסערן, מיט קאָנפעקטן, מיט גוייִשע לעקעכלעך, מיט נאָך גוטע זאַכן — דאָס הייסט ניט חלילה געגנבעט, נאָר „געלקחנט", און דערפאַר שטראָפט מען ניט אַף יענער וועלט...

דאָס אַלצדינג וואָלט אפשר אָפּגעלאָפן גלאַט, ווען עס זאָל זיך ניט געווען טרעפן מיט מאירן אַן אומגליק: ער איז נעבעך אַריבער איבער אַ פּלויט, אַרײַן צום גלח אין גאָרטן און אָנגעריסן אַ פולן בוזעם מיט באַר־לעך. האָט דעם גלחס טאָכטער דערזען דורכן פענצטער. איז דער גלח

ארויסגעלאָפן מיט אַ הונט און האָט אים געכאַפּט. האָט אים דער הונט צעריסן, איך בעט איבער אײַער כבוד, די הויזן, און דער גלח האָט אראָפּגעריסן בײַ אים דאָס היטל און געלאָזט אים גיין, ווו די אויגן טראָגן.

וואָלט דאָס אפשר אויך נאָך נישט געווען אַזאַ־נ־אומגליק, ווען דאָס זאָל ניט געווען זײַן תשעה־באָב! סטײַטש, אַלע ייִדן גייען־ארום אין די זאָקן, קלאָגן און וויינען אַף חורבן בית־המקדש, און ער, רב חיים דעם רבס זונדל, שפּאַצירט־ארום אָן אַ היטל און מיט צעריסענע הויזן!

די עקזעקוציע, וואָס דער יונג איז נעבעך אויסגעשטאַנען, לאָזט זיך ניט באַשרײַבן בײַ הײַנטיקע צײַטן פון ריינעם פּראָגרעס. און נישט דאָס איז דער עיקר. דער עיקר איז, וואָס מע האָט שלום נחום וועוויקס געמוזט אָפּנעמען פון חדר, און קוקנדיק אַף נחום וועוויקס, האָבן אַנדערע טאַטעס אויך אָפּגענומען זייערע קינדער. איז נעבעך רב חיים דער רב געבליבן אָן אַ קנעלונג. האָט אים דאָס רבנות מיטן חזנות געגעבן ווינציק פּרנסה. האָט ער זיך געמוזט אריבערפּעקלען, מחילה, צוריק קיין ראַקיטנע. איז דאָס שטעטל געבליבן ווידער אָן אַ רב.

נאָר שרעקט זיך נישט — דאָס איז געווען ניט אַף לאַנג. נחום וועוויקס האָט אַראָפּגעבראַכט אַ נײַעם רב, פון באַרישפּאָליע, מיטן נאָמען שמואל־אלי, אַ יונגערמאַן, וואָס קאָן אויך אַי גוט לערנען, אַי שיין זינגען, און דערצו שפּילט ער אין שאָך, וואָס ס'איז גאָר אַ חריפות! איין חסרון נאָר האָט אָט דער שמואל־אלי: ער איז אַ ביסל אַן אינטריגאַנט און אַ חניפהניק און האָט ליב ריידן מיט יונגע ווײַבלעך, אַז קיינער זעט ניט...

און אָט אַזוי איז פאַרלוירן געגאַנגען דער צווייטער חבר פון אונדזער העלד.

10

חבר „סירקאָ"

אַ הונט אַ חכם און אַ בעל־דרך־ארץ. — צער־בעלי־חיים. — אַ גלגול פון אַ מענטשן. — אַ געטרײַער חבר.

איך מיין, אַז נאָכן נאָמען אַליין איז ניט שווער צו שטויסן זיך, אַז סירקאָ איז געווען נישט קיין מענטש, נאָר אַ הונט, אַ געוויינלעכער הונט מיט אַ גרויער פעל, וואָס דעריבער האָט ער געהייסן „סירקאָ".

איך זאָג: אַ הונט אַ געוויינלעכער — איך מוז מיך אָבער באַלד

פֿאַרענטפֿערן, אַז ניין, ניט קיין געווינלעכער, ווי מיר וועלן עס באַלד געווויר ווערן. פֿריִער אָבער מוז מען זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם הונטס ביאָגראַפֿיע — פֿון וואַנען קומט צו אַ ייִדן אַ הונט? איז אַזאַ מעשׂה:

אַז נחום וועוויקס איז אַראָפּגעקומען פֿון שטאָט אין שטעטל אַרײַן און איבערגענומען די „פּאָטשט" מיטן הויף, מיטן גאַנצן אינווענטאַר, האָט ייִד אין הויף געפֿונען דער הונט סירקאָ, נאָך גאָר אַ יונגער, נאָר שוין אַ פֿאַרשטענדיקער, אַן אמתער „בר־דעת", אַף אַזוי ווײַט, אַז ער האָט געקענט די נײַע בעלי־בתּים — איז איינס; און דאָס צווייטע: פֿאַר אַ ייִדן האָט ער געהאַט דרך־ארץ, נישט זאַטשעפּעט, חלילה, ווי אַנדערע הינט, וואָס האָבן אַ טבֿע — ווײַבאַלד זיי דערזען פֿאַר זיך אַ לאַנגע קאַפּאָטע, אַהאַ, אַזוי ווערן זיי מלא רציחה...

פֿאַרשטייט זיך, אַז מיט די נײַע בעלי־בתּים האָט סירקאָ נישט געהאַט קיין שום מגע־ומשׂא, אין שטוב ניט אַרײַנגעשמעקט אַפֿילו. מסתּמא האָט מען אים לכתּחילה געגעבן אַנצוהערעניש מיט אַ שײַט־האָלץ איבערן קאָפּ, אַז אין אַ ייִדישער שטוב זאָל אַ הונט ניט קריכן...

אין קיך אַרײַן האָט ער אויך ניט געהאַט קיין דריסת־הרגל. „פּרומע די מויד" מיטן בלינדן אויגל האָט אים „אָפּגעלאָנטשעט" דערפֿון סך־הכּל מיט איין אָקרעפּזודיק וואַסער, וואָס זי האָט איינמאָל אין אַ ערבֿ־שבת אויסגעגאָסן אַף אים מיט אַ כּיוון און אָפּגעקאָכט אים אַ שטיק פֿעל, און דווקא גאָר אין גוטן מוט, און נאָך געלאַכט אויך.

אַך, אָט די פּרומע! אַ טאָטערש האַרץ האָט געהאַט אָט די מויד! ניט קיין הונט, ניט קיין קאַץ האָט זי נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן. מיט טרערן אַף די אויגן האָט שלום נחום וועוויקס איינמאָל קוים אַרויסגעראַטעוועט פֿון אירע הענט די קאַץ, וואָס זי האָט צוגעבונדן צום פֿיסל פֿון טיש און מיטן שטעקן פֿונעם בעזעם אַזוי אומברחמנותדיק געשלאָגן, אַז די קולות פֿון דעם אומגליקלעכן באַשעפֿעניש זײַנען געגאַנגען אין הימל אַרײַן!

— פּרומעניו, האַרצעניו, ליובעניו, וואָס טוסטו? אַ צער בעלי־־חיים! גאָט וועט שטראָפֿן! שלאָג מיך בעסער, שלאָג מ י ך , אַבי ניט די קאַץ! — האָט זיך שלום געבעטן און אונטערגעשטעלט דעם רוקן אָט דער דעספּאָטישער מויד, וואָס האָט זיך אַליין אַרומגעקוקט, אַז שוין צו אַכזריותדיק האָט זי זיך באַגאַנגען מיט דער קאַץ, און האָט זי אָפּגעגאָסן מיט אַ קוואָרט קאַלט וואַסער — קוים „אָטכאַיוטשעט" דאָס האַלב־טויטע באַשעפֿעניש.

און דאָס אַלצדינג איז געווען, מיינט איר, איבער וואָס? איבער אַ נאַ־

רישקייט: פרומען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די „נאַשערן" (קיין אַנדער נאָמען האָט זי באַ איר ניט געהאַט!) האָט שוין עפּעס געכאַפּט, וואָרעם זי האָט זי געטראָפן באַלעקן זיך. „וואָס באַלעקט זיך פּלוצעם, אינמיטן דערינען, אַ קאַץ?"... אַלעמען און יעדן איינציקן האָט פרומע חושד געווען: וויבאַלד אַ קאַץ — איז זי מסתמא אַ נאַשערן, אַ הונט — אַ מזיק, אַ גוי — אַ גנב, אַ קינד — אַ חזיר... און אַזוי אַלע, די גאַנצע וועלט! נאָר מיר קערן זיך אום צוריק צום הונט סירקאָ.

אַרויסגעטריבן געוואָרן אַזוי מיאוס סײַ פון שטוב, סײַ פון קיך, וואָלט אַן אַנדער הונט אַף זיין אָרט געוויס אָפּגעטראָטן פונעם דאָזיקן הויף: „לעבט אײַך הונדערט און צוואַנציק יאָר!" ניין, סירקאָ איז געווען ניט אַזאַ מין. ער זאָל וויסן — דער טויט זאָל זיין, וועט ער פון הויף ניט אַוועק! דאָ איז ער געבוירן געוואָרן, דאָ וועט ער פגרן... ובפרט, ער האָט געהאַט גוטע מליצים פאַר זיך: די קינדער פון דעם בעל־הבית. ער האָט נושא־חן געווען אין זייערע אויגן, כאָטש פרומע האָט זיך געפּלײַסט אים צו פאַרמיאוסן. אַ סך, אַ סך הינט וואָלטן זיך ווינטשן האָבן אַזאַ אויסקומעניש מיט אַזעלכע קעסט, ווי סירקאָ האָט געהאַט. פונעם שענקסטן און פונעם בעסטן האָבן אים חברה אַרויסגעטראָגן אין די קעשענעס, פאַרשטייט זיך, בסוד־סודות, אַז קיינער זאָל ניט זען און אפילו ניט אָנשטויסן זיך, וואָרעם ס'וואָלט געקאָנט זיין זייער מיאוס פאַר ביידע צדדים. סירקאָ האָט שוין געוווּסט די צײַט פון אָנבייסן, פון וואַרעמעס און פון וועטשערע. און האָט שוין אַרויסגעקוקט מיט אַלע אויגן, ווען וועט מען אים שוין אַרויסטראָגן פון אַלע גוטע זאַכן. ער האָט שוין געוווּסט אַפילו, באַ וועמען איז וואָסער אַ קעשענע אָנצושמעקן און האָט שוין אַליין געשטופּט די מאָרדע אַהין — אַ הונט אַ חכם!

הײַנט די קונצן, וואָס חברה האָבן אים אויסגעלערנט! אַנידערלייגן אים, למשל, אַפן שפּיץ נאָז אַן אָפּגעלעקט ביינדל, אָדער אַ שטיקל ברויט, און זאָגן צו אים: „ניע רושׁ!" (געוויינטלעך, רעדט מען מיט אַ הונט אַף גויִיש) — וועט ער אײַך וואַרטן מיט דרך־ארץ וויפל איר ווילט, ביז ער וועט דערהערן דאָס גוטע וואָרט: „האָם"! דעמאָלט טוט ער אַ שפּרונג־אונטער — און פאַרטיק.

ווינטער באַנאַכט, ווען די קינדער גייען אין חדר אַרײַן, האָט זיך סירקאָ נישט געקאָנט דערוואַרטן אַף זײַנע חברים, און אַלע מאָל, אַרום זייגער נײַן, איז ער אויסגעוואַקסן אונטערן פענצטער, געשאַרט מיט די לאַפּעס איבער די געפרוירענע טאַפּליעס — אַ סימן, אַז ס'איז שוין צײַט צו פאַרמאַכן די ספרים און גיין אַהיים עסן וועטשערע. באַם רבין איז סירקאָ געווען, להבדיל, אַ זייגער. „נישט אַנדערש — האָט ער געזאָגט —

אַז אײַער הונט איז אַ גלגול!" — און גלאָצט די קינדער פרײַ, נעמען די פּאַפּירענע, מיט שמאַלץ באַשמירטע לאַמטערנעס און גײען אַהײם האָפּערדיק, מיט די פרײלעכע יונישע לידער, סאָלדאַטסקע ניגונים:

ראַז, דוואַ, טרי, טשעטירע,
פּאָידיעם, פּאָידיעם נאַ קוואַרטירע,
אַכטער־באַכטער קאָלאָשקאַ,
וואָסים דיענגי ראַבאָשקאַ...

אָדער:

פּאָראַ, פּאָראַ!
פּאָראַ וויביראַטסאַ!
אי סאָ ווסיעמי גאָספּאָדאַמי
ראַספּראָסטשאַטסאַ — פּאָראַ!...

סירקאָ איז געלאָפן אַף צו־פרײַער און פאַר גרױס פרײד און התפּעלות געשפּרונגען און געקאַטשעט זיך אין שניי — און אַלץ צוליב די שטיקלעך ברױט מיט די אָפּגעלעקטע בײנדלעך פון דער וועטשערע. אַ הונט אַ חרוץ!

וויפל מאָל האָט זיך געמאַכט, אַז אַפן האַרצן איז וויסט, אַף דער נשמה סומנע, אין דער היים געכאַפּט אַ פּסק, אין חדר פאַרבעסערט, — דעמאָלט פאַרקלײַבט זיך שלום נחום ווײַט אין גאָרטן, אַף יענער זײַט ביימער, און סירקאָ מיט אים. דאָרט, הינטערן פּלויט, אַף אַ בערגל מיסט, זעצט ער זיך אַוועק מיט זײַן געטרײַען סירקאָ, וואָס ציטאוים די מאָרדע, קוקט גלײַך אין די אויגן אַרײַן, ווי אַ זינדיקער מענטש. „וואָס קוקט ער? וואָס טראַכט ער בעת מעשה? פאַרשטייט ער טאַקע יעדע זאַך, ווי אַ מענטש? האָט ער אויך אַ נשמה, ווי, להבדיל, אַ מענטש?"... און עס קומט אים אַפן זינען דעם רבינס ווערטער: „דער הונט איז אַ גלגול פון אַ מענטשן"... און ער דערמאָנט זיך, וואָס שלמה המלך זאָגט אין קהלת: ומותר האָדם מן הבהמה אָין — קײן חילוק ניט פאַראַן צווישן מענטשן און אַ בהמה... „אויב ס'איז קײן חילוק ניט פאַראַן, פאַר וואָס־זשע איז ער אַ הונט און איך אַ מענטש?"... — אַזוי טראַכט ער זיך און ער קוקט מיט רחמנות און, צו גלײַכער צײַט, מיט דרך־ארץ אַפן הונט, און דער הונט — אַף אים, ווי זײַנער אַ גלײַכן. אַ הונט אַ חבר! אַ טײַערער, אַ געטרײַער חבר — סירקאָ!...

11

סירקאָס טראַגעדיע

אַ מיִאוסער בלבול. — דאָס אומקומעניש פון אַן אומשולדיקן הונט. — הייסע טרערן.

עס וועט נישט זײַן קיין גוזמא, ווען איך וועל זאָגן, אַז סירקאָ איז געוועזן אַ הונט אַ חכם, וואָס האָט פֿאַרשטאַנען, ווער עס האָט אים מער ליב פון אַלעמען, און דעריבער איז קיין חידוש ניט, וואָס מער ווי צו אַלע קינדער האָט זיך סירקאָ דער הונט צוגעבונדן צום פּאַרפּאַסער פון די דאָזיקע כתבים, געשלאָפן מיט אים חברשאַפט אָן ווערטער און ליב געהאַט, געווען נאָך אים טאַקע באמת די כפרה, און טאַקע באמת גרייט געווען זיך מפקיר זײַן פֿאַר זײַן חבר און פֿאַר זײַן האַר. אַ שטומע צונג — נישט געווען בכוח דאָס אַרויסצובאַווײַזן, איבערגעבן מיט ווערטער, האָט ער עס אַרויסבאַוויזן, ווי אַ הונט, מיט זײַן שפּרינגען און מיט זײַן קוויטשען און מיט זײַן וואַרפן זיך פֿאַר אים אין דער ערד אַרײַן אַף זײַן הינטישן שטייגער. ס'איז גענוג געווען איין וואָרט, אַז זײַן חבר און זײַן האַר זאָל אים אַ זאָג טאָן: „נאַ מיעסטאָ”! — זאָל סירקאָ אַוועק, ווי אַ סטאַטיק, און ליגן, ווי אַ קעצעלע, שטיל, און נאָר מיט איין אויגל לאָקערן, אכטונג געבן וואָס זײַן האַר טוט.

צווישן דעם „האַר” און זײַן „קנעכט” סירקאָ איז געווען אַ שטילע ליבע, און דער האַר האָט בשום אופן נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן זיך, וואָס וועט זײַן, אַז סירקאָ וועט ניט זײַן. וואָס הייסט, ער וועט ניט זײַן? ווי איז דאָס מעגלעך? סירקאָ איז דען אַ מענטש, וואָס זאָל אַוועקפֿאָרן און פֿאַרגעסן דעם זײַ־געזונט?... וויפֿל מאָל האָבן גוייִם געפּרוּווט פֿאַרנאַרן סירקאָן צו זיך אין דאָרף אַרײַן, — איז ער דען נישט געקומען צו לויפֿן אַף מאָרגן אַ פֿאַרסאָפּעטער מיט אַן אַרויסגעשטעלטער צונג און געוואָרפֿן זיך און געקאַטשעט זיך און געשפּרונגען צו זײַן האַר אַפֿן האַלדז און געקוויטשעט און געלעקט אים דעם קאָלנער, און מע וואָלט געמעגט שווערן, אַז טרערן זײַנען אים געשטאַנען אין די אויגן!

און דאָך... און דאָך איז געקומען דער טאָג, יענער פֿינצטערער וויסטער טאָג, וואָס דער גוטער געטרײַער סירקאָ איז אַוועק, אַוועק אַף תמיד, אַף אייביק, און אַזוי אומגעריכט אַוועק, אַזוי מיאוס פֿאַרדראָסיק, אַזוי מוראדיק־טראַגיש!

זומער האָט זיך געטראָפֿן די דאָזיקע טרויעריקע געשיכטע, אום סאַמע תמוז. דאָס איז געווען אַ זומער פֿון שרעקלעכע היצן, אָן אַ טראָפּן

רעגן — מענטשן זײַנען ממש אויסגעגאַנגען פון היץ. און דאָס ווייסט איר דאָך, אַז אין די גרויסע היצן זײַנען די הינט מסוכן — זיי ווערן משוגע.

איז אַרויס אַ קלאַנג אין שטעטל, אַז אַ הונט איז משוגע געוואָרן און האָט צעביסן נאָך עטלעכע הינט, מע ווייס ניט וועלכע. איז געפאַלן אַ פּחד אויף די שטאָט־לײַט, און מע האָט זיך גענומען קודם צום פאַרזיכער־רונגס־מיטל אויף צו פאַרהיטן קליינע קינדער, טאָמער איז עמעצער חלילה צעביסן געוואָרן פון אַ משוגענעם הונט.

דאָס דאָזיקע מיטל איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מע האָט אַלע קינ־דער אָפּגעשיקט צום אַלטן טראָפּים, אַ גוי אַ זנאַכער, וואָס האָט שאַרפע נעגל און מיט זײַנע שאַרפע נעגל קאָן ער „אַראָפּנעמען בלויע הינטעלעך" פון אונטער דער צונג, און אַזוי קונציק, אַז מע זאָל גאָרניט פילן. די אָפּעראַציע איז ניט אַזאָ מסוכנע, נאָר שטאַרק אָנגענעם איז דאָס אויך ניט, אַז אַ גוי קריכט צו אײַך מיט די נעגל אין מויל אַרײַן און זוכט בײַ אײַך „בלויע הינטעלעך" אונטער דער צונג...

דערנאָך האָט מען זיך אַ נעם געגעבן צו די הינט פון שטאָט. מע האָט אַראָפּגעבראַכט, גאָט ווייס פון וואַנען, צוויי קאַצאַפּעס, הינטשלע־גערס, אָנגעוואָפּנט מיט גראָבע שטריק און מיט אײַזערנע קרוקעס, און די קאַצאַפּעס האָבן זיך אַ נעם געגעבן צו דער אַרבעט. אין איין טאָג האָבן די דאָזיקע תלינים אוועקגעלייגט אַ פּאָר צענדליק הינט. אָפּן קוק האָבן זיי אײַך געקאָנט אָפּשאַצן, וועלכער הונט ס'איז משוגע און וועלכער ניט. ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַ שטייגער, אַז דער גורל וועט פאַלן אויך אויף דעם גוטן, קלוגן, סטאַטעטשנעם סירקאָ?

אַ סברה, אַז די קאַצאַפּעס האָבן באַקומען פון דער שטאָט זייער לוין נאָכן צאָל פון די אויסגעהרגעטע הינט, און וויבאַלד אַזוי, איז גאַנץ מעגלעך, אַז ס'זײַנען געוועזן נעבעך אַ סך אומשולדיקע קרבנות — און סירקאָ איינער פון די ערשטע.

פון דעם אומגליק זײַנען די קינדער געוווירע געוואָרן שוין לאחר המעשה, קומענדיק פון חדר אַהיים — און זיי האָבן אויפגעהויבן אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין שטוב: „סטײַטש, סירקאָ!... סטײַטש, ווי האָט מען עס דערלאָזט אַזאַ מעשה!"...

פאַרשטייט זיך, אַז די רעוואָלוציע האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַ קאָנטר־רעוואָלוציע: „חדר־יינגלעך זאָלן האָבן אַ השגה אין זינען האָבן הינט!"... און מע האָט זיי מכבד געווען מיט רעכטע פּעטש, און אויף צו פאַרבײַסן האָט מען זיי צוגעשטעלט אַ בענקעלע פאַרן רבין, געבעטן, ער זאָל ניט זשאַלעווען קיין שמיץ. און דער רבי האָט צוליב געטאָן — ניט

געזשאַלעוועט קיין שמיץ... אוי, שמיץ!...

נאָר דאָס אַלצדינג איז געווען גאַרנישט אַקעגן דעם, וואָס סירקאָ איז נעבעך אומגעקומען אומזיסט־אומנישט!

מער פון אַלע איז געווען דערשלאָגן סירקאָס ליבלינג — דער מחבר פון די דאָזיקע מעמוארן. דער האָט עטלעכע טעג דורכאַנאַנד ניט געגעסן, עטלעכע נעכט ניט געשלאָפן, געקאַטשעט זיך אויף אַלע זײַטן, געזיפצט און געקרעכצט שטילערהייט, נישט געקאָנט מוחל זײַן די שלעכטע בייזע מענטשן, וואָס האָבן ניט אין זיך קיין קאָפּ רחמנות, קיין צער בעלי־חיים, קיין טראָפּן יושר — און ער האָט שטאַרק־שטאַרק נאָכגעדענקט נאָך דעם, וואָס איז אַ הונט און וואָס איז אַ מענטש, להבדיל?... פאַרוואָס איז אַ הונט אַזוי געטרײַ צו אַ מענטשן, און פאַרוואָס איז אַ מענטש אַ תלין?... און עס קומט אים אויפן זינען סירקאָ מיט די קלוגע גוטע אויגן, און ער פאַלט־צו מיטן פּנים צו דער קישן און באַנעצט זי מיט ביטערע, ביטערע טרערן.

12

דער יצר־טוב מיטן יצר הרע

עוזר דער קאַרנאַסער — אַ מסור. — אַ סך אַפּיטרופּסים. — די באָבע מינדעס שבת־אויבסט. — מוסר־זאָגער און מאַראַל־פּרעדיקער.

טאָמער וואָלט אַ ייִנגל פאַרגעסן, אַז ער האָט געהאַט אַ הונט פאַר אַ חבר, האָט מען אים דערמאָנט אויף יעדן טריט און שריט: „סירקאָ האָט דיר געלאָזט גערייסן"... און באַ אַזאַ געלעגנהייט האָט מען אים שוין דערווײַל אַרײַנגעזאָגט אַביסל מוסר — ער זאָל האָבן צו געדענקען אויף ווײַטער. דאָס מוסר־זאָגן איז פאַר אים געווען אַ סך ערגער פון פּעטש. ניט אומזיסט זאָגט מען באַ אונדז אַ שפּריכוואָרט: „אַ פּאַטש פאַרגייט, אַ וואָרט באַשטייט". ובפרט, אַז דאָ איז געווען ביידע זאַכן: אי פּעטש, אי ווערטער. און ווערטער זײַנען געגאַנגען פון אַלע זײַטן. ווער ס'האָט גע־האַט גאָט אין הארצן, דער האָט געשטראָפט, און דווקא מיט גוטע רייד. דאַכט זיך, וואָס געהער זיך אָן אַ ייִד אַ שמש צו אַ נגידס אַ ייִנגל, בעת ער דאַוונט? און וואָס איז זײַן עסק, אַשטייגער, וואָס אַ נגידס אַ ייִנגל קוקט דורכן פענצטער אַרויס אַקוראַט בעת שמונה־עשרה? און אַ נגידס אַ ייִנגל, מיינט איר, קוקט אומזיסט דורכן פענצטער? ס'מעג זיך טאַקע זײַן שמונה־עשרה, ס'איז אָבער פאָרט העכסט־אינטערעסאַנט צו זען אַ

זעלטענע סצענע, וואָס ס'איז כדאי אָנצוקוקן און זיך אַ מוסר אָראָפּ־נעמען, ווי אַזוי אַ הונט יאָגט זיך נאָך אַ קאַץ. די קאַץ האָט זיך אָנגע־בלאָזן און לויפט פּיל אויסן בויגן — דער הונט נאָך איר. די קאַץ אַפן פּארקאַן — דער הונט נאָך איר. די קאַץ צום רינשטאָק — דער הונט נאָך איר. די קאַץ דורכן רינשטאָק אַפן דאַך — דער הונט אַ מכה! בלייבט ער שטיין, דער כלב שבכלבים, ווי אַ נאַר, און באַלעקט זיך און טראַכט זיך, אַפּנים: „וואָס האָב איך, הונט, נאָכצולויפן נאָך אַ קאַץ, וועלכע איז גאָרניט מײַן שטאַט, און וואָס האָב איך צו טאָן אַפן דאַך?"...

— אָט אַזוי שטייט אַ יינגעלע שמונה־עשרה? — זאָגט מלך דער שמש און דערלאַנגט איבערן האַלדז־און־נאַקן. — וואַרט, שייגעץ, איך וועל שוין דערציילן דײַן טאַטן!...

אָדער, אַשטייגער, וואָס גייט עס אָן עוזר דעם קאַרנאָסן בעדער (אַמאָל איז עוזר געווען אַ שוסטער, אַף דער עלטער איז ער געוואָרן אויס־געמאַטערט און האָט זיך באַשטעלט פאַר אַ בעדער), וואָס נחום וועוויקס יינגלעך גליטשן זיך באַרג־אַראָפּ אַפן געזעס און רײַבן־אויס די הויזן? האָט דאָס עוזר דער קאַרנאָסער בעדער באַדאַרפט דערזען פון באָד אַרויס און האָט זיך עס אַביסל צעלאָזט אַף זײַן פּאָנפּעוואַטע כּלי:

— ממזרים! הולפּייעס! אַ רוח אין אײַער פּאָפּער און מופער אַרײַן! איר נעמט נײַע הויזן און מאַכט אַ פּעל, עובר אַף בל פשחית! אָט לויף איך אַוועק צו אײַך אין חפר אַרײַן און שפּעל אײַך צו אַ פּענקעלע!"

צושטעלן אַ בענקעלע — דאָס איז ניט נאָר אַ מצווה, דאָס איז אַ חוב, וואָס יעדער ייִד איז מחויב צו טאָן, וואָרעם יעדער ייִד האָט קינ־דער און קיינער קאָן נישט ערב זײַן, וואָס פון זײַנע קינדער קאָן אַמאָל אויסוואַקסן. באַדאַרף מען זיי גוט נאָכקוקן און העלפן באַטש מיטן מויל, אויב מע קען נישט מיט די הענט. דעריבער האָבן די קינדער געהאַט אַ סך מדריכים און אַפּיטרופּסים און אָנגעהערט זיך אַזוי פּיל מוסר, שטראָף־רייד און מאַראַל, אַז ס'האָט שטענדיק געזשומעט אין די אוי־ערן: „זשו־זשו־זשו — דאָס זאָלסטו נישט טאָן!" „זשו־זשו־זשו — דאָ זאָלסטו נישט שטיין!" „זשו־זשו־זשו" — אַהין זאָלסטו נישט גיין!" אַלע האָבן געזשוזשוקעט: טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, דער רבי די דינסטמויד, די פּעטערס, די מומעס, די באָבע, און איבערהויפּט די באָבע מינדע, וואָס פאַרדינט דערמאָנט צו ווערן מיט אַ פּאָר ווערטער.

די באָבע מינדע — דאָס איז געווען אַ ייִדענע אַ הויכע און אַ טשעפּקע, אָן אָפּגעפּוצטע און אַ פרומע מיט סכנת־נפשות! איר עובדה איז געווען — אַכטונג צו געבן אַף די קינדער און אַף זייער ייִדישקייט: אויסגלעטן די אייניקלעך די פּאות מיט באַשפּײַטע פינגער, אָפּרייניקן און

אויסגלייַכן די מלבושימלעך, זיך צוהערן ווי זיי דאַוונען, בענטשן און לייענען קריאת־שמע פאַרן שלאָפן גיין. דערפאַר האָבן אַלע איינציקלעך גע־מוזט קומען צו איר שבת באַטאָג זאָגן דער באָבען אַ גוט־שבת, זיך אויס־זעצן, ווי די סטאַטקעס, באַ דער וואַנט און זיצן און וואַרטן, ביז זי וועט געבן „שבת־אויבסט". געגעבן האָט זי דעם „שבת־אויבסט" עפּעס ניט אַזוי ביד רחבה, נאָר דערפאַר אַף ריינע גלאַנציקע שעלעכלעך: אַן עפּע־לע, אַ פערשקע, אַ באָקסער, אַ פייַג, אָדער דריי־פיר איינגעדאַרטע ראָ־זינקעס, און מוסר האָט זי דערביי געזאָגט אָן אַ שיעור! דער מוסר איז באַשטאַנען אין דעם, אַז מע באַדאַרף פאָלגן טאַטע־מאַמע און גוטע־פרו־מע לייַט, און אַז מע באַדאַרף זייַן ייִדן, און אַז גאָט וועט שטראָפן פאַר איטלעכם ברעקעלע — פאַר ניט דאַוונען, פאַר ניט פאָלגן, פאַר ניט לער־נען, פאַר שטיפן, און אפילו פאַר אַ שלעכטע מחשבה, און אפילו פאַר אַ פלעק אַף דער קאַפּאָטע, — אַזוי, אַז ס'איז כמעט נישט אייַנגעגאַנגען דאָס עפּעלע, די פערשקע, דער באָקסער, די פייַג, אָדער די דריי־פיר איינ־געדאַרטע ראָזינקעס.

נאָר וואָס פאַר אַ ווערט האָט געהאַט דער באָבעס מוסר אַקעגן יע־נעם קוואַל פון מוסר, וואָס דער רבי האָט נאָכדעם אויסגעגאָסן פאַר זייַנע תלמידים טאַקע דעם זעלבן שבת באַטאָג פאַר מנחה דאַוונען? טייַכן טרערן האָט ער אַרויסגעצויגן פון אַלעמענס אויגן — אַזוי שאַרף און בולט האָט ער אויסגעמאָלט דעם יצר־טוב מיטן יצר־הרע, דעם גן־עדן מיטן גהינום, מיטן מלאך־הדומה, מיטן וואַרפן כף־הקלע פון איין עק וועלט ביזן אַנדערן! מילי־מיליאָסן שדים, רוחות און ניטגוטע האָט ער אויסגעשפּרייט פאַר די תלמידימס פּים, געזען זיי באַ איטלעכן אונטער די נעגל, געוועזן זיכער, אַז יעדער איינציקער איז אַ יורש־גיהנום, וואָרעם טאָ־מער האָט זיך אפילו געפונען איינער אַזעלכער, וואָס האָט ניט געזינדיקט, וואָס האָט געדאַוונט און געלערנט און געטאָן אַלצדינג, וואָס דער יצר־טוב הייסט צו טאָן, האָט ער דאָך געפאָלגט דעם יצר־הרע און געזינדיקט ב מ ח ש ב ה . און אויב ניט במחשבה, האָט ער אין שלאָף, אין חלום עפּעס מהרהר געווען וועגן אַ זאַך, וואָס מע טאָר ניט...

הכלל, ס'איז נישט געווען זיך אויסצובאַהאַלטן פונעם מזיק, פונעם יצר־הרע, אין ערגעץ, סייַדן לייג זיך אַוועק און שטאַרב! און דאָ, אַף צו־להכעיס, ווילט זיך דווקא אַ לעב טאָן, און דווקא אַ שטיף טאָן, און דווקא לאַכן, און דווקא נאַשן, און דווקא אָפּכאַפּן דאָס דאַווענען, און דווקא טראַכטן פון דעם, וואָס מע טאָר ניט... דאָס איז שוין געווען דעם יצר־הרעס אַרבעט, וואָס האָט געהאַט געגוג שליחים אַף אַרייַנצוכאַפּן דעם אומשולדיקן אין נעץ אַרייַן — און קוים האָט ער שוין אַרייַנגעכאַפּט,

איז מען שוין במילא נאָכגעגאַנגען אים, ווי אַ קעלבל, און געטאָן אַלצ־דינג, וואָס דער יצר־הרע האָט געהייסן טאָן. און דער יצר־הרע האָט שוין אַזאַ גליק, אַז אים פאָלגט מען אַ סך מער, ווי דעם יצר־טוב. עס העלפט נישט קיין שום מוסר־זאָגן מיט קיין שום מאָראַל פּרעדיקן. אדרבה — וואָס מער דער יצר־טוב פלייסט זיך, אַלץ שטאַרקער אַרבעט דער יצר־הרע. איך האָב מורא אַרויסצוריידן, נאָר מיר שיינט, אַז ס'זאָל ניט זיין קיין יצר־טוב, וואָלט דער יצר־הרע נישט געהאַט וואָס צו טאָן...

13

גנבה, קאָרטנשפּיל און אַנדערע עבירות

די קינדער העלפן דער מאַמע אַפּן יאַריד. — קאָרטן לכבוד חנוכה. — בערל דער אַלמנהס לערנט גנבענען. — אַ יונג אַז אויסוואָרף.

מיט נחום וועוויקס קינדער האָט זיך דער יצר־הרע באַגאַנגען, ווי אַ מערדער. לאָ די וואָס די קונדסים האָבן פאַרקנייטשט דאָס דאַוונען, העכער האַלב איבערגעהיפּערט און געזאָגט דער באָבען אַ גרויסן ליגן, אַז זיי האָבן אויסערן דאַוונען נאָך געזאָגט עטלעכע קאַפּיטלעך תהלים, — האָבן זיי נאָך פּשוט אויסגעלערנט זיך גנבענען, נאַשן, קאָרטן־שפּילן און נאָך אַנדערע עבירות... פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלצדינג איז געגאַנגען בהדרגה, איינס האָט מיטגעשלעפּט דאָס אַנדערע, ווי אין פּסוק שטייט געשריבן: עבירה גוררת עבירה... און געגאַנגען איז דאָס אָט ווי אַזוי:

איך האָב אייך שוין, דאַכט זיך, געזאָגט אויבן, אַז די וואָראָנקאָווער ייִדן האָבן געלעבט פונעם גוי, און איבערהויפּט פון די גרויסע יאַרידים, וואָס האָבן געהייסן מיטן נאָמען „קראַסנע טאַרגעס”. אַף די דאָזיקע יאַרידים האָבן ייִדן אַרויסגעקוקט, האָבן זיך געטומלט, געמאַכט געשעפטן, געלייזט געלט, און גויִים האָבן געטאָן זייערס — זיי האָבן געגנבעט, און איבערהויפּט די גויעס. ס'איז גאָר ניט געווען אויסצושטיין און אײַנצוהיטן זיך פון זיי! אָט האָט איר באַ איינער אַרויסגעטרייסלט פון אַרבל אַ פּאַטשיילע, אָדער אַ סטענגעלע, און אָט האָט שוין די אַנדערע גויע אַוועקגעלקחנט אונטער דער נאָז אַ חלבן ליכטל, אָדער אַ באָקסער. וואָס טוט מען? איז די מאַמע, חיה־אסתר נחום וועוויקס, געפאַלן אַף אַן עצה: אַוועקגעשטעלט אירע ייִנגלעך אין קלייט, זיי זאָלן אַכטונג געבן, מע זאָל ניט גנבענען — און חברה האָבן איר גוט און געטרײַ אַכטונג געגעבן: אַ

חוץ וואָס מע האָט אָנגעשטופּט פולע קעשענעס מיט באָקסערן, מיט טיטון, מיט ניסלעך און מיט טרוקענע פלוימען, האָט מען זיך נאָך צוגעכאַפּט צום גרינעם קעסטעלע, ווו דער „פּדיון" איז געלעגן, און אַקוראַט בעת די מאַמע האָט זיך פאַררעדט מיט אַ קונהטע, האָט מען אַרײַנגערוקט אין קעשענע אַ פּאָר מזומנע מטבעות, הארטע זעקסערלעך, און מען איז אַוועק מיט זיי דערנאָך אין חדר און דאָרט פאַרנאַשט אַף בלינעס, קאָר־זשעס, מאָנעלעך, אַרבעסלעך און סעמעטשקעס, אָדער — גאָר פאַרשפּילט אין קאָרטן.

שפּילן אין קאָרטן איז געווען אַ מין חולאת, אַן עפּידעמיע אין אַלע יִדישע חדרים, וואָס געגומען האָט זיך עס פון חנוכה און איז פאַרבליבן אַפן גאַנצן ווינטער. עס איז באַוווּסט, אַז חנוכה איז אַ מצווה צו שפּילן. ווער סע שפּילט אין דריידל, און ווער סע שפּילט אין קאָרטן. אמת, מיר מיינען נ י ש ט חלילה קאָרטן ממש, אָפּגעדרוקטע קאָרטן; מיר ריידן דאָ פון געמאַכטע, פון יִדישע קאָרטן, פון „למ"ד־אל"ף־קאָרטן". נאָר ס'איז אַלץ איינס. דער אייגענער יצר־הרע מיטן אייגענעם אַזאַרט. געקומען חנוכה, האָט דער רבי אַליין נישט נאָר גע־הייסן שפּילן — ער האָט אויך געגומען אָנטייל אינעם שפּילן און איז, אדרבה, פאַרקערט, געווען צופרידן אָפּגעווינען בא זײַנע תלמידים דאָס גאַנצע חנוכה־געלט. און פאַרשפּילן דעם רבן דאָס חנוכה געלט איז געווען אַ פאַרגעניגן און אַ כבוד און אַ פרייד. יעדנפאַלס — בעסער צו פאַר־שפּילן דעם רבין דאָס חנוכה־געלט, איידער זײַן פון רבין אַ געשמיסענער — דאָס וועט, דאַכט מיר, צוגעבן יעדער פאַרשטענדיקער מענטש...

דערפאַר אָבער, אַז ס'איז אַוועק חנוכה, איז געווען אויס יום־טוב און אויס קאָרטן! דאָס הייסט, דער רבי האָט אָנגעזאָגט מיטן הארבן וואָרט: הזהר והשמר — טאָמער וועט מען זיך דערוועגן עמעצער צורירן זיך צו אַ קאָרט, אָדער אפילו ריידן פון קאָרטן, אָדער טראַכטן וועגן קאָרטן, איז אחת דתו להמית — איז ער אַ געשמיסענער!...

אפּנים, אַז דער רבי איז אַליין געווען אַמאָל אַ רעכטער קונדס און האָט ליב געהאַט אַ קערטל נישט נאָר לכבוד חנוכה. וואָרעם אַז ניט, פון וואַנען נעמט זיך צו אים גאָר דער דאָזיקער געדאַנק?... ווי אַזוי די מעשה איז, נאָר זײַנע תלמידים האָבן דעם גאַנצן ווינטער נאָך חנוכה געשפּילט אין קאָרטן מיט אַ סך מער היץ און מיט נאָך אַ גרעסערן אַזאַרט, ווי חנוכה. מע האָט פאַרשפּילט די אָנבײַסנס מיט די מיטיקס, מע האָט פאַרשפּילט ווו ווער ס'האָט געהאַט אַ מזומנעם גראָשן, און אַז ס'איז ניט געווען קיין געלט און שפּילן האָט זיך געוואָלט, האָט מען געזוכט כל־ערליי וועגן אַף צו קריגן געלט. ווער עס האָט זיך דערגריבלט צו רבּ־

מאיר-בעל-נס-פושקע און דורך א שטרויעלע מיט וואקס ארויסגעקריגן פון דארטן איינציקוויַיז די פארווייַנטע גראשנס, וואס די מאמע האט אהין ארייַנגעווארפן אלע פרייַטיק פארנאכט פאר ליכט-בענטשן. ווער עס האט זיך אן עצה געגעבן, דורך א שליחות אין מארק, עפעס ארָאפכאפן א פאר גראשנס „קאמיסיע". און ווער עס האט זיך פשוט דעביוועט צום טאטנס בייַטעלע, אדער צו דער מאמעס קעשענע, בא דער נאכט, ווען אלע שלאפן, און אויסגעטרייסלט פון דארט וויפל עס האט זיך געלאזט. און דאס אלצדינג איז געטאן געווארן מיט די גרעסטע פחדים און מיט דער גרעסטער ריזיקע. און דאס אלצדינג איז אוועק אף קארטן-שפיל אין קמ"ד-אל"ף!

די פראגע איז נאר געווען: ווען און וווּ? און ווי אזוי שפילט מען, אז דער רבי זאל ניט געווירע ווערן? דערפאר האבן שוין געזארגט די חברים פון דער עלטערער כתה; אזעלכע יינגלעך, ווי אלי קיילעס, א חתן-בחור, א געלער, מיט א זילבערנעם זייגער, און בערל דער אלמנהס, גלאט א בחור מיט גראבע ליפן און מיט מאדנע געזונטע ציין, וואס קאנען ברעכן אייַזן. עס האט שוין דעמאלט זיך געשיט אים א בערדל — און ער אליין איז שולדיק אין דעם: ווייַל ער רייכערט ציגייַערן. אזוי האט בערל אליין געזאגט אף זיך. „א סימן האט איר, — האט ער געטענהט — אט הייבט איר אן צו רייכערן ציגייַערן, וועט זיך בא אייַך אויך אנהייבן אויסשיטן בערדלעך"... און ער האט אויסגעלערנט אף א טשיקאוועסט א סך חברים „רויכערן ציגייַערן". און נישט נאר רייכערן האט ער זיי אויסגעלערנט — ער האט זיי באוויזן א וועג, ווי אזוי מע קריגט דעם מאטעריאל אף צו רייכערן... דאס הייסט, בעסער געזאגט — ער האט זיי אויסגעלערנט גנבהנען. פארשטייט זיך, אז פאר זייַן אויסלערנען האט בערל באקומען באצאלט — טאקע מיט „טיטון" און מיט פאפיראס-פאפיר.

און בערל האט זיך געהאט זייַן סיסטעם: דער, וואס האט אים געפאלגט און געבראכט טיטון מיט פאפיראס-פאפיר — דער איז געווען א וויל יינגל, א חבר. און ווער ס'האט מורא געהאט, אדער נישט געקאנט גנבהנען — דער האט בא אים געהייסן „א קוואטש און א לעמעשקע" און איז ארויס פון חברשאפט, און אז ס'איז אים אפגעגאלטן, האט ער נאך געכאפט געשלאגן אויך, טאקע פון אים אליין, פון בערלען הייסט עס. פארקריגן זיך אף בערלען אדער באקלאגן זיך אף אים — איז געווען אוממעגלעך, ווארעם דאס וואלט געהייסן ארויסגעבן זיך אליין — און דערויף זייַנען געווען ווינציק העלדן. דעריבער האט מען געטאן אלצדינג, וואס בערל דער אלמנהס האט געהייסן, און מען איז געזונקען מיט אים וואס

ווייטער אַלץ טיפער און טיפער אין אָפּגרונט אַריַין, און גאָט ווייס, וווּהין חברה וואָלטן מיט אים פאַרגאַנגען, ווען בערל דער אַלמנהס זאָל ניט גע־ווען האָבן זיַין וויסטן סוף פון זיך אַליין אַף אַזאַ מין אופן, וואָס קיינעם וואָלט דאָס גאָר אין קאָפּ ניט איַינגעפאַלן און וואָס זיַינע חברים פון חדר זיַינען נאָך געווען אַזוי יונג און אומשולדיק, אַז זיי האָבן נאָך רעכט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטאָן. זיי ווייסן נאָר, אַז ס'איז געווען אַ מעשה איינמאָל אין אַ פריַיטיק, האָט מען געכאַפּט דעם בחור אַף יענער זיַיט באָד, ווו ער האָט אַרויסגעקאַלופּעט אַ שטיקל גלאָז פון אַ טאַפּליע און אַריַינגעקוקט מיט איין אויג אינעווייניק אַריַין צו די וויַיבער, ווי זיי באָדן זיך...

וויי־וויי, וואָס ס'האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטאָן אין שטעטל! זיַין מאַמע, די אַלמנה, האָט געחלשט, און אים האָט מען אָפּגענומען פון חדר און ניט אַריַינגעלאָזט אין בית־מדרש אַריַין, און קיין ייִנגל, אַבי נאָר אַ טאַטנס אַ קינד, האָט ניט געוואַגט מער צו באַגעגענען זיך מיט דעם „מומר־להכעיס”. אַזוי האָט מען אים נאָכדעם אַ נאָמען געגעבן. און בכדי צו פאַרענטפערן, אַפּנים, דעם דאָזיקן נאָמען, האָט זיך בערל דער אַלמנהס אין אַ ציַיט אַרום, זיַין מאַמע די אַלמנה האָט שוין דעמאָלט ניט געלעבט, אָפּגעשמדט און פאַרפאַלן געוואָרן.

14

פייגעלע - אַשמדאַי

שקצים ווערן בעלי־תשובה. — אַ רוח, ניט קיין מיידל. — אַ מכשפה וואָס קיצלט.

פונדעסטוועגן דאַרף מען ניט מיינען, אַז דער יצר־הרע האָט אינגאַנצן אויסגעפירט און אַז דער יצר־טוב איז אַלע מאָל געווען הינטערשטעליק. מע דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז ס'איז געווען אַ ראש־חודש אלול אַף דער וועלט, מיט תשובה־טעג, מיט אַ ראש־השנה־יום־כפור, און גלאַט תפלות, תעניתים און סגופים, וואָס ערלעכע ייִדן האָבן צוגעטראַכט. ניט קוקנדיק אַף די קליינע גנבהלעך, אַף די קאָרטן און אַף די אַנדערע ייִנגלשע עבירות, קאָן מען זאָגן גאַנץ זיכערלעך, אַז דער מיטלסטער פון די ברידער, שלום נחום וועוויקס, איז געווען באמת פרום, מורא געהאַט פאַר גאָט און געגעבן זיך ניט איין מאָל דאָס וואָרט, אַז ער וועט עלטער ווערן, וועט ער זיך פאַרבעסערן און וועט, אם ירצה שם, זיַין גוט און פרום, אַזוי ווי די

באַבע מינדע האָט געהייסן, און אַזוי ווי דער רבי האָט געהייסן, און אַזוי ווי אַלע גוטע־פרומע לײַט הייסן.

אָפּטמאָל האָט זיך געטראָפן, אַז ער האָט געוויינט באַם דאַוונען, זיך געשלאָגן על־חטא און דערוויַיטערט זיך פון די עלטערע ברידער און פון אַלע יענע חברים־שקצים, וואָס ריידן אָן שלעכטס טאָן. און אָן אמתער בעל־תשובהניק איז ער געוואָרן, אַז ס'איז געקומען די צײַט פון תשובה־טעג, פון ימים נוראים.

זײַן גוט און פרום איז בכלל זייער זיס און אָנגענעם. נאָר ווער עס האָט אַמאָל געפּרוּווט זײַן אַ בעל־תשובהניק — דער וועט מודה זײַן, אַז קיין בעסערע זאַך קאָן שוין גאָר אויף דער וועלט ניט זײַן. אַ בעל־תשובה איז אַ מענטש, וואָס בעט זיך איבער מיט גאָט, נעמט־אײַן דעם יצר־הרע און באַהעפט זיך מיט דער שכינה. באַרעכנט נאָר: וואָס קאָן זײַן בעסער פון דעם, אַז מע בעט זיך איבער? און וואָס קאָן זײַן זיסער פון נצחון? און וואָס קאָן זײַן ליבער פון דער שכינה? אַ בעל־תשובה פילט זיך גאַנץ, און שטאַרק, און ריין, און פריש, און נײַגעבוירן, און קאָן קוקן איטלעכן גלײַך אין די אויגן אַרײַן. ס'איז גוט, אויסגעצייכנט גוט צו זײַן אַ בעל־תשובה!

שוין אַז דער חודש אלול איז אַרײַנגעטראָטן און עס האָט זיך גע־לאָזט הערן דער ערשטער בלאָז פונעם שופר, האָט זיך דעם העלד פון דער דאָזיקער אויטאָביאָגראַפיע אויסגעוויזן, אַז ער זעט ליגן דעם יצר־הרע אַ געבונדענעם, זיך וואַלגערן אויף דער ערד און זיך בעטן רחמים, מע זאָל אים אַזוי שטאַרק ניט טרעטן מיט די פיס. און ווער שמועסט ראש־השנה! און ווער שמועסט יום־כפור! דאָס לײַדן פונעם שווערן תענית, דאָס הונ־געריק זײַן און דאָס וועלן אַ טרונק ביז צום שטאַרבן און אײַנהאַלטן זיך גלײַך מיט אַלע גרויסע — דאָס אַלץ האָט אין זיך אַזוי פיל זיסקייט, אַזוי פיל רייץ און שיינקייט, אַז דאָס קאָן אָפּשאַצן נאָר דער, וואָס איז אַליין אַ פרומער אָדער געווען אַמאָל פרום. וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן קאָן זיך פאַרגלײַכן מיט יענעם פאַרגעניגן, ווען מע גייט־אַרויס אַן אויסגעהונגער־טער און אַן אויסגעמאַטערטער מוצאי יום־כפור פון בית־המדרש, אַן אָפּגערייניקטער פון אַלע זינד און מיט אַן אויסגעלײַטערטער נשמה, מע רעכנט צו גיין אַהיים גיכער אָפּפאַסטן זיך און מע פילט שוין דעם טעם גן־עדן פונעם קאָרענעם לעקעך, אײַנגעטונקען אין שטאַרקן בראָנפן, און צום סוף — סטאָפּ! וואָס איז די מעשה? ייִדן האָבן זיך אוועקגעשטעלט מחדש זײַן די לבנה. „מיר זײַנען טאַקע, גאָטעניו, גוט הונגעריק און גוט מיד און גוט אויסגעמוטשעט, נאָר איינס צום אַנדערן געהער זיך ניט אָן: — דײַן לבנה וועלן מיר דיר מחדש זײַן".

אַך, ווי גוט ס׳איז צו זײַן אַ ייִד, און אַ ערלעכער ייִד, אַ בעל־תשובה!

איז אָבער דער יצר־הרע — ניט געדאַכט זאָל ער ווערן! מישט זיך אַרײַן דער שטן המקטרג און מאַכט קאַליע אינגאַנצן. דאָס מאָל האָט זיך דער שטן המקטרג באַוויזן אינעם געשטאַלט פון אַ דאָרפיש מיידל מיט געקרײַזלטע האָר און מיט גרינע אויגן. פון וואַנען האָט ער גענומען דאָס מיידל? — וועט איר האָרכן.

אױף אַלע ימים נוראים, אַזוי איז געווען אַ מנהג פון קדמונים, האָבן זיך צונויפגעפאָרן פון די אַרומיקע דערפער אינעם קליינעם שטעטל וואָראַנקאָ דאָרפס־ייִדן (ישובניקעס), אָדער „יום־טובניקעס", ווי זיי האָבן דאָרט געהייסן. יעדער בעל־הבית האָט זיך געהאַט זײַן יום־טובניק מיט זײַן יום־טובניטשקע. נחום וועוויקס יום־טובניק איז געווען אַ ווײַטער קרוב מיטן נאָמען „ליפשיץ דער הלובאָקער", אַ פרומער ייִד מיט אַ ברייטן שטערן, אַ שטערן פון אַ בעל־מח, כאָטש באמת איז ער געווען ניט אַזאַ גרויסער חכם. און אַ ווײַב האָט ער געהאַט אויך אַ פרומע, וואָס האָט ליב געהאַט דאַווענען און שמעקן טאַבעקע. קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט, נאָר אַ דינסטמיידל, אַ יתומה און אַ ווײַטע קרובה, און געהייסן האָט זי פייגל. בײַ די קונדסים האָט זי געהאַט אַן אַנדער נאָמען — „פייגעלע־אַשמדאַי", דערפאַר, וואָס דאָס איז געווען אַ ברען, אַ רוח, ניט קיין מיידל, געהאַט אין זיך ייִנגלשע גענג, ליב געהאַט שטיפן מיט ייִנגלעך, אַז קיינער זאָל ניט זען, דערציילן זיי מעשיות און זינגען לידלעך, צום מײַנסטן — גויִשע.

איינמאָל — ס׳איז געווען חול־המועד סוכות, אַ וואַרעמע, אַ ליבטיקע נאַכט — האָט זי זיך צוגעגנבֿעט צום געלעגער, ווו די ייִנגלעך זײַנען געשלאָפן (צוליב די יום־טובניקעס די קרובים האָט מען די קינדער אויסגעלייגט שלאָפן אין הויף, אויף דער ערד), און האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ האַלב־נאַקעטע, גענומען זיך צעפּלעכטן די האָר און בעת מעשה דערציילן מאָדנע מעשיות. דאָס זײַנען נישט געווען די מעשיות, וואָס שלומס חבר, שמוליק דעם רבס, פלעגט דערציילן. דאָס זײַנען געווען מעשיות פון שדים, רוחות און לצים, וואָס טוען ־ אויף שפּיצלעך אַלערליי: קערן איבער די מלבושים אויף דער לינקער זײַט, שטעלן־איבער דאָס מעבל, בלעטערן־איבער די ספרים, ברעכן דאָס געפעס, שלעפּן־אַרויס די טעגלעך פונעם אויוון, און נאָך אַזעלכע מעשים אשר לא יעשו. און פון מכשפים האָט זי גענומען דערציילן, פון מכשפים און מכשפות, ווי אַזוי אַ מכשפה, אַז זי וויל נאָר, קאָן זי פאַרמוטשען הונדערט מענטשן נאָר מיט איר קיצלען אַליין...

— קיצלען? וואָס הייסט דאָס: מיט איר קיצלען?

— קיצלען ווייסט איר ניט וואָס הייסט? אָט וועל איך אײַך ווײַזן, ווי אַזוי אַ מכשפה קיצלט.

און פײַגעלע־אַשמדאַי האָט זיך אַ לאָז געגעבן מיט די צעפּאַטלטע האָר, באַווײַזן, ווי אַזוי אַ מכשפה קיצלט. פריִער האָבן די ייִנגלעך געלאַכט; דערנאָך האָבן זיי גענומען זיך אָפּשלאָגן פון איר, זיך באַרען. חברה האָבן זיך רעכט אײַנגעפּלאָנטעט איר אין די צעפּאַטלטע האָר, איר אײַנגעטײַלט קלעפּ מיט קולעקעס, מיט בוכענצעס, ווי גאָט האָט געבאָטן. פײַגעלע האָט זיך כּלומרשט באַשיצט, נאָר ס'איז געווען צו זען, אַז די קלעפּ זײַנען איר אײַנגענעמען... זי האָט צוגענומען די קלעפּ און געוואָלט נאָך... דאָס פּנים האָט איר געפלאַמט. די אויגן (העל־גרינע אויגן, ווי בײַ אַ קאַץ) האָבן געגלאַנצט. אַקעגן דער שײַן פון דער לבנה האָט זי אויסגעזען, ווי אַן אמתע מכשפה! נאָר ערגער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס די דאָזיקע מכשפה האָט זיי ניט נאָר בײַגעקומען אַלעמען, נאָר זי האָט זיי יעדן איינציקווײַז אַרומגענומען, צוגעקוועטשט צום האַרצן און געקושט, געקושט גלײַך אין די ליפּן אַרײַן!...

אַ גליק, וואָס דאָס איז געווען פאַר הושענא־רבה, איידער דאָס קוויטל איז נאָך אָפּגעחתמעט, און מע קען נאָך אויסבעטן באַם רבונו־של־עולם, ער זאָל דאָס דאָזיקע ניטווילנדיקע קושן זיך מיט אַ נקבה נישט פאַררעכענען פאַר אַ צו גרויסע עבירה, ווײַל גאָט איז אַן עדות, אַז דאָס איז געווען ניט במזיד, נאָר בשוגג...

פון וואַנען האָט זיך גענומען אָט די פײַגעלע־אַשמדאַי? וואָס פאַר אַ באַשעפעניש איז דאָס געווען: אַ רוח? אַ שד? אַ גלגול? אָדער דער שטן המקטרג האָט זיך פאַרשטעלט אינעם געשטאַלט פון אַ נקבה, בכדי צו ברענגען אומשולדיקע קינדער צו אַזאַ עבירה — זיך קושן קעגן זייער אייגענעם רצון מיט אַ מיידל?...

15

דער לץ

אַ „דאַמאַוויק", וואָס טוט־אָפּ מעשׂים. — געכאַפּט דעם לץ. — מע מאַכט חתונה אַן אויסגעלאַזענע מויד און זי ווערט אַ אשה צנועה.

ווער פײַגעלע־אַשמדאַי איז געווען — האָט זיך גיך אַרויסבאַוויזן, און אויף אַזאַ וווּנדערלעכן אופן, אַז ס'איז כדאַי צו דערציילן.

דעם זעלבן ווינטער — ארום חנוכה איז דאָס געווען — קומט צו פאָרן אָט דער ליפשיץ פון הלובאָקע מיט אַ נײַעס, אַז בײַ אים אין שטוב האָט זיך פאַרנאַדעט אַ לץ, אַ „דאָמאָוויק", וואָס מאַכט אים אומגליק־לעך!... תחילת האָט דער „לץ" — אַזוי דערציילט ליפשיץ — געמאַכט פון זיי נאַר חוזק: אַלע נאַכט האָט ער איבערגעבלעטערט די גמרות, צע־ריסן די סידורים מיט די חומשים, איבערגעקערט די טעלער אין שאַפע, צעבראָכן די טעפּ, אַרײַנגעוואָרפן אין פּאָמעניצע דאָס תפלין־זעקל, דעם געמאָלטן מזרח, און משה מאָנטעפיאָרען אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט — און מע זאָל דאָס הערן, איר זאָלט זאָגן, אַפילו אַ שאָרך פון עמעצן! שפּעטער האָט דער לץ אָנגעהויבן אויסליידיקן און איבערקערן זיי אַלע קעשענעס, אַרויסגנבענען דאָס קליינגעלט פון טישקעסטל, צוגענומען און פאַרטאַכטאָרעט ערגעץ דעם ווײַבס פּערל — אַ ריינער אומגליק!... איז ער, הייסט עס, איצטער געקומען צו זײַן קרוב, צום נחום וועוויקס, פרעגן אַן עצה, וואָס טוט מען? צי זאָל ער מעלדן אין סטאַן? צי זאָל ער פאָרן קיין טאַלנע צום רבין? צי זאָל ער זיך גאָר אַרויסקלײַבן פון הלובאָקע?

אויסגעהערט די מעשה, האָט אים נחום וועוויקס מער ניט אַ פרעג געטאָן: „און ווו שלאָפט דאָס דינסטמיידל? און ווי אַזוי איז זי מיט דער בעל־הביתטע?"... ליפשיץ האָט זיך אַזש געפונען באַליידיקט: ערשטנס, איז פייגל זייערע אַן אָרעמע קרובה, וואָס זײַן ווײַב וויל זי חתונה מאַכן, געבן נדן, און ס'איז איר בײַ זיי גוט, ווי די וועלט; און צווייטנס, שלאָפט זי ווי אַ געהעריגעטע ערגעץ ווייס איך ווו, אין קיך, בײַ דער פאַרשלאָסענער טיר!

— האָט זי ניט עפּעס באַקאַנטע אין דאָרף?... — האָט אים נחום ווידער אַ פרעג געגעבן, און ליפשיץ איז שוין גאָר אין כעס געוואָרן און צעשרײַען זיך:

— פון וואַנען האָבן זיך גענומען צו איר באַקאַנטע אין אַ דאָרף פון סאַמע גוײִם? צי אפשר מיינסטו, אַז דער לץ דאָס איז פייגל?...

— חס וחלילה! — האָט אים נחום וועוויקס געענטפערט און גוט אויסגעלאַכט זיך פון זײַן נאַרישן קרוב, געפּרוּווט אים איבערצײַגן, אַז קיין לצים און קיין „דאָמאָוויקעס" זײַנען בכלל נישטאָ. ליפשיץ האָט אָבער נישט געוואָלט הערן אַפילו. ער האָט געשוואָרן, ער זאָל אַזוי דערלעבן הערן שופר של משיח, ווי ער האָט אַליין געהערט באַנאַכט אַ סאָפּען פון אַ מין לעבעדיק באַשעפעניש, אַ קראַצן פון נעגל, און אויף מאָרגן האָט מען געזען אין קיך עפּעס משונה־מאָדנע סימנים פון הינערשע פיסלעך אויפן אויסגעשאָטענעם זאַמד, וואָס אויף דער ערד.

דערזען, מיט וועמען ער האָט צו טאָן, האָט נחום וועוויקס אַ דריי געגעבן, ווי מע זאָגט, דעם דישל צוריק: עס קאָן זייער זײַן, אַז דער לץ איז אַ לץ. נאָר וואָס דען? ער וואָלט אַ בעלן געווען זײַן דערבײַ... אויב ער וויל, לאָז ער מיטנעמען אים, נחומען, צו זיך אין דאָרף אַרײַן — ער וויל זען מיט זײַנע אויגן... און וויבאַלד אַז שוין יאָ פֿאָרן, זאָל שוין מיטפֿאָרן אויך זײַן יינגערער ברודער, ניסל וועוויקס, אָדער ניסל ראַבינאָוויטש.

— מײַן ניסל — האָט נחום געגעבן צו פֿאַרשטיין — איז אַ יונגערמאַן אַ כוואַט, אַ מענטש וואָס פֿילט זיך, קיין עין־הרע, אין כּח. ער האָט שוין אַמאָל אויסגעפּאַטשט אַ סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו, איז צו גאָט אַ האָפֿענונג, אַז ער וועט קאָנען גובר זײַן אַ לץ אויך... פֿאָרן מיר?

— מיטן גרעסטן כּבֿוד! — האָט זיך ליפּשיץ אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט, און אַלע דרײַ האָבן זיך גוט אָנגעפּעלצט מיט וואַרעמע יענאָטענע פּעלצן, זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ ברייטן שליטן און זײַנען אַוועק צו ליפּשיצן אין דאָרף אַרײַן, קיין הלובאָקע.

געקומען אין דאָרף שוין פֿאַרנאַכטלעך, האָט מען די ליבע געסט זייער שיין אויפֿגענומען, געקאָכט פֿון זייערטוועגן אַ מילכיקע וועטשערע, און מע האָט געשמועסט די גאַנצע צײַט פֿון דעם לץ, וואָס האָט זיך באַ זיי פֿאַרנאַדעט.

שפּעטער, בעת פֿייגל האָט דערלאַנגט צום טיש, האָט נחום געמאַכט אַ גאַנץ ברייטן שמועס וועגן דעם, אַז ער און זייער גאַנצע משפּחה, די ראַבינאָוויטשעס, הייסט עס, האָבן פֿון געבוירן אַ מאָדנע האַרטן שלאָף, כאָטש נעם און טראָג זיי אַרויס מיט די בעטלעך, כאָטש שיסט אין זיי מיט האַרמאַטן! נאָר פֿונדעסטוועגן האָבן זיי פֿאַר אַ דיבוק, פֿאַר אַ לץ און פֿאַר אַ „דאָמאָוויק" קיין מורא ניט, כאָטש זיי פֿירן מיט זיך געלט, וואָרעם זיי זײַנען נישט קיין נאַראָנים: דאָס געלט האַלטן זיי באַ זיך גוט אײַנגענייט, מחילה, אין די אונטערשטע בגדים, וועלכע זיי טוען קיינמאָל ניט אויס, און זיי גלויבן גלאַט ניט אין דיבוקים, לצים און „דאָמאָוויקעס", מכשפֿים און נאָך אַזעלכע זאַכן — ווייס איך וואָס! דאָס האָבן שונאים אויסגעטראַכט און נאַראָנים גלויבן זיי!...

דערויף האָט זיי ליפּשיץ געענטפֿערט בתמימות, אַז ס׳וואָלט געווען אַ גרויסער יושר, אַז דער לץ זאָל זיך אַ נעם טאָן צו זיי הײַנטיקע נאַכט, זיי זאָלן ווייסן, מיט וואָס מע עסט דאָס. און אָט אַזוי האָט מען דעם אָוונט פֿאַרבראַכט אַלץ אין אַזעלכע שמועסן, געהייסן דערלאַנגען ווײַן, און ביידע ברידער האָבן זיך געמאַכט כּלומרשט, ווי מען איז שוין שיכּורלעך, און מע האָט זיך געלייגט שלאָפֿן, אויסגעלאָשן די ליכט, און די געסט האָבן זיך גיך געלאָזט הערן מיט אַ כראָפּען, איינער העכער פֿונעם אַנדערן — אַ גאַנצער קאָנצערט.

אָרום האַלבער נאַכט האָט זיך דערהערט אַ געשריי, מיט אַ געשלעג, מיט מאָדנע קולות, אַף ייִדיש און אַף גויִיש, אַזוי אַז די ליפּשיצעס האָבן זיך אויפגעכאַפּט אין איין ציטערניש, אָנגעצונדן פייַער, און פּאַר זייערע אויגן האָט זיך באַוויזן אַזאַ מין בילד: באַ נחומען אין די הענט איז געלעגן פייגעלע־אַשמדאַי אַ געבונדענע און געריסן זיך מיט אַלע כחות, און ניסל (געווען אַ ייִד אַ גבר) האָט זיך געראַנגלט מיט כוועדאָר דעם וואָלאָסטנאָי שרייַבער פון דאָרף, וואָס האָט אים צעביסן און צעבלוטיקט די הענט, נאָר ניסל האָט אים געפּאַקט, געבונדן ווי אַ באַראַן — און אַז ס'איז געוואָרן טאָג, האָט מען זיי ביידן, פייגל די מויד און כוועדאָר דעם שרייַבער, אָפּגעפירט אין וואָלאָסט אַריַין. דאָרט האָט מען געשטעלט צוויי עמער בראָנפן, און מע איז געקומען צו אַזאַ מין ספּראַווע: אַזוי ווי כוועדאָר איז אַליין דער וואָלאָסטנאָי שרייַבער, זאָל ער זיך מודה זיַין און אָפּגעבן אַלצדינג, וואָס ער האָט דורך דער מויד באַ די ליפּשיצעס אוועקגעלקחנט, וועט מען אים נאָר מקיים פּסק זיַין, דאָס הייסט, פון דער גרינג אָפּשמייַסן, און מע וועט מאַכן אַ שוויַיג. און צו דער מויד האָט מען זיך גענומען מיט גוטע רייד, אַז איבערגעבן זי אין גויִישע הענט וויל מען זיך בשום אופן, כאָטש זי איז אַן אַשמדאַי, אַ הולטייַקע און ערגער פון אַ משומדת... מע פאָדערט פון איר נאָר, זי זאָל אויסזאָגן, וווּ די פּערל און די איבעריקע זאַכן זיַינען, און מע גיט איר אַ תקיעת־כּף, אַז מע נעמט זי צו אין שטאָט אַריַין און מע גיט איר אַ חתן, טאַקע שוין און טאַקע באַלד און אָפן שענסטן אופן, מיט כלי־זמר און מיט חתונה־קליידער און מיט אַ חופּה־וועטשערע, ווי אַן ערלעכער, אַ כשרער ייִדישער טאָכטער — קיין פייגל וועט ניט וויסן פון דער גאַנצער מעשה, קיין האָן וועט ניט קרייען!

און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. אַ חתן האָט מען איר געגעבן אַ יונג מיט ביינער, משה־הערש האָט ער געהייסן, אַ דאַמסקי שנייַדער. די ראַבינאָוויטשעס זיַינען געווען די מחותנים און די אונטערפירער. אַף דער חתונה איז געווען די גאַנצע שטאָט און אויך „נאַטשאַלסטווע”. מע האָט אויסגעטרונקען אַן אַ שיעור פלעשער מיט וויַין און מיט ביר, און ניסל ראַבינאָוויטש מיטן סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו האָבן ביידע אַזוי געטאַנצט, אַז מע האָט באַדאַרפט גיין קוקן אַף חידושים!

נאָך דער חתונה איז פייגעלע געוואָרן ניט צו דערקענען. פרום ווי אַ רביצן, ניט געקוקט קיין מאַנצביל גלייַך אין די אויגן אַריַין, און מיט נחום וועוויקס ייִנגלעך איז זי גלייַך ווי קיינמאָל נישט געווען באַקאַנט. און אַז מע האָט באַדאַרפט אין שטאָט עמעצן מאַכן אַ נדבה, נעמען אַ פּעטשיילע און גיין איבער די הייַזער, איז זי געווען פון די ערשטע. אַז מע שמועסט אַ אשה כשרה, אַ גבאיטע, איז דאָך ניט שייַך! נאָר איינס צום

אנדערן געהער זיך ניט אָן: איר מיידלשער נאָמען „פייגעלע־אשמדאי" איז איר פאַרבליבן אַף אייביק. וועגן דעם האָבן שוין געזאָרגט נחום וועוויקס קונדסים, און מער פון אַלע — דער מיטלסטער און דער גרעסטער קונדס, דער שרײַבער פון די דאָזיקע געשיכטעס.

16

די משפחה

דרײַ ברידער — דרײַ פאַרשיידענע טיפּן. — א „דיעלאָ" מיט „קאַזנאַ". — דער פעטער פיניע טאַנצט אַף לײַכטער.

דער פאָטער פונעם העלד פון די דאָזיקע באַשרײַבונגען, נחום וועוויקס, האָט געהאַט נאָך צוויי ברידער: פּיניע וועוויקס און ניסל וועוויקס — דער וואָס איז אויבן דערמאָנט. און אַן אַנטיק איז דאָס, וואָס יעדער פון די דרײַ ברידער איז זיך געווען אַ טיפּ פאַר זיך און קיין ברעקל נישט געראָטן איינס אין דאָס אַנדערע. דער עלטערער, נחום וועוויקס, איז געווען, ווי מיר ווייסן שוין, אַ מישמאַש פון אַ חסיד און אַ משכיל, אַ פילאָזאָף און אַ שיינער דאַווענער, אַ למדן און אַ חקרן, און בטבע אַ מענטש אַ שטילער, אַ פאַרבאָרגענער און אַ גרויסער בעל־מרה־שחורה. דער אַנדערער, פּיניע וועוויקס, — דער איז געווען שוין גאָר אַ גרויסער ירא־שמים, מיט גאָר אַ לאַנגן טלית־קטן, אַ שיינער ייִד, איך מיין טאַקע אַ שיינער אָפּן פּנים, מיט אַ שיינער באָרד, שיינע, שמייכלענדיקע אויגן, און בטבע זייער אַ לעבעדיקער, אַ מענטש, וואָס קהלט זיך, אַ קאָכלעפל, אַ בריה אַ מוהל, חלילה נישט צוליב געלט, נאָר פּשוט לשם מצווה. מיט איינעם וואָרט, דאָס איז געווען אַ ייִד פון הו־האַ, שטענדיק פאַרטראָגן אין פרעמדע געשעפטן, לאָדענישן, דולענישן, פּאַרלאַזענישן, אויסגלײַבענישן, אַלמנות, יתומים און גלאַט אָרעמעלײַט. היינט ווו איז עפּעס גבאות אין בית־המדרש, אין קלויז, אין חברה־קדישא, אין חברה־משניות און חברה־תהלים? איך האָב מורא, אַז דאָס איז בא אים געווען טײַערער פון אַן איינעם מאַרק אָדער אַ יאַריד. רבי־געלט האָט דאָס אים אויך געקאָסט געענוג. נאָר ווײַבאַלד ס'איז אַ מצווה, וואָס מאַכט דאָס אויס? אדרבה, וואָס מער עס קאָסט רבי־געלט, אַלץ גרעסער איז די מצווה, און באַקלאָגן זיך דאַרף טאָר מען נישט, וואָרעם דעמאָלט איז שוין די מצווה אויס מצווה.

למשל, עס געדענקט זיך אַ מעשה: איינמאָל האָט געזאָלט זײַן „טאָרגעס" אַף דער „פּאָטשט". בכדי מע זאָל זיך ניט שמײַסן אין די מקחים און

מע זאָל צו דער פּאַטשט ניט דערלייגן קיין געלט, זײַנען ייִדן געפאַלן אַף א המצאה, אַז דער וואָס וויל נעמען די פּאַטשט, זאָל צעטיילן צווישן די קאַנקורענטן א געוויסע סומע געלט, וועט מען אים נישט קאַליע מאַכן די מקחים. נאָר די קאַנקורענטן אַליין וועט מען דאָך ניט גליבן, לייגט מען איין דאָס געלט אין א זיכערן אָרט און מע גייט אַף די טאָרגעס. און וואָס קאָן זײַן נאָך א מער זיכערער אָרט, ווי בא פּיניע וועוויקס? האָט מען אײַנגעלייגט בא אים דאָס געלט און מע איז אַוועק אַף טאָרגעס, און דער וואָס האָט דאָס געלט אײַנגעלייגט האָט אָפּגעטאָן א שפּיצל, זיך כלומרשט פון די טאָרגעס ארויסגעגליטשט, דאָס געלט אָפּגענומען און ערשט דערנאָך ארויסגעשטעלט אַלעמען א שיינע פּײַג. אוודאי האָבן די קאַנקורענטן געמסרט ווי מען דאַרף, און מע האָט צום ערשטן א נעם געגעבן זיך צו יענעם פּאַרשוין, וואָס האָט דאָס געלט געגעבן, און דערנאָך צום צווייטן פּאַרשוין, וואָס דאָס געלט איז געווען בא אים אײַנגעלייגט: רב ייִד, זײַט־זשע מוחל, וואָס איז דאָ געווען פאַר א מעשה? האָט זיי נעבעך פּיניע וועוויקס דערציילט די מעשה, ווי דער אמת איז. האָט מען אים געמשפּט פאַר באַגנבהנען „קאַזנאַ", און דאָס גליק איז געווען, וואָס אַפן אָרט פון טורמע האָט מען אים אָפּגעמשפּט נאָר מיט געלט־שטראָף.

מיינט איר אוודאי, אַז דאָס האָט אים אָנגעלערנט? האָט איר א טעות. יענעמס געשעפטן, דאָרט ווו סע שמעקט מיט קהל און מיט א טובה פאַר א ייִדן, זײַנען בילכער פון אייגענע געשעפטן. אַוועקוואַרפן, למשל, א מאַרק אָדער א יאַריד און לויפן אַף א ברית — פון דעם שמועסט מען ניט. דערויף איז מען דאָך עפּעס א מוהל בא ייִדן. אָדער חתונה מאַכן אַן אָרעמע יתומה און טאַנצן מיט די אָרעמע מחותנים א גאַנצע נאַכט — דאָס איז דאָך אוודאי א גרויסע מצווה, וואָס ניט אָפּט קומט עס צו דער האַנט.

רײדנדיק פון טאַנצן, איז שווער זיך אײַנצוהאַלטן און נישט באַוווּנדערן, פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אָט אַזא ייִדן א ירא־שמים, ער זאָל קאָנען טאַנצן, און נאָך אַזוי שיין טאַנצן? ווו האָט ער זיך דאָס אַזוי געלערנט, למשל? און ווער איז געווען זײַן רבי יענע יאָרן? טאַנצן א „חסיד", א „קאָזאַק" און א „פּאָניע" — פון דעם איז אָפּגערעדט.

— שטיל זאָל זײַן! רב פּיניע וועוויקס וועט טאַנצן א חסיד!

— צערוקט זיך, עולם! רב פּיניע וועוויקס וועט גיין א קאָזאַק!

אָדער:

— ווײַבער, אַף א זײַט! רב פּיניע וועוויקס וועט אונדז ווײַזן א פּאָניע!

און דער גאַנצער עולם צערוקט זיך, מאַכט א וואַרע. און דער פּער־

טער פיניע „טאנצט א חסיד", „גייט א קאזאק", אדער ער „ווייזט א פאניע", און דער עולם שטייט אף קעפ. עין לא ראתה!

וואס ארעמער ס'איז געווען די חתונה, אלץ גרעסער איז געווען די שמחה. דאס הייסט, וואס די מחותנים זיינען געווען גרעסערע ארעמעלייט, אלץ מער האט דארט דער פעטער פיניע געטאנצט און באוויזן אזעלכע קונצן, וואס טאקע עין לא ראתה — און טאקע נאר לשם מצווה, בכדי צו משמח זיין חתן־כלה. מע האט באדארפט אף חידושים גיין זען פיניע וועוויקס, ווי ער טאנצט „אף לייכטער" מיט ברענענדיקע ליכט, אדער „אף א שפיגל", און אזוי גרינג, אזוי גראציעז, ווי דער גרעסטער פון די היינטיקע טענצער פון דער וועלט. אזא מין טאנצן וואלט מען היינטיקע צייטן געקאנט ווייזן אף בילעטן און מאכן א סך געלט. די קאפאטע ארויפגעווארפן, דעם טלית־קטן ארויסגעצויגן, די ארבל פארקאטשעט, די הויזן במילא ארייַנגעשטעקט אין די שטיוול, און די פיס קוים־קוים וואס זיי בארירן די ערד, און דער קאפ איז פארווארפן ארויף, די אויגן צו, אפן פנים זעט מען התפעלות מיט התרוממות, ווי בשעת דאווענען און די כלי־זמר שפילן א יידישע זאך, און דער עולם פליעסקעט, און די ראד ווערט אלע מאל גרעסער און גרעסער, און דער טענצער, אויסמיידנדיק די לייכטער מיט די ברענענדיקע ליכט, גייט־ארייַן וואס וויַיטער אין אלץ מער התפעלות און אין אלץ מער התרוממות הנפש — ניין, דאס איז ניט געווען קיין טאנצן! איך וואלט געזאגט, אז דאס איז געווען גיכער א מין עבודת־הבורא, א ריינע גאטעס־דינסט. און איך שטעל זיך אפ און פרעג נאך א מאל די אייגענע קשיה: פון וואנען האט זיך גענומען צו אט־אזא יידן א ירא־שמים, ער זאל דערגרייכן אזוי וויַיט אין דער קונסט פון טאנצן? ווו האט ער זיך עס אויסגעלערנט? און ווער האט געקאנט זיין דער רבי זייַנער?

פארעדט זיך וועגן טענץ, האבן מיר דערוויַיל פארגעסן דעם דריטן ברודער, ניסל וועוויקס, פון וועלכן מיר וועלן זאגן עטלעכע ווערטער אינעם וויַיטערדיקן קאפיטל.

17

דער פעטער ניסל און די מומע האדל

דער פעטער ניסל „הוליעט". — א חשוב בא „נאטשאלסטווע". — א ווייב א צרה. — זיך פארשטעלט פאר א טשינאווניק, אנגעארבעט א חתונה, אוועק קיין אמעריקע. — א ניצוץ פון א פאעט.

אויב די צוויי עלטערע ברידער, נחום און פיניע וועוויקס, זיינען געוועזן חסידים, איז דער דריטער, דער יינגסטער ברודער, ניסל וועוויקס, אדער ווי ער האט זיך שוין די לעצטע צייט גערופן בא זיין פאמיליע־נאמען, ניסל ראבינאוויטש, געוועזן שוין גאר א וועלטלעכער, געטראגן זיך ווי א שטשאגל: הינטן אין דער קאפאטע א שפאלט, — דאס האט געהייסן יענע יארן מעשה פראנט, אדער מעשה דייטש — לאקירטע שטיוועלעטן מיט שפראנציקעס און שטארק־שטארק אונטערגעבויגענע פאות. און געהאלטן האט ער זיך דעמאקראטיש. דהיינו: אין בית־המדרש האט ער געהאט, ווי אלע פארנעמסטע בעלי־בתים, אן ארט אין מזרח, נאר געזעסן איז ער אף דער לעזשאנקע אין פאליש, געהאלטן א חומש מיטן „ביאור" און דערציילט, דווקא פארן פראסטן עולם, מעשיות פון רב משהלע וויינשטיין, פון מאנטעפיארען און פון רויטשילדן אויך. דערצו האט ער געהאט א באסאווע שטימע, געקאנט שיין זינגען, ליב געהאט א סך לאכן און געקאנט מאכן לאכנדיק יענעם. מיינסטנס האבן פון אים געלאכט ווייבער און מיידלעך — די זיינען ממש צעגאנגען פאר געלעכטער, אז ער האט נאר געוואלט. מיט וואס ער האט זיי גענומען — איז שווער צו וויסן. נאר ס'איז געווען גענוג, ער זאל זיי זאגן אייןווארט — און די געלעכטערן זיינען שוין געגאנגען ביזן הימל.

היינט וואס פאר א „הוליאק" איז דאס געווען! אן אים א חתונה איז געווען א לוויה, ניט קיין חתונה. ניסל וועוויקס, אדער ניסל ראבינאוויטש, האט געקאנט מחיה־מתים זיין, א גאנצע וועלט מאכן רעדעוודיק, לאכנדיק און טאנצנדיק. דער חילוק צווישן אים און צווישן פעטער פיניע איז געווען, וואס דער פעטער פיניע האט געקאנט טאנצן, און דער פעטער ניסל האט געקאנט מאכן טאנצן אנדערע. אלע און אלע האבן מיט אים אף א שמחה מיטגעטרונקען, מיטגעזונגען און מיטגעטאנצט. דער ערשטער איז געווען דער סטאנאוואי פריסטאוו. מיט אים האט ער זיך געביטן מיט די היטלען — און ס'איז געווען ליהודים.

בכלל איז ניסל ראבינאוויטש געווען מיט נאטשאלסטווע אויסגעבונדן, און האט געפירט דאס שטעטל ביד רמה, גלייך ווי ער וואלט אליין געווען א נאטשאלניק, א טשינאווניק. דערצו האט ער געהאט א פה־קדוש, גע־

רעדט רוסיש, ווי אַן עכטער פּאַניע: „מעזשדו פּראַטשים, וואשא מילאָסט, פּאַזוואָלטי וואם פּאָקוריט נא נאַש שטשאַט אי טשטאָבי ניע בילאָ ניקאַקיך קאַקאַוו!״... (זײַט־זשע מוחל, אין איינוועגס פאַררייכערט אונדזערן אַ פּאַ־פּיראָס, און אָן אַ שום תירוץ!). נישט נאָר יִדן — גויִים האָבן פּאַר אים געהאַט דרך־ארץ: „כאַדים דאַ מיסעליאַ; ווין אי דילאָ סקאַזשע, אי טשאַרקאַ הורילקאַ בודע״. (לאָמיר גיין צו ניסלען: אי עסק וועט ער אונדז זאָגן, אי אַ גלעזל בראַנפן וועט זײַן).

קהלן זיך האָט ער נאָך מער ליב געהאַט, ווי דער פּעטער פּיניע. שטענדיק האָט ער זיך מיט עמעצן, אָדער פּאַר עמעצן, געלאָדן, און אים האָט זיך אויסגעמאָלט, אַז ער ווייס אַלע זאַקאָנעס. אַ קלייניקייט — אַ ייִד רעדט אַזוי גוט רוסיש, אַז ס׳איז גאָרנישט צו דערקענען, אַז דאָס רעדט אַ ייִד, און דערצו איז ער אַזוי אויסגעבונדן מיט נאַטשאַלסטווע, פּאַטשט דעם סטאַראָסטאַ, ווי אַ הונט, שכורט מיטן סטאַרשינאַ אַ גאַנצע נאַכט טאַקע בײַ זיך אין שענק, און מיטן סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו קושט ער זיך, ווי מיט אַ ברודער!...

נאָר אַף וויפל דער פּעטער ניסל איז געווען אַ חשוב אין שטאָט, אַף אַזויפיל איז ער געווען ניט קיין חשוב בײַ זײַן אייגן ווײַב, בײַ דער מומע האָדל (אַלע גרויסע מענטשן זײַנען בײַ זייערע ווײַבער גאָרנישט!). די מומע האָדל איז געווען אַ ווײַבעלע אַ קליינס און אַ שוואַרצס, נאָר דאָס דאָזיקע קליינע ווײַבעלע האָט געהאַלטן איר גרויסן מאַן אין דער מורא — אימת מות!

עס איז געווען צו באַוווּנדערן, ווי אָט דער גרויסער הויכער פּעטער ניסל, דער חשוב בײַ נאַטשאַלסטווע, וואָס רעדט אַזוי גוט רוסיש, און דער שטענדיק פרײלעכער און אויסגעפּוצטער קאַוואַליער און אָנגעלייגטער גאַסט בײַ ווײַבער, איז אַ בעלן געווען צו כאַפּן פון זײַן אייגן קליינגעוואַקסן ווײַבעלע אָדער מיט אַ קישעלע איבערן קאָפּ, אָדער מיט אַ נאָסן בעזעם איבער דער אויסגעפּוצטער קאַפּאָטע! צום מיינסטן האָט זי ליב געהאַט אים בעזעמען דווקא יום־טוב, און דווקא שמחת־תורה, און דווקא פאַרן גאַנצן עולם אין די אויגן: „ל אָ ז מ ע ן ו ו י ס ן ו ו אָ ס פּ אַ ר אַ מ אַ ן ז ײַ ן ו ו ײַ ב ה אָ ט!״... ער האָט אָבער דאָס אָנגענומען פאַר אַ קאַטאָוועס, זיך פאַרשלאָסן מיט אַלע ייִדן אין זאַל, אויפגעעפנט פלעשער מיט בראַנפן, אויפגעשלאָגן אַלע פעסלעך מיט געזײַערטע אוגער־קעס אין קעלער, אַרויסגענומען אַלע טעפּ און טעפּלעך פונם אויוון — געמאַכט אַ חורבן, אַ פּאָגראָם אין שטוב, און אָפּגעקרענקט נאָכדעם דער־פאַר פון דער מומע האָדל דרײַ וואָכן כסדר. ס׳איז אָבער געווען כדאי — מע האָט זיך גוט אָנגעהוליעט!

שענער פון אַלצדינג איז געווען דאָס, וואָס דער פּעטער ניסל האָט אָן

דער מומע האָדל נישט געטאָן פון דאַנען אַהין. ער האָט זי געהאַלטן פאַר אַ גרויסן בר־דעת; נישט מער, פלעגט ער אויף איר מלמד־זכות זײַן, זי איז פון קאָרסון, אַ שטאָט אַזעלכע אין קיעווער גובערניע, און די קאָרסונער זײַנען אַלע „ספּילשליווע"... צו דערצו איז דאָ נאָר איין רפואה — האָט ער געזאָגט: — פּערל. אַז גאָט זאָל אים העלפן, ער זאָל איר קאָנען קויפן גרויסע פּערל, וואָלט איר כאַראַקטער, זאָגט ער, זיך אינגאַנצן איבערגעביטן. „איך ווייס נאָך אַ בעסערע רפואה", — האָט אים דער על־טערער ברודער נחום געפּרוווט עפענען די אויגן און האָט אים אַרײַנגע־רוימט אַ סוד אַפן אויער, פון וועלכן דער פעטער ניסל איז געוואָרן אַן אויפגעציטערטער:

— זאָל גאָט היטן! זאָל דער אייבערשטער שומר ומציל זײַן!

— פאָלג מיך, ניסל! טו ווי איך זאָג דיר, וועט דיר זײַן אַז גוט און אַז ווויל!...

אין וואָס די דאָזיקע עצה איז באַשטאַנען, האָט זיך אַרויסגעוויזן ערשט העט־העט שפּעטער, אין אַ צײַט אַרום. דעם דאָזיקן סוד האָט די מומע האָדל אַליין צעפּויקט איבער דער גאַנצער שטאָט דערמיט, וואָס זי האָט געטאַדלט און געשימפּט, געשמירט און געשאָלטן די גאַנצע משפּחה פון איר מאַן: „די משפּחתערע" — קיין אַנדער נאָמען האָבן בײַ איר די ראַבי־נאָוויטשעס ניט געהאַט. „שלאָגן אַ ווײַב איז בײַ זיי אַ וואָכעדיקער גאַנג... נאָר ס'וועט זיי פריִער אָפּדאַרן די האַנט, איידער זיי וועלן זיך צורירן"...

דאָס גאַנצע שטעטל האָט געוווּסט פונעם סוד, אַז ניסל ראַבינאָוויטש האָט נעבעך אָפּגעשניטענע יאָרן פון זײַן ווײַב, כאָטש אַפילו בײַ דער וועלט איז ער אַ תקיף און בײַ נאַטשאַלסטווע אַ גאַנצער קאָכלעפל. הלוואי וואָלט ער ניט געווען אַזאַ תקיף! וואָרעם דאָס, וואָס ער איז געווען אַ תקיף, האָט אים, אייגנטלעך, אָפּגעקוילעט און סוף־כל־סוף גליקלעך געמאַכט אים מיט די קינדער און קינדס־קינדער אויף אייביקע יאָרן. וועגן דעם ווערט דערציילט אַ מעשה, וואָס שמעקט אויסגעטראַכט צו זײַן, נאָר איך גיב זי איבער, ווי איך האָב זי געהערט.

אין אַ קליין שטעטל, ניט ווײַט פון וואָראָנקאָ, דאַכט זיך, אין בערע־זאַן, האָבן גויִים געמאַכט אַ פּריגאָוואָר אויף אַ ייִדן, אַז מע זאָל אים אַרויסטרײַבן. וואָס טוט מען? איז מען געקומען צו לויפן צו ניסל וועוויקס, אָדער צו ניסל ראַבינאָוויטש: סטײַטש, אַזאַ חשוב בײַ נאַטשאַלסטווע, וואָס רעדט אַזוי גוט רוסיש און קושט זיך מיטן סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו!... דער פעטער ניסל האָט זיך אַ וואָרף געגעבן צום פּריסטאַוו — ער קאָן דאָ גאָרניט העלפן: דאָס ווענדט זיך נאָר אינעם „ספּראַווניק". און דער ספּראַווניק איז, ערשטנס, אַ נײַער מענטש און, צווייטנס, אַ גרויסער המן! וואָס־זשע טוט מען ווײַטער? ווי לאָזט מען דאָס „ראַזאָרען" אַ ייִדן

און מאַכן אַ תל פֿון אַ גאַנצער משפּחה? „וואַרט נאָר אױם אַביסל, בודיעט דיעלאָ װשליאָפּע — ס׳וועט זײַן רעכט!" — אַזוי האָט געזאָגט דער פּעטער ניסל און האָט אָפּגעטאָן גאָר אַ קלייניקייט: ער האָט געקריגן די גאַנצע אוניפֿאָרם, וואָס אַ טשינאָווניק טראָגט, האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ „ספּראַווניק", געכאַפּט אַ פּאָטשט און איז אַרײַנגעפֿאָרן אין דאָרף אַרײַן מיט אַ גלאָק, און האָט געשיקט רופֿן צו זיך דעם סטאַרשינאַ מיט דער גאַנצער „הראָמאַדע", און האָט זיך צעשריִען אױף זיי: „קאַק ווי סמיעטיע, טאַקיע־סיאַקיע?!" און געטופּעט מיטן פֿוס, ווי אַן אמתער ספּראַווניק, אַז ס׳איז נישט „פּאָ־זאַקאָנו", און האָט צעריסן דעם פּריגאָוואָר אױף שטיק־שטיקלעך און אָנגעזאָגט זיי, אַז טאָמער דערוועגן זיי זיך קלאָגן אױף אים צום גובערנאַטאָר, זאָלן זיי וויסן, אַז ער, דער נײַער ספּראַווניק הייסט עס, איז טאַקע דעם גובערנאַטאָרס אַן אייגענער פּעטער, פֿון דער מאַמעס צד, און זײַן ווײַב געהער זיך אָן אַ שטיקל קרובה מיטן „מיניסטער אָוונוט־רענניך אי וונוטרענניך דיעל"!...

ווער עס האָט געמסרט — ווייס מען ניט. נאָר די געשיכטע מיטן צע־ריסענעם פּריגאָוואָר און די מעשׂיות מיטן גובערנאַטאָר און מיטן „מי־ניסטער אָוונוטרענניך אי וונוטרענניך דיעל" זײַנען אַרויף, ווי בוימל אױפֿן וואַסער, און ס׳איז געוואָרן אַ „דיעלאָ", און מע האָט אים מחילה אײַנ־געזעצט און געמשפּט, און דער שפּיץ איז געווען, אַז דער בראַווער פּעטער ניסל האָט נעבעך געמוזט ווערן אַ בורח, פּשוט, הייסט עס, נעמען און אַנט־לויפֿן. עס האָט זיך אים אײַנגעגעבן — ער איז אַנטלאָפֿן, האָט זיך פֿריִער אָפּגעוואַלגערט אַ שטיקל צײַט אין אָדעס, זיך געמאַכט אַ נײַעם פּאַס מיט אַ נײַעם נאָמען און איז אַוועק קיין אַמעריקע, אַזש קיין קאַנאַדע, די ער־שטע צײַט גוט אויסגעריסן געוואָרן, נאָר אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָבן אָנ־געהויבן גיין פֿון אים „לעטערס", אַז ער „מאַכט אַ לעבן". שפּעטער האָט ער אַריבערגעצויגן אַהין זײַן גאַנצע משפּחה, וועלכע האָט אויך געשריבן בריוו, אַז זיי „מאַכן אַ לעבן". נאָכדעם זײַנען אָנגעקומען פֿון זיי אַלעמען זייער שיינע „פּיקטשורס" — גראַפֿן, אמתדיקע שׂררות! נאָר ווי אַזוי מע „מאַכט אַ לעבן" און ווי אַזוי איז בכלל דאָס לעבן אין אַמעריקע — דאָס האָט מען נישט געקאָנט פֿון זיי אַרויסבאַקומען בשום אופֿן.

ערשט העט־העט, אין אַ יאָר עטלעכע און דרײַסיק אַרום, אינעם יאָר 1905-6, אין דער צײַט, ווען דער וואָס שרײַבט די דאָזיקע ביאָגראַפֿיע האָט אַליין באַדאַרפֿט אַריבערוואַנדערן איבערן ים און איז געקומען בשלום קיין אַמעריקע, האָט ער זיך אינטערעסירט צו באַקומען גענויע ידיעות וועגן זײַן פּעטער. איז ער געוווירע געוואָרן, אַז דער פּעטער ניסל איז שוין אַ שוכן־עפֿר, נאָר ער האָט איבערגעלאָזט אַ שיינעם נאָמען און אַ שיין פֿאַר־

מעגן. זײַנע קינדער און זײַנע אייניקלעך זײַנען דאָס, וואָס מע רופט אין אַמעריקע: אַ ל ר ײַ ט.

דאָס בילד פונעם פעטער ניסל וואָלט אָבער ניט געווען אינגאַנצן, ווען מיר זאָלן דורכלאָזן נאָך איין שטריך: אין דעם דאָזיקן מענטשן איז אפשר פאַרלוירן געגאַנגען אַ פּאָעט; ער האָט ליב געהאַט זינגען ייִדישע לידער, אייגענע. אין דער צײַט, וואָס ער איז געזעסן אין תּפיסה, האָט ער באַשאַפן אַ ליד אויף זיך אַליין, אין ייִדיש, נאָכן אל״ף־בי״ת, און אַ שיינע מעלאָדיע דערצו — אַ מעלאָדיע, וואָס איז זיך צעגאַנגען אין אַלע איברים. וויפל טאַלאַנטן זײַנען בײַ אונדז אַט אַזוי פאַרלוירן געגאַנגען, וואָס מע ווייס פון זיי גאָרנישט!...

18

פּיניעלע שימעלעס פּאָרט קיין אָדעס

שימעלע רעדט מער אויף גויִיש. — דערציילט גרויסקייט פון אפרתן. — קלײַבט זיך אַריבער קיין אָדעס. — זײַן זון פּיניעלע האָט אַן אָפּעראַציע — אַן אַרבעסל אין אויער. — דער אַפּשייד־וואָרעמעס.

דעם העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע האָט זיך אויסגעוויזן, ווי עס ווײַזט זיך אוים מסתמא יעדן ייִדישן ייִנגל, אַז זײַן שטעטל — דאָס איז דער מיטלפּונקט פון דער וועלט, דער סאַמע נאַפּל פון דער ערד, און זײַנע ייִדן — דאָס זײַנען די אויסדערוויילטע בײַ גאָט, וואָס צוליב זיי איז באַשאַפן געוואָרן די דאָזיקע וועלט, און, פאַרשטייט זיך, אַז אין דער שפּיץ פון די אויסדערוויילטע שטייען וועוויקס קינדער, די ראַבינאָוויטשעס, און דער ראש וראשון און דער סאַמע שפּיגל, דער סאַמע צימעס פון די ראַבינאָוויטשעס — דאָס איז געווים זײַן טאַטע, נחום וועוויקס. וואָרעם ווער זיצט אין בית־המדרש אויבנאָן אין מזרח־וואַנט, דער צווייטער פונעם רב, באַם סאַמע אָרון־קודש? צו וועמען קומט מען צום אַלעם ערשטן גוט יום־טוב בעטן? און צו וועמען קלײַבט מען זיך צונויף אַלע שבת־צו־נאַכטס אויף מלווה־מלכה און מע טרינקט און מע זינגט און מע טאַנצט און מע הוליעט ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן? ניין, נישטאָ קיין שענערעס פון זײַן משפּחה. נישטאָ קיין רײַכערעס פון זייער שטוב. נישטאָ קיין גרעסערער פון זײַן טאַטן. נישטאָ קיין פרומערער פון זײַן פעטער פּיניע. נישטאָ קיין פריילעכערער פון זײַן פעטער ניסל. און קוקנדיק אויף זײַן הויכן טאַטן, נחום וועוויקס, אונטער אַ שבת אָדער אַ יום־טוב, אין דער שיינער זײַדענער קאַ־

פּאָטע מיטן ברייטן גאַרטל און מיט דער נאַפּאָלעאָנקע אויפן קאָפּ; אָדער אַף זײַן נידעריטשקער מאַמע, חיה־אסתּר נחום וועוויקס, בעת זי הייבט־אויף אירע איידעלע, ווײַסע הענט אַרויף באַ ליכט־בענטשן איבער די גרויסע, הויכע, געבלאָזענע זילבערנע לײַכטער, אָדער אַף דער הויכער טשעפּקער באָבע מינדע, ווי זי רעדט זיך אויס מיט גאָט, ווי מיט אַ גאַנץ נאָענטן שמעלקע, אָדער אויפן פעטער ניסל דעם גבר, ווי ער האַקט רוסיש ווי אַ עכטער פּאַניע — האָט זיך שלום נחום וועוויקס האַרץ אַלע מאָל אָנגעפילט מיט פרייד און מיט גדלות קעגן אַנדערע קינדער, און ער האָט געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט געהאַט דאָס גליק צו געבוירן ווערן אין דער דאָזיקער משפּחה, אונטער דער דאָזיקער גילדענער פאָן, ווי ער האָט זיך געפילט גליקלעך, ווי אַ פּרינץ, און זיכער, ווי אין אַ פעסטונג, ווי אין אַ קייזערלעכן פּאַלאַץ.

און אָט האָבן זיך פּלוצעם די זײַלן פון דער פעסטונג געגעבן אַ שאָקל, דער פּאַלאַץ האָט גענומען אײַנבויגן זיך אַף אומצופאַלן, און דער גאַנצער כּשוף פונעם גליקלעכן שטעטל איז מיטאַמאָל פאַרשווּנדן געוואָרן. דער יונגער פּרינץ איז געוווירע געוואָרן, אַז ניט דאָ איז דער נאָפּל פון דער ערד, אַז ס'איז פאַראַן אַף דער וועלט אַ סך, אַ סך גרעסערע שטעט פון וואָראָנקאָ, און אַז עס געפינען זיך אַף דער וועלט אַ סך, אַ סך רײַכערע ייִדן פון די ראַבינאָוויטשעס. און געוווירע געוואָרן איז ער אָט דאָס אַלצדינג פון זײַן נײַעם חבר, פּיניעלע שימעלעס, פון וועלכן מיר דערציילן דאָ אין קורצן.

אויסער וועוויקס קינדער, די ראַבינאָוויטשעס, איז געווען אין וואָראָנקאָ נאָך אַ ייִד אַ בעל־הבית, פון די נ ג י ד י ם , מיטן נאָמען שימעלע. דאָס איז געווען אַ געפּאַקט ייִדל מיט אַ קײַלעכיק בײַכל און מיט אַ סימפּאַטיש שמייכלענדיק פּנים, דאָס מויל אַביסל אַף אַ זײַט. ער איז געווען ניט אַזאַ גביר, ווי אַ פאַרלעבער. „אַ קערבל איז באַ אים געווען אַ ממזר". וויפל ס'איז געווען האָט מען פאַרלעבט. און אַז ס'איז ניט געווען, האָט מען געבאָרגט און געליִען און ווײַטער געלעבט אַ גוטן טאָג.

אין שטאָט האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ שטיקל אַפּיקורס, ווײַל ער האָט געטראָגן אַ „הענגקאָלנער" און אַביסל שוין צו אַ קײַלעכיק בערדל, שטאַרק צוגעפּוצט;דערפאַר האָט ער אָבער געהאַט אַן אָפענע האַנט אַף געבן אַ נדבה, און אין מיטן דער וואָך, אַז ס'האָט זיך אים פאַרגלוסט, האָט ער פאַררופן געסט, געמאַכט אַ סעודה פון דער ברייטער האַנט — חי געלעבט!

מער פון אַלע ראַבינאָוויטשעס האָט ער ליב געהאַט דעם פעטער ניסל, געטראָגן, גלײַך ווי ער, אַ צעשפּאָלטענע קאַפּאָטע און שטאַרק אונטערגעהאַקטע פּאות, און ליב געהאַט, ווי דער שפּאָלער זיידע, ריידן מיט אַ ייִדן

אף גויִיש: „עי, ווי סוקינע דיעטי! וואס באלאבעטשעט איר דברים בטלים? פארא באגו מאליטסא!” א האנטשריפט האט ער געהאט א זעלטענע — א „כתבא רבא”, דערפאר, ווייל ער איז געווען א „ליוואק” (געשריבן מיט דער לינקער האנט, און אלע ליוואקעס שרייבן אויסגעצייכנט שיין — דאס איז דאך ידוע). אין דער היים איז ער אלע מאל געווען א גאסט, נאר אף יום־טוב. אפגעיום־טובט, איז ער ערגעץ אוועקגעפארן, מע ווייס ניט וווּהין, און געקומען אפן אנדערן יום־טוב און אנגעבראכט אהיים אזוי פיל מתנות, אז דאס גאנצע שטעטל איז געגאנגען כאדאראם און גערעדט פון שימעלעס מתנות א לאנגע צייט נאכדעם.

איינמאל אונטער א פסח איז ער געקומען פון ערגעץ צו פארן און ארויסגעלאזט א קלאנג, אז ער פארט־ארויס פון וואראנקא. וווּהין? א, ווייט! זייער ווייט! אזש קיין אדעס! „סקאטינעס, האט ער געזאגט, זיצן אט דא, אין אזא העק, טשארט וואס פאבערי! איר זאלט זיין אין אדעס, וואלט איר געוווּסט, פא קראני מיר, וואס הייסט א שטאט! איר זאלט א קוק טאן בא אפרתין א קאנטאר מיט סלוזשישטשעס, טשארט וואס פאבערי! וויפל גאלד דארט וואלגערט זיך איבער אין איין טאג, מעגט איר זיך עס ווינטשן פארמאגן אלע, סוקינע דיעטי, מיט מיר אינאיינעם!”...

דער עולם, פארשטייט זיך, האט שימעלען אויסגעהערט מיט אפענע מיילער, זיך געחידושט אף אפרתים קאנטאר און אפן געלט, וואס דארטן וואלגערט זיך איבער א טאג; נאר הינטער די אויגן האט מען געמאכט חוזק סיי פון שימעלען, סיי פון אפרתים קאנטאר. און מער פון אלעמען האט חוזק געמאכט שמואל־אלי דער נייער רב און חזן, וואס איז נאר־וואס ארויפגעקומען פון באריספאלי, א יונגערמאן א קלוגער און א גרויסער שייגעץ, אן עזות־מחוצף־פנים. ער האט געזאגט: „שפייט אים אין פנים, אט דעם שימעלען! ערשטנס, פארט ער גארניט ארויס; והשנית, איז ניט קיין אדעס, נאר אביסל נענטער, קיין רזשישטשעוו, און נישט ווייל די היגע מענטשן זיינען סקאטינעס, נאר פשוט, ווייל ער איז א בעל־חוב, די האר זיינען ניט זיינע — כא־כא־כא!”

נאר ווי אזוי די מעשה איז, צי אדעס, צי רזשישטשעוו, צי ווייל די וואראנקאווער מענטשן זיינען סקאטינעס, צי ווייל ער איז א בעל־חוב, די האר זיינען נישט זיינע, — שימעלע האט נישט געמאכט קיין ליצנות: ער האט באלד נאך פסח גענומען אויספארקויפן דאס בעל־הבתישקייט פאר האלב געלט, א סך זאכן האט ער צעגעבן אומזיסט, אויסגעקליידט די מיידלעך אזוי ווי די כלות, און פאר די ייִנגלעך באשטעלט בא ישראל דעם שניידער קורצע ווייטיקלעך, ווי עס פאסט פאר אזא גרויסער שטאט, ווי אדעס, און בכדי דאס שטעטל זאל נאך מער קאכן, האט שימעלע בא־

פוילן העניען, זײַן ווײַב, זי זאָל מאַכן אַ סעודה — מילכיקע וואַרעניקעס, טשאָרט איך פּאָבערי — פאַר דער גאַנצער שטאָט!

פאַרשטייט זיך, אַז געקומען אויף דער שמחה זײַנען אַלע, די גאַנצע שטאָט, און דער ערשטער איז געקומען דווקא שמואל־אלי, דער נײַער רב און חזן, וואָס האָט הינטער די אויגן אַזוי חוזק געמאַכט פון שימעלען, גע־מאַכט פון אים גאָר אויסצודרייען; דערפאַר האָט ער אָבער אין די אויגן אים אַזוי געחנפט, אַז עס האָט פּשוט געשלאָגן צו דער גאַל!

אינאיינעם מיט די גרויסע זײַנען געקומען צו דער סעודה, וואָס שי־מעלע האָט געמאַכט, אויך קליינוואַרג. נאָר אַנשטאָט דעם, זיי זאָלן זיצן אין שטוב גלײַך מיט אַלע, זײַנען זיי בעסער געווען אין דרויסן בײַ די בוידן, זען ווי מע פּאַקט זיך אין וועג אַרײַן. און שלום נחום וועוויקס האָט זיך מיט דעם ייִנגסטן פון שימעלעס קינדער, מיט פּיניעלען, אַ ייִנגל מיט אַ פאַרזאָרגט פּנימל און מיט גרויסע ביינקאָוואַטע אויגן, פאַרקליבן אין איינע פון די בוידן, אַרויפגעקראָכן גאַנץ אויבנאָן, זיך באַזעצט און גע־שמועסט פון דער ווײַטער נסיעה, וואָס זיי שטייט־פאָר.

פּיניעלע שימעלעס איז געווען אין יענער צײַט דער סאַמע נענטסטער חבר פון שלום נחום וועוויקס — און אים האָט שלום ליב געהאַט דערפאַר, וואָס ער ווייס אַלצדינג, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך, וואָרעם אַ חוץ וואָס פּיניעלע האָט זיך אָנגעהערט אַ סך מעשיות פון גרויסע שטעט פון זײַן טאַטן, שימעלען, איז ער אַליין אויך געווען אין דער גרויסער שטאָט, אין פּערעיאַסלאַוו, איבער אַ מעשה מיט אַן אַרבעסל.

פּיניעלע האָט, שפּילנדיק, געפּרוּווט אַרײַנלייגן איינמאָל אַן אַרבעסל אין איין אויער אַרײַן און אַרויסנעמען דאָס פונעם אַנדערן אויער. פאַר־שטייט זיך, אַז דאָס אַרבעסל האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, נישט געוואָלט אַרויס נישט פון ד ע ם אויער און נישט פונעם אַ נ ד ע ר ן אויער, און עס האָט בעסער אָנגעהויבן צו וואַקסן בײַ אים אינעווייניק און אַרויסגערופן אַזאַ קאָפּ־ווייטיק, אַז דער קונדס האָט געמוזט אויסזאָגן דעם גאַנצן אמת מיטן אַרבעסל. האָט ער פריִער באַקומען אַ רעכטע פּאַרציע שמיץ — „אַ ייִנגעלע זאָל ניט לייגן קיין אַרבעסלעך אין אויער אַרײַן", און דערנאָך האָט מען מיט דרעטלעך און מיט שפּיזלעך און מיט „סירניקלעך" גע־פּאָרקעט אים אַזוי לאַנג אין אויער, ביז מע האָט אים געמוזט אָפּפירן אין דער גרויסער שטאָט אַרײַן, קיין פּערעיאַסלעוו, אויף אַן אָפּעראַציע.

פון דער דאָזיקער נסיעה אין דער גרויסער שטאָט אַרײַן האָט פּיניעלע נאָכדעם געהאַט צו דערציילן און צו דערציילן גאַנצע פּעק, און ער איז ניט ווילנדיק אויסגעוואַקסן בײַ זײַנע חברים אין די אויגן מיט אַ גאַנצן קאָפּ העכער. אַ קלייניקייט — אַ ייִנגל איז אַליין געווען אין פּערעיאַסלעוו און אַליין געזען מיט זײַנע אייגענע אויגן אַן אַ שיעור הײַזער מיט בלעך גע־

דעקט, מיט „פעשעכאָדן" (טראָטואַרן) אַף אַלע גאַסן, ווײַסע קלויסטערס מיט גרינע קאָלפּעקעס און מיט גאָלדענע צלמים, געמויערטע קלייטן, קאַ־ווענעס און דיניעס גאַנצע בערג, עפּל און בארן אַן אַ שיעור און אַן אַ צאָל, וואָס וואַלגערן זיך אַף דער הוילער ערד, און סאָלדאַטן, וואָס „מאַרשטירן" אין די גאַסן, און נאָך כדומה אַזעלכע חידושים ונפלאות!

פון דעמאָלט אָן זײַנען פּיניעלע שימעלעס און שלום נחום וועוויקס געוואָרן חבר, נפש אחת, און פאַר קיינעם איז שימעלעס אָפּפאָרן פון וואָ־ראָנקאָ נישט געווען אַזאַ קלאַפּ, ווי פאַר שלומען! אַ חוץ וואָס ער האָט מקנא געווען פּיניעלען, וואָס יענער פאָרט און ער ניט, איז אים שווער געווען זיך צעשיידן מיט זײַן חבר, וועלכן ער האָט ליב געקריגן ניט ווינ־ציקער ווי זײַנע פריִער־דערמאָנטע חברים.

באַ זייער לעצטן זעעניש, פאַרן געזעגענען זיך, האָט דער גליקלעכער פּיניעלע שימעלעס, פײַנטשיק אויסגעקליידט און אָן אויסגעצוואָגענער, אַרײַנגעלייגט די הענט אין די קעשענעס און גענומען מאַכן חוזק פון וואָ־ראָנקאָ. „וואָס איז וואָראָנקאָ? — אַ העק, אַ גרוב, אַ דאָרף, ערגער פון אַ דאָרף! און די מענטשן? — קבצנים, דלפנים, עניים ואביונים! וואָס אין אָדעס פאַרמאָגט איין אפרתי, נאַרעלע, פאַרמאָגן דאָס ניט אַלע וואָראָנקאָ־ווער יִדן שוין מיט די נגידים אינאיינעם"...

דערנאָך האָט פּיניעלע גענומען צו דערציילן גרויסקייט פון זיך און פון זייער משפחה, ווי אַזוי זיי וועלן דאָס באַלד געבן אַ פאָר־אַרויס מיט די בוידן, אַז ס'וועט אַזש גיין אַ רויך! און ווי אַזוי זיי וועלן זיך עס אַביסל אָנפאָרן! און דערנאָך וואָס ס'וועט זיך טאָן, אַז זיי וועלן דאָס געבן אַ פאָר־אַרײַן קיין אָדעס! אַלע גרויסע לײַט וועלן זיי אַרויסקומען אַקעגן מיט אַברייטן שלום־עליכם און מיט פרישע קוילעטשן און מיט געבראָטענע קאַטשקעס און מיט גוטן ווישניק, און אפרתי וועט אויך זײַן דאָרטן...

— ווער איז דאָס דער אפרתי? — פרעגט אים שלום.

— אפרתי ווייסטו ניט? — ענטפערט אים פּיניעלע, ווי אַ גרויסער.

— אפרתי דאָס איז אונדזערער אַ קרוב פון דער מאַמעס צד, אַ גביר, אַן אַדיר, אַ מיליאָנשטשיק! איך האָב דאָך דיר געזאָגט שוין, אַז וואָס דער איין אפרתי פאַרמאָגט אין איין קעשענע, נאַרעלע, פאַרמאָגן דאָס ניט אַלע היגע יִדן מיט די נגידים אינאיינעם. קאָנסט פאַרשטיין, ווי רײַך ער איז, אַז פאָרן פאָרט ער אַרויס מיט זעקס פערד „נאַשפּיץ" און איינער אַ רײַטער פליט אַף־צו־פריִער. אָנגעטאָן גייט ער פון קאָפּ ביז די פיס אין זײַד און אין סאַמעט, און צוויי טולעפּעס האָט ער: איינער אין אַ יענאָטענער און דער אַנדערער איז פון פּיזעם. און עסן עסט ער אינדערוואָכן נאָר קוילעטש און נאָר געבראָטענע קאַטשקעס און פאַרטרינקט מיטן בעסטן ווישניק...

— און וואָס וועט איר דאָרטן טאָן? — פרעגט אים שלום און שלינגט

די סלינע פון די געבראָטענע קאַטשקעס מיטן גוטן ווישניק.

— וואָס הייסט, וואָס? — ענטפערט אים פּיניעלע אַזוי פּראָסט און ערנסט. — וואָס טוען אַלע ייִדן אין אָדעס? וואָס טוט אפּרתי? אפּרתי האָט אייגענע אַמבאַרעס מיט ווייץ, מײַן טאַטע וועט האָבן אַמבאַרעס מיט ווייץ. אפּרתי האָט אַ קאַנטאָר מיט מענטשן, מײַן טאַטע וועט האָבן אַ קאַנטאָר מיט מענטשן. און געלט — געלט וועט זיך אונדז שיטן אין די קעשענעס פּולע זעק! דו שפּילסט זיך מיט אָדעס?...

און פּיניעלע האָט גענומען דערציילן די גרויסקייט פון אפּרתין און די שיינקייט פון דער שטאָט אָדעס מיט אירע דרײַעטאַזשנע מויערן. „נאַר־עלע, אונדזער שטאָט איז אַקעגן אָדעס, ווי אַזוי זאָל איך דיר זאָגן? — ווי, למשל, אַ פליג קעגן אַ קלויסטער, אָדער ווי אַ מורעשקע קעגן אַ עלעפאַנט!”

איר וואָלט געמעגט שווערן, אַז ער איז דאָרטן אַליין געווען און געזען אַלצדינג מיט זײַנע אייגענע אויגן. זײַן חבר האָט אים געקוקט אין מויל אַרײַן און געשלונגען יעדעס וואָרט איטלעכס ווי שטאַרק, שטאַרק מקנא געווען! איין זאַך נאָר איז אים געווען אַביסל קשה, און ער האָט זיך נישט געפּוילט עס אַ פרעג טאָן בײַ זײַן חבר פּיניעלען: וויבאַלד אָדעס איז יאָ אַזאַ טײַערע שטאָט און אפּרתי דער מיליאָנטשיק איז זייערער אַ קרוב, וואָס־זשע האָבן זיי געשוויגן ביז אַהער? פאַרוואָס זײַנען זיי פריִער ניט אַרויסגעפאָרן אַהינצוצו?... דערויף האָט פּיניעלע אָפּגעענטפערט, נאָר קיין סך נישט געטראַכט:

— נאַרעלע! אַ קרוב, מיינסטו, טאַקע אַ נאָענטער קרוב — אַ פעטער? צי אַ געשוועסטערקינד? צי אַ מחותן? עס הייבט זיך גאָרנישט אָן! אַ ווײַטער קרוב! אפילו ניט קיין שני־בשלישי. זיי זײַנען נאָר ביידע, דאָס הייסט אפּרתי און מײַן מאַמע, פון איין שטאָט, פון מעזשירעטשקע. מײַן מאַמעס מאַמע איז פון מעזשירעטשקע און אפּרתים טאַטע, זאָגט מען, איז אויך געווען אַ מעזשירעטשקער...

מע קאָן ניט זאָגן, אַז פּיניעלעס ענטפער זאָל זײַן אַ תירוץ מספּיק אַף דער פראַגע, וואָס שלום האָט אים אָוועקגעשטעלט. נאָר די צײַט איז זיך געגאַנגען, און די צוויי חברים האָבן זיך אַזוי פאַררעדט וועגן אָדעס און וועגן אפּרתים יחוס פון מעזשירעטשקע און וועגן נאָך זאַכן, אַז זיי האָבן זיך גאָרניט אומגעקוקט, ווי דער פרימאָרגן איז אַוועק. דער עולם האָט שוין דערווײַל לאַנג אָפּגעגעסן די וואַרעניקעס, געווען עפּעס מאָדנע אויפגערוימט, רויטלעך און פאַרשוויצט, און מע איז שוין געשטאַנען בײַ די בוידן און גענומען געזעגענען זיך זייער פרײַנטלעך מיט שימעלען און מיט זײַן משפחה, קושן זיך און ווינטשעווען אַלדאָס גוטס. מער פון אַלעמען האָט זיך געקושט שמואל־אַלי דער רב און חזן, געהאַלטן עפּעס מאָדנע די אויערשטע ליפּ, ווי זי וואָלט וועלן לאַכן, און צוגעווינטשעוועט די אָפּפאָ־

רנדיקע, ס'זאָל זײַן אין אַ מזלדיקער שעה, און געבעטן שימעלען, ער זאָל זײַן אַזוי גוט און לאָזן גריסן ג א נ ץ אָדעס, און אפרתין — „למען השם, ניט פאַרגעסן אפרתין לאָזן גריסן גאָר פרײַנטלעך!"

— פּראָשטשאַוואַיטע, סוקינע דיעטי! — האָט זיך שימעלע פריילעך אָפּגעזעגנט צום לעצטן מאָל שוין פון בויד אַרויס מיטן גאַנצן שטעטל. — פּראָשטשאַוואַיטע! ניע פּאָמינאַיטע ליכאָם! און לאָז אײַך גאָט העלפן, איר זאָלט זיך אַרויסקאַראַטשקען פון דער דאָזיקער בלאָטע במהרה בימינו — היידאַ!

— היידאַ! — האָט אים נאָכגעזאָגט אויך פּיניעלע, אַ שטייענדיקער אין בויד, האַלטנדיק ביידע הענט אין די קעשענעס, ווי אַ גרויסער, און קוקנדיק אַף זײַן חבר שלום מיט ליבשאַפט און מיט גדלות — און די בוידן האָבן זיך גערירט.

און אַז די בוידן זײַנען אַוועק, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ ריח פון פערד און אַ גאַנצע וואָנט פון שטויב, האָט זיך שמואל־אלי געכאַפּט מיט ביידע הענט בײַ די זײַטן און האָט אַזוי געלאַכט, זיך אַזוי געקאַטשעט, גלײַך ווי צען טויזנט שדים וואָלטן אים געקיצלט בײַ די פּיאַטעס: „כאַ־כאַ! קיין אָדעס פאָרט ער! צו אפרתין, כאַ־כאַ־כאַ!!!"...

אין דער מינוט האָט זיך דער פאַלשער שמואל־אלי געקויפט אַ שונא, אַ דם־שונא! דאָס איז געווען שלום נחום וועוויקס: אים איז ניט געווען צום לאַכן. אדרבה, אים האָט זיך געוואָלט וויינען. ערשטנס, פאַרלוירן אַ חבר — פּיניעלען. צווייטנס, די קנאה: יענער פאָרט אַוועק. און וווּהין? אַזוי ווײַט! אַזש קיין אָדעס! און ועל כולם — און דאָס איז דער עיקר, — וואָס דאָס אַמאָליקע שיינע חנעוודיקע שטעטל וואָראָנקאָ איז עפּעס ווי קלענער געוואָרן, קלענער און נידעריקער און טונקעלער, און עס האָט מיט אַמאָל אָנגעוווירן דעם גאַנצן חן, מיטן גאַנצן גלאַנץ און מיטן גאַנצן כשוף. און עס האָט אים פאַרקלעמט בײַ דער נשמה, און ער איז, אַ באַ־טריבטער, אַ פאַרביטערטער, מיט אַ צעוויינטן האַרץ, אַוועק אין חדר אַרײַן...

נ. ב. אין אַ צײַט אַרום, עס זײַנען אַוועק יאָרן און יאָרן, האָט זיך אַרויסבאַוויזן, אַז שמואל־אלי דער חזן האָט ניט אומזיסט אַזוי געלאַכט: שימעלע איז אַריבערגעפּאָרן מיט זײַן געזינדל נישט קיין אָדעס, נאָר קיין ר ז ש י ש ט ש ע װ , אַ קליין שטעטל אין קיעווער גובערניע, גאָרניט אַזוי שטאַרק ווײַט פון וואָראָנקאָ. צו וואָס האָט אים געטויגט דער אָנשטעל פון אָדעס און פון אפרתין — דאַרף מען פרעגן בײַ זײַנע קינדער, וואָרעם שימעלע איז שוין לאַנג אַף דער וועלט נישטאָ.

19

משנה מקום — משנה מזל

עס האַלט באַ פּאַרלאָזן כתריל׳עווקע. — הערשל מיט דער סין טוט־אָן דעם שותּף אַ ספּאָדעק. — דער באָבע מינדעס תּכריכים.

פון וואַנען דאָס האָט זיך גענומען — קאָן דער פּאַרפאַסער פון די דאָזיקע באַשרייַבונגען נישט זאָגן. נאָר שימעלע האָט געמאַכט דעם ערשטן פּעטשאַטעק. תּיכּף נאָך זייַן אַרויספאָרן האָבן די איבעריקע וואָראָנקאָווער בעלי־בתּים אויך גענומען שמועסן פון „משנה מקום — משנה מזל״ און פון אַריבערפּעקלען זיך אין אַנדערע גרעסערע שטעט: ווער קיין באַריש־פּאָליע, ווער קיין רזשישטשעוו, ווער קיין וואַסילקאָוו און ווער נאָך ווייַטער.

אויך אַף נחום וועוויקס האָבן זייַנע קינדער געהערט דערציילן בסוד־סודות, אַז ער קלייַבט זיך אַריבער אינגיכן צוריק קיין פּערעיאַסלאַוו, אין דער גרויסער שטאָט, פון וואַנען ער איז אַמאָל אַריבערגעפאָרן אַהער, קיין וואָראָנקאָ, בעת די קינדער זייַנען נאָך געווען גאָר קליינינקע, און אויס־געלאָזט האָט מען דעם סוד מיט די ווערטער: „משנה מקום — משנה מזל״...

באַ די קינדער האָט דאָס פּערעיאַסלאַוו אויסגעזען מוראדיק גרויס און פול מיט חן און פול מיט סוד. „פּערעיאַסלאַוו איז אַ מקום־פּרנסה״, — אַזוי האָבן צווישן זיך געשמועסט די גרויסע, און קליינוואַרג האָבן זיך צוגעהאָרכט צו די שמועסן, נאָך ווינציק פאַרשטאַנען, נאָר געפילט האָבן זיי, אַז דאָס פּערעיאַסלאַוו איז עפּעס אַ גוטע זאַך, האָבן זיי געקליבן תּענוג און צו גלייַכער צייַט האָט זיי באַנג געטאָן זיך שיידן מיטן קליינעם שטעטעלע, וווּ זיי האָבן פאַרבראַכט זייערע בעסטע קינדערשע יאָרן, די סאַמע גאָלדענע צייַט פון זייער יוגנט.

„וואָס וועט זייַן — האָט זיך דער קליינער שלום געטראַכט — מיט דעם וואָראָנקאָווער אַלטן בית־מדרש, אַז אַלע ייִדן וועלן זיך צעפאָרן? ווער וועט זיצן אַף זייערע ערטער אין מזרח־זייַט? און דער באַרג, וואָס אַף יענער זייַט בית־מדרש, וואָס וועט זייַן מיט אים? און מיט די ייִדישע קלייטן? און מיטן אוצר?... ניט שווין־זשע וועט פאַרלוירן גיין אַזאַ גוטס, וואָס ליגט אַנגעגרייט פון ייִדנס וועגן טיף אין דער ערד אַזוי פיל יאָרן? ניט שווין־זשע וועט דאָס אַלצדינג אונטערגיין, כּלה ונאבד ווערן?!...

וויפל מע האָט זיך ניט געהיט פאַר די קינדער ניט צו ריידן אין שטוב פון „אַזעלכע זאַכן״, האָבן זיי דאָך געכאַפּט ווערטער: „משנה מקום — משנה מזל״... „פּרנסה איז געשלאָגן״... פאַרוואָס אַז מע איז משנה

דעם מקום, איז מען משנה דעם מזל? און וואָס איז, אייגנטלעך, אַזעלכעס
„פּרנסה" און ווי אַזוי „שלאָגט" מען זי? — דאָס האָבן קליינוואַרג נאָך
ניט אַקוראַט פאַרשטאַנען. נאָר לויט דער מינע, וואָס די גרעסערע האָבן
בעת־מעשה געמאַכט, האָבן די קלענערע זיך אָנגעשטויסן, אַז עפּעס טוט
זיך, עפּעס קומט־פאָר... שטענדיק אַ שטילער, אַ רויִקער, אַ בעל מרה־
שחורה, איז נחום וועוויקס געוואָרן נאָך מער שטיל און נאָך מער מרה־
שחורהדיק. תמיד אַן איַינגעבויגענער, איז ער געוואָרן נאָך מער איינגע־
בויגן. אפן הויכן וויַיסן שטערן האָבן זיך אויסגעלייגט נאָכאַמאָל אַזוי פיל
קנייטשן, ווי פריִער. אינצווישן פלעגט ער זיך פאַרשליסן מיטן יִינגערן ברו־
דער, מיטן פעטער ניסלען, רייבעךן אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס און עפּעס
נאָר געסודעט זיך און נאָר געשטיקט זיך... מע האָט דעם לעצטן ווינטער
אויפגעהערט באַ די ראַבינאָוויטשעס פראַוועז מלווה־מלכהס פאַר דער
גאַנצער שטאָט. דעם לעצטן שמחת־תורה און שמיני־עצרת האָט מען אַפילו
נאָך געהוליעט, דער פעטער ניסל האָט אַפילו זיך נאָך געביטן מיטן סטאַ־
נאָוואָי מיט די היטלען און כלומרשט געטאַנצט מיט אים אפן דאַך אויך
— נאָר ס'איז שוין געווען ניט דאָס הוליען און ניט דאָס טאַנצן, וואָס
פריִער. אַפילו די מומע האָדל איז געוואָרן געלאַסן, פאַרלוירן אַ סך פון איר
גיפט... עפּעס איז די גאַנצע משפּחה געוואָרן ווי צעשרויפט. נאָר איין
באָבע מינדע האָט זיך נאָך געהאַלטן שטאָלץ, ווי אַ דעמב, די אייגענע
ריינקייט און טשעפּעקייט, וואָס פריִער. די אייגענע ציכטיקייט און זווי־
בערקייט, וואָס אַלעמאָל. נאָר די שבת־אויבסטן זיַינען געווען, דאַכט זיך,
שוין ניט די, וואָס תמיד. די עפּעלעך אַביסל צוגעפרוירן און צוגעלעגערט
און אַביסלע ווי אונטערגעפוילט, די ניסלעך פּיַיפעדיק, און אין די פּיַיגן
האָבן זיך פאַרפלאָדעט ווערעם... געדאַוונט און געבענטשט האָט די באָבע
מינדע, ווי פריִער, געשמאַק און הויך אַף אַ קול, ווי אַ מאַנצביל, פון איר
גרויסן ציכטיקן קרבן־מנחה אַרויס, און אויסגעשמועסט זיך מיטן רבונו־
של־עולם. נאָר ס'איז שוין געווען ניט דאָס דאַוונען און ניט דאָס אויס־
שמועסן זיך מיט גאָט. עפּעס האָט זיך געטאָן אין דער משפּחה, עפּעס איז
פאָרגעקומען באַ די ראַבינאָוויטשעס אַ מין סוד.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן אַ גאַנץ ווינטער, ביז עס האָט פלוצעם
אויסגעזעצט דער בלאָטער, דער אמת איז אַרויף ווי בוימל אפן וואַסער,
און די גאַנצע שטאָט איז געווירע געוואָרן פונעם סוד, אַז נחום וועוויקס
שותּף פון דער פּאָסעסיע, אַ ייִד אַן אָנגעפּעלצטער מיט אַ רויטער נאָז
(הערשל האָט ער געהייסן, נאָר וויַיל ער האָט ניט געקאָנט אַרויסריידן קיין
שין, נאָר אַ סין, האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן „הערסל מיט דער סין"),
האָט זיַין שותּף נחומען בדיל־הדל געשטעלט, פּשוט באַגנבעט, און חוץ לזה

האָט ער אים נאָך שטילערהייט אויסגעדונגען פון דער פּאַסעסיע! איז געוואָרן אַ ויצעקו אין שטאָט: „סטייטש, רב נחום, וואָס שווייגט איר אים? פאַרוואָס נעמט איר אים ניט צום רב, צו מענטשן?״ נאָר אַז ס׳איז געקומען צום רב און צו מענטשן, האָט דער דאָזיקער הערשל מיט דער סין זיך אויסגעלאַכט און אַרויסגערעדט זיך עפּעס מוראדיק גראָב (און דווקא מיט דער סין, ווי זיין שטייגער איז), אַז ס׳איז גאָר אַ בזיון דאָס פאַרן מויל צו ברענגען...

— אַ יונגאַטש קאָן! — האָט דער פעטער ניסל געטענהט, געמאַכט מיט די הענט און געדרייכערט מוראדיק גראָבע פּאַפּיראָסן, און ער האָט זיך געשוווירן, אַז זיין נאָמען וועט ניט הייסן ניסל, אויב ער וועט אָט דעם שייגעץ, דעם הולטיי, דעם גראָבן יונג מיט דער סין ניט אַריינפּאַקן אין אַסטראָג אַריין, ווינציקסטנס, אויף פינף און צוואַנציק יאָר!

— וואָסער פּאַקן? וואָסער אַסטראָג? וואָסערע פינף און צוואַנציק יאָר? — אַזוי האָט אים דער עלטערער ברודער, נחום, אָפּגעקילט מיט אַ ביטערן שמייכל און אויך פאַררייכערט אַ גראָבן פּאַפּיראָס. — מע האָט מיר אָנגעטאָן אַ ספּאָדעק, און מע מוז איצטער פאָרן צוריק קיין פּערעיאַסלאַוו. משנה מקום — משנה מזל...

דאָס זיינען געווען קלאָרע דבורים, וואָס חברה האָבן פאַרשטאַנען, באַטש איין זאַך איז זיי נאָך געווען אַביסל ניט אַזוי פאַרשטענדלעך: פון וואָסער אַ „ספּאָדעק״ האָט זיך דאָ גערעדט? צוגיין צום טאַטן און פרעגן: „טאַטע, וואָס פאַר אַ ספּאָדעק האָט מען דיר אָנגעטאָן?״ די קינדער האָבן נאָר געזען, אַז דער טאַטע צאַנקט, גייט איינגעבויגן. יעדער זיפץ און יעדער קרעכץ רייסט־אויס אַ שטיק האַרץ.

— איר וועט דאָ בלייבן איבערן זומער לערנען, אַז עבירה אינמיטן זמן אייך אָפּצורייסן, און אם ירצה השם אויף סוכות וועט מען שיקן נאָך אייך אַ פור, וועט איר קומען צו פאָרן.

אַזוי האָט נחום וועוויקס געגעבן צו וויסן די קינדער איינמאָל אין אַ זומערדיקן טאָג, און צו זייער שטוב זיינען צוגעפאָרן צוויי בוידן, פּונקט אַזוי ווי דעמאָלט צו שימעלען, און מע האָט זיך גענומען פּאַקן אין וועג און געזעגענען זיך מיט דער שטאָט. ס׳איז אָבער געווען ניט דאָס פּאַקן זיך און ניט דאָס געזעגענען זיך און ניט די פריילעכע וואָרעניקעס, וואָס בא שימעלען. עפּעס האָט זיך אַ באַזונדערער טרויער אויסגעגאָסן אויף אַלעמען און אַ מרה־שחורה איז געלעגן אויף אַלע פּנימער. די גאַנצע שטאָט האָט מיטגעפילט די ראַבינאָוויטשעס. „זאָל זיי גאָט העלפן; משנה מקום — משנה מזל; נעבעך אַ רחמנות!״ — אַזוי האָט מען געשמועסט הינטער די אויגן, און די קינדער האָבן נאָך וויי־

ציק־וואָס פאַרשטאַנען, פאַרוואָס און אויף וועמען איז עס אַזאַ רחמנות? אויב שוין יאָ אַ רחמנות, איז עס געווען אויף דער באָבע מינדע, וואָס האָט אויף די עלטערע יאָרן באַדאַרפט צונויפליייגן איר קאַסטן, זיך פּאַקן אין וועג אַריין. יונגוואַרג האָבן דערווייל געהאַט אַ געלעגנהייט כאַפּן אַ קוק, וואָס בײַ דער באָבע אין קאַסטן טוט זיך: אויסער די זײַדענע אויסגעפּרעסטע טיכלעך, וואָס זײַנען געלעגן אויסגעלייגט צווישן די בלעטער פון קרבן־מנחה, אויסער די יומטובדיקע זײַדענע מלבושים און סאַמעטענע רעזעוווּלקעס, עפּעס מאָדנע געניייט, מיט קורצינקע אַרבעלעך און פייענע עקלעך — אויסער דעם גוטס און האָב, איז דאָרט געלעגן ווײַט־ווײַט אין אַ ווינקעלע זייער אַ סך ווײַס־שטאָף. דאָס איז געווען דער אַלטערס תכריכים, וואָס זײַנען געלעגן בײַ איר צוגעגרייט פון ווייס איך ווען אָן אויף איבער הונדערט יאָר, אַז טאָמער וועט זי שטאַרבן, זאָל זי ניט דאַרפן אָנקומען צו אַ קינד... דאָס האָבן געוווּסט אַלע; פונדעסט־וועגן האָבן חברה געהאַט אַ האַרץ אַ פרעג צו טאָן בײַ דער באָבע: „צו וואָס באַדאַרף זי האָבן אַזוי פיל ווײַסע מאַטעריע?"... דער פרעגער איז געווען נישט קיין אַנדערער, נאָר דער קלענסטער פון אַלע אין וווּקס און דער גרעסטער פון אַלע אין שקאַצערײַ, דער שרײַבער פון די דאָזיקע זכרונות. ער האָט דערפאַר באַקומען פון דער באָבע אַ שיין ביסל מוסר, און זי האָט אים נאָך צוגעזאָגט צושטעלן אַ בענקעלע פאַרן טאַטן. זי קלײַבט זיך שוין פון לאַנג, האָט זי געזאָגט, אויף דעם קליינעם „לץ". זי ווייס, זאָגט זי, גאַנץ גוט, אַז ער מאַכט איר נאָך הינטער די פּלייצעס, ווי אַזוי זי דאַוונט און ווי אַזוי זי בענטשט (און דאָס איז דווקא געווען אָן אמת). זי וועט דאָס שוין אַלצדינג דערציילן, אַלצ־דינג! זי וועט זיך שוין קילן דאָס האַרץ!... צום סוף האָט זיך אויסגע־לאָזט, אַז ווער־וואָס? די באָבע האָט אַפילו ניט אָנגעהויבן צו דערציילן. אדרבה, פאַרן אוועקפאָרן, אַז ס'איז געקומען צום געזעגענען זיך, האָט זי זיך צעקושט מיט יעדן קינד באַזונדער, ווי נאָר אַ מאַמע קאָן זיך קושן, און געוויינט, ווי נאָר אַ מאַמע קאָן וויינען. און שפּעטער, אַז מען האָט שוין באַדאַרפט טאַקע זעצן זיך פאָרן, האָט זי צום לעצטן מאָל זיך אָפּ־גערופן צו די קינדער:

— זײַט־זשע געזונט, קינדערלעך! גאָט זאָל העלפן, איר זאָלט דער־לעבן אַלע צו גיין נאָך מײַן לוויה...

אַזאַ מין ווינשעוואַניע!

דער עולם צעקריכט זיך

שמואל-אלי שפּילט אין שאַך. — דער עולם קומט זיך געזעגענען. — ווײַבער מיט פּאַרוויינטע אויגן פּיסקלען זיך. — מע דאַרף זײַן פון אײַזן, מע זאָל ניט לאַכן.

דער טאָג פון נחום וועוויקס אַוועקפאָרן איז געווען פאַר דער שטאָט אַ תשעה־באב און פאַר די קינדער — אַ שמחת־תורה: אַ קלייניקייט אַזאַ יום־טוב? ערשטנס, לערנט מען ניט. ווער ווער דאָס גיין אין אַזאַ טאָג אין חדר אַרײַן? און צווייטנס, איז גלאַט לעבעדיק — מע קלײַבט זיך, מע פּאַקט זיך, מע רוקט שאַפעס, עס קלינגען גלעזער, גאָפּל־מעסער, עס קומען בוידן, און עסן עסט מען ווי ערב־פּסח, בחפזונדיק! הײַנט די פּאָר גראָשנס, וואָס מע וועט באַקומען „אַטיזנע" (אָפּפאָר־געלט)? דערווײַל זעט מען עס נאָך נישט. דערווײַל קומען נאָך בעלי־בתים זיך געזעגענען. דאָס הייסט, זיי קומען, מע זאָל זיי זאָגן „זײַט געזונט", ווען זיי זאָגן „פאָרט געזונט" און אַנווינטשן דערבײַ אַן אַ שיעור גוטע זאַכן, ווי געזונט און הצלחה און מזל און אַלדאָס גוטס.

פריִער פון אַלע איז געקומען שמואל־אלי דער רב און חזן. שמואל־אלי איז אַן אָפּטער אײַנגייער צו די ראַבינאָוויטשעס. ער קומט אַלע טאָג. ווי אַן ערלעכער ייִד לאָזט נישט דורך דאַוונען, אַזוי לאָזט ער נישט דורך קיין שאַך שפּילן מיט רב נחומען. שפּילן אַ שאַך איז בײַ אים אַ פאַרגעניגן. געווינען בײַ רב נחומען אַ שאַך איז בײַ אים אַ גליק. אַ מאָדנע טבע בײַ דעם שמואל־אלין: פאַרשפּילט ער — שרײַט ער, געווינט ער — שרײַט ער. נאָר געווינען געווינט ער זעלטן. מערסטנטיילס פאַרשפּילט ער. און אַז ער פאַרשפּילט, שרײַט ער, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות, אַז ער איז געגאַנגען נישט מיט דעם ציגל, וואָס ער האָט געוואָלט, און אַז ער זאָל געווען גיין אַנדערש, וואָלט דער אַנדערער פאַרשפּילט!...

בײַ אַזאַ שפּיל, אַז ס'איז געזעסן דער פעטער ניסל, האָט ער נישט געקענט לײַדן. האָט ער געפרעגט שמואל־אלין: „וואָס שרײַט איר?" דער טאַטע נחום איז אָבער נישט געווען אַזאַ מענטש. ער האָט רויִק אויסגעהערט שמואל־אלין, ווי ער קאָכט זיך, פּאַוואָלינקע געשמייכלט זיך אין באָרד אַרײַן און געשפּילט ווײַטער. די מאַמע חיה־אסתר איז געווען אויסער זיך: אין אַזאַ צײַט, אַ שעה פאַרן אַוועקפאָר, זעצט מען זיך אַוועק שפּילן אין שאַך? „דאָס לעצטע מאָל, חיה־אסתר, געזונט זאָלט איר זײַן! איר פאָרט אַוועק, דער עולם צעקריכט זיך, קיינער בלײַבט ניט, מיט וועמען וועל איך שפּילן אין שאַך?"

אזוי בעט זיך שמואל־אלי דער חזן און פארשארט דאָס היטל ארויף, נעמט זיך צו דער ארבעט און הייבט שוין אָן צו קאָכן זיך און צו שרייַען, אז ניט אזוי איז ער געגאַנגען, ווי ער האָט געוואָלט, און נחום שמייכלט און לאָזט אים גיין אנדערש.

דאָס שפּילן גייט אָבער באַ זיי ניט ווי אַלע מאָל. עס קומען אַלע מינוט צו גיין נייַע מענטשן זיך געזעגענען. מע קאָן ניט זיַין אזוי גראָב און מע מוז איבעררייַסן אין מיטן שפּילן, אז עס קומט צו גיין אזא ייִד אַ שכן, ווי רב אייַזיק. ער מעג טאַקע האָבן אַ ציגן בערדל און דאַווענען אַף אַ דין קולכל, איז ער אָבער אַ ליבאַוויטשער חסיד און זייער אַן ער־לעכער ייִד. צי, אַשטייגער, באַלד נאָך אים איז געקומען דן. דן איז אַ יונג־גערמאַן מיט ווייַסע האָר, דאָס הייסט געל, נאָר געל, ווי פלאַקס. ער איז בטבע אַ שווייַגער, רעדט נישט מיט קיינעם. נאָר איצט, אַז רב נחום פאָרט־אַרויס פון וואַראַנקאַ, האָט זיך דן צערעדט. ער וואָלט אַפילו געוועז, זאָגט ער, אויך אַרויסגעפאָרן, ער זאָל האָבן וווהין. כאַפּט דאָס דער רוח! ער וואָלט אַ בעלן געווען פאַרקויפן זייַן געשעפט, ער זאָל האָבן וועמען. כאַפּט דאָס דער רוח!... שמואל־אלי קוקט אַף אים, ווי אַ גזלן, און דן הערט ניט אויף צו שיטן מיט ווערטער. אַ מענטש האָט זיך צערעדט! אַנטשוויגן ווערט ער ערשט דעמאָלט, ווען עס קומען צו גיין אַנדערע זיך געזעגענען. און קומען קומט די גאַנצע שטאָט, איינס נאָכן אַנדערן. פריִער ייִדן, דער־נאָך ווייַבער. אַלע אַראָפּגעלאָזט די נעז, אַלע פאַרזאָרגט. אַנדערע פאַרווייַנט. איין ייִדענע האָט געבראַכט צו טראָגן די קינדער מאָנפּאַסיע־קאָנפעקטן. אַ ייִדענע אַ צדקנית!...

שטאַרק פאַרווייַנט זייַנען די צוויי ווייַבער, וואָס האָבן חתונה געהאַט באַ די ראַבינאָוויטשעס אין שטוב. דאָס זייַנען „פרומע די מויד" מיטן בלינדן אייגל און „פייגעלע־אַשמדאי". די צוויי האָבן אזוי שטאַרק געווישט די אויגן און געשנייַצט די נעז און געמאַכט אַזעלכע מאָדנע פּיסקעס, אַז שלום, דער קליינער „ליץ", האָט זיך נישט געקאָנט אייַנהאַלטן און האָט זיי ביידן, טאַקע דאָ אַפן אָרט, הינטער זייערע פּלייצעס, קונציק נאָכגע־מאַכט מיט די זעלבע פּיסקעס און מיטן זעלבן שנייַצן די נאָז, און חברה קליינוואַרג האָבן אַלע מאָל אויסגעשאָסן אַ הילכיקן געלעכטער. האָט זיך אָנגעהויבן אַ חתונה: „וואָס איז דער געלעכטער?" די מאַמע חיה־אסתר, אַ ייִדענע בכלל אַ בייזע, און דערצו נאָך פאַרצאָרנט און פאַרטאַראַמעט פונעם אַוועקפאָרן, האָט אַוועקגעוואָרפן אַלע אַרבעט און אויסגעלאָזט איר צעוויטיקט האַרץ צו די קינדער. זי האָט נאָר געוואָלט דערגיין דעם שכל: „וואָס איז דער געלעכטער? און וואָס איז די גדולה?"... איז פרומע די מויד איר געקומען צו הילף און געזאָגט, אַז זי וועט גיין שווערן באַ אַ

„רייניקייט", אַז דאָס שטאָמט פון אָט דעם קליינעם וועוורוק, דעם סאַמאָ־וואָלעץ, דעם זולל־וסובאַניק, דעם איוואַן פּאַפּערילע, דעם ימח־שמוניק, דעם אויסוואורפלינג, דעם כל־בוניק... דאָס האָט זי געמיינט נישט קיינעם, נאָר דעם מחבר פונעם דאָזיקן בוך, וואָס איז געשטאַנען בעת־מעשה אַ נעבעכל, גאָט די נשמה שולדיק. עס קאָן זיין, אַז ער וואָלט געכאַפּט אַ רעכטע „אַטיזנע" פון דער מאַמע, ווען עס מישט זיך ניט אַריין די אַלטע באָבע מינדע און לייזט אים ניט אויס פון מזומנע פּעטש. דערזען, אַז מיט איר אייניקל האַלט עס שמאָל, האָט זיך די באָבע מינדע אָנגערופן צום גאַנצן עולם:

— קינדערלעך! בא אונדז איז אַ מנהג פון קדמונים, אַז איידער מע געזעגנט זיך פאַרן אוועקפאָרן, באַדאַרף מען זיך צוזעצן כאָטש אויף איין מינוט...

די באָבע מינדע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער פּאַריתומטער קאַנאַפּע, וואָס צום איבערפירן איז זי געווען צו אַלט און פאַרקויפן איז ניט געווען וועמען, און דער גאַנצער עולם האָט זיך אַוועקגעזעצט נאָך איר, און ס'איז געוואָרן אַ ווײַלע שטיל, כאָטש אַ פליג דורכצופליִען. דערנאָך איז געקומען דער לעצטער אַקט, דער סאַמע שווערסטער — דאָס געזעגענען זיך און דאָס קושן זיך. און דאַנקען גאָט — מען איז דאָס אויך איבערגעקומען. די בוידן זיינען גרייט. נאָך אַ מאָל „זײַט געזונט!" און נאָך אַ מאָל „פאָרט געזונט"! און ווידער אַ מאָל אַ ווישעניש פון אויגן און אַ שנײַצן פון נעז און פּיסקעס, פּיסקעס; גוואַלד, רבונו של עולם! גיי האַלט זיך איין און מאַך ניט נאָך די ווײַבער, ווי זיי קרימען זיך, ציטערן מיט די גוידערס און מאַכן פּיסקעס!... זיי לאָזן אַפילו ניט געזעגענען זיך, ווי עס געהער צו זיין. עס ווערט מיטאַמאָל שטאַרק אומעטיק אַפן האַרצן. אַ רחמנות אַפן טאַטן, אַ רחמנות אויף דער מאַמע, אַ רחמנות אויף דער באָבע מינדע. אָט טראָגט מען איר אַלטן מיט אײַזן געקאָוועטן קאַסטן; דאָרט ליגן אירע ת כ ר י כ י ם ... עס טוט אַ צופּ, אַ נעם־אָן בא דער נשמה. עס גלוסט זיך אַ וויין־טאָן. ובפרט, אַז מע זעט, אַז אַזאַ מענטש, ווי דער פעטער ניסל, ווישט אויך די אויגן, אַז קיינער זעט ניט... דער פעטער ניסל זאָל וויינען? ווי קומט עס?... דער טאַטע רופט־צו די חבריה איינציקווײַז, נעמט־אַרויס פון בײַטעלע צו זילבערנע מטבעות. די מאַמע אויך. און די באָבע מינדע האָט נאָך פון פריִער אָנגעגרייט איטלעכן באַזונדער אין אַ פּאַפּירל קליינגעלט — אחת לאחת וועט דאָס זיין אַ רעכטע מטבע! גאָט זאָל העלפן, די בוידן זאָלן שוין רירן. אָט האָבן זיי געריִרט. די רעדער קײַקלען זיך. דער עולם האָט זיך געגעבן מיטאַמאָל אַ שטופּ: „פאָרט געזונט! זײַט מצליח"! פון דער בויד אַרויס קוקט זיך אום די באָבע מינדע,

גלייך ווי זי וואָלט וועלן נאָכאַמאָל, צום לעצטן מאָל, געבן אַ קוק אַף דעם אָרט, וואָס זי האָט פאַרלאָזט אַף שטענדיק, אַף אייביק... עס נעמט זיי ווידער אָן אַן אומעט און דאָס געפיל פון רחמנות כאַפּט זיך אויף נאָכאַמאָל באַ זיי אַף אַ ווײַלע און ווערט פאַרלאָשן — עס ווילט זיך איבערציילן דאָס ביסל מינץ...

פונעם גאַנצן טאַרעראַם מיטן גאַנצן האַרמידער האָט זיך סוף־כל־סוף אויסגעלאָזט אַ שטילשווײַגעניש. די בוידן זײַנען אַוועק, איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ געדיכטן שטויב, אַ ריח פון סמאָלע און אַ מאָדנע פוסטקייט. דער עולם האָט גענומען ביסלעכווײַז, איינציקווײַז, ווי פאַרשעמט, זיך צע־גיין, דער אַהער, דער אַהין, עפּעס גלײַך ווי די אָפּגעשמיסענע. דער פעטער ניסל — יענער איז גאָר אַנטרונען געוואָרן. געבליבן שפּעטער פון אַלע איז שמואל־אלי דער חזן. ער איז נאָך לאַנג־לאַנג געשטאַנען און נאָכגעקוקט די אָפּגעפאָרענע, פאַרשטעלט מיט דער האַנט די אויגן פון דער זון, וואָס האָט באמת גאָרניט אַזוי שטאַרק געבראָטן און גאָרניט אַזוי שטאַרק גע־שײַנט. דערנאָך האָט ער מיט אַ ביטער שמייכעלע אַ זאָג געגעבן צו זיך אַליין: „דער עולם צעקריכט זיך, אַזוי ווי ווערעם”...

און ער האָט אויסגעשפּיגן.

21

גערגעלע - גנב

משה דער שוחט — אַ צדיק. — גערגעלע — אַ בחור מיט אַ צעשפּאָלטענער ליפּ. — די קונסט פון גנבענען עפּל. — געפּאַקט באַ דער פושקע טאַבאַק. — דעם רבנס טויט.

דאָס דאַרף מען פאַרשטיין, אַז איבערגעלאָזט האָט מען קליינוואַרג אין שטעטל עפּעס ניט גלאַט אַזוי אַף הפקר. דער פאָטער האָט פאַר זיי געזוכט אַ מלמד מיט אַ מדריך, אַן אַפּיטרופּס, אינאיינעם. דאָס הייסט: די קינדער זאָלן באַ אים אי לערנען, אי עסן קעסט, און דער רבי זאָל אַף זיי השגחה געבן. און עס איז אים אָפּגעראָטן אַרום און אַרום. דער רבי מיטן אַפּיטרופּס, מיטן בעל־משגיח, וואָס ער האָט געפונען פאַר זײַנע קינ־דער, איז געווען אַן אויסגעשפּילטער, אַ געראָטענער, טאַקע דעם אַלטן וואָראָנקאָווער שוחטס אַ זון, משה דער שוחט.

דאָס איז געווען אַ זײַדענער יונגערמאַן, אַ צאַצקע, אַ מופלג בתורה

און אַ שיינער בעל־תּנ״ך, און גלאַט אַ דימענט פון אַ מענטשן. דער חסרון איז אָבער געווען, וואָס אָט דער רבי איז געווען נישט קיין געזונטער און בטבע שוין צו אַ גוטער, צו אַ ווייכער, געגאַנגען מיט זײַנע תּלמידים אויף אַ נײַעם דרך — ניט מיט שמיץ, נאָר מיט גוטע ווייכע וואַרעמע רייד, צו וועלכע די קינדער זײַנען גאָרניט געוווינט געוואָרן, און דעריבער טאַקע האָבן זיי אָפּגענאַרט דעם רבין פון קאָפּ ביז די פיס, מחילה געפירט אים אין באָד אַרײַן: ניט געדאַוונט און ניט געלערנט, און שפּעטער־צו, אַז משה דער שוחט איז שוין גאָר גוט קראַנק געוואָרן, באַקומען די „דאָר״ און אוועקגעלייגט זיך, האָבן חבֿרה אָנגעהויבן אַרומצוגיין פּוסטעפּאַס, שלאָגן ביידעקעס, זיך חבֿרן מיט גערגעלע־גנבֿ, אַ יינגל אַ יתום און אַ באָרוועסער, מיט ממזרישע אויגן, מיט אַ צעשפּאָלטענער ליפּ — אַ רעכטער באָסיאַק! זײַן אמתער נאָמען איז געווען גרשון, נאָר דאָס האָט אים זײַן מאַמע, שׂרה־פייגע די קעכן, זאָגט ער, אַזוי פאַרצויגן, און דעם נאָמען „גנבֿ״ האָט אים שוין צוגעלייגט, זאָגט ער, זײַן שטיפטאַטע, יוסף־מאיר דער העקער, כאָטש ער האָט נאָך דעמאָלט, זאָגט ער, בײַ קיינעם קיין זאַך ניט אוועקגעגנבֿעט. מע זאָל אים ניט געווען, זאָגט ער, אַ נאָמען געבן גנבֿ, וואָלט ער אפשר קיין גנבֿ קיינמאָל ניט געוואָרן. איצט וועט ער שוין זאָגט ער, זיי אויף צו־להכעיס, ווערן אַ גנבֿ — הלוואי עס זאָל נאָר זײַן וואָס צו גנבֿענען!...

אַזוי האָט זיך גערגעלע־גנבֿ באַרימט גאַנץ ערנסט און מיט אַ מינע פון אַ גרויסן פּאַר שלום נחום ווערויקס, וואָס איז געווען איבעראַשט פונעם יינגל מיט די קלוגע אויגן און מיט דער צעשפּאָלטענער ליפּ. זייער באַקאַנטשאַפט האָבן זיי געשלאָסן טאַקע בײַ משה דעם שוחט אין חדר. אַ גאַנצע וואָך איז משה דער שוחט געווען אַ מלמד, נאָר דאָנערשטיק איז ער געווען אַ שוחט, און אַלע ווײַבלעך און אַלע מיידלעך האָבן זיך דעם דאָנערשטיקדיקן טאָג דאָ צונויפגעזאַמלט מיט זייערע עופות, גענדז און קאַטשקעס. צווישן זיי איז געווען איינער אַ בחורל מיט אַ צעשפּאָלטענער ליפּ — דאָס איז געווען גערגעלע — אויך מיט אַן עוף, וואָס די מאַמע די קעכן האָט דורך אים געשיקט צום שוחט קוילען אויף שבת. זיצנדיק צווישן די ווײַבלעך און וואַרטנדיק אויפן שוחט, האָט דערווײַל אָט דער גערגעלע געווײַלט דעם עולם, דאָס הייסט, ער האָט געמאַכט אַזעלכע משונה אָנשטעלן, אַזעלכע מאָדנע פּיסקעס און אַזעלכע משוגענע העוויות, אַז וויפל ס'איז געווען ווײַבלעך און מיידלעך, האָבן אים אַלע געשאָלטן מיט טויטע קללות: „גנבֿ״, און „משומד״, און „חלירע״, און וואָס אין דער קאָרט, און געלאַכט בעת־מעשׂה צום טויט! „אָט דער איז פון מײַנע לײַט!״ — האָט זיך געזאָגט שלום נחום ווערויקס און איז געוואָרן מיט אים חבֿר. פאַרשטייט זי, בסוד, אַז קיינער זאָל ניט וויסן, וואָרעם אַ „טאַטנס אַ קינד״

וואָלט געקאָנט האָבן אַ מיאוסן פּסק פֿאַר אַזאַ חברן זיך מיט אַ קעכנס אַ ייִנגל און אַ גנב דערצו.

עס איז אָבער געווען אַ באַזונדער מין זיסקייט אין דעם חברן זיך דווקא מיט אַזאַ ייִנגל, מיט וועלכן מע קאָן זיך באַגעגענען נאָר פֿאַרנאַכט־לעך, בין מנחה למעריב, ריידן אַ פּאָר ווערטער, מאַכן אַ פּאָר קונצן, זיך לאָזן לויפֿן ביידע אַראָפּ אַ באַרג, וכדומה. עס איז געווען אַ באַזונדער פֿאַרגעניגן אַרײַנרוקן אים אין האַנט אַרײַן, אַז קיינער זעט ניט, אַמאָל אַ גראָשן, אַמאָל אַ צוקערקע און אַמאָל גלאַט אַ שטיקל ברויט — גערגעלע האָט אַלצדינג גענומען בשמחה רבה, חלילה ניט ווי אַ נדבה, און נישט געזאָגט קיין דאַנק אַפֿילו, נאָר צוגענומען מיט ביידע הענט, ווי אַ חוב, וואָס קומט אים, און געהייסן זיך ברענגען מאָרגן נאָך אַמאָל, געגעבן עצות, ווי אַזוי מע זאָל פֿון זײַנעטוועגן „קריגן", דאָס הייסט, מחילה, גנבענען. נישט אַפֿן גראָבן אַרט חלילה, נאָר איידל. למשל, דער אייגענער גערגעלע האָט אויסגעלערנט זײַנע חברים, און דווקא אין אַ גאָר קורצער צײַט, ווי אַזוי מע קאָן קריגן אומזיסט עפּל אין מאַרק, אָדער באַרן. מע מיינט נישט פֿון פֿרעמדע גערטנער, חלילה. וואָרעם וואָס פֿאַר אַ טאַטנס אַ קינד וועט זיך עס אײַנשטעלן אַריבערקריכן, ווי אַ גוי, איבער אַ פּלויט, אַרײַנשפּרינגען אין אַ פֿרעמדן גאָרטן, וווּ עס געפֿינט זיך אַ שומר, וואָס קאָן ברעכן אַ ביין, און אַ הונט אויף אַ קייט, וואָס קאָן דורס זײַן אַ מענטשן? קריגן אומזיסט עפּל וויפֿל מע וויל האָט זיי גערגעלע־גנב אויסגעלערנט גאָר שפּילנדיק זיך, און אַפֿילו נישט עובר צו זײַן אויף לאו פֿון „לא תגנוב". ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? אָט וועט איר האָרכן — און זאָגט איר, אויב דאָס הייסט געגנבעט.

זומער־לעבן. נאָרוואָס אויפֿגעקומען עפּל און באַרן. שוין פֿאַרנאַכטלעך. ווײַבער זיצן נאָך, אויסגעלייגט מיט זייער סחורה אויף די טישלעך, אָדער גאָר אויף דער ערד, ריידן פֿונעם גערעטעניש, וואָס הײַנטיקס יאָר איז אויף אויבסטן, פֿון דעם, וואָס קיין רעגן גייט ניט, און אַז עס גייט ניט קיין רעגן, איז אַ שטויב, און אַז ס'איז אַ שטויב, איז דאָ אַ סך פֿליי... די מאַנען פֿון די ווײַבער זײַנען אין בית־מדרש, כאַפּן־אַרײַן אַ מנחה־מעריב. דעמאָלט איז די בעסטע צײַט. דעמאָלט לאָזן זיך ווײַסע־חברה־ניקעס אויף דער אַרבעט — צו קריגן אומזיסטע עפּל. חברה גייען באָרוועס און אַלע אָנגעוואָפּנט מיט שטעקעלעך, און אויף די שטעקעלעך טשוועקלעך, אויסגעבויגן ווי האַטשעקלעך, און מע לאָזט זיך לויפֿן — דאָס ווערט אָנגערופֿן „פּאַטשט". איינער איז דאָס פֿערד, און די איבעריקע זײַנען פֿאַרשווינדלעך, וואָס האַלטן אים באַם צוימל, טרײַבן אים, הוקען־אונטער און פֿײַפֿן און שרײַען: „פּאַשאָל!" און אַקוראַט אַז עס קומט צו דער קופּע עפּעלעך אָדער באַרלעך, טוט גערגעלע אַ קאָמאַנדע: „פּאַלקי דאָלאָי!" —

טוען חברה אַ שאַר מיט די האַטשקעוואַטע שטעקלעך, און מחמת דער שטויב איז פונעם לויפן זייער גרויס, באַמערקט מען ניט, ווי עס קאַטשען זיך עטלעכע אָנגעכאַפּטע עפּעלעך אָדער באַרלעך. אַפּגעלאָפן אַביסל, ציט זיך גערגעלע אויס, און נאָך אים — די ווײַסע־חברהניקעס, אַף דער ערד און מע נעמט זיך צום „רויב", צו די אָנגעכאַפּטע עפּעלעך. מע שטופּט ווער אין די קעשענעס, ווער גלײַך אין מויל אַרײַן — חי געלעבט! ס'איז ניט אַזוי זיס די גנבה, ס'איז ניט אַזוי אַנגעלייגט די עפּעלעך, ווי ס'איז גלאַט פריילעך!

גערגעלע איז איבערהויפּט אַ פריילעכער יונג, כאָטש ווער עס האָט גאָט אין האַרצן — דער לייגט אין אים אַרײַן וויפל ער וויל. אַן אָרעם יִנגל און אַ יתום — ווער וועט זיך פאַר אים אָננעמען? און דערצו נאָך אַ גנב! נאָטע דער שמש פון בית־מדרש האָט אים געכאַפּט איינמאָל מיט אַ פרעמדן סידור, און רודע־בתיה, וואָס באַקט בייגל און בלינעס, האָט באַ אים אויסגעטרייסלט אַ האַלבן קאָרזש פון בוזעם — אַזעלכן איז אַ מצווה צו ברעכן די ביינער! דערצו האָט ער אַ מויל — סכנת־נפשות! אַף אַלע־מען האָט ער אײַך אַן אַנדער חסרון, און אַף יעדן — אַ צונעמעניש, און ווײַל אַליין איז ער הפקר און אײַנצושטעלן האָט ער נישט וואָס, האָט ער ליב איטלעכן באַזונדער אונטערשטעלן זײַן באַרוועסן פוס, ווי אַ קאַטשע־רע, אַזוי אַז יענער זאָל זיך אויסציִען ווי לאַנג ער איז — מעג עס זײַן דער רב אַליין, די רביצן אָדער די שוחטקע — פּוץ אין דער ערד אַרײַן! דאָס איז דעם קליינעם שלומען שטאַרק געפעלן, און מיט דער צײַט האָט ער אים אַזוי ליב געקריגן, אַז ער האָט אים געטראָגן גאַנצע שטיקער ברויט פון דער שוחטקעס טיש אין קעשענע, מחילה בגנבה, און אַמאָל טאַקע אָוועקגעלקחנט פון דער צוקער־פּושקע אַ שטיקל צוקער אויך. ער האָט ליב געהאַט צוקער. מער פון אַלץ האָט אָבער גערגעלע ליב געהאַט אַ ציגאַר־טיטון, אויסגעגאַנגען נאָך אַ פּאַפּיראָסל! נאָר ווו קריגט מען אַזאַ זאַך, אַז דער רבי איז קראַנק און רויכערט ניט, און דער טאַטע איז ניטאָ? האָט אים גערגעלע געגעבן אַן עצה, ער זאָל זיך אָפּטער אַביסל אַרײַנכאַפּן צום פּעטער ניסלען — יענער רייכערט דאָך „פּערווע דיובעק"!

דאָס איז געווען אַ ווױלע עצה. דער פּעטער ניסל האָט געהאַט אַ ברייטע האַנט. די פּושקע טיטון איז באַ אים געשטאַנען אָפן, פראַנק און פרײַ, אָפן געזימס, אונטערן שפּיגל. אַהין האָט זיך דער קליינער שלום אָנגעהויבן אָפּטלעך אַרײַנכאַפּן, אַרײַנשטעקן די יד, אָננעמען אַ פולע זשמעניע דיובעק און אַרײַן אין די הויזנקעשענעס. באַדאַרף זיך טרעפן, מעשה שטן, אַז די מומע האָדל דערזעט עס (און דווקא זי דאַרף דערזען, ניט קיין אַנדערער!). דאָ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דער הימל אַף דער ערד. עק וועלט! ס'איז גאָר ניט געווען אַזאַ שטראָף, וואָס דער קליינער פאַרברעכער זאָל דאָס ניט

האָבן פֿאַרדינט. ארבע מיתות בית־דין! עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז וואָס שטרענגער און וואָס גיכער דער פּסק זאָל שוין זײַן, וואָלט געווען בעסער. האָט גאָט געטאָן אַ נס. עס האָט זיך געטראָפֿן אַ גליק, וואָס איז געווען, אייגנטלעך, אַן אומגליק, אַ גרויסער אומגליק: מען איז געקומען צו לויפֿן פּלוצעם צום פֿעטער ניסלען, אַז ער זאָל גיין וואָס גיכער, וואָרעם משה דער שוחט איז פֿאַרבײַ, די גאַנצע שטאָט איז דאָרט, ער גוססט שוין...

דאָס איז געווען פֿאַרן קליינעם פֿאַרברעכער אַ נײַער קלאַפּ, אפשר נאָך אַ גרעסערער פֿונעם ערשטן. קיין אַנדער רבין האָבן די תּלמידים אַזוי ניט ליב געהאַט, ווי אָט דעם רבין. דאָס איז געווען עפּעס אַ מלאך, ניט קיין רבי! ערשט דעמאָלט, ווען חברה נושאי־המטה האָבן אים, אַן איבערגע־דעקטן מיט שוואַרצן, געגעבן אַ כאַפּ אויף די פּלייצעס און אַ טראָג אַוועק אויפֿן הייליקן אָרט און די גאַנצע שטאָט איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער לוויה, האָבן נחום וועוויקס קינדער זיך דערמאָנט, וואָס פֿאַר אַ בריליאַנטענער רבי דאָס איז געווען, און ווי ווײַט זיי האָבן נישט געוווּסט אים צו שאַ־נעווען — און אַ קוואַל פֿון טרערן האָט זיך אויפֿגעעפֿנט בײַ זיי. נאָך אַן אייגענעם ברודער באַדאַרף מען אַזוי ניט וויינען, ווי די האָבן געוויינט נאָך זייער יונגן רבין, משה דעם שוחט.

מער פֿון אַלע און וואָרעמער פֿון אַלע האָט געוויינט שלום. דער האָט זיך געפֿילט קעגן אים אַ פֿאַרזינדיקטער, אַ חוטא גמור. ערשטנס, האָט אים דער רבי געהאַלטן פֿאַרן בעסטן און פֿאַרן ערלעכסטן, צום סוף האָט ער זעלטן געוווּסט דאָנערשטיק דאָס לייענען. ער האָט זיך נאָר געמאַכט, אַז ער וויים, געשאָקלט זיך און געזונגען און גערדרייט מיט דער האַנט — אָפּגענאַרט, אָפּגענאַרט! הײַנט וויפֿל מאָל האָט ער איבערגעהיפּט העבער האַלב דאַווענען! און טאַקע גלאַט ניט געדאַוונט ניט קיין מנחה, ניט קיין מעריב, נאָר אַרומגעלאָפֿן מיט געגעלע־גנב, געריצט דעם גלחס הינט דורך די גראַטעס, אָדער געגנבעט עפּעלעך אין מאַרק. דאָ, אויף ד ע ר וועלט, האָט דאָס רבי נישט געוווּסט, ער וואָלט זיך עס גאָר אויף אים נישט גע־גלויבט. אָבער דאָרט, אויף יענער וועלט, ווו ער וויים שוין אַלץ, אַלץ, אַלץ?...

מאיר-וועלוויל בעל-עגלה מיט זײַנע „סוסים“

דער פעטער ניסל — מיט ווײַסע-חברהניקעס אַ ווײַסער חברהניק. — מאיר-וועלוולס בויד מיט די דרײַ סוסים: „מאודריק“, „טענצער“ און די „יחסנטע“. — דער בעל־עגלה דערציילט זײַן ביאָגראַפיע.

סוף זומער (אין דרויסן איז נאָך געווען רעכט וואַרעם, נאָר גע־שמעקט האָט שוין מיט ראש־חודש אלול) איז אָנגעקומען אַ בויד מיט דרײַ פערד פון דער גרויסער שטאָט, פון פּערעיאַסלאַוו. צוגעפאָרן צום פעטער ניסלס שטוב, האָט דער בעל־עגלה, אַ באַרעדעוודיקער ייִד מיטן נאָמען מאיר־וועלוול, זיך צעשפּיליעט און אַרויסבאַקומען ערגעץ פון אַ ווײַטער קעשענע אַ בריוול, געשריבן פון נחום וועוויקס צו זײַן ברודער ניסל ראַבינאָוויטש. אין בריוול איז געשטאַנען, אַז מע שיקט נאָך די קינדער, ערשטנס, אַ פור, צווייטנס, דרײַ פּאָר שטיוועלעך, און, דריטנס, עסנוואַרג: קיכלעך, האַרטע אייער און באַרן — דאָס איז „צידה לדרך“ אויף צוויי טעג. און חוץ לזה, עקסטרע פון דער באָבע מינדע, אַ וואַרעמע קאָלדרע מיט אַן אַלטן שאַל אויף אײַנצוהילן די קינדער, טאָמער ווערט חלילה קאַלט, אָדער עס גייט אַ רעגן. דעם בעל־עגלה האָט מען אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל, למען השם, אויפזעצן די קינדער אויפן אַנדערן טאָג אינדערפרי באַלד נאָכן דאַווענען, און אַז נעכטיקן זאָל ער מיט זיי אין באָרישפּאָליע, וועלן זיי קאָנען קומען, אם ירצה השם, אויפן אַנדערן טאָג אַרום מנחה־צײַט אַהיים, קיין פּערעיאַסלאַוו.

ווי נעמט מען פאַרב אויף צו באַשרײַבן די שמחה פון נחום וועוויקס קינדער, אַז מע האָט זיי איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון דעם דאָזיקן בריוו טאַקע אינאיינעם מיט דרײַ פּאָר שטיוועלעך? אויף וואָס זאָל מען זיך פרייער פרייען: אויף די נײַע שטיוועלעך? אָדער אויף דעם, וואָס מע וועט צוויי טעג נאָכאַנאַנד פאָרן אין אַ בויד מיט דרײַ פערד, צי אויף דעם, וואָס מע וועט איבערמאָרגן אויף דער נאַכט שוין זײַן אין דער גרויסער שטאָט, אין פּערעיאַסלאַוו?

— קומט אַהער, שקצים, עכברושים, ווײַסע חברהניקעס, זעצט אײַך קאָרשט אַוועקעט און מעסט־אָן אָט די שטיוועלעך! — אַזוי האָט געקאָ־מאַנדעוועט דער פעטער ניסל, געשענקט אַלע דרײַ צו שנעל, ווען ווען אין נאָז אַרײַן און וועמען אין אַן אויער.

דער פעטער ניסל האָט ליב געהאַט קינדער: אייגענע, פרעמדע — אַלץ איינס, און דעריבער איז באַקומען פון אים אַ שנעל געווען ניט קיין

שטראָף, נאָר אַ פאַרגעניגן, עס האָט געמעגט אפילו שמאַרצן דערנאָך אַ האַלבע שעה כסדר. פון דעם, וואָס מע האָט ליב, איז אַ פּאַטש אויך אַ מתנה. און ליב האָבן אים די קינדער געהאַט דערפאַר שוין אַליין, וואָס ער איז געווען כמעט דער איינציקער אין דער משפחה, וואָס האָט קיינמאָל קיינעם ניט געשטראָפט, קיין מוסר נישט געזאָגט און נישט אַכטונג געגעבן, ווי אַנדערע, מע זאָל לערנען אָדער דאַווענען. אדרבה, מיט קינדער קונדסים איז ער אַליין אויך געווען אַ קונדס, ליב געהאַט אַ לאַך צו טאָן און אַ שטיף טאָן, אינאיינעם מיט זיי אַרײַנלאָזן אַ רעכטע פּאָרציע שמעקטאַבעקע אין נאָז אַרײַן אַן אַלטן ייִדן, וואָס איז אַנטשלאָפן געוואָרן, זיצנדיק אין בית־המדרש, און ווינטשעווען אים נאָכדעם „צו געזונט", אַז יענער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ ניסערײַ און מיט אַ הוסטערײַ. און ווער שמועסט שמחת־תורה — דעמאָלט איז ער געווען מער ווײַסער־חברהניק פון אַלע ווײַסע־חברהניקעס; ער אַליין האָט אָנגעטרונקען גדליה דעם שכור מיט בראָנפן און געהאָלפן די קינדער, זיי זאָלן בינדן גדליהן הענט און פיס, ווי אַ באַראַן, פאַרשליסן אים אין קאַמער און דאָרטן צוקרעמפּעווען זײַן האַנט דורך אַ לאַנגן שטריק צום סוואָלעק מיט אַ גלאָק, אַזוי, אַז ער וועט זיך אויסניכטערן און וועט וועלן אויפשטיין, זאָל ער ניט ווילנדיק אָנהייבן קלינגען, ווי אַף אַ שׂרפה, און די גאַנצע שטאָט זאָל זיך צונויפלויפן מיט אַ ליאַרם און אַ געפילדער: „ווער ברענט?"...

פון דעם איז צו פאַרשטיין, ווי שווער ס'איז געווען מיט אַזאַ פעטער זיך צעשיידן! באַם געזעגענען זיך האָט ער די חברה געטרייסט מיט ווערטער און מיט אַ זעץ אין די פּלייצעס: „נישקשה, ניטשעוואָ, מירן זיך נאָך זען! א י ך וו ע ל ד אָ א ו י ך ל אַ נ ג נ י ש ט פ אַ ר ב ל ײַ ב ן!"... אַזוי ווי דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט — ווי דער לעצער ווייס שוין פון די פריִערדיקע באַשרײַבונגען.

אָנגעטאָן די נײַע שטיוועלעך און געפילט זיך אין זיי מחיהדיק גוט, ווי אויסגעוואַקסן, האָבן חברה קודם־כל באַקאַנט זיך מיט דער בויד, מיט אַלע דרײַ פערדלעך און מיטן בעל־עגלה, וואָס וועט זיי פירן פון דאַנען אין דער גרויסער שטאָט אַרײַן.

די בויד — אַ בויד ווי אַלע בוידן, אויבן מיט אַ גרויען געלאַטעטן דעקטוך, גוט אויסגעבעט מיט היי און מיט ראַגאָזשעס, דאַכט זיך, ווייך, דאַרף זײַן אַ תענוג צו זיצן. דעם „תענוג" זײַנען חברה געוווירע געוואָרן נאָכדעם, אַפן אַנדערן טאָג פון דער נסיעה, אַז זיי האָבן שוין נישט געפילט איין ביין אַ גאַנצן. דאָס איז די בויד. און די פערדלעך — זיי פאַרדינען באַשריבן צו ווערן כאָטש אין קורצע ווערטער, נאָר יעדעס פערדל באַזונדער, וואָרעם די דרײַ פערדלעך (באַ מאיר־וועלוול בעל־עגלה האָבן זיי געהייסן „סוסים") האָבן זיך אַזוי אָנגעקערט איינס מיט דאָס

אַנדערע, אַזוי ווי עס קערט זיך אָן, למשל, אַ שטרויענער דאַך מיט אַ פּדיון־הבן. דאָס איז געווען אַ ייִדישע טראַיקע.

מיר הייבן אָן פונעם מיטלסטן, פונעם „קאָרענאָי". באַ מאיר־וועלוול דעם בעל־עגלה האָט ער געהייסן מיטן נאָמען „מאודריק". פאַרוואָס „מאודריק"? ווייסט מען ניט. אפשר דערפאַר, ווײַל מאודריק נעמט זיך פונעם וואָרט מאודריי, און מאודריי איז די טײַטש חכם, כאָטש קיין גרויסער חכם, דאַרף מען זאָגן דעם אמת, איז דער דאָזיקער מאודריק נישט געווען. ער איז נאָר געווען אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן — דאָס יאָ. דאָס האָט מען געקאָנט אַרויסזען פון זײַן אַלטער מאָרדע מיט די רירענדיקע אויגן און פון זײַן אויסגעטריפּעטן עק און פון די הויכע ביינער, וואָס האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט פון זײַן אַמאָליקן ברייטן הינטן און פונדעסט־וועגן, נישט קוקנדיק אַף זײַן עלטער, איז דער גאַנצער וואָגן מיט דער גאַנצער משא געלעגן כמעט נאָר אַף אים, מחמת יענע, די צוויי „פּריס־טיאַזשנע", האָבן זיך נאָר געמאַכט ווי זיי שלעפּן.

די דאָזיקע צוויי „סוסים" האָבן אויך געהאַט נעמען. איינעם האָט מען גערופן מיטן נאָמען „טענצער", ווײַל דער גאַנג זײַנער איז געווען מיט אַ טענצל. ער האָט געהאַלטן אין איין טאַנצן. אַלע פיר פיס האָבן באַ אים געטאַנצט, נאָר יעדער פוס האָט געטאַנצט באַזונדער. זיי האָבן זיך נישט אויפגערעדט. און דערפאַר איז פון זײַן טאַנצן קיין גוטס נישט אַרויסגעקומען. ער האָט נאָר געשטערט מאודריקן — איז איינס; און ווי־דער האָט ער אַזוי געטרייסלט דעם וואָגן, אַז ס'האָט אַרויסגעטרייסלט די נשמה. מאָלט אײַך, מאיר־וועלוול האָט זיך מיט אים אָפּגערעכנט: „וועסט באַ מיר טאַנצן!" — האָט ער אים געזאָגט און אײַנגעטײַטשט אַ מאָל מיט דער בײַטש און אַ מאָל מיטן שטעקל פון דער בײַטש. דעם גאַנצן וועג האָט ער אים געהאַלטן אין איין שלאָגן, געלערנט מיט אים בלק. דאָס האָט אָבער ווינציק־וואָס געהאָלפן. טענצער איז ניט נתפּעל געוואָרן און ניט אויפגעהערט צו טאַנצן. אדרבה, אַז מע האָט אים גוט דערלאַנגט, איז נאָך געווען ערגער: ער האָט אָפּגעענטפערט מיט בײדע הינטערשטע פיס, ווי איינער רעדט: „אַז דו ווילסט, נאַ דיר!"... און וווּקס איז ער געווען אַ קליינער, אַ סך קלענער פון מאודריקן, נאָר אַ מאָרדע האָט ער געהאַט אַ סך אַ קליגערע פון מאודריקן. גאָר קיין ערך ניט. ס'איז מעגלעך, אַז מאיר־וועלוול האָט ניט מגזם געווען דערמיט, וואָס ער האָט זיך באַרימט, אַז טענצער איז געווען אַמאָל גאָר פון די „געהוי־בענע סוסים", נאָר ווײַל ער איז פון אַ גוט אויג געכאַפּט געוואָרן אַף די רגלים און מע האָט מיט אים גאָרנישט געקאָנט מאַכן, איז ער אַרײַנ־געפאַלן צו אים אין די הענט אַרײַן און ער לערנט מיט אים פון דעמאָלט אָן בלק.

דערפֿאַר האָט מאיר־וועלוול דעם דריטן סוס געלאָזט צורו, זעלטן, פֿון יוצא וועגן, דערלאַנגט אַ שמיצל. געווען איז דאָס אַ שקאַפּקע, אַ נידעריקע און אַ גראָבע, מיט מאָכנאַטע פֿיס, און געהייסן האָט זי באַ אים די „יחסנטע", דערפֿאַר, וואָס זי קומט אַרויס פֿון אַ גרויסן יחוס: זי איז גע־ווען אַמאָל — אַזוי האָט דערציילט מאיר־וועלוול, פֿאָרנדיק אין וועג, — אַ גלחס אַ פֿערד. ווי קומט זי צו אים? איז דערינען אַ גאַנצע מעשה, וואָס מע קאָן זי ניט איבערדערציילן מיט אַלע פּישטשעווקעס: ערשטנס, איז דאָס שוין זייער לאַנג — ווי קאָן מען זיך אָנגעדענקען? און, צווייטנס, האָט זיך די מעשה נאָך דעמאָלט באַ מאיר־וועלוולען ניט געקלעפּט אַקו־ראַט. עס געדענקט זיך נאָר, אַז די יחסנטע איז געווען, ווי מאיר־וועלוול דערציילט מיט אַ שמייכל, אַ געגנבעטע. דאָס הייסט, נישט ער, חלילה, האָט זי געגנבעט; געגנבעט האָבן אַנדערע, נאָר ער האָט זי אָוועקגע־קויפֿט בחצי־חנם, און בעת ער האָט זי געקויפֿט, האָט ער ניט אָנגעהויבן צו וויסן, ער זאָל אַזוי ניט וויסן פֿון קיין צער און פֿון קיין דלות, אַז זי איז אַ געגנבעטע, וואָרעם ווען ער זאָל וויסן, אַז זי איז אַ געגנבעטע, און נאָך באַ אַ גלח דערצו, וואָלט ער זיך ניט צוגערירט צו איר, מע זאָל אים אָפּגילטן (דערבײַ מאַכט שוין מאיר־וועלוול אַן ערנסטע מינע), טאַקע ממש אָפּגילטן! נישט מחמת ער איז אַזאַ צדיק אין אַ פּעלץ און האָט מורא זיך צורירן צו אַ געגנבעט פֿערד. וואָס גייט אים אָן, אַז יענער איז אַ גנב? ביסטו אַ גנב, וועט מען דיך שמײַסן אויף יענער וועלט. נאָר ער וואָלט זי נישט געקויפֿט איבער אַן אַנדער זאַך. ער האָט פֿײַנט פּאָליציע, אַזוי ווי חזיר. ער וויל נישט האָבן קיין שום „דאָטשיניעניעס" מיט פּאָלי־ציי! והראיה, ער האָט אַמאָל געהאַט אויף זיך אַ פּעקל, אַן אומגליק, אַ בלבול. שונאים בעלי־עגלות האָבן אים אונטערגעשטעלט אַ פּיסל, יאַנקל בולגאַטש, אַ רוח אין זײַן קוטשמע!...

און דאָ גייט־אַוועק באַ מאיר־וועלוולען אַ זײַטיקע מעשה, און נאָך אַ מעשה, און נאָך אַ מעשה, און פֿון די אַלע מעשיות האָט מען געקענט שטאַרק חושד זײַן, אַז מאיר־וועלוול האָט שטאַרקע „דאָטשיניעניעס" מיט פֿערד־גנבים און מיט פּאָליציע...

דערפֿאַר האָט ער אָבער געהאַט אַ מעלה — ער איז געווען, ווי מיר האָבן שוין אויבן געזאָגט, אַ באַרעדעוודיקער און האָט מיט זײַנע נײַן מאָס רייד זייער גוט אונטערגעהאַלטן די יונגע פֿאַרשווינדלעך דעם גאַנצן וועג פֿון וואָראָנקאָ קיין באַרישפּאָליע און פֿון באַרישפּאָליע קיין פּערעיאַסלאַוו — דאָס מויל האָט זיך אים ניט צוגעמאַכט אויף קיין מינוט אַפֿילו. אַלצ־דינג זײַנען פֿון אים די קינדער געווירע געוואָרן, פֿון זינט ער איז געווען אַ יינגל אַ שמײַסער באַ יאַנקל בולגאַטש, און דערנאָך, ווי אַזוי ער האָט חתונה געהאַט און אַליין געוואָרן פֿאַר זיך אַ בעל־עגלה, האָט אים יאַנקל

בולגאַטש גערודפט, געגראָבן, נאָר ער האָט אים אין דער ערד! און פון זײַן װײַב האָט ער דערציילט, װי אַזױ זי איז געװען אַמאָל אַ מיידל, און דװקא אַ שיינע, אַ קראַסאַװיצע! און װי אַזױ ער איז געװען נאָך איר די כּפּרה! שיר־שיר ניט אײַנגענומען אַ מיתה־משונה — אַזאַ קראַסאַ־װיצע איז דאָס געװען! הײַנט, װען ער װערט צוריק אַ בחור, װאָלט ער אַפילו ניט געװאָלט קוקן אױף איר, נאָר דעמאָלט איז ער נאָך געװען אַ „יאַט״...

דאָס װאָרט „יאַט״ האָבן חברה נישט רעכט פאַרשטאַנען; נאָר אַז מאיר־װעלװול האָט גענומען דערציילן אין זײַן װײַטערדיקער ביאָגראַפיע, װי אַזױ זײַן װײַב האָט אים קאַרגער אַ יאָר נאָך דער חתונה געבוירן אַ יאַטל, און שפּעטער מיט אַ יאָר נאָך אַ יאַטל, און נאָך אַ יאַטל, און נאָך אַ יאַטל — האָבן זיך חבֿרה אָנגעשטויסן װאָס דאָס איז.

געענדיקט דערציילן זײַן אײגענע געשיכטע, איז מאיר־װעלװול בעל־עגלה אַריבער צו דער געשיכטע פון יאַנקל בולגאַטש און פון אַנדערע בעלי־עגלות, אָנגערופן אַלעמען בײַ די נעמען און באַקאַנט געמאַכט, װיפל און װאָסערע פערד יעדער האָט, װער עס האָט פערד, טאַקע „סוסים״, און װער עס האָט „פּגירות, נבלות, פּעל״.

פון בעלי־עגלות איז מאיר־װעלװול אַריבער אױף פערד־הענדלער און אױף ציגײַנערס און אױף גנבֿים און אױף „נבֿיאים״. דער חילוק פון אַ גנבֿ ביז אַ נבֿיא איז דער — אַזױ האָט מאיר־װעלװול געגעבן צו פאַרשטײן: — װאָס דער גנבֿ פירט־אַרױס דעם סוס פון שטאַל, און דער „נבֿיא״ — דער טרעפט און װײַזט־אָן, װוּ דער סוס געפינט זיך. דעריבער מוז מען מיט די נבֿיאים שלאָגן בלאָט נאָך מער װי מיט די גנבֿים... ניין, די קינדער װעלן דאָס אין צװײ יאָר נישט געװוירע װערן, װאָס זײ זײַנען געװוירע געװאָרן פון מאיר־װעלװול בעל־עגלה אין די צװײ טעג פון זײער נסיעה.

אַצינד, אַז מיר זײַנען שױן באַקאַנט מיטן בעל־עגלה, מיט זײַן בױד און מיט זײַנע דרײַ סוסים, מעגן מיר זיך אומקערן אױף אַ קורצער װײַלע צוריק קײן װאָראָנקאָ און דערציילן, װי אַזױ דער העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט זײַן שטעטעלע, אײדער ער האָט דאָס פאַרלאָזן אױף שטענדיק.

זײַ געזונט, װאָראָנקאָ!

דער העלד געזעגנט זיך אַפּ מיט זײַן שטעטעלע. — ער שװערט װעגן אוצר. — ער איז גרייט אָװעקצושענקען גערגעלעך זײַנע אַלטע שיך. — אַ נאַרישער אינצידענט מיט „פרומע די מויד".

װיפל דאָס שטעטל האָט זיך ניט צוגעגעסן, װיפל די מענטשן זײַנען ניט נמאס געװאָרן, און װיפל פּיניעלע שימעלעס האָט אין זײַן צײַט ניט געמאַכט עס צו קליינגעלט, האָט װאָראָנקאָ פאַרן אָװעקפאָר פון נחום װעװיקס קינדער אין דער גרױסער שטאָט אַרײַן צוריק באַקומען בײַ זיי אין די אויגן דעם אַמאָליקן חן מיטן אַמאָליקן גלאַנץ, און עס האָט באמת האַרצעדיק באַנג געטאָן מיט דעם זיך צו שיידן.

גלײַך װי מיט עפּעס אַ לעבעדיקער זאַך, גלײַך װי מיט אַ ליבן און געטרײַען חבר — אַזוי האָט זיך שלום נחום װעװיקס געזעגנט מיטן שטעטל, אָנגעהויבן פון דעם הויף מיטן גאָרטן און מיט איטלעכס ביימעלע, װאָס האָבן שוין איצטער געהערט צו אַן אַנדערן, און אויסגעלאָזט מיטן באַרג, װאָס אַף יענער זײַט בית-המדרש, און מיט דער „לעװאַדע", װאָס אַף יענער זײַט שטאָט, — די ערטער, װוּ ער האָט פאַרבראַכט מיט זײַנע בעסטע חברים, רעכענענדיק פון דעם ערשטן, פון שמואליק דעם יתום, ביזן לעצטן — ביז גערגעלע-גנב.

גאַנץ באַזונדער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַף יענעם אָרט, װוּ עס איז געלעגן, װעדליק שמואליק האָט געװוּסט כמעט פאַר געװיס, באַהאַלטן דער אוצר; װי אַ פאַרכשופטער איז ער געשטאַנען איינער אַליין אין אַ הייליקער שטילקייט, און אַ גאַנצע רייע פון מחשבות האָבן זיך דורכגעטראָגן אין זײַן קאָפּ: װאָס װעט זײַן מיטן דאָזיקן אוצר, טאָמער חס ושלום געפינט אים אַ גוי, ניט קיין ייִד?... און צי איז דאָס מעגלעך, אַז אַ גוי זאָל אים געפינען? — דאָס קאָן װיסן נאָר אַזאַ מענטש, װי זײַן חבר שמואליק... װוּ קאָן זײַן איצטער שמואליק? צי װעט ער זיך באַגעגענען אַמאָל מיט שמואליקן? און װאָס װעט זײַן, אויב זיי װעלן זיך באַגעגענען? — אַז זיי װעלן זיך באַגעגענען ערגעץ-װוּ, איז דאָס ערשטע װעלן זיי מסתמא ביידע קומען צו פאָרן אַהער אַף אַ קורצע צײַט, ביידע אינאיינעם, באַקוקן נאָך אַמאָל די אַלע ערטער, װוּ זיי האָבן אינאיינעם פאַרבראַכט זייערע בעסטע ייִנגלשע יאָרן. און דערנאָך װעלן זיי זיך אַ נעם טאָן צום אוצר אַף אַלע כלים: פריִער װעט איינער פאַסטן תעניתים, דערנאָך דער אַנדערער, און אַז זיי װעלן פאַרטיק װערן מיט די תעניתים און מיטן תהלים-זאָגן, װעלן זיי נעמען זוכן דעם אוצר. און אַז זיי װעלן

געפינען דעם אוצר, וועלן זיי זיך מיט אים צעטיילן אַף דער האַלב, חלק כחלק — און אַך! סאַראַ יום־טוב דאָס וועט זײַן! דעם גרעסטן חלק, פאַרשטייט זיך, וועט באַקומען דער טאַטע, נחום וועוויקס. דערנאָך דער פעטער ניסל — אויך אַ היבשן חלק. דערנאָך דער פעטער פיניע און די איבעריקע קרובים פון דער משפּחה. נאָר אַ גרויסער טייל פונעם אוצר וועט אַרײַנפאַלן טאַקע דאָ גופא, צו די וואָראָנקאָווער ייִדן. משה דעם שוחטס ווײַב, די אַלמנה נעבעך — איר דאַרף מען געבן אַזויפיל, אַז זי זאָל ניט ליידן פון חתונה האָבן און זאָל פאַרשפּאָרן זיך שלעפּן קיין כוואַסטעוו צו אירע אָרעמע, קרובים, וואָס האָבן אַליין קוים אַ טאָג איבערצוקומען. די 2 גבאיטעס, „פרומע די מויד" און „פייגעלע אשמדאי", כאָטש זיי האָבן דאָס נישט פאַרדינט, וועלן אויך פונדעסטוועגן באַקומען אַזוי פיל, וואָס זייערע מאַנען האָבן עס אַפילו אין חלום ניט געזען. די אַלטע רודע־בתיה, וואָס באַקט בייגל, בלינעס און קאַרזשעס און האַלט־אויס מיט אירע געשוואָלענע הענט אַ גאַנצע משפּחה, וואָלט שוין געמעגט אַף דער עלטער, נישקשה, זיך אַביסל אָפּרוען. און מלך דער שמש, און גדליה דער שכור — פאַרוואָס זאָל מען זיי דורכלאָזן? צי, אַשטייגער, שמואל־אלי דער חזן קלאָגט זיך, אַז ס'איז אים דאָ ענג, ער האָט אַ קול און וואָלט געקאָנט זינגען אַ סך בעסער פון די גרעסטע חזנים אין דער וועלט, ווען ער זאָל האָבן נאָטן — באַדאַרף מען זען, אַז ער זאָל האָבן נאָטן. בלײַבט־איבער איצטער נאָר איין גערגעלע־גנב. וואָס טוט מען מיט דעם יונג, אַז ער זאָל ווערן אויס גנב? קודם דאַרף מען זען, אַז זײַן מאַמע זאָל ווערן אויס קעכן, און זײַן שטיפטאַטן דעם העקער באַדאַרף מען קויפן אַ שטוב אַן אייגענע, און געלט באַדאַרף מען אים אָנשיטן פולע קעשענעס, און זאָגן אים בפירוש, אַז דאָס איז ניט צוליב אים, נאָר צוליב זײַן שטיפזון גערגעלע — ער זאָל אים אויפהערן צו שלאָגן און צו רופן גנב...

באַ די געדאַנקען וואַקסט־אויס גערגעלע־גנב! אַ באָרוועסער, ווי אַלע מאָל, און אַן אָפּגעריסענער.

— ווי קומסטו אַהער?

— און דו?..

זיי צערײדן זיך און לאָזן זיך גיין. שלום איז אים מודיע, אַז ער פאָרט־אַוועק. גערגעלע וויים עס. ער האָט שוין געהערט און געזען אַפילו די בויד מיט די דרײַ פערד.

— געזען? וואָס זאָגסטו אַף זיי?

— אַף וועמען?

— אַף די פערד.

— וואָס זאָל איך זאָגן? פערד...

— און די בויד ווי געפעלט דיר?

—א בויד...

גערגעלע איז נישט אויפגעלייגט, נישט גוט געלוינט. זיין חבר וויל אים מאכן פריילעכער.

— דו ווייסט? איך האָב נאַר־וואָס פון דיר געטראַכט, ביסטו אָנגעקומען אַקוראַט אינמיטן...

— טאַקע? וואָס האָסטו געטראַכט, אַשטייגער?

— איך האָב געטראַכט... איך האָב דיר אין זינען געהאַט באַם אוצר...

— באַ וואָסער אוצר?

שלומען ווערט שלעכט: זאָל ער אים זאָגן, צי זאָל ער אים ניט זאָגן? גערגעלע פרעגט נאָכאַמאָל: „וואָסער אוצר?" עס העלפט נישט — מע מוז אים זאָגן. און ער דערציילט אוים וועגן אוצר. גערגעלע ווערט נייַגעריק: „ווו־זשע געפינט ער זיך, דער אוצר?" זיין חבר ווערט נאָך ערגער: זאָל ער אים זאָגן, צי זאָל ער אים נישט זאָגן? אין גערגעלעס אויגן צינדט זיך אָן אַ פייַערל: „וואָס האָסטו מורא זאָגן — איך וועל אים אויסכאַפּן?"... שלום האָט שוין חרטה, וואָס ער האָט גאָר אָנגעהויבן, און ער רעדט צו אים מיט דעם אייגענעם טאָן, ווי פּיניעלע שימעלעס האָט אַמאָל מיט אים גערעדט — פון אויבן אַראָפּ.

— נאַרעלע, און אַז איך וועל דיר אפילו זאָגן ווו, וועסטו אויך אַהין נישט קאָנען צוקומען, וואָרעם מע דאַרף דערצו קאָנען קבלה — איז איינס; און צווייטנס, באַדאַרף מען פאַסטן פערציק תעניתים און אַפּן איין־און־פערציקסטן טאָג...

— און אַפּן איין־און־פערציקסטן טאָג ביסטו אַ שוטה! — שלאָגט אים איבער גערגעלע און כאַפּט אַ קוק אַראָפּ אַף זיין חברס שטיוועלעך. אַפּנים, זיי זיינען אים געפעלן.

— נייַע?

זיין חבר ווערט ווי פאַרשעמט: שפּאָגל־נייַע שטיוועלעך אין דער צייַט, ווען גערגעלע איז אַ באָרוועסער! און ער רופט זיך אָן צו גערגעלען:

— אויב דו ווילסט, קום מיט מיר צום פעטער ניסלען, וועל איך דיר עפּעס שענקען...

— עפּעס שענקען? פאַר וואָס ניט?... — גערגעלע איז גאַנץ צופרידן, און ביידע מאַכן זיי גיכע טריט. געקומען אַהיים צום פעטער ניסלען, טרעפן זיי דאָרט אַ גאַנצע כאַליאַסטרע פרייַנט און גוטע פרייַנט, וואָס האָבן דערהערט, אַז אַ פור איז געקומען צו פאָרן נאָך נחום וועוויקס קינדער, זייַנען זיי דאָס געקומען זיך געזעגענען און לאָזן גריסן זייערע טאַטע־מאַמע גאָר פרייַנטלעך...

צווישן דער כאַליאַסטרע האָבן זיך געפונען אויך די צוויי גבאיטעס,

„פרומע די מויד“ און „פייגעלע־אשמדאי“, דערוויילע אליין, אָן זייערע מאַנען. שפּעטער אַביסל וועלן קומען די מאַנען אויך זיך צו געזעגענען און צו לאָזן גריסן. אַלע קוקן אױף די קינדער מיט רעספּעקט — מענטשן פאָרן אין אַ גרויסער שטאָט, קיין פּערעיאַסלאַוו! מע רעדט שוין צו זיי גאָר מיט אַן אַנדער לשון. מע גיט זיי עצות, ווי אַזוי זיי זאָלן פאָרן און ווו זיי זאָלן זיך אָפּשטעלן אין באַרישפּאָליע. דער פעטער ניסל שענקט זיי צו שנעל, ווי זיין שטייגער איז, און פרעגט די שקצים, אויב זיי וועלן שרייבן אַלע וואָך, צוויי מאָל אַ וואָך, אַלע טאָג!... שמואל־אלי דער חזן בעט, זיי זאָלן איבערגעבן פון אים גאָר אַ באַזונדערן גרוס דעם טאַטן און זאָגן, אַז זינט יענער איז אַרויסגעפאָרן פון דאַנען, האָט ער, שמואל־אלי, נאָך איין שאָך אַפילו ניט געשפּילט, וואָרעם וואָראָנקאָ איז אַ פּוסטע! די מומע האָדל איז מיטאַמאָל געוואָרן גוט, כאָטש לייג זי צו צו אַ מכה. זי האָט געזאָגט, אַז זי פאַרשטייט ניט, ווי אַזוי שיקט מען דאָס אַרויס קינדער הונגעריקע? און וואָס איז דאָס פאַר אַ שפּייַז אין וועג אױף צוויי מעת־לעת קיכלעך, האַרטע אייער און באַרן? די קינדער וועלן דאָך אויסגיין פון הונגער! און זי האָט גענומען פּאַקן זיי אין וועג אַרייַן וואָס זי האָט געקאָנט: שמאַלץ אין אַ קליין טעפּעלע, אַ סלאָיעקל פאַרצו־קערטן אייַנגעמאַכטס, אַפּנים, פון פאַראַיאָרן זומער, און פּאָווידלע, נאָר אַזאַ זויערע, וואָס מע קאָן דערזען קראָקע מיט לעמבעריג!

אין דער צייַט, וואָס די מומע האָדל האָט געפּאַקט אין וועג אַרייַן און די קינדער זייַנען געווען פאַרנומען מיטן געזעגענען זיך, האָט זיך דערווייַל אָפּגעשפּילט אַ קליינע טראַגעדיע צווישן „פרומע די מויד“ און גערגעלע־גנב. פרומע האָט דערזען גערגעלען, האָט זי אַ קוק געגעבן אױף אים מיטן בלינדן אייגל און אַ פרעג געטאָן באַ פייגעלע־אשמדאי: „וואָס טוט דאָ דער גנב?“... האָט גערגעלע ניט געוואַרט, ביז יענע וועט ענטפערן, און האָט פון זייַן זייַט אַ פרעג געגעבן: „וואָס טוט דאָ די בלינדע?“... עס וואָלט געקאָנט אַרויס דערפון אַ מיאוסער סקאַנדאַל, ווען שלום נעמט נישט זייַן חבר גערגעלע פאַר אַ האַנט און פירט אים ניט אַרויס אין הויף אַרייַן (אין אַזאַ טאָג מעג מען אַלצדינג, אַפילו חברן זיך מיט גערגעלע־גנב).

— איך האָב געזאָגט, איכל דיר עפּעס שענקען אַ זאַך? נאַ!...

און שלום נחום וועוויקס, צופרידן פון זייַן פילאַנטראָפּיע, שטרעקט אויס זייַן חבר גערגעלע־גנב זייַנע אַלטע שטיוועלעך, אַרויסגענומען פון אונטער דער פּאָלע. גערגעלע, אַפּנים, האָט זיך געריכט אױף אַן אַנדער מין מתנה, ניט אױף אַ פּאָר אַלטע שטיוועלעך. און דערצו איז ער געווען צעקאָכט פונעם אינצידענט מיט דער בלינדער פרומע און נישט צופרידן מיט דעם, וואָס זייַן חבר האָט פון אים פאַרלייקנט דעם אָרט פונעם אוצר,

און גלאַט נישט אויפגעלייגט דעם טאָג, האָט ער די שטיוועלעך באַ זײַן חבר צוגענומען, נאָר ער האָט זיי באַלד געגעבן אַ שמײַס־אַוועק פון זיך מיט כעס, און ער איז אַ באָרוועסער אַוועק פון הויף, זיך געלאָזט לויפן — און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

— — — — — — — — — — — — — — —

אַ נאַרישער אינצידענט — נאָר וויפל געזונט האָט ער געקאָסט! גערגעלעס אַנטרונען־ווערן האָט פאַרביטערט זײַן חברס געזעגענען זיך מיטן שטעטעלע און אָפּגעסמט אים די גאַנצע זיסקייט פון דער ערשטער גרויסער שיינער ווײַטער נסיעה. וויפל ער האָט נישט געוואָלט נאָכדעם אָפּטרײַבן פון זיך דאָס טרויעריקע בילד פון זײַן באַליידיקטן חבר, איז עס דווקא געקראָכן אים אין פּנים אַרײַן, געשטאַנען פאַר די אויגן און גענאָגט דאָס האַרץ: „האָסט באַליידיקט, באַליידיקט אַן אָרעמען חבר!"...

אַרויסגעפאָרן פון מאַרק, געפּטרט די קלייטן, די הײַזלעך, דעם בית־עולם און, להבדיל, דעם גויִשן „צווינטער", און אַריבערגעפאָרן דאָס בריקל און געלאָזט הינטער זיך שוין די לעוואַדע אויך — אויס וואָראָנ־קאָ! דעמאָלט האָט דער העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע מיטאַמאָל דערפילט עפּעס אַ מאָדנע ענגשאַפט אין האַלדז, און אַ וואַרעם געפיל פון רחמנות צום קליינעם שטעטעלע האָט אים דורכגענומען דורך און דורך, גלײַך ווי דאָס שטעטעלע וואָלט געבליבן אַ יתום... דאָס דאָזיקע געפיל אינאיינעם מיטן פאַרדראָס פון גערגעלעס אַנטרונען ווערן האָבן ווייך געמאַכט זײַן האַרץ און באַנעצט זײַנע אויגן. אָפּגעקערעוועט דעם קאָפּ אַף אַ זײַט, בכדי זײַנע ברידער זאָלן עס נישט באַמערקן, האָט ער אָפּגעווישט אַ טרער און האָט שטילערהייט זיך אָפּגעזעגנט דאָס לעצטע מאָל מיטן שטעטעלע: „זײַ געזונט, וואָראָנקאָ, זײַ געזונט!"...

24

די נסיעה

די רײַזע באַ מאיר־וועלוול בעל־עגלה אין בויד. — פילאָזאָפישע געדאַנקען. — די ערשטע סטאַנציע אין וועג — באָרישפּאָליע. — „נעזיקע" בעלי־כתּים פון דער אכסניה. — אַ נאַכטלעגער אַף דער ערד. — דער העלד געזעגנט זיך אַף שטענדיק מיט וואָראָנקאָ.

נאָר דער, וואָס איז אַליין אויסגעוואַקסן אין אַ קליין שטעטל און איז דאָס ערשטע מאָל אַף זײַן לעבן אַרויסגעפאָרן פונעם קליינעם שטעטל אַף

גאָטס וועלט, יענער וועט פאַרשטיין און וועט מיטפֿילן דעם גליק מיט דעם פאַרגעניגן מיט דעם רחבֿת־הנפֿש, וואָס קליינוואַרג האָט געפֿילט פֿון דער דאָזיקער ערשטער אָנגעלייגטער נסיעה. די ערשטע צײַט האָט מען זיך אין בויך גאָר קיין אָרט ניט געקאָנט געפֿינען. האָט מען זיך אָנגעלענט, ווי דער טאַטע צום סדר אויף דעם היסבֿ־בעט, אָדער מע האָט אַרײַנגעלייגט די הענט אין די קעשענעס און אויסגעצויגן זיך אין דער לענג, אָדער מע האָט זיך גאָר אויפֿגעשטעלט, אָנגעהאַלטן זיך מיט די הענט אין די רייפֿן פֿונעם בײַדל. דאָס האָט שוין מאיר־וועלוול בעל־עגלה ניט געוואָלט לײַדן. און כאָטש ער האָט געשלאָגן מיט חבֿרה בלאָט און אַ גאַנצן וועג דערציילט זיי בעל־עגלה־מעשׂיות, פֿונדעסטוועגן האָט דאָס אים נישט געשאַדט מבֿטיח צו זײַן, אַז טאָמער וועלן זיי אים אַרויסרײַסן אַ שטיקל בויד, וועט ער זיי אַרויסרײַסן די קישקעס. מאיר־וועלוול האָט דאָס אָפּגעזאָגט, אַ שמיץ געגעבן די „סוסים" און געפֿאָרן ווײַטער.

ווער עס געדענקט דעם טעם פֿון פֿאָרן דעם ערשטן מאָל, דער ווייס, ווי אַזוי דער וועג לויפֿט, ווי אַזוי די ערד ווערט פֿאַרשווונדן אונטער די רעדער און אונטער די פֿיס פֿון די פֿערד, ווי אַזוי אַלץ שוועבט פֿאַר די אויגן, ווי אַזוי סע שמעקט אַ פֿאַרשפּעטיקט גרעזל, אָדער אַ פֿאַרטשעפּעטע צווײַג פֿון אַן עלנטן בוים, ווי אַזוי די פֿרישע לופֿט כאַפּט זיך אַרײַן דורך דער נאָז און דורך דעם האַלדז אינעווייניק אַרײַן און גלעט, גלעט — אַ מחיה! און עס הייבט אײַך, און עס זינגט זיך אײַך — ס'איז אײַך גוט אָן אַן עק און אָן אַ שיעור! דורכגעלאָזט אַלע הײַזער מיטן בריקל, מיט דער לעוואַדע, מיטן בית־עולם, פֿליט איר ווײַטער און ווײַטער, און איר דערזעט הויכע „לעבעדיקע מתים", וואָס דרייען מיט די הענט אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, עס נעמט אײַך אָן אַ פּחד. צום סוף, אַז מע קומט צו נאָענט, זעט מען, אַז ס'איז נאָר ווינטמילן. נאָר אָט באַלד ווערן זיי אויך פֿאַרשווונדן, און איר זעט מער ניט נאָר הימל און פֿעלד, פֿעלד און הימל, און עס גלוסט זיך אײַך אַראָפּשפּרינגען פֿון וואָגן, אָדער בעסער אַרויספֿליִען פֿון וואָגן און אַרײַנשווימען אין דער דאָזיקער בלויקייט, וואָס האָט ניט קיין אָנהייב און האָט ניט קיין סוף. ניט ווילנדיק קומען געדאַנקען, ווי קליין דער מענטש איז און ווי גרויס איז דער, וואָס האָט באַשאַפֿן אָט די דאָזיקע שיינע גרויסע וועלט, און אַ פֿאַרוויגטער פֿון די געדאַנקען, הייבט זיך אײַך אָן צו דרימלען. נאָר אָט שנײַדט זיך אויס פֿאַר די אויגן עפּעס אַ גרויסע פֿור, מיט אַ פּאָר גרויסע אָקסן מיט גרויסע הערנער, און אַ גוי, אַ באָרוועסער, מיט אַ גרויס היטל, גייט צו־פֿוס, און מאיר־וועלוול גריסט זיך מיטן גוי האַלב אויף גויִש און האַלב אויף ייִדיש: „זדראַוואָ, טשאָלאָוויטשע, האַרצווייטיק אין בויך נעכײַ טובי בודע, און בויכווייטיק אוהאַלעוו"... דער גוי ווייס ניט, וואָס דער

ייִד זאָגט צו אים, צי גוטס, צי שלעכטס, שטייט ער אַ ווײַלע אַ פאַרטומלטער; דערנאָך טוט ער אַ מאַך מיטן קאָפּ און אַ מרוקע אונטער דער נאָז אַ דאַנק און פאָרט ווײַטער, און חברה קליינוואַרג שיסן אויס אַ געלעכטער. מאיר־וועלוול, וואָס האָט אַפילו קיין שמייכל ניט געטאָן, דרייט־אויס דעם קאָפּ צו זײַנע יונגע פאַרשווינדלעך: „וואָס פאַר אַ געלעכטער אַף אײַך, ממזרים?" אַ שיינע מעשה, נאָר אַ קורצע — ער פרעגט גאָר, וואָס פאַר אַ געלעכטער!... און אַזוי גייט עס ווײַטער דעם גאַנצן טאָג, דעם ערשטן טאָג פון דער דאָזיקער גליקלעכער נסיעה אין סוף זומער.

די לעצטע טעג פון זומער — ווי שיין זיי זײַנען! די פעלדער נאַקעט, ערטערווײַז צעאַקערט, דאָס ברויט שוין לאַנג אַראָפּגענומען, נאָר ווו־ניט ווו וואַרפט זיך דורך אַ בלימל, אַ זאַנג, אַ קווייטל. אין די גויִשע גערטנער ליגן נאָך די קאַוועָנעס און אַרבוזעס, וואָס דאַרפן פאַרטיק ווערן, אויך לאַנגע טיקוועס, וואָס נעמען זיך אָן מיט זאַפט, און די הויכע סאָנישניקעס, וואָס האָבן זיך אויסגעצויגן מיט שטאָלץ, באַווײַזן זייערע געלע רײַכע קוטשמעס. און די גאַנצע וועלט איז נאָך פול מיט פליגעלעך און מורעשקעס, וואָס זשומען און הודען, מיט היישעריקלעך, וואָס שפּרינגען, מיט פערכלעך און פליטערלעך, וואָס טראָגן זיך און וויגן זיך יום־טובדיק אין דער לופטן. און דער ריח פון פעלד פאַרטראָגט אין נאָז אַרײַן, און די וועלט אַרום און אַרום זעט־אויס אַזוי גרויס, און דער הימל אויבן אַזוי קײַלעכיק, און צום צווייטן מאָל קומט אַף די געדאַנקען, אַז די מענטשן זײַנען צו קליין, צו קליין פאַר אַזאַ גרויסער וועלט, און אַז נאָר גאָט, וואָס איז מ ל ו א כ ל ה אָ ר ץ כ ב ו ד ו , — ער איז אָנגעמאָסטן פאַר אַזאַ וועלט...

— קריכט אַראָפּ, ממזרים, מיר זײַנען שוין אין באַרישפּאָליע. דאָ נעכטיקן מיר אונטער, און „מירטשעמאָרגן" פאָרן מיר ווײַטער.

באַרישפּאָליע — אַ נײַע שטאָט. בעסער וועט זײַן, אַז מיר וועלן זאָגן — אַ נײַ דאָרף, אַ גרויס דאָרף. הײַזלעך די זעלבע, וואָס אין וואָראָנקאָ, מענטשן אויך די אייגענע, נאָר נעזער אַנדערע. אַ צופאַל, אָדער ס'איז טאַקע אַזוי, נאָר די חברה זײַנען געווען איבעראַשט פון דעם, וואָס דער בעל־הבית פון דער סטאַנציע, די בעל־הביתטע און זייערע פיר דערוואַקסענע טעכטער — אַלע זײַנען זיי געווען מיט לאַנגע נעז, און טאָמער איז קאַרג, האָט די דינסט נאָך אַ לענגערע נאָז פון זיי אַלע. דערהערט פונעם בעל־עגלה, ווער די פאַרשווינדלעך זײַנען, האָט דער לאַנגנאָזיקער בעל־הבית זיי אויפגענומען מיט כבוד, זיי אָפּגעגעבן שלום־עליכם, געהייסן דער לאַנגנאָזיקער דינסט, זי זאָל שטעלן דעם סאַמאָוואַר, אַ ווונק געגעבן צו דער לאַנגנאָזיקער בעל־הביתטע, זי זאָל דערלאַנגען פאַרבײַסן, און

א קאָמאַנדעווע געגעבן צו די לאַנגנאָזיקע טעכטער, זיי זאָלן אָנטאָן די שיך — זיי זײַנען געגאַנגען באָרוועס.

מיט די דאָזיקע באָרוועסע מיידלעך זײַנען די יונגע רײַזנדע געוואָרן א ביסל שפּעטער גאַנץ היימיש. מיט גרויס נייגעריקייט האָבן די מיידלעך זיך אויסגעפרעגט בא די יִנגלעך, פון וואַנען און וווּהין זיי פאָרן, און ווי אַזוי זיי הייסן, און ווי געפעלט זיי באַרישפּאָליע — אַלצדינג האָבן זיי געוואָלט וויסן, אַפילו וויפל יעדער איז אַלט. דערנאָך האָבן אַלע אינאיינעם, די יִנגלעך מיט די מיידלעך, פאַרזוכט פון דער זויערער פאָווידלע, וואָס די מומע האָדל האָט מיטגעגעבן, און די געלעכטערן זײַנען געגאַנגען ביזן הימל אַרײַן.

דערנאָך האָט מען גענומען שפּילן „קוציבאַבע" אָדער אין „זשמורקעס" — א שפּיל, וואָס מע פאַרבינדט איינעם די אויגן און מע לאָזט אים, ער זאָל כאַפּן וועמען ער וויל. די מיידלעך האָבן זיך שטאַרק צעהיצט, און אַז ס'איז זיי געראָטן צו כאַפּן עמעצן פון די יִנגלעך, האָבן זיי אים אַזוי שטאַרק געקוועטשט צו דער ברוסט, אַז ס'איז יענעם שיער די נשמה ניט אַרויס...

באַנאַכט האָט מען די געסט באַלייגט אויף דער ערד, מיט היי אויסגעבעט, און בכדי זיי זאָלן זיך ניט געפינען באַליידיקט, האָט זיי די לאַנגנאָזיקע בעל־הביתטע באַוויזן, אַז איינעם צווייטן ווינקל פונעם זעלבן חדר ליגן אירע טעכטער אויך אויף דער ערד, „און וואַקסן פונדעסטוועגן, קיין עין־הרע, גאַנץ נישקשהדיק", — האָט זי צוגעלייגט און אויסגעשנײַצט די לאַנגע נאָז. חברה וואָלטן דעם דאָזיקן געלעגער אָנגענומען מיט פאַרגעניגן, ווען זיי זאָלן זיך ניט שעמען פאַר די מיידלעך אויסצוטאָן. און די מיידלעך האָבן זיך דווקא ניט געשעמט און האָבן גאַנץ גרינג אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאַפּטעלעך; געבליבן באָרוועסע און אין איינע קליידלעך, מיט נאַקעטע העלזער, האָבן זיי צעלאָזט די האָר און מאָדנע איבערגעקוקט זיך, געוואָרפן אויף די יִנגלעך מיט די אויגן און געלאַכט, געלאַכט, געלאַכט.

—לאָז זײַן שטיל! — האָט אויסגעקאָמאַנדעוועט דער בעל־הבית און האָט אויסגעלאָשן דעם הענגלאָמפּ. עס האָט זיך אָבער אין דער פינצטער נאָך געהערט א פאַרשטיקטער געלעכטער פוןביידע צדדים און א שאָראָך פון היי. אָבער נישט לאַנג, וואָרעם ס'איז געקומען דער געזונטער יונגער אומשולדיקער שלאָף און האָט צוגעשלאָסן די געזונטע יונגע אומשולדיקע אויגן.

די „ברכות" פון אינדערפרי, וואָס דער בעל־הבית האָט געזונגען מיטן געוויסן ניגון, האָבן אָנגעזאָגט די קינדער, אַז ס'איז שוין טאָג און אַז מע דאַרף פאָרן קיין פּערעיאַסלאַוו. דאָס לעצטע וואָרט האָט ווי א ברײ־

געגעבן און אָנגעפּילט דאָס האַרץ מיט שמחה און מיט תענוג. מאיר־וועלוול בעל־עגלה האָט צונויפגעלייגט דעם טלית־ותפילין און דאָס פּנים האָט אים געשייַנט, ווי בײַ אַ צדיק. דערנאָך איז ער אַוועק שפּאַנען די „סוסים". דאָרט האָט ער זיך אויסגעטענהט מיט „מאָודריקן", מיט „טענצערן" און מיט דער „יחסנטע" אויף זייַן לשון, איַינגעטיילט יעדן באַזונדער, נאָר דעם גרעסטן חלק האָט באַקומען „טענצער", דערפאַר, ע ר ז אָ ל נ י ט טאַנצן דעמאָלט, ווען מע שפּילט ניט...

די זון האָט אַראָפּגעשייַנט, און דער גאַנצער הויף איז געווען ווי איַינגעטונקען אין גין־גאָלד, און בריליאַנטן האָבן געפינקלט און געשפּילט זיך אומעטום — בריליאַנטן, דימענטן! אַפילו די קופּע מיסט, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט דורכן גאַנצן זומער, און אפשר דורך צוויי זומערן, איז געווען מיט גאָלד באַדעקט. און ווער שמועסט, דער האָן מיט די הינער, וואָס האָבן זיך דאָ געפּאַרעט אויף דער קופּע, — די האָבן אויסגעזען ביזן לעצטן פעדערל זהב טהור. זייער קוואָקען האָט געגלעט. זייער שאַרן מיט די פיסלעך האָט געהאַט דעם זיבעטן חן. און אַז דער געלער האָן איז אַרויף אויף דער קופּע און האָט צוגעמאַכט די אויגלעך און האָט אויסגעצויגן דעם לאַנגן, שיינעם, כפול־שמונהדיקן קוקאַריקו אויף זייַן חזנישן שטייגער, האָט זיך דערפילט די שיינקייט פון דער וועלט און ווידער אַמאָל די גרויסקייט פון דעם, וואָס האָט באַשאַפן די וועלט. און עס האָט זיך געגלוסט אים אָפּגעבן אַ שבח — נישט חלילה אוועקשטעלן זיך דאַוונען, ווי דער בעל־הבית פון דער באַרישפּאָלער סטאַנציע, אָדער ווי מאיר־וועלוול בעל־עגלה — ניין, דערויף האָבן חברה קיין חשק ניט געהאַט, דאָס האָט זיך זיי שוין לאַנג צוגעגעסן; נאָר איַנעווייניק בײַ זיך אין האַרצן דאַנקען און לויבן גאָט — דאָס יאָ.

— קריכט אין וואָגן אַרײַן, ממזרים, מיר האָבן נאָך אַ טאָג צו פאָרן! — האָט מאיר־וועלוול זיי צוגעטריבן, באַצאָלט פאַר היי און האָבער און געזעגנט זיך מיט די בעלי־בתים פון דער סטאַנציע. חברה האָבן זיך אויך גאַנץ פייַן אָפּגעזעגנט מיט דער לאַנגנעזיקער משפּחה, אַרײַן אין בויד אַרײַן, און אַ נײַע פרישקייט, אַ נײַע זיסקייט, אַ נײַע רחבות האָט זיי אונטערגעכאַפּט און אַרומגענומען פון אַלע זײַטן, באַלד נאָך דעם ווי דער וואָגן האָט טרייסלענדיק זיך אַרויסגעקאַטשעט פון באַרישפּאָליע און אַרויסגעפאָרן ווידער אויף דער ברייטער וועלט פון פעלדער און גערטנער, פון זאַמד און פון וואַלד און פון הימל און ווייַטער הימל. עס האָט שוין אָנגעהויבן ווערן אַ ביסל צו־פיל הימל. עס האָט שוין אָנגעהויבן אַ ביסל צועסן זיך — ניט אַזוי דער הימל, ווי דאָס פאָרן, און ניט אַזוי דאָס פאָרן, ווי דער בעל־עגלה מאיר־וועלוול מיט זייַנע מעשיות. און אגב האָט אָנגעהויבן פויקן אין קאָפּ, שווינדלען אין די אויגן און שטעכן אין די זייַטן פונעם טרייסלען, וואָס ס'האָט געטרייסלט, און פונעם וואַרפן, וואָס

ס'האָט געוואָרפֿן. טער־טער־טער־טער! עס האָט אויסגעוויזן, אַז ס'וועט אייביק אַזוי טערקען, עס וועט גאָר קיינמאָל ניט אויפֿהערן. און עס האָט זיך אָנגעהויבן וועלן אַראָפּקריכן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן בענקען נאָך דער ערד, בענקען אַהיים, בענקען נאָכן שטעטעלע, נאָך וואָראָנקאָ. און דער העלד פֿון דער דאָזיקער ביאָגראַפֿיע האָט זיך פֿאַרשלאָגן אין אַ ווינקעלע בײַ מאיר־וועלוולען אין בויך, אָפּגעזיפֿצט פֿון דער גרינג און מיט האַרץ געזעגנט זיך מיט דעם נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל און געשעפּטשעט שטילער־הייט, זײַנע ברידער זאָלן עס ניט הערן:

— זײַ געזונט, וואָראָנקאָ! זײַ געזונט, זײַ געזונט!...

25

אין דער נײַער היים

פּערעיאַסלאַוו אַ כּרך. — אַ קאַלט באַגעגעניש. — דאָס זילבער איז פֿאַרזעצט. פּרנסה געשלאָגן. — דער טאַטע איז פֿאַרזאָרגט.

נאָך צוויי טעג טרייסלען זיך און העצקען זיך, וואַרפֿן זיך און קאַטשען זיך, און אָנגעגעסן זיך מיט שטויב, און אָנגעהערט זיך מיט בעל־עגלה־מעשׂיות, האָבן די יונגע רײַזנדע אַפֿן צווייטן טאָג פֿאַרנאַכט דער־פֿילט, אַז זיי זײַנען שוין אָט־אָט אינדערהיים. נאָך אַביסעלע און עס האָבן זיך אין דער פֿינצטערער נאַכט אָנגעהויבן באַווײַזן קליינע פֿײַערלעך — סימנים פֿון אַ שטאָט. דערנאָך האָבן די רעדער געגומען קלאַפּן איבער שטיינער, און די בויד האָט געטראַסקעט נאָך ערגער ווי פֿריִער. דאָס איז שוין געווען די אמתע שטאָט, די גרויסע שטאָט פּערעיאַסלאַוו. מיט אַ רעש און מיט אַ האַרמידער האָט זיך מאיר־וועלוולס בויד צוגעקאַטשעט צו אַ „פֿינצטערן הויף, ווו ס'איז געהאַנגען איבערן טויער אַ פֿאַרריי־בערטע לאַמטערנע מיט אַ בעזעמל פֿון היי — אַ סימן אַז אַן אײַנפֿאָר־הויז.

אַז זייערע עלטערנס פּרנסה איז איצט אַן אײַנפֿאָר־הויז — דאָס איז פֿאַר די קינדער געווען אַ סורפּריז און אַ באַליידיקונג־ סטײַטש, זייער טאַטע נחום וועט אויפֿנעמען געסט? זייער מאַמע חיה־אסתּר וועט קאָכן פֿאַר זיי וואַרעמעס? זייער באָבע מינדע וועט זיי באַדינען? קיין שטאַרקערן אַראָפּפֿאַל, קיין גרעסערן בזיון האָבן זיי זיך ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן. און דער טרוימער שלום, וואָס האָט שטענדיק געחלומט פֿון בעסערע צײַטן, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט זײַן אוצר, האָט דערנאָך אין דער שטיל געטרויערט, געוויינט אין דער פֿאַרבאָרגעניש און שטאַרק געבענקט צוריק צום ליבן קליינעם וואָראָנקאָ. ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס

האָבן די גרויסע געהאַט געזאָגט: משנה מקום — משנה מזל? אַ שיינער „משנה מקום — משנה מזל" — נישטאָ וואָס צו ריידן!...

— קריכט־אַרויס, ממזרים, מיר זײַנען שוין געקומען! — אַזוי האָט מאיר־וועלוול אָנגעזאָגט די בשורה נאָכדעם ווי ער האָט מיט אַ לאַנגן „טפּרררו" זיך אָפּגעשטעלט באַם גאַניק פונעם אײַנפאָר־הויז.

צעבראָכענע, צעלאָמעטע און הונגעריקע, האָבן חברה גענומען אײנציקווײַז אַרויסקריכן פון בויד און אויסגלײַכן זיך די ביינער. גיך האָט זיך געעפנט די שטוב־טיר און עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן אַפן פינצטערן גאַניק פיגורן, איינע נאָך דער אַנדערער, וואָס מע האָט זיי אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט געקאָנט דערקענען נאָר נאָכן קול. די ערשטע פיגור איז געווען אַ הויכע און אַ ברייטע. דאָס איז געווען די באָבע מינדע. זי האָט אויסגעצויגן דעם אַלטן קאָפּ און אַ זאָג געגעבן: „אָ! געלויבט ביסטו גאָט, זיי זײַנען שוין געקומען". די צווייטע פיגור איז געווען אַ קלייניטשקע, אַ זשוואַווע. דאָס איז געווען די מאַמע חיה־אסתּר. זי האָט ווי אַ פרעג געגעבן עמעצן אַ דריטן: „שוין געקומען?" — „שוין געקומען!" — האָט איר אָפּגעענטפערט מיט פרייד אַ דריטע פיגור, אַ לאַנגע און אַ דינע. דאָס איז געווען דער טאַטע, רב נחום וועוויקס, איצט שוין רב נחום ראַבינאָוויטש (אין דער גרויסער שטאָט האָט מען דעם זיידן וועוויק געגעבן דימיסיע).

אַ באַגעגעניש איז דאָס געווען נישט אַזאַ, ווי די קינדער האָבן געוואַרט. מע האָט זיך אפילו צעקושט, נאָר קאַלטלעך. דערנאָך האָט מען זיי אַ פרעג געגעבן: „ס'מאַכט איר?" וואָס קאָן מען ענטפערן דערויף? „גאַרנישט"... די ערשטע איז געווען די באָבע מינדע, וואָס האָט זיך דערמאָנט, אַז די קינדער קאָנען וועלן עסן. „איר זײַט הונגעריק?" נאָך אַ מין הונגעריק! „אירט עפּעס עסן?" נאָך אַ מין עסן! „מנחה־מעריב געדאַוונט?" נאָך אַ מין דאַוונען!...

די מאַמע האָט זיך אַ וואָרף געגעבן אין קיך מאַכן עפּעס עסן, און דער טאַטע האָט דערווײַל פאַרהערט די קינדער, ווו זיי האַלטן אין לערנען. אָ, זיי האַלטן ווײַט! נאָר וואָס דרייט מען זיי אַ מח, אַז עס ווילט זיך גאָר באַטראַכטן די נײַע היים, די נ ײַ ע ש ט ו ב?

און זיי בויגן דעם קאָפּ אַף אַלע זײַטן און קוקן זיך אַרום, ווו זיי זײַנען אין דער וועלט. זיי דערזען פאַר זיך אַ גרויסע, נאָר אַ סומנע, אַ נאַרישעוואַטע שטוב מיט אַ סך חדרימלעך, איבערגעצוימט מיט דינע ברעטלעך. דאָס זײַנען חדרים פאַר אורחים, און אורחים — ניט איינער. אין מיטן שטוב איז אַ זאַל. אין זאַל האָבן חברה דערקענט דאָס גאַנצע וואָראָנקאָווער מעבל: דעם קײַלעכיקן רויטן טיש אַף דרײַ לאַפּעס, די אַלטע פאַנירטע רויטע קאַנאַפּע מיטן אויסגעטריפּעטן געזעס, דעם קײַלעכיקן

פאַנירטן רויטן שפּיגל מיט די צוויי אויסגעשניצטע הענט פון אויבן, ווי באַ כהנים צום דוכענען, און די גלעזערנע שאַפע, פון וואַנען עס האָבן אַרויסגעקוקט נאָר די פּסחדיקע פּילפּאַרביקע טעלער, דאָס זילבערנע חנוכּה־לעמפּל מיטן אַלטן זילבערנעם הדס־בעכער, וואָס איז געמאַכט געוואָרן ווי אַן עפּל אויף אַ גרויסער צווייַג מיט בלעטלעך. די אַלע איבעריקע זילבערנע־געגילטע כּוסות, בעכער, בעכערלעך, גאָפּלען, מעסערס און לעפל און דאָס גאַנצע זילבער — איז נישט געווען שוין מער. ווו איז דאָס אַהינגעקומען? ערשט העט־שפּעטער, אין אַ צייַט אַרום, זייַנען זיי געוווירע געוואָרן, אַז טאַטע־מאַמע האָבן עס אינאיינעם מיט דער מאַמעס פּערל און צירונג פאַרזעצט באַ אַ פּערעיאַסלאַווער נגיד און נישט געקאָנט שוין מער אויסקויפן קיינמאָל.

— גייט וואַשט אייַך! — זאָגט די באָבע מינדע נאָך דעם, ווי די מאַמע חיה־אסתּר האָט געבראַכט צו טראָגן פון קיך עפּעס נישט אַזאַ געהויבענע וועטשערע: צוגעוואַרעמטע קאַשע מיט פּאַסאָלעס, און דאָס דאַרף מען עסן מיט ברויט, און דאָס ברויט איז אַלטגעבאַקן! די מאַמע אַליין שנייַדט דאָס מיט אַ מעסער און טיילט־אויס יעדן זייַן חלק — דאָס איז באַ זיי קיינמאָל נישט געווען. אַ קבצנישער מנהג!... און דער טאַטע זיצט באַ דער זייַט און הערט נישט אויף צו עקזאַמענירן, ווו האַלט מען אין תּנ״ך. דער טאַטע זעט־אויס צופרידן. די קינדער האַלטן ווייַט. און ווער שמועסט, דער מיטלסטער, שלום, דער איז קלאָר בעל־פּה, קאָן זאָגן גאַנצע קאַפּיטלעך ישעיה אויף אויסווייניק, ווי אַ וואַסער.

— נו, גענוג שוין, לאָזן זיי גיין שלאָפן! — זאָגט די מאַמע און נעמט צו דאָס איבערגעבליבענע ברויט פון טיש און פאַרשליסט דאָס אין שאַפע. דאָס איז אויך נישט געווען באַ זיי דאָרטן אין וואָראָנקאָ. דאָס איז גאָר אַ מיאוסער מנהג!...

עס איז שווער צו זאָגן: צי ווייַל דער וועג איז געווען אַ לאַנגער, אַ שווערער און מע איז געווען צעבראָכן אויף שטיק־שטיקלעך, אָדער אפשר דערפאַר, וואָס דאָס באַגעגעניש איז געווען עפּעס נישט איבעריק פרייַנטלעך און די אויפנאַמע קבצנישדיק — נאָר די נייַע היים, וואָס חבֿרה האָבן וועגן איר אַזוי פיל געחלומט, האָט נישט געפונען באַ זיי אין די אויגן יענעם חן, וואָס זיי האָבן געמיינט און געוואָלט. צו־פיל האָבן זיי, אַפּנים, געוואַרט פון דעם — דעריבער האָבן זיי זיך געפילט ווי אָפּגעשמיסענע און זייַנען געווען צופרידן, אַז מע האָט זיי געהייסן לייענען קריאת־שמע און גיין שלאָפן.

ליגנדיק דערנאָך אויף שטרויענע זעק, אויסגעבעט אויף דער ערד, אַלע קינדער אינאיינעם, אין אַ גרויסן פינצטערן חדר אָן אַ שום מעבל — אַ מין דורכגאַנגס־חדר פון זאַל אין קיך אַרייַן, — האָט דער העלד פון דער

דאָזיקער ביאָגראַפיע לאַנג נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. אין זײַן קאָפּ האָבן זיך געבאָמבלט אַלערליי מחשבות און געדאַנקען מיט קשיות, קשיות און קשיות: פאַרוואָס איז דאָ אַזוי פינצטער און אומעטיק? פאַרוואָס זײַנען דאָ אַלע אַזוי פאַרזאָרגט? וואָס איז דאָס מיט דער מאַמען, וואָס זי איז געוואָרן אַזוי קאַרג מיט סכנות? וואָס איז דאָס מיטן טאַטן, וואָס ער איז געוואָרן אַזוי אײַנגעבויגן, סוטולעוואַטע און אַזוי שטאַרק פאַרעלטערט, אַז עס קלעמט דאָס האַרץ קוקנדיק אויף זײַן געל־געקנייטשט פּנים? ניט שווין־זשע איז דאָס אַלצדינג נאָר צוליב דעם, וואָס מע האָט געזאָגט אין וואָראַנקאָ, אַ ז ד י פּ ר נ ס ה א י ז ג ע ש ל אָ ג ן? ניט שווין־זשע איז אָט דאָס דער „משנה מקום — משנה מזל”? וואָס טוט מען דערצו? דערצו איז — דער אוצר. אַך! ווען ער ברענגט מיט זיך כאָטש אַ קליינעם חלק פון יענעם אוצר, וואָס ליגט באַהאַלטן אין וואָראָנקאָ!...

דערמאָנט זיך אײַנעם אוצר, קומט אים אויפן זינען זײַן חבר שמואליק דער יתום מיט זײַנע וווּנדערלעכע מעשיות וועגן שיינע אוצרות פון גאָלד און זילבער, דימענטן און בריליאַנטן, וואָס געפינען זיך אין גן־עדן התחתון, און וועגן יענעם אוצר, וואָס געפינט זיך אויף יענער זײַט וואָראָנקאָווער בית־מדרש נאָך פון כמעלניצקים צײַטן.. און עס חלומען זיך אים אוצרות, גאָלד און זילבער, דימענטן און בריליאַנטן. און זײַן חבר שמואליק קומט אים צו חלום, דער ליבער שמואליק מיט זײַן חנעוודיקן פּנים, מיט זײַנע גלאַנצנדיקע, מיט פעטן אָנגעשמירטע האָר. און עס מאַלט זיך אים אויס, אַז ער הערט זײַן ווייך־הייזעריק קול, ווי ער רעדט צו אים זיס־פרײַנטלעך, ווי אַן אַלטער, און ווי ער טרייסט אים מיט גוטע ווערטער: „זאָרג ניט, שלומאַני טײַערער, אָט האָסטו פון מיר אַ מתּנה — אַ שטיין פון יענע צוויי שטיינער; קלײַב דיר אויס וועלכן דו ווילסט — דעם שטיין, וואָס הייסט „ישפה”, אָדער דעם שטיין, וואָס הייסט „כדכד”... שלום איז אין פאַרלעגנהייט. ער ווייס ניט, ער האָט פאַרגעסן, וועלכער שטיין איז בעסער — דער שטיין, וואָס הייסט „ישפה”, אָדער דער שטיין, וואָס הייסט „כדכד”? און אַזוי ווי ער טראַכט דאָ אַזוי, שפּרינגט־אונטער גערגעלע־גנב, כאַפּט־אויס ביידע שטיינער און ווערט מיט זיי פאַרשוווּנדן. און פּי־ניעלע שימעלעס — פון וואַנען האָט ד ע ר זיך גענומען אַהער? — האַלט די הענט אין די קעשענעס און קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער. „פּי־ניעלע, וואָס לאַכסטו?” „פון דײַן מומע האָדל מיט איר פּאַווידלע — כאַ־כאַ־כאַ!”...

— שטייט־אויף, חברה פלעצל! זע נאָר, ס׳איז זיי גאָרניט צו דער־קענען! מע דאַרף אַרויסטראָגן דעם הקדש! מע דאַרף קאָכן וואַרעמעס! און זיי שלאָפן — אַ זיסער שלאָף אויף זיי! קלאָגט זיך די מאַמע חיה־אסתּר, אַ קליינינטשקע, אַ זשוואַווע, אַ פאַרפאַרעטע, אַ פאַרטאַרעראַמטע פון דער אַרבעט אין שטוב און אין קיך — איין מענטש אַליין.

— אי־אַ־נו, דאַוונען! — העלפֿט איר אונטער די באָבע מינדע, האַלט אַ קרבן־מנחה אין האַנט און מישט אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל און זאָגט מיט כוונה, טאָר ניט מפסיק זײַן.

— נאָכן דאַוונען וועט איר זיך דורכגיין צו דער משפּחה אָפּגעבן אַלעמען שלום־עליכם, און אין חדר וועט איר שוין אָנהויבן גיין, אם ירצה השם, נאָך יום־טוב.

אַזוי לייגט־צו דער טאַטע ווייכער פֿון אַלע. ער גייט אָנגעטאָן אין עפּעס אַ מאָדנע כאַלאַטל, אױף קעץ אונטערגעשלאָגן, כאָטש ס׳איז נאָך וואַרעם אין דרויסן, און אַן אײַנגעהויקערטער, אַ פֿאַרזאָרגטער, פֿאַרציט ער זיך מיט אַ שטאַרקן פּאַפּיראָס און זיפֿצט אַזוי טיף, אַז עס רײַסט־אויס אַ שטיק האַרץ. עפּעס דאַכט זיך אויס, אַז ער איז גאָר קלענער געוואָרן. עלטער און קלענער... און עס ווילט זיך לויפֿן פֿון שטוב אַרויס וואָס גיכער, לויפֿן אין דרויסן אַרויס, אָנקוקן די שטאָט, זיך באַקענען מיט דער משפּחה.

26

די גרויסע שטאָט

מע גייט באַקענען זיך מיט דער משפּחה. — די מומע חנה מיט אירע קינדער. — אלי און אברהמל פֿאַרהערן דעם העלד, ווי ער האַלט אין תנ״ך. — באַם פֿעטער פּיניע פֿאַרהערט מען אים אין שרײַבן.

אױף וויפֿל די שטאָט האָט באַנאַכט אויסגעוויזן וויסט און פֿינצטער, אױף אַזוי פֿיל האָט זי אינדערפֿרי געשײַנט און געבלישטשעט און געפֿונען חן און לײַטזעליקייט אין די אויגן פֿון די וואָראָנקאָווער ייִנגלעך, די קליינשטעטלדיקע קינדער, וואָס האָבן געגאַפֿט התפּעלות פֿון איטלעכס ברעקל באַזונדער. זיי האָבן נאָך קיינמאָל אױף זייער לעבן נישט געזען, אַז גאַסן זאָלן זײַן אַזוי ברייט און לאַנג און האָבן פֿון ביידע זײַטן הילצערנע „פֿעשעבאָדן" (טראָטואַרן); אַז שטיבער זאָלן זײַן געדעקט מיט בלעך; אַז פֿענצטער זאָלן זײַן פֿון דרויסן מיט געפֿאַרבטע גרינע, בלויע און רויטע לאָדן; אַז קלייטן זאָלן זײַן געמויערטע פֿון ציגל און האָבן אײַזערנע טירן. הײַנט דער מאַרק, די קלויסטערס און, להבדיל, די בתי־מדרשים מיט די שולן, און אַפֿילו די מענטשן — אַלע און אַלץ איז אַזוי גרויס און אַזוי שיין און אַזוי ריין און אַזוי יום־טובדיק־פֿריילעך! ניין, פּיניעלע שימעלעס האָט ניט מגזם געווען, אַז ער האָט דערציילט „וואונדיירים" פֿון דער דאָזיקער גרויסער שטאָט. אַזוי ווי אױף רעדלעך האָבן זיך געגליטשט זייערע

פיס איבער די הילצערנע „פעשעכאָדן”, גייענדיק מיטן טאַטן צו דער משפּחה, זיך באַקענען און אָפּגעבן שלום. און נאָר וויַיל דאָ איז געווען דער טאַטע, האָבן זיי פאַר דרך־ארץ נישט געקאָנט זיך אָפּשטעלן אַף יעדן טריט און באַוווּנדערן די חידושים ונפלאות, וואָס זייערע אויגן האָבן דערזען. ווי דער שטייגער איז, איז אַף צו־פריִער געגאַנגען דער טאַטע, און די קינדער האָבן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך אים, פון הינטן.

אַריַינגעטראָטן אין אַ גרויסן הויף און דורכגעשפּאַנט דורך אַ גרויסן גלעזערנעם ליכטיקן קאָרידאָר, איז מען אַריַינגעקומען אין אַ רײַכער פריי־צישער שטוב מיט געוועקסלטע פּאָדלאָגעס, ווייכע קאַנאַפּעס און שטולן, הויכע ביז דער סטעליע שפּיגלען, געשניצטע שאַפעס, גלעזערנע קאַנדע־ליאַברעס אַף דער סטעליע, מעשענע העסעס אַף די ווענט — אַן אמתער „פּאַלאַץ”, אַ „דירה־מלוכה”!

דאָס איז געווען דער מומע חנהס שטוב — אַ מאָדנע שטוב. אַ שטוב אָן אַ טאַטן (די מומע חנה איז אַן אלמנה). די קינדער האָבן נישט גע־הערט זייער מאַמע, נישט זייער רבין, נישט קיינעם. אַ קליינע אַנאַרכיע. איטלעכער האָט זיך געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט· און אַלע צווישן זיך האָבן געהאַלטן אין איין קריגן זיך, געגעבן זיך איינס דאָס אַנדערע צונע־מענישן, און געלאַכט האָט מען הילכיק, און גערעדט האָבן אַלע אינאיינעם, און געטומלט אַזוי שטאַרק, אַזש דער קאָפּ האָט זיך איַיך גערדרייט.

די מומע חנה אַליין — אַ ייִדענע אַ הויכע, אַ גרויסאַרטיקע. עס וואָלט איר אָנגעשטאַנען זיַין אַ גראַנד־דאַמע, פון די, וואָס שמעקן טאַבעקע פון אַ גאָלדן פּושקעלע, אַף וועלכן סע שטייט אויסגעמאָלט אַ פּרינץ פון די אַמאָליקע פּרינצן, מיט אַ גרוי צעפּל און מיט זיַידענע זאָקן. די מומע חנה איז געווען, וויַיזט אויס, אַמאָל אַ יפת־תואר. דאָס איז צו זען נאָך די טעכטער: זעלטענע־זעלטענע שיינהיַיטן. ווי נאָר קליינוואַרג זיַינען אַריַינגעקומען, אַזוי איז געוואָרן אַ טומל, אַ געשריי און אַ געפּילדער:

— אָט דאָס זיַינען זיי? אָט דאָס איז ער, דער בעל־תנ”ך? אַנו, קום נאָר אַהער, שעם זיך ניט! זעט נאָר, ווי ער שעמט זיך עס אביסל, כאַ־כאַ־כאַ!

דער טאַטע האָט זיך, אַפּנים, נישט געקאָנט איַינהאַלטן פון צו געבן זיך אַ באַרים מיט זיַין זון, אַז ער איז אַ גוטער בעל־תנ”ך, האָט מען אים געקרוינט דאָ טאַקע באַלד אַפן אָרט מיטן נאָמען: „בעל־תנ”ך”.

— גיס־אָן דעם בעל־תנ”ך אַ גלעזל טיי און גיב אים אַן עפּל מיט אַ באַר, לאָז ער פאַרזוכן, דער בעל־תנ”ך, אונדזערע פּערעיאַסלאַווער אויבסטן.

— שאַט, ווייסט איר וואָס? לאָז מען אַריַינרופן אַהערצו אַליען מיט אברהמלען, וועלן זיי אים פאַרהערן.

און מע האָט אַרײַנגערופֿן אליען מיט אברהמלען.

אליע און אברהמל זײַנען שוין היפּשע בחורים מיט פֿײַנע בערדלעך און קערן זיך אָן צו דער מומע חנהס משפּחה פֿון איר מאַנס צד. זיצן אַ הויף קעגן אַ הויף. זייער פֿאָטער, יצחק־יענקל, איז אַן אָפּגעקומענער נגיד, לאָדט זיך כל ימיו מיט „קאַזנאַ", טראָגט אַן אוירינגל אין לינקן אויער, אַ שיינע קײַלעכיקע באָרד, קוקט ניט אָף קיינעם, רעדט נישט מיט קיינעם, און שטענדיק שמייכלט ער מיט אַזאַ מינע, ווי איינער רעדט: „וואָס האָב איך מיט אײַך צו שמועסן, אַז איר זײַנט אַלע בהמות?"

די אַרײַנגעקומענע בחורים האָבן גלײַך, אָן צערעמאָניעס, אַ נעם־געגעבן דאָס וואָראָנקאָווער בחורל צום עקזאַמען, אים פֿאַרהערט אין תנ"ך אָף אויסווייניק פֿון איין עק ביזן אַנדערן. און מע דאַרף מודה זײַן, אַז דאָס וואָראָנקאָווער בחורל האָט דעם עקזאַמען אויסגעהאַלטן גאָר־גאָר גלענצנדיק. ער האָט ניט נאָר געטראָפֿן איטלעכס וואָרט ווו עס שטייט, אין וואָסער אַ קאַפּיטל, אין וואָסער פּסוק, נאָר אַפֿילו געזאָגט, ווו סע געפֿינען זיך אַלע איבעריקע ווערטער פֿונעם זעלבן שורש. דער טאַטע האָט געקוואָלן, געקליבן תענוג, ממש געוואָרן ברייטער ווי לענגער. דאָס פּנים זײַנס האָט אים געשײַנט. די קנייטשן, וואָס אָפּן שטערן, האָבן זיך אויסגעגלײַכט, געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש.

— אַז ס'איז יאָ אַזוי, לאָז מען געבן דעם בעל־תנ"ך נאָך אַן עפּל און נאָך אַ באַר און נאָך ניס, און קאָנפֿעקטן, קאָנפֿעקטן! — האָבן דער מומע חנהס טעכטער די יפֿת־תוארס געקאָמאַנדעוועט, און דער נאָמען „בעל־תנ'ך" איז אים פֿאַרבליבן אָף אַ לאַנגע צײַט ניט נאָר אין דער משפּחה — מע האָט אים שוין דערנאָך אין בית־מדרש, צווישן יונגלעך קונדסים, אַנדערש ניט גערופֿן, ווי „דער וואָראָנקאָווער בעל־תנ"ך." אויך די גרויסע וועלט האָט נאָר געהאַט גאָט אין האַרצן, דער האָט אים געכאַפּט פֿאַר אַן אויער: „זאָג נאָר, דו קליינער בעל־תנ"ך, ווו שטייט ערגעץ אָט דער און דער פּסוק?"

דעם בעל־תנ"ך איז שטאַרק געפֿעלן געוואָרן דער מומע חנהס שטוב מיט דער מומע חנהס קינדער, פֿיניע מיט מאָטען, צוויי יונגלעך־שקצים, מיט וועלכע ער איז גיך געוואָרן חבר. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז קיין שענערע און קיין רײַכערע שטוב, ווי דער מומע חנהס, איז ניטאָ ניט נאָר אין פּערעיאַסלאַוו, נאָר אָף דער גאַנצער וועלט. וואָרעם ווו האָט איר געזען, אַז עפּל זאָל מען שלעפּן פֿון אַ פֿאַס, ניסלעך פֿון אַ זאַק און קאָנ־פֿעקטן פֿון אַ טאָרבע?...

גאַנץ אַנדערש האָט אויסגעזען דעם פֿעטער פּיניעס שטוב. אַ שטוב אַ ייִדישע, מיט אַ סוכה, מיט אַ סך ספֿרים, גאַנץ ש"ס, אַ זילבערן חנוכּה־לעמפּל, אַ לאַנגע וואַקסענע הבדלה. נאָר ווי קומט עס צו דער מומע חנה?

א פרומע שטוב. אלע זײַנען דאָרטן פרום. אזוי ווי דער פעטער פּיניע אזוי זײַנע קינדער. די זין אין לאַנגע קאַפּאָטקעלעך ביז צו דער ערד, מיט אַרבע־כּנפֿות לאַנגע ביז די קני. די טעכטער — צניעותדיק אָנגערוקט די פּעטשיילעס איבערן פּנים, קוקן ניט קיין פרעמדן גלײַך אין די אויגן אַרײַן, נאָר אז מע דערזעט א פרעמדן, ווערט מען רויט, ווי א צוויק, און מע לאַכט אָף קרעדיט. די מומע טעמע, א יידענע א פרומע מיט ווײַסע ברעמען, און בּאַ דער זײַט איר מאַמע — צווי טראָפּנס וואַסער די מומע טעמע, גאַרניט צו דערקענען, ווער ס'אַ מאַמע, ווער ס'אַ טאָכטער, ווען די מאַמע זאָל ניט טרייסלען מיטן קאָפּ: ניין־ניין.

דאָ, בּאַם פעטער פּיניע, האָט דער טאַטע נחום שוין נישט באַרימט זיך מיט זײַן „בעל־תנ"ך". אין דער דאָזיקער שטוב האַלט מען ניט פונעם תנ"ך. ווער לערנט תנ"ך? תנ"ך לערנען אַפּיקורסים. דערפאַר האָט ער זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן פון באַרימען זיך מיט זײַנע קינדערס כתב. זײַנע קינדער, האָט ער געזאָגט, שרײַבן, אַז עס לאָזט זיך אויס די וועלט.

— אָט דער קלײנער — האָט ער א ווײַז געגעבן אויפן בעל־תנ"ך — האָט א הענטל, א כתבא רבה!

— אַגו, ווײַזט נאָר אַהער א טינט און פּען! — האָט דער פעטער פּיניע א שאַף געגעבן און האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל פון ביידע הענט, גלײַך ווי ער אַליין באַדאַרף עפּעס טאָן אַן אַרבעט. — א טינט און פּען זאָל מיר באַשאַפן ווערן, ווײַלן מיר אים פאַרהערן שרײַבן, אָט דעם „כתבא רבה". אָבער גיך! און באַלד!

דעם פעטער פּיניעס באַפויל איז געווען א באַפויל פון א שטרענגן גענעראַל, און אַלע קינדער, די יינגלעך מיט די מיידלעך, האָבן זיך א וואָרף געגעבן אין אַלע ווינקעלעך נאָך א טינט און פּען.

— א שטיקל פּאַפּיר! — האָט אויסגעקאָמאַנדעוועט ווידער דער גענעראַל. ס'איז אָבער נישט געווען אין ערגעץ קיין איבעריק שטיקל פּאַפּיר.

— שאַט! ווייסט איר וואָס? לאָז ער אָנשרײַבן אָט דאָ אָף מײַן סידורל.

אָף דער דאָזיקער המצאה איז געפאַלן דעם פעטער פּיניעס יינגערער זון, איצל, א טשיקאַווע בחורל מיט א שפּיצעכיק קעפּל און מיט א לאַנג נעזל.

— נעם שרײַב! — האָט דער טאַטע באַפוילן צו זײַן „בעל־תנ"ך".

— וואָס זאָל איך שרײַבן?

— שרײַב וואָס דו ווילסט.

— אײַנגעטונקען די פּען, האָט דער בעל־תנ"ך, אָדער דער „כתבא רבה", אַביסל א טראַכט געגעבן, נישט געהאַט וואָס צו שרײַבן, כאָטש טו זיך אָן א מעשה! דעם פעטער פּיניעס הויזגעזינד האָט שוין מסתמא אי־

בערגעטראַכט, אַז דער „כתבא רבה" קאָן שרײַבן נאָר דעמאָלט, ווען מע זעט ניט. נאָר דאָ איז אים געקומען אַפֿן זכרון דאָס, וואָס כמעט אויף יעדן ייִדישן ספר פֿלעגט יענע יאָרן שטיין געשריבן, און שלום האָט פֿאַרקאַטשעט דעם אַרבל, געגעבן אַ דריי מיט דער האַנט, אײַנגעטונקען נאָך אַ מאָל די פֿען און אין עטלעכע מינוט אַרום איז געווען אָנגעשריבן אָט ווי אַזוי:

„אעפ"י שאסרו חכמים לכתוב על הספר, אלא משום סימן בעלמא מותר". אויף ייִדיש וועט דאָס הייסן אַזוי גוט ווי:

כאָטש אפילו אויף אַ ספר שרײַבן טאָר מען ניט, נאָר צוליב אַ סימן מעג מען.

דאָס איז געווען אַ מין הקדמה, נאָך וועלכער עס קומט די דאָזיקע באַקאַנטע אויפֿשריפֿט:

„זה הסדור שייך. למי שייך? למי ששייך שייך. פּאַרט למי שייך? למי שקנה. מי קנה? מי שקנה קנה. פּאַרט מי קנה? מי שנתן מעות. מי נתן מעות? מי שנתן נתן. פּאַרט מי נתן? מי שהוא נגיד. מי נגיד? מי שהוא נגיד נגיד. פּאַרט מי נגיד? הנגיד ה"ה הבחור המפורסם מוהר"ר יצחק בהרב הנגיד המפורסם מוה"ר פּינחס ראַבינאָוויטש בק"ק פּערעיאַסלאַוו".

איבערזעצט אויף ייִדיש וועט דאָס אויסקומען אַזוי:

„דאָס דאָזיקע סידורל געהערט. צו וועמען געהערט דאָס סידורל? צו וועמען עס געהערט געהערט עס. פּאַרט צו וועמען? צו דעם, וואָס האָט געקויפֿט. ווער האָט דאָס געקויפֿט? ווער עס האָט געקויפֿט האָט דאָס געקויפֿט. פּאַרט ווער האָט דאָס געקויפֿט? ווער עס האָט געגעבן געלט. ווער האָט געגעבן געלט? ווער עס האָט געגעבן האָט געגעבן. פּאַרט ווער האָט געגעבן?ווער ס'איז אַ נגיד. ווער איז אַ נגיד? ווער ס'איז אַ נגיד איז אַ נגיד. פּאַרט ווער איז אַ נגיד? אַ נגיד איז דער באַרימטער בחור יצחק דער זון פֿונעם באַרימטן נגיד פּינחס ראַבינאָוויטש אין דער שטאָט פּערעיאַסלאַוו".

עס איז שווער צו באַשרײַבן, וואָס פֿאַר אַ פּוראָר דאָס האָט געמאַכט, הן מצד הלשון והן מצד הכתב! און דער עיקר — דאָס כתב! דער „כתבא רבה" האָט זיך שוין גוט געפֿלײַסט, אַז דער טאַטע זײַנער זאָל חלילה ניט פֿאַרשעמט ווערן. ער האָט אָנגעשטרענגט אַלע כוחות. ער האָט געשוויצט, ווי אַ ביבער. ער האָט אויסגעקליבן דאָס סאַמע שענסטע און סאַמע קלענסטע פּערל־כתב, וואָס מע דאַרף אָנטאָן דערצו אַ שפּאַקטיוו, מע זאָל דערזען די אותיותלעך. ער האָט אַנגעווענדעט דערצו דעם גאַנצן כח פֿון קאַליגראַפֿיע, וואָס ער האָט אַרויסגעפּירט בירושה פֿון זײַן וואָראָנקאָווער רבין רב זרחל, וועלכער האָט באַשאַפֿן אין יענעם שטעטעלע, קאָן

מען זאָגן, אַ גאַנצן דור פון קאַליגראַפן, וואָס האָבן זיך צעקריאַכן איבער דער וועלט און וואָס צייכענען זיך אויס כמעט אַלע מיט זייער שיין־שרײַבן עד היום הזה.

27

בין - הזמנים

ארנאָלד פון די פּידוואַרקעס. — נײַע חברים. — גרמיזא דער מלמד אַ בעל־קורא. — די וואַראַנקאַווער ווײַסע־חברהניקעס באַווײַזן וואָס זיי קענען.

בין הזמנים — ווער וועט דאָס פאַרשטיין? וו אַ ק אַ צ י ע, וו אַ ק יי ש אָ ן, פּ ע ר י ע ן, ק אַ נ י ק ו ל ע ס — דאָס זײַנען אַלץ ווערטער פונעם זעלבן באַגריף. זיי זאָגן אָבער נישט דאָס, וואָס דאָס וואָרט „בין־הזמנים" זאָגט דעם ייִדישן ייִנגל.

דאָס קינד, וואָס קומט פון דער שול, אָדער פון גימנאַזיע, אַף וואַקאַציע אַהיים, האָט זיך גענוג אָנגעשפּילט דאָרטן, ווי מע לערנט, גענוג אָנגעטאַנצט און אָנגעהוליעט, גענוג אָנגעלאָפן זיך און גענוג אָנגעשטיפט זיך מיט די חברים דורכן יאָר — עס קאָן זײַן מער געשטיפט, ווי געלערנט. דאָס ייִדישע חדר־ייִנגל — דער האָט נעבעך דאָס גאַנצע יאָר געהאָרעוועט, געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט און געלערנט — געלערנט, געלערנט און געלערנט. און מיטאַמאָל — בין־הזמנים! אַנדערהאַלבן חדשים דורכאַנאַנד, פון חצי אלול ביז סוף תשרי, וועט מען נישט גיין אין חדר — וואָס קאָן זײַן אַ גרעסערער יום־טוב? און דערצו גייען נאָך די יום־טובים אויך: ימים נוראים! סוכות! שמחת־תורה! און דאָס אַלצדינג אײַנאײַנעם גענומען — אַף אַ נײַ אָרט, אין דער גרויסער שטאָט, אין פּערעיאַסלאַוו!

קודם כל באַדאַרף מען אָנקוקן די שטאָט. חברה האָבן זי נאָך כמעט גאָרניט געזען. אַחוץ ווי בײַ דער מומע חנהן און בײַם פעטער פּיניע און אַחוץ ווי אין גרויסן בית־מדרש, אין אַלטן בית־מדרש און אין דער קאַלטער שול, דאָרט ווו צאַלע דער חזן דאַוונט, זײַנען די וואָראָנקאָווער קינדער כמעט אין ערגעץ נישט געווען. נאָך פאַראַן גענוג גאַסן און גענוג ערטער. פאַראַן די „אַלטיצע", און פאַראַן די „טרובײַלאַ" (טײַכן אַזעלכע), און פאַראַן די לאַנגע בריק. און ווו זײַנען די „פּידוואָרקעס", וואָס אַף יענער זײַט בריק? די „פּידוואָרקעס" — דאָס איז אַ באַזונדער מין שטאָט, וואָס געהערט פונדעסטוועגן צו פּערעיאַסלאַוו. „ארנאָלד פון די פּידוואָר־קעס" שטאַמט פון דאָרט. ארנאָלד קומט אָפט אַרײַן צו נחום ראַבינאָ־

וויטשן אַביסל פֿאַרברענגען, ריידן פֿונעם רמב"ם און פֿונעם כּוזרי און פֿון ברוך שפּינאָזאַ און פֿון משה מענדעלסאָן און פֿון נאָך אַזעלכע גרויסע מענטשן, וועלכע שלום האָט ניט געקאָנט זיך אָנגעדענקען, חוץ איינעם מיטן נאָמען דרעפּער — דער האָט זיך אײַנגעפֿונדעוועט בּאַ אים אין זכּרון: דרע־פּער... „אַרנאָלד איז שטאַרק געלערנט. — זאָגט אָף אים דער טאַטע נחום, וואָס האַלט פֿון אים אַן עולם ומלואו. — אַרנאָלד זאָל ניט זײַן קיין ייִד, וואָלט ער געקאָנט זײַן אַ פּראָקוראָר". פֿאַר וואָס עפּעס אַ פּראָקוראָר? און פֿאַר וואָס זאָל אַ ייִד ניט קאָנען זײַן? — דאָס האָט נאָך שלום נישט געקאָנט פֿאַרשטיין. פֿון אַנטיסעמיטיזם האָט ער געוווּסט נאָר איין זאַך: ה י נ ט. דורך זײַן אייגענעם דערפֿאַרן. אין וואָראָנקאָ האָבן שקצימלעך אָנגערייצט אָף אים הינט, וואָס האָבן אים אָוועקגעלייגט און צעביסן, איבערגעלאָזט אַ סימן ביז צו הײַנטיקן טאָג.

אָט דעם „אַרנאָלד פֿון די פּידוואָרקעס" האָט דער העלד פֿון דער דאָזיקער ביאָגראַפֿיע אַ סך צו פֿאַרדאַנקען אין זײַן שפּעטערדיקן שטודירן, און מיר וועלן זיך דעריבער מיט אים נאָך באַגעגענען. דערווײַל איז בין־הזמנים און ערב יום־טוב. צײַט צו שליסן באַקאַנטשאַפֿט מיט נײַע חברים און גלאַט ייִנגלעך.

פֿון די חשובֿע בעל־הבתישע ייִנגלעך פֿאַרנעמען דעם אויבנאָן משהל יצחק־ביגדורס, אַ בחורל אַ געלס, אַן אויסגעצוואָגנס, מיט אַן אַלפּאַגאָווע קאַפּאָטקעלע, און אַ גדלן אַ יונג, וואָס ס׳ע שטייט אים ניט אָן מיט זיך אַליין צו ריידן — און איז גערעכט. ערשטנס, האָט זײַן טאַטע יצחק־ביגדור אַן אייגענע שטוב מיט אַ ווײַסן גאַניק. הײַנט איז דאָ בּאַ דעם יצחק־ביגדורן זייגערס אין שטוב מיט זיי־גערלעך אָן אַ צאָל און אָן אַ שיעור. אַז עס קומט זייגער צוועלף און די זייגערס הייבן־אָן שלאָגן, קאָן מען פֿאַרטויבט ווערן. אַליין איז דער יצחק־ביגדור אַ ייִד, וואָס לאָדט זיך מיט דער גאַנצער וועלט און האָט אויגן פֿון אַ גזלן. אַלע ייִנגלעך פֿון בית־המדרש ציטערן פֿאַר זײַן קוק.

דער צווייטער נאָך משהלען גייט זיאַמע קאָרעצקי — אַ ייִנגל פֿון די גאָר גרויסע שקצים, אַביסל אַ סאַמאָלעוואַטער, נישט מיט יעדן איז ער אַ מחותּן און נישט יעדער איז מיט אים אַ מחותּן, וואָרעם זײַן טאַטע איז אַ „גלות" מיט אַן אונטערגעשאָרענער באָרד, אַן אַדוואָקאַט אין פּעטער־בורג, און טראָגט מאָדנע ברילן אָף דער נאָז, וואָס מע רופֿט זיי „פּענסנע". אָט דער זיאַמע האָט אויסגעלערנט די גאַנצע שטאָט קינדער שווימען, באָדן זיך, גליטשן זיך אָפֿן אײַז און נאָך אַ סך זאַכן, וואָס ניט אַלע ייִדישע קינדער קענען עס.

נאָך זיאַמען גייט ישׂראלע בענדיצקים זונדל, אַ בלייכער און אַ ציטעריקער, בײַטל רודערמאַן — אַ מלמדס אַ ייִנגל מיט גראָבע פּיסקעס,

אבֿרהמל זאָלאָטושקין — אַ שוואַרצער, ווי אַן אַראַפּ, די מערפּערטס און די ליפּסקים — אָפּגעפּוצטע בנימלעך מיט אויסגעוועקסלטע שטיוועלעך. מיט די האָט מען באַדאַרפֿט האָבן די זכיה צו ריידן, וואָרעם ווער פֿאַרמאָגט אַזעלכע אויסגעוועקסלטע שטיוועלעך אינדערוואָכן? נאָך זיי גייען די קאַנאַוועלעך — קינדער מזיקים, וואָס האָבן צו טאָן מיט הינט, מוטשען קעץ. מיט די אַלע וויל שלום זיך ניט חברן. ער האָט בעסער ליב זיך חברן מיט אַזעלכע יִינגלעך, ווי מאָטל סריבנע, אַ בחורל מיט לאַנגע פּאהלעך, וואָס שפּילט אַפֿן פֿידל, אָדער אלי דאָדעס — אַ יִינגל אַ ברען, וואָס האַלט אין איין לאַכן, און נאָך אַזעלכע. מיט זיי דאַוונט ער אין איין בית־המדרש, קוקט מען אין איין מחזור אַרײַן, מאַכט מען אינאיינעם „שטוקעס": מע קרימט־איבער רפֿאל דעם שמש, ווי ער קוקט מיטן אויגל און זינגט: „אכצן גילדוין אום כהן!" וואָווע קאַרעצקין, ווי ער פֿײַפֿט מיט דער נאָז. בעני קאַגאַווער, ווי ער עסט טאַבאַקע. יצחק־ביגדור, ווי ער מאַכט מיט די פּלייצעס. שלום ווילענסקי, ווי ער גלעט זיך דאָס בערדל און קאַביקעט מיט דער נאָז. ס'איז דאָ, ברוך השם, וועמען נאָכצומאַכן. ס'איז געווען גרמיזא דער מלמד, ווי אַזוי ער לייענט אין דער תורה. אים האָט שלום נחום ראַבינאָוויטשעס געשטודירט צוויי שבתים כסדר, ווי אַזוי גרמיזא דער מלמד צעשאָקלט זיך אַף איין פֿוס, דערנאָך פֿאַרקרימט ער דאָס געשטופּלטע פּנים, שטעלט־אַרויס די גאַלע ציין, ציט־אויס דעם לאַנגן האַלדז, טוט אַ פֿיר מיט דער שפּיצעכיקער נאָז אין דער לופֿטן אַרויף און אַראָפּ און לאָזט־אַרויס מיט אַ משונה־מאָדנע גאַרגל־שטימע: ר א ה נ ת ת י ל פ נ י ך ה י ו ם א ת ה ח י י ם ו א ת ה ט ו ב ו א ת ה מ ו ת ו א ת ה ר ע ..." מע קאָן שטאַרבן פֿאַר געלעכטער! אַלע די, וואָס האָבן געהערט שלומען נאָכמאַכן גרמיזאַן, ווי ער לייענט, האָבן געשוואָרן, אַז ס'איז גרמיזא מיט די ביינער! נאָר גרמיזא אַליין, אַז ער איז געוווירע געוואָרן, אַז ער מאַכט אים נאָך, איז ער געווען ניט צופֿרידן. ער האָט זיך ניט געפֿוילט און איז אַוועק צו נחום ראַבינאָוויטשן אַהיים און האָט אים דערציילט די גאַנצע מעשה, אַז ער, גרמיזא, האָט געהערט זאָגן, אַז בא רב נחומען איז דאָ אַ יִינגל, וואָס מאַכט אים נאָך, ווי אַזוי ער לייענט אין דער תורה. דאָס האָט אָנגעמאַכט אַ שטיקל האַר־מידער. נחום האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט מאַכן אַ „ספּראַווקע", לאָזן נאָר די קינדער קומען אַהיים. די קינדער זײַנען געקומען אַהיים, און מע האָט זיך צו זיי אַ נעם געגעבן. דער טאַטע האָט געטראָפֿן, אַז דאָס דאַרף זײַן שלומס אַרבעט.

— קום נאָר אַהער, שלום. זאָג נאָר, ווי אַזוי מאַכסטו דאָס נאָך גרמיזא דעם מלמד, ווי ער לייענט אין דער תורה?

— ווי אַזוי איך מאַך אים נאָך? אָט ווי אַזוי.

און שלום האָט זיך נישט געפּוילט און האָט זיך צעשאָקלט אַף איין פוס, פאַרקרימט דאָס פּנים, ווי גרמיזא, אַרויסגעשטעלט די ציין, אויסגע־צויגן דעם האַלדז, אַ פּיר געגעבן מיט דער נאָז אין דער לופטן אַרויף און אַראָפּ און אָנגעהויבן אַף אַ משונה־מאָדנע גאָרגל־שטימע: „ר א ה נתתי לפניך היום את החיים...“

שלום האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען דעם טאַטן אַזוי לאַכן, ווי ער האָט געלאַכט יענעם טאָג. ער האָט גאָרניט געקאָנט קומען צו זיך. און אַז ער האָט זיך אויסגעלאַכט און אויסגעהוסט און אויסגעווישט די אויגן, האָט ער זיך אָנגערופן צו אַלע קינדער:

— זעט איר, וואָס בין־הזמנים מאַכט? מע גייט אַרום פּוסטעפּאַס, עס ליגט אין זינען דער רוח ווייסט וואָס, נאָכמאַכן גרמיזא דעם מלמד, ווי ער לייענט אין דער תורה (דאָ האָט דער טאַטע נישט געקאָנט איינהאַלטן זיך און האָט באַהאַלטן דאָס לאַכנדיקע פּנים אין דער פּעטשיילע). אם ירצה השם, באַלד נאָך סוכות נעם איך צו צו אײַך אַ רבין, און איר וועט אָנ־הייבן גיין אין חדר אַרײַן. אויס בין־הזמנים!

ווײַבאַלד אַז יאָ אויס בין־הזמנים, באַדאַרף מען דאָך טאַקע געבן אַ לעב־אונטער, ווי עס געהער צו זײַן!

און חברה האָבן גענומען אויסנוצן זייער פרײַהייט אַפן סאַמע ברייטסטן אופן, זיך באַקאָנט מיט ווו ערגעץ אַ זלידנע יינגל, נישט איבערגעקליבן, מיט יעדן געשלאָסן חברשאַפט, געהוליעט ווי די רעקרוטן, איידער מע גיט זיי אָפּ אין דער דינסט. די „וואָראָנקאָווער“ יינגלעך האָבן באַוויזן די פּערעיאַסלאַווער יינגלעך, אַז כאָטש זיי זײַנען פון אַ קליין שטעטל, פונדעסטוועגן ווייסן זיי אַ סך זאַכן אַזעלכע, וואָס די פּערעיאַס־לאַווער יינגלעך ווייסן זיי ניט. למשל, זיי ווייסן ניט, אַז צו יעדן נאָמען קאָן מען צוזעצן אַ גראַם, נעמט וואָס פאַר אַ נאָמען איר ווילט. אַשטייגער: „לייבל“ — לייבל קאַפּייבל, דרומען דרייבל, יוסף סייבל, אַרץ קנייבל. „יאַנקל“ — יאַנקל קאַפּאַנקל, דרומען דראַנקל, יוסף סאַנקל, אַרץ קנאַקל. און אַזוי איטלעכן, אַף וואָס פאַר אַ נאָמען איר ווילט.

הײַנט ווייסן נישט די שטאָטישע קינדער פון תשרק־לשון, דאָס הייסט, פון ריידן פאַרקערט. צום בײַשפּיל: „טאָ דוטס־פאַך אַ שטאָפּ“ — הייסט דאָס: „אָט כאַפּסטו אַ פּאַטש“. „אָז ריד אַ גײַף“ — נאָ דיר אַ פײַג“. מיט צוגעמאַכטע אויגן האָט שלום געקאָנט אוועקריידן אַף דעם לשון אַ שעה כּסדר. ס׳איז דאָך אַ מחיה נפשות — מע קאָן אַזוי אוועקריידן פון וועמען איר ווילט, יענעם אין די אויגן, און יענער זאָל ניט ווייסן, וואָר ס׳האָט אים געשלייערט. הײַנט וואָס זײַנען דאָס פאַר יינגלעך, די פּערעיאַסלאַווער, אַז זיי לאָזן דורך אַ גלח פאַרבײַגיין, גלײַך ווי אַ גלײַכן מענטשן, און זאָגן אים קיין וואָרט אַפילו? ניין, די וואָראָנקאָווער יינגלעך זײַנען ניט אַזעלכע

נאראַנים. זיי וועלן ניט דורכלאָזן קיין גלח גלאַט אַזוי. אַלע יִינגלעך, וויפל זיי זאָלן ניט זײַן, וועלן זיי זיך אויסשטעלן דעם גלח פון הינטן און וועלן זינגען אַף אַ קול מיט אַ ניגון: „גלח־צאַפּ, אַ רוח אין דײַן קאָפּ! מיר אַ ברויט, דיר אַ טויט! מיר אַ וואָגן, דיך באַגראָבן! מיר אַ שליטן, דיך באַשיטן!" די פּערעיאַסלאַווער יִינגלעך זאָגן, אַז דאָ, אין פּערעיאַסלאַוו, טאָר מען פאַר אַ גלח אַזעלכעס ניט זינגען, וואָרעם מע קאָן כאַפּן אַ מיאוסן פּסק. נאָט אײַך נאָך אַ נײַס! גאָר מורא האָבן פאַר אַ גלח! ס'איז ניט גוט, אַז אַ גלח גייט איבער דעם וועג — דאָס יאָ. אָבער מורא האָבן? — פּערעיאַסלאַוו איז טאַקע אַ גרויסע שטאָט און אַ שיינע — וואָס איז דאָ צו ריידן? — דאָרט, אין וואָראָנקאָ, איז אָבער געווען פריילעכער, אַז ס'איז געקומען בין־הזמנים. אַזוי האָבן זיך געטראַכט די וואָראָנקאָווער קינדער און האָבן געוואָלט פונדעסטוועגן, אַז אַט די טעג פון בין־הזמנים דאָ אין פּערעיאַסלאַוו זאָלן זיך נאָך ציִען און ציִען.

28

מלמדים און לערערס

רב אהרן כאַדאַראַווער — אַ מלמד אַ בעל־מגזם. — אַ גאַנצע סעריע פון מלמדים.— מאַניש דער מלמד מיטן „ביינדל". — די תלמידים כאַפּן אַ קערטל אין חדר.

די טעג פון בין־הזמנים זײַנען נאָך ניט אַוועקגעגאַנגען, די ימים־טובים זײַנען נאָך געווען פאָרויס, און נחום ראַבינאָוויטש האָט שוין געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן אַ מלמד פאַר די קינדער. מלמדים זײַנען געווען עטלעכע. ערשטנס, טאַקע דער אויבנדערמאַנטער גרמיזא, וואָס לייענט אַזוי שיין אין דער תורה. נאָך אים איז געגאַנגען רב אהרן כאַדאַראַווער, זייער אַ ווילער מלמד, נאָר אַ מאָדנער בעל־מגזם. ער האָט ליב צו דערציילן מעשיות פאַר זײַנע תלמידים, משונה־ווילדע מעשיות פון פאַרצײַטן, למשל, אַ מעשה פון זײַן זיידן, וואָס איז געווען אַ גבר און האָט ניט מורא געהאַט פאַר קיינעם. איינמאָל איז דער זיידע זײַנער געפאָרן ווינטער באַנאַכט פאַרבײַ אַ וואַלד, זײַנען ארויסגעלאָפן פון וואַלד צוועלף הונגעריקע וועלף — און דאַוואַי לויפן נאָכן שליטן. אַז זײַן זיידע כאַפּט זיך ניט אַראָפּ, נעמט די וועלף, שטעקט זיי אַרײַן די האַנט אין מויל אַרײַן און קערט זיי איבער אַלע צוועלף אַף דער לינקער זײַט!

און נאָך אַ מעשה פון זײַן זיידן, ווי אַזוי ער האָט איינמאָל אָפּגעראַטעוועט די גאַנצע שטאָט פון אַן אומגליק. גוייִם האָבן זיך צונויפגעקליבן

איינמאָל אין אַ זונטיק אַף אַ יאַריד, האָבן זיך גוט אָנגעשיכורט און דאַוואַי שלאָגן ייִדן. איז זיך מיישב זײַן זיידע, ער האָט געהאַלטן אין סאַמע מיטן דאַוונען, וואַרפט ער אַראָפּ פון זיך דעם טלית ותפלין, קלײַבט אויס דעם גרעסטן פון אַלע גויִים, איוואַן פּאָפּערילע האָט מען אים גערופן, און נעמט אים אָן מיט ביידע הענט פאַר די פּיס, און דאַוואַי שלאָגן מיט איוואַנען איבער גויִישע קעפּ. האָבן די גויִים אָנגעהויבן פאַלן, זײַנען זיי געפאַלן אַזוי ווי פליגן. און אַז ער האָט אויסגעלייגט אַלע גויִים ביז איינעם, האָט ער איוואַנען אָפּגעלאָזט און געזאָגט צו אים: „אַצינד קאָנסטו גיין אַהיים, און איך וועל גיין דאַוונען"...

אַ חוץ וואָס זײַן זיידע איז געווען אַ גבר, איז ער נאָך געווען אַ צעטראָגענע בריאה, זאָל גאָט שומר ומציל זײַן! ער, אַז ער פלעגט זיך פאַרטראַכטן — אַזוי דערציילט רב אהרן כאַדראָוועו אַף זײַן זיידן — איז געווען מיט סכנת-נפשות! איינמאָל איז ער ארומגעגאַנגען איבערן שטוב אַ פאַרטראַכטער, אַרומגעגאַנגען, אַרומגעגאַנגען און אַרומגעגאַנגען. ער טוט אַ קוק — ער שטייט אַפן טיש!...

אָט אַזאַ מין מלמד איז דאָס געווען רב אהרן כאַדראָוועו. נאָך אים זײַנען געגאַנגען אַ גאַנצע סעריע מלמדים, ווי רב יהושע דער מלמד, מאיר-הערש דער מלמד, יקיר-שמחה דער מלמד, און דער קאַידענאָווער מלמד, און מענדל דער גראָבער. האָט אָבער יעדער פון זיי געהאַט זײַן חסרון: האָט ער געקענט לערנען — איז ער נישט געווען קיין בעל-תנ"ך; איז ער געווען אַ בעל-תנ"ך — האָט ער נישט געקענט לערנען. פון אַלע מלמדים וואָלט מענדל דער גראָבער געווען דער בעסטער מלמד, ער זאָל ניט האָבן דעם חסרון, וואָס ער שלאָגט זיך. קינדער, אַז מע דערמאָנט זיי דעם נאָמען „מענדל דער גראָבער", ציטערן זיי, מאָלט אײַך, מאַניש דער מלמד שלאָגט זיך אויך, נאָר מיט אַ גאַנג. יענער, מענדל דער גראָבער, קאָן הרגענען אַף טויט. דערפאַר אָבער ווי אַזוי לערנט ער! איינעם פון די צוויי, האָט נחום צוגעזאָגט די קינדער, אַז ער וועט, אם ירצה השם, דינגען.

זײַנען זיי שוין באַוואָרנט, הייסט עס, מיט אַ מלמד. איצט בלײַבט איבער שרײַבן. ווי וועלן די קינדער לערנען שרײַבן? וואָס אַנבאַלאַנגט ייִדיש, האָבן זיי באַם וואָראָנקאָווער רב זרחלען שוין אויסגעלערנט זיך שרײַבן. וואָס טוט מען אָבער מיט רוסיש? האָט אפילו אַ גוטער פרײַנט, גענעראַל פון די פּידוואָרקעס, וואָס איז שוין דערמאָנט געוואָרן אויבן, געגעבן אַן עצה, מען זאָל די קינדער אַוועקפירן גלײַך אין דער „יעווריסקע אוטשילישטשע", וועט קאָסטן וואָלוול און ס'וועט זײַן גוט. האָט דערהערט די באָבע מינדע און האָט געשווירן, אַז כל זמן זי לעבט, וועלן אירע אייניקלעך זײַן ייִדן — און עס האָט נישט געהאָלפן קיין שמע-ישראל.

איז געוואָרן אַ רייד וועגן לערערס. נח בוסעל איז אַ גוטער לערער, איז ער אַ בעל־עגלהס אַן אײדעם. איצע דער שרײַבער, וואָס לערנט בריוונשטעלער, האָט אַ שיינע האַנט, איז ער שוואַך אין „לשון". אברהם דער שרײַבער, טאַקע איצעס אַ ברודער, איז שוואַך אין בײדע זאַכן. וואָס טוט מען? איז געבליבן מאָניש דער מלמד. דאָס איז אַ ייִד מיט אַלע מעלות: ער איז אַ בעל־תנ"ך, קען דקדוק, פאַרשטייט אַ בלאַט גמרא און שרײַבט רוסיש, אַז עס לאָזט זיך אויס די וועלט! אמת, ער ווייסט ניט וואָס ער שרײַבט, און אַז ער שרײַבט, איז דאָס נישט על־פּי גראַמאַטיקע — מאַכט נישט אויס. די קינדער זײַנען נאָך צו יונג, זיי זאָלן קענען גראַמאַטיקע. לאָזן זיי פריִער קענען דקדוק — דאָס איז בילכער. אַ וואָס מאָניש דער מלמד שלאָגט זיך? לאָזן די קינדער נאָר וועלן לערנען, וועט מען זיי נישט שלאָגן. שלאָגט דען אַ רבי אומזיסט? והראיה: די קינדער האָבן דאָס אַרויסגעזען דערנאָכדעם בחוש. מאָניש האָט פֿײַנט געהאַט, ווי אַנדערע מלמדים, שלאָגן אָדער שמײַסן. ער האָט געהאַט אינעם גראָבן פינגער פון דער רעכטער האַנט אַ ביינדל. מיטן דאָזיקן ביינדל, אַז ער האָט אײַך דערלאַנגט אין זײַט אַרײַן, אָדער הינטן אין דער פּלייצע, אָדער אַרײַנגעקוועטשט אײַך אין שלייף אַרײַן, האָט איר געקאָנט דערזען דעם עלטער־זיידן פון יענער וועלט. אָט אַזאַ ביינדל איז דאָס געווען! שלום האָט זיך געפלײַסט, ווי ווײַט מעגלעך, ער זאָל דאָס דאָזיקע „ביינדל" אויסמײַדן. און עס וואָלט אים אפשר געראָטן, ווײַל ער איז געווען פון די, וואָס האָבן דאָנערשטיק די גמרא געוווּסט, אָדער געמאַכט זיך, אַז זיי ווייסן. פון תנ"ך איז דאָך אָפּגערעדט. באַם שרײַבן איז ער אויך געווען נישקשהדיק. דערפאַר אָבער, אַז ס'איז געקומען צו שקאָצערײַ — דאָ האָט ער שוין געמוזט פאַרזוכן דעם טעם פונעם „ביינדל", וואָס ליגט אים נאָך עד היום אין זכרון. נאָר נישט דאָס איז געווען דער חסרון, וואָס נחום ראַבינאָוויטש איז ניט געווען צופרידן מיטן מלמד מאָניש. דער חסרון איז געווען וואָס ס'האָט זיך אַרויסבאַוויזן, אַז מאָניש הייבט ניט אָן צו וויסן, וואָס דקדוק איז. אַז מע האָט אים אַ פרעג געגעבן: „רב מאָניש, פאַרוואָס לערנט איר ניט מיט די קינדער קיין דקדוק?" האָט ער געענטפערט: „ווייס איך וואָס, דקדוק, רקדוק, שמינדרעק בלע"ז!" — און האָט זיך נאָך אויסגעלאַכט אויך. דאָס האָט נחומען שרעקלעך פאַרדראָסן, און אַז ס'איז געקומען צום צווייטן זמן, האָט ער די קינדער פון מאָנישן אָפּגענומען און אָוועקגעגעבן צו אַן אַנדער מלמד.

יענער איז שוין געווען אַ „מדקדק", געוווּסט דעם „מסלול" אַף אויסווייניק. האָט ער אָבער געהאַט אַן אַנדער חסרון — ער האָט ליב געהאַט זיך קהלן. אַלע טאָג האָט ער געהאַט וואָס צו טאָן: איז ניט קיין חתונה איז אַ ברית, איז ניט קיין ברית איז אַ פּדיון־הבן, אַ בר־מצווה, אַ גט, אָדער

גלאַט אַ פאַרלאַזעניש, אַ בוררות, אַז אויסגלײַכעניש. נאָר פאַר װעמען ס׳איז אַ חסרון און פאַר װעמען אַ מעלה. פאַר די קינדער איז דער רבי געװען אַ מלאך פון גאָט און דער חדר — אַ גן־עדן. מע האָט געקאָנט שפּילן אין װאָס פאַר אַ שפּיל איר װילט, אַפילו אין קאָרטן, — ניט אין די װאָראָנקאָװער ל״א־קאָרטן! פע! נאָר טאַקע אין אמתע קאָרטן. און געשפּילט האָט מען אין „טרי־ליסטיק״, אָדער אין „סטאַרשי קאָזיר״ — אַ שפּיל, װאָס די ערעסטאַנטן שפּילן אין די טורמעס. די קאָרטן אַליין זײַנען אויך געװען „ערעסטאַנטסקע״ קאָרטן — שװאַרצע, פעטע, אָנגעשװאָלענע. פונדעסטװעגן האָט מען פאַרשפּילט אַלע אָנבײַסנס מיט אַלע מיטיקס, און װוּ ס׳איז געװען ערגעץ אַ פּאָר גראָשנס זײַנען זײ אַרײַן אין די קאָרטן.

דאָס גאַנצע געלט האָבן אָפּגעװוּנען די עלטערע בחורים, אַזעלכע, װי, למשל, זיאַמע קאָרעצקי, אַ טשיקאָװער בחורל, װאָס איז דערמאָנט אויבן. ער האָט אַרױפגעפירט זײַנע יונגע חברים אַף אַלע גוטע זאַכן. זײַן פּרינציפּ איז באַשטאַנען אין דרײַ כללים: 1) טאַטע־מאַמע ניט פאָלגן; 2) דעם רבין פײַנט האָבן; 3) פאַר גאָט קיין מורא ניט האָבן.

אַ מעלה האָבן געהאַט די גרױסע בחורימלעך, אַז זײ האָבן אָפּגעװוּנען דאָס געלט בײַ די קלײנע, האָבן זײ זיך נאָך געריצט און געמאַכט חוזק. אמתע קאָרטנשפּילער טוען דאָס נישט... פונדעסטװעגן דאַרף מען נישט מײנען, אַז זײ איז דאָס גרינג אָנגעקומען. זײ אַליין זײַנען אויך אויסגעשטאַנען געװוּג צרות. ערשטנס, האָט מען געמוזט אונטערקויפן די רביצן, זי זאָל ניט דערציילן דעם רבין, אַז מע שפּילט אין קאָרטן. און צװייטנס, האָט דער רבי געהאַט אַ זון, פײַװל, נאָר גערופן האָט מען אים „ליפּ״, מחמת ער האָט געהאַט אַ גראָבע ליפּ. האָט מען באַדאַרפט אָט די „ליפּ״ קיבלען און חנפהנען און אונטערשמירן אַמאָל מיט אַן אָנבײַסן, אַמאָל מיט אַ נאַשערײַ, און מערסטנטײל מיט ניסלעך. די „ליפּ״ האָט געליב געהאַט קנאַקן ניסלעך. אָנקוקן, װי די „ליפּ״ קנאַקט ניסלעך, האָט געשלאָגן צו דער גאַל. ובפרט נאָך פאַר פרעמד געלט. נאָר װאָס זאָל מען טאָן? אַז די „ליפּ״ װעט דערציילן דעם רבין, אַז די קינדער שפּילן אין קאָרטן, װעט זײַן בעסער?

פון די אַלע מלמדים און לערערס און פון די אַלע לערנעכטסן האָט נחום ראַבינאָװיטש געהאַט װײניציק נחת. אַלע שבת האָט ער די קינדער פאַרהערט און זיפצנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. מער פון אַלע קינדער האָט ער געטראָגן אַפן קאָפּ דעם מיטלסטן, דעם „בעל־תנ״ך״. ער האָט, אַפּנים, געװאָרט פון אים אַ סך מער. „װאָס װעט זײַן? — האָט ער געפרעגט, — װאָס װעט זײַן דער תכלית? אָט־אָט, אָקערשט װי מע זעט ניט, װערסטו

בר־מצווה, און דו וועסט אפילו קיין צוויי ווערטער ניט קאנען זאגן!"...
און ער האט גענומען זוכן א ר ע כ ט ן גמרא־מלמד, און ער האט
אים געפאקט.

29

דער גמרא - מלמד

משה־דוויד רודערמאן — א גמרא־מלמד. — זיין זון שמעון האלט בא שמדן זיך. —
די שטאט ראטעוועט אים ארויס פון מאנאסטיר. — דער פעטער פיניע קאכט זיך.

דאס איז געווען א רבי א ליטוואק, מיטן נאמען משה־דוויד רודער־מאן, א ייד א יאדישלעווער, אן איינגעהויקערטער, מיט געדיכטע שווארצע ברעמען, א גרויסער למדן, א שיינער בעל־תנ"ך און א מדקדק — מיט אלע מעלות. און דערצו נאך א פרומער, אן אמתער ירא־שמים. גיי ריכט זיך, אז אף דעם יידן וועט אויך זיין א פגם, און נאך וואסער א פגם! דער פגם איז געווען דער, וואס דעם דאזיקן מלמדס זון לערנט אין דער „אויעזד־נע". אין דער גאנצער שטאט זיינען דעמאלט געווען מער ניט ווי צוויי בחורים, וואס האבן געלערנט אין דער „אויעזדנע": משה־דוויד רודער־מאנס זון, שמעון רודערמאן, א בחור, וואס סע האט זיך פרי אנגעהויבן אויסשיטן בא אים א שווארץ בערדל, און טאמארקין, דעם אדוואקאטס זונדל, חיים טאמארקין, א בחורל א קורצער און א גראבער, מיט קליינע אויגלעך און מיט אן אויסגעבויגענער נאז, געטראגן דאס העמדל איבער די הויזן, ווי א שייגעצל, געשפילט מיט די גוייִשע שקצימלעך אין „מיאטש", קיינמאל נישט געגאנגען אין שול אריין, אחוץ יום־כפור, און שטילערהייט געריכערט גראבע „ציגייערן".

דאס זיינען געווען די פיאנערן, אזוי צו זאגן, די ערשטע שוועלבע־לעך פון דער השכלה אין דער שטאט פעריאסלאוו, די איינציקע צוויי יידישע קינדער צווישן עטלעכע הונדערט שקצימלעך. די שקצימלעך האבן תחילת געקוקט אף די צוויי „זשידעניאטעס", ווי אויף חידושים, ווי אף קינדער פון אן אנדער וועלט. דערנאך האבן זיי אוועקגעלייגט די „זשידע־ניאטעס" אף דער ערד אין מיטן הויף פון דער „אויעזדנע" און אנגע־שמירט זיי די ליפן מיט חזיר. דערנאך איז מען געווארן חבר, געשלאסן ברודערשאפט, גאר נפש אחת. גוייִשע שקצימלעך זיינען נאך דעמאלט — אוי וויי! — געווען ריין פון מענטשנהאס, נישט געוווסט פון קיין יידנ־העצעס, און דער גיפט פון אנטיסעמיטיזם האט זיי נאך נישט אנגערירט. קוים האט מען דעם „זשידיאנאס" אוועקגעלייגט, אנגעשמירט די ליפן מיט

חזיר און דורכגעבראָכן די ביינער, איז כאָטש ער איז אַ „הערשקאָ", פונ־דעסטוועגן איז ער אַ חברה־מאַן גלײַך מיט אַלע...

דאָס אָפּגעבן נחום וועוויקס קינדער צו משה־דוויד רודערמאַן איז ניט אָפּגעלאָפן גלאַט. דער פעטער פיניע אַז ער איז געווירע געוואָרן, אַז זײַן ברודער נחום האָט אָפּגעגעבן די קינדער צו אַזאַ מלמד, וואָס האָט אַ זון אין דער „אויעזדנע", האָט ער געאַרבעט מעשים. ער האָט געטענהט, אַז פון דער „אויעזדנע" איז איין טריט צו שמד. פאַר וואָס?

— אָט אַזוי: אַז מ'רן לעבן, וועלן מיר זען...

און כך הוה. עס איז, אַפּנים, באַשערט געווען, אַז דער פעטער פיניע זאָל איצטיקס מאָל זײַן אַ נביא. און אַזוי איז געווען די מעשה:

איינמאָל אין אַ שבת איז אַרויס אַ קלאַנג אין שטאָט, אַז די צוויי ייִדישע ייִנגלעך, וואָס לערנען זיך אין דער „אויעזדנע", שמעון רודערמאַן און חיים טאַמאַרקין, האַלטן באַ שמדן זיך! פאַרשטייט זיך, אַז קיינער האָט ניט געוואָלט גלויבן: „ווייס איך — וואָס? ווער? ווען? וואָס אַ שטאָט קאָן אויסטראַכטן!" נאָר אַז מע קלינגט איז אַ כאָגע. שטעלט אײַך פאָר, אַז ס'איז דעם זעלבן טאָג שבת פּלוצעם געוואָרן אַ געלויף, ווי אַף אַ שרפה. די גאַנצע שטאָט איז געלאָפן צום מאָנאַסטיר. וואָס איז די מעשה? „די מעשה איז אַ שיינע מעשה, נאָר אַ קורצע: איר ווילט זען אַ שיינס? גייט, זײַט מוחל, צום מאָנאַסטיר, וועט איר אָנקוקן, ווי די צוויי חברה־לײַט פון דער „אויעזדנע" האָבן זיך אַרויפגעקליבן גאַנץ הויך אַפן שפּיץ קלויסטער, שטייען דאָרטן אָן היטלען און פרעסן ברויט, מיט חזיר באַשמירט, בפרהסיה, אַלע זאָלן זען!"...

די בהלה איז געווען אַזוי גרויס, אַז ס'איז קיינעם ניט אײַנגעפאַלן צו פרעגן: ווי איז דאָס מעגלעך צו זען פון אונטן אַרויף, אַף אַזאַ הויכן מאָנאַסטיר, מיט וואָס דאָס ברויט איז באַשמירט: מיט חזיר? מיט פּו־טער? אָדער מיט האָניק?... די גאַנצע שטאָט איז געגאַנגען כאָדאָראָם. די וועלט האָט זיך געוויגט: „מילא, אַף טאַמאַרקינס זונדל איז כאָטש קיין חידוש ניט — זײַן פאָטער, דער אַלטער טאַמאַרקין, איז אַליין אַ טריפּ־ניאַק, אַ ייִד אַ „זאַקאָניק", אַ שרײַבער פון „פּראָשעניעס", און זײַן זונדל חיים איז געווען, זאָגט מען, אַ גוי נאָך באַ דער מאַמען אין בויך. אָבער משה־דוויד רודערמאַן? אַ ייִד אַ ירא־שמים און אַ מלמד! דער בעסטער מלמד אין שטאָט! ווי קאָן מען עס דערלאָזן אַזאַ זאַך?"

לאָזט זיך אויס, אַז ס'זײַנען דאָ ייִדן, וואָס האָבן געוווּסט פריִער, אַז ס'וועט אַזוי זײַן. פון וואַנען האָבן זיי דאָס געוווּסט? זיי האָבן דאָס פאַרשטאַנען מיטן שכל, אַז מע טאָר ניט גיין מיט אַ קינד צופיל מיט סטיר־דעס. „ממה נפשך — האָט איר אָוועקגעגעבן אײַערע קינדער אין דער „אויעזדנע", דאָס הייסט, איר זײַט מסכים, זיי זאָלן זײַן גוייִם, דאַרפט איר

ניט פאַדערן פון זיי, אַז זיי זאָלן טראָגן ארבע־כנפותן; און אַז עס האָט זיך געמאַכט, זיי האָבן דורכגעלאָזט אַ מנחה, באַדאַרף מען אָפּווישן די ליפּן און נישט צעברעכן אַף זיי קיין שטעקן און ניט שלאָגן, ווי מע שלאָגט אַ הונט"...

אַזוי האָבן געטענהט בכבודע בעלי־בתים, און מע האָט צונויפגענו־מען מענטשן, און מע האָט זיך אַן עצה געהאַלטן, וואָס טוט מען? ווי אַזוי ראַטעוועט מען אַרוים צוויי יידישע קינדער פון דער שמד? מע האָט איינגעלייגט די וועלט, געוועקט זכות־אָבות, אויפגערודערט „נאַטשאַלסט־וואָ"... פאַרשטייט זיך, אַז מער פון אַלע האָט געאַרבעט דער פעטער פּיניע. דער האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל, צעלאָזט די שיינע באָרד, אַרומגעלאָפן דעם גאַנצן טאָג אַ פאַרשוויצטער, נישט געגעסן, נישט געטרונקען — ביז, דאַנקען גאָט, ס'איז אָפּגעגאַלטן. מע האָט די צוויי חברה־לייט אַרויסגענו־מען פון מאָנאַסטיר.

דער שפּיץ איז געווען: איינער פון זיי, חיים טאַמאַרקין — דער האָט זיך טאַקע געשמדט שפּעטער מיט עטלעכע יאָר, און שמעון רודערמאַן האָט מען אַוועקגעשיקט קיין זשיטאָמיר, אַריינגעגעבן דעם פּיינעם בחור אין דער ראַבינער־שול, אַף „קאַזיאָנע שטשאָט", און ער האָט מיט גאָטס הילף ניט נאָר געענדיקט אַף ראַבינער, נאָר טאַקע געווען נאָכדעם ראַבינער, און דווקא ניט ווייט פון פּערעיאַסלאַוו — אין לובען.

— נו, ווער איז געווען גערעכט? אַצינד וועסטו שוין דיינע קינדער, צו גאָט אַ האָפּענונג, אָפּנעמען פונעם דאָזיקן מלמד?

אַזוי האָט דער פעטער פּיניע געזאָגט צו זיין ברודער נחום, צופרידן פון אַלע זייטן: ערשטנס, וואָס ס'איז אים געראָטן אַרויסצונעמען צוויי יידישע קינדער פון דער שמד; צווייטנס, וואָס זיין ברודערס קינדער וועלן שוין ניט לערנען באַ אַ מלמד, וואָס קען דקדוק און האָט אַ זון אין דער „אויעזדנע"; און דריטנס, וואָס זיינע ווערטער זיינען מקוים געוואָרן, אַז אַ יידיש קינד לערנט אין די שקאָלעס, איז ער מוכן ומזומן צו דער שמד...

האָט דער פעטער פּיניע איצטיקס מאָל געהאַט אַ ביטערן טעות: זיין ברודער נחום האָט זיך פאַרעקשנט און בשום אופן נישט געוואָלט אָפּנעמען זיינע קינדער פון אַזאַ גוטן מלמד.

— וואָס האָב איך צו אים? ניט גענוג יענער האָט געהאַט אַזוי פיל עגמת־נפש מיט אַזאַ בזיון, זאָל מען לאָזן אַ יידן אַ מלמד אין מיטן זמן אָן ברויט?

דער פעטער פּיניע האָט אויסגעהערט דעם ברודער מיט אַ ביטער שמייכעלע, ווי איינער רעדט: „הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן, נאָר דו פירסט די קינדער אַף אַ גוטן דרך"... דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען, געגעבן אַ קוש די מזוזה און איז אַוועק אַ ברוגזער.

דער אַמאָליקער „חדר“

אַ בילד פונעם אַמאָליקן „חדר“. — די תלמידים העלפן דעם רבין און דער רביצין בײַ דער אַרבעט. — דער רבי מאַכט ברכה. — זײַן מוסר זאָגן ברענגט צו נײַע זינד.

נײַן, מע האָט די קינדער פון דעם פאַרפלעקטן, נאָר גערעכטענעם מלמד רודערמאַן נ י ש ט אָפּגענומען. אדרבה, זיי זײַנען פאַרבליבן בײַ אים אויפן אַנדערן זמן און אויפן דריטן זמן — און אַלע זײַנען געווען צופרידן: דער רבי פון זײַנע תלמידים, די תלמידים פון זייער רבין און דער טאַטע — פון די תלמידים מיטן רבין.

מער פון אַלעמען זײַנען געווען צופרידן די תלמידים. גאָט האָט זיי צוגעשיקט אַ רבין, וואָס שלאָגט זיך ניט, לגמרי ניט. ער ווייס גאָרניט וואָס הייסט שלאָגן זיך. סײַדן אַמאָל, אַז אַ יינגל האָט שוין שטאַרק דערקוטשעט, אָדער נישט געוואָלט דאַווענען, אָדער ער האָט געהאַט אַזאַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ, כאָטש „פּלעקער טעסען“, — דעמאָלט איז שוין דער רבי רודערמאַן אַרויס פון די כלים, אַוועקגעלייגט דעם בחור אויפן בענקל, אַראָפּגענומען די פּליסענע ווייכע יאַרמעלקע פונעם קאָפּ, פון דער גרינג אָפּגעפּיצקעט — און גיי!

נאָך אַ מעלה האָט געהאַט רודערמאַן דער מלמד — ער האָט געהאַלטן אַ „זשאָרנע“, אַזאַ מאַשין אויף צו „רײַסן“ גרויפּן. די מאַשין האָט געהאַט אַ ראָד מיט אַ הענטל, און פון אויבן איז געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ אַ זאַק מיט רעטשקע. פונעם דרייען די ראָד האָבן זיך די רעטשקע פּאַוואָלינקע געשאָטן אין יאַשטשיק אַרײַן, פונעם יאַשטשיק זײַנען זיי פּאַוואָלינקע געפאַלן אויפן שטיין, דער שטיין האָט זיי פּאַוואָלינקע געריבן, אָפּגעשיילט די שאָלעכץ און געמאַכט פון די רעטשקע — גרויפּן. אָט דאָס האָט געהייסן אַ „זשאָרנע“.

פאַרשטייט זיך, אַז דער גאַנצער אַנטיק פון דער „זשאָרנע“ איז געלעגן אינעם דרייען. וואָס מער מע דרייט, מער שיטן זיך גרויפּן. און בעלנים אויף דרייען זײַנען געווען אַ סך, כמעט אַלע תלמידים. יעדער וויל קומען צו הילף דעם רבין משה־דוויד, וואָס קאָן נישט לעבן פון מלמדות אַליין און מוז נעבעך אָנקומען צו זײַטיקע פּרנסות: ער רײַסט גרויפּן, זי באַקט לעקעך. באַם לעקעך באַקן, מיינט איר, איז שוין גאָר נישטאָ וואָס צו טאָן? ס'איז אַ סך דאָ וואָס צו טאָן! און דאָ קאָנען אויך די קינדער צוהעלפן. ניט אַזוי באַם באַקן, ווי באַם „אויספּאַטשן“. קאָרענעם האָניק־לעקעך באַדאַרף מען פּאַטשן, לאַנג פּאַטשן, מיט בײדע הענט, ביז ער ציט זיך, ווי אַ האָניק־טייג קאָן זיך ציִען. און ווער נאָך קאָן אַזוי פּאַטשן, ווי

א חדר־ייִנגל? בעלנים פּאַטשערס צווישן די חדר־ייִנגלעך זײַנען דאָ אַזוי פֿיל, אַז מע שלאָגט זיך אַזש פֿאַרן פּאַטשן. יעדער וויל פֿרײַער.

דער לעזער באַדאַרף זיך נישט וווּנדערן, וואָס איז דאָס פֿאַר אַן עובדה — תּלמידים זאָלן „רײַסן" גרויפּן, „פּאַטשן" לעקעכער! למאַי באַ די וואָראָנקאָווער מלמדים האָבן זיי געטאָן אַ סך גרעבערע אַרבעט? למשל, באַם רבין רב זרחל און באַ אַנדערע מלמדים האָבן נחום וועוויקס קינדער גאַנץ פֿײַן געשמירט די ערד אַף שבת, פֿאַרלעכווײַז אַרויסגעטראָגן די פּאָמעניצע, אײַנציקווײַז געבראַכט צו טראָגן וואַסער פֿונעם גוייִשן ברונעם, און על־פּי גורל געניאַנטשעט זיך מיטן קינד אויך. פֿון גיין מיט אַן עוף צום שוחט שמועסט מען ניט. עס איז געווען אַ כּבֿוד פֿאַר די קינדער העלפֿן דער רביצן אָפּפּליקן דאָס עוף. אַבי אַן אַרבעט, אַבי ניט געלערנט. ערגער פֿון אַלע אַרבעט איז געווען דאָס לערנען, דאָס לערנען אין חדר. דאָ וועט, דאַכט מיר, זײַן דאָס אָרט אָפּצומאָלן דעם חדר, ווי ער האָט אויסגעזען אין יענע צײַטן, בכּדי די קומענדיקע דורות, וואָס וועלן זיך אינטערעסירן מיטן אַמאָליקן ייִדישן לעבן אין דער גליקלעכער „טשערטאַ", זאָלן עס האָבן פֿאַר די אויגן.

אַ קליין גויִיש שטיבל אַף הינערשע פֿיסלעך, מיט שטרוי געדעקט, אַמאָל אַ ביסעלע אײַנגעבויגן אַף אַ זײַט, און אַמאָל אָן אַ דאַך, ווי אָן אַ היטל. איין פֿענצטערל, און אַז אַ סך — איז צוויי. די אַרויסגעזעצטע טאָפּלע איז אָדער פֿאַרקלעפּט מיט אַ פּאַפּיר, אָדער פֿאַרשטעקט מיט אַ קאָפּנקישעלע. די ערד איז אַ „געוואַלקעוועטע", באַשמירט מיט ליים, און אַף שבת און יום־טובֿ — באַשאָטן מיט זאַמד. אַ גרויסן טייל פֿונעם חדר פֿאַרנעמט דער אויוון מיטן אָפּן־אויוון און מיט דער „לעזשאַנקע". אַף דער לעזשאַנקע שלאָפֿט דער רבי, און אָפּן אויוון — זײַנע קינדער. באַ דער וואַנט שטייט אַ בעט — דער רביצנס בעט — מיט אַ סך קישנס צו־קאָפּנס און קלייניטשקע קישעלעך כּמעט ביז דער סטעליע. דאָרט אָפּן בעט, אַף אַ ווײַסן לײַלעך, ליגט אַמאָל אַ בלאַט לאָקשן, אַמאָל קיכלעך און בייגל (אויב די רביצן פֿאַרנעמט זיך מיט בעקערײַ), און אַמאָל אַ קינד (אויב ס'איז געפֿערלעך קראַנק). אונטערן אויוון אַ „פּאָדפּיטשניק" (אין דער ליטע רופֿט מען עס „קאַטוך"). דאָרט האָדעוועט מען עופֿות, געווייג־לעך אַף פּרנסה. באַ דער קרומער מעוברתער וואַנט — אַ שאַפֿע אַף האַלטן ברויט, קריגלעך און טעפּלעך. אַף דער שאַפֿע — דאָס אײַזערנע געפֿעס, אַ זיפּ, אַ דערקאַטש, אַ ריבאײַזן וכדומה אַזעלכע כּלים. פֿון פֿאָרנט, סאַמע באַם אַרײַנגאַנג, קאַטשערעס מיט לאָפּעטעס, און אַ גרויסע פּאָמעניצע תּמיד פֿול, און אַ צעבער אַ הילצערנער, וואָס רינט, אַף וואַסער האַלטן, און אַ האַנטוך, וואָס איז תּמיד נאַס, אַף די הענט אָפּצווווישן. און אין מיטן שטייט אַ לאַנגער טיש מיט צוויי לאַנגע בענק. — דאָס איז, אייגנט־

לעך, דער חדר, די שול, ווו דער רבי שטודירט מיט זײַנע תּלמידים. אַלע, סײַ דער רבי, סײַ די תּלמידים, שרײַען. דער רביצנס קינדער, וואָס שפּילן זיך אַפן אויוון, שרײַען. די רביצן, וואָס פּאָרעט זיך בײַ דער „קיך", שרײַט אַף אירע קינדער, למאי זיי שרײַען. די עופות וואָס אונטערן פּאָדפּיטשניק, קוואָקען: דאָס האָט די קאַץ אַראָפּגעשפּרונגען פון דער לעזשאַנקע, אַ שטילינקע, אַ רויִקע, אַ גלאַטינקע, זיך אַרײַנגעכאַפּט אונטערן פּאָדפּיטש־ניק און ספּאָלאָשעט די עופות, ניט געדאַכט זאָל זי ווערן!

אָט אַזוי האָט אויסגעזען דער אַמאָליקער וואָראָנקאָווער חדר. ניט פיל שענער האָט אויסגעזען דער חדר אין דער גרויסער שטאָט, אין פּערע־יאַסלאַוו. דער פּערעיאַסלאַווער רבי האָט, גלײַך ווי דער וואָראָנקאָווער, געקנעלט מיט זײַנע תּלמידים, זיצנדיק ווינטער אין אַ וואַטאָווען כאַלאַט מיט אַ פּלוסענער יאַרמעלקע, און זומער אין אַן אַרבע־כּנפות, אין אַ העמד מיט ברייטע אַרבל. ווינטער נאָכן שלאָף האָט ער געטרונקען, אַנ־שטאָט טיי, „ליפּעווע צוויט", און זומער — קאַלט וואַסער פון אַ הילצערן קווערטל, דורכגעזײַט דורך איינעם פון די ברייטע אַרבל פונעם העמד, גע־מאַכט דערויף פריִער מיט גרויס כּוונה אַ ברכה „שהכּל נהיה בדברו", און אַלע תּלמידים האָבן אים געענטפערט אָמן. טאָמער האָט אַ יינגל גע־בראַכט עפּעס אַ פּרי, האָט דער רבי געמאַכט „בורא פּרי העץ", און די תּלמידים האָבן געענטפערט אָמן. טאָמער האָט אַ יינגל געבראַכט אַ גרינע אוגערקע, האָט דער רבי אָפּגעשיילט די אוגערקע, געמאַכט אַף איר „בורא פּרי האדמה", און די תּלמידים האָבן געענטפערט אָמן.

ס'איז אַלצדינג געווען כּדאַי, אַבי ניט לערנען. צו שטאַרק האָט זיך צוגעגעסן דאָס לערנען. אַ גאַנצן טאָג געלערנט. ווינטער בײַנאַכט געלערנט, אויפגעשטאַנען פּאַרטאָג און געלערנט. אַפילו שבת בײַטאָג אויך געלערנט. און טאָמער ניט געלערנט, איז כאָטש אַזוי געזעסן שבת בײַטאָג אין חדר און אויסגעהערט דעם רבינס מוסר.

דעם רבינס מוסר — דאָס איז געווען אַ רײַכע פאַנטאַזיע פון „טויזנט איין נאַכט". פונעם רבינס מוסר האָט מען זיך געזען מיט „יענער וועלט", געפילט דעם טעם פון „חבוט הקבר", זיך צוגעהערט, ווי דער מלאך־הדומה קומט־צו מיט שטילע טריט, עפנט אײַך אויף דעם בויך, נעמט־אַרויס די קישקעס און טוט אײַך אַ שמיץ מיט זיי איבערן פּנים: „רשע, מה שמך — שייגעץ, ווי אַזוי רופט מען דיך?"... און דערנאָך דעם, ווי צוויי מלאכי־חבלה נעמען אײַך און וואַרפן אײַך „כּף־הקלע", ווי אַ מיאַטש, פון איין עק וועלט ביזן אַנדערן. און טאָמער האָט איר אַמאָל געזאָגט אַ ליגן, הענגט מען אײַך אויף פאַר דער צונג אַף אַ פלעקל, און איר הענגט, ווי אַ יאַטקע־פלייש. און טאָמער האָט איר פאַרגעסן אַמאָל אָפּגיסן נעגלוואַסער, שטעלן זיך אַוועק צוויי מחבלים און רײַסן אײַך מיט אָפּצווייגעס די נעגל פון די

פינגער. און טאָמער האָט איר אַמאָל פּרײַטיק זיך געשניטן די נעגל און אומגערן אַראָפּגעלאָזט אַ נאָגל אַף דער ערד, לאָזט מען אײַך אַראָפּ אַף ד ע ר וועלט און מע הייסט אײַך גיין זוכן דעם נאָגל.

דאָס איז פאַר קליינע עבירהלעך. הײַנט ווי איז שוין פאַר גרויסע עבירות? למשל, פאַר היפּערן אין דאַוונען? פאַר דורכלאָזן אַ מנחה? פאַר ניט לייענען קריאת־שמע? פאַר אַ שלעכטע מחשבה? פאַר הרהורים און חלומות? — נישטאָ קיין רחמנות דאָרטן, נישטאָ! תשובה, תפלה און צדקה — דאָס איז נאָר דאָ, אַף ד ע ר וועלט. אַף י ע נ ע ר וועלט איז שוין שפּעט, פאַרפאַלן! „דאָרט זײַט איר שוין מיט אַלע רשעים גלײַך. דאָרט גייט איר שוין גלײַך אין אייביקן פײַער, אין זודיקן קעסל אַרײַן, אין גיהנם, שקצים, אין גיהנם!"...

אַזוי לאָזט־אויס דער רבי זײַן מוסר שבת באַטאָג, און די קינדער הערן־צו מיט קאָפּ און וויינען, האָבן חרטה, שלאָגן זיך על־חטא, גיבן זיך דאָס וואָרט, שוין זײַן גוט און פרום. נאָר קוים איז דער רבי אויפגעשטאַנען פון טיש און די קינדער נאָך אים, אַזוי איז פאַרגעסן געוואָרן דער גאַנצער מוסר; די יענע וועלט מיטן גיהנם מיט אַלע מלאכי־חבלה זײַנען פאַרשוווּנדן געוואָרן, ווי אַ שאָטן, וואָס גייט איבער, ווי אַ חלום, וואָס פליט אַוועק, און חברה האָבן זיך אומגעקערט צו זייערע זינד און צו זייערע שולדן: געהיפּערט באַם דאַוונען, דורכגעלאָזט אַ מנחהלע, נישט געלייענט קיין קריאת־שמע. ווער מיר נעגל־וואַסער? וואָס מיר דאַוונען? אַז אין דרויסן שײַנט די זון, און די שאָטנס דראַפּען זיך אַף די ווענט, ווינקען צו אײַך, רופן אײַך: אין דרויסן אַרויס, יינגעלע, אין דרויסן! דאָרט איז גוט! דאָרט איז ווויל! איין שפּרונג אַ רעכטער — און דו ביסט באַם בריקל. נאָך אַ שפּרונג — און דו ביסט אַף יענער זײַט בריקל,ווו עס לויפט אַ טײַכל, ווו עס זשומעט אַ וואַסערל, ווו עס גרינט אַ גרעזעלע, ווו עס גנעלט אַ בלימעלע, ווו עס פליט אַ פייגעלע, ווו עס טאַנצט אַ היישעריק... און דאָס גרינע־געלע פעלד בעט זיך באַ אײַך, איר זאָלט אײַך אַ וואָרף טאָן אַף דער ווייכער שמעקנדיקער ערד, ווי איר שטייט און גייט. און דאָ קומט־אָן דער טאַטע, אָדער די מאַמע, אָדער אַן עלטערער ברודער, אָדער אַ שוועסטער — „האָסטו שוין געדאַוונט? אין חדר אַרײַן, שקאָץ איינער, אין חדר אַרײַן!"...

31

די בר־מצווה

דער בר־מצווה נעמט־אוים. — אַ גאַלעריע טיפּן פֿון פּערעיאַסלעווער בעלי־בתים. — אַ מאַמעס טרערן.

אַרײַנטראַכטנדיק זיך אינעם לערנען אין יענעם מין „חדר״, בײַ יענע מינים מלמדים, וואָס זײַנען באַשריבן אין די פֿריִערדיקע קאַפּיטלעך, האָבנדיק פֿאַר זיך די רביצן, וואָס מע דאַרף איר העלפֿן, טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, וואָס מע דאַרף זיי פֿאָלגן אַ גאַנג, און כּל־ערליי מינים שקאָצערײַ, פֿון באָדן זיך זומער אין טײַך ביז שפּילן ווינטער אין קאָרטן און קנעפּלעך, הײַנט גלאַט דאָס אַרומלויפֿן און אַרומשפּאַצירן איבער דער שטאָט, — איז שווער צו פֿאַרשטיין, פֿון וואַנען האָט זיך גענומען בײַ די קינדער דאָס, וואָס זיי האָבן געקענט? מע דאַרף נישט פֿאַרגעסן דאָס אויך, אַז דעם רבין האָט מען גענאַרט און אַפֿילו דעם רב, צו וועלכן מע האָט געפֿירט די קינדער פֿאַרהערן, האָט מען אויך אָפּגענאַרט. הײַנט ווי האָט זיך גענומען מאַטעריאַל אַף אָפּצונאַרן אַ גאַנצע שטאָט מיט ייִדן, וואָס זײַנען זיך צונויפֿגעקומען אַף דער בר־מצווה צו נחום ראַבינאָוויטשעס זונדל? דער העלד פֿון דער דאָזיקער ביאָגראַפֿיע געדענקט פֿאַר קלאָר, אַז ער האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן פֿון דעם, וואָס מע האָט אים אויסגעשטעלט, ער זאָל זאָגן אַף זײַן יום־טוב — און דאָך האָט געקלונגען די שטאָט מיט זײַן בר־מצווה. טאַטעס האָבן מקנא געווען. מאַמעס האָבן זיך געווּנטשן אַזעלכע קינדער.

ס׳איז געווען אַן אמתער יום־טוב. אַ גרויסאַרטיקער יום־טוב. און אין אים האָבן זיך באַשעפֿטיקט אַ סך הענט, אונטער דער קאָמאַנדע פֿון דער באַבע מינדע, וואָס האָט אויסגעזען אין איר שבתדיקן אָנטאָן, מיטן שטערנטיכל, ווי אַן אמתער קאָמאַנדיר. זי האָט געקאָמאַנדעוועט, וועמען מע זאָל רופֿן און וועמען ניט, ווער ס׳זאָל זיצן אויבנאָן און ווער ניט, וואָסערע טעלער מע זאָל שטעלן, וואָסערע בראָנפֿנס און וואָסערע וויַינען מע זאָל טרינקען. מיט אַלעמען האָט זי זיך איבערגעקריגט, אַף אַלעמען זיך אָנגעבייזערט, ניט געשאַנעוועט אַפֿילו דעם בר־מצווה־העלד אַליין, ער זאָל זיך האַלטן, ווי אַ מענטש, ניט האָבן קיין טבע בײַסן די נעגל כאָטש צווישן מענטשן, ניט לאַכן אַליין און ניט מאַכן לאַכנדיק די איבעריקע קינדער, קורץ — ניט זײַן קיין ימח־שמוניק.

— גאָט האָט רחמנות געהאַט, האָסט דערלעבט די בר־מצווה, איז שוין צײַט, זאָלסט ווערן אַ שטיקל מענטש! — האָט זי אײַנגעטענהט מיט אים, באַשפּיגן די פֿינגער און אויסגעגלעט אים דאָס לעצטע רעשט פֿון די

פאהלעך, וואָס זי האָט קוים „אָפּגעוואָיעוועט" בא איר זון: נחום ראַבינאָוויטש האָט שוין לאַנג חשק געהאַט זיי גאָר אינגאַנצן אָפּשערן, האָט די באָבע מינדע ניט דערלאָזט.

— אַז איך וועל שטאַרבן און מײַנע אויגן וועלן עס ניט זען, — האָט זי אים געזאָגט, — וועסטו דעמאָלט מאַכן דײַנע קינדער פאַר גוים. און איצט, כל זמן איך לעב נאָך, וויל איך זען אַף זייער פּנים כאָטש אַ סימן פון ייִדישקייט.

אַ חוץ דעם גרויסן עולם, וואָס מע האָט צונויפגערופן גלײַך פון שול אַף בר־מצווה, איז זיך צונויפגעקומען די גאַנצע משפּחה. פאַרשטייט זיך, אַז דער רבי משה־דוויד רודערמאַן, אין דער שבתדיקער געווענטענער קאַפּאָטע, מיטן אָפּגעבליאַקעוועט פלוסען היטל, ווי אַ לאַטקע אַפן קאָפּ, איז אויך געווען בתוך הבאים. ער האָט זיך אָבער געהאַלטן זייער קליין און פון דער ווײַטן. פון דער מעשה אָן מיטן זון, וואָס האָט זיך געוואָלט שמדן, איז ער געוואָרן בא זיך שטאַרק אַראָפּגעפאַלן. ער האָט זיך כמעט גאָר ניט צוגערירט ניט צום קידוש, ניט צום פאַרבײַסן, געזעסן פאַרוקט אין אַ ווינקעלע, אײַנגעבויגן אין דרײַען, און שטילערהייט געהוסט אין די ברייטע אַרבל פון דער שבתדיקער געווענטענער קאַפּאָטע.

נאָר אָט איז געקומען די מינוט פונעם עקזאַמען. דאָס בר־מצווה־בחורל האָט זיך באַדאַרפט אַוועקשטעלן און אַרויסבאַווײַזן דעם עולם וואָס ער קען, — האָט מיטאַמאָל דער רבי רודערמאַן אויפגעכאַפּט זיך; זײַן פליי־צע האָט מיטאַמאָל אויסגעגלײַכט זיך; די געדיכטע שוואַרצע ברעמען האָבן זיך אויפגעהויבן און זײַנע אויגן האָבן זיך אײַנגעגעסן, אײַנגעזויגן אינעם תלמיד, און זײַן גראָבער פינגער האָט מיט אַ קוועטש, ווי דאָס שטעקעלע פונעם דיריזשאָר, אונטערגעזאָגט דעם תלמיד די אויסגעשטעלטע ווערטער.

און דער תלמיד, דער בר־מצווה הייסט עס, איז תחילת שיער נישט אומגעפאַלן פאַר שרעק, געפילט אַ מאָדנע טרוקנקייט אין מויל און אַ שווינדל אין די אויגן. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער גייט אַף אײַז. אָט־אָט צעשפּאַלט זיך דאָס אײַז, און טראַך — ער טוט אַ פאַל מיטן גאַנצן עולם. נאָר וואָס ווײַטער־ווײַטער, איז ער, אונטער דעם רבינס קוק און אונטער דעם רבינס קוועטש מיטן גראָבן פינגער, געוואָרן בא זיך שטאַרקער, און ער האָט אָנגעהויבן שפּאַנען, ווי אַף אַן אײַזערנער בריק, און ער האָט דערפילט אַ וואַרעמקייט אין אַלע אברים, און עס איז אַוועק בא אים, ווי אַ מזמור.

האַלטנדיק אין מיטן דער אַרבעט און דרייענדיק מיטן פינגער נאָכן רבינס גראָבן פינגער, האָט דער בר־מצווה פונדעסטוועגן גוט געקוקט אַפן עולם, געזען דעם אויסדרוק פון אַלע פּנימער, נישט דורכגעלאָזט קיינעם. אָט איז יצחק־ביגדור, וואָס רירט מיט די פלייצעס און קוקט מיט גזלנישע

אויגן. אָט איז דער אַלטער יהושע סריבנע — מע זאָגט, ער איז שוין אַ בן־מאה, אַלט הונדערט יאָר. די צונג איז באַ אים אין מויל ווי אַ גלעקל, מחמת קיין ציין האָט ער שוין ניט. אָט איז זײַן זון בערקע, שוין אויך גענוג אַלט, די אויגן האַלט ער צו און דעם קאָפּ אַף דער זײַט. אָט איז אָשר נײַדיס, וואָס אַלע רופן אים דער „פעטער אָשר" — טאַקע אַ פעטער, אַ ברייטער, אַ גראָבער. די זײַדענע קאַפּאָטע אַף אים שפּאַלט זיך און אַליין איז ער גרוי, ווי אַ טויב. און אָט איז יאָסעַ פּרוכשטיין מיט די גרויסע אַרײַנגעשטעלטע ציין, מיט די גלאַנצנדע ברילן און מיטן שיטערן בערדל — אַן אַפּיקורס אַ ייִד, וואָס שפּילט מיט נחום ראַבינאָוויטשן אין שאָך און לייענט אַזעלכע ביכלעך, ווי „מסתרי פּאַריז", „שבילי עולם" און נאָך אַזעלכע זאַכן. נעבן יאָסען שטייט זײַן ייִנגערער ברודער, מיכאַל פּרוכשטיין, אַ יונגערמאַן אַ חכם, אַ ממזר, וואָס לייקנט־אָפּ אַלצדינג, הייסט דער שיקסע פאַרלעשן דאָס ליכט אום שבת און האַלט שטאַרק פון אַזעלכע ייִדן, ווי משה בערנער און בעני קאַנאָוועך, וואָס אַלע ווייסן, אַז אין די יוגנט־יאָרן האָבן זיי אַמאָל פּאַרקוקט אין אַ זײַט, בעת דער שערער האָט זיי צורעכטגעמאַכט די בערדלעך... ישראל בענדיצקי איז אויך געווען בתוך הבאים. אַמאָל האָט מען אים גערופן ישראל דער כלי־זמר, נאָר איצט האָט ער שוין געהאַט אַן אייגענע שטוב, אַ שטאָט אין מזרח, אַ באָרד האָט ער זיך צעקעמט אַ ברייטע, אַ שוואַרצע, אַ גלענצנדיקע און כאָטש ער זאָגט זיך ניט אָפּ איצט אויך פון צו שפּילן אַף אַ געהויבענער חתונה, נאָר פונדעסטוועגן וועט אים קיינער נישט רופן כלי־זמר, אפילו הינטער די אויגן. און ער איז טאַקע אַ שיינער ייִד, פּירט זיך מעשה בעל־הבית. אַז ער לאַכט, לאַכט ער מיט אַלע ציין, קליינע, שיטערע, ווײַסע ציין. אַפילו רפאל דעם שמש מיטן אויגל האָט דער בר־מצווה נישט דורכגעלאָזט. רפאל איז געשטאַנען האַלב אײַנגעבויגן און אײַנגעגען אַרײַנגעטאָן אין דעם, וואָס דער בר־מצווה האָט געדרשנט, און עס האָט זיך אויסגעוויזן נאָך זײַן דאַרן פּנים און אויסגעבויגענער נאָז, אַז אָט־אָט טוט ער אַ פּאַטש מיט דער האַנט איבערן טיש און רופט־אויס מיט זײַן שבתדיקן נוסח: „צע־עו גיל־דוין אום כהן!"...

אַלעמען און אַלץ האָט דער בר־מצווה באַמערקט. און אַלע פּנימער האָבן אויסגעזען יום־טובדיק. נאָר יום־טובדיקער פון אַלע איז געווען דעם פעטער פּיניעס פּנים. געזעסן גאַנץ אויבנאָן, נעבן בר־מצווהס פאָטער, אין זײַן שבתדיקער זײַדענער קאַפּאָטע, מיט אַ ברייטן זײַדענעם גאַרטל, מיט אַ בלוי סאַמעטן היטל אַפן קאָפּ, האָט דער פעטער פּיניע געקוקט אַפן בר־מצווה פון אונטן אַרויף, געשמייכלט זיך אין באָרד אַרײַן, ווי איינער רעדט: „מילא, קענען קען ער, דער ימח־שמוניק — דאָס זעט מען... נאָר צי דאַוונט ער אָבער אַלע טאָג? צי היט ער אָפּ נעגל־

וואסער? צי לייענט ער קריאת־שמע פארן שלאף? צי טראָגט ער ניט אום שבת? — דאָס איז בא מיר א גרויסער ספק!"...

דערפאר איז אָבער דער פאָטער פונעם בר־מצוה געווען — אים ניט אין פנים אריינצוקוקן. עס איז געווען צו זען, אז קיין מער גליקליכער מענטש, ווי ער, איז אף דער וועלט נישטא. דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן ארויף, די ליפּן האָבן זיך אים גערירט, נאָכגעגאַנגען טריט בא טריט דעם זון, געקוקט אפן עולם, אפן ברודער פיניע, אפן רבין רודערמאַן, אפן בר־מצווה אליין און אף דער מאַמע פונעם בר־מצווה.

און די מאַמע, די קליינינקע חיה־אסתר, איז געשטאַנען גאָר אומ־באמערקט, מיט דרך־ארץ, בא דער זייט, צווישן די איבעריקע ווייבער, אין דער שבתדיקער זיידענער פעטשיילע, א פארגאפטע, שטילערהייט, זיפצנדיק, זיך אויסגעקנאַקט אלע פינגער, און צוויי בלישטשנדיקע טרערן, ווי צוויי בריליאַנטן, האָבן זיך געקייַקלט און אפגעשייַנט קעגן דער זון אף איר גליקלעך, יונג, ווייס, נאָר שוין געקנייטשט פנים.

וואָס זייַנען דאָס געווען פאר טרערן? טרערן פון פרייד? פון תענוג? פון גדלות? פון דער שלעכטער צייַט? אָדער אפשר האָט א מאַמעס הארץ איינגערוימט איר א סוד אפן אויער, אז דאָס בר־מצווה־בחורל, וואָס קלינגט איצט אזוי שיין, וועט אינגיכן, גאָר אינגיכן, זאָגן קדיש נאָך איר נשמה?...

ווער ווייס, וואָס א מאַמע קאָן וויינען?

צווייטער טייל

32

דער „בחור"

זיין ברודער הערשל ווערט א חתן. — דאס פארהערעניש מיט א סופלער. — א תפילין־זעקל, א זייגער און א כלה.

— אצינד ביסטו שוין, מיט גאטס הילף, א בחור. אויס יינגל, אויס שייגעץ, אויס קונדס. צייט ווערן א מענטש און אן ערלעכער ייד, ווארעם די צייט שטייט ניט: אט־אט, אקערשט ווי מע זעט ניט, ווערסטו א חתן...

דאס איז געווען דאס ביסל מוסר, וואס מע האט אריינגערעדט דעם בר־מצווה אף מארגן נאך דעם פייערלעכן שבת, און דער רבי האט אים געהאלפן אנטאן די תפילין. ער האט אים איינגעקרעמפעוועט דעם „של־יד" אף דער לינקער האנט, אז די פינגער האבן זיך אנגעגאסן און געווארן בלוי, און דער גרויסער „של־ראש" האט זיך אלע מינוט אראפגערוקט צווישן די אויגן, אדער אראפגעפארן אביסל אף א זייט, יעדנפאלס שטארק חשק געהאט אראפגליטשן זיך אראפ. דעם בר־מצווה האט געקאסט מי איינצוהאלטן גלייכגעוויכט, ניסט געקאנט זיך א ריר טאן פריי און אפילו א קוק צו טאן אף די ווייסע־חברהניקעם, וואס האבן מיט נייגעריקייט ארומגערינגלט דעם בר־מצווה, זען, ווי ער דאוונט צום ערשטן מאל אין תפילין. און מע דארף דעם אמת זאגן, אז ווען ניט זיי, אט די ווייסע־חברהניקעם, וואלט דער בר־מצווה איצטיקס מאל געדאוונט מיט הארץ, מיט כוונה און מיט ליבשאפט. עס איז אים געפעלן די צערעמאניע פון תפילין־לייגן; עס איז אים געפעלן די טייטש פון די ווערטער „וארשתיך"; עס איז געפעלן דער מחיהדיקער יוכטן־ריח פון די פרישע, נאר־וואס אויסגעמאכטע רצועות; עס איז אים געפעלן, וואס מע זאגט אים, אז ער איז שוין א בחור; עס איז אים געפעלן, וואס מען איז אים מצרף צו א מנין. די משמעות, אז ער איז שוין א ייד גלייך מיט אלע יידן, א מענטש גלייך מיט אלע מענטשן. אפילו רפאל דער שמש מיטן אויגל קוקט אף אים שוין גאר אנדערש, מיט פארבארגענעם דרך־ארץ. פון די חברים שמועסט מען ניט, אז זיי זיינען אים מקנא, ווארעם ער געדענקט, אז ער אליין האט אמאל מקנא געווען זיין עלטערן ברודער הערשל צו זיין בר־מצווה. און ניט אזוי אף דער בר־מצוה, ווי אף דעם, וואס באלד נאך דער בר־מצווה איז זיין ברודער געווארן א חתן, און די כלה האט אים געשענקט אן אויסגענייט תפילין־זעקל, און דער מחותן — א זילבערנעם זייגער. ביידע פאקטן, דאס הייסט, ווי אזוי דער ברודער הערשל איז א חתן געווארן און וואס ס'איז געווארן פונעם מחותנס מתנה, פונעם זייגער, דארפן באשריבן ווערן באטש אין קורצן.

הערשל איז געווען אַ בר־מצווה ־ יינגל אַ ציקאַווער, אַ שיינער, און אַ טשעפּקע בחורל, דאָס הייסט, ער האָט ליב געהאַט גיין ריין אָנגעטאָן; נאָר קיין קאָפּ צום לערנען האָט ער ניט געהאַט, און קיין גרויסער וועלט־ איז ער אויך ניט געווען. פונדעסטוועגן, אַ טאַטנס אַ קינד, נחום ראַבי־ נאָוויטשעס אַ זונדל — מע האָט אים גערעדט די פיינסטע שידוכים, און ס'איז געקומען צו פאָרן אַ שיינער ייִד מיט אַ שוואַרצער באָרד, אַ מחותן פון וואַסילקאָוו, נישט אַליין, נאָר מיט אַ פאַרהערער, אַ יונגערמאַנטשיק מיט אַ געל בערדל, אַ גראָבטענער, אַ קענער, אַ בעל־תנ״ך און אַ בעל־ לשון־קודש, נאָר אַ ביסל אַ נודניק, אַן איינגעזעסענער, האָט ליב אַריינ־ קריכן יענעם אין די ביינער. צום אַלעם ערשטן האָט דער פאַרהערער גענו־ מען אַרויסבאַווייזן פאַר די מחותנים, וואָס ער קען. צוליב דעם האָט ער זיך אַ נעם געגעבן צום חתנס רבין, אַריינגעלאָזט זיך מיט אים אין אַ לאַנגן דיספּוט וועגן דקדוק. וואָס דער רבי האָט געזאָגט, האָט ער געזאָגט פאַרקערט. דערנאָך האָט ער אַ כאַפּ געגעבן דעם רבין, דער רבי זאָל אים זאָגן, פאַר וואָס שטייט אין קהלת „זבובי מות יבאיש", מיט אַ לשון יחיד, און נישט „יבאישו", מיט אַ לשון רבים? דערויף האָט אים דער רבי גע־ ענטפערט: למאי שטייט אין קהלת טאַקע „וזכור את בוראיך", מיט אַ לשון רבים, ניט „וזכור את בוראך", מיט אַ לשון יחיד? דערנאָך האָט ער אַ כאַפּ געגעבן דעם רבין גאָר מן הצד: „זאָגט נאָר, איך בעט אייך, וווּ שטייט „ויתהלכו מגוי אל גוי"?" דער רבי איז געוואָרן אַביסל מטושטש, אַביסל פאַרשעמט, און געענטפערט: „דאָס איז פונעם דאַווענען „הודו לה' קראו בשמו"... דער יונגערמאַן האָט זיך ניט באַרויִקט: „און וווּ שטייט „הודו לה' קראו בשמו"?" דער רבי איז געוואָרן נאָך מער מטושטש און האָט געענטפערט: „דאָס דאַרף זיין מסתמא אין תהלים ערגעץ"... דאָ האָט דער געלער יונגערמאַן אויסגעבראָכן אַ געלעכטער: „האָט קיין פאַראיבל ניט, רבי, דאָס שטייט נישט אין תהלים ערגעץ, דאָס שטייט איין מאָל אין תהלים, און איין מאָל, ניט דאָ געדאַכט, ניט פאַר אייך געדאַכט, ניט פאַר קיין שום ייִדן געדאַכט, אין דברי־הימים"...

פאַרן רבין איז דאָס געווען אַ טויטקלאַפּ. טראָפּנס שווייס זיינען אים אַרויסגעטראָטן אַפן פּנים. ער איז געווען אַ געהרגעטער. „דער יונגערמאַן איז אַ דרייער!" — אַזוי האָט ער געזאָגט צו די קינדער און געווישט זיך דעם שווייס מיט דער פּאָלע, — „טאָמער טוט ער אַ פאַרהער דעם חתן, איז דער חתן אַ פאַרפאַלענער און דער שידוך איז אויס שידוך"... און אַזוי ווי אין דעם שידוך איז געווען פאַראינטערעסירט אויך ער, דער רבי טאַקע, דאָס הייסט, ניט אַזוי אינעם שידוך, ווי אינעם שדכנות־געלט, איז ער געפאַלן אַף אַן עצה און האָט אַריינגערוימט אַ סוד אַפן אויער דעם חתנס ברודערל, שלומען, אַז ער זאָל זיך פאַרקלייבן הינטער דער ברייטער פּאַ־

נירטער קאנאפע, און אף דער קאנאפע האט ער אוועקגעזעצט דעם חתן. דערנאך האבן זיך די מחותנים אויסגעזעצט ארום דעם האלבקיילעכיקן פאנירטן טיש מיט די לאפעס און דער געלער יונגערמאנטשיק האט א נעם געגעבן דעם חתן אפן צימבל. אין דער זעלבער צייט האט דעם חתנס מאמע געגרייט צום טיש, געשטעלט לעקעך און בראנפן, געווען, אפנים, זיכער, אז דער עקזאמען וועט אפלויפן גלאט. „אנו, זאג נאר, בחורל, ווו שטייט „לפיך בוז לעשתות שאנן נכון למועדי רגל?" — „אין איוב"! — האט זיך געלאזט הערן פון הינטער דער פאנירטער קאנאפע ארויס. „אין איוב!" — האט דער חתן געזאגט, ווי א מזיק, הויך אפן קול. „אמת, אין איוב. אצינד ווייסטו ניט, ווו געפינט זיך ערגעץ אין תנ"ך נאך א װארט פונעם שורש „לעשתות"? — פרעגט ווייטער דער געלער פארהער־דער. „ביום ההוא אבדו עשתונותיו", אין תהלים!" — פישטשעט דער־סופלער פון הינטער דער קאנאפע, און דער חתן זאגט אים נאך װארט אין װארט. „זיינען מיר מיטן תנ"ך, הייסט דאס, אזוי גרויס ווי פארטיק, — זאגט דער פארהערער און ווארפט מיט די אויגן אפן טיש, ווו די קליינע חיה־אסתר פארעט זיך באם לעקעך און איינגעמאכטס. — אצינד וועלן מיר זיך ארײנטאן אביסל אין דקדוק אריין. וואס פאר א פועל איז אבדו? וואס פאר א בנין? וואס פאר א גוף? וואס פאר א מספר? און וואס פאר א זמן?" האט דער קליינער שלום ארויסגעקוויטשעט שטילערהייט פון הינטער דער קאנאפע ארויס, און דער חתן האט אים נאכגעזאגט איטלעכס װארט: „אבדו איז א פועל עומד, א בנין קל, א גוף נסתר, א מספר רבים און א זמן עבר, און עס וועט זיין: אבדתי, אבדת, אבד, אבדה, אבדנו, אבדתם, אבדתן"...

„געגוג, געגוג, געגוג!" — האט אויסגערופן דער פארהערער צופרידן, געריבן די הענט און געקוקט אפן געגרייטן טיש, און אויסגעדרייט זיך צום שיינענדיקן מחותן פון כלהס צד, האט ער א זאג געגעבן: — „אייך קומט מזל־טוב. איר זעט דאך, דער יונג איז קלאר אומעטום, ווי א וואסער. וועלן מיר גיין, הייסט עס, צובייסן?"...

צי עס האבן געוווסט פון דעם אנשטעל טאטע־מאמע אויך, אדער דאס האבן אפגעארבעט נאר דער רבי מיטן חתן אליין? און אפשר האט דער פארהערער אויך געוווסט פון דעם פאקום? — דאס איז שווער צו זאגן. יעדנפאלס, ביידע צדדים זיינען געווען צופרידן, ביידע האבן זיך חלילה ניט אפגענארט...

אצינד גייען מיר אריבער צו דער געשיכטע מיטן זייגער. פארשטייט זיך, אז באלד נאכן פארהערן איז די מאמע געפארן אנקוקן די כלה. די כלה איז איר געפעלן — זי איז א קלוגע; האט מען געפראוועט א קנס־מאל, געשריבן תנאים און געבראכן טעלער, און דער מחותן האט גע

קויפט דעם חתן א מתנה — א זילבערנעם זייגער. וויפל ס'איז פאראן מינוטן אין א שעה, אזוי פיל מאל האט דער חתן געקוקט אפן זייגער. א מצווה האט מען פארדינט אינעם חתן, אז מע האט אים געפרעגט, ווי האלט דער זייגער. און דער חתן האט געהיט דעם זייגער, ווי דאס שווארצ־אפל פונעם אויג. פארן שלאפן־גיין האט ער פארן זייגער קיין ארט ניט געקאנט געפינען. שבת, פארן גיין אין שול אריין, איז ער אויסגעווען מיטן זייגער אין אלע שופלאדן און אין אלע קאמאדן; ער האט אלץ גע־ציטערט, מע זאל חלילה נישט אוועקגנבענען דעם זייגער...

ויהי היום, איינמאל פארגלוסט זיך דעם חתן, א טשעפקע בחור'ל, אויספוצן דעם קאסטיום. געטראגן האט מען דעמאלט גוטן טריקא מיט א ווארסע, און אזא טריקא האט א טבע — ער נעמט אף זיך פלעקן און שטויב גאנצע פודן. א שטעקל האט דער חתן געטראגן א יאמשאווע, וואס בייגט זיך. האט ער דעם קאסטיום אויפגעהאנגען אין דרויסן אפן גאניק און מיט דעם יאמשאווע שטעקל גענומען אויסקלאפן דעם שטויב פונעם קאסטיום, אבער גוט, וויפל ס'איז נאר געווען כח, און אז אין קעשענע פונעם קאסטיום ליגט דער זייגער — האט ער אקוראט פארגעסן. זעלבסט־פארשטענדלעך, אז פונעם זייגער איז געווארן א חורבן, א פראשעק פון שטיקלעך זילבער, פארצעליי און גלאז און א סך קליינע רעדעלעך. און דער חתן האט אויפגעהויבן זיין קול און האט זיך צעוויינט. עס האט ניט געהאלפן קיין שום טרייסטן מיט קיין שום צוזאגעכצן, אז מע וועט אים קויפן אן אנדער זייגער — עס האט אויסגעריסן א שטיק האַרץ!

דער בר־מצווה שלום האט געקוקט אף זיך אויך, ווי אף אט אזא מין בחור. זיין אידעאל איז געווען אין יענער צייט דריי זאכן: א תפילין־זעקל, ווי בא זיין ברודער הערשל, א זייגער און א כלה. די כלה האט זיך אים פארגעשטעלט ניט אנדערש, ווי אינעם געשטאלט פון א בת־מלכה, איינע פון יענע יפהפיות, וואס זיין חבר שמואליק דער יתום פלעגט זיך אנדער־ציילן פון זיי. זי איז אים געווען אזוי קלאר, אז ער האט זי געזען אפט אין חלום, און איינמאל, באלד נאך דער בר־מצווה, האט ער זי דערזען אף דער וואר און — ער האט זיך פארליבט אין איר, ווי עס ווערט באשריבן אט דא באלד אין א באזונדער קאפיטל.

די ערשטע ליבע

ראָזע בערנער די שולמית פון שיר־השירים. — חיים פּרוכשטיין — אַ געפערלעכער קאָנקורענט. — סקריפּנדיקע שטיוולעטן און פּראָנצויזיש. — פידל־שפּילן. — זיסע חלומות.

ווען זיי זאָלן נישט געווען זיך באַגעגענען דערנאָך אין לעבן אַ סך מאָל, וואָלט דער העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע זיכער געמיינט, אַז די, וועלכע האָט אים צו פערצן יאָר געפּלעפט, איז געווען נאָר אַ דמיון, אַ פאַנטאַזיע, אַ חלום. געהייסן האָט זי ראָזע, און ער האָט זי קיינמאָל נישט געזען, זי זאָל גיין אַליין. שטענדיק מיט אַ כאַליאַסטרע „קאַוואַליערן", די פיינסטע יידישע בחורים, די רייכסטע יונגעלייט פון שטאָט, און אַמאָל אויך קריסטן, אָפיצירן. אַ רוסישער אָפיציר זאָל שפּאַצירן מיט אַ יידיש מיידל — דאָס אַליין איז געווען אַזאַ סענסאַציע, וואָס די שטאָט האָט מיט דעם געקאָכט. און נישט אַ יעדעס מיידל וואָלט זיך דאָס דערלויבט, און נישט אַ יעדן מיידל וואָלט דאָס די שטאָט מוחל געווען. נאָר ראָזע — זי מעג עס, איר קאָן מען דאָס מוחל זיין, וואָרעם זי איז ראָזע, וואָרעם זי איז די איינציקע אין שטאָט, וואָס שפּילט פּיאַנע, די איינציקע אין שטאָט, וואָס רעדט פּראַנצויזיש, און רעדט הויך, און לאַכט הויך — אַ קליינינקייט ראָזע? און דערצו איז זי אַ טאַטנס אַ קינד. איר פאָטער איז איינער פון די רייכסטע און פּאָרנעמסטע יידן אין שטאָט, אַ ייד אַן אריסטאָקראַט. אין דער יוגנט, זאָגט מען, איז ער געווען אַ גלות. איצט איז ער שוין אַלט און גרוי, האָט ער זיך פאַרלאָזט אַ באָרד, טראָגט ברילן, האָט קישעלעך אונטער די אויגן. די אייגענע קישעלעך אונטער די אויגן האָט געירשנט פון אים זיין טעכטערל ראָזע, און זיי פּאַסן זיך איר אַזוי צו אירע שיינע בלויע אויגן, און צו אירע זיידענע אויסגעבויגענע ברעמען, און צו איר יידיש־גריכיש נעזל, און צו איר קלאָר־וויים געזיכט, און צו איר קליינער, נאָר מאַיעסטעטיש־גרויסאַרטיקער פיגור, וועלכע האָט געפּלעפּט דאָס האַרץ פונעם ציקאַווע פאַרחלומטן חדר־ייִנגל שלום נחום וועוויקס, וואָס האָט זיך דורך איין אירע שיינע שולמית־אויגן פאַרליבט אין דער דאָזיקער שולמית מיטן הייליקן פייער פון אַן אומשולדיק בר־מצווה־ייִנגל.

יאָ, שולמית. נאָר די שולמית, וואָס אין שיר־השירים, פאַרמאָגט אַזעלכע שיינע געטלעכע אויגן. נאָר די שולמית, וואָס אין שיר־השירים, קאָן אַזוי זיס־ליבלעך און שטרענג־טיף אַרייַנדרינגען אייך אין דער נשמה אַריין, ווען זי קוקט אָף אייך. און אַ קוק געגעבן האָט זי אָף שלומען, קאָן

איך אײַך ערב זײַן, מער ניט אַז איין מאָל, און אַז אַ סך — איז צוויי מאָל. אויך דאָס — פֿאַרבײַגייענדיק אין גאַס שבת באַטאָג מיט אַ גאַנצער כאַליאַסטרע „קאַוואַליערן”, צווישן װעלכע ס'איז געווען איינער אַ גליקלעכער מיטן נאָמען חיים פּרוכשטיין. חיים איז יאָסע פּרוכשטיינס אַ זונדל, אַ בן־יחיד, אַ קורצפּיסיקער, זייער אַ קורצפּיסיקער, נאָר מיט אַ לאַנגער נאָז, און אויף דער נאָז — רויטע ווײַמפּערלעך, און ציין גרויסע, מוראדיק גרויסע. נאָר אָנגעטאָן איז ער, ווי דער גרעסטער פּראַנט. שטיוולעטן לאַקירטע און סקריפּענדיקע אויף הויכע, זייער הויכע אָפּצאַסן — בכדי ער זאָל אויסזען העכער. אַ זשילעט אַ ווײַסע, ווי געפֿאַלענער שניי. די האָר פֿאַרקעמט מיט אַ שרונט אַקוראַט אין מיטן און שטענדיק אָנגעשמירט מיט שמעקנדיקע פּאַרפֿומען, וואָס לאָזן זיך הערן אויף אַ מײַל. אָט דאָס איז געווען דער גליקלעכסטער פֿון אַלע ראָזעס קאַוואַליערן, און אים האָט די שטאָט געקרוינט פֿאַר איר חתן. דערפֿאַר געקרוינט, ווײַל ער איז יאָסע פּרוכשטיינס זון, און יאָסע פּרוכשטיין איז אַ נגיד, און אַ נגיד מיט אַ נגיד זײַנען גלײַכע מחותנים. און אויסער דעם, איז ער דער איינציקער בחור אין פּערעיאַסלאַוו, וואָס רעדט פֿראַנצויזיש; *ער* רעדט פֿראַנצויזיש און *זי* רעדט פֿראַנצויזיש — קאָן דען זײַן נאָך מער גלײַך, ווי דער דאָזיקער שידוך? און נאָך אַ זאַך: *זי* שפּילט פּיאַנע און *ער* שפּילט פֿידל, מעג מען פֿאַרזעצן וואָס מע האָט און מע קאָן שטיין אַ גאַנצע נאַכט אונטערן פֿענצטער און האָרכן. שלום איז געשטאַנען ניט איין מאָל בײַ ראָזען אונטערן אָפֿענעם פֿענצטער זומער פֿאַרנאַכט אין דרויסן און צוגעהערט זיך צו די זיסע הימלישע טענער, וואָס די שיינע ראָזע האָט מיט אירע שיינע פֿינגער אַרויסגעצויגן פֿון דער גרויסער שוואַרצער גלאַנצנדיקער פּיאַנע מיט די ווײַסע ביינדלעך, און צו די זיסע הימלישע געזאַנגען, וואָס דער קורצפּיסיקער חיים פּרוכשטיין האָט אַרויסגעריסן פֿון די דינע סטרונעס פֿון זײַן קליין בײַכיק פֿידעלע — און אַך! וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין די מינוטן! ער האָט געשעפּט תענוג און געערגערט זיך, געבענטשט און געשאָלטן צו גלײַכער צײַט. געשעפּט תענוג פֿון דער שיינער זעלטענער הימלישער מוזיק, און געערגערט זיך, וואָס ניט ער שפּילט דאָס מיט ראָזען, נאָר אַן אַנדערער. געבענטשט האָט ער די הענט, וואָס ציִען־אַרויס אַזעלכע זיסע הימלישע טענער מיט אַזעלכע זיסע מלאָכימשע געזאַנגען פֿון טויטע אינסטרומענטן, און געשאָלטן דעם טאָג, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן בײַ נחום ראַבינאָוויטש, ניט בײַ יאָסע פּרוכשטיין, און וואָס חיים פּרוכשטיין איז אַ נגידס אַ זון, און ער, שלום, איז נעבעך אויף גרויסע צרות! ניט נאָר קאָן ער ניט אויספֿירן בײַ זײַן טאַטע־מאַמע לאַקירטע שטיוולעטן מיט סקריפּקעס און אויף הויכע אָפּצאַסן — זײַנע שטיוועלעך, וואָס ער טראָגט, זײַנען אָפּגעפּאָרן, די

אָפּצאַסן אויסגעדרייט, די פּאָדעשוועס אָפּגעריבן. און אַז ער זאָל זאָגן, ער וויל לאַקירטע שטיוולעטן, וועט מען אים פרעגן: אַף וואָס? און אַז ער זאָל זאָגן, אַז ער וויל, זײַנע שטיוועלעך זאָלן סקריפּען, וועט ער קריגן פּעטש...

אָך, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען ער האָט אַן אוצר! אָט אַ יענעם אוצר, וואָס זײַן וואָראָנקאָוואער חבר שמואליק דער יתום פּלעגט אים דער־ציילן וועגן דעם אַזוי פיל שיינע מעשיות. נאָר בלאָטע! ס'איז נישטאָ קיין אוצר. דאָס הייסט, ס'איז דאָ, נאָר ס'איז שווער אים צו געפינען — ער ליגט זייער טיף פאַרבאָרגן. און אַז מע געפינט אים שוין — אַנטלויפט ער און באַהאַלט זיך נאָך טיפער... און דער אומגליקלעכער שלום האָט פאַר־שאָלטן דעם טאָג, לְמאַי ער איז געבוירן געוואָרן בײַ די מיוחסים, בײַ די ראַבינאָוויטשעס, ניט בײַ די פּרוכשטיינס. און ער האָט פײַנט געקריגן מער פון אַלעמען אָט דעם קורצפּיסיקן חיים פּרוכשטיין מיט דער גרויסער נאָז, מיט די רויטע ווײַמפּערלעך, פײַנט געקריגן בתכלית השנאה — דערפאַר, וואָס גאָט האָט אים, דעם קורצפּיסיקן חיים, געבענטשט מיט אַלע דרײַ גוטע זאַכן: מיט סקריפּענדיקע שטיוולעטן, מיט ריידן פראַנצויזיש און מיט שפּילן פידל.

און דער אומגליקלעכער שלום האָט זיך דאָס וואָרט געגעבן און גע־שוואָרן זיך בײַ דער לבנה און בײַ די שטערן דאָ אין דרויסן, און בײַ די זיסע הימלישע טענער און בײַ די זיסע מלאָכימשע געזאַנגען, וואָס גיסן זיך פון דאָרטן, פון אינעווייניק, אַז פון הײַנט אָן און ווײַטער וועט ער זיך אויסלערנען שפּילן אַפן פידל, אַזוי ווי דער גליקלעכער חיים פּרוכשטיין, און אַז ער וועט מיט זײַן פידל־שפּילן פאַרשטעקן אין גאַרטל צען אַזעלכע, ווי חיים פּרוכשטיין, און ריידן פראַנצויזיש וועט ער זיך אויסלערנען, אַזוי ווי חיים פּרוכשטיין, און ער וועט מיט גאָטס הילף זיך אויסגלײַכן מיט חיים פּרוכשטיין, און ער וועט אים נאָך אפשר איבעריאָגן — און דע־מאָלט ערשט וועט ער קומען צו איר, צו ראָזען, גלײַך אַהיים, און ער וועט איר זאָגן מיטן לשון פון שיר־השירים: „שובי שובי השולמית — קער זיך אוים צו מיר, שולמית, מיטן פּנים אַף איין ווײַלע און הער זיך אײַן, ווי אַזוי איך שפּיל אַפן פידל!" און ער וועט געבן אַ פיר מיטן סמיטשיק איבער די דינסטע סטרונעס, און שולמית־ראָזע וועט דאָס דערהערן, וועט זי שטוינען, און זי וועט אים פרעגן: „פון וואַנען?" — וועט ער איר ענטפערן: „פון זיך אַליין". און חיים פּרוכשטיין וועט שטיין פון דער זײַט און וועט גאַפן און וועט אים, שלומען, מקנא זײַן — וועט ער צוגיין און וועט וועלן זאָגן ראָזען עפּעס אַף פראַנצויזיש, וועט שלום זיך אַרײַנ־מישן אין מיטן, אים איבעררהאַקן און וועט צו אים זאָגן אויך אַף פראַנ־צויזיש: „היט זיך, רב חיים, מיט אײַער לשון, וואָרעם איך פאַרשטיי

איטלעכם וואָרט!" וועט ער נאָך מער גאַפן, און שולמית־ראָזע וועט א פרעג טאָן בא שלומען: „דו רעדסט פראַנצויזיש אויך? פון וואַנען?" — וועט איר שלום זאָגן: „פון זיך אַליין". דעמאָלט וועט שולמית־ראָזע אויפשטיין און וועט נעמען שלומען פאַר אַ האַנט און וועט אים זאָגן: „קום". וועלן זיי גיין אין צווייען, ער מיט ראָזען, אַפן שפּאַציר איבער די פּעריאַסלעווער „פּעשעכאָדן" און וועלן ריידן ביידע אַף פראַנצויזיש, און די גאַנצע כאַליאַסטרע קאַוואַליערן, און דער קורצפּיסיקער חיים פּרוכשטיין בתוכם, וועלן זיי נאָכגיין פון הינטן, און די גאַנצע שטאָט וועט טײַטלען מיט די פינגער: „ווער איז דאָס גליקלעכע פּאָרל?" וועט מען זיי ענטפערן: „איר ווייסט ניט, ווער דאָס איז? דאָס איז דאָך ראָזע מיט איר אויסדערוויילטן!" „ווער־זשע איז איר אויסדערווילטער?" „איר אויסדערוויילטער — דאָס איז דאָך דער וואָראָנקאָווער בעל־תנ"ך און כתבא־רבה שלום נחום וועוויקס, שלום ראַבינאָוויטש"... און שלום הערט דאָס אַלצדינג, נאָר ער מאַכט זיך ווי ער הערט ניט, און ער גייט ווײַטער און ווײַטער, האַנט בא האַנט, מיט דער שיינער ראָזען, און ער זעט אירע שיינע בלויע אויגן, ווי זיי קוקן אַף אים און לאַכן. און ער פילט איר קליין ווארעם הענטל אין זײַן האַנט, און ער הערט, ווי דאָס האַרץ בא אים קלאַפּט: טיק־טאַק, טיק־טאַק. און די שטיוועלעך אונטער אים האָבן ווי פון זיך אַליין אָנגעהויבן צו ריידן: „סקריפּ־סקריפּ, סקריפּ־סקריפּ". און דאָס איז שוין אַ וווּנדער פאַר אים אַליין. מילא, פידל־שפּילן און פראַנצויזישריידן — דאָס האָט ער זיך אויסגעלערנט. אַזוי לאַנג געהאָרעוועט, ביז ער קען. אָבער די שטיוועלעך — פון וואַנען האָבן זיי געכאַפּט דעם סקריפּ? אויך פון זיך אַליין? אָדער אפשר ווײַזט זיך אים אויס? און ער קוועטשטקוועטשט מיט ביידע פּיס, שטאַרק־שטאַרק, און ער כאַפּט אַ שטורך פון זײַן עלטערן ברודער, מיט וועלכן ער שלאָפט אין איין בעט: „וואָס דרייגעסטו מיט די פּיס, ווי אַ לאָשעקל?" און ער כאַפּט זיך אויף — ניט שוין־זשע איז דאָס געווען נאָר אַ חלום?... און ער הערט נישט אויף צו טראַכטן פונעם דאָזיקן חלום. און ער הערט נישט אויף צו חלומען אַף דער וואָר. און עס גיסן זיך צונויף בא אים דער חלום מיט דער וואָר, די פאַנטאַזיע מיט דער ווירקלעכקייט... און עס ציט זיך אַזוי — ער ווייס נישט וויפל צײַט, ביז עס קומט אַ גאַסט קיין פּעריאַסלאַוו, אַ שרעקלעכער גאַסט, אַן אונטערגאַנג, אַן עפּידעמיע. ווי אַן אוראַגאַן וואַלגערט ער אום אַלצדינג מיטן פּנים אַראָפּ און מאַכט אַן איבערקערעניש, אַ חורבן אין אַ סך הײַזער, און אויך בא נחום ראַבינאָוויטשן אין שטוב, און עס ווערט פאַרשווונדן די שיינע שולמית־ראָזע און זײַן ליבע צו דער שיינער שולמית־ראָזע, ווי אַ חלום, ווי אַ פאַנטאַזיע, ווי אַ נעכטיקער טאָג...

דער גאַסט — דאָס איז געווען די חלירע.

די חלירע

די עפּידעמיע. — די רייבערס. — די באַבע מינדע קאָמאַנדעוועט. — זי רײַסט קבֿרים, זוכט זכות־אָבֿות, אַרבעט מיט די דאָקטוירים. — דער מאַמעס טויט. — דער פֿעטער פּיניע לאָזט ניט וויינען — ס'איז שבת.

אָנגעהויבן האָט זיך עס תּחילת זומער, באַלד נאָך פּסח, אַזוי ווי אַף קאַטאָוועסן; נאָר שפּעטער־צו, אַרום נאָך־שבֿועות, אַז ס'זײַנען אויפֿגעקומען אויבסטן און גרינע אַגרעסן זײַנען געוואָרן וואָלוול, בחצי־חינם, האָט זיך עס צעשפּילט שוין אַף דער אמתן, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן לאָזן הערן אַלץ אָפטער און אָפטער די ווערטער: „אונטערגאַנג", „עפּידעמיע" און „חלירע". באַם וואָרט „חלירע", אַז ס'איז אַרויסגערעדט געוואָרן, איז דאָס אַנדערש ניט אַרויסגערעדט געוואָרן נאָר מיט אַ שפּײַ־אויס דערבײַ, און ס'איז געפֿאַלן אַ מורא, אַ פּחד אַף דער שטאָט.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דער פּחד איז געפֿאַלן נאָר אַף די גרויסע, אַף די עלטערע. פֿאַר קליינוואַרג איז דאָס, אַדרבה, געווען אַ שטיקל יום־טובֿ. מ'האָט אָנגעהויבן אַכטונג געבן אַף זייער עסן און אַף זייער טרינקען, טאַפּן זיי אַלע אינדערפֿרי און אַפּדערנאַכט באַ די קעפּלעך, זיך געהייסן באַווײַזן די צונג, און סוף־כּל־סוף — צעלאָזט די חדרים, ביז גאָט וועט העלפֿן, דער אונטערגאַנג וועט אַוועק אַהין, פֿון וואַנען ער איז געקומען. דער אונטערגאַנג האָט אָבער ניט אַזוי גיך געוואָלט אַוועק, און די חלירע האָט געבושעוועט אַף וואָס די וועלט שטייט.

די שטאָט האָט אָבער אויך ניט געשוויגן, געטאָן אַלצדינג, און קודם כּל זיך אַ נעם געגעבן צום „רייבן". גיך און געשווינט איז באַשאַפֿן געוואָרן אַ חבֿרה „רײַבערס". זייער עובֿדה איז געווען — קוים איז עמעצן געוואָרן „נישט־גוט", איז מען געקומען צו אים, אַוועקגעלייגט און „געריבן". אַ סך מענטשן האָט מען טאַקע מיט אָט דעם רײַבן אָפּגעראַטעוועט. צווישן די חבֿרה „רײַבערס" האָבן זיך פֿאַרשריבן די פֿײַנסטע בעלי־בתּים פֿון שטאָט. די שטאָט גופֿא איז אײַנגעטיילט געוואָרן אין „אורטשאַסטקעס", אַף יעדן „אוטשאַסטאָק" — באַזונדערע „רײַבערס". דער העלד פֿון דער ביאָגראַפֿיע האָט אַף זיי געקוקט מיט גרוים דרך־ארץ און מיט פֿאַרווּנדערונג, ווי אַף אמתע העלדן, גיבורים. עס איז געווען צו זען, אַז זיי האָבן קיין ברעקל מורא ניט, ניט פֿאַר דער חלירע, ניט פֿאַרן טויט. איינס דאָס אַנדערע האָבן זיי זיך געשטאַרקט, גערעדט מיט אַ שמייכל, געטרונקען לחיים און געווינטשעוועט, „דער אייבערשטער זאָל רחמנות האָבן און די עפּידעמיע זאָל געשטילט ווערן"...

פארשטייט זיך, אז די ראבינאָוויטשעס זיינען אויך געווען צווישן די „רייבערס״. יעדן אפדערנאכט, געקומען פון זיין „אוטשאסטאָק״, האָט נחום ראבינאָוויטש געהאַט צו דערציילן נייַעס און נייַעס: וויפל מאָל און וועמען מע האָט היינטיקן טאָג „געריבן״. וועמען מע האָט „אָפּגעריבן״, און וועמען ניט. אלע זיינען געשטאנען ארום אים און געקוקט מיט דרך־ארץ און אויסגעהערט מיט נייגעריקייט און מיט שרעק די דאָזיקע נייַעס. די קליינינטשקע חיה־אסתר האָט געבראָכן די פינגער, און, קוקנדיק אף איר כאליאסטרע קינדער, האָט זי א זאָג געגעבן פארבייגייענדיק: „ער זאָל כאָטש ניט פארשלעפּן, חלילה, די חלירע אין שטוב ארייַן״. דערויף האָט איר נחום אָפּגעענטפערט מיט א שמייכל, אז „די חלירע איז ניט אזא קרענק, וואָס מע פארשלעפּט זי; וועמען ס׳איז באשערט, טרעפט זי אים אינדערהיים״...

אפּנים, אז דער קליינינטשקער חיה־אסתר איז עס באשערט געווען. איינמאָל, אין א שיינעם פרימאָרגן, איז זי אויפגעשטאנען און האָט דערציילט פאר דער שוויגער, פאר דער באָבע מינדע, וואָס פאר א מאָדנער חלום ס׳האָט זיך איר געחלומט. ס׳האָט זיך איר געחלומט, אז ס׳איז פרייטיק־צו־נאכטס און זי בענטשט ליכט. פּלוצעם קומט צו גיין פרומע־שרה סריבניטשקע, די וואָס איז ערשט יענע וואָך געשטאָרבן פון דער עפּידעמיע, און נעמט און טוט א בלאָז — פו! — און פארלעשט איר די בענטש־ליכט... אויסגעהערט דעם מאָדנעם חלום, האָט די באָבע מינדע זיך אויסגעלאכט און, געווייינטלעך, „אויסגעלייגט״ איר צו גוטן, נאָר געזען האָט מען, אז אף ביידע וויַיבער איז געלעגן א שרעק אפן פּנים. דערנאָך האָט זיך די מאמע חיה־אסתר צוגעלייגט, זיך געהייסן דערלאנגען א שפּיגל, א קוק געטאָן אין שפּיגל ארייַן און א זאָג געגעבן צו דער באָבע מינדע: „שוויגער, ס׳איז שלעכט! טוט א קוק אף מייַנע נעגל״... אוודאי האָט זיך די שוויגער אויסגעלאכט און אויסגעבטלט אלע בייזע וויסטע חלומות אף די שונאים קעפּ, און שטילערהייט האָט זי צעשיקט די עלטערע קינדער, זיי זאָלן אויפזוכן און אראָפּברענגען דעם טאטן, וואָס איז געווען דעמאָלט פארנומען אין זיין „אוטשאסטאָק״ מיט „רייבן״. און נישט געוואַרט אפן טאטן, האָט די באָבע מינדע פאררוקט גרויסע „טשאווונעס״ און טעפּ מיט וואסער אין אויוון ארייַן און אליין דערווייל גענומען ראטעווען די קראנקע, זי האָט געטאָן אלצדינג, וואָס אין א מענטשנס כח איז צו טאָן, און האָט ניט פארגעסן אויך צו שיקן נאָכן דאָקטער קאזאטשקאָווסקי, דער בעסטער דאָקטער אין שטאָט. ער איז א קריסט, א דיקער, מיט א רויט פּנים. אף אים, אף דעם קאזאטשקאָווסקי דעם דאָקטער, זאָגן יידן מבינים, אז ער איז אזוי געזונט, אז ער וועט אמאָל שטארבן גייענדיק. און כאָטש דער דאָקטער קאזאטשקאָווסקי איז טאקע דער בעסטער דאָק־

טער, פונדעסטוועגן האָט די באָבע מינדע אָראָפּגעבראַכט אויך יענקל דעם רופא — ער איז אַ ייִד און מע קאָן זיך מיט אים בעסער דורכשמועסן. יענקל דער רופא איז טאַקע מער ניט ווי אַ רופא, נאָר אַ טענדעווערענדע (אַזאַ מין הענגקאָלנער) טראָגט ער ווי אַ דאָקטער, און שרייַבט רעצעפּטן, ווי אַ דאָקטער, און לייענט לאַטיין, ווי אַ דאָקטער, און געלט נעמט ער אויך, ווי אַ דאָקטער. דאָס הייסט, אַז מע גיט אים אין האַנט אַרייַן אַ מטבע, נעמט ער צו די מטבע, כלומרשט ווי איבערגעוואַלד, און טאַפּט אין קעשע־נע די מטבע, און טרעפט אַלע מאָל, וויפל דאָרטן איז. אַ סימן — טאָמער איז ווינציקלעך, הייסט ער זיך געבן אַן אַנדער מטבע, נאָר איידל, מיט אַ שמייכל און מיט אַ גלעט די לאַנגע האָר און מיט אַ צורעכט־מאַכן די ברילן.

מיט אים, מיט דעם יענקל דעם רופא, האָט זיך די באָבע מינדע פאַר־שלאָסן באַ זיך אין אַלקערל, פריִער אַרויסגעטריבן די קליינע קינדער אין דרויסן אַרויס, און האָט זיך דאָרט מיט אים לאַנג־לאַנג געשושקעט, ביז דער טאַטע איז געקומען. און אַז דער טאַטע איז געקומען ניט טויט ניט לעבעדיק, איז די באָבע מינדע אָנגעפאַלן אַף אים, געגעבן אים אַ מיאוסן פּסק, און ס'איז געווען אַ קאָמעדיע צו זען, ווי דער טאַטע פאַר־ענטפערט זיך פאַר איר... אַך! ווער עס האָט ניט געזען אין יענע טעג די באָבע מינדע, דער האָט קיין שיינס ניט געזען. אַ ייִדענע אַ קאָמאַנדיר! אַ ייִדענע אַ פעלדמאַרשאַל! די זייַדענע טונקל־גרינע פעטשיילע מיט די זילבערנע עפּל אויסגעמאָלט, וואָס אַפן קאָפּ, פאַרבונדן מיטביידע עקן אַהינטער, די אַרבל פון דעם וואָלענעם שאָקאָלאַד־פאַבריקן קלייד פאַרקאַ־טשעט אַרויף, דער שוואַרצער ריפּסענער פאַרטעך אַפן קלייד און די ריין־אויסגעוואַשענע הענט האָבן צוגעגעבן איר אַלט געקנייטשט שטרענג פּנים אַן אויסזען — גלייַך ווי זי וואָלט געטאַרעראַמעוועט אַף אַ חתונה, נישט אַרום אַ געפערלעך קראַנקער שנור, וואָס ליגט אַף חלירע און וואָס באָרעט זיך מיטן טויט. עס האָט אויסגעזען, אַז נישט די מאַמע חיה־אסתר באָרעט זיך מיטן טויט, נאָר זי, די באָבע מינדע, באָרעט זיך פאַר איר, פירט אַ מילחמה מיטן מלאך־המוות, וואָס לאָזט זיך שוין הערן מיט זייַנע גרינגע שוואַרצע פליגלען. ער לאָזט זיך הערן, נאָר זען זעט מען אים נאָך ניט. די קינדער ווייסן נאָך ניט, וואָס דאָ טוט זיך, נאָר זיי פילן מיט זייער אינסטינקט, אַז דאָ קומט עפּעס פאָר אַ גרויסע זאַך, וואָס איז נאָך אַ סוד פאַר זיי. אַף דער באָבע מינדעס פּנים לייענען זיי: „דער טויט וויל צונעמען בא די קינדער זייער מאַמע, נאָר איך וועל עס מיטן אייבערשטנס הילף נישט דערלאָזן!"... און אַז זי זאָגט, זי וועט נישט דערלאָזן, קאָן מען איר גלייבן. דער באָבע מינדע מוז מען

גלייבן! איינמאָל, בעת דער דאָקטער קאָזאַטשקאָווסקי איז געווען באַ דער קראַנקער, וועלכע האָט שוין געהאַלטן, אַפּנים, זייער שמאָל — דאָס האָט מען געקענט זען נאָכן דאָקטערס רויט פּנים, וואָס איז געוואָרן נאָך רויטער, האָט די באָבע מינדע צונויפגערופן אַלע קינדער, האָט זיי אויסגע־שטעלט אין דער רייע איינציקווייַז, פונעם עלטסטן (אַ בעל־הביתל שוין מיט אַ בערדל) ביזן קלענסטן (אַ מיידעלע פון קוים אַ יאָר), און אַז דער דאָקטער קאָזאַטשקאָווסקי איז אַרויסגעגאַנגען פון דער קראַנקערס חדר, איז זי אים געפאַלן פאַר די פיס, געקושט אין די הענט און צוגעפירט אים צו דער כאַליאַסטרע: „נאַ זע, פּריץ־לעבן, וויפל ווערעם, וויפל יתומים די קראַנקע לאָזט איבער, טאָמער חלילה, די שעה זאָל ניט זייַן! טאָקע אַ יושר, האָב רחמנות, פּריץ־לעבן, אויף די דאָזיקע ווערעם, אויף די אומשול־דיקע שעפעלעך!"... מיר דאַכט, אַז אפילו אַ שטיין האָט דאָס געקאָנט רירן. עס האָט גערירט אפילו דעם דאָקטער קאָזאַטשקאָווסקי. ער האָט צע־נומען מיט די הענט: „וואָס קאָן ער טאָן? ער טוט אַלצדינג, וואָס ער קאָן. אָט וועמען מע באַדאַרף בעטן!"... און ער האָט אַ וויַיז געגעבן מיטן פינגער אַרויף: צו גאָט, הייסט עס... נאָך אַ דאַנק פאַר דער עצה, פּריץ־לעבן! צו גאָט באַדאַרף זי אים ניט פאַר אַ מליץ־יושר! צו גאָט ווייסט זי שוין אַליין דעם וועג. זי איז שוין געווען אין שול. זי האָט זיך שוין פאַרזאָרגט מיט תהלים־זאָגער אויף אַ גאַנצן מעת־לעת. זי איז שוין געווען אויפן הייליקן אָרט אויך, געריסן קברים, געוועקט זכות־אָבות. אַזאַ מאַמע, ווי איר נחומס ווייַב, באַדאַרף נישט לאָזן איר זון אַן אַלמן און די קינדער יתו־מים! אַזאַ צדיקית, ווי חיה־אסתר, טאָר נישט שטאַרבן! „ניין, גאָטעניו, דו ביסט אַ גוטער גאָט, דו וועסט דאָס נישט טאָן!"...

עס האָט אָבער נישט געהאָלפן קיין זאַך. גאָט איז טאָקע אַ גוטער גאָט, נאָר די קליינינקע חיה־אסתר איז שוין מער ניט אויפגעשטאַנען. זי איז געשטאָרבן. שבת אינדערפרי איז דאָס געווען, דעמאָלט, ווען ייִדן זייַנען נאָך אין שול.

געשטאָרבן? — פאַר חברה קליינוואַרג איז דאָס געווען נאָכן רבינס טויט (משה דעם שוחטס) דער צווייטער טויט, וואָס זיי האָבן מער געפילט ווי פאַרשטאַנען — און עס האָט זיי וויי־געטאָן שטאַרק־שטאַרק! אמת, זייער מאַמע איז ניט געווען אַזאַ ווייכע, אַזאַ צוגעלאָזטע, ווי אַנדערע מאַ־מעס. אמת, מע פלעגט כאַפּן פון איר אָפטע פּעטש, סטוסאַקעס און בוכענ־צעס — „קינדער זאָלן ניט זייַן קיין נאַשערס און ניט ווען נאָך! קינדער־זאָלן ניט ליב האָבן שטשירען די ציין, ראַהאַטשען זיך!" דאָס האָט באַ־דאַרפט הייסן, אַז קינדער זאָלן ניט לאַכן. און קינדער האָבן דווקא יאָ געלאַכט, ווערעם ווי קאָן מען ניט לאַכן, אַז עס לאַכט זיך? אַזאַ געלעכטער האָט זיי געקאָסט טייַער. זיי

האבן באצאלט מיט אנגעריסענע אויערן און מיט אויפגעלאפענע באקן פון דער מאמעס קליינע, נאר שטארקע הענטלעך, וואס לאזן זיך פילן... איצט אבער האבן דאס קליינווארג פארגעסן. פארגעסן די פעטש מיט די קולאקעס מיט די סטוסאקעס און פאטילעטשניקעס, און דערמאנט זיך בעסער, ווי די מאמע פלעגט ארײַנלייגן די האנט אין קעשענע זוכן פאר יעדן קינד א גראשן. ווי די מאמע פלעגט זיי אײַנגעבן אלע ראש־חודש ווערעמקרויט מיט האניק. ווי די מאמע פלעגט נישט אפטרעטן פון בעט, אז א קינד האט זיך אוועקגעלייגט. ווי דער מאמעס קליין הענטל האט געטאפט באם קאפ, געהאלטן באם דופק, געגלעט די בעקלעך. ווי די מאמע האט גענייט אלע ערב יום־טוב מלבושימלעך פאר די קינדער. ווי די מאמע פלעגט אלע ערב שבת צוואגן די קעפלעך. ווי די מאמע האט געלאכט פסח באם סדר, אז קינדער האבן זיך אנגעשכורט פונעם ארבע־כוסות ווײַן. און נאך און נאך זאכן האבן די קינדער דערמאנט זיך, געלעגן יעדער באזונדער אײַנגעגראבן מיט די פנימער אין די קישנס און צעגאנגען געווארן פאר געוויין... אבער נאך גרעסער און שטארקער איז געווארן דער געוויין, אז זיי האבן דערהערט דעם טאטן וויינען — א טאטע זאל גאר וויינען! — און אז זיי האבן דערהערט, ווי די באבע מינדע יאמערט און קלאגט און לייענט מיט א ניגון, ווי פון א תחינה, טענהט זיך אויס מיטן רבונו־של־עולם: „פאר וואס האט ער ניט צוגענומען בעסער זי, די באבע מינדע, אײדער אזא יונג צווײַגעלע, א מאמע פון, קיין עין־הרע, אזוי פיל ווערעם?"... דאס פארגלײַכן אירם די קינדער צו ווערעם רופט־ארויס בא די קינדער אין דער דאזיקער טרויעריקער מינוט נישט ווילנדיק א שמייכל: וואס עפעס גראד ווערעם? נאר פלוצעם עפנט זיך די טיר און יוי א וויכער רײַסט זיך ארײַן אין שטוב ארײַן דער פעטער פיניע מיט זײַנע צוויי זין גלײַך פון אלטן בית־המדרש — דארטן דאוונט דער פעטער פיניע — מיט א ברייטן גוט־שבת. דערזען, ווי דער עולם וויינט און קלאגט און יאמערט — אז ער צעשרײַט זיך ניט אף א קול און צעבייזערט זיך אפן טאטן און אף דער באבע מינדע: „וואס איז דאס? אום שבת וויינט איר? רשעים! גזלנים! וואס טוט איר עס? איר זײַט משוגע? צי חסר־דעה? צי איר האט פארגעסן, אז מיר האבן הײַנט שבת, און שבת טאר מען ניט וויינען?! נחום, וואס טוסטו? מע טאר ניט — ס'איז שבת! וואס ס'זאל נישט זײַן — איז שבת בילכער!"... און אליין האט זיך דער פעטער שוין אפגעקערעוועט אף א זײַט, כלומרשט אויסגעשנײַצט די נאז, מחילה, נאר אין איינוועגס געכאפט א קוק מיט איין אויג אהין, ווו די מאמע ליגט אן איבערגעדעקטע מיט שווארצן. האט ער אויסגעווישט אין דער גיך די אויגן, מע זאל ניט זען, אז ער וויינט, באטש אין קול גופא האבן זיך געלאזט הערן טרערן, און גערעדט האט ער שוין אביסל וויכער־

— פֿאָלג מיך, נחום! גענוג! דו נעמסט אַף זיך צו פֿיל!... נו, גענוג שוין! מע טאָר ניט — ס'איז שב...

דער פֿעטער פּיניע האָט נישט געקאָנט אַרויסריידן דאָס וואָרט „שבת", וואָרעם די טרערן, וואָס ער האָט די גאַנצע צייַט געשלונגען, האָבן זיך אים אָוועקגעשטעלט אין האַלדז פֿאַפּעריק. האָט ער ניט געקאָנט מער באַהערשן זיך, איז ער צוגעפֿאַלן צום טיש אַף דער לינקער האַנט, ווי מע פֿאַלט „תחנון", און האָט זיך צעוויינט, ווי אַ קליין קינד, און אויסגערופֿן אַף אַ דין קול: „חיה־אסתר! חיה־אסתר!"...

35

די שבעה - זיצערס

דער טאַטע קוקט־אַרייַן אין ספר איוב. — מע רעדט אים שידוכים. — די קינדער וועט מען אָפּשיקן קיין באָסלאָוו צום זיידן משה־יאָסע.

קיינמאָל האָט דער העלד פֿון די באַשרייַבונגען אַזוי נישט געבענקט נאָכן אוצר, וואָס זייַן חבר שמואליק האָט אים אַמאָל דערציילט, ווי אין דער צייַט, ווען ער און דער טאַטע און אַלע זייַנע ברידער און שוועסטער זייַנען געזעסן אין די זאָקן אַף דער ערד „שבעה" נאָך דער מאַמען.

„ווען איך האָב איצט אַן אוצר — האָט ער זיך געטראַכט — אָט יענעם אוצר, וואָס ליגט דאָרט אינעם קליינעם שטעטעלע באַהאַלטן, כאָטש נישט אינגאַנצן, כאָטש אַ טייל פֿון יענעם אוצר — אַך, ווי וואָלט עס מיר איצט צו־נוץ געקומען!... די באָבע מינדע וואָלט אויפֿגעהערט צו וויינען און צו קלאָגן און צו אויסטענהן זיך מיטן רבונו־של־עולם, אים פֿאַרהאַלטן, אַז ער האָט נישט גוט געטאָן, וואָס ער האָט צוגענומען פֿריִער די שנור, ניט זי, די שוויגער... דער טאַטע וואָלט אויפֿגעהערט צו זיפֿצן און קרעכצן און צו טענהן, צו וואָס לעבט ער אַף דער וועלט און וואָס איז ער אָן חיה־אסתרן?... און אויך זיי, די קינדער, ווו וואָלטן זיי איצט געווען? געווים ערגעץ מיט אַלע ייִנגלעך באַם טייַך, געשווומען, געכאַפּט פֿישלעך, אָדער גלאַט געלאָפֿן אין דער וועלט אַרייַן — אַזאַ זון! אַזאַ היץ! וואָלוול ווייַנשל, ווייַמפּערלעך בחצי־חנם, און גרינע אוגערקעלער, נאָך מיט די שפּיץ־נאָדלען, לאָזן זיך שוין הערן. אָט באַלד וועלן אויפֿקומען אויך דיניעס געלע, שמעקנדיקע, און אַרבוזעס רויטע ווי פֿייַער, הירזשענדיקע ווי זאַמד, זיסע ווי צוקער, — אַך, אַן אוצר! אַך, אַן אוצר!"... און די געדאַנקען הייבן אים אויף און טראָגן אים אַוועק אין אַן אַנדער וועלט, אין אַ וועלט פֿון פֿאַנטאַזיעס און חלומות, זיסע, גוטע

חלומות. און עס שטעלט זיך אים פאר, אז ער האט אים שוין, דעם אוצר — פלוצעם האט ער זיך אים אנטפלעקט מיט אלע זיינע טייערע זאכן, סגולות און שטיינער, אז ער האט שוין דאס גאלד און זילבער און די האלבע אימפעריאלן און די דימענטן און בריליאנטן, און אז דער טאטע איז איבעראשט: „פון וואנען האט זיך, שלום, פלוצעם גענומען צו דיר אזא גוטס?" „איך קאן דיר ניט זאגן, טאטע, פון וואנען, ווארעם קוים זאג איך דיר פון וואנען, הייבט זיך עס אויף און עס ווערט פארשווונדן"... און שלום פילט זיך אפן זיבעטן הימל, וואס ס'איז אים געראטן ארויסציען דעם טאטן פון דער נויט, און עס טוט אים נאר באנג, הארצעדיק באנג, וואס די מאמע נעבעך איז נישטא דערביי. „נישט באשערט; — זאגט די באבע מינדע. — אלע אירע יונגע יארן איז זי נעבעך אפגעקומען אף דער וועלט צוליב די קינדער, און איצט, אז ס'איז געקומען צום לעבן, זיינען אויסגעגאנגען די יארן!"...

נאר אט דערהערט זיך א זיפץ פונעם טאטן: „גוואלד, וואס טוט מען? וואס הייבט מען אן צו טאן?" — און דער קליינער בעל־החלומות קערט זיך אום פון יענער גליקלעכער וועלט פון פאנטאזיעס און חלומות צוריק אהער, אין דער דאזיקער וויסטער וועלט פון זארג און טרערן, ווו מענטשן ריידן פון מעל אף באקן חלה, פון געלט אף גיין אין מארק, פון אורחים, וואס ווילן ניט פארן, פון פרנסה, וואס איז „געשלאגן", — און די אלע רייד ווערן צוגעדעקט מיטן טאטנס קרעכץ און מיטן טאטנס זיפץ: „גוואלד, וואס טוט מען? וואס הייבט מען אן צו טאן?"...

— וואס הייסט, וואס טוט מען? — פאלט אף אים אן דער פעטער פיניע שוין אפן לעצטן טאג שבעה, — וועסט טאן דאס, וואס אלע יידן טוען — וועסט, אם ירצה השם, חתונה האבן...

חתונה האבן?... דער טאטע וועט חתונה האבן? מיר וועלן האבן א נייע מאמע? ווי אזוי וועט זי זיין?... — אזעלכע געדאנקען קריכן אין קאפ אריין. די קינדער קוקן אפן טאטן, וואס וועט דער טאטע זאגן?... דער טאטע וויל ניט הערן, ניט זען. ער זאגט:

— חתונה האבן? איך זאל חתונה האבן? נאך אזא חיה־אסתרן זאל איך גיין חתונה האבן? און דאס זאגסטו, אן אייגענער ברודער? ווער נאך האט זי אזוי געקענט, ווי דו?...

עס שטיקן אים די טרערן. ער קאן ניט ריידן מער. דער פעטער פיניע ווישט אפ די ליפן, מאכט א שוויַיג.

— צייט מנחה דאוונען, — זאגט דער פעטער פיניע, און אלע שבעה־זיצערס, דער טאטע מיט די קינדער, שטייען־אויף פון דער ערד, שטעלן זיך דאוונען מנחה, און אלע קינדער, זעקס בנים, צווישן זיי איינער א בעל־הביתל שוין מיט א געל בערדל, אליהו הייסט ער, טוען א קלאפ־אפ

דעם קדיש — אַ מחיה צו הערן! די משפּחה קוקט מיט גדלות אױף די „קדישים״, פרעמדע װײַבער זײַנען מקנא: „מיט אַזעלכע קדישים נישט אָנ־קומען גלײַך אין גן־עדן אַרײַן — איז שױן עק װעלט!״...

דאָס זאָגט אַ שטיקל קרובה, בלומע רופט מען זי, אַ ראַבעטינע ייִדע־נע, האָט אַ מאַן, איז ער אַ שטומער. זי האָט אַװעקגעװאָרפן איר מאַן מיט אירע קינדער און איז געקומען העלפן עפּעס טאָן — אין שטוב, אין קיך אָדער באַ די קינדער. די קינדער קאָנען זיך נישט באַקלאָגן, אַז מע האָט אָן זײ פאַרגעסן. אדרבה, זינט די מאַמע איז געשטאָרבן, זײַנען זײ געװאָרן באַ אַלעמען חשובער — יתומים! עס זײַנען געװען מאָמענטן, װאָס דאָס שבעה־זיצן איז באַ זײ געװען גאָר אַ גאַנצער יום־טוב. ערשטנס (און דאָס איז דער עיקר פון אַלע עיקרים!), מע גײט ניט אין חדר. צװײטנס, מע גיט זײ זיסע טײ מיט בולקע, װאָס זײ זײַנען דערצו גאָרניט געװױנט געװאָרן, און מע טאַפּט זײ באַ די קעפּלעך און באַ די בײַכלעך און מע פרעגט זיך נאָך אױף זײערע מאָגנס. זײ האָבן שױן גאָר באַקומען „מאָגנס״! הײַנט װאָס איז װערט גלאַט זיצן אַלע מיטן טאַטן אױף איין קאָלדרע, זען, װי דער טאַטע קוקט־אַרײַן מיט זײַן גרױסן געקנײטשטן שטערן אין אַ ספר „איוב״ אַרײַן, הערן, װי ייִדן און װײַבער קומען צו גײן, אַלע מאָל נײַע פּאַרשױנען, מנחם־אָבל זײַן, רײדן עפּעס אַלע אַזעלכע מאָדנע דבורים, קומען־אַרײַן אָן אַ גוט־מאָרגן, גײען־אַװעק אָן אַ זײַט־געזונט, בלינצלען עפּעס אַזױ מאָדנע מיט די אױגן און מורמלען עפּעס אונ־טער דער נאָז: „מ... מ... מ... ציון וירושלים!״...

פאַרן קלײנעם װײַסן חברהניק, פאַר שלומען, זײַנען אָט די װיזיטן אַ גאַנצער אוצר פון טיפּן און בילדער, װאָס אײנס צום אַנדערן זײַנען ניט גלײַך און װאָס בעטן זיך אױפן פּאַפּיר. דער ערשטער קומט דער פעטער פּיניע. ניט אַלײן, נאָר מיט זײַנע צװײ אױבנדערמאָנטע זין מיט די לאַנגע קאַפּאָטעס — ישׂראליק און איצל. דער פעטער פּיניע פאַרקאַ־טשעט די אַרבל און רעדט. די זין שװײַגן. דער פעטער פּיניע רעדט פון אַ דין — װען, אײגנטלעך, עס דאַרפן זיך ענדיקן די זיבן טעג שבעה: אינדערפרי, צי אָפּדערנאַכט? ער שטײט־אױף, זאָגט־צו, אַז ער װעט נאָך אַ קוק טאָן באַ זיך אין אַ פּאָר ספרים, װעט ער װיסן אַקוראַט. דערװײַל געזעגנט ער זיך ניט, זאָגט עפּעס אױף דער גיך אײנאײנעם מיט בײדע זין „ציון וירושלים״ — און פּאַשאָל. נאָך אים קומט די מומע חנה מיט אירע טעכטער, הײבן־אױף אַ קװיטשערײַ אױפן טאַטן: געװאַלד! געװאַלד! ער זאָל אױפהערן װײנען אױף דער מאַמע, װאָרעם ער װעט זי לעבעדיק ניט מאַכן! פאַרן אַװעקגײן זאָגט זי, אַז מע קאָן דערשטיקט װערן, טוט אַ שמעק טאַבעקע פון אַ קלײן זילבערן פּושקעלע און מאַכט אַ גװאַלד, מע זאָל עפענען כאָטש איין פענצטער, װאָרעם מע װעט דאָ דערװאָרגן װערן, צו אַלדי

גוטע יאר!... דערנאך קומט די מומע טעמע, די יידענע אן ציין, שאקלט אביסל מיטן קאפ, דאס פנים לאכט, נאר די אויגן וויינען. זי רעדט־אויס דאס הארץ, דערציילט א נייס: אז מירן אלע שטארבן...

דאס איז משפחה. דערנאך קומען פרעמדע. אלערליי פארשוינען, אזעלכע, וואס האלטן ווינציק־וואס פון גאט און פון יענער וועלט. למשל, „ארנאלד פון די פידווארקעס" — דער מאכט חוזק פון אלצדינג. לית דין ולית דיין. סע שטייט, זאגט ער, בפירוש געשריבן: „ומותר האדם מן הבהמה אין" — קיין חילוק נישט צווישן א מענטשן און, להבדיל, א בהמה... א שרעק, וואס דער ארנאלד צערעדט זיך אן! על ה' ועל משיחו! און אלצדינג קומט־אויס בא אים אזוי קיילעכיק, אזוי געשליפן! ער איז דער איינציקער, וואס גייט־אוועק מיט א זיי־געזונט. א מענטש, וואס גלייבט ניט אין קיין זאך, איז דאך ניט שייך! כדאי צו וויסן, וואס וועט זיין מיט אזא ארנאלדן, ווען ער נעמט און טוט א שטארב־אוועק? „מיך מעגט איר נעמען באלד נאך מיין טויט און פארברענען אפן פייער און דאס אש צעשפרייטן אף אלע זיבן ימים — ארט מיך אויך ניט!"... אזוי זאגט ארנאלד און כאפט א מיאוסן פסק פון דער באבע מינדע: „לאזן שוין, זאגט זי, אייערע שונאים ריידן פאר אייך!" און ארנאלד — ס'זאל אים רירן! ער לאכט זיך אויס, גייט אוועק, און עס קומט־אן יאסע פרובשטיין מיט די גרויסע ציין און בייזערט זיך אפן טאטן, למאי ער וויינט אזוי. „ער האט זיך אף אים, זאגט ער, אזעלכעס ניט געריכט"... דאדע יצחק־ביגדורס זאגט אויך דאס אייגענע. ער שווערט בא זיין הייליקע נאמנות, אז ווען בא אים טרעפט זיך אזא אומגליק, וואלט ער, כא־כא, ארייינגעווארפן אין מאיר־בעל־נס־פושקע... אז דאדע גייט אוועק, ווערט א געלעכטער, ווארעם אלע ווייסן, אז דאדע יצחק ביגדורס האט א ווייב, הייסט זי פייגע־פערל — איז דאס א פייגע־פערל פון גאט!... דאנקען השם יתברך, וואס מע קאן שוין כאטש געבן א לאך. דער טאטע קוקט נאך אלץ אריין אין ספר „איוב", נאר ער וויינט שוין ניט אזוי שטארק, ווי ער האט געוויינט די ערשטע טעג. און ער בייזערט זיך שוין ניט אפן פעטער פיניע, למאי ער ווארפט־אריין א ווארט וועגן חתונה האבן. ער זיפצט נאר, און קרעכצט נאר, און פרעגט: „וואס טוט מען מיט די קינדער? מיט די קינדער וואס טוט מען?"

— מיט די קינדער וואס טוט מען? — ענטפערט אים דער פעטער פיניע און גלעט זיך די באָרד, — די עלטערע וועלן זיך לערנען, ווי זיי האבן געלערנט; און די קלענערע וועסטו אפשיקן צו זייער זיידן קיין באסלאוו.

דאס מיינט ער דעם זיידן משה־יאסע מיט דער באבע גיטל פון דער מאמעס צד, וועלכע די קינדער האבן קיינמאל נישט געזען, נאר געהערט

דערציילן, אַז ערגעץ ווײַט, אין אַ שטאָט וואָס הייסט באָסלאָוו, האָבן זיי אַ זיידן מיט אַ באָבען, וואָס זײַנען, זאָגט מען, גאַנץ רײַך, אָנגעשטאָפּט מיט געלט. אַהין, הייסט עס, וויל מען זיי אָוועקשיקן? זעט איר, דאָס איז דווקא אַ פּלאַן! ערשטנס, דאָס פאָרן — דאָס אַליין וואָס איז ווערט? צווייטנס, זען אַ נײַע שטאָט. הײַנט באַקענען זיך מיט אַ זיידן און מיט אַ באָבען, וואָס מע האָט זיי קיינמאָל ניט געזען, — דאָס איז בײַ אײַך גאָרניט? עס בלײַבט איבער נאָר איין זאַך: ווּעמען רעכנט דאָס דער פעטער פּיניע צווישן די „עלטערע" און וועמען צווישן די „קלענערע"? ס'איז גאָר קיין ספק ניט, אַז אַ יִנגל, וואָס איז שוין בר־מצווה, ער מעג זיך האַלטן מיט אַ קאָפּ נידעריקער פון אַ הונט, באַדאַרף גערעכנט ווערן צווישן די „עלטערע" — און דאָס האָט דעם בר־מצווה־בחורל אַזוי ווײַט פאַראינטערעסירט, אַז ער האָט שוין כמעט אָנגעהויבן צו פאַרגעסן אָן דער מאַמע, נאָך וועלכער ער זאָגט אַלע אינדערפרי און פאַרנאַכט קדיש, אָן דעם טאַטן, וואָס הערט ניט אויף צו זיפצן און צו קרעכצן, אָן דעם אוצר, נאָך וועלכן עס בענקט זיך אים אַזוי שטאַרק. אים האָט געצויגן איצט צו עפּעס אַנדערש: צו דער נסיעה, צו דער נײַער גרויסער שטאָט — קיין באָסלאָוו, צום זיידן משה־יאָסיע מיט דער באָבע גיטל פון דער מאַמעס צד, וואָס, מע זאָגט, זיי זײַנען אַזוי רײַך! אַזוי רײַך!...

36

באָם דניעפּער

די נסיעה קיין באָסלאָוו. — שמעון־וואָלף בעל־עגלה אַ שווײַגער. — מע וואַרט אָפּן פּאָראָם. — דער בעל עגלה כאַפּט אַ מנחה באָם ברעג טײַך. — עס דאַוונט זיך געשמאַק.

איינמאָל — סוף זומער, פאַר ימים נוראים איז דאָס געווען — איז צוגעפאָרן צום גאַניק אַ בויד, און מע האָט אויפגעזעצט די קלענערע קינדער, פיר יִנגלעך און צוויי מיידלעך, — שלום דער בר־מצווה־בחורל איז געווען צווישן זיי — מיטגעגעבן צו צוויי העמדלעך, עסנוואַרג אויף אַ פּאָר טאָג און אַ בריוו צום זיידן משה־יאָסל מיט דער באָבע גיטל און אָנגעזאָגט זיי אַ מאָל צוואַנציק, זיי זאָלן זײַן געהיט באָם אַריבערפאָרן מיטן פּאָראָם איבערן דניעפּער.

פאָרן איבערן דניעפּער — און נאָך מיט אַ פּאָראָם דערצו! קיינער פון זיי האָט קיין פּאָראָם קיינמאָל ניט געזען און ווייס גאָר ניט, מיט וואָס מע עסט עס. נאָר מען איז זיך משער, אַז עס דאַרף זײַן ניט שלעכט, און

מע פאַרגעסט, אַז די מאַמע איז געשטאָרבן, און מע פאַרגעסט אַלצדינג, און מע קלערט נאָר וועגן דער נסיעה, וועגן דניעפּער, וועגן פּאַראָם. נאָר מע דערמאָנט זיי, אַז די מאַמע איז געשטאָרבן. ס'איז דאָ אַ באָבע מינדע, וואָס זאָגט זיי אָן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, זיי זאָלן ניט פאַרגעסן און חלילה ניט דורכלאָזן זאָגן קדיש נאָך דער מאַמע, און זי גלעט זיי מיט קאַלטע גליטשיקע פינגער, און זי קושט זיי אין די בעקלעך, און זי געזעגנט זיך מיט זיי אויף שטענדיק, אויף אייביק, וואָרעם גאָט ווייס, אויב זי וועט נאָך זוכה זײַן מיט זיי זיך צו זען נאָך אַמאָל... און אַזוי ווי דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט: אַז די קינדער זײַנען געקומען נאָכדעם צוריק אַהיים פון באָסלאָוו, איז שוין די באָבע מינדע געווען דאָרט, ווו די מאַמע זייערע — אַ קבר נעבן אַ קבר, — און דער טאַטע האָט געזאָגט קדיש נאָך ז ײַ ן מאַמע אינאיינעם מיט די קינדער נאָך ז יי ע ר מאַמע. דאָס איז געווען אַ יאָר פון קדישים, דאָס יאָר פון חלירע — אָן אַ שיעור קדיש־זאָגערס! אַ גאַנצע שול האָט געזאָגט קדיש.

דער חילוק פון אַ מענטשן ביז אַ מענטשן! אויף וויפל מאיר־וועלוול דער בעל־עגלה, וואָס האָט געפירט די קינדער פון וואָראָנקאָ קיין פּערע־יאַסלאָוו, איז געווען אַ מענטש אַ לעבעדיקער, אַ רירעווודיקער און אַ באַ־רעדעוודיקער, אויף אַזוי פיל איז שמעון־וואָלף דער בעל־עגלה, וואָס האָט געפירט די קינדער פון פּערעיאַסלאָוו קיין באָסלאָוו, געווען אַ פאַרזאָרג־טער, אַ פאַרשלאָפענער און אַ שווײַגער — זאָל גאָט היטן! כאָטש טעסעט אין אים פלעקער, כאָטש שיסט אין אים מיט האַרמאַטן, וועט ער אײַך קיין וואָרט ניט אַרויסלאָזן פונעם מויל, אַחוץ: „קריכט אין וואָגן", אָדער: „אַרויסט פונעם וואָגן". די קינדער זײַנען אויסגעגאַנגען צו וויסן: ווען וועט שוין זײַן דער דניעפּער? ווען וועט מען אים איבערפאָרן מיטן פּאַ־ראָם? און וואָס הייסט עס „פּאַראָם"? נאָר גייט טוט עפּעס — אַז אַ ייִד רעדט ניט! זיצט ווי אַ נאַפּודעלע אויף דער קעלניע, שמײַסט די פערדלעך, סמאָצקעט זיי צו מיט די גראָבע ליפּן, און פון צײַט צו צײַט הערט מען נאָר די איינציקע ווערטער: „ננאָ, חלירע, אַ חלירע אויף אײַך!" אָדער: „ננאָ, פּגירות, אַ פּגירה אויף אײַך!" און אַז ניט, שעפּטשעט ער עפּעס מיט די ליפּן צו זיך אַליין און זינגט עפּעס שטיל אויף אַ דין קולכל. דאָס זאָגט ער תהלים אויף אויסוווייניק.

און אַזוי ווי מענטשן זײַנען פאַראַן אַלערליי, פאַרשיידענע כאַראַק־טערן, אַזוי זײַנען, להבדיל, פערד אויך פאַראַן אַלערליי סאָרטן. די פערד פון שמעון־וואָלף דעם בעל־עגלה זײַנען שטאַרק געראָטן אין זייער בעל־הבית: זיי זײַנען שלעפעריק און האָבן אַ טבע — זיי ניסן. אַ גאַנצן וועג ניסן זיי. ניסן און פאָרשקען און שמײַסן מיט די עקן און שלעפן זיך, און שלעפן זיך. עס דאַכט זיך אויס, אַז מע שלעפּט זיך שוין אַזוי — מע האָט

שוין כמעט פֿאַרגעסן פֿון ווען אָן. און גאָט ווייסט, אויב מע וועט זיך אַמאָל דערשלעפּן ערגעץ צו אַ ישוב. הימל און ערד און זאַמד. זאַמד אָן אַ שיעור. און טאָמער איז קאַרג, שטעלן זיך די פֿערדלעך גאָר אַנידער אין מיטן דרינען, שמעון־וואָלף קריכט־אַראָפּ פֿון וואָגן, לאָזט אויס אַף זײַן דין קולכל מיט אַ ניגון אויסגעצויגן: „אַש־ר־י כל חו־סי בו״... דער־נאָך טוט ער אַ זאָג צו די קינדער: „אַרויס פֿון וואָגן!״ די קינדער קריכן אַרויס פֿון בויד. וואָס וועט דאָ זײַן? גאָרנישט. אַזוי ווי ס׳איז זאַמדיק, איז פֿאַר די פֿערד צופֿיל משא, וועט מען גיין אַביסל צו־פֿוס. מילא, אויך אָן אַן אומגליק — צופֿוס איז צופֿוס. אדרבה, צופֿוס איז נאָך פֿרייליכער. נישמער — דאָס ייִנגסטע יתומהלע, אַ יאָר אַלט, ווײַל ניט בלײַבן אַליין אין וואָגן. וויינט עס, מוז מען דאָס טראָגן אַף די הענט — איז שוין עפּעס ניט אַזוי פֿויגלדיק. אַ גליק, וואָס דאָס ציט זיך ניט אַזוי לאַנג. באַלד ווערט דער וועג ווידער אַ וועג, און שמעון־וואָלף דער בעל־עגלה טוט אַ זאָג צו די קינדער: „קריכט אין וואָגן״. קלעטערט מען אַרויף צוריק אין בויד אַרײַן און מע גלײַכט זיך אויס די ביינער. ביז עס קומט ווידער צו אַ טיפֿן זומפּיקן זאַמד, איז ווידער: „אַרויס פֿון וואָגן״, און ווידער: „קריכט אין וואָגן״. נאָר שאַט! וואָס גלאַנצט דאָס עפּעס דאָרטן פֿון דער ווײַטן? וואָס בלישטשעט עס אַזוי ווי גלאָז און שײַנט־אָפּ אַף דער זון מיט אַ זילבערנעם קאָליר, און שפּיגלט און שעמערירט אין די אויגן? אָט דאָס זאָל זײַן דער דניעפּער! חברה זיצן קוים אײַן אין וואָגן. און דער וואָגן, ווי אַף־צו־להכעיס, גייט פּאַוואָליע וואָרום איידער מע קומט־צו צום דניעפּער, באַדאַרף מען דורכמאַכן נאָך אַ זאַמד און נאָך אַ זאַמד, געל און געדיכט און טיף, טיף ביז די קני. פּאַוואָליע טריט באַ טריט, שלעפּן זיך די פֿערד־לעך, קוים וואָס זיי רײַסן־אַרויס די פֿיס פֿון זאַמד. טיף שנײַדן די רעדער, און דער וואָגן קרעכצט, און נעבעך און נענטער באַווײַזט ער זיך, דער דניעפּער, מיט זײַן גאַנצער ברייטקייט און שיינקייט. יאָ, דאָס איז ער, דער דניעפּער. ער גלאַנצט, שײַנט־אָפּ אַף דער זון און שמייכלט צו די יונגע אורחים, וואָס זײַנען געקומען צו אים דאָס ערשטע מאָל מקבל־פּנים זײַן דעם אַלטן זקן. „שלום עליכם, וואָס מאַכסטו זיידע?״...

אַ הויכער, גרינער, ערטערווײַז פֿאַרגעלטער אָטשערעט באַם ברעג טײַך, צעלאָזט מיט די לאַנגע, שאַרפֿע, שפּיציקע בלעטער, וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין וואַסער, גיט אים צו, דעם אַלטן, אַ באַזונדערן חן. ס׳איז שטיל.

לאַנג און ברייט האָט ער זיך צעוואָרפֿן, ווי אַ ים, אַהין און אַהער. און דאָס וואַסער לויפֿט ערגעץ, לויפֿט, נאָר שטיל. וווּהין? ס׳אַ סוד. דער בלויער הימל קוקט־אַראָפּ פֿון אויבן און שפּיגלט זיך אָפּ אין וואַסער אײַנ־איינעם מיט דער זון, וואָס האַלט נאָך ניט באַם אונטערגיין. ריין דער

הימל. ריין דאָס וואַסער. ריין דאָס זאַמד. ריין די לופט. און שטיל. אַ שטילקייט פון גאָט. ברייט. אַ ברייטקייט פון גאָט. און עס דערמאָנט זיך פון תהלים: „למרחב־יה״... פררר! דאָס איז אַרויסגעפלויגן פון אַטשעדרעט אַרויס מיט אַ געשריי אַ פויגל. דורכגעשניטן, ווי אַ פײַל, די ריינע שטילע לופט, לאָזט ער זיך מיט אַ זיג־זאַג שוועבן ווײַט־ווײַט, נאָר ער האָט באַלד חרטה, קערט זיך אום צוריק מיט אַ זיג־זאַג און ווערט פאַרשוווּנדן ווידער צוריק אינעם געל־גרינעם אַטשערעט. עס נעמט אָן אַ חשק, ווי אָט דער פויגל, אַרויספליִען פון וואָגן אַרויס, זיך לאָזן פליִען אויבן איבערן וואַסער, אָדער, ווייניקסטנס, זיך אויסטאָן נאַקעט און אַרײַנשפּרינגען אין וואַסער אַרײַן, זיך פּאַליאָסקען און שווימען, שווימען...

— אַרויסט פון וואָגן! — טוט שמעון־וואָלף אַ קאָמאַנדעווע־אויס, קריכט אַליין אויך אַרויס פון וואָגן, פאַרשטעקט די בײַטש אין גאַרטל, טראָגט־צוביידע הענט צום מויל, פאַררײַסט דעם קאָפּ אַרויף און לאָזט אַרויס אַ מאָדנע פאַרדומפּן קול, ווי פון אַ צעבראָכענער פּאַס:

— פּאַראָ־אָ־אָ־אָם! פּאַראָ־אָ־אָ ם!

די משמעות, אַז דער פּאַראָם איז אַ לעבעדיקע זאַך, וואָס געפינט זיך ערגעץ דאָרט אַף יענער זײַט, און מע באַדאַרף אים אַרויסרופן. חברה קליינוואַרג, אַרויסגעקראָכן פון וואָגן און אויסגעגלײַכט זיך די פאַרזעסענע פאַרגליווערטע אבֿרים, שטעלן זיך אַוועק העלפן דעם בעל־עגלה אַרויסרופן דעם פּאַראָם, גלײַך מיט אים צוגעטראָגן די הענט צום מויל, פאַרריסן די קעפּ אַרויף און אויסגעשריִען מיט אַ קוויטש:

— פּאַראָ־אָ־אָ־אָם! פּאַראָ־אָ־אָ ם!

און עס פאַלט־אָן אַף זיי אַ געלעכטער — זיי ווייסן ניט וואָס. עס לאַכט זיך זיי אָן אַ שום „וואָרעם״. עס לאַכט זיך זיי, ווײַל ס'איז זיי גוט, ווײַל זיי זײַנען יונג און געזונט, און זיי געפינען זיך באַם דניעפּער, און זיי פאָרן באַלד אַפן דניעפּער מיטן פּאַראָם — ווער איז צו זיי גלײַך?... נאָר אָט הייבט־אָן צו געזעגענען זיך די זון מיטן טאָג. מיט אירע לעצטע נאָר שאַרפע, גינגאָלדענע שטראַלן שפּיגלט זי זיך אָפּ אינעם זילבערנעם וואַסער פונעם דניעפּער — און מע הערט אויף צו לאַכן. עס לאַכט זיך ניט מער. צו שטיל איז אָט דאָ, באַם ברעג פונעם דניעפּער. אַ הייליקע שטילקייט. און עפּעס קילבלעך איז געוואָרן, און דאָס וואַסער שמעקט מיט אַ מאָדנעם ריח, און עס זשומעט, עס מורמלט, עס לויפט... און דערצו האָט שמעון־וואָלף דער בעל־עגלה אַרומגעבונדן די קאַפּאָטע מיט אַ פּעטשיילע, אַרײַנגעשטעקט די בײַטש און אַוועקגעשטעלט זיך מיטן פּנים צו מזרח, צוגעמאַכט די אויגן, מעשה ערלעכער ייִד, צעשאָקלט זיך און אַף זײַן דין קולכל גענומען דאַוונען מנחה. שמעון־וואָלפס מנחה דאָ אין דרויסן, אונטערן פאַרפאַרבטן הימל, באַם ברעג פונעם אַלטן שיינעם שמע־

קעדיקן דניעפּער, האָט זיך צונויפגענומען מיטן זשומען און מיטן מורמלען פונעם וואַסער און אַרויסגערופן בײַ די פריילעכע יונגע וואָיאַזשערן אַ נײַע שטימונג. עס פאַרגלוסט זיך זיי אויך דאַווענען מנחה. דאָס איז געווען בײַ זיי, מע קאָן זאָגן, די ע ר ש ט ע פרײַוויליקע, נישט־געצוווּנגענע מנחה, אָט אַדאָ אונטערן הוילן הימל, נאָענט צו גאָט. עס האָט זיך זיי קיינמאָל אַזוי ניט געוואָלט דאַווענען, ווי אַצינד, אין דעם פאַרנאַכט, אונטער דעם הימל, אַפּן ברעג פון אָט דעם דניעפּער. דורכגעלאָזט די קטורת, — נישקשה, אין וועג קאָן מען זיך באַגיין אָן קטורת — האָבן זיי אָנגעהויבן גלײַך פון „אשרי יושבי ביתך" — פײַנטשיק, מיט אַ ניגון, און אוועקגעשטעלט זיך אַלע פיר שמונה־עשרה מיטן פּנים צו מזרח, צוגעמאַכט די אויגן און צעשאָקלט זיך, ווי דער בעל־עגלה: „האל הגדול הגבור והנורא" — דער גאָט דער גרויסער, דער שטאַרקער, דער מוראדיקער"... דאָס זעט מען ערשט רעכט אָט דאָ, אין דעם פאַרנאַכט, אונטער דעם הימל, אַפּן ברעג פון דעם דניעפּער. און עס דאַוונט זיך אַזוי גוט, אַזוי זיס, אַזוי געשמאַק, ווי נאָך קיינמאָל ניט פריִער!

37

אַפּן פאַראָם

אַן אומגעריכטע באַגעגעניש אַפּן פאַראָם. — עשו, אַ קליין גויעצל, אַ משומד. — זיי האָבן זיך דערקענט. — צעגייען זיך אַז ווערטער.

די קליינע וואָיאַזשערן־יתומים זײַנען נאָך ניט אויסגעשטאַנען שמונה־עשרה, אַז זיי האָבן דערזען פון דער ווײַטן, אַפּן גלאַנץ פונעם דניעפּער, פריִער אַ שוואַרצן קנויל, וואָס באַקומט אַפּן שײַן פון דער פאַרגייענדיקער זון אַלע מאָל אַנדערע פאַרבן. דער דאָזיקער קנויל וואַקסט, ווערט אַלע מאָל גרעסער און גרעסער, טוקט זיך, פאַרגייט און באַווײַזט זיך ווידער אַ מאָל. דערנאָך האָבן זיי דערהערט אַ מאָדנעם גערויש און אַ גערודער, אַ קײַקלען זיך פון רעדלעך און אַ קרעכץ פון אַ שטריק. האָבן זיי געמאַכט בקיצור מיט דער מנחה, אַף דער גיך אויסגעשטאַנען שמונה־עשרה און צוגעלאָפן צום ברעג, דערזען אַ גראָבן קאַנאַט, וואָס ציט זיך איבער דער ברייט פונעם דניעפּער, צוגעקרעמפּעוועט צו אַ קלאָץ פון דער זײַט וואַסער. און דער קנויל איז געוואַקסן און איז אויסגעוואַקסן אין אַ מין הילצערנע מגושמדיקע בריאה, אַ מין באַשעפעניש אינעם געשטאַלט פון אַ שטוב, וואָס רירט זיך און שווימט אַפּן וואַסער־אויבן, אַפּן רוקן פונעם באַשעפעניש, געפינט זיך עפּעס אַ מין רעדל, וואָס

דרייט זיך, און מיטן כח פון אָט דעם רעדל רירט זיך אָט־דאָס מגושמדיקע באַשעפעניש איבערן וואַסער, פּאַמעלעכן, נאָר זיכער, און אַלץ נענטער און נענטער צום ברעג, ביז מע קאָן שוין זען דאָס באַשעפעניש פון דער נאָענט און באַטראַכטן עס פון אַלע זײַטן, אַז דאָס איז ניט קיין באַשעפעניש, ניט קיין לעבעדיקע זאַך, נאָר אַזאַ מין שיף, אַ באַרקע, אָדער אַ בערלינע, און אויף דער בערלינע שטייען פורן, פערד און מענטשן — און אָט אָ דאָס איז געווען, אייגנטלעך, דער „פּאַראָם", וואָס חברה האָבן אויף אים אַזוי לאַנג אַרויסגעקוקט, און אָט אויף דעם פּאַראָם וועלן זיי דאָס איצטער זיך לאָזן פאָרן, אַריבערפאָרן דעם דניעפּער! איצט איז שוין אַביסל גרינגער אויפן האַרצן. איצט קאָן מען זיך שוין אַביסל צוזעצן אויפן זאַמד און צוּוואַרטן, ביז דער פּאַראָם וועט צוגיין און זיך אָפּשטעלן. וואָרעם נישט אַזוי גיך גייט אַ פּאַראָם. ער גייט זייער, זייער פּאַוואָלינקע, קוים־קוים וואָס ער רירט זיך. די זון גייט שוין אַ סך ניבער פון אים. אָט איז זי נאָר־וואָס געווען אין עק־הימל, און אָט נידערט זי, ווי באַרג־אַראָפּ, זעצט זיך און זינקט און ווערט פאַרשוווּנדן אויף יענער זײַט טײַך, לאָזט איבער נאָך זיך אַ ברייטן, רויטן פלעק. דאָס ווינטעלע ווערט קילער און קילער. די קינדער האָבן זיך דערווײַל אָוועקגעזעצט אין זאַמד. דער עלטערער האָט דאָס קליינטשקע, וואָס איז אַ יאָר אַלט, אויף די הענט גענומען; דאָס עופהלע איז געשלאָפן.

דער פּאַראָם האָט זיך אָפּגעשטעלט. די מענטשן מיט די פורן מיט די פערד זײַנען פּאַמעלעכן, איינציקווײַז און שטיל, אָן ווערטער, אַראָפּ פונעם פּאַראָם, און שמעון־וואָלף דער בעל־עגלה איז אַרויף אויפן פּאַראָם, אויך קיין איינציק וואָרט ניט אַרויסגעלאָזט, גלײַך ווי אַלע וואָלטן זיך אָפּגערעדט, אַז ס'איז „אָסור לדבר". פריִער האָט ער אַרויפגעפירט דעם וואָגן מיט די פערדלעך, אַפילו ניט אויסגעשאָלטן זיי, ווי זײַן שטייגער איז, מיט דער חלירע. דערנאָך האָט ער אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט צו זײַנע יונגע פאַרשווינדלעך, זיי זאָלן אויך אַרויף אויפן פּאַראָם. נאָך אַ מינוט — און דער פּאַראָם, מיטן ווילן פון איין מענטשן, וואָס האָט זיך אָנגעלענט מיטן גאַנצן כח איבערן גראָבן קאַנאַט, איז אַוועק זײַן וועג גאַנץ שטיל, אַזוי שטיל, אַז כמעט מע הערט גאָרניט, ווי ער גייט. עס דאַכט זיך אוים, אַז ניט דער פּאַראָם גייט אַהין, נאָר, פאַרקערט, דער טײַך, דער דניעפּער, גייט צ ו ר י ק , טרעט־אָפּ, מאַכט אַ „בואי־בשלום", שטייט־אוים שמונה־עשרה. און ערשט דאָ זעט מען, ווי גרויס דער דניעפּער איז, ווי ברייט און ווי שיין, גרויסאַרטיק שיין. מע פאָרט און מע פאָרט — און מע איז נאָך ווײַט פונעם צווייטן ברעג.

די זון איז שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען אויף יענער זײַט טײַך, און די לבנה איז אַרויס, פריִער אַ רויטע, דערנאָך איז זי געוואָרן ווײַס, אַ

העל־וויַיסע, אַ זילבערנע לבנה. איינציקוויַיז, ווי שבת־ליכטלעך, האָבן זיך אָנגעצונדן די שטערן אינעם טיפֿן הימל, און דער דניעפּער האָט אין אָוונט באַקומען אַן אַנדער פֿאַרב מיט אַן אַנדער פּנים, מיט אַן אַנדער געשטאַלט, גלײַך ווי ער וואָלט זיך אײַנגעהילט אין אַ טונקל מלבוש. און אַ נײַע, פֿרישע, שטילע קילקייט האָט ער ארויסגעגעבן פֿון זיך, אַ גלאַטע, גרינגע קילקייט. עס האָט זיך געטראַכט טויזנטער, טויזנטער מחשבות: פֿון דער נאַכט, פֿונעם הימל, פֿון די שטערן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אינעם וואַסער פֿונעם רויִקן דניעפּר. די דאָזיקע שטערן זײַנען דאָך יעדע שטער־נדל אַ נשמה פֿון אַ מענטשן... און פֿונעם כוח פֿונעם פּאַראָם האָט זיך געטראַכט, ווי אַזוי איין מענטש, סך־הכל איין גויעץ, טרײַבט אים. ער לענט זיך אָן מיט איין האַנט אָפּן קאַנאַט, ציט דעם קאַנאַט, דרייט זיך דאָס רעדל — און דער פּאַראָם גייט.

שלום איז אַ בעלן אָנצוקוקן דעם גויעץ פֿון דער נאָענט, ווי אַזוי ער אַרבעט באַם קאַנאַט און טרײַבט דעם פּאַראָם. און ער גייט־צו נאָענט צום גויעץ, צום פּאַראָמשטשיק. נאָך גאָר אַ יונגער גויעץ אין אַ גרויער סוויט־קע, גרויסע שטיוואַלעס, און מיט אַ קוטשמע אָפּן קאָפּ, הערט גישט אויף מיטן גאַנצן כח זיך אָנצושפּאַ־ן אָפּן מוראַדיקן גראָבן קאַנאַט. שלום קוקט זיך אײַן אינעם דאָזיקן פּאַראָמשטשיק דעם גויעץ, ווי ער אַרבעט דאָס אַף אַלע כלים, מאַכט מיט דער פּלייצע אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, אַזש די ביינער טרישטשען! „עשו — טראַכט זיך שלום באַ זיך אין הארצן — עשו!... דאָס קאָן נאָר אַ גוי, נישט קיין ייִד. ווי קומט אַ ייִד צו אַזאַ גראָבער אַרבעט? ואת אחיך תעבוד — און דײַן ברודער וועסטו דינען, — שטייט אין חומש. גאַנץ גוט, וואָס איך בין יעקבס אַן אייניקל, ניט עשוס”...

און עס טוט אים ווי דאָס האַרץ פֿונדעסטוועגן אָפּן דאָזיקן יונגן גויעץ, אָפּן דאָזיקן עשוס אייניקל: נאָך צו אַ יונגער פּאַראָמשטשיק, צו אַ יונגער עשו... און ער קוקט זיך אײַן אין אים אין פּנים אַביסל נענטער — און... ער שפּרינגט־אָפּ צוריק! עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער איז אים קענטלעך. קענטלעכע אויגן!... און שלום פֿוילט זיך נישט, גייט־צו נאָך אַמאָל, שוין גאָר נאָענט, צום גויעץ: ס'איז גאָרניט קיין גויעץ — ס'איז נאָך גאָר אַ יונגער שייגעץ, מיט אַ מוראַדיק פֿאַרשוואַרצט, פֿאַרגרעבט פּנים, מיט מוראַדיק פֿאַרשוואַרצטע, פֿאַרגרעבטע הענט. אויגן. — ייִדישע, און הענט גוייִשע... און ער דערמאָנט זיך אינעם פּסוק: „והידים ידי עשו” — עשוס הענט... נאָר למאי איז ער אים אַזוי קענטלעך? ווּ האָט ער אים געזען?...

און ער הייבט זיך אָן צו גראָבן אין זײַנע זכרונות, און עס קומט אים אָפּן זינען איינער פֿון זײַנע וואָראָנקאָווער חברים, בערל דער אַלמנהס,

אַ שוואַרצער בחור מיט מגושמדיקע גרויסע ציין. ניט שוין־זשע איז דאָס ער? ניין, עס קאָן ניט זײַן! עס דאַכט זיך אים נאָר אויס!... נאָר, רבונו־של־עולם! ס'איז דאָך פּאָרט ער!... דאָס גויעצל, דערזען, אַז מע קוקט זיך אין אים אײַן, האָט נאָך מער אָנגערוקט דאָס היטל, נאָר מן הצד געכאַפּט אַ קוק אַף דעם, וואָס באַטראַכט אים אַזוי געשמאַק. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט און — זיי האָבן זיך דערקענט...

דאָס דאָזיקע אומגעריכטע באַגעגעניש רופט־אַרויס אַ שלל מיט גע־דאַנקען: בערל אַ גוי? אַ ייִד אַ גוי?... און ער דערמאָנט זיך, אַז מע האָט נאָך דעמאָלט געהאַט געזאָגט, אַז בערל האָט זיך געשמדט... ניט אומזיסט האָט מען נאָך דעמאָלט געזאָגט אַף אים, אַז ער איז אַ „מומר־להכעיס"... צוגיין צו אים, לאָזן זיך דערקענען, אויספרעגן זיך בא אים — דערלאָזט אים עפּעס ניט, שלומען. עס פילט זיך אַ פרעמדקייט, אַ דערווײַטערטקייט, אַ קעלט און צו גלײַכער צײַט — אַ רחמנות. אַ רחמנות אַף אַ ייִדן, וואָס איז געוואָרן אַ גוי.. צוליב וואָס? צוליב דעם, ער זאָל אָנטאָן אַ גרויע סוויטקע, אַ גרויס מאָכנאַטע היטל און ווערן אַ העלפער באַם פּאַראָמ־שטשיק, אַ באַטראַק?... און דער „באַטראַק" — גאָרנישט! ער זאָל אַפילו אַ ריר טאָן זיך. אַפּנים, ער קאָן ניט קוקן זײַן חבר אין די אויגן אַרײַן... ער קוקט אַראָפּ, אין וואַסער אַרײַן, גלײַך ווי מע זעט עפּעס דאָרטן. בערל דער גויעץ האָט זיך נאָך מער אײַנגעהילט אין דער סוויטקע, נאָך מער אָנגערוקט דאָס היטל, באַשפּיגן ביידע הענט און אַ נעם געגעבן זיך צו דער אַרבעט נאָך מיט מער פרישקייט, אָנגעלענט זיך מיט אַלע כוחות אַפן מוראדיק גראָבן קאַנאַט. דער קאַנאַט האָט געקרעכצט. די רעדלעך האָבן זיך געקײַקלט. דער פּאַראָם האָט זיך געגליטשט אַלץ ווײַטער און ווײַטער — מע איז געקומען צו פאָרן.

— קריכט אין וואָגן! — האָט דער שווײַגנדיקער בעל־עגלה אויס־געקאָמאַנדעוועט נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אַרויסגעקײַקלט מיטן וואָגן פונעם פּאַראָם, געגעבן אַ שמײַס די פערדלעך, מכבד געווען זיי מיט די ווערטער „חלירע" און „פּגירות" — און איז אַוועק, איבערגעלאָזט הינטער זיך דעם דניעפּער מיטן פּאַראָם מיטן באַטראַק פונעם פּאַראָמשטשיק, וואָס איז נעבעך געווען אַמאָל אַ ייִדיש קינד, יעקב אָבינום אַן אייניקל. און הײַנט וואָס? נעבעך! נעבעך!...

אין באָסלאָוו אױף דער „טאַרהאָוויצע"

אנגעקומען קיין באָסלאָוו גלײַך אױפֿן יאַריד. — זיי ווייסן ניט, וואָסער משה־יאָסע איז זייער זיידע. — אַ ייִד מיט אַ טלית־קטן נעמט זיך אונטער ברענגען די קינדער צום זיידן.

עס איז שוין געווען גרויסער טאָג, אַז די קליינע וואַיאַזשערן־יתומים זײַנען אַרײַנגעפֿאָרן מידע, הונגעריקע און שלעפֿעריקע אין דער שטאָט באָסלאָוו. פֿון יענער זײַט וואַלד האָט זיך אויפֿגעהויבן די זון, אַ קלאָרע, אַ בריליאַנטענע, אַ וואַרעמע זון. צום אַלעם ערשטן זײַנען זיי דורכגעפֿאָרן פֿאַרבײַ אַ מוראדיק גרויסן בית־עולם, מיט אַזוי פֿיל אײַנגעבויגענע, האַלב־אײַנגעפֿאַלענע שטיבלעך און אַלטע מצבות מיט אָפּגעריבענע אותיות „ת. נ. צ. ב. ה.", אַז לויט דעם רײַכן בית־עולם האָט מען געקאָנט מיינען, אַז די שטאָט איז מי יודע וואָס פֿאַר אַ כרך! פֿונעם בית־עולם איז מען אַרײַן גלײַך אין דער „טאַרהאָוויצע" — אַ מאַרק אָדער אַ מין יאַריד אַזעלכער, ווו אַלץ איז אויסגעמישט אינאיינעם: גויִם, און פֿערד, און בהמות, און חזירים, און ציגײַנער, און וועגן, און רעדער, און כאָמאָטעס, און ייִדן פֿון כל המינים: ייִדן מיט פּעלצלעך, ייִדן מיט היטלען, ייִדן מיט „קראָסנע" סחורה, ייִדן מיט בולקעס, מיט אייערבייגל, מיט קיכלעך, מיט עפּלקוואַס און מיט וואָס איר ווילט. הײַנט ווײַבער! ווײַבער מיט קאַשיקעס, ווײַבער מיט עפּעלעך, און ווײַבער מיט עופֿות, און ווײַבער מיט געפּרעגלטע פֿיש, און גלאַט ווײַבער. און דאָס אַלץ רעדט און קווי־טשעט און גראַגערט. און די פֿערד מיט די בהמות מיט די חזירים העלפֿן־אונטער. און די בעטלערס זינגען און שפּילן אױף דער לירע — מע קאָן טויב ווערן. און אַ שטויב שטייט אַזעלכער, וואָס מע זעט קוים איינס דאָס אַנדערע. און ריחות אַזעלכע, אַז מע קאָן דערשטיקט ווערן.

חברה זײַנען געקומען אין אַ גוטער צײַט — אין אַ מאַרק־טאָג. דער בעל־עגלה האָט זיך קוים דורכגעשלאָגן מיט זײַן בויד דורכן יאַריד, אָנגע־ווינטשעוועט דער שטאָט מיטן יאַריד אַכצן חליריעס, ווי זײַן שטייגער איז, ביז ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער רעכטער שטאָט אַרײַן, וואָס כאַפּט שטאַרק דעם אָנבליק פֿונעם בית־עולם — די זעלבע אײַנגעפֿאַלענע שטיבלעך־מצבות, צווישן וועלכע עס וואַרפֿן זיך דורך ווו־ניט־ווו אַ פּאָר נײַע הײַזלעך אויך, וואָס זען־אויס פֿרעמד, ווי נגידישע מחותנים אײַנגעלאַדן אױף אַן אָרעמער חתונה, — און דאָרט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דער אמתער טומל: שמעון־וואָלף דער בעל־עגלה האָט געוווסט, אַז מע האָט אים באַשטעלט, ער זאָל אָפּפֿירן זײַנע יונגע פֿאַרשוינדלעך קיין באָסלאָוו,

צו זייערן א זיידן מיט א באָבע. מע האָט אים אַפּילו געהאַט אָנגערופן דעם נאָמען פון דעם זיידן מיט דער באָבע, נאָר ער האָט שוין פאַרגעסן. ווייס זיי דער שוואַרצער יאָר! שמעון־וואָלף האָט זיך געשווירן, אַז דעם גאַנצן וועג האָט ער זיי געדענקט, ווי איר זעט אים אַ ייִדן, און ווי נאָר ער איז אַרײַנגעפאָרן אין דעם דאָזיקן יאַריד, אַזוי זײַנען זייערע נעמען אַרויסגעפלויגן באַ אים פונעם קאָפּ — אַ חלירע!... (אַף וועמען — זאָגט ער ניט).

דערווײַלע קומט־צו אַ ייִד, און נאָך אַ ייִד, און נאָך אַ ייִד און נאָך צוויי ייִדן, און נאָך דרײַ ייִדן, און ווײַבער פון כל המינים, ווײַבער מיט קאָשיקעס און ווײַבער אָן קאָשיקעס, און עס ווערט אַ האַרמידער מיט אַ רעדערײַ — אַלע ריידן זיי אינאיינעם און מע דערציילט איינס דאָס אַנדערע חידושים: אַז עפּעס קינדער האָט אַ בעל־עגלה געבראַכט צו פירן. — פון וואַנען? — פון יענער זײַט דניעפּער. — פון רזשישטשעוו? — וואָס עפּעס רזשישטשעוו? פאַר וואָס ניט קאַניעוו? — ניט פון רזשישטשעוו, ניט פון קאַניעוו, נאָר פון פּערעיאַסלאַוו! — וווּהין? — איר זעט דאָך וווּהין — ניט קיין יעהופּעץ, קיין באָסלאַוו האָט ער זיי געבראַכט צו פירן. — צו וועמען? — הערסטו, מע זאָל וויסן, צו וועמען, וואָלט דאָך גוט געווען! צו אַ זיידן, זאָגט ער, צו זייער אַ זיידן. — וואָסער זיידן? — הערסטו, מע זאָל וויסן, צו וואָסער זיידן, וואָלט דאָך גוט געווען!...

— שאַט! ווייסט איר וואָס? לאָז מען אַ פרעג טאָן באַ די קינדער, ווי אַזוי הייסט דער זיידע זייערער; זיי קערן וויסן. — פון וואַנען זאָלן זיי וויסן? — פאַר וואָס זאָלן זיי ניט וויסן?... ביז עס רוקט זיך אַרויס איינער אַ ייִד, וואָס פאַרקויפט בייגל, מיט אַ צעשפּאָלטענעם דאַשעק אַפן קאַשקעט, מיטביידע עלנבויגנס שטופּט ער פונאַנדער דעם עולם:

— לאָזט מיך! איך וועל זיי פרעגן. קינדער! ווי אַזוי רופט מען אײַער זיידן?

די קינדער זײַנען פונעם האַרמידער מיטן געשריי שוין גאָר צעטומלט. נאָר פונדעסטוועגן דערמאָנען זיי זיך, אַז ער הייסט משה־יאָסיע. יאָ, משה־יאָסיע הייסט ער. — געוויס משה־יאָסיע? — געוויס!... ווייס מען שוין, הייסט עס, אַז דער זיידע זייערער הייסט משה־יאָסיע. בלײַבט איבער איין זאַך: וואָסער משה־יאָסיע? פאַראַן עטלעכע משה־יאָסיעס. פאַראַן משה־יאָסיע דער סטאָלער, משה־יאָסיע דער בלעכער, משה־יאָסיע לאַה־דוואָסעס און משה־יאָסיע דעם האַמאַרניקס. נאָר פרעגט זיי עפּעס גרינגערס!

— שאַ, ווייסט איר וואָס? ווי אַזוי רופט מען אײַער טאַטן? — דאָס זאָגט שוין אַן אַנדער ייִד, ניט יענער פון די בייגל, נאָר אַ ייִד מיט אַ טלית־קטן, ווײַזט אויס — אַ בית־מדרש־ייִד. די קינדער זאָגן, אַז זייער טאַטן

רופט מען נחום. דערהערט אזא זאַך, שטופּט דער ייִד מיטן טלית־קטן אַוועק אַלע אַנדערע ייִדן און נעמט די קינדער גאָר אַף אַן אמתן „דאָפּראָס”:

— אײַער טאַטן, זאָגט איר, רופט מען נחום? הייסט ער ניט ראַבינאָוויטש?

— ראַבינאָוויטש.

— און אײַער מאַמע האָט געהייסן חיה־אסתר?

— חיה־אסתר.

— איז זי געשטאָרבן?

— געשטאָרבן.

— פון דער חלירע?

— פון דער חלירע.

— אָט אַזוי־זשע רעדט!

דער ייִד מיטן טלית־קטן דרייט זיך אויס צום גאַנצן עולם. דאָס פּנים שײַנט אים.

— אויב אַזוי, פּרעגט מיך, איך וועל אײַך זאָגן אַקוראַט! זייער זיידע איז משה־יאָסיע דעם האַמאַרניקס, זייער באָבע איז גיטל משה־יאָסיע דעם האַמאַרניקס. זייער זיידע, משה־יאָסיע הייסט עס, ווייס שוין, אַז זײַן טאָכטער חיה־אסתר איז געשטאָרבן פון דער חלירע, ניט דאָ געדאַכט, און זייער באָבע, גיטל משה־יאָסעס, ווייס נאָך ניט. מע וויל איר ניט אָנזאָגן די בשורה: אַן אַלטע ייִדענע, אַ קאַליקע נעבעך...

דער ייִד מיטן טלית־קטן דרייט זיך אויס צו די קינדער מיטן זעלבן שײַנענדיקן פּנים:

— קריכט אַראָפּ, קינדער, פון וואָגן, וועט מען אײַך ווײַזן, ווו אײַער זיידע זיצט. צופאָרן אַהין קאָן מען נישט — צו אַ שמאָל געסל. סײַדן פון יענער זײַט? וועט מען אָבער נישט קאָנען אויסקערעווען זיך מיטן וואָגן. ווי מיינסטו, מאָטל, מע וועט קאָנען?...

דאָס איז געזאָגט געוואָרן צו אַ יונגנמאַן מיט אַן אויסגעבויגענער נאָז, וואָס הייסט מאָטל. מאָטל פאַררוקט דאָס היטל אַרויף:

— פאַרוואָס זאָל מען ניט קאָנען?

— פאַרוואָס? פאַר שבת! האָסט פאַרגעסן, אַז הערשקע איצע־ליאָבעס בויט אַ שטאַל פון יענער זײַט?

מאָטל טוט זיך ניט קיין ריר און פרעגט ווײַטער:

— און אַז ער בויט אַ שטאַל פון יענער זײַט, איז וואָס?

— וואָס הייסט איז וואָס? האָט ער אָנגעפירט געהילץ!

— אָנגעפירט געהילץ? לאָז אים ווויל באַקומען!...

— וואָס איז צו ריידן מיט אַ שטיק האָלץ?!...

און וואָס מער מאַטל איז רויק, היצט זיך יענער אַלץ מער, ביז ער גייט־אַרויס פון די כלים, טוט אַ שפּײַ אָף מאָטלען, רופט אים אָן מיטן נאָמען „שוטה בן פּיקהאָלץ". ער נעמט די קינדער פאַר אַ האַנט: „קומט, קומט מיט מיר — איך וועל אײַך צופירן. מע דאַרף זײַן צופּוס". און דער ייִד מיטן טלית־קטן און מיטן שײַנענדיקן פּנים לאָזט זיך מיט די יונגע וואָיאַזשער־יתומים פונעם יאַריד אַרויס צופוס, צו זייער זיידן משה־יאָסיע און צו זייער באָבע גיטל.

39

אַ שיינער ברוך־הבא

די געליימטע באָבע גיטל. — דער זיידע משה־יאָסיע מיט דער בולבעוואַטער נאָז און געדיכטע ברעמען. — דער פעטער איציע און די מאַמע סאָסיע.

די פּערעיאַסלאַווער יתומים האָבן געהאַט דאָס רעכט פאָרשטעלן זיך דעם זיידן משה־יאָסיעס שטוב — אַ מין פּאַלאַץ. דער זיידע משה־יאָסיע אַליין האָט זיך זיי פאָרגעשטעלט אַ פּאַטריאַרך אין אַ זײַדענער זשופּעצע. אַ קלייניקייט — מע זאָגט, זיי זײַנען אַזוי רײַך, אַזוי רײַך! צום סוף האָט זיי דער בית־מדרש־ייִד מיטן שײַנענדיקן פּנים צוגעפירט צו אַ גאַנץ געוויינלעכן שטיבל, פּראַוודע, מיט אַ גלעזערנעם גאַנעק, און האָט זיי אַ זאָג געגעבן: „אָט־אָ־דאָ זיצט אײַער זיידע, משה־יאָסיע האַמאַרניקס". אַליין איז דער ייִד נעלם געוואָרן. ער האָט נישט געוואָלט זײַן דערבײַ. די קינדער האָבן דורכגעשפּאַצירט דעם גלעזערנעם גאַנעק, געעפנט די טיר און דערזען פאַר זיך אַקוראַט אַקעגן דער טיר, אָף אַ הילצערן בעט, זיצן אַ מענטשן ניט קיין מענטשן, אַ באַשעפעניש ניט קיין באַשעפעניש, אינעם געשטאַלט פון אַ נקבה, אָן פּיס, מיט עפּעס מאָדנע אויסגעדרייטע הענט. די ערשטע מינוט האָבן זיי געוואָלט גיין צוריק. נאָר דאָס באַשעפעניש האָט זיך שטאַרק אײַנגעקוקט אין זיי מיט אירע גלאַנצנדיקע רויטע אויגן און האָט מיט אַ זייער אײַנגענעמען קול אַ פרעג געטאָן בײַ זיי: „ווער זײַט איר, קינדער?" עפּעס אייגענעס, נאָענטעס, האָט זיך געלאָזט הערן אין דעם קול, און די קינדער האָבן איר אַ זאָג געגעבן: „אַ גוט מאָרגן. מיר זײַנען פון פּערעיאַסלאַוו"...

דערהערט דאָס וואָרט „פּערעיאַסלאַוו" און דערזען אַ גאַנץ רעדל מיט קינדער, צווישן זיי אַ מיידעלע נאָך קיין יאָר ניט אַלט, האָט די אַלטע באַלד אַרומגעכאַפּט די גאַנצע טראַגעדיע און זי האָט פאַרבראָכן מיט אירע אויסגעדרייטע הענט און אויסגעשריִען אָף אַ קול:

— אוי, אַ ווייטיק איז מיר! אוי, אַ דונער איז מיר! מײַן חיה־אסתר איז געשטאָרבן! — און גענומען זיך שלאָגן מיט די הענט אין קאָפּ — משה־יאָסיע! ווּ ביסטו? אהער גיי! משה־יאָסיע! משה־יאָסיע! ווּ ביסטו? אהער גיי! משה־יאָסיע!

אַף איר געשריי איז געקומען צו לויפן פון אַ זײַטיק אַלקירל אַן אַלטער, אַ נידעריקער, אין טלית און תפלין, מיט אַ משונה מגושמדיק פּנים, מיט אַ ברייטער בולבעוואַטער נאָז, מיט מוראדיק גרויסע גדיכטע ברעמען, אָנגעטאָן אין שמאַטעס און אין שקראַבעס. — „אָט דאָס איז דער זיידע משה־יאָסיע? אָט דער איז דאָס אַזוי רײַך? אַזוי רײַך?"...

דאָס ערשטע, וואָס דער זיידע משה־יאָסיע האָט געטאָן — ער האָט גענומען שרײַען אַף די קינדער, בייזערן זיך און מאַכן אַף זיי מיט די הענט. און מחמת ער האָט געהאַלטן אינמיטן דאַווגען און נישט גע־טאָרט, אַפּנים, מפסיק זײַן, האָט ער גערעדט צו זיי אַף לשון־קודש: „אי־אָ־נו, רוצחים! גזלנים!"... און צו דער אַלטער האָט ער געזאָגט אַף לשון־קודש, און דאָס קול האָט געציטערט: „אי־אָ־נו, ידעתי... בתי... ה׳ נתן וה׳ לקח!"...

דאָס האָט באַדאַרפט הייסן, אַז ער ווייס, אַז די טאָכטער איז גע־שטאָרבן, און דער גאָט וואָס האָט געגעבן, דער אייגענער גאָט האָט גענו־מען... האָט דאָס אָבער דער אַלטער ווינציק־וואָס באַרויִקט, און זי האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען און צו קלאָגן און צו שלאָגן זיך מיט די הענט אָן קאָפּ און צו שרײַען: „חיה־אסתר! מײַן חיה־אסתר איז גע־שטאָרבן!" — ביז עס זײַנען זיך צונויפגעלאָפן נאָך מענטשן, עפּעס איי־נער אַ ייִד מיט אַזעלכע לאַנגע פּאות, וואָס די קינדער האָבן אַזעלכע אין פּערעיאַסלאַוו נישט באַגעגנט. דאָס איז געווען זייער מאַמעס אייגנ־קער ברודער, דער פעטער איציע. נאָכן פעטער איציע איז אַרײַנגעלאָפן אַ ייִדענע מיט אַ פאַרפלאַמט פּנים, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און מיט אַ פאַלאָניק פון קיך. דאָס איז געווען זײַן ווײַב — די מומע סאָסיע. און מיט איר איז אַרײַנגעקומען אַ מיידעלע מיט רויטע בעקלעך און מיט קליינע ליפּעלעך — זייערע אַ בת־יחידקע, אַ שיינינקע, נאָר אַ שעמעוודיקע, מיטן נאָמען חווה־ליבע. און אחוץ זיי זײַנען זיך צונויפגעלאָפן נאָך ייִדן און ווײַבער, נאָענטע שכנים, און אַלע מיטאַמאָל האָבן גענומען ריידן, טרייסטן די באָבע גיטל מיט ווערטער: אַז וויבאַלד די טאָכטער איז שוין טויט, הײַנט וואָס וועט העלפן דער געוויין? און דאָס, וואָס די ערד דעקט צו, איז דאָך פאַרפאַלן. און די יונגע געסט האָט מען אחוץ גענומען זאָגן מוסר, אַז מע קומט נישט אַרײַן אָט אַזוי, הולאַם אַף דער קאַראַבקע, און מע זאָגט נישט אָן יענעם גלײַך אַזאַ בשורה... כאָטש גאָט איז יודע

דעם אמת, אַז די קינדער האָבן, אייגנטלעך, גאָר ניט אָנגעהויבן צו „זאָגן".

דערווײַל האָט דער זיידע משה־יאָסיע אויסגעטאָן דעם טלית און תפילין און האָט פֿון זײַן זײַט גענומען פֿאַרהאַלטן די אייניקלעך, לְמאַי זיי זײַנען נישט אַרײַנגעקומען פֿריִער צו אים. זיי זאָלן זײַן בעלי־דרך־ארץ, וואָלטן זיי באַדאַרפֿט זיך זען פֿריִער מיט אים, פֿאַוואָלינקע איבעררײדן, וואָלט ער, דער זיידע הייסט עס, פֿאַוואָלינקע איבערגערעדט מיט דער באָבע, זי צוגעגרייט ביסלעכווײַז, ניט אַזוי, הענדום־פּענדום! אַזוי טוען פּרא־אָדמס, ניט קיין מענטשן...

דאָס האָט שוין, אַפּנים, די באָבע גיטל נישט געקאָנט אַריבערטראָגן, און ווי ווײַט דער בראָך איז ניט געווען פֿאַר איר גרויס, איז זי אָנגעפֿאַלן אַפֿן זיידן:

— אַלטער דורין! וואָס האָסטו צו די קינדער נעבעך? וואָס זײַנען זיי שולדיק? פֿון וואַנען זאָלן זיי דיר וויסן, אַז דו ליגסט דאָרט ערגעץ אַף די פּעלצן און דאַוונסט? אַ שיינער ברוך־הבא! קומט אַהער, קינדערלעך, צו מיר. ווי אַזוי רופֿט מען אײַך?

און איינציקווײַז האָט זי צוגערופֿן צו זיך די קינדער, און איינציקווײַז האָט זי זיי אויסגעפֿרעגט באַ די נעמען, געגלעט און געקושט און באַנעצט מיט אירע געזאַלצענע טרערן, באַוויינט שוין ניט איר טאָכטער, נאָר די קליינע עלנטע יתומימלעך נעבעך... זי האָט זיך געשוואָרן, אַז זי האָט כמעט געוווּסט, אַזוי זיכער, ווי ס'איז הײַנט טאָג אַף דער גאַנצער וועלט, אַז איר חיה־אסתר איז געשטאָרבן, וואָרעם ס'איז שוין עטלעכע נעכט, אַז זי קומט צו איר צו־חלום און פֿרעגט זיך אַלץ נאָך אַף אירע קינדער, זי זאָל איר זאָגן, ווי געפֿעלן איר אירע קינדער?...

— לאָז מען זיי געבן עפּעס עסן. משה־יאָסיע, וואָס שטייסטו, ווי אַ נעבעטיקער? זעסט דאָך, אַלטער דורין, אַז די קינדער זײַנען נעבעך פֿאַרשמאַכט, אויסגעהונגערט און ניט געשלאָפֿן אַ גאַנצע נאַכט. ווינד איז מיר — אַבי ער זאָגט זיי מוסר! אַ שיינער זיידע! אַ שיינער ברוך־הבא!...

צווישן פעלצן

דעם זיידנס בוכהאַלטעריע. — זײַן מוסר־זאָגן, זײַנע ספרים און זײַן צדקה. — וואָס וועט זײַן, אַז משיח וועט קומען. — דעם זיידנס עקסטאַז.

דאָס ערשטע, וואָס דער זיידע משה־יאָסיע האָט פאַרגענומען פאַר זײַנע אייניקלעך, אַז זיי האָבן אָפּגעדאַוונט און אָפּגעגעסן, — ער האָט זיי פאַרהערט.

פאַרגעקומען איז דער עקזאַמען טאַקע בײַ אים, אין זײַן חדר מיוחד, וווּהין קיין בן־אָדם האָט נישט געטאָרט אַרײַנקומען. נישט געטאָרט און נישט געקאָנט, וואָרעם ס'איז ניט געווען ווו.

דאָס איז געווען אַ חדרל עטוואָס גרעסער פון אַ שטײַג, ווו מען האַלט עופות. אין דער דאָזיקער שטײַג האָט זיך געפונען, ערשטנס, דער זיידע, דערנאָך זײַנע ספרים, גאַנץ ש"ס און פוסקים און קבלה־ספרים, און חוץ לזה זײַנען דאָרטן געווען משכנות: זילבערנע לעפל, טעצלעך, הדסלעך און לעמפלעך, קופערנע פאַנען, סאַמאָווארן, יידישע קאַפּאָטעס, גוייִשע קאַרעלן, סוויטקעס און פעלצן, דערהויפּט פעלצן, אָן אַ שיעור פעלצן!

דאָס איז געווען אַ מין לאָמבאַרד, געפירט פון דער באָבע גיטל שוין פון יאָרן־לאַנג. זיצנדיק אַ געליימטע אין בעט, האָט זי געפירט דאָס געשעפט ביד רמה, געהאַלטן דאָס ביסל מזומן בײַ זיך אונטער די קישנס, נישט צוגעלאָזט צו דער קאַסע קיינעם. נאָר אויף די משכנות האָט געוועלטיקט דער זיידע. צונעמען אַ משכון און אַרויסגעבן אַ משכון — דאָס איז געווען זײַן אַרבעט. אָנגעדענקען זיך, צו וועמען וואָסער משכון עס געהערט — האָט מען באַדאַרפט האָבן אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער. עס קאָן זײַן, אַז דער זיידע משה־יאָסיע האָט טאַקע געהאַט אויף זיך אפשר אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער, האָט ער זיך אָבער ניט געוואָלט פאַרלאָזן אויף זײַן מיניסטאָרשן קאָפּ אַליין. אַ קשיא, וואָס סע מאַכט זיך! איז ער געפאַלן אויף אַ המצאה — זײַן אייגענע המצאה: אויף יעדן משכון האָט ער צוגעניית מיט אַ נאָדל־פאָדעם — און דווקא אַליין — אַ שטיקל פּאַפּיר, און אויף יעדן שטיקל פּאַפּיר האָט ער אָנגעשריבן מיט זײַן האַנט: „זה הקאַפּאָטע שייך לבעריל". אָדער: „זה הפעלץ שייך להערל איוואַן". אָדער: „זה הקאַרעלען שייך להערלית יאַוודאָכע". אַי, ס'האָט זיך געמאַכט אַמאָל, אַז בערל איז געקומען צו גיין אויסקויפן די קאַפּאָטע און מע האָט אים אַרויסגעגעבן אַן אַנדערנס אַ קאַפּאָטע, וואָס יענער הייסט אויך בערל? —

איז דאָ אַן עצה: מע טראָגט־אַרויס ביידע בערלס קאַפּאָטעס, און מע הייסט אים, ער זאָל דערקענען. אַ ייִד וועט דאָך ניט גיין זאָגן אַף אַ פרעמ־דער קאַפּאָטע, אַז ס'איז זײַנע. זעט איר, מיט אַ גוי, אַז סע מאַכט זיך אַזאַ זאַך, איז שוין ניט אַזוי גוט. איז דערצו אויך דאָ אַ המצאה (אַ ייִד אַ למדן גיט זיך אַן עצה): מע הייסט איוואַנען, ער זאָל זיך מטריח זײַן זאָגן עפּעס אַ סימן אַף זײַן פּעלץ. יעדער איוואַן קען אַזוי גוט זײַן פּעלץ, אַז עפּעס אַ סימן מוז ער אַף אים האָבן. ס'איז לאַ ימלט! פונ־דעסטוועגן, נישט קוקנדיק אַף די אַלע המצאות, זײַנען גאַנץ אָפטלעך אַרויס מיאוסע מחלוקתן צווישן דער באָבע מיטן זיידן. די באָבע האָט אַלץ געטענהט צום זיידן:

— איך פרעג דיך, אַלטער דורין וואָס דו ביסט, אַז דו האַלטסט שוין יאָ באַ שרײַבן און שרײַבסט שוין יאָ „זה הקאַפּאָטע שייך לבעריל", — וואָס וועט דיך אַרן, אַז דו וועסט שוין צושרײַבן נאָך איין וואָרט — „בעריל זאַאיקע"? אָדער אַז דו שרײַבסט שוין יאָ „זה הפּעלץ שייך להערל איוואַן", — שרײַב שוין אינגאַנצן דעם נאָמען זײַנעם: „איוואַן זלאָדי". אָדער: „זה הקאַרעלן שייך להערלית יאַוודאָכע די קאַרנאָסע"...

איז אָבער דער זיידע משה־יאָסיע — ס'זאָל אים צו קיין חרפּה ניט זײַן אַף יענער וועלט — געווען במחילת־כבודו אַ מוראַדיקער עקשן. אָט דווקא ווײַל זי וויל אַזוי, וויל ער ניט. און ער איז געווען ניט אינגאַנצן אומגערעכט: אַ ייִדענע אַ קאַליקע, ליגט אין בעט — און פאַרגינט זיך אַזוי צו קאָמאַנדעווען מיט אַ מאַן, אים רופן „אַלטער דורין" פאַר די איי־ניקלעך אין די אויגן! ער איז דאָך עפּעס נישט קיין אַבי־ווער — רב משה־יאָסיע דעם האַמאַרניקס! אַ ייִד, וואָס זיצט יומם ולילה על התורה ועל העבודה. אָדער ער לערנט, אָדער ער דאַוונט. הײַנט פאַסט ער אַלע תעניתים און אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק און קיין שטיקל פליייש קומט גלאַט ניט אַרײַן אין מויל אַרײַן צו אים אַ גאַנצע וואָך, חוץ שבת און יום־טוב. אין שול קומט ער פריִער פון אַלעמען און גייט־אַרויס שפּעטער פון אַלעמען. מאַכט קידוש דעמאָלט, ווען אַלע ייִדן שלאָפן שוין — וואָר־טשעט זי טאַקע, די באָבע גיטל, און בייזערט זיך. מילא, פאַר זיך אַרט איר שוין ניט — זי איז שוין געוווינט געוואָרן צו הונגערן. אָבער אַף די קינדער נעבעך, אַף די יתומים, איז אַ רחמנות!

פון אַלע קינדער די יתומים האָט דער זיידע משה־יאָסיע ליב געקריגן נאָר איינעם — שלומען. טאַקע אַ שקאָץ, אַ ייִנגל אַ ברען, דערפאַר אָבער אַ גוט קעפּל. פון אים וואָלט געקאָנט זײַן אַ לײַט, ער זאָל נאָר אַביסל מער וועלן זיצן מיטן זיידן אין זײַן חדר מיוחד, צווישן די פּעלצן, און ניט האָבן קיין טבע לויפן מיט באָסלאַווער ייִנגלעך צום „ראָס", זען ווי מע כאַפּט פיש, אָדער אין וואַלד אַרײַן טרייסלען באַרלעך, אָדער נאָך אַזעלכע קונדסערײַען.

— דײַן טאַטע זאָל זײַן אַ מענטש — אַזוי האָט דער זיידע מיט אים אײַנגעטענהט — דײַן טאַטע זאָל ניט זײַן אָנגעשמעקט מיטן תנ"ך און מיטן דקדוק און מיט משה דעסעווער און מיט די איבעריקע אַפּיקורסישע גענג, וואָלט ער דיך על־פּי יושר באַדאַרפט איבערלאָזן דאָ בײַ מיר כאָטש אויף עטלעכע זמנים, וואָלט איך דיך מיט גאָטס הילף געמאַכט פאַר אַן ערלעכן ייִדן. עס וואָלט פון דיר אַרויס דער אמתער חסיד מיטן אמתן בעל־קבלה מיטן אמתן ברען. און אַזוי וואָס וועט פון דיר זײַן? אַ גאָר־נישט מיט אַ נישט, אַ פּוסטעפּאַסניק, אַ שייגעצל, אַ קנאַקער, אַ פּײַפּער, אַ ימח־שמוניק, אַ דער־רוח־ווייס־וואָס, אַ הולטײַ, אַ רשע־מרושע, אַ שמדיל־ניק. אַ מחלל־שבתניק, אַ טריפניאַק, אַ פּושע באלקי ישראל!...

— משה־יאָסיע! טאָמער וואָלט געווען גענוג מוטשען אַ קינד?

„לאַנג לעבן זאָל די באָבע גיטל!" — טראַכט זיך דער אויסגעלייז־טער פונעם זיידנס הענט, אויף וועמען עס וואַרטן שוין באַסלאַווער ייִנגלעך־קונדסים אין דרויסן.

פונדעסטוועגן זײַנען געווען מינוטן, וואָס דער זיידע משה־יאָסיע איז אים געווען אויך צום האַרצן, ליב און טײַער. איינמאָל האָט ער אים גע־טראָפן זיצנדיק מיטן טלית־זאַק אונטער דער האַנט בײַ דער באָבע אין בעט. ער האָט זי עפּעס זייער שטאַרק געחנפעט, געגרעדט שטילערהייט, גע־דונגען זיך און געבעטן בײַ איר נאָך געלט, און זי האָט נישט געוואָלט געבן מער. דאָס האָט ער זיך גערונגען ניט פאַר זיך — פאַר צדקה, פאַר זײַנע אָרעמע חסידים, וואָס אין קלויז, און זי האָט געטענהט איינס: „מע דאַרף ניט. זי האָט אירע אייגענע יתומים — אויף זיי איז מער רחמנות"...

נאָך איין מאָל האָט ער געטראָפן דעם זיידן זיצן בײַ זיך אין חדר מיוחד, אָנגעטאָן אין טלית און תפילין, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן, די אויגן צוגעמאַכט, עפּעס גאָרנישט בהאי עלמא, און אַז ער האָט זיך אויפגע־כאַפּט, האָבן בײַ אים די אויגן געשײַנט און געלויכטן, און זײַן מגושמדיק פּנים האָט אויסגעזען שוין נישט אַזוי מגושמדיק. „די שכינה האָט אויף אים גערוט"... און ער האָט גערעדט ווי צו זיך אַליין, און מיט אַ שמייכל אויף די מוראדיק גרויסע געדיכטע וואָנצעס:

— אדום וועט נישט לאַנג געוועלטיקן... די ישועה איז נאָענט, נאָ־ענט, נאָענט!... קום אַהער, מײַן קינד, זיץ אַביסל, וועלן מיר שמועסן פונעם קץ, פון משיחן — וואָס וועט זײַן, אַז משיח וועט קומען...

און דער זיידע משה־יאָסיע האָט גענומען דערציילן פאַר זײַן אייניקל, וואָס וועט זײַן, אַז משיח וועט קומען, מיט אַזאַ התלהבות, מיט אַזויפיל היץ און מיט אַזעלכע פלאַמענדיקע פאַרבן, אַז דעם אייניקל האָט זיך ניט געוואָלט אָפּטרעטן פונעם זיידן, און ניט ווילנדיק איז אים געקומען אויפן זינען זײַן ערשטער און זײַן בעסטער חבר שמואליק. דער חילוק

צווישן די צוויי איז געווען דער, וואָס שמואליק האָט גערעדט פון אוצרות, מכשפים, פרינצן און פרינצעסנס — אַלץ פון אַזעלכע זאַכן, וואָס זײַנען שייַך צו דער וועלט; און דער זיידע משה־יאָסיע האָט מבטל געווען די וועלט לגמרי און האָט זיך אַריבערגעטראָגן אינגאַנצן, אינאיינעם מיטן אייניקל, וואָס האָט אים אויסגעהערט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג, אַהין, אויף יענער וועלט, דאָרטן, צווישן סאַמע צדיקים און מלאָכים און שרפים און כרובים, ניט ווײַט שוין פונעם כסא־הכבוד, גאָר־גאָר נאָענט שוין טאַקע צו אים אַליין, צום מלך מלכי המלכים הקדוש־ברוך הוא... דאָרטן זײַנען געווען דער שור־הבר מיטן לויתן, און דער טײַער־סטער בוימל, וואָס הייסט „אפרסמון", און דער טײַערסטער ווײַן, דער „יין המשומר", און צדיקים זיצן און לערנען און האָבן הנאה פון דער שכינה און פונעם „אור הגנוז", פון יענער ליכטיקייט, וואָס בעת גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, האָט ער געזען, אַז די מענטשן זײַנען ניט ראוי צו אַזאַ ליכטיקייט, האָט ער עס איבערגעלאָזט אויף לעתיד־לבוא... און הקדוש־ברוך־הוא אַליין, כביכול, בכבודו ובעצמו, שטייט און באַדינט זיי, די צדיקים, ווי אַ טאַטע. און פון אויבן, פונעם הימל, לאָזט זיך אַראָפּ פונקט אויפן זעלבן אָרט, וווּ דאָס אַמאָליקע בית־המקדש איז געשטאַנען, אַ נײַ בית־המקדש, פון סאַמע גינגאָלד און פון די טײַערסטע שטיינער, דימענטן און בריליאַנטן, און די כהנים דוכנען, און די לוויים זינגען, און דוויד המלך קומט־אַרוים אַקעגן מיט אַ פידל און זינגט: „רננו צדיקים בי"י! ב י"י!"...

דאָ הייבט אָן דער זיידע משה־יאָסיע זינגען אויף אַ קול, צוקנאַקן מיט די פינגער, און די אויגן פאַרגלאַנצט ער אַרויף, און דאָס פּנים לויכט אים, און אַליין איז ער נישט בהאי עלמא: ער איז דאָרטן ערגעץ, ווײַט־ווײַט, אויף יענער וועלט, אויף יענער וועלט!...

41

אַ ייִד אַ פויגל

אַ מעשה פון פאַרצײַטן. — ווי אַזוי ייִדן האָבן אַמאָל געלעבט צווישן פּריצים. — אַ טראַגעדיע פון אַן אָרעמען רענדאַר.

מע באַדאַרף אָבער ניט מיינען, אַז דער זיידע משה־יאָסיע איז אַלע מאָל געווען נאָר אויף יענער וועלט, און אַז ער האָט ניט געהאַט פאַר זײַנע אייניקלעך צו דערציילן גאָרנישט פון דער וועלט. אָ! ער האָט געהאַט זייער אַ סך צו דערציילן פון אַמאָליקע ייִדן, אַמאָליקע חסידים,

אמאָליקע בעלי־קבלה און אמאָליקע פּריצים, להבדיל, ווי זיי האָבן זיך באַגאַנגען מיט די ייִדן.

איין מעשה אַזעלכע, וואָס ער האָט דערציילט פאַר זײַנע אייניקלעך, אַ מעשה ווי אַ ייִד איז אומגעקומען אַף קידוש־השם, געדענקט זיך גאַנץ באַזונדער, און די דאָזיקע מעשה ווערט דאָ איבערגעגעבן בקיצור, ווײַל דער זיידע משה־יאָסיע איז געווען, ער זאָל מוחל זײַן, אַ גרויסער מאריך און האָט ליב געהאַט אָפּטמאָל איבערשפּרינגען פון איין ענין אַפן אַנדערן און פאַרפאָרן מחילה קיין בוּיבעריק.

די מעשה האָט זיך געטראָפן שוין לאַנג, נאָך פאַר זײַן זיידן, עליו השלום, דעם אַלטן האַמאַרניק. פאַר וואָס האָט מען אים גערופן „האַ־מאַרניק"? ווײַל ה א מ א ר נ י האָט געהייסן דאָס דאָרף, וווּ ער איז געזעסן, געהאַלטן אַ מיל אין דער ארענדע. אין דעם זעלבן דאָרף איז געזעסן נאָך אַ ייִד, מיטן נאָמען נח, געהאַלטן די קרעטשמע. געווען איז דער נח אַ ייִד אַ תם, אַן אָדם פּשוט, נאָר אַ גרויסער ירא־שמים, טאָג ווי נאַכט געדאַווענט און געזאָגט תהלים, אפּנים, אַ בעל־תשובה און אַ „נסתר". די גאַנצע טוערן איז געווען זי. זײַן עובדה איז געווען נאָר צאָלן ראַטע אין הויף און דינגען די קרעטשמע פון איין יאָר אַפן אַנדערן. כל ימיו האָט ער מורא געהאַט, טאָמער וועט אים עמעצער אויס־דינגען די קרעטשמע, וואָרעם בעלנים זײַנען געווען אַ סך, כאָטש פּרנסה האָט ער געהאַט פון דער קרעטשמע בצמצום, קוים־קוים דורכקומען, גע־ווען אַ בעל־מטופּל מיט קינדער.

ויהי היום — קומט ער צו גיין איינמאָל צום פּריץ דינגען די ארענדע און טרעפט אַ גוזמא געסט, אַ גאַנצע סעודה. נאָך דער סעודה קלײַבט מען זיך, כנהוג, נאַ־פּאָליוואַניע, אַף דער אַכאָטע הייסט עס. עס שטייען שוין צוגעגרייט פערד און קאַרעטעס און ברישקעס און לינייקעס און הינט פון כל המינים, און די יעגערס מיט די גרויסע פעדערן און מיט די פײַפלעך, כיד המלך. אַלצדינג, הייסט עס, פּאַרטיק אַרום און אַרום. „נישט געטראָפן די גוטע צײַט, — טראַכט זיך נח — דער פּריץ וועט נישט וועלן ריידן איצט פון דער ארענדע". צום סוף האָט ער אַ טעות געהאַט. אויפגעשטאַנען מיט די געסט פון טיש און געוואָלט זיך שוין אַרויפזעצן אַף די פערד, האָט דער פּריץ דערזען דעם ייִדן שטיין אײַנגעבויגן באַ אַ זײַט, אָפּגעריסן קריעה־בליאה. מאַכט ער צו אים מיט אַ פריילעך פּנים: „אַ? יאַק סיע מאַש פּאַן ארענדאַרזשו? — וואָס מאַכט אַ ייִד אַ רענ־דאַר?"... זאָגט אים נח כך וכך: „אדוני פּריץ, איך בין געקומען וועגן דער קרעטשמע". צעלאַכט ער זיך, דער פּריץ, ס'איז געווען כטוב לב המלך ביין, שטאַרק אונטערן גלעזל, און רופט זיך אָן צו אים: „אויף וויפל יאָר ווילסטו דען די קרעטשמע?" זאָגט ער צו אים: „וועלן וואָלט איך גע־

וואָלט אַף עטלעכע יאָר, נאָר אַזוי ווי דער מנהג איז באַ דיר, יאַסנאַ וועלמאָזשנע פּאַן כראַביע..." לאָזט אים דער פּריץ ניט אויסריידן און מאַכט צו אים: „דאָבזשע, איצטיקס מאָל גיב איך דיר אָפּ די קרעטשמע אַף דעם אייגענעם מקח, וואָס אַלע מאָל, אַף אַ זמן פֿון צען יאָר, נאָר מיט איין תּנאַי: זאָלסט מיר זײַן אַ פֿויגל". קוקט אים אָן דער ייִד: „וואָס הייסט, איך זאָל דיר זײַן אַ פֿויגל?". ענטפֿערט אים דער פּריץ: „גאַנץ פּשוט. דו דאַרפֿסט זיך פֿאַרשטעלן, זאָגט ער, פֿאַר אַ פֿויגל, און איך, זאָגט ער, וועל זיך צילן אין דיר און פּרוּוון טרעפֿן גלײַך אין קאָפּ אַרײַן. האָסטו עס צעקײַעט?" ווערט אַ געלעכטער צווישן די פּריצים, און דער ייִד כּלומרשט לאַכט אויך. ער טראַכט זיך: „דער פּריץ טרײַבט קאַטאָוועס, גענומען אַן איבעריק ביסל ווײַן"... „נו? — פֿרעגט אים דער פּריץ, — איז דאָס געמאַכט?" טראַכט זיך נח: „וואָס ענטפֿערט מען אים דערויף?" און טוט אים אַ פֿרעג אַף טשיקאַוועסט: „וויפֿל צײַט גיסטו אַף צו באַטראַכטן זיך?" זאָגט אים דער פּריץ גאַנץ ערנסט: „יעדנאַ מינוטאַ" — איין מינוט הייסט עס, מער ניט. „די ברירה איז באַ דיר, זאָגט ער. אָדער דו קריכסט אַרויף אַפֿן דאַך און פֿאַרשטעלסט זיך פֿאַר אַ פֿויגל, אָדער מאָרגנדיקן טאָג, זאָגט ער, ווערסטו אַרויסגעוואָרפֿן פֿון דער קרעטשמע". איז דאָך אים פּרחה נשמתו געוואָרן. וואָס טוט מען? מיט אַ פּריץ שפּילט מען זיך ניט. ובפֿרט, אַז יענער הייסט שוין טראָגן לייטערס — אַפּנים, ס'איז גאָרניט קיין קאַטאָוועס? רופֿט ער זיך אָן נאָך אַמאָל צום פּריץ: „און וואָס וועט זײַן, טאָמער חלילה טרעפֿסטו טאַקע?" ווערט נאָך אַ גרעסערער געלעכטער צווישן די פּריצים, און נח בלײַבט שטיין אַ צעטומלטער. ער ווייס ניט, צי דער פּריץ מאַכט חוזק, צי ער מיינט דאָס מיט אַן אמת? זען זעט עס אויס ווי אַן אמת, וואָרעם מע הייסט אים דיר קריכן אַפֿן דאַך, אָדער גיין אַהיים אָפּרייניקן די קרעטשמע. וויל ער שוין גיין אַהיים, דערמאָנט ער זיך, אַז ער איז אַ בעל־מטופּל מיט קינדער, הייבט ער אָן זיך בעטן באַם פּריץ, ער זאָל אים געבן כאָטש עטלעכע מינוט אַף אָפּצוזאָגן ווידוי. זאָגט אים דער פּריץ: „דאָבזשע, איך גיב דיר נאָך איין מינוט אַף זאָגן ווידוי". איין מינוט? וואָס קאָן אַ ייִד זאָגן אין איין מינוט, אַחוץ „שמע ישראל"? ובפֿרט, אַז מע שטופּט אים שוין אַרויף אַפֿן לייטער. זאָגט ער „שמע ישראל" און „ברוך שם כּבֿוד מלכותו", און נעמט קריכן אַפֿן לייטער, און טרערן גיסן זיך אים. וואָס זאָל ער טאָן? אַ גזירה מן השמים. אַ בעל־מטופּל מיט קינדער. מסתּמא איז אים באַשערט אומצוקומען אַף קידוש־השם. און אפֿשר וועט נאָך גאָט רחמנות האָבן און טאָן אַ נס? דער אייבערשטער אַז ער וויל — קאָן ער! געוועזן אַ גרויסער בעל־בטחון. אַמאָליקע ייִדן!

ארויפֿגעקראָכן אַפֿן שפּיץ דאַך, הערט ער נישט אויף צו לייענען:

קריאת־שמע שטילערהייט און צו וויינען,גיסן מיט טרערן, און נאָך אַלץ ניט פאַרלוירן איינגאַנצן דעם בטחון אַף גאָט, טאָמער וועט דער אייבער־שטער פּאַרט רחמנות האָבן. אַז דער אייבערשטער וויל — קאָן ער! דער פּריץ דערוויַיל האָט קיין צייַט ניט. הייסט ער אים, ער זאָל שטיין גלייַך — שטייט ער גלייַך. דערנאָך הייסט ער אים, ער זאָל זיך אָנבייגן — בייגט ער זיך אָן. ער זאָל צעַנעמען די הענט — צענעמט ער די הענט. ער זאָל אויסזען ווי אַ פויגל — זעט ער אויס ווי אַ פויגל... און דער פּריץ — צי ער האָט עס טאַקע געמיינט אַף אַן אמת, אָדער ער האָט נאָר געטריבן קאַטאָוועס און דער אייבערשטער האָט געמאַכט אַזוי, ס'זאָל אויסקומען אַף אַן אמת — ער האָט אויסגעשאָסן און געטראָפן נחן גלייַך אין שטערן אַרייַן, און נח איז אומגעפאַלן, ווי אַ געשאָסענער פויגל, און האָט זיך אַראָפּגעקייַקלט אַראָפּ פונעם דאַך. און נאָך באותו היום האָט מען אים געבראַכט צו קבר־ישראל. דער פּריץ האָט אָבער געהאַלטן וואָרט. צען יאָר כסדר האָט ער נישט גערירט די אַלמנה פון דער קרעטשמע, וויפל מע זאָל אים ניט מוסיף זייַן אַף דער אַרענדע — אַמאָליקע פּריצים!

אַזעלכע שיינע מעשיות פון „אַמאָליקע" ייִדן און פון „אַמאָליקע" פּריצים האָט דער זיידע געהאַט לרוב, און חברה וואָלטן זיך ניט אָפּגעזאָגט זיי אויסהערן נאָך און נאָך, ווען דער זיידע משה־יאָסיע זאָל ניט האָבן קיין טבע אַרויסציִען פון יעדער מעשה אַ מוסר־השכל, אַז מע באַדאַרף זייַן אַן ערלעכער ייִד און האָבן בטחון, און פונעם מוסר־השכל זאָל ער ניט ליב האָבן אַרייַנפאַלן גלאַט אין מוסר אַרייַן און נעמען שטראָפן די קינ־דער, פאַר וואָס זיי גיבן נאָך דעם יצר־הרע, ווילן נישט דאַווענען, נישט לער־נען, נישט גאָט דינען, וואָלטן וועלן טאָג ווי נאַכט נאָר כאַפּן פישלעך, אָדער רייַסן באַרלעך, אָדער גלאַט שקאָצעווען מיט אַלע באָסלאָווער ייִנג־לעך, ימח שמם וזכרם זאָלן זיי ווערן!

42

ימים נוראים

דער באָסלאָווער טייַך „ראָס". — דער באָסלאָווער וואַלד. — די באָסלאָווער אַלטע קלויז. — די באָבע גיטל שלאָגט מיט די אייניקלעך כפרות. — דער זיידע בענטשט זיי ערב יום־כפור און זייַנע אויגן זייַנען נאַס.

עס איז שווער צו זאָגן, וווּ איז געווען מער לעבן, מער פּאָעזיע — באַם טייַך „ראָס", אָדער אין באָסלאָווער וואַלד, אָדער אין דער אַלטער קלויז? עס איז שווער צו זאָגן, וואָס פון די דרייַ האָט געהאַט אין זיך אַ

גרעסערן יצר־הרע? באָם „ראָס" — דאָרט איז אַ לעבן! דאָרט איז פּרײַלעך! דאָרט טרינקען־אָן בעלי־עגלות זייערע פֿערד; דאָרט שעפּן־אָן וואַסער־פֿירערס וואַסער אין זייערע פֿעסלעך; דאָרט שטייען ווײַבלעך און מיידלעך באָרוועסע, מיט רויטע פּולקעס, און וואַשן גרעט, קלאַפּן און שפּריצן מיטן פּראַטש, אַזש פֿונקען פֿליִען; דאָרט באָדן זיך, פּאַליאָסקען זיך, לערנען זיך שווימען און כאַפּן פֿישלעך ייִנגלעך אָן אַ שיעור, טוען זיך אויס צווישן די שטיינער, שפּרינגען אין טײַך אַרײַן — און אַלע שרײַען, אַלע פּילדערן: „זע, ווי איך שווים! זע, ווי איך ליג אַפֿן רוקן! זע בעסער, ווי איך גיי טריט־וואַסער! זע, ווי איך טוק זיך! זע, ווי איך מאַך בולבעס!"... אַלע ריידן, אַלע באַווײַזן קונצן, אַלע קאָנען. די פּערעיאַסלאַווער יתומים זײַנען זיי שרעקלעך מקנא. איינער פֿון דער חברה גייט־צו אַ נאַקעטער, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט. אַברהמל רופֿט מען אים. אַ בחורל שוואַרץ ווי אַ טאָטער, אויגן ביינקאָוואַטע, אַ פּנים ווי אַ לאָקשן־ברעט, אַ נעזל ווי אַ פּאַסאָליע. „ווי אַזוי רופֿט מען דיך?" „שלום". „שווימען קאָנסטו?" „ניין". „וואָס־זשע שטייסטו? קום אַהער, וועל איך דיך אויסלערנען"... איר פֿאַרשטייט? ניט לערנען, נאָר א ו י ס ל ע ר נ ע ן! — דאָס איז גאָר אַנדערע ווערטער.

נישט ווינציקער פּאָעזיע איז אין וואַלד. דער באָסלאַווער וואַלד איז רײַך אין באַרלעך. די באַרלעך זײַנען אַפֿילו האַרט ווי שטיינדלעך און זויער — עסיק! נאָר פֿאָרט באַרלעך. און קאָסטן גאָרנישט. איר קאָנט אײַך רײַסן וויפֿל איר ווילט — הפקר! מע באַדאַרף נאָר קאָנען דערלאַנגען. וואַלד־באַרלעך וואַקסן הויך. מוז מען אַרויפֿקלעטערן אַרויף אַפֿן בוים און טרייסלען דעם בוים מיט אַלע כחות, אַניט וועלן די באַרלעך ניט פֿאַלן. אויסער באַרלעך זײַנען אין באָסלאַווער וואַלד פֿאַראַן ניסלעך אויך. האָזענע ניסלעך. זיי ווערן שפּעט פֿאַרטיק און זײַנען באַוואַקסן מיט אַ מין שאָלעכץ — ביטער־גאַל. און קיין יאָדערן זײַנען אין די ניסלעך נישטאָ. זיי וועלן ערשט אַמאָל זײַן. נאָר עס מאַכט ניט אויס. פֿאָרט ניס. מע קאָן אָנלייגן פֿולע קעשענעס. דאָס וואָס מע רײַסט אַליין — איז אָנגעלייגט. און רײַסן באַרלעך און טרייסלען ניס באַדאַרף מען קאָנען. אַברהמל קאָן. אַברהמל איז אַף אַלצדינג אַ כוואַט. איז אַ גוטער בטבע, אַ מזג טוב, אַן מענטש אָן אַ גאַל. איין חסרון נאָר, וואָס ער איז אַ קבצנס אַ ייִנגל. זײַן מאַמע איז אַן אָרעמע אַלמנה און אַ קעכן בײַ די יאַמפּאָלסקים. געווירע געוואָרן דערפֿון איז דער פֿעטער איציע און האָט עס באַלד אָפּגעטראָגן דער באָבע גיטל אין אויער אַרײַן. האָט די באָבע גיטל צוגערופֿן דאָס אייניקל שלום צו איר בעט, אים געשענקט אַ באַר פֿון אונטער דעם קישן און אָנגעזאָגט עטלעכע מאָל, ער זאָל זיך ניט דערוועגן מער באַגעגענען זיך און זײַן באַקאַנט מיט אַ ז ע ל כ ע ייִנגלעך, ווי אַברהמל, וואָרעם

טאָמער דערוויסט זיך דער זיידע משה־יאָסיע, אַז זײַנע אייניקלעך באַגעגע־נען זיך מיט א ז ע ל כ ע יִינגלעך, וועט זיך טאָן חושך!...

זיי איז גרינג צו זאָגן „ניט באַגעגענען זיך" — אַז מיט דעם אַברהמלען מוז מען זיך באַגעגענען כאָטש צוויי מאָל אַ טאָג, אינדערפֿרי און אַפּדערנאַכט — באַם קדיש זאָגן. אַברהמעל איז אויך אַ יתום. ער זאָגט קדיש נאָך זײַן טאַטן אין דער אַלטער קלויז. אָך, וויפֿל קדישים דאָרטן איז! און אַלע זאָגן קדיש אין מזרח!... משה־יאָסיע דעם האָמאָר־ניקס אייניקלעך, אַז זיי זײַנען געקומען מיטן זיידן דאָס ערשטע מאָל אין דער אַלטער קלויז, האָט זיי דער זיידע צוגעפֿירט גלײַך צום שמש און האָט אים אָנגעזאָגט מיטן הארבן וואָרט, אַז ער וויל, אַז זייער אָרט אויף זאָגן קדיש זאָל זײַן נעבן עמוד, וואָרעם דאָס זײַנען „טאַטנס קינדער"... דער שמש, אַ זקן מיט אַן אויסגעבויגענעם רוקן און מיט אַלטע טראַכאָמעדיקע אויגן, וואָס זעען־אויס ווי אָרומגעליאַמעוועט מיט רויטן, האָט אויסגע־הערט דעם זיידן מיט דרך־ארץ, נישט געענטפֿערט קיין וואָרט, אַרײַנגע־כאַפּט אין נאָז אַ רעכטן שמעק טאַבעקע, גיך אָפּגעטרייסלט די פֿינגער און אונטערגעטראָגן אויך דעם זיידן דאָס פּושקעלע, אַ קלאַפּ געגעבן מיטן נאָגל איבערן דעקל מכבד געווען אים מיט אַ שמעק טאַבעקע אָן ווער־טער. דאָס האָט באַדאַרפֿט הייסן: „גוט, וואָס איר האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס זײַנען טאַטנס קינדער, זײַנען זיי שוין, זײַט זיכער, באַ מיר דאָס שוואַרצאַפּל פֿונעם אויג, וואָס איז שײַך!"...

די באָסלאָוועער אַלטע קלויז האָט געהאַט אין זיך אַזאַ כח, אַז די פּערעיאַסלאַוועער יתומים, ווי מע האָט זיי דאָרט גערופֿן, האָבן זיך צוגע־בונדן צו איר, גלײַך ווי זיי וואָלטן דאָרט געבוירן און אויפֿגעצויגן גע־וואָרן. אַלצדינג האָט באַ זיי אויסגעזען מוראדיק גרויס און שיין און הייליק. אויף אַלצדינג איז געלעגן אַ באַזונדער חתימה פֿון אַלטער שיינ־קייט, פֿון פֿאַרגאַנגענער גרויסקייט, פֿון פֿאַרצײַטיקע הייליקייט — אַ שטיק בית־המקדש.

נאָר אויב די באָסלאָוועער אַלטע קלויז האָט אויסגעזען באַ די פּערע־יאַסלאַוועער יתומים אין אַלע טעג פֿון אַ גאַנץ יאָר ווי אַ שטיק בית־המקדש, איז זי צו ימים נוראים, צו ראש־השנה און יום־כּפּור, געוואָרן פֿאַר זיי טאַקע אַ גאַנצער בית־המקדש. זיי האָבן נאָך קיינמאָל אַזוי פֿיל ייִדן ניט געזען און האָבן נאָך קיינמאָל אַזאַ דאַווענען ניט געהערט. דאָס איז געווען אַ מישמאַש פֿון אַלערליי מינים חסידים און חב"דניקעס, וואָס האָבן באַם דאַווענען אײַנגעלייגט די וועלט, געפּאַטשט מיט די הענט, גע־קנאַקט מיט די פֿינגער און געזונגען מאָדנע ניגונים, געברומט און גע־באָמקעט און מיט אַמאָל פֿאַרגאַנגען זיך און פֿאַרדבקהט זיך אויף עטלעכע מינוט, און ווידער גענומען זינגען און ברומען און באָמקען און קנאַקן

מיט די פינגער. פאַר די פּערעיאַסלאַווער יתומים איז אַזאַ מין דאַוונען געווען אַ נײַס, אַ גאַנצער ספּעקטאַקל. נאָר שענער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס דער זיידע משה־יאָסיע האָט מיט זײַן דאַוונען איבערגעשטיגן אַלע דאַוונער פון דער אַלטער קלויז. ער איז געווען ניט קיין חב״דניק, נאָר גלאַט אַ מאָדנער חסיד מיט אייגענע געננ, אייגענע מנהגים און אייגענע משוגעתן. ער האָט זיך פאַרגונען בלײַבן אין קלויז שבת און יום־טוב לאַנג־לאַנג נאָך אַלעמען. דער פעטער איציע, וואָס האָט געוווינט אין דער אַנדערער האַלבער שטוב, האָט שוין געהאַלטן אין עסן, פון אויוון האָט זיך געלאָזט הערן אַ ריח פון געפילטע פיש און יום־טובדיקע מאכלים, עס האָט געקלעמט דאָס האַרץ און אַזש דערלאַנגט ביזן לעפּעלע — און דער זיידע האָט נאָך אַלץ געדאַוונט, געזונגען און געבאָמקעט. די באָבע גיטל האָט עטלעכע מאָל בשתיקה אונטערגערוקט די איי־ניקלעך, חיה־אסתרס קינדער, צו שטיקלעך לעקעך — ס׳זאָל זיי נישט איבערחלשן דאָס האַרץ, און אַ זאָג געגעבן צו זיי מיט אַ געלעכטער: „איר וועט שוין געדענקען, ווען איר האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט צווישן משוגעים״...

דער פעטער איציע דערווײַל האָט שוין אָפּגעגעסן און אָפּגעבענטשט, אַרײַנגעשטעקט דעם קאָפּ פון דער אַנדערער האַלבער שטוב: „נישטאָ דער טאַטע? כאַ־כאַ!״ לאַ־די ער האָט אָפּגעגעסן, לאַכט ער נאָך!... קוים מיט צרות, גאָט האָט רחמנות געהאַט — דער זיידע איז שוין דאָ! אַרײַנגעפלויגן, שלעפּנדיק די רעזעוווּלקע מיט די אַרבל אויף דער ערד, איז ער מיט אַ ברייטן גוט יום־טוב, און גלײַך צום קידוש מאַכן, אָבער מיט אַזעלכע קולות, אַז די גאַנצע גאַס האָט געמוזט הערן.

— צוליב די קינדער, צוליב די יתומים נעבעך, וואָלסטו, דאַכט זיך, געמעגט אַמאָל פאַרבייגן דײַנע משוגענע שטיק און מאַכן עס בקיצור? — האָט אים די באָבע פאָרגעהאַלטן. נאָר ס׳איז געווען אַרויסגעוואָרפן. ער האָט נישט געהערט. ער איז נאָך אַלץ געווען פאַרדבקהט און אַרײַנגעטאָן אין די עולמות העליונים, מיט איין האַנט געגעסן, מיט דער אַנדערער געמישט עפּעס אַן אַלטן ספר, און, שאָקלענדיק זיך פון דער גרינג, אַרײַנגעקוקט אַהין מיט איין אויג, מיטן אַנדערן אויג געכאַפּט אַ קוק אויף די אייניקלעך און געזיפצט, שטאַרק געזיפצט. דאָס זיפצן איז געווען טאַקע אויף די אייניקלעך די יתומים, וואָס זייערע נשמות ליגן אין גשמיות, האָבן אין זינען די אכילה, גיבן־נאָך דעם יצר־הרע מיט אַלע זײַנע תאוות... נאָכן עסן האָט ער זיי דאָס פאָרגעהאַלטן, געזאָגט אַ היפּשע ביסל מוסר, געזען, ס׳זאָל זיי אויספּאַלן באַקאָם דער פרישער קוילעטש מיט די געפילטע פיש מיטן זיסן פאַסטערנאַק־צימעס מיט די אַלע איבעריקע יום־טובדיקע

מאַכלים, וואָס די באָבע גיטל האָט, ליגנדיק אין בעט אַ געליימטע נאָר מיט איר שכל געקאָנט צוגרייטן על צד היותר טוב.

דאָס איז געווען ראָש־השנה. ערב יום כּפּור איז געווען נאָך שענער. דער ערב יום־כּפּור האָט זיך אויסגעפּײַנט אין באָסלאַוו באַם זיידן משה־יאָסיע מיט צוויי זעלטענע צערעמאָניעס, וואָס האָבן געמאַכט אַף די יתומים אַ באַזונדערן אײַנדרוק. די ערשטע צערעמאָניע איז געווען דאָס שלאָגן כּפּרות מיט אַ נאַכט פריִער פאַר ערב יום־כּפּור. שלאָגן כּפּרות האָבן זיי געשלאָגן אין דער היים אויך, נאָר דאָ, אין באָסלאַוו, איז געווען אַן אַנדער מין כּפּרות שלאָגן. די באָבע גיטל האָט גענומען די דאָזיקע מצווה אַף זיך. זי, הייסט עס, האָט געשלאָגן מיט איר חיה־אסתרס יתומים כּפּרות. זיצנדיק אַ געליימטע אין בעט, האָט זי צוגערופן די גאַנצע כאַליאַסטרע צו זיך, געגעבן יעדן זײַן כּפּרה, די ייִנגלעך צו הענער און די מיידלעך צו הינער, געעפנט איר גרויסן סידור און אָנגעוויזן מיט אירע אויסגעדרייטע פינגער אַפן „בני־אָדם” וואָרט באַ וואָרט און הויך אַף אַ קול און מיט אַ ניגון: „בני־אָדם יושבי חושך וצלמות! אסירי עני וברזל!”... און געוויינט בעת מעשה אַזוי, ווי מע קאָן וויינען נאָר סײַדן אַף אַ טויטן. און ווער שמועסט, אַז ס'איז געקומען צו דער ייִנגסטער פון די יתומהלעך, צום מיידעלע, וואָס איז אַלט קוים אַ יאָר, האָט די באָבע שיער געחלשט פאַר געוויין! אַף איר קוקנדיק האָבן זיך די קינדער אויך צעוויינט, און אַף זיי קוקנדיק — אויך די עלטערע, און ס'איז געוואָרן אַ יללה מיט סכנת־נפשות. אין יענעם ביטערן שבת, בעת די מאַמע זייערע איז געלעגן מיט שוואַרצן איבערגעדעקט אַף דער ערד, האָבן די יתומים קיין צענט־חלק אַפילו ניט געוויינט, ווי אַצינד, באַ דער באָבעס „בני־אָדם”.

די צווייטע צערעמאָניע איז געווען אַף מאָרגן, ערב יום־כּפּור, נאָכן קומען פון דער אַלטער קלויז, ווו חברה האָבן באַקומען לעקעך פונעם גבאי ראשון פולע קעשענעס. דער זיידע משה־יאָסיע האָט נאָך נעכטן אָנגעזאָגט, באַלד נאָך כּפּרות שלאָגן, אַז די קינדער זאָלן נאָכן דאַוונען אינדערפרי, למען השם, קומען צו אים זיך בענטשן.

מאָדנע יום־טובדיק אָנגעטאָן און יום־טובדיק געשטימט איז געווען דער זיידע משה־יאָסיע. אַף דער אַלטער צעהאַקטער אַטלעסענער קאַפּאָטע האָט ער געטראָגן אַ מאָדנע מין טיזליק פון אַ מאָדנע מין האַרטן שרײַענדיקן שטאָף, וואָס מע קריגט שוין ניט הײַנטיקע צײַטן אין ערגעץ, מע זאָל וועלן באַצאָלן דערפאַר מי יודע וויפל. אַפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ שטרײַמל מיט אַ סך עקן, און אַפן אָפּענעם האַלדז — אַ ברייטן קלאָר־ווײַסן קאָלנער מיט צוויי שפּיצן. אַף דער קאַפּאָטע — אַ בײַגאַרטל אַ ברייטן מיט לאַנגע קאָטעסן מיט באָמבעלעך. די מוראַדיק ברייטע וואָנ־

צעם מיט די מוראדיק געדיכטע גרויסע ברעמען האָבן איצטיקס מאָל אויס־געזען ניט אַזוי בייז, ווי אַלע מאָל, און דאָס גאַנצע פּנים האָט אויסגע־זען בײַ אים איצטיקס מאָל ווייך, מוחלדיק־ווייך, און גאָר פרײַנטלעך.

— קומט אַהער, קינדער, וועל איך אײַך בענטשן! — האָט ער יום־טובדיק־ברייט אַרײַנגערופן די יתומים צו זיך אין זײַן ענגן פינצטערן חדרל מיט די פּעלצן, אַרויפגעלייגט אויף יעדן פון זיי בײדע הענט מיט די ברייטע אַרבל פון זײַן אַטלעסענער קאַפּאָטע, צוגעמאַכט די אויגן, פאַר־ריסן דעם קאָפּ אַרויף און געזאָגט, און געזאָגט, און געזאָגט עפּעס שטי־לערהייט, און שטאַרק געזיפצט און געקרעכצט. און אַז ער האָט אָפּגע־זאָגט, האָבן די יתומים אים אַ קוק געגעבן אין פּנים, האָבן זיי דערזען זײַנע אויגן לויכטן, נאָר זיי זײַנען רויט, די ברעמען נאַס, און די וואָנצעס נאַס, און די באָרד נאַס — נאַס פון טרערן.

43

סוכות

א בשותפותדיקע סוכה. — דער זיידע דאַוונט, און די קינדער ווילן עסן. — שמחת־תורה איז דער זיידע זיך משמח מיט דער שכינה.

דאָס ערשטע פלעקל פון דעם זיידן משה־יאָסיעס סוכה איז אַרײַנ־געשלאָגן געוואָרן, פאַרשטייט זיך, מוצאי יום־כפּור, תיכף נאָכן אָפּפאַסטן זיך. געבויט האָט די סוכה דער פעטער איציע, און די יתומים האָבן אים אונטערגעהאָלפן. נאָר געקאָמאַנדעוועט האָט דער זיידע, געגעבן עצות, ווי אַן אויבעראַרכיטעקטאָר: „דאָס אַהער!" „דאָס אַהין!" „דאָס וועט אַרײַן!" „דאָס וועט ניט גיין!" נאָך מער קונץ — וואָס דער זיידע מיטן פעטער ריידן נישט צווישן זיך קיין וואָרט. ברוגז. די באָבע האָט דערפון יסורים: אַ בן־יחיד, דער איינציקער קדיש איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, און רעדט נישט מיטן טאַטן — ווו האָט מען געהערט אַזאַ רציחה?...

אין דער בשותפותדיקער סוכה זײַנען געשטאַנען גרייט צוויי טישן, פאַרן זיידן באַזונדער און פאַרן פעטער באַזונדער. אויף יעדן טיש איז גע־ווען צוגעגרייט באַזונדער ווײַן אויף קידוש, באַזונדערע חלה, באַזונדערע לײַכטער מיט ליכט. די מומע סאָסיע האָט זיך געבענטשט ליכט בײַ איר טיש, און די באָבע גיטל האָט מען אַרויסגעטראָגן מיטן בעטל, זי זאָל בענטשן ליכט בײַ איר טיש. דערנאָך איז געקומען צו גיין דער פעטער איציע פון קלויז און געמוזט וואַרטן ביז דער זיידע וועט אַמאָל דער־מאָנען זיך קומען און מאַכן דעם ערשטן קידוש. מע קאָן דאָך ניט זײַן אַזוי גראָב קעגן אַ טאַטן — כבוד־אָב! אַלע ווײַלע איז דער פעטער איציע

ארויסגעגאַנגען פֿון שטוב און אַרײַנגעקוקט אין סוכּה אַרײַן, און אַלע מאָל מיט אַן אַנדער אויסרייד: „ניטאָ נאָך?"... „הײַנטיקס יאָר שפּעטער ווי אַלע יאָר באַ די חסידים!"... „המ... אָט באַלד גייען־אויס די ליכט און מע וועט דאַרפֿן עסן אין דער פֿינצטער"...אַפֿן פֿעטער איציע האָבן די קינ־דער דערלעבט אַ נקמה: אַ האַרטער ייִד, אָן אַ נשמה — לאָז ער אויך וויסן, וואָס הייסט זײַן הונגעריק!...

נאָר אָט איז געקומען דער זיידע מיטן טיזליק, אָפּגעגעבן דעם ברייטן גוט יום־טוב, אַרויסגעקריגן רב יעקב עמדינס סידור, אַ קורצער סידור, נאָר אַ גראָבער, אַ געפּאַקטער, און אַוועקגעזעצט זיך זאָגן די אושפּיזין, און האָט געזאָגט און געזאָגט, און געזאָגט און געזאָגט... און פֿון קיך האָבן, ווי אויף צו־להכעיס, זיך געלאָזט הערן די פֿיש מיט זייער געפֿעפֿערטן געפֿילעכטס, און די פֿרישע צוגעברוינטע חלות האָבן זיך געררייצט: „אונדז אַז אירט אײַנטונקען אין דער הייסער פֿיש־יויך, וועט איר פֿילן דעם אמתן טעם גן־עדן"... און דער זיידע, משה־יאָסיע דעם האַמאַרניקס,טוט זיך זיינס: ער זאָגט!די ליכט אין סוכּה לעשן זיך — און ער זאָגט; די קינדער חלשן עסן, גייען־אויס שלאָפֿן — און ער זאָגט! מיטאַמאָל האָט דער זיידע זיך געגעבן אַ כאַפּ־אויף, צוגעלאָפֿן צום טיש און געגעבן אַ לייג־אַוועק דעם יום־טובדיקן קידוש, איז געוואָרן אַ ליכט אין די אויגן. נאָך אים — דער פֿעטער איציע באַ זײַן טיש. נאָכן פֿעטער איציע — חיה־אסתּרס יתומים, אייניציקווײַז, און די באָבע גיטל בעת מעשׂה האָט געלאָזט אַ טרער — הקיצור, עס האָט נאָך לאַנג גענומען, ביז מע האָט דערלעבט אײַנטונקען די המוציא אין האָניק און דערזען זיך מיטן שטיקל פֿיש און דערפֿילן דעם פֿעפֿער אַפֿן שפּיץ צונג...

דאָס איז געווען די ערשטע טעג סוכּות. די אַנדערע טעג סוכּות איז געווען נאָך ערגער. אַזוי אַז שׂמחת־תּורה אויף דער נאַכט האָט שוין דער פֿעטער איציע נישט געקאָנט אויסהאַלטן. ער האָט אַרײַנגערופֿן די פּערע־יאַסלאַווער יתומים צו זיך און האָט זיי געזאָגט:

— קינדער, איר ווילט זען אַ שיינע זאַך? טאָ גייט זיך דורך אין קלויז אַרײַן, וועט איר עפּעס אָנקוקן...

לאַנג בעטן האָט מען זיי ניט באַדאַרפֿט. מע האָט זיך גענומען פֿאַר די הענט און מע איז אַוועק. אין גאַס איז געווען חושך־פֿינצטער. אַלע ייִדן זײַנען געזעסן אין די הײַזער און געגעסן. אַלע שולן זײַנען שוין געווען געשלאָסן און שטאָק־פֿינצטער. נאָר אין דער אַלטער קלויז האָט זיך נאָך געלײַכט.שטיל האָבן חברה אויפֿגעעפֿנט אַ שטיקל טיר, אַרײַנגעקוקט און דערזען אַזעלכעס, וואָס זיי האָבן נישט געגלויבט זייערע אויגן. אין דער גאַנצער קלויז איז געווען מער ניט ווי איין מענטש — דער זיידע משה־יאָסיע אין אַ טלית, מיט רב יעקב עמדינס סידור אין איין האַנט און מיט

א ספר־תורה אין דער אַנדערער האַנט. צוגעטוליעט די ספר־תורה צום האַרצן, איז ער אַרומגעגאַנגען אַרום באַלעמער מיט פּאַוואַלידיקע טריט, געזאָגט אַף אַ קול, ווי אַ חזן, די הקפות: „עוזר דלים, הושיעה־נא!“...

אַף די קינדער איז אָנגעפאַלן אַ פּחד מיט אַ געלעכטער אינאיינעם, און זיי האָבן זיך גענומען באַ די הענט און זיך געלאָזט לויפן אין איין אָטעם צוריק אַהיים.

— נו? וואָסט איר געזען־ אַיאַ, אַ שיינס?...

מיט די ווערטער האָט זיי באַגעגנט דער פעטער איציע, און בעת מעשה האָט ער געלאַכט, נאָר די אויגן האָבן געטרערט. און די קינדער האָבן געוואָרפן אַן אומחן. ניט אַפן זיידן — ניין, נאָר אַפן פעטער איציע.

דערפאַר אָבער האָט זיך אַף מאָרגן, שמחת־תורה, די דעקאָראַציע אינגאַנצן איבערגעביטן. דעם זיידן משה־יאָסיע איז געווען נישט צו דערקענען. די קינדער געדנעקען נאָך פון דער אַלטער היים, פון וואָראָנקאָ, וואָס פאַר אַ שמחה ס'איז געווען, אַז ס'איז געקומען שמחת־תורה. דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען שכור־לוט. פונעם רב ביזן פּריסטאַוו, להבדיל, האָבן אַלע געטרונקען בראָנפן, געהוליעט, געטאַנצט און געמאַכט אַזעלכע אָנשטעלן, וואָס מע האָט באַדאַרפט שטאַרבן פאַר געלעכטער.

אויך אינעם האַלב־גוייִשן פּערעיאַסלאַוו איז שמחת־תורה געווען שמחת־תורהדיק. אַפילו אַזאַ ייִד, ווי דער פעטער פיניע, איז געווען שכור־לוט און געטאַנצט אַ קאָזאַק. מע האָט באַדאַרפט גיין אַף חידושים קוקן, ווי אַ ייִד אַ חסיד מיט אַ לאַנגן טלית־קטן טאַנצט אַ קאָזאַק! פון דאָדיע כהנאָוון שמועסט מען ניט. דאָדיע, אַז ער האָט זיך אָנגעשכורט, האָט ער געזידלט די גוטע פרייַנט, אויסגעוואָרפן זיי וואָס אין דער קאָרט, כלומרשט אין גוטן מוט, קושנדיק. מע האָט זיך אַרייַנגעריסן צו יענעם אין שטוב מיט אַ גוט יום־טוב, אַרויסגעשלעפּט פון אויוון וואָס ס'איז געווען, פון קעלער אַרויסגעטראָגן די זויערע אוגערקעס, און בראָנפן האָט זיך געגאָסן אַזוי ווי וואַסער. נאָר וואָס פאַר אַ ווערט האָבן יענע אַלע שמחת־תורהס געהאַט אַקעגן דעם שמחת־תורה, וואָס די פּערעיאַסלאַווער יתומים האָבן בייַגעוווינט דאָ, אין דער ייִדישער שטאָט באָסלאַוו? די הייַזער, די גאַסן, די שטיינער פון די גאַסן — אַלץ אַלץ האָט געזונגען, געפּליעסקעט, געטאַנצט און געפרייט זיך. נישט נאָר עלטערע ייִדן — ייִנגלעך זייַנען געווען שכור, געוואַלגערט זיך פון די פיס. מע דאַרף נישט מער ווי דער פעטער איציע, אַ ייִד אַ שטילער, אַ ווילדער בעל־מרה־שחורה, — איז ער אויך געווען בגילופין, פאַרלייגט די פּאות אַף יענער זייַט אויערן, פאַרקאַטשעט די פּאָלעס און געגאַנגען אַ דייַטש! נאָר דאָס אַלץ איז געווען אַ גאָרנישט אַקעגן דעם, וואָס עס האָט אַרויסגעוויזן אין יענעם טאָג דער זיידע משה־יאָסיע. אויסגעטרונקען האָט ער בסך־הכל איין גלעזל בראָנפן מיט אַ האַלב גלעזל ווייַן. נאָר שכור איז ער געווען, ווי אַכציק שכורים.

מיטאמאָל קאָנען אַזוי ניט זײַן שכור, און אַרויסבאַווײַזן אַזעלכע גבורות, אַז די גאַנצע שטאָט האָט מיט אים געקלונגען:

— וואָס זאָגט איר צו משה־יאָסיע דעם האַמאַרניקס!

— גייט, וועט איר זען, וואָס משה־יאָסיע דעם האַמאַרניקס טוט!

און משה־יאָסיע דעם האַמאַרניקס האָט נישט געטאָן גאָרנישט. ער איז נאָר אַרומגעגאַנגען אין די גאַסן און געטאַנצט. און נאָך ווי אַזוי געטאַנצט! געטאַנצט און געשפּרונגען, געפּליעסקעט און געזונגען. און נישט אַליין האָט ער געטאַנצט, נאָר אינצווייען — מיט דער „שכינה", מיט הקדוש־ברוך־הוא... צענומען אַ פּעטשיילע און געהאַלטן בּאַ איין עק — בּאַם אַנדערן עק האָט באַדאַרפט האַלטן די „שכינה" — און געדרייט זיך, ווי מע דרייט זיך מיט אַ כּלה, געמאַכט פאַרשיידענע טריט: אַהין און צוריק, רעכטס און לינקס, און ווידער אַהין און צוריק, און ווידער רעכטס און לינקס, און אַזוי כּסדר, דעם קאָפּ פאַרריסן אַרויף, די אויגן געהאַלטן צו, אָפּן פּנים אויסגעגאָסן אַ גליקלעך שמייכל, צוגעקנאַקט זיך מיט די פינגער, געהעפּעט און געזונגען אַלע מאָל שטאַרקער און שטאַרקער:

משה שמח בשמחת־תורה —
לאַמטעדרידאָם, היי ־ דאַ!
שישו ושמחו בשמחת־תורה —
לאַמטעדרידאָם, דאָם ־ דאָם ־ דאָם!
היי ־ דאַ, דרי ־ דאַ ־ דאַ!
תורת משה, האַ!...

וואָס ווײַטער איז דער עולם געוואָרן אַלץ גרעסער און ענגער. וויפל ייִנגלעך ס'איז געווען אין שטאָט זײַנען זיי אַרויס אויף דער גאַס מקבל־פּנים זײַן משה־יאָסיע דעם האַמאַרניקס, זען, ווי ער טאַנצט און דרייט זיך, זינגט און פּליעסקעט. ייִנגלעך שקצים האָבן אים געמאַכט אַ הוררא, גע־האָלפן אים זינגען זײַן שמחת־תורהדיקן ניגון, און די פּנימער פון זײַנע פּערעיאַסלאַווער אייניקלעך האָבן געפּלאַמט פאַר בושה. און ער, דער זיידע משה־יאָסיע, זאָל דאָס אויף עמעצן אַפילו אַ קוק טאָן! ער טוט זיך זײַנס: ער גייט מיט זײַן געליבטער שכינה אַ פריילעכס. איין עק פּעטשיילע האַלט ער, דעם אַנדערן האַלט הקדוש־ברוך־הוא, און ער שמייכלט און קנאַקט מיט די פינגער, טאַנצט און העפּעט און זינגט שטאַרקער און שטאַרקער:

משה שמח בשמחת־תורה —
לאַמטעדרידאָם, היי ־ דאַ!
שישו ושמחו בשמחת־תורה —
לאַמטעדרידאָם, דאָם ־ דאָם ־ דאָם!
היי ־ דאַ, דרי ־ דאַ ־ דאַ!
תורת משה, האַ!...

אויס יום־טוב — צוריק אַהיים

אינטריגעס און פּליאַטקעס צווישן דער משפּחה. — די קינדער ווערן אויס מיוחסים אין באָהסלאַוו. — עס ציט זיי צוריק אַהיים.

שווער אַפֿן האַרצן, אומעטיק אַף דער נשמה און שטאַרק־שטאַרק וואָכעדיק איז געוואָרן די קינדער אַף מאָרגן נאָך יום־טוב, אַז מע האָט גענומען צעוואַלגערן די סוכה. אָן אַ טראָפּן רחמנות האָט דער פעטער איציע (אַ מענטש אָן אַ האַרץ!) קודם־כל אַרומגעריסן די ווענט, אַראָפּגעריסן דעם סכך, צענומען די ברעטער, מיט אַן אומגעהייערער רציחה אַרויסגעשלעפּט די צוויעקעס (וואָס האָט ער געהאַט צו די צוויעקעס?). נאָר די פיר סטויפּעס האָט ער געלאָזט שטיין — און דאָס איז געווען אַ סך ערגער, וואָרעם די פיר הוילע סטויפּעס האָבן געזאָגט עדות אַפֿן חורבן, געקלאָגט און באַקלאָגט זיך: „זעט, ייִדישע קינדער, וואָס פון אַ ייִדישער סוכה קאָן ווערן!"... די ייִדן, וואָס ערשט נעכטן זײַנען זיי געווען שכור־לוט, געטאַנצט און געפּליעסקעט און געמאַכט זיך נאַריש ווי קינדער, זײַנען מיטאַמאָל געוואָרן אַלע ניכטער, סטאַטעטשנע און כמעט זיך געשעמט קוקן איינס דאָס אַנדערע אין די אויגן אַרײַן. אַ מאָדנער אומעט האָט אַרומגענומען די שטאָט, אַ זעלטענע מרה־שחורה האָט זיך אָנגערוקט אַף באָסלאַוו. און אומעטיקער און טרויעריקער פון אַלע זײַנען געוואָרן די קינדער, די פּערעיאַסלאַווער יתומים. וואָרעם כל־זמן די קינדער זײַנען נאָך געווען געסט, האָבן זיי זיך געפילט ניט שלעכט אין דעם באָסלאַוו, נאָר וואָס ווײַטער האָבן זיי אָנגעהויבן אַלץ מער געוווירע ווערן, אַז זיי זײַנען דאָ איבעריק. דער זיידע משה־יאָסיע איז זיך געזעסן ביחידות אין טלית און תפילין אַף די פעלצן, אָדער געדאַוונט, אָדער געלערנט, אָדער געבאָמקעט, צוגעקנאַקט מיטן פינגער, אָדער געזיפצט און שטילערהייט געערדט מיט גאָט, אָדער דערציילט פאַר די קינדער זײַנע שיינע מעשיות פון אַמאָל, אָדער געזאָגט מוסר, פאַר וואָס זיי זײַנען ניט פרום, ווילן נישט גאָט דינען, פאַרלענגערן דערמיט דעם קץ, דורך זיי קומט ניט משיח און דורך זיי לײַדן נעבעך ייִדן אין גיהנם און טויזנטער־טויזנטער נשמות קאָנען ניט געלײַטערט ווערן... דאָס אַלצדינג האָבן די קינדער שוין געהערט וויפל מאָל אין חדר פון זייער רבין, אין דער היים פון דער באָבע מינדע און פון גלאַט ייִדן, וואָס האָבן ליב זאָגן מוסר און סטראַשען מיטן גיהנם, און דאָס אַלצדינג האָט זיך זיי שוין לאַנג צוגעגעסן. זיי איז געווען אַ סך מער אינטערעסאַנט צו זען די פּאָליטיקע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט דאָ בײַ זייער זיידן משה־יאָסיע מיט דער באָבע גיטל אין שטוב.

טאָג ווי נאַכט זײַנען דאָרטן געווען אינטריגעס מיט סודות, מיט שושקעריַיען מיט רכילותן. דער פֿעטער איציע מיט דער מומע סאָסיע האָבן געהאַלטן אין איין קלאָגן זיך אַף דער באָבע גיטל, אַז ס׳איז שווער באַ איר אַ גראָשן אַרויסצובאַקומען פֿון אונטער די קישנס, און אַפֿן זיידן, אַז ער איז שוין צו פֿרום, אַזוי פֿרום, אַז ער איז שוין עובר־בטל... „שוין צו אַלט" — האָבן זיי געטענהט שטילערהייט, מאָדנע דערבײַ געשמייכלט און צונויפֿגענומען די ליפּן... און די באָבע גיטל האָט זיך באַקלאָגט אַף איר שנור און אַף איר בן־יחיד, אַז זיי גיבן איר ניט אָפּ קיין כבוד, ווי אַ מאַמען, און אַז זיי קוקן שוין אַרויס — זי ווייס עס גאַנץ גוט, — זי זאָל צומאַכן מיט אַן אויג; אַף דער ירושה קוקן זיי אַרויס!... זיי אַף צו־להכעיס, וועט זי אָבער נאָך לעבן און לעבן, כאָטש דער טויט איז איר טויזנט מאָל מער ניחא, וואָרעם וואָס טויג איר דאָס לעבן, משטיינס געזאָגט, אַ קאַליקע, באַגראָבן אַזאַ טאָכטער, אַזאַ חיה־אסתּר, אַ מאַמע פֿון אַזוי פֿיל קינדער, ווינד איז איר און וויי!... מיט די אויסגעדרייטע עלנבויגנס קוועטשט זי אַרויס אַ טרער פֿון אירע סאַליע אויגן, רופֿט־צו די קינדער, שאַרט מיט די אויסגעדרייטע הענט אונטער די קישנס, נעמט־אַרויס און שענקט זיי איטלעכן באַזונדער אַ פּאָר גראָשנס. דערזעט דאָס די קליינע חווה־ליבע מיט די רויטע בעקלעך און מיט די קליינע ליפּעלעך און טראָגט עס אָפּ באַלד צו דער מומע סאָסיע. און די מומע סאָסיע גיט עס באַלד איבער דעם פֿעטער איציע, און ביידע שושקען זיי זיך, אַז די פּאָר אירע אײ ג ע נ ע קינדער זשאַלעוועט מען אַ קאָפּיקע, און די פֿ ר ע מ ד ע קינדער צעטיילט מען מאַיאָנטקעס גאַנצע!.. און די קינדער הערן דאָס, און עס גייט זיי ניט אײַן. עס שלאָגט זיי צו דער גאַל.

וואָס ווײַטער אַלץ ערגער. די קינדער פֿילן, אַז זיי זײַנען דאָ איבעריק. זיי זעען, ווי מע קוקט אַף זיי בעת זיי עסן, זיי הערן הינטער די פּלייצעס, אַז מע רעדט פֿון זייערע „אַפּעטיטלעך". עס שטעלט זיך זיי שוין דער ביסן אין האַלדז. עס איז זיי שוין דאָרט אַלצדינג נמאס און טריפֿה. זיי קוקן שוין אַרויס אַף אַ בריוול פֿונעם טאַטן, ווי אַף משיחן, — ווען וועלן זיי שוין פֿאָרן אַהיים?...

דער גוטער גאָט האָט זיי געהאָלפֿן, דאָס גוטע בריוול איז שוין דאָ: דורך אַ פּערעיאַסלאַווער בעל־עגלה אָנגעקומען מיט אַ צושריפֿט, אַז מיטן דאָזיקן בעל־עגלה טאַקע — ער הייסט נח — זאָלן די קינדער זיך אויפֿזעצן און פֿאָרן אַהיים. לאָזט זיך אויס, אַז דער בעל־עגלה איז טאַקע אַ בעל־עגלה מיט אַ בויד און מיט סוסים, ווי עס געהער צו זײַן, און הייסן הייסט ער טאַקע נח, כאָטש ער אַליין זאָגט אַף זיך, אַז ער הייסט רב נח; האָט ער אָבער אַ חסרון — ער איז אַ הייזעריקער און האָט אַ פֿליך. וואָלט דאָס אויך ניט אויסגעמאַכט. הייזעריק איז ער, זאָגט ער, געוואָרן פֿון שמחת־

תורה. היינטיקן שמחת־תורה האָט ער געטרונקען בראָנפן. דאָס הייסט, בראָנפן טרינקט ער אַלע מאָל. נאָר צוליב שמחת־תורה האָט ער געמאַכט גאָר־גאָר אַ היפּשע כוסה! אַ סברה, אַז מע האָט אים געמינטערט... און דאָס, וואָס ער האָט אַ פֿליך אָפּן קאָפּ, איז איבער דעם, וואָס קינדווייז פֿלעגט ער זיך ניט לאָזן ניט צוואָגן, ניט קעמען. געווען אַן עקשן. נאָר די אַלע זאַכן, זאָג איך נאָכאַמאָל, האָבן זיך מיט דער נסיעה גאָרניט אָנגע־קערט. געשאָדט האָט צו דער נסיעה אַן אַנדער זאַך: כאָטש נח איז גע־שיקט געוואָרן פֿון פּערעיאַסלאַוו קיין באָסלאַוו ספּעציעל, ער זאָל ברענגען צופֿירן פֿון דאָרטן נחום ראַבינאָוויטשעס קינדער, פֿונדעסטוועגן האָט ער ניט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון — טאָמער וועט אים גאָט צושיקן אַף צוריקוועגס כאָטש אַ פּאָר פֿאַרשווינדלעך, וועט דאָס זיין ווי געפֿונען. האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין מאַרק מיט דער בייטש אַ טאָג און צוויי און דריי, די פֿערדלעך האָבן געכראָמקעט דעם האָבער — און פֿאַר־שווינדלעך ניט אַ לעק! די קינדער איז דאָס וואַרטן געווען על אַפּם ועל חמתם! און אָט זאָגט מען זיי אָן די גוטע בשורה — זיי פֿאָרן! אַ סימן: נח האָט שוין אַפֿילו אַרויסגעקאַטשעט דעם וואָגן און שמירט שוין די רעדער. „איצט מעגן שוין קומען כל מלכי מזרח ומערב — פֿאַרפֿאַלן! איצט מעג מען אים אָנשיטן אָט אָ די בויד מיט גאָלד, ער זאָל בלייבן אַן איבעריקע שעה אין באָסלאַוו, מעג די שטאָט פֿאַרברענט ווערן, אָדער איינגעזונקען ווערן! אַז איר קענט ניט רב נחן!"... די קינדער כאַפּן זיך אַריין אין שטוב אַריין. זיי קלייבן זיך אין וועג אַריין, געזעגענען זיך אָפּ מיט די באָסלאַווער חברים, מיט דער אַלטער קלויז און מיטן געלן קלייזל און מיטן „ראָס" און מיטן זיידן און מיט דער באָבען. דער זיידע משה־יאָסיע בעת מעשה זאָגט זיי מוסר, פֿאַרשטייט זיך, און הייסט זיי זיין ער־לעכע ייִדן, און די באָבע גיטל ווישט די אויגן מיט אירע אויסגעדרייטע הענט. נאָר פֿונעם פֿעטער איציע מיט דער מומע סאָסיע הערן זיי אַ קאַלטן „פֿאָר־געזונט". די צוויי וואָלטן דווקא געווען צופֿרידן, וואָס די „פֿרעמדע קינדער" פֿאָרן אַוועק, איז זיי פֿאַרשטערט געווען די שמחה, וואָס ניט אַלע פֿאָרן זיי אַוועק. עס פֿאָרן נאָר די ייִנגלעך. די צוויי מיידלעך זיינען געבליבן אין באָסלאַוו. וואָס איז די מעשה? אַ פּראָסטע מעשה. די באָבע גיטל האָט געזאָגט: זי וועט זיי ניט לאָזן. זי וויל ניט, איר חיה־אסתרס קינדער זאָלן אַריינפֿאַלן צו אַ שטיפֿמאַמע.

טענהט דער פֿעטער איציע מיט אַ שמייכעלע, גלעט זיך די פּאות און קוקט אַף די קישנס, ווו עס ליגט דער באָבעס פֿאַרמעגן:

— נו, און אַז די ייִ נ ג ל ע ך פֿאַלן־אַריין צו אַ שטיפֿמאַמע, איז גוט? כאַ־כאַ!

— וואָס גלייכסטו ייִנגלעך צו מיידלעך? וואָס האָרכט אַ ייִנגל אַ

שטיפמאַמען? אַ ייִנגל גייט־אַוועק אויף אַ גאַנצן טאָג אין חדר אַרײַן. און אַ מיידל וואָס? אַ מיידל בלײַבט אין דער היים ניאַנטשען דער שטיפמאַמעס קינדער...

דער פעטער איציע איז מיט דעם נאָך אַלץ ניט באַפרידיקט. ער גלעט זיך די פאות, קוקט אויף די קישנס און שמייכלט און רעדט טיף דיפּלאָמאַטיש, קוים וואָס מע שטויסט זיך:

— און ווי וואָלט געווען, למשל, ווען אַלע קינדער זאָלן זײַן מיידלעך? כע־כע!

— וואָלט איך אַלע מיידלעך — ענטפערט אים די באָבע — געלאָזט באַ זיך.

דער פעטער איציע רעדט ווײַטער, נאָר אָן אַ שמייכעלע, און אַלץ פאַרשטעלט:

— ווי וואָלסטו גענומען געלט, למשל, אויף אויסצוהאַלטן אַזוי פיל מיידלעך? (שוין אָן אַ כע־כע).

— גאָט וואָלט מיר געהאָלפן, — ענטפערט די באָבע רויִק — אָט האָט דאָך מיר גאָט געהאָלפן אויסהאָדעווען אַזאַ קדיש ווי דו, וואָס קוקט־אַרויס אויף מײַן ירושה, האָט מורא, ס׳וועט אים ניט קלעקן...

— איציע! — רופט אים די מומע סאָסיע פון איר חדרל. — איציע! קום אַהער, איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן!...

די קינדער קוועלן־אָן פון דער באָבע גיטל, וואָס זי האָט אַזוי קונציק אָפּגעשניטן דעם פעטער איציע, און זײַנען זיך מחיה, וואָס זיי פאָרן שוין צוריק אַהיים.

אַביסל איז זיי נאָר אַרײַן אין נאָז דאָס וואָרט „שטיפמאַמע“, וואָס זיי האָבן דאָ דערהערט צום ערשטן מאָל. זיי ווילן, הייסט עס, האָבן אַ שטיפמאַמע? וואָס איז דאָס אַזעלכעס „שטיפמאַמע“? און מיט וואָס איז אַ שטיפמאַמע אַזוי ביטער, וואָס די באָבע גיטל האָט שוין באַצײַטנס אויף זיי רחמנות?... ס׳איז כדאי, כלעבן, אָנצוקוקן די שטיפמאַמע. ס׳איז כדאי שוין צו פאָרן אַהיים.

אַהיים! אַהיים! אַהיים!

פונעם יאַריד

לעבנס - באַשרײַבונגען

צווייט בוך

אינהאַלט:

45. אַ מענה־לשון פון אַ שטיפמאַמע — 183
46. אָפּן בענקעלע באַם טויער — 187
47. דער קאָלעקטאָר — 191
48. די גרעסטע אידעמס — 196
49. אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס — 200
50. גימנאַזיסטל סאָלאָמאָן — 205
51. „די פּענסיע" — 210
52. חבר אליע — 214
53. צווישן חזנים און כלי־זמרים — 220
54. לא תגנוב — 224
55. דעם חזנס מיידל — 232
56. שמחת תורה צו הקפות — 236
57. דער קריזיס — 242

דריטער טייל

58. ער גיט שטונדן — 249
59. אַן אידיליע — 253
60. די צעשטערטע האָפענונגען — 259
61. דער סוף פון דער אידיליע — 264
62. אַ האַלב יאָר נע־ונד — 268
63. ווידער אינדערהיים — 274
64. ער פאָרט אַף אַ רײַכער שטעלע — 278
65. אין חלום און אַף דער וואָר — 283
66. אַ מעשה מיט אַ זייגער — 286
67. אַ מלאך פון גאָט אינעם געשטאַלט פון אַ מענטשן — 291
68. אַן אומגעריכטער עקזאַמען — 296

69. א ייד א פּאָמעשטשיק — 300
70. דאָס לעבן אין דאָרף — 304
71. דאָדי דער עקאָנאָם — 309
72. דער פּריזיוו — 314
73. די מומע טויבע פון באַרדיטשעוו — 319
74. דער ערשטער אַרויספאָר — 324
75. פּראָטעקציעס — 330
76. קופּערניק — 336
77. א שטעלע פון א „סעקרעטאַר“ — 340
78. די „וויבאָרעס“ — 345

שלום-עליכמס אויטאָביאָגראַפישע פאַרצייכענונגען צוואה און עפּיטאַפיע

פון דער רעדאַקציע — 355
I. צו מיין ביאָגראַפיע — 356
II. — 361
די צוואה פון שלום עליכם — 369
די עפּיטאַפיע פון שלום-עליכם — 376

פון פאַרלאַג — 379
אינהאַלט פון „אַלע ווערק“ — 380

אַ מענה־לשון פון אַ שטיפמאַמע

אַ שטיפמאַמע. — קללות נאָכן אלף־בית. — דאָס ערשטע ווערק אַ לעקסיקאָן פון קללות.

וואָס האָבן די מענטשן אָנגעכאַפּט — „שטיפמאַמע”? ווערליק די קינדער האָבן זיך אָנגעהערט „שטיפמאַמע” און „שטיפמאַמע”, האָבן זיי געמעגט מיינען, אַז אַ שטיפמאַמע איז טאַקע באמת מיט הערנער. אַז אַף יעדן טריט און יעדן שריט האָט מען זיי געסטראַשעט מיט דער שטיפ־מאַמע: „וואַרט־אויס, שקצים, אָט וועט דער טאַטע אַרויספאָרן אַף דער וועלט און וועט אײַך ברענגען אַ שטיפמאַמע, וועט איר וויסן, וואָס פאַר אַ גאָט מיר האָבן!”... וואָס דאַרפט איר מער — טאָמער וואַרעמט די זון ניט אַזוי פויגלדיק, זאָגט מען: „די זון וואַרעמט, ווי אַ שטיפמאַמע”... עס מוז דאָך עפּעס זײַן אין דעם. אַ וועלט איז דען משוגע?

מיט אַ מאָל איז דער טאַטע נעלם געוואָרן. ס'איז אַוועק אַ וואָך, און אַ וואָך, און נאָך אַ וואָך. ווו איז אַהינגעקומען דער טאַטע? מע זאָגט ניט! עלטערע ריידן צווישן זיך, נאָר שטילערהייט, די קינדער זאָלן ניט הערן, און מער אָפּן ווונק. נאָר איין מאָל האָט אין חדר דער רבי זיך אַרויסגע־כאַפּט מיט אַ וואָרט. ער האָט אַ פרעג געגעבן בײַ די קינדער: „נישטאָ נאָך דער טאַטע פון באַרדיטשעוו?” צו דער דאָזיקער דיפּלאָמאַטישער פראַגע האָט די רביצין צוגעזעצט פון איר זײַט נאָך מער דיפּלאָמאַטיש: „וואָס־זשע? אַזוי גרינג קומט עס אָן אַן אַלמן אַראָפּצוברענגען אַ שטיפמאַמע פאַר די יתומים?”... ווייסן מיר שוין, הייסט עס, אַז דער טאַטע איז אין באַר־דיטשעוו, און אַז ער זוכט אַ שטיפמאַמע צו זײַנע קינדער. וואָס־זשע, פרעגט זיך, באַדאַרף מען זיך דאָ באַהאַלטן? וואָס איז דאָ דער סוד? והראיה: אַז ער האָט באַדאַרפט צו קומען אַהיים מיט דער סחורה פון באַרדיטשעוו, האָט ער פריִער צוגעשיקט אַ „שטאַפעט”, אַז גאָט האָט אים מזכה געווען זײַן גלײַכן, וואָס איז אַ מציאה אין אַלע אופנים, הן אין יחוס, הן אין געלט, און אַז ער וועט איינגיכן, אם ירצה השם, קומען מיט דער מציאה, און ער בעט, מע זאָל איר ניט זאָגן אַזוי גיך, וויפל קינדער ער האָט — צו וואָס זאָל זי דאָס וויסן מיטאַמאָל? מיט דער צײַט וועט זי דאָס אַליין געוווירע ווערן. סײַ־ווי־סײַ זײַנען ניט אַלע קינדער חל אַף איר: די עלטערע זײַנען דאָך עלטערע, און די צוויי מיידלעך — די זײַנען דאָך בײַ זייער באָבע. ער וואַשט זיך ניט אָפּ די הענט חלילה פון זיי. קינדער זײַנען קינדער. נאָר בײַ אָט אַזעלכע ביטערע אָבסטאָיאַטעלסטוועס איז געזינטער, אַז מע פאַרלייקנט עטלעכע קינדער אַף אַ קורצע צײַט. „יותר אין לחדש

רק חיים ושלום. השם יתברך זאָל העלפֿן, מע זאָל זיך זען אינגיכן בשלום. ממני..."

דער דאָזיקער בריוו וואָלט געמאַכט אַ גוטן אײַנדרוק, ווען נישט דער קנײטש מיט די קינדער. ערגער פֿון אַלץ איז דאָס געווען פֿאַר די קינדער גופֿא. אמת, זיי האָבן געפֿילט, אַז דער טאַטע האָט זיי ליב, אַז זיי זײַנען אים טײַער איטלעכס קינד באַזונדער, נאָר וואָס זיי זײַנען אויף אַ ווײַלע געוואָרן אַ מין קאָנטראַבאַנדע־סחורה — דאָס האָט זיי אַביסל אַ פֿאָרקע געגעבן און אַרויסגערופֿן מאָדנע מחשבות און געדאַנקען. אָבער ניט אויף לאַנג, וואָרעם אָט איז מען געקומען צו זיי אין חדר און מע האָט זיי אָנגעזאָגט אַ בשורה: „דער טאַטע איז געקומען און געבראַכט צו פֿירן פֿון באַרדיטשעוו אַ שטיפֿמאַמע". „מזל־טוב! — האָט זיך אַרײַנגעמישט די רביצין, — איר זאָלט דערלעבן אָנזאָגן בעסערע בשורות!"... און דער רבי האָט אָפּגעלאָזט די קינדער אַהיים פֿאַר דער צײַט.

געקומען אַהיים, האָבן די קינדער געטראָפֿן די גאַנצע משפּחה: דעם פֿעטער פּיניע מיט זײַנע זין, די מומע חנה מיט אירע טעכטער, אַלע אַרום טיש. מע האָט געטרונקען טיי, כלומרשט געגעסן לעקעך און אײַנגעמאַכטס און געריכערט פּאַפּיראָסן, און גערעדט פּוסטע רייד, וואָס אַ וואָרט צו אַ וואָרט האָט זיך ניט געקלעפּט, וואָרעם קיינער האָט נישט געהערט וואָס דער אַנדערער זאָגט. יעדער איז געווען אַרײַנגעטאָן אין זײַנע אייגענע געדאַנקען, און אַלע אינאיינעם האָבן געהאַלטן אין איין קוקן אויף דער שטיפֿמאַמע און אין איין באַטראַכטן און אָפּשאַצן די מציאה, וואָס דער טאַטע האָט אײַנגעהאַנדלט אין באַרדיטשעוו — און, דאַכט זיך, מע איז געווען צופֿרידן מיטן אָנקוק. אַ ייִדענע אַ בכבודע, ניט קיין נאַרישע, און דער עיקר — אַ ליבלעכע, אַ צוגעלאָזטע, אַ גוטע, אַ מענטש אָן אַ גאַל! הײַנט וואָס האָבן זיי דאָ געפֿילדערט, געמאַכט אָנשטעלן — „שטיפֿמאַמע"?...

ערשט העט־שפּעטער, אין אַ וואָך אַרום אָדער אין צוויי, האָט זיך די שטיפֿמאַמע אַרויסגעוויזן מיט איר היציקן טעמפּעראַמענט און קודם כּל אַרויס מיט איר שפּראַך, מיט איר אמת באַרדיטשעווער שטיפֿמאַמע־לשון, אַ שפּראַך אַ גלאַטע, אַ רײַכע, אַ בלומענדיקע. אויף איטלעכס וואָרט אַ קללה, און צום גראַם, און דווקא אין גוטן מוט. למשל: עסן — עסן זאָלן דיך ווערעם! טרינקען — טרינקען זאָלן דיך פּיאַווקעס! שרײַען — שרײַען זאָלסטו אויף די ציין! פֿאַרנייען — נייען זאָל מען אײַך תכריכים! גיין — גיין זאָלסטו אין דער ערד! שטיין — שטיין זאָלסטו פּראַווצעם! זיצן — זיצן זאָלט איר אין געהאַקטע ווונדן! ליגן — ליגן זאָלט איר אין דער ערד! ריידן — ריידן זאָלט איר פֿון היץ! שווײַגן — אַנטשוויגן זאָלט איר ווערן אויף אייביק! זאָגן — געזאָגט זאָל אײַך ווערן אַלדאָס בייז! האָבן —

האָבן זאָלסטו מכות בכורות! ניט האָבן — ניט האָבן זאָלסטו קיין גוטס וויַיל דו לעבסט! טראָגן — טראָגן זאָל דיך דער רוח אַף די פּלייצעס! אַריַינטראָגן זאָל מען דיך אַ קראַנקן! אַרויסטראָגן — אַרויסטראָגן זאָל מען דיך אַ טויטן! אַרומטראָגן — אַרומטראָגן זאָל מען דיך אַף די הענט! אַוועקטראָגן — אַוועקטראָגן זאָל מען דיך אַפן בית־עולם! צי, אַש־טייגער, למשל, נעמט אַזאַ אומשולדיק וואָרט, ווי שרײַבן? איז שרײַבן זאָל מען דיר רעצעפּטן! פאַרשרײַבן — פאַרשריבן זאָלסטו ווערן צום טויט! אָפּשרײַבן — אָפּשרײַבן זאָל מען דיך פון קדחת! אַרײַנשרײַבן — אַ משו־גענעם אויסמעקן און דיך אַרײַנשרײַבן!.. און אַמאָל איז זי געווען אויפ־געלייגט און אַ וואָרט האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט איר אין מויל אַרײַן — האָט זי עס געדרייט און געפלאָכטן און גע:אָסן זיך און געצויגן זיך, ווי אַ גור־טער בוימל, גאָר אָן אָפּשטעל, און אין איין אָטעם, ווי באַ אַ גוטן חזן די עשרת בני המן: „ס'זאָל דיך אָנכאַפּן, רבונו של עולם, אַ שטעכעניש און אַ ברעכעניש, אַ רײַסעניש און אַ בײַסעניש, אַ טריקעניש, אַ פאַרטרי־קעניש, אַן אויסטריקעניש, אַן אײַנטריקעניש, אַ דאַרעניש, אַ פאַרדאַרעניש, אַן אײַנדאַרעניש, אַ שרומפּעניש, אַן אײַנשרומפּעניש, ליבער גאָט! האַרצי־קער פאָטער, געטרײַער!"...

דער העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע איז זיך מודה, אַז אַ היפּש ביסל קללות און שלאָגווערטער אין זײַנע שפּעטערדיקע ווערק האָט ער גע־נאַשט פון דער שטיפמאַמע און פון איר מענה־לשון. נאָך גאָר־גאָר אין די יונגע יאָרן, ער האָט נאָך גאָרניט געוווּסט, וואָס שרײַבן באַטײַט, און האָט נאָך גאָר אפילו ניט געחלומט, אַז ער וועט אַמאָל זײַן אַ שרײַבער, האָט זיך אים, אַלס קוריאָז, פאַרוואָלט פאַרשרײַבן אַלע קללות, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פון זײַן שטיפמאַמע, צונויפזאַמלען זיי אינאײנעם, מאַכן אַ מין ווערטערביכל. האָט ער זיך ניט געפוילט, געזאַמלט און געזאַמלט, און אַז ער האָט זיי אָנגעזאַמלט אַ היפּש ביסל, האָט ער זיי גענומען סאָרטירן נאָכן אַלף־בית, אָפּגעשוויצט אַ פּאָר גוטע נעכט און צונויפגע־שטעלט אַ גאַנץ פײַנעם לעקסיקאָן, על־פּי אַלף־בית, וועלכער עס ווערט דאָ געגעבן נאָר אַפן זכרון:

א — אביון, אומגליק, אידיאָט, אייזל, אײַנגעזעסענע בריאה, אָפּגע־ריסענער נאַר, אשמדאי.

ב — באָלוואַן, באָדיונג, בטלן, בײַטלשנײַדער, בלינדערהאָץ, בעדער, בעזעם, בעטלער, בערנטרײַבער, בעל־עגלה, באַשעפעניש.

ג — גוי, גולם, גדלן, גזלן, גנב, געשלייערטע האָנזי.

ד — דאָנאָשטשיק, דבר־אחר, דלות, דערקאַטש.

ה — האָלעדראַנצעס, האָצמאַך, האָצעקלאָץ, הולטיי, הינט־שלעגער, הינקעדיקער שנײַדער, המן, הפקר־יונג.

ו — וואַנץ, וויסטע קאַליקע, וועוריק, ווערעמיקער, וצדקתך.

ז — זאַיִקע, זאַק פּאַלאַווע, זויערע קיסליצע, זומערפויגל, זויפער, זיצפליייש.

ט — טאַטער, טאַרבע, טויגעניכטס, טפּש, טערקישער פעפער, טריפה קישקע.

י — יאַטקעהונט, יונגאַטש, יורקע, ימח־שמוניק, ים־קאַטער.

כ — כזבן, כל־בוניק, כלב שבכלבים.

ל— לאַבוס, לאַבאַזניק, לאַדער, לא־יוצלח, לאַמטערנשיסער, ליגנער, למד־וואָווניק, ליידיקגייער.

מ — מאַלפּע, מאַמעטליווע בחור, מאַנדריש, נגיד, מלמד, משומד.

נ — נאַריש פּנים, נאַפּודעלע, נאַשער, נודניק, נבפּהניק.

ס — סאַוואָלע, סוואַלעטש, סווישטשון, סמאַרקאַטש.

ע — עזות־פּנים, עני ואביון, עפּוש, קעדיש, עקשן.

פּ — פּאַסקודניאַק, פּאַציראַנע, פּאַרטאַטש, פּארך, פּוסטעפּאַסניק, פּופּיק פּיפּערנאָטער, פּלעצל, פּעטעלעלע, פּעמפּיק, פּרא־אדם, פּריטשעפּע.

פֿ — פֿאַנפֿאַטש, פֿאַלשער מענטש, פֿאַרשלעפּטע קרענק, פֿוילאַק, פֿײַ־פֿער, פֿליאַסקעדריגע, פֿלאַכט, פֿלאַקנשיסער, פֿערדאַטש, פֿרעסער.

צ — צבועק, צדיק־אין פּעלץ, צורה־מלוכה, צלם־קאָפּ, צעבראַכענער שאַרבן, צרעת.

ק — קאַטאַרזשניק, קאַכלעפל, קאַליקע, קאַרטאָפלשלינגער, קאָרטנ־שפּילער, קאַפּעלושמאַכער, קבצן, קוימענקערער, קישקע אָן א־דנאָ, קלעק, קריכער, קשקשת.

ר — רויטער, רוצח, רכילותניק, רעטעך, רשע מרושע.

ש — שאַרלאַטאַן, שבת־גוי, שוטה בן פּיקהאַלץ, שוסטער, שייגעץ, שליאַטענטש, שיקסע, שלאַנג, שלים־מזל, שמאַטע, שמד־קאָפּ, שמינדער־בּגעץ, שמענדריק, שנויץ מיט ברויט, שקראַב.

ת — תרח.

דאָס איז געווען, קאָן מען זאָגן, דאָס ערשטע ווערק, וואָס דער קו־מענדיקער שלום־עליכם האָט פאַרפאַסט, און אַ נאָמען געגעבן האָט ער עס: „אַ מענה־לשון פון אַ שטיפמאַמע”... מיט דעם ווערק האָט זיך געטראָפן אַ מעשה, וואָס האָט זיך געקאָנט ענדיקן מיט גאָר אַ מיאוסער קאַטאַס־טראָפע.

מחמת עס האָט געמוזט זײַן אויסגעשטעלט שטרענג נאָכן אלף־בית, האָט דער פאַרפאַסער שטאַרק געשוויצט, עטלעכע מאָל איבערגעשריבן דאָס ווערטערבוך. האָט דער טאַטע, אַפּנים, באַמערקט, אַז דער חברה־מאַן אַר־בעט עפּעס זייער געשמאַק. איז ער אונטערגעגאַנגען איינמאָל באַנאַכט פון הינטן, אַרײַנגעקוקט אינעווייניק און אַ נעם געגעבן צו זיך דעם כתב־

יד און איבערגעליייענט פון אלף ביז תיו. און לאַ־די, וואָס ער האָט עס אַליין געלייענט, האָט ער עס נאָך דורכגעלייענט פאַר דער שטיפמאַמע. און עס איז געשען אַ נס: ס'איז שווער צו וויסן, צי ווייל ס'איז גראָד געווען אין אַ גוטער מינוט, ווען זי איז געווען אויפגעלייגט, צי ווייל זי האָט זיך געשעמט צו זײַן אין כעס, — נאָר ס'איז אָנגעפאַלן אַף איר אַ מאָדנער בייזער געלעכטער. יענע האָט אַזוי געלאַכט, אַזש געקוויטשעט, מע האָט געמיינט, אַז זי וועט דעם שלאָק באַקומען! מער פון אַלץ זײַנען איר געפעלן די ווערטער „פּופּיק" און „קשקשת". „פּופּיק" האָט בײַ איר געהייסן טאַקע דער העלד פון דער דאָזיקער באַשרײַבונג. און „קשקשת" (קאַשקעט) — מיט דעם נאָמען האָט זי געקרוינט אַן עלטערן בחור'ל דערפּאַר, וואָס ער האָט געטראָגן אַ נײַעם קאַשקעט.

נו, גייט זײַט אַ נביא, אַז ס'וועט זיך ענדיקן גאָר מיט אַ געלעכטער! אוודאי האָט דער מחבר פונעם לעקסיקאָן בײַ זיך אין האַרצן געבענטשט גומל, וואָס ס'האָט זיך אַזוי גוט אויסגעלאָזט.

46

אַפן בענקעלע באַם טויער

דער „אײַנפאָר". — דאָס פאַררופן אורחים. — ווידער חלומות וועגן אוצר.

ווייסט איר, וואָס הייסט אַן „אײַנפאָר"? — אַן „אײַנפאָר" איז ניט קיין אַכסניה און ניט קיין האָטעל, נאָר עפּעס אַזעלכעס, וואָס געפינט זיך צווישן די דאָזיקע צוויי מינים, אָדער —ביידע מינים אינאיינעם. די אַכסניה, אָדער דער טיפּ האָטעל, וואָס נחום ראַבינאָוויטש האָט געהאַלטן אין דער שטאָט פּערעיאַסלאַוו און געלעבט דערפון, איז געווען דער אמתער „אײַנפאָר". אַ גרויסער הויף מיט גרויסע חדרים מיט בעטלעך פאַר די אורחים. מייסטנס זײַנען אין די חדרים געשטאַנען צו עטלעכע בעטלעך, און דער אורח, וואָס איז פאַרפאָרן, האָט נאָר אָפּגעדונגען אַ בעטל, ניט קיין גאַנצן חדר. סײַדן אַ נגיד, אַן אָפּגעפּוצטער, אַ מיוחס. אַזעלכע זײַנען אָבער געווען זעלטן, און די האָבן געהייסן „פּעטע" אורחים. דאָס רוב אורחים זײַנען געווען „בעטלעך". די האָבן נישט באַדאַרפט באַזונדער קיין סאַמאָווארן מיט קיין באַדינערס. איין סאַמאָוואַר אַ גרויסער איז אַרײַנגע־טראָגן געוואָרן אין „זאַל", און יעדער פון די „בעטל־אורחים" האָט זיך געהאַט זײַן טשײַניק מיט זײַן ביסל טיי — גיסט אײַך, יידישע קינדער, און טרינקט אײַך וויפל אײַער האַרץ גלוסט!... אַ מחיה געווען אָנצוקוקן אײַנ־דערפּרי, אָדער אָפּדערנאַכט, בײַ ראַבינאָוויטשן אין אײַנפאָר. אַ גאַנץ בינטל

יִדן אַרום מיש, מע טרינקט און מע רעדט אַלע אינאיינעם און מע גרעגערט און מע רייבערט — דעם רויך כאַטש שנײַדט מיט אַ מעסער! און ריידן רעדט מען פֿון וואָס איר ווילט. דער רעדט פֿונעם יאַריד — אַ יאַריד־מענטש. דער רעדט פֿון ווייץ — אַ ייִד, וואָס האַנדלט מיט ברויט. דער רעדט פֿון דאָקטוירים — אַ ייִד אַ קראַנקער, וואָס הוסט. און דער רעדט גאָר פֿון חזנים — אַ ייִד, וואָס האָט ליב נגינה, און טוט אים עפּעס. און יענער זיצט זיך אין אַ ווינקל, שאָקלט זיך און דאַוונט דערווײַלע פֿון פֿאַרנט מיט אַ קול פֿון אַ נקבה. און דער בעל־הבית אַליין, רב נחום ראַבינאָוויטש, אַ ייִד, אַ חלוש, ווי אײַך איז שוין באַקאַנט, מיט אַ כאַלאַטל, מיט אַ קײַלעכיק יאַרמעלקעלע אַפֿן קאָפּ און מיט אַ גראָבן פּאַפּיראָס, זיצט צווישן די אורחים אויבנאָן, ווי אַ מלך, און הערט זיי אויס אַלעמען אין איין צײַט, אָבער נאָר מיט איין אויער, ווײַל מיטן אַנדערן אויער הערט ער זיך צו, אפֿשר ניט ווילנדיק, צו דער שטיפֿמאַמעס מענה־לשון, וואָס גיסט זיך אַזוי ווי בוימל און ציט זיך אַזוי ווי האָניק. דאָס רעכנט זי זיך מיט אירע שטיפֿקינדער אָפּן ניכטערן הארצן, טיילט זיי אויס ברכות יעדן באַזונדער מיט דער פֿולער האַנט. דערלאַנגט דעם אַ זעץ אין זײַט אַרײַן, דעם אַ סטוסאַק אין האַלדז־און־נאַקן, און יענעם איז זי מכבד מיטן רעכטן פֿוס אין בויך אַרײַן. זי וויל, אַז איינער זאָל גיין פֿאַרווייגן איר דאָס קינד, אַז דער אַנדערער זאָל גיין אין מאַרק אַרײַן איר העלפֿן טראָגן דעם קויש, און אַז דער דריטער זאָל גיין גלאַט אין דער ערד אַרײַן... און די קינדער פֿאָלגן, טוען אַלץ וואָס מע הייסט זיי, וואָרעם די צײַט איז שלעכט, פּרנסה איז געשלאָגן, אין חדר גייט מען נאָר אַ האַלבן טאָג, דעם אַנדערן האַלבן טאָג העלפֿט מען אוים דעם טאַטן ווי ווײַט מע קאָן. ווער אין שטוב אַרום די אורחים, און ווער אין דרויסן אָפּן בענקעלע באַם טויער — צו פֿאַררופֿן די דורכפֿאָרנדיקע בעלי־עגלות: „אהער פֿאַרפֿאָרט, אהער!"...

אוודאי איז אינדרויסן אָפּן בענקעלע באַם טויער שוין בעסער, ווי אויסצושטיין דעם הו־האַ, מיטן גיהנום, מיטן גלות־שטיפֿמאַמע אינעווייניק אין שטוב. דאָס זיצן באַם טויער אָפּן בענקעלע איז גאָר קיין אַרבעט ניט. דאָס איז אַ שפּילכל, אַ פֿאַרגעניגן. ווער שמועסט זומער, אַז די בעלי־עגלות פֿליִען מיט אַ הוק און מיט אַ פֿײַף און מיט אַ קנאַק. דאָס פֿאָרן זיי פֿונעם פֿאַראַכאָד מיט פֿאַרשווינדלעך, ווילן איבעריאָגן איינס דאָס אַנדערע, הייבן זיי אויף אַזאַ שטויב, אַז מע זעט ניט אַרום די פּאַסאַזשירן, וואָס פֿאַר אַ פּנים זיי האָבן. נאָר אַז אין וואָגן געפֿינען זיך פּאַסאַזשירן — דאָס זעט מען. און אַלע ייִנגלעך מיט אַלע משרתים פֿון די אײַנפֿאָר־הײַזער טוען זיך אַ לאָז אַקעגן דעם בעל־עגלה מיט אַ פֿרייִלעכן געפֿילדער: „אהער, פּעטער! אהער פֿאַרפֿאָרט!" און דער בעל־עגלה ענטפֿערט זיי אָפּ

מיט דער בייטש, פליט־דורך פארביי און ווערט פארשווונדן אינעם געדיכטן שטויב, לאזט־איבער די יינגלעך און די משרתים מיט א נאז.

דאס איז אבער נאר זומער־צייט, בעת נאוויגאציע, ווען דער דניעפער גייט. ווינטער, אז דער דניעפער שטעלט זיך אוועק, לעבט דער איינפאר פון אן אנדער סארט אורחים. ווינטער פארן אריין גרויסע בוכטעס, אדער בוידן, געפאקט מיט א מין סחורה, וואס איז איינגעוויקלט אין צינאוועס און שטינקט מיט טראן. דאס זיינען שוין ניט קיין אורחים אף צו עסן שבתים און פארנעמען בעטלעך. זיי זיינען ניט קליין צו ליגן אלע אינאיינעם אף דער ערד, אדער אין הויף בא די וועגן, און זיי גיבן צו לייזן נאר פאר היי און האבער. פון אזעלכע פארשוינען האט מען ווינציק נחת, און פרנסה נאך ווינציקער. הײַנט דאס זיצן אליין אפן בענקעלע באם טויער אפן פראסט איז אויך עפעס ניט אזוי זיס. דער העלד פון די דאזיקע באשרייבונגען געדענקט גאנץ גוט יענע צייט, ווען ער איז געזעסן אפן בענקעלע באם טויער. זומער אין דער גרעסטער היץ געבראטן זיך אף דער זון, און ווינטער אף דער קעלט געפרוירן ווי א הונט, איינגעהילט אין א צעריסן פעלצל מיט אזעלכע שטיוועלעך, וואס האבן זיך געבעטן צום שוסטער, און ער האט געקלאפט א פוס אן א פוס און ארויסגעקוקט, טאמער וועט זיך באווייזן א בעל־עגלה, אדער א בוכטע מיט אורחים, וועט ער אויפשטיין, זיך לאזן אקעגן: „אהער פארט! פארפארט אהער!" זיינען אבער בעלי־עגלות, ווי אף צו־להכעיס, דורכגעפלויגן פארביי און זיינען גאר פארפארן אין א צווייטן, א רייכערן איינפאר, טאקע אקעגן, צו ראובן יאסנעגראדסקי. דארט זיינען, זאגט מען, פאראן חדרים גרויסע, מיט ווייכע בענקלעך, מיט שפיגלען, מיט נאך און נאך זאכן, וואס די ראבינאוויטשעס פארמאגן דאס ניט. דערפאר איז דארט תמיד פול געפאקט מיט פעטע אורחים, און בא זיי, בא די ראבינאוויטשעס אין איינפאר, איז פוסט, כאטש הינט צו פארטרייבן. און דאס פארדריסט שלומען זייער שטארק — אף וועמען? אף גאט! פאר וואס האט גאט ניט געמאכט אזוי, אז ער זאל בעסער געבוירן ווערן בא ראובן יאסנעגראדסקי, איידער בא נחום ראבינאוויטשן פאר א זון?...

און ראובן יאסנעגראדסקי ווערט בא אים א סימבאל פון מזל, פון עשירות און פון אלדאס גוטס. און א סך פעטע אורחים ווערט בא אים א אידעאל, א צווייטער „אוצר", פון וועלכן ער חלומט אצינד, ווי ער האט געחלומט אמאל, אין שמואליקס צייטן. און עס שטעלט זיך אים פאר אין יעדן פורל, וואס פארט דורך פארביי, אז דאס פארט א בעל־עגלה מיט בכבודיקע פארשוינען, פעטע אורחים אין בערענע פעלצן. עס פארט־דורך דער בעל־עגלה אקוראט נעבן זייער איינפאר, און איידער שלום באוויזט ארויסצורייַדן דאס ווארט: „אהער!" האט דער בעל־עגלה שוין אליין אפ־

געשטעלט די פערדלעך: „טפררו!" — און עס קריכן ארויס פון דארטן איינס נאך דאס אנדערע די בכבודע פארשוינען אין זייערע בערענע פעלצן. און מע טראגט־אראפ נאך זיי געלע לעדערנע טשעמאדאנעס, אנגעפאקט מיט כל טוב, יעדער טשעמאדאן וועגט א פוד! און זיי מארשירן אריין אין שטוב אריין, און זיי הייסן זיך געבן איטלעכן באזונדער א נומער, און בעטן, מע זאל זיי דערלאנגען סאמאווארן, און הייסן קאכן וואַרעמעס און וועטשערע. און עס קומט־אריין צו זיי דער טאטע אין דער יארמעלקע, מיט א שמייכלענדיק פנים, און שטעקט זיי אפ א ברייטן שלום־עליכם און פרעגט זיי, צי רעכענען זיי דא שבת האלטן? צעלאכן זיי זיך און זאגן: „וואס עפעס איין שבת? פארוואס ניט דריי שבתים? און לאזן לאזט זיך אויס, אז דאס זיינען גאר סוחרים, וואס זיינען געקומען קויפן ווייץ, און בא קויפן ווייץ וועט דער טאטע קאנען כאפן א שיין פארדינסטל קאמיסיע, און טאקע פארוואס ניט אפלעקן א ביינדל?... אין דעם קומט־אן די שטיפמאמע, ארויפגעכאפט אף זיך די שבתדיקע זיידענע פעטשיילע; דאס פנים פלאקערט איר פאר פרייד, און זי קוקט מיט איין אויג אף די פעטע אורחים און טוט א פרעג שטילערהייט: „ווער האט דאס זיי געבראכט צו פירן?" „ס'איך האב זיי פאררופן, איך!" — ענטפערט איר שלום מיט גדלות, און איז גליקלעך מיטן ליגן, וואס ער האט דא נאר־וואס אפגעטאקט. גליקלעך, וואס אויך בא זיי וועט אמאל זיין א גוטער טאג, כאטש איין טאג א גוטער. און א שבת א גוטער — אך! וואס פאר א פריילעכער שבת בא זיי וועט זיין! און פאר וואס עפעס נאר איין שבת? פאר וואס ניט אלע דריי שבתים?...

דאס אלצדינג וואלט געווען זייער גוט, ווען ס'זאל ניט זיין קיין דמיון, קיין חלום. די דאזיקע פעטע אורחים אין די בערענע פעלצן מיט די געלע טשעמאדאנעס זיינען טאקע צוגעפארן און טאקע אפגעשטעלט זיך, נאר ניט בא זייער איינפאר — אקוראט אקעגן האבן זיי זיך אפגעשטעלט, בא ראובן יאסנעגראדסקים איינפאר... „אך! וואסערע שלעכטע, שלעכטע אורחים! וואס וואלט זיי געארט, זיי זאלן בעסער געווען פארפארן צו אונז?" — טראכט זיך דער שטענדיקער בעל־דמיון און קומט־אריין אין שטוב א דורכגעפרוירענער דורך און דורך, און טרעפט דעם טאטן אינעם קעצענעם כאלאטל, איינגעבויגן אין דרייען איבער א ספר, און די שטיפמאמע גליט ווי אף פאקן: „נישט געקומען קיינער? וואס וועט זי טאן מיטן ברויט, וואס זי האט אנגעבאקן, און מיט די פיש, וואס זי האט אנגעקאכט? כאטש נעם וואַרף זיי ארויס פאר די הינט! צי איר מיינט אפשר, אז ס'וועט זיין פון איינערטוועגן? — ווענדעט זי זיך צו די שטיפקינדער, — איר זיינט גאר נעבעך קראנק צו עסן אלטגעבאקן ברויט! ס'וועט זיך אייך אוודאי שטעלן פאפעריק אין האלדז, אדער אייער מאגן וועט עס

חלילה ניט פארדייען! א קליינינקייט, אזעלכע איבערגעוואשענע קינדער־לעך, א גאנצע כאליאסטרע, קיין עין־הרע, און אלע אזוי איידל געפאצקעט! מע האט זיי גאר ניט געקאנט איבערלאזן, ווי די מיידלעך, אין באסלאוו באם זיידן מיט דער באבע, זיי זאלן בעסער דארטן קרענקען, איידער נעמען זיי אהער, נעמען זאל אייך דער רוח, זיי זאלן העלפן עסן, עסן זאלן אייך ווערעם און טאטשען אייער לייב לעבעדיקערהייט, ס׳זאל פאלן פון אייך שטיקער, ווי סע פאלט פון מיר, אז עס קומט דער ווינטער, קומען זאל אף אייך אן אויסכאפעניש מיט אן איינדארעניש מיט אן איינשרומפעניש״...

דא גייט אוועק א באקאנטער מענה־לשון, און שלום דער בעל־חלומות פארגעסט, אז ס׳איז אים קאלט, און ער לויפט ארויס צוריק אף דער קעלט, צוריק צום טויער אפן בענקעלע. דארט איז בעסער. דארט קאן מען כאטש זיצן רויק און חלומען וועגן דעם, טאמער וועט גאט פארט צושיקן עפעס פעטע אורחים מיט בערענע פעלצן, מיט געלע לעדערנע טשעמאדאנעס, וואס וועלן זיך אפשר פארט אפשטעלן בא זיי אין איינפאר, ניט אקעגן בא ראובן יאסנעגראדסקי?... גאט, אז ער וויל, קאן ער!

47

דער קאלעקטאר

זאקסישע און ברוינשווייגער לאטעריי־צעטלען. — גרויסע האפענונגען, נישטיקע געווינסן. — ער שרייבט א ראמאן אפן שניט פון מאפוס „אהבת ציון“.

צו באוואונדערן, וואס פאר א שטארקער מענטש אט דער שוואכער ייִד, דער שטילער און פארטראכטער נחום ראבינאוויטש, האט באדארפט צו זיין, אז ער האט געקאנט אריבערטראגן דעם גלות פון דער שטיפמאמע, אויסהערן איר מענה־לשון מיט אירע ברכות, צוזען, ווי זי פייניקט זיינע קינדער, און נישט ארויסטרעטן מיט א ווארט אפילו! וואס דער מענטש האט איבערגעטראגן אינעווייניק בא זיך אין הארצן — קאן מען נישט ווייסן. ארויסבאוויזן האט ער עס אבער קיינמאל ניט און ארויסגעזאגט האט ער עס קיינעם ניט. און דערפאר, אפנים, האט זי געלייגט אף אים כבוד, געערט, רעספעקטירט, נישט באגאנגען זיך קעגן אים אזוי גראב, ווי צו זיינע קינדער, למשל, און געשעצט אים אזוי הויך, ווי ס׳איז נאר מעגלעך געווען פאר אזא ייִדענע, וואס האט אליין אויך קיין האניק ניט געלעקט, נעבעך גוט אויסגעריסן געווארן, געהארעוועט ווי אן אקס אף אזא גרויסער שטוב מיט א כאליאסטרע קינדער, אייגענע און פרעמדע.

און אפשר האָט זיך איר רעספּעקט גענומען דערפֿון, וואָס זי האָט געזען, מיט וואָס פֿאַר אַ כבוד מע האַלט איר מאַן אין שטאָט, כאָטש אַלע ווייסן, אַז ער איז ווײַט פֿון אַ נגיד, פֿאַרדינט קוים דאָס שטיקל ברויט. קיין נאַרישע ייִדענע, ווי געזאָגט, איז זי ניט געווען, נאָר אַ פֿאַרביטערטע נשמה, נישט קיין אײַנגעהאַלטענע בשעת כעס און בטבע אַן אָפּנטלעכער מענטש: וואָס אױף דער לונג, דאָס אױף דער צונג. דערפֿאַר, וואָס דער טאַטע האָט איר קיינמאָל ניט געשטערט אין איר מענה־לשון, האָט זי אים ניט געשטערט אין זײַנע זאַכן — אַרײַנקוקן אין אַ בוך, שפּילן אַ שאָך אָדער אַזוי פֿאַרברענגען מיט אַ מענטשן. און די מענטשן, מיט וועלכע דער טאַטע האָט פֿאַרבראַכט, זײַנען געווען לויטער משׂכּילים, אויפֿגעקלערטע יונגעלײַט און גלאַט „קאָמפּמענטשן", מע קאָן זאָגן, די סמעטענע פֿון דער דעמאָלטיקער שטאָט־אינטעליגענץ. דאָס איז געווען אַ גאַנץ בינטל משׂכּילים, וואָס פֿאַרדינען אויסגערעכנט צו ווערן בײַ די נעמען און אָפּגעמאָלט צו ווערן, ווי זיי שטייען און גייען, מיט זייער גאַנצער פּיגור.

דער ערשטער באַדאַרף באַשריבן ווערן „דער קאָלעקטאָר", אַ ייִד אַ בעל־בשׂר, אַ שווערער ייִד, נאָר אַ „קאָמפּמענטש" און — ווי מע האָט אונטערגעשמועסט — אַ שטיקל אַפּיקורס, כאָטש ער האָט געטראָגן אַ לאַנגע קאַפּאָטע און געדיכטע פּאות. נחום ראַבינאָוויטש האָט געזאָגט אױף אים, אַז דער ייִד איז „עמוק" און אַז ער „ווייס אַ שׂכל". גאַנצע טעג האָבן זיי געקאָנט אַוועקזיצן אינצווייען און ריידן אָן אַ שיעור. פֿון וואַנען האָט זיך גענומען בײַ זיי אַזוי פֿיל רייד? אָפּטמאָל פֿלעגט דער קאָלעקטאָר קומען מיט אַ ביכל, אָפּטמאָל נעמען אַ ביכל. בײַ דער שטיפֿמאַמע האָט ער געהאַט אַ צונעמעניש: „דער קאָלטון" — דערפֿאַר, וואָס ער האָט געהאַט אַ קאָלטונעוואַטע באָרד. נאָר אין שטאָט האָט ער געהייסן „דער קאָלעקטאָר". געהאַנדלט מיט צעטלען, זאַקסישע און ברוינשווײַגער צעטלען. געטראָגן האָט ער שוואַרצע ברילן (געהאַט קאַליע אויגן), זומער און ווינטער איז ער געגאַנגען אין טיפֿע קאַלאָשן. קיין שטיוול ניט, נאָר קאַלאָשן, ווײַסע זאָקן און קאַלאָשן. אַ גרויסער אביון, נאָר אַ מוראַדיקער בעל־בטחון. געווען זיכער, אַז זײַנע קונדן מוזן אַמאָל אויסנעמען דאָס גרויסע געווינס, און דורך דעם וועט ער שוין אַליין אויך געהאָלפֿן ווערן. און געווינען, האָט ער געזאָגט, וועט ניט קיין אַנדערער, נאָר נחום ראַבינאָוויטש. ער איז אים מבֿטיח, וואָרעם קיינער באַדאַרף ניט אַזוי נייטיק דאָס גרויסע געווינס, האָט ער געזאָגט מיט אַ טעם, ווי רב נחום ראַבינאָוויטש... עס קאָן זײַן, אַז דאָס אייגענע האָט ער מבֿטיח געווען אויך זײַנע אַנדערע קונדן. ער האָט זיי געהאַט אַ סך, כמעט די גאַנצע שטאָט ייִדן האָבן געשפּילט לאָטעריי. נאָר נחום ראַבינאָוויטש האָט אין אים געגלייבט, ווי אין אַ רבין, און גלײַך מיט אים אַרויסגעקוקט אױפֿן גרויסן געווינס, ווי

אַף משיחן, געזיפצט און געבענקט און געוואַרט, אַז אָט־אָט קומט דער קאָלעקטאָר מיט דער גוטער בשורה: „מזל־טוב, רב נחום, איר האָט גע־וווּנען די פינף און צוואַנציק טויזנט"...

דער העלד פון דער באַשרײַבונג געדענקט, אַז אַלע מאָל, ווען ס'האָט געהאַלטן באַ דער לעצטער ציִונג פון דער לעצטער קלאַס, האָט דער טאַטע ניט געקאָנט אײַנזיצן אַף אַן אָרט, געזיפצט מער ווי אַלע מאָל, שטאַרק געגנעצט און געצויגן זיך, ווי אין אַ פיבער. גלײַך מיטן טאַטן האָט אויך שלום געפיבערט און אַרויסגעקוקט אַף דעם גליקלעכן טאָג, אפשר נאָך מער ווי דער טאַטע. ער איז געווען זיכער, אַז ניט קיינער, נאָר זײַן טאַטע איז דער קאַנדידאַט אַפן גרויסן געווינס. דאָ האָט זיך איבערגעחזרט ווידער אַמאָל דער אוצר פון זײַן חבר שמואליק. ער האָט געטראַכט וועגן דעם גאַנצע טעג. ער האָט געקאָנט אויסווייניק די נומערן פונעם טאַטנס צעט־לען. ער האָט זיי געזען אין חלום. ער האָט זיך גאָרניט געקאָנט פאָר־שטעלן, אַז גאָט זאָל זײַן אַזאַ שלעכטער. וואָס וועט אים אַרן, דעם רבונו־של־עולם, אַז ס'וועט אַרויס דעם טאַטנס נומער? דאָס איז דאָך שוין באַ גאָט אַזוי גרינג, וואָס גרינגער קאָן שוין גאָר ניט זײַן...

שלום, זיצנדיק אין דרויסן אַפן בענקעלע באַם טויער, דערזעט פון ווײַטן דעם קאָלעקטאָר, ווי ער שפּרײַזט מיט די טיפע קאַלאָשן גלײַך צו זיי, — לויפט ער אָנזאָגן דעם טאַטן אַ בשורה: „ער גייט!" — „ווער?" — „דער קאָלעקטאָר". — „און אַז דער קאָלעקטאָר, איז וואָס?" — „וואָס הייסט? הײַנט איז דאָך דער לעצטער טאָג פון דער ציִונג!"...

אַזוי זאָגט שלום צום טאַטן, און ער באַמערקט, ווי דעם טאַטנס געל־געקנייטשט פּנים איז בלאַס געוואָרן. אין זײַנע פאַרזאָרגטע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ פײַערל און איז באַלד פאַרלאָשן געוואָרן.

דער קאָלעקטאָר קומט־אַרײַן אַ פאַרסאָפּעטער — ער האָט אַן אַסטמאַ. „באַ אים בלײַב עס", זאָגט די שטיפמאַמע. מוז ער פריִער איבערכאַפּן דעם אָטעם און זאָגט אַ גוט־מאָרגן. דער טאַטע פרעגט נישט באַ אים גאָרנישט. ס'זאָל עפּעס זײַן, וואָלט ער דאָך אַליין געזאָגט... יענער זעצט זיך אַוועק, פאַרשאַרט דאָס היטל, ווישט זיך מיט דער פּאָלע דעם פאַרשוויצטן שטערן און דערציילט אַ נײַס, אַז ס'איז הייס מיט סכנת־נפשות! ממש עס ברענט! עס ברענט!.. אַ פּויזע. ביידע שווײַגן. דערנאָך בינדט ער אויף די פּעַ־טשיילע, אַ פאַרסמאָלצעוועטע, אַ רויטע, מיט גרינע פּליאַמעס און שמעקט מיט הערינג. דאָרט ליגן באַ אים אַלע לאָטעריי־צעטלען. ער נעמט־אַרויס מיט ציטערדיקע באַוואַקסענע הענט אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר מיט אַ סך ציפערן פון אויבן ביז אַראָפּ, זוכט און זוכט מיט די שוואַרצע ברילן. שאַט! ער האָט געפונען! ער שטעלט־אָן די שוואַרצע ברילן אַפן טאַטן:

— אײַער נומער, רב נחום, איז, דאַכט זיך, אויב איך האָב קיין טעות ניט, זעכצן טויזנט דרײַ הונדערט פיר און אַכציק?

— איך פאַרשטיי ניט, וואָס איר פרעגט בא מיר, — ענטפערט אים דער טאַטע מיט א שמייכל, — מיר דאַכט, אז איר האָט א גוטן זכרון: איר ווייסט אַלעמענס נומערן אַף אויסווייניק.

— אַף אויסווייניק — זאָגט איר? סע קאָן זיין. הכלל, זעכצן טויזנט, זאָגט איר, דריי הונדערט מיט פיר און אכציק.

ער קוקט דורך די שוואַרצע ברילן און טאַפּט מיט די פינגער אינעם ציפּערדיקן פּאַפּיר. שלום פילט, אַז אָט־אָט שפּרינגט אים אַרויס דאָס האַרץ. נו? לאָמיר שוין הערן!... נאָר דער קאָלעקטאָר האָט צייט. ער רעדט זיך פּאַוואָליע:

— אייער נומער, רב נחום, האָט געוווּנען... יאָ, ער האָט געוווּנען...

שלום זעט, ווי אַפּן טאַטנס פּנים פליט דורך א גאַל כמאַרעלע און ווערט פאַרשווּנדן. און אליין גלוסט זיך אים אויסשרייען מיט א קוויטש: קוקוריקו! — נאָר ער האַלט זיך איין און שלינגט איטלעכס וואָרט, וואָס גייט־אַרויס פונעם קאָלעקטאָרס מויל:

— געוווּנען... אָבער א קליין געווינסל. גאָר א קליין געווינסל! עס וועט זיך אָננעמען, אחר נכיון פּעט און כל ההוצאות, אזוי גרויס... אזוי גרויס...

דער קליינער חלשט שיער!

— אזוי גרויס, ווי אכט רובל מיט זעכציק. קומט פון אייך, אַפּנים, אויב איך בין מיך ניט טועה, צוועלף מיט פופציק, און פון פריער, אויב איר געדענקט, דריי מיט אכציק. האָבן מיר, הייסט עס, א קיימא־לן פון זעכצן מיט דרייסיק? נמצא, אַז איר בלייבט מיר שולדיק אַף להבא אזוי גרויס, אַפּנים, ווי זיבן מיט זיבעציק. האַ? איז דאָס אזוי, צי ניין? אצינד ווילט איר דאָך מסתמא א ניי צעטל? ווער איך אייך געבן. נעמט, רב נחום, קלייבט אייך אויס א נומער. היינטיקס מאָל, אם ירצה השם, וועט איר שוין געווים געווינען. דאָס איז אזוי זיכער, הערט איר, ווי מיר האָבן היינט יום גימל אַף דער גאַנצער וועלט! שוין? האָט איר שוין אויסגעקליבן? וואָס פאַר א נומער? אכט טויזנט זעקס הונדערט דרייצן? לאָז גאָט געבן מיט גליק, אין א גוטער שעה זאָל זיין!... וואָס קוקסטו זיך אזוי איין, — זאָגט ער צו שלומען — דו קונדאָס איינער? (א קוועטש דעם „אַס“). ווי האַלסטו אינעם „שירי־תפארת“, דו שייגאָץ איינער? (א קוועטש דעם אַץ“).

דער „שירי־תפארת“ פון נפתלי וויזעל — דאָס איז א ביכל, וואָס דער קאָלעקטאָר האָט געהאַט געבראַכט צו טראָגן דעם „שייגאָץ“, ער זאָל לייענען, מיט נאָך ביכלעך פון אָדם הכהן לעבענזאָן און פון קלמן שולמאַן און פון רב יצחק בער לעווינזאָן. און דער שייגאָץ (שלום) האָט זיי גע־שלונגען, זיצנדיק אין דרויסן אַפּן בענקעלע באַם טויער. און דער טאַטע

האָט אָנגעקוואָלן, וואָס זײַן זון לייענט שוין אַזעלכע ביכלעך, און געפרעגט באַ אים, צי פאַרשטייט ער כאָטש וואָס ער לייענט? שעמט זיך שלום זאָגן, אַז ער פאַרשטייט, וואָרעם ווי אַזוי רעדט מען דאָס מיט אַ טאַטן? ענטפערט פאַר אים דער קאַלעקטאָר, אַז ער פאַרשטייט זייער גוט, דער „שייגאַץ", פאַר וואָס זאָל ער ניט פאַרשטיין? זעט איר, מאַפּו און סמאָלענסקין איז פאַר אים נאָך אַ ביסל פרי, פאַר אַזאַ ווערוריק, נאָך צו פרי! — אַזוי לאָזט אויס דער קאַלעקטאָר, און מהאי טעמא, ווײַל דער קאַלעקטאָר האָט געזאָגט, אַז ס'איז נאָך צו פרי, האָט דער ווערוריק באַקומען ערשט רעכט חשק צו אָט די דאָזיקע ביכלעך, און ער האָט בגנבה זיך צוגעכאַפּט צו מאַפּון און צו סמאָלענסקינען און אַ נאַש געגעבן בסוד, אַז קיינער זאָל ניט זען, אַביסל מאַפּו און אַביסל סמאָלענסקין.

דאָס ערשטע, וואָס איז אים געקומען צו דער האַנט, איז געווען דער ערשטער ייִדישער ראָמאַן „אהבת ציון" פון אברהם מאַפּו. מאַפּוס „אהבת ציון" האָט ער אײַנגעשלונגען אין איין שבת, פון אָנהייב ביזן סוף, ליגנדיק אַפן בוידעם און ברענענדיק ווי אַ שטרויענער דאַך. ער האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן אַפן אומגליקלעכן אמנון, געוויינט און געכלי־פּעט! און האָט זיך שטרעבלעך פאַרליבט אין דער שיינער געטלעכער תמרן גלײַך מיט דעם העלד פונעם ראָמאַן, מיט אמנונען, אויב ניט מער נאָך פון אמנונען, געזען זי אין חלום און גערעדט מיט איר אַף שיר־השירים־שפּראַך, אַרומגענומען זי און געהאַלדזט זי און געקושט זי...

— — — — — — — — — — — — — —

אַף מאָרגן איז דער פאַרליבטער שלום אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען, ווי אַ שאָטן, מיט אַ מוראַדיקן קאַפּווייטיק, פאַרלוירן דעם אַפּעטיט צום עסן, אָבער טאַקע לחלוטין, — וואָס ס'איז געווען פאַר דער שטיפמאַמע אַ רעטעניש: „געפּגרט אַ בער אין וואַלד! ניט אַנדערש!" — אַזוי האָט די שטיפמאַמע געזאָגט און גענומען נאָכקוקן און נאָכפאָרשן, וואָס איז די מעשה, וואָס דער בחור האָט אויפגעהערט צו עסן?...

דער סוף פונעם „אהבת ציון" איז געווען אָט וואָס פאַר אַ סוף. פון די אורחים, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט באַ זיי אין אײַנפאָר, זײַנען אַרײַנגעפאַלן אים אָפטמאָל עטליכע גראָשנס פאַר פאָלגן אַ גאַנג. אָט די גראָשנס האָט שלום אויסגעגעבן אַף פּאַפּיר, צונויפגענייט דאָס פּאַפּיר אין אַ ביכל, צעווירעט אַלע בלעטלעך פוןביידע זײַטן, און האָט זיך אוועקגעזעצט צו דער אַרבעט — שרײַבן אַ ראָמאַן אַפן שניט פון מאַפּוס „אהבת ציון", אַז אייגענעם ראָמאַן, נאָכגעגאַנגען מאַפּון פיס־טריט, מיטן לשון און מיטן סטיל און מיטן גאַנצן פּלאַן, נאָר אונטער אַן אַנדער נאָמען: ניט „אהבת

ציון״, נאָר „בת־ציון״, און די העלדן האָבן ניט געהייסן ניט אמנון און ניט תמר, נאָר שלמה און שולמית. און אַזוי ווי באַטאָג איז ניט געווען קיין סך צייט צו שרייבן — אַ האַלבן טאָג דאַרף מען גיין אין חדר און אַ האַלבן טאָג העלפן אין אײַנפאָר, — לכן האָט ער געמיינט אויסנוצן דערצו אויך די נאַכט, אָוועקגעזעצט זיך בײַ אַ לאָמפּ און געשריבן מיט קליינע אותיותלעך, און געשריבן און געשריבן, ביז... ביז די שטיפמאַמע האָט דערהערט, סע סקריפּעט עפּעס, און דערזען, אַז עס לײַכט זיך, האָט זי זיך ניט געפּוילט און איז אַראָפּ פון בעט אַ באָרוועסע, זיך אונטערגעגנ־בהט און דערזען דעם חברה־מאַן זיצן און שרײַבן, האָט זי אויפגעהויבן אַזאַ גוואַלד, אַז די גאַנצע שטוב האָט זיך אויפגעכאַפּט אין איין שרעק, געמיינט, אַז סע ברענט. דער גאַנצער גוואַלד איז אָבער געווען נאָר איבערן קעראָסין, וואָס איז אויסגעברענט. „גאַז וועלן זיי ברענען, ברענען און שרפהנען זאָלט איר, ליבער גאָט! אַ מיתה משונה! אַ חלירע! אַ שרפה! אַ מגפה!״...

אַוודאי האָט דער טאַטע דעם ניט־געענדיקטן ראָמאַן „בת־ציון״ צוגע־נומען צו זיך, אינאיינעם מיטן געגנבהטן „אהבת ציון״, און דער מחבר פון דער „בת־ציון״ האָט שוין געוואַרט אויף אַ רעכטן פּסק. צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז דער טאַטע האָט דעם „בת־ציון״ באַוויזן, צום אַלעם ערשטן, דעם קאָלעקטאָר. האָט דער קאָלעקטאָר זיך גאָר ניט געקאָנט אָנקוקן אינעם כתב און אינעם לשון און אין דער מליצה! און ער האָט געשענקט דעם „קונדאַס״ אַזאַ קניפּ אין באַק, אַז ס׳איז געבליבן שטיין אַ בלויער סימן.

— איר ווייסט גאָר ניט, רב נחום, וואָס פאַר אַ פרי דאָס איז! שטראָף מיך גאָט, אויב איר ווייסט! פון אים וועט עפּעס אויסוואַקסן! אָט וועט איר זען, וואָס פון אים וועט אויסוואַקסן!... קום נאָר אַהער, דו שייגעץ איינער, לאָם איך דיר שענקען כאַטש נאָך אַ רעכטן קניפּ אין דײַנע רויטע פּאַמ־פּעשקעס, אַ רוח אין דײַן פּאַרנט און מיטן אַרײַן!

48

די געראָטענע איידעמס

דער „מיראַוואַי סודיאַ״, אַ גוי, זאָגט מוסר די אידן. — לייזער־יאָסל און מאַגידאָוו — צאַצקעוואַטע איידעמס. — טויזנט בלאַט גמרא אויסוויינציק.

נאָכן „קאָלעקטאָר״ זײַנען אָפּטע אַרײַנגייערס צו נחום ראַבינאָוויטשן געווען די „געראָטענע איידעמס״, די אמתע זײַדענע יונגעלײַט, די צאַצקעס, די אינטעליגענטע פון שטאָט.

איטלעכע שטאָט מיט אירע השגות און מיט אירע מאָדעס. אין פּערעיאַסלאַוו איז געווען אין יענער צײַט אַ מאָדע — אײדעמס. באַ די דאָרטיקע בעלי־בתים איז דאָס געווען אַ מין ספּאָרט, וואָס מע האָט זיך דערויף אויסגעבראַכט, זיך געלאָזט קאָסטן געלט, אַבי צו קריגן אַ רעכטן אײדעם. באַצויגן האָט מען די סחורה, מײנסטנס, פֿון דער פֿרעמד. זעלטן ווער עס האָט אַ שידוך געטאָן אינדערהיים. סײַדן אַזעלכער, וואָס האָט ניט צו באַצאָלן. ווער אָבער עס האָט געקאָנט און געוואָלט געבן נדן, דער האָט זיך געבראַכט צו פֿירן פֿון דער ליטע אָדער פֿון פּױלן אַן אײדעמל אַ צאַצקע, יעדער נאָך זײַן גוסט, נאָך זײַן פּאַסאַן, נאָך זײַן השגה און נאָך זײַן פֿאַרמעגן.

למשל, דער פֿעטער פּיניע האָט זיך געבראַכט אַן אײדעמל דווקא ניט פֿון ווײַט, פֿון לובען, אַ יונגערמאַן אַ בן־תּורה, אַ רוחניות, וואָס האָט ניט געוווּסט קײן צורת מטבע. די מומע חנה פֿאַר איר שײנער טאָכטער האָט אַראָפּגעבראַכט אַן אײדעם פֿון יאַגאָטין, אַ פֿאַרשוין, וואָס מע האָט געמעגט אים אָנקוקן אױף בילעטן! ניט קײן איבעריקער חכם און ניט קײן גרויסער למדן, דערפֿאַר אַ פֿאַרשוין! שבת נאָך דער חתונה, אַז מע האָט געפֿירט דאָס פּאָרל אין שול און פֿון שול, האָבן ייִדן און ווײַבער זיך געשטופּט קאָפּ אױף קאָפּ, אײַנגעקוקט זיך און באַוווּנדערט און געשאַצט, ווער פֿון די צוויי איז שענער? און דווקא הויך אױף אַ קול. אײניקע האָבן געזאָגט, אַז ז י איז שענער, אַנדערע האָבן געדרונגען, אַז ע ר איז שענער. דער „ער" מיט דער „זי" האָבן דאָס בײדע געהערט, זיך פֿאַררויטלט און דערפֿון געוואָרן נאָך שענער. מער האָבן די עלטערן נישט געדאַרפֿט, אַבי זײ האָבן אויסגענומען, זײער סחורה איז געפֿעלן, און די שטאָט רעדט פֿון זײ. וואָס נאָך דאַרף מען האָבן צו פּאָפּולאַריטעט?...

אָפּטמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז מע האָט זיך געשלאָגן פֿאַר אײדעמס. דאָס הייסט, מע מײנט ניט, חלילה, זיך געשלאָגן מיט שטעקנס. געשלאָגן הייסט — מחותּנים האָבן זיך געקריגט און געזידלט, ווער עס האָט אַ שענערן אײדעם. מחותּנתטעס האָבן זיך געשטעלט פּײַגן, און עס איז טאָקע דערגאַנגען אַמאָל צו פּעטש אויך, און ראַמאַנאַווסקי דער „מיראָוואָי סודיאַ", אַ גוי אַ חרוץ, וואָס פֿאַרשטייט ייִדיש, האָט זײ געזאָגט מוסר... פּאָרט אַ גוי! ווי קאָן אַ גוי פֿאַרשטיין דעם תּענוג פֿון פֿירן אַן אײדעם שבת אין שול אַרײַן, אָוועקזעצן אים אין זײַנע נײַע בגדים פֿון קאָפּ ביז פֿיס גאַנץ אויבנאָן אין מזרח, אױף דער אויסשטעלונג, אים אָפּגעבן מפֿטיר, און ער זאָל אַרויפֿגיין אױף דער בימה און אָפּקלינגען אַ הפֿטרהלע, אַז ס'זאָל קנאַקן, און די ווײַבער פֿון עזרת־נשים זאָלן זיך שטופּן דורך די פֿענצטערלעך: „ווו איז ער? ווו?"... ניין, דאָס וועט אַ גוי קײנמאָל ניט פֿאַרשטיין, ער מעג זײַן דער גרעסטער חכם אין דער וועלט!

מעריסטנטיילס אָבער איז דער דאָזיקער אַרטיקל געווען אַזאַ מין, וואָס ווערט גיך אָפּגענוצט, טוט אַ גלאַנץ און ווערט וואָכעדיק, ווי יעדער מין סחורה, וואָס הייבט־אָן ווערן אַלט, אָדער גייט־אַרויס פון דער מאָדע. אַ יאָר, צוויי יאָר — און דער געוועזענער איידעם, די צאַצקע, דער נעכטי־קער פּרינץ, ווערט אַ ייִד גלײַך מיט אַלע ייִדן, עס הייבט זיך אים אָן אויס־שיטן אַ בערדל, און ס'איז צו זען, ווי ער הייבט־אָן צו טראָגן אויף זיך דער עול פון פּרנסה. אַ רחמנות צו קוקן, ווי אַזוי דער געוועזענער איי־דעם, דער נעכטיקער פּרינץ, וואָס איז, דאַכט זיך, ערשט פאַראַכטאָגען שבת געשטאַנען אין בית־מדרש אין מזרח אויף דער אויסשטעלונג, האָט אָפּגעטראָטן מחילה דעם אויבנאָן אַ נײַעם איידעם אַ צאַצקע, אַ נײַעם פּרינץ, און ער קוקט אויף אים און איז אים מקנא, און זײַן יונג ווײַבל, וואָס איז ערשט אָט דאָ ניט לאַנג געווען אַ קעניגין, שטופּט זיך מיט אַלע ווײַ־בער גלײַך פון עזרת־נשים אַהין, צום פענצטערל: „ווו איז ער? ווו?"... אָט אַזוי איז אַלצדינג אויף דער וועלט. מיר וואָלטן דאָ באַדאַרפט זאָגן: דור הולך ודור בא, און עס וואָלט געווען אַ יושר אַרײַנ־צולאָזן זיך אַביסל אין לעבנס־פילאָזאָפיע, נאָר מיר האַלטן בײַ די גראָ־טענע איידעמס, גייען מיר דעריבער אונדזער וועג.

צוויי אַזעלכע געראָטענע איידעמס זײַנען געווען, קאָן מען זאָגן, אַן אויסנאַם פונעם כּלל איידעמס, און זיי זײַנען דעריבער פאַרבליבן אין דער שטאָט פּערעיאַסלאַוו מיטן גאַנצן גלאַנץ אויף אַ לאַנגער־לאַנגער צײַט נאָך זייער חתונה, ניט אָפּגעבליאַקעוועט, ווי אַלע אַנדערע איידעמס, און ניט אַרויס אַזוי גיך פון דער מאָדע. איינער האָט געהייסן לייזער־יאָסל, דער אַנ־דערער — מאַגידאָוו. דעם ערשטן האָט אַראָפּגעבראַכט פון קאָרסון אַ נגיד אַ לעדער־הענדלער, וואָס האָט געהאַט נישט קיין איבעריק שיינע טאָכ־טער און האָט אָבער געקאָנט רעכט באַצאָלן. דעם אַנדערן האָט אויסגע־שריבן פון דער ליטע ערגעץ אַ נגיד אַ ליווועראַנט, וואָס שטעלט־צו פערד אין „קאַזנאַ", אים געגעבן ביידע זאַכן: אי אַ שיינע טאָכטער, אַ געזונטע שטיק, אי היפּשלעך נדן, אַ חוץ מתנות און קעסט און וואָס איר ווילט. און אַז מע האָט זיי אַראָפּגעבראַכט, האָט געקלונגען די שטאָט, ממש גע־גאַנגען „כאָדאָראָם"! חתונות זײַנען געווען אַזעלכע, וואָס ליגן עד־היום אין טעם און זײַנען אַ לאַנגע צײַט ניט פאַרגעסן געוואָרן. מע האָט גערעדט פון זיי נאָכדעם אין שטאָט און אויסער דער שטאָט און אין אַנדערע שטעט אַרום און אין דער גאַנצער סביבה. אַ קלייניקייט, וואָס די צוויי חתונות האָבן אָפּגעקאָסט!... אויב די טעכטער זײַנען געווען גליקלעך, אָדער ניט — דאָס איז זיך אַ באַזונדער זאַך. אויף וויפל אונדז איז באַוווּסט, האָט איינע פון זיי זיך געגעט מיט איר מאַן שוין דערנאָכדעם, ווי זי האָט געהאַט פון אים אַ מתנה — עטלעכע קינדערלעך, — און זי איז אַוועק

קיין אַמעריקע... די אַנדערע — דער מאַן אירער איז, דאַכט זיך, אָדער אַ מלמד, אָדער אַ שדכן, אָדער בײדע זאַכן אינאײנעם, פאַר זיכער איז שווער צו זאָגן, נאָר אַז ער איז אַן אָרעמאַן — דאָס איז געווים. מיר ריידן אָבער נישט פון איצט. מיר ריידן פון דעם, וואָס איז געווען אַמאָל, מיר ריידן פון דעמאָלט! דעמאָלט זײַנען די פאָטער און מוטער, די שווער און שוויגער, הייסט עס, געווען אַפן זיבעטן הימל! אײנע פאַר דער אַנדערער האָבן זיך די שוויגערס באַרימט מיט די „מציאות", וואָס זיי האָבן אײַנגעהאַנדלט. אײנע האָט זיך אַרויסגערעדט פאַר די ווײַבער, אַז זי האָט געבראַכט אַ פרוכתל אין שול אַרײַן. האָט די אַנדערע זיך אויסגעדריקט נאָך שאַרפער, אַז זי האָט אַרײַנגעבראַכט אַ ספר־תורהלע אין אָרון־קודשל אַרײַן (צוליבן פרוכתל מיטן ספר־תורהלע איז שוין דער אָרון־קודש בײַ איר געוואָרן אַן „אָרון־קודשל"...)

און באַרימען זיך האָבן זיי געמעגט. זיי האָבן געהאַט מיט וואָס. לייזער־יאָסל איז געווען אַ עלוי: אַ יונגערמאַנטשיק, וואָס האָט געקענט — אַזוי האָט מען געשמועסט — טויזנט בלאַט גמרא בעל־פה; 1.000 — ניט קיין 999! פון תנ"ך שמועסט מען ניט. הײַנט אַ בעל־לשון־קודש, און אַ בעל־מליץ, און אַ כתבא רבה, און אַ ברען, אַ לץ, אַ פאַרשלעפּטע קרענק... בסוף האָט מען אַפילו אונטערגעשמועסט, אַז ער איז אַביסל „געכאַפּט": פאַרקנייטשט דאָס דאַוונען, האַלט ניט פון תעניתים, טראָגט דאָס נאָזטיכל אום שבת, שרעקט זיך ניט איבער פאַר אַ נקבה — און נאָך אַזעלכע זאַכן האָט מען געקאָנט האָרכן, באַם פעטער פּיניע אין שטוב, למשל. דאָס איז אָבער אַלצדינג געווען בטל אַקעגן די טויזנט בלאַט גמרא אויסווייניק.

דער צווייטער איידעם, מאַגידאָוו, איז אויך געווען אַ עלוי, אויך טויזנט בלאַט גמרא אויסווייניק — 1.000 — ניט קיין 999 — און אויך אַ בעל־תנ"ך און אַ בעל־דקדוק און אַ בעל־לשון־קודש און אַ שײנער בעל־דברן, נאָר שוין נישט קיין לץ און נישט קיין פאַרשלעפּטע קרענק, ווי לייזער־יאָסל. אַדרבה, שוין אַביסל צו אַ חקרן, צו אַ טיפער, פאַרדרייטער מח. אַלצדינג, וואָס איר זאָלט ניט זאָגן, איז פונקט קאַפּויר. אַ שטיק עקשן — אַ „ליטוואַק"!

פאַרשטייט זיך, אַז נחום ראַבינאָוויטש האָט ניט דורכגעלאָזט אַזאַ טײַערע געלעגנהייט, אַז די דאָזיקע געראָטענע איידעמס זאָלן פאַרהערן זײַן קליינעם בעל־תנ"ך און זען, ווי דער ימח־שמוניק שלום שרײַבט לשון־קודש. בײדע איידעמס האָבן געפונען, אַז דער ימח־שמוניק איז טאַקע אַ ימח־שמוניק, און מע טאָר אים ניט לאָזן גיין לאבוד. מע דאַרף זען פאַר אים עפּעס אַ „תכלית", מאַכן דאָס קינד פאַר אַ „מענטשן". אײנער פאַרן אַנדערן האָבן זיי אים אָפּגעלויבט אין טאָג אַרײַן, געזאָגט, אַז „מע קאָן גאָר ניט וויסן, הערט איר, וואָס פון דעם ימח־שמוניק קאָן אַמאָל זײַן"...

און דער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילן, וואָס ריַיבט זיך אַרום יונגע־לייַט, האָט אויך צוגעבאָמקעט, אַז ער זאָגט שוין לאַנג, אַז מע קאָן גאָר ניט וויסן, וואָס פון דעם „שייגאַץ" (אַ קוועטש אַף דער „אַץ") קאָן אַמאָל זיַין... און דער ימח־שמוניק, אָדער דער שייגאַץ, וואָס איז גע־שטאַנען דערביַי, האָט דאָס אַלצדינג געהערט, און די נשמה האָט אים געצאַפּלט, און דאָס האַרץ איז אים געוואַקסן, און דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט, ווי באַ איינעם וואָס קלעטערט אַף אַ גאַנץ הויכן לייטער, און מענטשן שטייען אַרום אים און זעען, ווי ער קלעטערט גוט, און גיבן אים אונטער היץ און מאַכן אים קוראַזש. אַ קליינינקייט, אַזעלכע מענטשן לויבן אים, זאָגן, אַז „מע ווייס ניט, וואָס פון אים קאָן אַמאָל זיַין!"... און דער טאַטע — שמועסט מען ניט. יענער איז געווען אַפן זיבעטן הימל! יעדער זיפץ פונדעסטוועגן האָט אויסגעריסן אַ שטיק האַרץ. דאָס זיפצן האָט באַדאַרפט זאָגן: „איך ווייס אַליין, אַז מע קאָן גאָר ניט וויסן, וואָס פון דעם ימח־שמוניק קאָן אַמאָל זיַין; נאָר גיט מיר אַן עצה, ייִדישע קינדער, וואָס טוט מען מיט אים? ווי אַזוי מאַכט מען אים פאַר אַ „מענטשן"? אדרבה, גיט עפּעס אַן עצה?"...

און עס האָט זיך געפונען איינער, וואָס האָט אים געגעבן אַ עצה, אַ שאַרפע, אַ ראַדיקאַלע, נאָר אַ רעכטע עצה — און אים האָט דער טאַטע גע־פאָלגט. דאָס איז געווען איינער פון די גרעסטע פּערעיאַסלאַווער אינטעלי־גענטן מיטן נאָמען „אַרנאָלד", אַ יונגערמאַן אַ פילאָזאָף פון הינטער דער שטאָט, פון די אַזוי־גערופענע „פידוואַרקעס". אים שענקען מיר אַ באַ־זונדער קאַפּיטל.

49

אַרנאָלד פון די פידוואַרקעס

די פאַרשטאָט פון פּערעיאַסלאַוו. — אַרנאָלד אַן אפיקורס. — יציאת־מצרים אַ לעגענדע. — וואָס דרעפּער זאָגט אַפן רמב"ם. — ראַבינער־שול און גימנאַזיע.

כמעט יעדע שטאָט פון דער געבענטשטער „טשערטאַ" האָט זיך איר פאַרשטאָט, איר „סלאָבאָדקע", וואָס איר באַפעלקערונג באַשטייט מער פון גויים איידער פון ייִדן, און די ייִדן, וואָס זיצן דאָרט, זיַינען ניט די ייִדן, וואָס אין שטאָט. אַן אַנדער טיפּ ייִדן. זיי זעען־אויס מער דאָרפיש, זיַינען ניט אַזוי פּיפּיק, ווי די שטאָט־ייִדן, אַביסל פאַרגרעבט, טראָגן גרויסע שטיוול, שמעקן מיט פעלץ. אָנשטאָט „געגנוג" זאָגן זיי „האָדיי". לאַכן לאַכן זיי הויך און מיט אַ קמץ: כאָ־כאָ! און די רי"ש ריידן זיי אַרויס

הארט, ווי צווי רי״שן, אדער נאך מער: „רבי! דערר פעטעררר מרדרדכי האט אייך גערופן אפן ברירית״...

אין דער געגנט פון פערעיאסלאוו געפינט זיך אזא מין סלאבאדקע, וואס איז אפגעטיילט פון דער שטאט מיט א הילצערנער בריק און מיט א טייכל, און רופן רופט זיך עס מיטן נאמען אף יידיש: „די פידוואַרקעס״. דאס איז אן ערטל מיט אן אנדער אויסזען, מיט אן אנדער אטמאספערע. אהין גייט מען זיך דורך אמאל, אז מע האט צייט, כאפן פרישע לופט, ווייל דארטן זיינען דא סעדער, דארט וואקסט גראז. אהין גייען שפאצירן שבת באטאג יינגלעך און מיידלעך. דאס הייסט, ניט חלילה יינגלעך מיט מיידלעך אינאיינעם — יינגלעך באזונדער און מיידלעך באזונדער, נאר ס'איז שוין במילא, אז מע באגעגנט זיך איבער דער בריק גייענדיק, שטעלט מען זיך אפ, כאפט מען א קוק, ווארפט מען זיך דורך מיט א ווארט. אמאל טוט מען זיך א שאר אויך, א ריר־אן איינס דאס אנדערע מיטן עלנבויגן, און דער בחור מיטן מיידל ווערן רויטלעך, יונגע הערצלעך קלאפן... פון עטלעכע מאל אזוי באגעגענען זיך אף די „פידוואַרקעס״ הייבט מען אן זיך איבערשרייבן בסוד־סודות מיט בריוועלעך, און עס פיקט זיך אוים אמאל א ראמאן. מיט וואס אט אזא ראמאן ענדיקט זיך — דאס ווען מיר האבן א געלעגנהייט זען ווייטער. דערוויַיל האלטן מיר נאך בא „ארנאלדן פון די פידוואַרקעס״, און אט מיט אים ווילן מיר זיך דאס באקענען.

דארט, אף די „פידוואַרקעס״, האט נחום ראבינאָוויטש געהאט א באקאנטן און א גוטן פריינט מיטן נאמען „בנימין קלמן פון די פידוואַרקעס״. אמאל, שוין גאנץ לאנג, האט בנימין־קלמן פון די פידוואַרקעס געהאנדלט תבואה בשותפות מיט נחום ראבינאָוויטש, אינאיינעם „געגרוזעט״ בארקעס און בערלינעם קיין קעניגסבערג און קיין דאנציג. די לעצטע צייט איז ער אביסל אראפ, אנגעוווירן דעם גלאנץ, געהאנדלט קליין, געגאנגען הארט בא די ווענט. נאר די גוטפריינטשאפט פון די געוועזענע שותפים איז פארבליבן די זעלבע, וואס אמאל. ער איז אפט ארייַנגעקומען אביסל זיצן און שמועסן. געשמועסט האט, אייגנטלעך, בנימין־קלמן. ער האט ליב געהאט ריידן. צום מייגסטן — דערציילן מעשיות פון זיין יינגערן ברודער ארנאלד. „מיין ארנאלד! ווו האט איר נאך אזא קאפמענטש, ווי מיין ארנאלד? אזא קענער, ווי מיין ארנאלד? אזא ערלעכן מאן, ווי מיין ארנאלד? וואס ווייסט איר, וואס פאר־אן ארנאלד דאס איז! שוין איין מאל אן ארנאלד!״... און אזוי ווייטער.

נישט נאר דער ברודער בנימין־קלמן — אלע האבן גערעדט פון ארנאלדן. „ארנאלד פון די פידוואַרקעס״ איז געווען א מין העלד אין שטאט. ערשטנס, א באיארטער בחור, אדער אן אלמן, און אפשר א גרוש, נאר סיי־ווי־סיי — אן א ווייב. א ייד אן א ווייב איז דאך גלאט

א זעלטנהייט. א חוץ דעם, איז ער א נאטאריום. א ייד א נאטא־ריום — דאס איז דאך שוין אוודאי א זעלטנהייט! איר האט עפעס א סך געזען יידישע נאטאריוסן בא אונדז? דאס הייסט, ער איז נאך דער־ווייל נישט קיין נאטאריום, נאר ער וועט זיין א נאטאריום. ווארעם ער שטודירט אף נאטאריום. סיידן ער וועט ניט אפגעבן דעם „עקזאמענט". נאר פארוואס זאל ער ניט אפגעבן? „ער וועט געוויס אפגעבן, — אזוי זאגט בנימין־קלמן — און ער וועט געוויס זיין נאטאריום, ס'איז גאר ניטא וואס צו ריידן. איר שפילט זיך מיט מיין ארנאלדן?"...

וואס א נאטאריום איז — דאס ווייסן אלע, און שלום אויך. פאראן אין פערעיאסלאוו א נאטאריום, איז ער א גוי און הייסט נאוואזו. נאוואזו דער נאטאריום. נאר וואס הייסט „אפגעבן עקזאמענט" — דאס ווייס ער שוין ניט. וואס דארף ער אפגעבן, און וועמען דארף ער אפ־געבן, און ווי אזוי גיט מען דאס אפ „עקזאמענט"? — דאס זיינע פון די זאכן, וואס מע הערט פון זיי און מע רעדט זיי נאך, נאר מע זאל פארשטיין וואס דאס איז — דאס ניט. למשל, אף ארנאלדן פון די פיד־ווארקעס זאגט מען, אז ער שרייבט אין די גאזעטן, און אז די גאנצע שטאט, סיי יידן, סיי קריסטן, האבן מורא פאר אים, ער זאל זיי נישט באשרייבן אין „קיעווליאנין". פארשטייט ניט שלום, ערשטנס, וואס האבן זיי מורא? און צווייטנס, ווער איז געווען דער „קיעווליאנין?" ער הערט אלע זאגן, זאגט ער נאך, אז אלע ציטערן פאר ארנאלדן, פאר זיין מויל און פאר זיין פען, ווי פארן מלאך־המות. אויסבאהאלטן זיך פאר אים איז אוממעגלעך, און אונטערקויפן אים — פארמאגט קיינער ניט אזוי פיל געלט. „זיי וועלן זיך דערשפילן! — אזוי פלעגט בנימין־קלמן זאגן מיט א שמייכעלע. — לאז מיין ארנאלד נאר וועלן זיך פאצקען די הענט, אזוי באשרייבט ער זיי אין „קיעווליאנין" פון קאפ ביז די פיס אלעמען, לאזט ניט איבער איינעם ניט קיין באשריבענעם! איר שפילט זיך מיט מיין ארנאלדן?"...

שענער פון אלץ איז דאס — און זייער כאראקטעריסטיש, — וואס ארנאלד איז געזעסן מיט זיין ברודער בנימין־קלמן אף די פידווארקעס אונ־טער איין דאך ימים ושנים ברוגזע, ניט אויסגערעדט א ווארט צווישן זיך, נאר איינער פארן אנדערן האבן זיי זיך געלאזט די פינגער שניידן! „מיין ארנאלד"... „מיין בנימין־קלמן"... קיינער, ניט אף די פידווארקעס, ניט אין שטאט, האט געזען אמאל ביידע ברידער גיין אינאיינעם, אדער געהערט אויסריידן זיי א ווארט. אפילו בא איין טיש נישט געזעסן. ארנאלד האט זיך געהאט בא בנימין־קלמנען אין שטוב זיין חדרל, פול מיט ספרים און בי־כער ביז דער סטעליע, און געלעבט זיך גאנץ אליין — א מין פרוש. מאדנע ברידער! א מאדנער מענטש אט דער ארנאלד! און דער איז דאס געווען

פון די אָפּטע אַרײַנגייער צו נחום ראַבינאָוויטשן. זײַן אַרײַנגיין איז אָבער געווען ניט ווי דאָס אַרײַנגיין פון די איבעריקע משכילים. ער איז אַרײַנגעקומען ניט גלאַט פּלאַפּלען, ריידן דברים בטלים, נאָר אָדער מיט אַ בוך, וואָס קיינער האָט דאָס נאָך ניט געזען, אָדער מיט אַ בלאַט „קיעוולייאַנין", אָדער מיט אַ טענה צו דער שטאָט און צו אירע רעדלפירער. שלום האָט פאַר אים געהאַט מער רעספּעקט, ווי פאַר אַלע אַנדערע. ער איז נישט אָפּגעטראָטן פון אים, געקוקט אים גלײַך אין מויל אַרײַן און אײַנגערעדט זיך, ווי אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס רעדט. אָט דאָס איז דער אַרנאָלד, וואָס וועט אָ פּ ג ע ב ן דעם „עקזאַמענט" און וועט זײַן אַ נאָטאַריוס? אָט דאָס איז דער אַרנאָלד, וואָס שרײַבט אין „קיעוולייאַנין", נאָר ער וויל זיך ניט פּאַצקען די הענט? צו וואָס דאַרף מען זיך פּאַצקען די הענט, אַז מע שרײַבט אין „קיעוולייאַנין"?... און ער לאָזט קיין אויג ניט אַראָפּ פון אַרנאָלדן. דער אַרנאָלד איז אים געפעלן. זייער אַ סימפּאַטישער, אַן אײַנגענומענער פאַרשוין. נישט קיין גרויסער, אַ דאַרינקער, נאָר אַ פעסטער, ווי פון שטאָל אויסגעגאָסן. אַ געל בערדעלע, און דווקא גוט אונטערגעשוירן, קיין סימן פון קיין פּאות. אַ קורץ רעקעלע, אַ דין שטעקעלע, און אַ צינגעלע — שאַרף ווי אַ גאָלמעסער! פּעך און שוועבל! רעדט על ה' ועל משיחו! לאַכט־אָפּ פון די חסידים, מאַכט אַ תל פון די „פאַנאַטיקער". „ערלעך דאַרף מען זײַן — וואָס טויג מיר פרומקייט? מען איז אײַך מוחל אײַער פרומקייט, זײַט בעסער ערלעך!" — און זײַן שאַרפער גיפטיקער געלעכטער הילכט־אָפּ ווײַט־ווײַט!

וווּנדערט זיך שלום, ווי אַזוי שטעלט זיך אײַן אַ ייִד אַזוי צו ריידן און אַזעלכעס צו זאָגן? אַפּנים, אַז ער מעג. אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס מעג אַלצדינג, וואָרעם ער הייסט אַרנאָלד און איז אַ נאָטאַריוס, דאָס הייסט, ער וועט זײַן אַ נאָטאַריוס.

מאַכט זיך אַמאָל, אַז דער פעטער פיניע זיצט אויך דערבײַ און הערט, ווי אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס דרשנט. קאַטשעט ער זיך פאַר געלעכטער און זאָגט: „אַרנאָלד! אוי, אַרנאָלד, אַרנאָלד!" דער פּשט דערפון, אַפּנים, דאַרף זײַן: „ווי טראָגט אָפּ זיך די ערד אַזאַ רשע, ווי דו ביסט?!"... פונדעסטוועגן האַלט אפילו דער פעטער פיניע אויך פון אַרנאָלדן. איבער זײַן ערלעכקייט. זײַן ערלעכקייט האָט אַ שם אין שטאָט. אַ מ ש ו נ ע ־ נ ע ר ע ר ל ע כ ע ר ! אַ מענטש, וואָס האָט פאַר קיינעם קיין מורא ניט, זאָגט אַלעמען דעם ריינעם אמת, און גלײַך אין די אויגן, און דער עיקר, ער לאַכט זיך אויס פון די גבירים, שפּײַט אָף געלט! נו, זאָגט שוין איר אַליין, ווי אַזוי האַלט מען ניט פון אַזאַ מענטשן? האַלט אָבער אַרנאָלד ניט פון אײַך, ניט פון קיינעם. למשל, פונעם פעטער פיניען איז ער אויך ניט נתפּעל. טאַקע אַ שיינער ייִד מיט אַ שיינער באָרד, נאָר אַרנאָלד האַלט

ניט פונעם פעטער פיניען. ער האלט פון זײַן ברודער נחומען א סך מער. דערפאר, זאגט ער, וואס נחום ראבינאָוויטש איז א ייִד און א מאסקע און נישט קיין פארנארישטער חסיד; אים קאָן מען זאגן וואס מע וויל,ריידן נישט נאר אפן רבין, אפילו אף משה־רבינון. שלום אליין האט געהערט אר־נאלדן זאגן דעם טאטן, אז ער, ארנאלד פון די פידוואָרקעס, גלייבט ניט אין יציאת־מצרים! ס'איז א „לעגענדע", האט ער געזאגט. די גאנצע מעשה איז א „לעגענדע". שלום האט אפגעשאצט דאס ווארט „לעגענדע", אז עס נעמט זיך מסתמא פונעם ווארט „ליגן". א „לעגענדע" הייסט, אפנים, א קליין ליגנדל. נאך גוט, וואס ניט קיין גרויסער ליגן... הערט א שיינס: איינמאל איז ארנאלד פון די פידוואָרקעס געקומען צו לויפן מיט א גראבן בוך: „נאט זעט, וואס דרעפער זאגט אף אײַער רמב"ם! דער רמב"ם איז געווען הויף־דאָקטער באם טערקישן סולטאן דרײַצן יאר. האט ער זיך צו־ליב דעם געשמדט. דרײַצן יאר געווען א טערק. אײַער רמב"ם, אײַער „מורה־נבוכים" — וואס וועט איר הײַנט זאגן?"...

א גליק, וואס דער פעטער פיניע איז דערבײַ ניט געווען! ווײ־ווײ, וואס וואלט געווען, אשטייגער, ווען דער פעטער פיניע זיצט דערבײַ?...

פאר אט דעם חברה־מאן האט זיך, אפנים, שלומס פאטער באריִמט מיט זײַן זונס שרײַבעכצן און מיט אים, אפנים, זיך אן עצה געהאלטן, וואס טוט מען מיטן קינד, ווי אזוי מאכט מען אים פאר א „מענטשן"? שלום איז אנגעקומען אף די דאזיקע רייד פון ארנאלדן:

— די שרײַבערײַעכצן זײַנע בין איך אײַך מוחל. נעמט ווארפט זיי ארויס אפן מיסט. אזעלכע שרײַבערײַעכצן זײַנען ניט ווערט דאס פאפיר. און דעם קליינעם, אויב איר ווילט אים מאכן פאר א מענטשן, נעמט און גיט אים אוועק אין דער „אויעזדנע". פון דער „אויעזדנע" זײַנען פאר אים דערנאך אלע וועגן אפן: ווילט איר אין ראבינער שול — איז אין ראבינער שול. ווילט איר אין גימנאזיע — איז אין גימנאזיע...

מיט שלומס ארײַנקומען איז דער שמועס איבערגעריסן געווארן. און הגם ארנאלדס קריטיק איבער זײַנע „שרײַבערײַעכצן" איז געווען פארן יונגן שריפטשטעלער עפעס ניט אזוי פוילגלדיק, און אן ארט האט מען זיי אוועקגעגעבן עפעס ניט אזא בכבודיקן (אפן מיסט), פונדעסטוועגן איז שלום געווארן אט דעם ארנאלדן פון די פידוואָרקעס דער גרעסטער גוטער פרײַנט — נאר פארן ווארט „גימנאזיע", וואס האט געקלונגען אין זײַנע אויערן ווי די שענסטע מוזיק און געהאט דעם זיבעטן חן בא אים אין די אויגן. ניט אזוי נאך דאס ווארט „גימנאזיע", וואס ער האט נאך, אייגנט־לעך, ניט געוווּסט מיט וואס מע עסט דאס, ווי דאס, וואס ער וועט זײַן א „גימנאזיסט"! א קלייניקייט, א גימנאזיסט? א גימנאזיסט האט ער גע־וווּסט, געקענט, געזען מיט זײַנע אויגן. דאס איז געווען דער איינציקער

יידישער גימנאַזיסט אין פּערעיאַסלאַוו. און ניט קיין גימנאַזיסט, נאָר אַ „גימנאַזיסטל“, מיט ווײַסע זילבערנע קנעפּלעך און מיט אַ זילבערנער צאַצקע אויפֿן קאַשקעטל. און געהייסן האָט ער אויך שלום, נאָר גערופֿן האָט מען אים סאָלאָמאָן — אַ ייִנגל גלײַך מיט אַלע ייִנגלעך, נאָר פּאָרט ניט גלײַך, פּאָרט אַ „גימנאַזיסטל“, גאָר אַן אַנדער מין באַשעפֿעניש, ווי מיר וועלן דאָס באַלד אַרויסזען. דערווײַל האַלטן מיר נאָך בײַ דער עצה, וואָס אַרנאָלד פֿון די פּידוואָרקעס האָט אויפֿגעגעבן. ער האָט מיט זײַן אידעע אַרײַנגעלאָזט אַ גריל, און פֿון דעמאָלט אָן האָבן די ווערטער „קלאַסן“, „עקזאַמענט“, „ראַבינער־שול“, „גימנאַזיע“, „דאָקטער“ זיך באַזעצט בײַ די ראַבינאָוויטשעס אין שטוב. פֿון וואָס מע זאָל ניט ריידן, איז מען אַרויף אויף איינע פֿון די אויבנדערמאָנטע ווערטער. איטלעכער האָט געהאַט וואָס צו דערציילן אַ שיינס: ווי אַזוי אַן אָרעם־בחור פֿון דער ישיבה האָט זיך אַוועקגעלאָזט אַ באָרוועסער קיין זשיטאָמיר אין דער ראַבינער־שול... ווי אַזוי אַ מלמדס אַ ייִנגל, אַ ליטוואַק, איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אויף עטלעכע יאָר, געמיינט, ער איז אין אַמעריקע. צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז ער האָט אָפּגעגעבן „עקזאַמענט“ אויף אַלע אַכט קלאַסן גימנאַזיע, און איצט שטודירט ער, זאָגט מען, אויף דאָקטער. דאָס קאָן נאָר אַ ליטוואַק!

— שאַט! וואָס דאַרפֿט איר אַ סך? אַמער נעמט אונדזער יענקל דעם רופֿאס זונדל. וויפֿל, מיינט איר, גייט אים אָפּעט צו ווערן אַ דאָקטער?

— פֿאָלג מיך אַ גאַנג! עס דאַרף נאָך אַוועקגיין אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך, ביז יענקל דעם רופֿאס זונדל וועט אַמאָל זײַן אַ דאָקטער...

יענקל דעם רופֿאס זונדל — דאָס איז דער גימנאַזיסט, אָדער „גימנאַזיסטל סאָלאָמאָן“, וואָס איז דערמאָנט בײַ אונדז אויבן, און פֿון אים גייען מיר דערציילן אין קומענדיקן קאַפּיטל.

50

גימנאַזיסטל סאָלאָמאָן

יענקל דעם דאָקטערס זונדל אַ גימנאַזיסטל. — ער איז אים שרעקלעך מקנא. — דער ווײַנקעלער „יוזשנאַהאַ בערעגאַ“. — ווימאַראַזיג פֿון ראַזינקעס. — „צערקאַוונע כשר לפּסח“.

עס זײַנען געווען אין פּערעיאַסלאַוו עטלעכע דאָקטוירים, און יעדער מיט זײַן צונעמעניש: דער גראָבער דאָקטער, דער האָרבאַטער דאָקטער, דער שוואַרצער דאָקטער. די אַלע דאָקטוירים זײַנען געווען קריסטן, און נאָר איין דאָקטער איז געווען אַ ייִד, אי דאָס — ניט קיין גאַנצער דאָק־

טער, אַ האַלבער דאָקטער — י ע נ ק ל ד ע ר ר ו פ א . געהאַלטן האָט ער זיך אָבער, ווי אַ גאַנצער דאָקטער. געטראָגן אַ טענדעווערענדע, פאַרשריבן אַ רעצעפּט און אָנגערופן אים דווקא הויך און דווקא אויף לאַטיין:

— איר וועט מוחל זײַן אײַננעמען אַלע צוויי שעה אַן עסלעפל „קאַלי בראָמאַלי", און אַלע דרײַ שעה אַ טיילעפעלע „נאַטרי בראָמאַטרי", וועט אײַך מאָרגן ווערן בעסער. און אַז ס'וועט ניט ווערן בעסער, וועט אײַך ווערן ערגער, וועט איר מיך רופן, וועל איך קומען נאָכאַמאָל...

די שטאָט האָט ליב געהאַט יענקל דעם רופא אַ סך בעסער, ווי אַלע דאָקטוירים. דערפֿאַר, ווײַל מיט יענקל דעם רופא קאָן מען זיך דורכשמו־עסן, געוווירע ווערן, פון וואַנען נעמט זיך דאָס, וואָס סע שפּאַרט אונטערן לעפעלע? און וואָס איז דער שכל, אַז מע האָט אַ רעמאַטיז אין אַ פוס, זאָל מען טרינקען טראָן? וואָס פאַר אַ שײַכות האָט אַ מאָגן מיט אַ פוס? — און נאָך אַזעלכע זאַכן. הײַנט האָט ער אײַך אַ מעלה — ער דינגט זיך ניט. ער נעמט וויפל מע גיט אים. קוקט גאָר אַפילו נישט. ער שאַרט נאָר מיט די פינגער עטלעכע מינוט און טרעפט שוין אין דער פינצטער, וואָס פאַר אַ מטבע מע האָט אים אַרײַנגערוקט. אויב ס'איז אַן אָפּגעריבענער דרײַער, וואָס האָט ניט קיין שום ווערט, גיט ער אײַך אָפּ צוריק און זאָגט, אַז מע דאַרף גאָרנישט. ווערט אײַך איבער דער טבע, גיט איר אים שוין אַן אַנדער מטבע.

און נאָך אַ מעלה האָט ער: ער לאָזט זיך ריידן און האָט אַליין אויך ליב ריידן, דערציילן מעשיות, און צום מיינסטן — פון זײַנע קינ־דער, וואָסערע געראָטענע קינדער ער האָט. איינער, דער עלטערער, שלום הייסט ער — סאַלאָמאָן — איז ער שוין אַ גימנאַזיסט. ער וועט, אם ירצה השם, ענדיקן די גימנאַזיע און וועט אַרײַן אין אוניווערזיטעט און וועט אַרויס פון דאָרטן אַ דאָקטער, אַ פאַרטיקער דאָקטער. טאַקע אַ ג אַ נ ־ צ ע ר דאָקטער!

— כ'וואָלט שוין געגרן, ס'זאָל שוין זײַן יום־טוב! — זאָגט יענקל דער רופא מיט אַ זיפץ. — אם ירצה השם, אויף יום־טוב קומט ער צו פאָרן, מײַן סאַלאָמאָן, וועט איר זען אַ גימנאַזיסטל!..

שלום וואָלט שוין אויך געגרן, ס'זאָל שוין זײַן יום־טוב, און ער זאָל אָנקוקן דאָס גימנאַזיסטל, וואָס פאַר אַ פנים האָט דאָס אַ גימנאַזיסטל.

קוים דערלעבט יום־טוב, פסח. אָט דאָ וועט ער שוין זען, וואָס הייסט אַ „גימנאַזיסטל".

יענקל דער רופא איז ניט אַזאַ גרויסער דאַוונער, וואָס זאָל לויפן יום־טוב אין שול אַרײַן. ער איז דאָך עפּעס אַ דאָקטער! טאַקע נאָר אַ האַלבער דאָקטער, און דאָך אַ דאָקטער. פונדעסטוועגן צוליבן זונדל, דעם גימנאַ־

זיסטל, איז ער שוין אויך געקומען אין שול אריין. אן אויסגעצוואָגענער, אן אָנגעפּאָמאַדעטער און אַ גליקלעכער. ער זיצט אין שפּיגלבאַנק, אַקוראַט אַקעגן מזרח. נעבן אים שטייט זיין זונדל שלום, אָדער סאָלאָמאָן, אָנגעטאָן אין אַ מונדירל מיט זילבערנע קנעפּלעך פון אויבן ביז אַראָפּ, מיט אַ מאָדנע היטעלע אָפּן קאָפּ, אַ היטעלע מיט אַ צאַצקע. אין די הענט האַלט ער אַ קליין סידורל און דאַוונט, ווי אַ געוויינלעכער מענטש, און אַלע בעלי־בתים און אַלע קינדער לאָזן ניט אַראָפּ קיין אויג פונעם גימנאַזיסטל מיט די זילבערנע קנעפּלעך. דאַכט זיך, אַ מענטש גלייך מיט אַלע מענטשן, אַ ייִנגל גלייך מיט אַלע ייִנגלעך — און פאַרט ניט גלייך: אַ גימנאַזיסטל! און עס רייסט זיך אַרויס אַ טיפער זיפץ פון האַרצן.

אָפּגעדאַוונט, כאַפּט זיך יענקל דער רופא נאָך ניט אַוועקצוגיין פון שול. וועמען ער דאַרף נאָך זאָגן אַ גוט יום־טוב, ווער עס דאַרף אים זאָגן אַ גוט יום־טוב· און דער עיקר וועט דאָך ווערן אַ שמועס מסתמא פון זיין זונדל דעם גימנאַזיסטל. און כך הווה.

— אָט דאָס איז ער, אייער גימנאַזיסטל, רב יענקל? נאַ דיר אָפּ שלום.

און מע שטעקט אים אָפּ שלום פון אַלע זייטן. דאַכט זיך, אַ ייִנגל — און ייִדן מיט בערד גיבן אים שלום־עליכם! אַנדערע שטעלן זיך אָפּ אביסל שמועסן מיט יענקל דעם רופא טאַקע פון זיין זונדל: ווו לערנט ער? און וואָס לערנט ער? און וואָס וועט זיין, אַז ער וועט שוין אויסלערנען? צו וואָס וועט ער זיך דערלערנען?...

— צו וואָס וועט ער זיך דערלערנען? — זאָגט יענקל דער רופא מיט אַ געלעכטערל. — ער וועט זיך שוין דערלערנען, כעֿ־כעֿ־כעֿ. ער וועט שוין זיין אַ דאָקטער. טאַקע אַ גאַנצער דאָקטער, כעֿ־כעֿ־כעֿ.

יענקל דעם רופאס זונדל וועט זיין אַ דאָקטער? אַ גאַנצער דאָקטער?!

— וואָס־וואָס, נאָר מיט פּרנסה וועט ער שוין זיין באַוואָרנט... אַפילו גרויסע, אַלטע ייִדן וווּנדערן זיך, כאָטש מע פאַרשטייט ניט, און זיי אַליין פאַרשטייען ניט, ווער שטערט זיי, למשל, אַז ז יי ע ר ע קינדער זאָלן זיין דאָקטוירים? קיינער שטערט זיי ניט· נאָר אַז זייערע טאַטעס האָבן ז יי ניט געוואָלט מאַכן פאַר דאָקטוירים, ווילן זיי ניט, אַז ז יי ע ר ע קינדער זאָלן זיין דאָקטוירים. טרייסטן זיי זיך דערמיט, וואָס זייערע קינדער וועלן דערפאַר זיין יִ ד ן . אי וואָס — פּרנסה? עט! „מאן ריהיב חיי יהיב מזוני". דער פּשט איז: ווער עס גיט לעבן, דער וועט געבן צום לעבן, און גליק איז באַ גאָט... אָט האָט יוזי פינקלשטיין ניט געענדיקט אָף דאָקטער און איז, פונדעסטוועגן, חוץ זיין שאָדן אָף אונדז אַלעמען געזאָגט געוואָרן כאָטש האַלב!...

— איז וויפל, זאָגט איר, רב יענקל, דאַרף ער נאָך לערנען, אייער

דאָס, אײַער גימנאַזיסטל? — פֿרעגן אים די ייִדן, קוקנדיק פֿון אויבן אַראָפּ.

— מײַן סאָלאָמאָן? — זאָגט יענקל דער רופֿא און גלעט זיך דאָס בערדל און טאַנצט־אונטער אױף איין פֿוס. — אָ! ער דאַרף נאָך לאַנג־לאַנג שטודירן! — און ער רעכנט־אויס אױף די פֿינגער, וויפֿל יאָר ער דאַרף נאָך שטודירן אין גימנאַזיע, וויפֿל יאָר אין אוניווערזיטעט, און דערנאָך אַרבעטן אין אַ שפּיטאָל, אָדער גאָר אַרײַן אין וואָיענע האָספּיטאַל, ווערן וואָיענע דאָקטער, דאָס הייסט, כמעט אַליין אָפֿיציר, מיט פּאַלעטן, בע־בע־בע...

און ס'איז נישטאָ קיין מער גליקלעכער מענטש אױף דער וועלט, דאַכט זיך, ווי יענקל דער רופֿא, — אַ קליין ייִדעלע מיט אַן אײַנגעפֿאַלענער נאָז, נאָר מיט געקרײַזלטע שטאַרק־אָנגעפּאָמאַדעטע האָר און מיט אַ טענדעווערענדע, ווי אַן אמתער דאָקטער. און ס'איז נישטאָ קיין מער גליקלעכער אױף דער וועלט, ווי אָט דאָס גימנאַזיסטל מיט די רויטע בעקלעך און מיט די זילבערנע קנעפּלעך און מיטן מאָדנעם היטעלע מיט דער צאַצקע. ביידע גייען זיי פֿון שול, אַרומגערינגלט פֿון אַ סך בעלי־בתּים. ייִדן רײַבן זיך אַרום יענקל דעם רופֿא. ייִנגלעך רײַבן זיך אַרום זײַן גימנאַזיסטל, ווילן זײַן וואָס נעענטער. עס דאַכט זיך אויס, אַז ער איז עפּעס גאָר אַן אַנדער מין באַשעפֿעניש. ער שמעקט גאָר אַנדערש...

נײַן, שלום האָט נאָך אױף זײַן לעבן קיינעם אַזוי ניט מקנא געווען ווי אָט דעם גליקלעכן גימנאַזיסטל. „פֿאַר וואָס איז ער ניט אױף זײַן אָרט? פֿאַר וואָס איז ער בעסער ניט יענקל דעם רופֿאס זון? ער הייסט דאָך אויך שלום... דאַכט זיך, וואָס וואָלט גאָט געאַרט, אַז נחום ראַבינאָוויטש זאָל זײַן יענקל דער רופֿא און יענקל דער רופֿא זאָל זײַן נחום ראַבינאָוויטש?“... ער האָט אים געזען נאָכדעם אין חלום. ער האָט פֿון אים געחלומט אױף דער וואָר. ער איז אים ניט אַרויסגעקראָכן פֿון קאָפּ אױף אַ מינוט. ער איז געוואָרן בײַ אים אַ משוגעת, אַ „אידעע־פֿיקס“, דער צווייטער חיים פּרוכשטיין... ער האָט אים מקנא געווען, שטאַרק מקנא געווען! צוגיין צו אים און רײדן האָט ער נישט געהאַט קיין מוט. ווי אַזוי רעדט מען דאָס מיט אַ גימנאַזיסטל?... ווי אַזוי טרעט מען צו צו אַ ייִנגל, וואָס הייסן הייסט ער שלום און רופֿן רופֿט מען אים סאָלאָמאָן?... נאָר פֿאָרגעשטעלט האָט ער זיך אין דער פֿאַנטאַזיע, אַז ער איז אַליין אַ גימנאַזיסטל, און הייסט שוין אַליין אויך ניט שלום, נאָר סאָלאָמאָן, און אַז ער טראָגט אַ מונדירל מיט זילבערנע קנעפּלעך און אַ צאַצקע אױפֿן היטעלע, און אַלע ייִנגלעך זײַנען אים מקנא, און אַלע ייִדן חידושן זיך: „אָט דאָס

איז נחום ראבינאָוויטשעס זונדל, דער גימנאַזיסטל?... אָט דער האָט אַמאָל געהייסן שלום?"...

מע קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר א גדולה, וואָס פאַר א יום־טוב ס'איז געוואָרן בא שלומען אין הארצן יענעם טאָג, אז דער טאַטע האָט אים געגעבן צו ווּיסן, אַז מארגן, אם ירצה השם, הייבט ער אָן גיין אין די קלאַסן. ער איז שוין געווען, זאָגט ער, באַם „דרעקטער", איַינגעגעבן א „פּראָשעניע", דערוויַיל אין „פּריגאָטאָוויטעלנע".

— אין זעקס וואָכן ארום וועסטו ענדיקן די „פּריגאָטאָוויטעלנע", וועסטו אריַין, אם ירצה השם, אין דער „אויעזדנע", און פון דאָרטן, אַז גאָט וועט וועלן, אין גימנאַזיע, און פון דאָרטן נאָך וויַיטער... בא גאָט איז אַלץ מעגלעך, אבי זאָלסט נאָר וועלן זיך צוסטאַרען אביסעלע.

שלום האָט שיער ניט ארויסגעלאָזט קיין קוויטש — ער זאָל זיך ניט שעמען פארן טאַטן. א שאלה, אויב ער וועט זיך צוסטאַרען! ער האָט נאָר ניט געוווּסט אקוראַט, וואָס איז „אויעזדנע", ווער איז דער דרעקטער און וואָס הייסט „פּריגאָטאָוויטעלנע"? ער האָט גוט געדענקט, וואָס ארנאָלד האָט געזאָגט, ארנאָלד פון די פּידוואָרקעס. און פאַר די אויגן איז אים געקומען יענקל דעם רופאס גימנאַזיסטל מיט די זילבערנע קנעפּלעך און מיטן מאָדנעם היטעלע מיט דער צאַצקע, — און דאָס האַרץ איז אים גע־וואָרן פול, און דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט, און טרערן, טרערן פון פרייד האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. נאָר ער איז געבליבן שטיין ווי א סטאַטיק, א נעבעכל, וואָס קאָן קיין צוויי ניט ציילן. דער סטאַטיק האָט אָבער ארויסגעקוקט אַף דער מינוט, ווען ער וועט קאָנען בליַיבן אליין, וועט ער זיך שוין ראַסקאָשעווען: ער וועט שענקען זיך אליין צוויי פּעטש אין ביידע באַקן, אָדער אין ביידע ליטקעס, אָדער גאָר געבן זיך א וואָרף אַף דער ערד און איבערקוליען זיך דריַי מאָל הין־און־צוריק, אָדער אוועקשפּרינגען אַף איין פוס וויַיט־וויַיט און אויסרופן מיט א ניגון:

סאָלאָמאָן! סאָלאָמאָן!
גימנאַזיסטל סאָלאָמאָן!...

— און דערוויַיל גיי, זיי מוחל, פאַרוויגן דאָס קינד, דערנאָך וועסטו זיך זעצן העלפן האַקן ראָזינקעס...

דאָס, פאַרשטייט זיך, זאָגט די שטיפמאַמע. און בכדי דעם לעזער זאָל ניט זיַין קשה, וואָס איז פאַר ראָזינקעס, וואָס מע דאַרף זיי האַקן, באַדאַרף מען אים דאָ געבן צו ווּיסן, אַז וויַיל פונעם איַינפאַר אליין קאָן מען ניט לעבן, האָט נחום ראבינאָוויטש געעפנט א קעלער, א וויַין־קעלער, און אויפגעהאַנגען א שילד:

„פּראָדאַזשאַ ראַזניך ווין יוזשנאַהאָ בערעגאַ".

ער אליין טאַקע האָט געמאַכט די וויַינען פון געהאַקטע ראָזינקעס

אונטער אַלערליי נעמען, פֿון וועלכע עס געדענקט זיך „ווימאַראַזיג“, „כער־רעס“, „מאַדעראַ“ און נאָך אַ סאָרט רויטער ווײַן מיטן נאָמען „צערקאָווע כשר לפּסח“. דעם סאָרט ווײַן האָבן די קינדער ליב געהאַט מער פֿון אַלע ווײַנען — איבער דעם, וואָס דער „צערקאָווע כשר לפּסח“ איז געווען זיס און טערפּקע. זײַן זיסקייט האָט זיך גענומען פֿון אַזאַ מין סיראָפּ, וואָס מע האָט אים אַרײַנגעטאָן, און זײַן טערפּקייט האָט געשטאַמט פֿון די קערלעך פֿון די ראָזינקעס. און פֿון וואַנען האָט זיך גענומען זײַן רויטקייט — דאָס האָט דער טאַטע געהאַלטן בסוד... אַלע מאָל, ווען מע האָט די קינדער געשיקט אין קעלער נאָך אַ קוואָרט ווײַן, האָבן זיי זיך צוגעכאַפּט צום „צערקאָווע כשר לפּסח“ און אויסגעזשליאָקעט צוויי מאָל אַזוי פֿיל — און פֿונדעסטוועגן האָט זיך געצויגן פֿונעם ווײַן דאָס שטיקל ברויט גאָר נישקשהדיק מער פֿון אַלע אַנדערע פּרנסות.

51

„די פּענסיע“

דער טאַטע שטאַלט און אײַזן פֿאַרן „קלאַסניק“. — דער העלד באַקומט אַ סטיפּענדיע. — אַ רעש אין שטאָט. — די חלומות וועגן אוצר הייבן־אָן מקוים צו ווערן.

נישט אַזוי גיך טוט זיך עס, ווי סע רעדט זיך. דאָס אַרײַנטרעטן אין דער „אויעזדנע“ איז ניט אָנגעקומען אַזוי גרינג און ניט אָפּגעלאָפֿן גלאַט. דער ערשטער שטיין אין וועג איז געווען דער פֿעטער פּיניע. ער האָט געאַרבעט מעשים: סטײַטש, נעמען קינדער און מאַכן זיי פֿאַר גוים בידים! — האָט ער געטענהט, זיך שטאַרק געערגערט, און האָט זיך ניט באַרויִקט, ביז ער האָט ניט גענומען באַם ברודער דאָס וואָרט, אַז ער וועט כאָטש ניט לאָזן זײַנע קינדער שרײַבן אום שבת. דעם תנאי האָט טאַקע נחום ראַבינאָוויטש אויסגענומען מיטן דירעקטאָר (סמאָטריטעל) פֿון דער „אויעזדנע“ בפירוש, אַז שבת באַדאַרפֿן זײַנע, ראַבינאָוויטשעס, קינדער זײַן פֿרײַ. נאָך אַ תנאי האָט ראַבינאָוויטש אויסגענומען מיטן דירעקטאָר (דאָס איז געווען אַ צײַט, וואָס ייִדן האָבן דיקטירט תנאים), אַז זײַנע קינדער זאָלן ניט זײַן אין קלאַס, ווען דער גלח גיט־אָפּ זײַן שטונדע — און אויסגעפֿירט האָט ראַבינאָוויטש.

די צווייטע שוועריקייט פֿאַר די קינדער איז געווען די שפּראַך. זיי האָבן באַם אַרײַנטרעטן אין קלאַס פֿאַרשטאַנען אַזוי ווינציק רוסיש, אַז אַלע האָבן פֿון זיי געמאַכט חוזק — סײַ דער לערער, סײַ די חברים. עס

האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די בענק לאַכן. און דאָס האָט דעם ציקאַיון שלומען פֿאַרדראָסן. ער איז געווינט געווען אָפּצולאַכן פֿון דער גאַנצער וועלט, צום סוף לאַכט מען גאָר פֿון אים!... און די חברים, די שקצימלעך, האָבן אויך נישט געשוויגן. קוים האָט זיך געענדיקט דאָס לערנען אין קלאַס און די ייִדישע קינדער, די „זשידעניאַטיעס", האָבן זיך באַוויזן אין הויף, אַזוי האָט מען זיי, במחילת כבודם, אַוועקגעלייגט אַף דער ערד, און דווקא אין גוטן מוט, צוגעהאַלטן די הענט מיט די פֿיס, און גוט אָנגעשמירט זיי די ייִדישע פּיסקעס מיט גוייִשן חזיר... געקומען דערנאָך אַהיים מיט באַטריבענע הערצער, האָבן זיי מורא געהאַט צו דערציילן דעם אמת, מע זאָל זיי ניט אָפּנעמען פֿון די קלאַסן. די שטיפֿמאַמע האָט אַזוי אויך געקאָכט און געגראָבן אַף די „קלאַסניקעס" (אַזוי האָבן געהייסן בא איר די קינדער נאָכן אַרײַן אין דער אויעזדנע). און ווײַל שלום איז געווען מער מתמיד פֿון אַלע, האָט זי אים גערודפֿט מער פֿון אַלעמען. האָט זיך אָבער געטראָפֿן אַ מעשה און מע האָט איר אָפּגעהאַקט די פֿליגל, איז זי געוואָרן שטיל. וכך היה מעשה:

איינמאָל, אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן, האָט שלום געלערנט, אַרומגעשפּאַנט איבער דער שטוב און אײַנגעחזרט דעם „אוראָק" אַף אויסווייניק, און דער טאַטע איז געשטאַנען אין טלית און תפֿלין און האָט געדאַוונט. און די שטיפֿמאַמע האָט זיך געטאָן איר אַרבעט: זי האָט געיאַדעט דעם טאַטן, אויפֿגעוואָרפֿן אים די אַלטע עבירה, וואָס ער האָט אַמאָל פֿאַרלייקנט פֿון איר די עלטערע און די קלענערע קינדער, די מיידלעך, זיך דורכגעשמועסט וועגן דעם, וואָס פֿאַר אַ גוטן אַפּעטיט, קיין עין־הרע, זײַנע קינדער האָבן צום עסן און וואָסערע גוטע מאָגנס זיי פֿאַרמאָגן. ניט פֿאַרגעסן אָנרירן די „משפּחהטערע" זײַנע... דאָס אַלצדינג האָט דעם טאַטן נישט גערירט. ער איז געשטאַנען מיטן פּנים צו דער וואַנט און האָט געדאַוונט, גלײַך ווי ניט אים מיינט מען. נאָר אָט האָט זי זיך צעלאָזט מיט איר מענה־לשון אַף שלומען, למאי ער גייט אַרום און לערנט:

— ער מיינט, דער שיינער קלאַסניק, אַז כריין איז זײַן פֿעטער און אַז ער איז שוין אַ גאַנצער פּריץ און איז שוין פּטור פֿון אַלצדינג, אַ חוץ עסן! די סך משרתים, וואָס מע האָט דאָ, מיט די דינסטן! נישקשה, עס מעג דיר נאָך אָנשטיין, דו שיינער קלאַסניק מיט די אויסגעדרייטע שטיוועלעך, זיך מטריח זײַן אַרײַנטראָגן דעם אורח דעם סאַמאָוואַר, עס וועט חלילה ניט אָפּפֿאַלן פֿון דיר קיין האָר אַפֿילו, און צום אַפּעטיט וועט דאָס דיר ניט שאַטן, און צום שידוך אוודאי ניט...

דער „קלאַסניק" איז שוין גרייט געווען אַוועקלייגן דעם „אוראָק" און לאָזן זיך אין קיך אַרײַן נאָכן סאַמאָוואַר, אַז עס טוט זיך ניט אַ וואָרף דער טאַטע און כאַפּט אים ניט אָן פֿאַר אַ האַנט און צעלאָזט

זיך ניט מיט אימפעט אַף לשון־קודש (נישט געוואָלט אין דאַוונען מפסיק זײַן):

— אי ־ אָ ־ נו ־ פּע — לאָ! לאָ! בשום אופן! מע דאַרף ניט! איך היים ניט! איך וויל ניט! — האָט ער אויסגעלאָזט אַף ייִדיש און איז אָנגעפאַלן אַף דער שטיפמאַמע מיט אַ פײַער, אפשר דאָס ערשטע מאָל זינט זי איז זײַן ווײַב, אַז זי זאָל זיך ניט דערוועגן מער שאַפן מיט אים פון דאַנען אַהין! מיט אַלע קינדער קאָן זי זיך שאַפן, נאָר ניט מיט שלומען! שלום איז ניט גלײַך צו אַנדערע; שלום באַדאַרף לערנען!

— איין מאָל פאַר אַלע מאָל! אָט אַזוי וויל איך, און אָט אַזוי איז דאָס, און אָט אַזוי וועט דאָס זײַן!

צי דערפאַר, וואָס יעדער דעספּאָט, יעדער שלאַק־פּורעניות, אַז ער דערהערט אַ הויך וואָרט, דערשרעקט ער זיך און ווערט אַנטשוויגן, אָדער דערפאַר, וואָס דאָס איז געווען דעם טאַטנס ערשטער ווידערשטאַנד זינט זיי קענען זיך און פירן אַזאַ זיס לעבן, — נאָר ס'איז געשען אַ נס: די שטיפמאַמע האָט צוגעביסן די צונג און איז אַנטשוויגן געוואָרן, ווי אַ קעצעלע. פון דעמאָלט אָן איז זי צו שלומען געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש. דאָס הייסט, שטעכווערטלעך און קללות האָט זי ניט געזשאַלעוועט, אַלע מינוט אים אויפגעוואָרפן די „קלאָסן", געגעבן אָנצוהערעניש בדרך גוזמא, אַז עס גייט אוועק אַ פּוד פּאַפּיר אַ וואָך און דרײַ בוטעלקעס טינט אַ טאָג, און זי פלעגט פאַרגעסן מיט אַ כיוון אָנצוגיסן דאָס לעמפּל אַף באַנאַכט, אָנצוגרייטן אָנבײַסן, און נאָך אַזעלכע זאַכן. דערפאַר אָבער שאַפן זיך האָט זי מיט אים מער ניט געשאַפט. סײַדן אַזוי, אין גוטן מוט, אַז ער האָט געוואָלט פאָלגן דאָס קינד — מהכתיתי.

— שלום? — זאָגט צו אים די שטיפמאַמע ווייך און מיט אַ ניגון, ווי מע רעדט אין באַרדיטשעוו. — וואָס איז דאָס, וואָס דו, אַז דו טוסט נאָר אַ קוק צום סאַמאָוואַר, אַזוי הייבט ער אָן זידן?

אָדער:

— שלום? וואָס געדויערט באַ דיר אַ שפּרונג אין מאַרק הין און צוריק? אַ האַלבע מינוט! קיין האַלבע מינוט אויך ניט!...

און דערצו האָט אים צוגעשפּילט די הצלחה אויך אַביסל. אַז עס הייבט אָן גיין אַ מענטשן, גייט עס. איינמאָל אין קלאַס האָט דער „סמאָטריטעל" פון דער „אויעזדנע", אַ גאַנץ ווילער גוי, אָנגענומען שלומען באַם אויער און געהייסן, אַז דער טאַטע זאָל קומען צו אים צו גיין אין דער קאַנצעלאַריע. ער דאַרף אים עפּעס זאָגן. דערהערט, אַז דער „אָדון דער דירעקטאָר" רופט אים, האָט זיך נחום ראַבינאָוויטש ניט געלאָזט לאַנג בעטן, אָנגעטאָן די שבתדיקע קאַפּאָטע, נאָך שטאַרקער אונטערגע־קאַטשעט די אונטערגעקאַטשעטע פּאות און איז אוועק צום דירעקטאָר

הערן, וואָס וועט ער זאָגן. לאָזט זיך אויס אַזאַ געשיכטע: אַזוי ווי זיין זון שלום לערנט זיך אויסגעצייכנט גוט, וואָלט ער, אייגנטלעך, „פּאָ־זאַקאָנו", באַדאַרפט אים צונעמען אַף „קאַזיאָנע שטשאָט". נאָר אַזוי ווי ער איז אַ ייִד, קאָן ער אים שענקען אַ פּענסיע (דאַכט זיך, אויב נים הונדערט צוואַנציק רובל אַ יאָר, אָדער הונדערט צוואַנציק רובל אַ האַלב יאָר).

דאָס האָט אָנגעמאַכט אַ מאָדנעם רעש און אַ טומל אין שטאָט. איי־נער נאָכן אַנדערן איז מען געקומען געווירע ווערן, צי ס'איז אמת?

— וואָס־זשע? אַ ליגן?

— פּענסיע?

— פּענסיע.

— נאַזנאַטשעט פון קאַזנאַ?

— ניט פון קאַזנאַ, נאָר פון נאַראָדנע פּראָסוויעשטשעניע.

אַ מענטש, וואָס געהער זיך אָן מיט „נאַראָדנע פּראָסוויעשטשעניע" — אַ קאַטאָוועס אביסל?!... פאַרנאַכט קלייבט זיך צונויף די משפּחה — אָנקוקן וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט, „דער בעל הפּענסיע"?... אַך! ווער עס האָט ניט געזען דעמאָלט דעם טאַטן, ווי ער האָט געשייַנט און גע־לויכטן, דער האָט גאָר קיין גליקלעכן מענטשן אַף זיין לעבן נישט געזען! אפילו די שטיפמאַמע, וואָס האָט זיך משמח געווען גלייַך מיט אַלע און איז דעם דאָזיקן טאָג געווען מאָדנע גוט, מכבד געווען די משפּחה מיט טיי און מיט אייַנגעמאַכטס, האָט באַקומען חן אין די אויגן פונעם בעל הפּענסיע, וואָס האָט איר פאַרגעסן און מוחל געווען אַלצדינג. „וואָס ס'איז געווען — איז געווען"... איצט איז ער אַ העלד. אַלע קוקן אַף אים. אַלע ריידן פון אים. אַלע לאַכן און פרייען זיך. דער מומע חנהס קינדער, וואָס האָבן ליב טרייַבן מיט אים קאַטאָוועס, פרעגן אים: „וואָס רעכנט ער צו טאָן מיט אַזוי פיל געלט?" גלייַך ווי זיי ווייסן ניט, אַז פונעם געלט יועט ער ניט זען אַ גראָשן אין די אויגן. גלייַך ווי זיי ווייסן ניט, אַז דאָס געלט וועט צונויף קומען דעם טאַטן אין געשעפט אַרייַן, אינעם ווייַנקע־לער „יוזשנאַהאַ בערעגאַ"...

שאַט! אָט איז ער אויך דאָ — דער גראָבער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילן און מיט די טיפע קאַלאָשן. ער וויל נאָר אַ קוק טאָן מיט זיינע בלינדע אויגן דעם קונדאַס (אַ קוועטש אַפּן אַס) און געבן אים, דעם שייגאַץ (אַ קוועטש אַפּן אַץ), אַ קניפּ אין בעקל, אַרויסרייַסן אַ שטיק פלייש! אויך די „איידעמס", לייזער־יאָסל און מאַגידאָוו, זייַנען אַרייַנ־געקומען צום טאַטן אָפּגעבן מזל־טוב און אַביסל זיצן און שמועסן פון השכלה און פון ליטעראַטור, פון פּראָגרעס און פון ציוויליזאַציע... און נאָך זיי איז געקומען אַרנאָלד פון די פּידוואַרקעס און האָט אַביסל פאַר־

שטערט שלומען די שמחה. ערשטנס, האָט ער באַוויזן די ייִדן, אַז זיי זײַנען בהמות, זיי ווייסן ניט וואָס זיי ריידן. די פּענסיע איז ניט קיין פּענסיע, נאָר אַ סטיפּענדיע. פּענסיע איז פּענסיע, און סטיפּענדיע איז סטיפּענדיע. והשנית, איז שלום ניט קיין איינציקער — ס'איז דאָ נאָך איינער אין דער אויעזדנע, וואָס האָט באַקומען אַ סטיפּענדיע, אויך אויף הונדערט צוואַנציק רובל, און דאָס איז געווען שלומס נײַער חבר פון דער אויעזדנע. אַליע האָט ער געהייסן. נאָר וועגן אים שפּעטער. דערווײַל איז דער העלד פון אונדזער באַשרײַבונג געווען אויפן זיבעטן הימל. ער האָט אַרויסגעזען בחוש, אַז זײַנע אַמאָליקע חלומות וועגן זײַן חבר שמואליקס „אוצר" הייבן־אָן פאַוואָלינקע מקוים צו ווערן... און זײַן פאַנטאַזיע כאַפּט אים אויף אויף אירע פליגלען און פאַרטראָגט אים ווײַט־ווײַט, אין עולם־הדמיון אַרײַן. און ער זעט זיך אַרומגערינגלט מיט זײַנע חברים, וואָס קוקן אויף אים מיט שטראַלנדיקע אויגן און זײַנען אים מקנא. און דעם טאַטן זעט ער, נאָך גאָר אַ יונגערמאַנטשיק עפּעס. ווו איז אַהינגעקומען דער אויסגעבויגענער רוקן? די טיפע קנייטשן אויפן שטערן? דאָס געלע פאַרזאָרגטע פּנים? גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן! און ער זיפצט שוין גאָר ניט מער. און די גאַנצע משפּחה — שטעלט זיך אים פאָר — רינגלט אים אַרום, גיט אים אָפּ גרויס כבוד, אים און זײַן שלומען, דעם אויסדערוויילטן, דעם גליקלעכן, וואָס פון אים ווייסן הײַנט אַלע, אַפילו „קאַזנאַ" און אַפילו די „נאַראָדנע פּראָסוויעשטשעניע" — אַלע, אַלע, אפשר טאָקע ביזן קיסר — ווער ווייס?...

52

חבר אַליע

אַליע דאָדעס. — די ערשטע באַקאַנטשאַפט אויף אַ שרפה. — שמועסן וועגן קאָסמאָגראַפיע מיטן פעטער פיניע. — דער העלד איז מחלל שבת בפרהסיה. — ער ווערט געקרוינט מיטן נאָמען „פיסאַטעל".

אַ פּנים אַ ווײַס, אַ קײַלעכיקס, אַביסעלע אַ געשטופּלטס. האָר שטײַענדיקע, האַרטע, שוואַרצע, געדיכטע, שטעכעדיקע — אַ גאַנצע גריווע. אויגן לאַכנדיקע, ציין געזונטע, ווײַסע. פינגער קורצע. אַ געלעכטער אַ הילכיקער, אַ שיסנדיקער. אַ טעמפּעראַמענט אַ פײַעריקער. — אָט דאָס איז דער פאַרטרעט פון שלומס חבר אַליע, פון דער ערשטער קלאַס אויעזדנע ביזן סוף.

זייער ערשטע באַקאַנטשאַפט איז געשלאָסן געוואָרן בײַנאַכט אַף א שׂרפֿה.

א שׂרפֿה — דאָס איז א ספּעקטאַקל, אַן אומזיסטיקע פֿאָרשטעלונג, א העכסט־אינטערעסאַנטע פֿאַרזאַמלונג פֿון אַלערליי טיפּן ייִדן און ווײַבער, אַן אָפּשפּיגלונג פֿון אַלערליי סצענעס, טרויעריקע און פֿריילעכע — מע דאַרף נישט קיין טעאַטער. די נאַכט איז שטיל, דער הימל איז טיף, שטערן פֿינקלען. ווו־ניט־ווו לאָזט זיך הערן דאָס בילן פֿון א הונט. און דאָס שטיבל ברענט זיך ווי א ליכטל, רויִק, פּאַמעלעך, ס'האָט צײַט. פֿון אַלע גאַסן ציִען זיך מענטשן. פֿריִער שלעפֿעריק, דערנאָך לעבעדיקער און האַ־מעטנער. פֿריער איינציקווײַז, דערנאָך מחנותווײַז, און ייִדישע קינדער — א גאַנצע כאַליאַסטרע. ייִדן מיט אַרבע־כּנפֿותן וואַרפֿן זיך אין פֿײַער אַרײַן ראַטעווען, ווײַבער קוויטשען, קליינע קינדער וויינען, בחורים זאָגן ווערטלעך, אונטער־געוואַקסענע מיידלעך לאַכן. ראַבינאָוויטשעס קינדער זײַנען אויך דאָ. פּלוצעם דערהערט שלום עמיצנס קול, א קול פֿון א ייִנגל, און גלײַך צו אים אַפֿן אויער:

— זיי פֿאָרן!

— ווער?

— די „פֿאָזשאַרנע קאָמאַנדע”. קום, וועלן מיר העלפֿן לעשן.

און ביידע ייִנגלעך נעמען זיך פֿאַר די הענט און מע לאָזט זיך לויפֿן איבערן גאַנצן מאַרק צו באַגעגענען די „פֿאָזשאַרנע קאָמאַנדע”. לויפֿנ־דיק, ווערט שלום געוווירע, אַז זײַן חבֿר רופֿט מען אליע און אַז ער איז דאָדיע דעם שרײַבערס א ייִנגל. און אליע ווערט געוווירע, אַז זײַן חבֿר הייסט שלום און אַז ער איז נחום ראַבינאָוויטשעס א ייִנגל.

זייער צווייטע באַגעגעניש איז פֿאָרגעקומען אביסל שפּעטער, שוין דווקא באַטאָג, אויך אין גאַס און אויך אַף אַן אומזיסטיקער פֿאָרשטע־לונג. עפּעס א שוואַרצער מיט ווײַסע ציין ווײַזט א מאַלפּע, און די גאַנצע שטאָט מיט ייִנגלעך לויפֿן אים נאָך. דאָס איז איינס פֿון די חידושים, וואָס מע זעט זעלטן אין פּערעיאַסלאַוו. אָדער מע פֿירט אַרום א בער מיט אויסגעברענטע אויגן, וואָס טאַנצט אַף א שטעקן. אָדער א וואַנקאַ רו־טוטיו מיט רויטע הויזן, וואָס מאַכט אָנשטעלן. אָדער א ציגײַנער ווײַזט א מאַלפּע. דער ציגײַנער און די מאַלפּע האָבן ביידע איין פּנים, גלײַך ווי איין מאַמע האָט זיי געהאַט. ביידע האָבן אַלץ איינע געקנייטשטע באַ־וואַקסענע פּנימלעך, אַלץ איינע אויסגעקראָכענע קעפּ, און קוקן ביידע מיט אַלץ איינע רחמנותדיקע אויגן און ציִען־אויס די באַוואַקסענע ברודיקע דאַרע הענט, מע זאָל זיי עפּעס געבן. און ריידן רעדט דער ציגײַנער מיט אַזאַ מאָדנע קול און אַף אַזאַ מאָדנע שפּראַך, שאָקלט מיטן קאָפּ און מאַכט אַזאַ מאָדנע גרימאַסע דערבײַ, אַז מע מוז לאַכן: „דאַי, באַרין!

חראַש אַבעזשיאַן! אַמעריקאַנסקו!״... און חברה שיסן־אויס אַ געלעכטער. די דאָזיקע צוויי באַגעגענישן זײַנען שוין גאַנץ גענוג, אַז אַזעלכע צוויי יינגלעך, שקצים, ווי שלום נחום ראַבינאָוויטשעס און אליע דאָדיע דעם שרײַבערס, זאָלן ווערן חברים. דאַרף נאָך גאָט פּירן אַזוי, אַז זיי טרעפן זיך ביידע אין איין קלאַס אין דער אויעזדנע, אַ באַנק נעבן אַ באַנק, און אַקוראַט דעמאָלט, ווען דער לערער האָלט־אָפּ זײַן ערשטע לעקציע פאַרן גאַנצן קלאַס. דערזעט שלום זײַן נײַעם חבר אליע, ווי ער ציט־אויס די האַנט, שאָקלט מיטן קאָפּ, מאַכט דעם ציגײַנערס גרימאַסע: „דאַי, באַרין! חראַש אַבעזשיאַן! אַמעריקאַנסקו!״ — זײַט אַ בריה, האַלט זיך אײַן און צעלאַכט זיך נישט. אוודאי באַקומען ביידע חברים אַ מיאוסן פּסק, בלײַבן ביידע איבער „אָן וואַרעמעס״, און זייער פרײַנטשאַפט ווערט געשלאָסן אַף שטענדיק, אַף אייביק.

פון דעמאָלט־אָן ווערן זיי נפש אחת, איין זעל, איין נשמה. ווו איינער, דאָרט איז דער צווייטער. ביידע אינאיינעם לערנען, און לערנען גוט. מע האָט זיך דאָס וואָרט געגעבן, אַז מע זאָל איבערשטײַגן אַלע גויים, מע זאָל זײַן די ערשטע, די בעסטע תלמידים אין קלאַס. און מע האָט אויסגעפירט. מע האָט ווײַט־ווײַט איבערגעשטיגן אַלע גויים און מע איז געגאַנגען פון קלאַס צו קלאַס די ערשטע בעסטע תלמידים, אָבער אויך די ערשטע און די גרעסטע שקצים אין שטאָט. וואָס די צוויי האָבן זיך דערלויבט אָפּצוטאָן אין שטאָט האָבן דאָס אַנדערע יינגלעך נישט געוואַגט. די בעסטע יינגלעך, פּענסיאָנערן, סטיפּענדיאַנטן — אַ קלייניקייט? הײַנט זייער קענען רוסישע גראַמאַטיקע! וואָס פאַר אַ וואָרט מע זאָל ניט אַרויסריידן, איז באַלד צו דער גראַמאַטיקע. למשל, אַ טיש איז סטאָל. און סטאָל איז: סטאָל, סטאָלאַ, סטאָלו, סטאָל, סטאָלאָם, אַ סטאָליע. אַ מעסער איז נאָזש. און נאָזש איז: נאָזש, נאָזשאַ, נאָזשו, נאָזש, נאָזשאָם, אַ נאָזשיע. הײַנט געאָגראַפיע! ווער נאָך ווייס אַזוי ווי זיי, פאַר וואָס איז די ערד קײַלעכיק? ווער ס׳דרייט זיך אַרום וועמען — די ערד אַרום דער זון, צי די זון אַרום דער ערד? און פון וואַנען נעמט זיך אַ ווינט? און וואָס איז פריער — דער דונער, אָדער דער בליץ? און פון וואַנען נעמט זיך אַ רעגן?

פון אַלע לערנעכצן, וואָס מע לערנט אין די קלאַסן, געפעלט שלומס טאַטן נאָר געאָגראַפיע. מחמת פון געאָגראַפיע ווערט מען געבילדעט, אויפגעקלערט. חשבונען איז אויך אַ גוטע זאַך. מאַטעמאַטיקע שאַרפט־אויס דעם מוח. אָבער נישט מער. אָט איז יאָסיע פּרוכשטיין אַ פּראָסטער ייִד, ניט געלערנט אין ערגעץ, פונדעסטוועגן גיט אים די שווערסטע „זאַדאַטשע״, וועט ער זי אײַך מאַכן אַפן קאָפּ. צי, אַשטייגער, נעמט דעם קאָלעקטאָר. ווו האָט ער שטודירט? ערגעץ אין דער ישיבה. נו, קען ער

נישט, מיינט איר, קיין אַלגעברע? פון לייזער־יאָסלען שמועסט מען ניט, און אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס — פון יענעם איז אָפּגערעדט. אַרנאָלד איז דאָך גרייט אָפּגעבן „עקזאַמענט". ניין, זאָגט אײַך וואָס איר ווילט, געאָגראַפיע איז ניט מאַטעמאַטיקע. געאָגראַפיע דאַרף מען לערנען. געאָגראַפיע דאַרף מען קענען. און שלום קען געאָגראַפיע. זײַן פֿאָטער האָט ליב מיט אים צו פֿאַרברענגען נאָר וועגן געאָגראַפיע. און איז צופֿרידן, און איז גליקלעך, אַז עס זיצט דערבײַ אַ דריטער.

אַ קאָמעדיע איז, אַז דער פֿעטער פּיניע זיצט דערבײַ. דער פֿעטער פּיניע גלעט די באָרד, שמייכלט, מאַכט חוזק פֿון דעם קליינעם פֿילאָזאָף, ווי ער צעשפּרייט זיך דאָס אביסל מיט זײַן געאָגראַפיע. אַ יינגל אַ שנעק האָט אַ העזה צו זאָגן פֿאַר אַן עלטערן ייִדן, פֿאַר אַ פֿעטער, אַז די ערד דרייט זיך, ניט די זון. אַי, עס שטייט בפירוש: „שמש בגבעון דום"? — דו, זון, אין גבעון בלײַב שטיין? — בלײַבט אַ קשיא... „צי, אַשטייגער, דו זאָגסט, אַז דער דונער קומט פֿריִער פֿאַרן בליץ. אַי, מיר זעען פֿריִער דעם בליץ און ערשט נאָכדעם קומט דער דונער?" — פֿרעגט באַ אים דער פֿעטער פּיניע אַף אַ טשיקאַוועסט און קאַטשעט זיך פֿאַר געלעכטער. „צי דו זאָגסט, אַז די ערד איז אַ כדור, קײַלעכיק, הייסט דאָס, ווי אַן עפּל. מיט וואָס וועסטו דאָס מיר באַווײַזן?" ענטפֿערט אים שלום: „אויב איר ווילט זיך מטריח זײַן, פֿעטער, שטייט־אויף, זײַט מוחל, מאָרגן גאַנץ פֿריִ און טוט אַ קוק אַפֿן שפּיץ מאָנאַסטיר, בעת די זון גייט־אויף, וועט איר זען, ווי דער שפּיץ קלויסטער ווערט באַלײַכט פֿריִער פֿון אַלצדינג"...

„אוודאי האָב איך מער ניט וואָס צו טאָן, נאָר אויפֿשטיין דיר כאָור און קוקן אַפֿן שפּיץ קלויסטער צוליב דײַן געאָגראַפיע — כאַ־כאַ־כאַ!"...

ניין, דער פֿעטער פּיניע איז ניט צופֿרידן ניט מיט דער געאָגראַפיע, ניט מיט די קלאַסן און ניט מיט דעם, וואָס זײַן נחומס זון איז אַ חבר מיט דאָדיע דעם שרײַבערס יינגל. ער וועט אים אַרויספֿירן ווער וויים אַף וואָסערע דרכים... דער פֿעטער פּיניע האָט געהערט אַף זיי עפּעס ניט אַזעלכע שיינע זאַכן. ער האָט געהערט, אַז די יינגלעך גייען שבת שפּאַצירן אַף די פּידוואָרקעס, און אַז זיי טראָגן טיכלעך אום שבת, און אַז זיי ריידן — ריידן זיי צווישן זיך אַף רוסיש, ניט אַף ייִדיש.

אוי־ווי — ס'איז נעבעך אַלצדינג געווען אמת, קודש קדשים! נאָך מער: זיי גייען אַלע שבת אַף די פּידוואָרקעס, אָבער ניט שפּאַצירן, ווי מיר וועלן ווײַטער זען... זיי טראָגן ניט נאָר טיכלעך אום שבת, נאָר קליינגעלט אַף צו קויפֿן בארלעך, און ריידן אַזעלכע זאַכן — אָך! ווען דער פֿעטער פּיניע זאָל נאָך וויסן, פֿ ו ן וו אָ ס מע רעדט, און ווי אַזוי מע רעדט!... דער פֿעטער פּיניע זאָל נאָך וויסן, ווי אַזוי די צוויי בחורימלעך שיפֿן זיך אַף אַ שיפֿל, פֿאַרקלײַבן זיך אינצווייען העט־ווײַט אַף יענער זײַט

טײַך. דאָרט, אױפֿן גרינעם גראָז, לײענט מען ביכלעך (רוסישע) און מע זינגט לידלעך (גויִישע) און מע חלומט אױף דער װאָר, מע בױעט אײנאײַ־נעם לופֿטשלעסער, װאָס װעט זײַן אַמאָל, אַז מע װעט ענדיקן די אוי־עזדנע? װוּהין װעט מען פֿאָרן? אױף װאָס װעט מען שטודירן? װאָס װעט מען זײַן? און דער אמת מוז דאָ געזאָגט װערן, עס האָט געהערשט, אַזױ צו זאָגן, אַ גויִישע שטימונג, און קײן יִדישער אינהאַלט איז אין די דאָזיקע זיסע חלומות ניט געװען, װאָרעם דער חבר אליע איז געװאַקסן אין אַ שטוב, װאָס איז געװען װײַט פֿון יִדישקײט, כּמעט — אײנס צום אַנדערן געהערט זיך ניט — פֿעטש פּאַר ניט װעלן דאַװנען האָט אליע גע־כאַפּט פֿון זײַן טאַטן נישט װײניקער װי אַלע אַנדערע יִנגלעך פֿון זײערע טאַטעס. איך האָב מורא, אַז אַלע טאַטעס זײַנען אַזױ. איר קאָנט נאָך הײַנט אױך באַגעגענען טאַטעס, װאָס אַלײן טוען זײ כּל דבר אָסור און װילן, אַז זײערע קינדער זאָלן זײַן גוט און פֿרום, ניט אין זײ געראָטן...

ניט װעלן דאַװנען — דאָס איז געװען בײַ חברה יונגװאַרג אַן אַלטע קרענק נאָך פֿון חדר. היפֿערן אין דאַװנען איז געװען אַ װאָכעדיקער גאַנג. און פֿון זינט זײ זײַנען אַרײַן אין די „קלאַסן", האָבן זײ דאָס דאַװנען גאָר אינגאַנצן פֿאַרבױגן. דער טאַטע האָט דאָס געװוּסט, נאָר געמאַכט זיך כּלא־ידע. האָבן זיך אָבער געפֿונען אַזעלכע, װאָס האָבן נאָכגעקוקט און געעפֿנט דעם טאַטן די אױגן, ער זאָל זען, װי זײַנע קינדער גײען בױס־לעכװײַז אַראָפּ פֿון דרך־הישר — און דאָס האָט געפֿירט דערצו, אַז די קינדער זאָלן נאָך מער ניט װעלן דאַװנען און זאָלן אין דעם נישט װעלן דאַװנען פֿילן אַ מין עונג רוחני. ניט אומזיסט האָט דער רבי געגעבן צו פֿאַרשטײן זײַנע תּלמידים, די קלײנע בעלי־עבֿירהניקעס, דעם שׂכל פֿון אַן עבֿירה, אַ ז ד י ע ב י ר ה א ל י י ן א י ז נ י ט א ז ו י מ ו ר א ד י ק , װ י ד י ת א ו ה פ ו ן ט א ן א ן ע ב י ר ה . . . שלום געדענקט נאָך עד היום דעם טעם פֿון דער ערשטער עבֿירה, פֿון „חילול־שבת". אַזױ איז געװען די מעשׂה:

שבת באַטאָג. ייִדן האָבן אָפּגעגעסן װאַרעמעס און געהאַלטן אין רעכטן שלאָף. אין גאַס איז נאָך נישטאָ קײן משוגענער הונט. שטיל און רויִק, כּמעט צי זיך אויס. די זון באַקט, װי אין דער מדבר. די װענט פֿון די געפֿאַרבטע הײַזער און די הילצערנע פֿאַרקאַנעס פֿון די הױפֿן בעטן זיך, מע זאָל עפּעס אױף זײ אָנצײכענען, אָנשרײַבן. שלום האַלט די הענט אין די קעשענעס. דאָרט ליגט בײַ אים אַ קרײדל פֿון די קרײַדלעך, װאָס װערן באַנוצט אין קלאַס צו דער מאַטעמאַטיקע. ער קוקט זיך אַרום אױף אַלע זײַטן — נישטאָ קײן מענטש. די לאָדן זײַנען פֿאַרהאַקט. און דער יצר־הרע רעדט אים אָן: „מאָל!"... װאָס זאָל ער מאָלן? נעמט ער אויף

דער גיך און טוט אַ מאָל־אויס דאָס באַוווּסטע לידל, וואָס אַלע קינדער זינגען און מאָלן בעת מעשה:

טאָטשקאַ, טאָטשקאַ, זאַפּיאַטאַיאַ,
מינוס, ראָזשיצאַ קריוואַיאַ,
רוטשקאַ, רוטשקאַ, אי קרוזשאָק,
נאָזשקאַ, נאָזשקאַ, אי פּופּאָק... *

פּאַרטיק אַ מענטשל מיט אַ קײַלעכיק פּנים, מיט הענטלעך און מיט פֿיסלעך און מיט אַ מויל, וואָס לאַכט.. דער מאָלער איז צופֿרידן מיטן בילד. עס פֿעלט נאָר אַן אונטערשריפֿט. שלום קוקט זיך אַרום אױף אַלע זײַטן — נישטאָ קיין מענטש. די לאָדן זײַנען פֿאַרהאַקט. און דער יצר־הרע רעדט אים אָן: „שרײַב!... וואָס זאָל ער שרײַבן? נעמט ער און שטעלט אַוועק פֿון אונטן, אונטערן בילד, מיט שיינע קײַלעכיקע אותיות אױף רוסיש, צום גראַם:

קטאָ פּיסאַל — ניע זנאַיו,
אַ יאַ, דוראַק, טשיטאַיו... **

און איידער ער באַווײַזט איבערצוליייענען וואָס ער האָט דאָ אָנגעשריבן, דערפֿילט ער, ווי עמעצנס צוויי פֿינגער האַלטן אים באַם לינקן אויער אָבער שטאַרק!..

איך מיין, אַז קיינעם פֿון די לעזער וועט ניט אײַנפֿאַלן צו טרעפֿן, ווער האָט דאָס געקאָנט זײַן אָט דער, וואָס האָט געפּאַקט דעם העלד פֿון דער ביאָגראַפֿיע מיט דער דאָזיקער מיאוסער עבירה פֿון חילול שבת בפרהסיה? פֿאַרשטייט זיך, אַז נישט קיין אַנדערער, נאָר דער פֿעטער פּיניע! גראָד ער באַדאַרף הײַנט פֿריִער פֿון אַלעמען אויפֿשטיין פֿון שלאָף און פֿריִער פֿון אַלעמען גיין מיט אַ וויזיט גוט־שבת זאָגן! וואָס ווײַטער איז געווען — איז איבעריק צו דערציילן. יעדער קאָן זיך פֿאַרשטעלן, אַז עס האָט ניט געהאָלפֿן קיין זאַך, קיין בעטן זיך, קיין טרערן — דער פֿעטער פּיניע האָט דעם בחור, אַן אויסגעשמירטן אין קרײַד, אָפּגעפֿירט גלײַך אַהיים און איבערגעגעבן אים אָפּן טאַטנס הענט. נאָר דאָס איז געווען גאָרניט אַקעגן דעם, וואָס איז געשען נאָכדעם, אַז די גאַנצע שטאָט איז געוווירע געוואָרן פֿון דער מעשה און ס'איז דערגאַנגען צו דער נאַטשאַלסטווע פֿון דער אויעזדנע. עס האָט געהאַלטן דערבײַ, אַז מע זאָל

* אַ פּונקט, אַ פּונקט, און אַ קאַמאַ,
אַ פּאַסיקל אַ גלײַכס, אַ פּנימל אַ קרומס,
אַ הענטל, אַ הענטל, און אַ קײַלכל,
אַ פֿיסל, אַ פֿיסל און אַ בײַכל.

** ווער ס'האָט געשריבן — ווייס איך ניט,
נאָר איך, שוטה, לייען דאָס.

דאָס בחורל „אויסשליסן". דער טאַטע האָט געוויינט מיט טרערן און האָט נעבעך געמוזט גיין צום אָדון צום דירעקטאָר (סמאָטריטעל), בעטן פאַר זײַן זון רחמים, און נאָר צו פאַרדאַנקען דאָס, וואָס ער איז געווען איינער פון די בעסטע תּלמידים אין קלאַס, אַ סטיפּענדיאַנט, האָט מען אַף אים געלייגט כּבוד, רחמנות געהאַט אַפּן טאַטן און ניט „אויסגעשלאָסן". דער־פאַר האָבן די לערערס געבענטשט דעם תּלמיד מיט אַ נײַעם נאָמען. אַז זיי האָבן אים באַדאַרפט ארויסרופן אין קלאַס צו דעם ברעט, האָבן זיי ניט געזאָגט, ווי ביז אהער: ראַבינאָוויטש! זיי האָבן אים ארויסגערופן אָדער „כּודאָזשניק" (מאָלער), אָדער „פּיסאַטעל" (שריפטשטעלער). און צעצויגן האָט מען דאָס וואָרט אַף דרײַ קלאַפּטער די לענג:

— פּי ־ סאַ ־ טעל!...

אָט דער נאָמען איז אים פאַרבליבן אַף לאַנג, שוין ביזן סוף.

53

צווישן חזנים און כּלי־זמרים

אַ מעשה מיט אַ ייִדיש ביכל, וואָס רופט־ארויס געלעכטער. — חזנים מיט אַ „קאַלאָוראַטור". — יהושע־העשל דער כּלי־זמר מיט זײַן כאַליאַסטרע. — דער יצר־הרע פון פידל.

צו „שרײַבערײַ" האָט דער העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע געהאַט אַ נייגונג פון תּמיד אָן. זײַן אידעאַל איז געווען צו זײַן אַ מחבר, אַ שרײַ־בער, ניט נאָר מיטן קרײַדל אַף די ווענט, נאָר טאַקע באמת אַ שרײַבער, אַ פאַרפאַסער פון אַ בוך. אַף אים האָט נביאות געזאָגט נאָך זײַן אַלטער פרײַנט דער קאָלעקטאָר, אַז ער וועט אַמאָל זײַן אַ שריפטשטעלער און וועט שרײַבן העברעיִש, אַזוי ווי צעדערבוים, גאָטלויבער, יהל"ל און נאָך אַ סך אַנדערע „גדולים". האָט אָבער אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס גע־דרונגען פאַרקערט: אַז אויב אָט ־ דער חברה־מאַן וועט אַמאָל שרײַבן, וועט ער שוין זײַן בעסער אַ רוסישער שרײַבער, ניט קיין העברעיִשער. אין „המליץ", האָט ער געזאָגט, זײַנען פאַראַן אָן אים גענוג דילעטאַנטן, איגנאָראַנטן, מלמדים און בטלנים! ניט צעדערבוים, ניט גאָטלויבער, ניט יהל"ל נאָר טורגעניעוו און גאָגאָל, פּושקין און לערמאָנטאָוו — אָט ווער עס באַדאַרף אים שטיין פאַר די אויגן!...

מיט איינעם וואָרט, אָדער העברעיִש, אָדער רוסיש. אַז דער „חברה־מאַן" וועט אַמאָל שרײַבן ייִדיש — דאָס איז קיינעם אַף די געדאַנקען ניט געקומען, וואָרעם ייִדיש איז דען אויך אַ שפּראַך? דאָס הייסט, ריידן

האָט מען קיין אַנדער שפּראַך ניט גערעדט אויסער י ִ ד י ש, נאָר אַז מע קאָן ש ר ײַ ב ן אַף ייִדיש — ווער האָט דאָס געוווּסט? „זשאַרגאָן", „עברי־טײַטש" — דאָס איז אַ מאַכל פאַר װײַבער. אַ ייִד האָט זיך געשעמט צו האַלטן אַ ייִדיש ביכל אין די הענט — מע וועט זאָגן: אַ גראָבער יונג!...

פונדעסטוועגן געדענקט זיך אַ מעשה נאָך פון קינדווײַז. נאָך אין יענעם פאַרוואָרפענעם קליינעם שטעטעלע, אין וואָראָנקאָ, האָט אַ ייִדיש ביכל, און דווקא אַף „זשאַרגאָן" געשריבן, געהאַט דעם גרעסטן דערפאָלג. וואָס דאָס איז געווען פאַר אַ ביכל — קאָן זיך דער העלד פון דער ביאָגראַפיע ניט דערמאָנען. ער געדענקט נאָר, אַז ס'איז געווען אַ ביכעלע אַ קליינטשיקס, אַ דאַרינקס, מיט געלע, פאַרסמאָלצעוואַטע, צעפּאַלענע און אָפּגעריסענע בלעטלעך, אָן טעוועלעך, און אַפילו אָן אַ פאָדערבלעטל. שבת־צו־נאַכטס, אַלע בעלי־בתים פון שטאָט האָבן זיך צונויפגעקליבן בײַ רב נחום וועוויקס אַף „מלוה־מלכה". די מאַמע איז פאַרנומען אין קיך מיטן „וואַלכישן באָרשט", און דער עולם האַלט זיך אונטער דערווײַל. רב נחום לייענט אַ מעשה־ביכל. דער טאַטע לייענט, און דער עולם זיצט אַרום טיש, רויכערט פּאַפּיראָסן און מע קאַטשעט זיך, מע האַלט זיך בײַ די זײַטן פאַר געלעכטער, און מע אונטערברעכט אַלע מינוט דעם פאָרלעזער און מע דריקט־אויס די גרויסע התפעלות הויך אַף אַ קול, און עס שיטן זיך קללות אָפּן בעל־מחברם אַדרעס: „אָט אַ ימח־שמוניק! אַ כל־בוניק! אַ ממזר! אַ רוח אין זײַן טאַטנס טאַטן אַרײַן!"... אַפילו דער פאָרלעזער אַליין קאָן זיך ניט אײַנהאַלטן, ווערט שיער־דערשטיקט פאַר געלעכטער! די קינדער ווילן ניט גיין שלאָפן, און שלום אוודאי ניט. פאַרשטיין וואָס דער טאַטע לייענט — פאַרשטייט ער ניט, נאָר ס'איז אים גלאַט געפעלן צו זען, ווי ייִדן מיט בערד קאַטשען זיך, האַלטן זיך בײַ די זײַטן און שיסן־אויס אַלע מאָל מיט אַ געלעכטער. און ער זיצט פון דער ווײַטנס און קוקט אין אַלעמענס פּנימער, ווי זיי שײַנען, און ער איז מקנא יענעם ייִדן, וואָס האָט געמאַכט אָט דאָס ביכעלע, און זײַן טיפסטער ווונטש איז, אַז גאָט וועט העלפן, ער וועט אויסוואַקסן און ווערן אַ גרויסער, וועט ער אויך אָנשרײַבן אַזאַ מין ביכעלע, וואָס ייִדן וועלן דאָס לייענען און וועלן לאַכן און וועלן אים שילטן אין גוטן מוט, גלאַט אַזוי זיך, אין טאַטנס טאַטן אַרײַן...

נאָר ווי די מעשה איז — אויב ער וועט זײַן אַ שרײַבער אָדער ניט, אויב ער וועט זײַן אַ העברעיִשער שרײַבער אָדער אַ רוסישער — אַ „קענער" וועט ער שוין זײַן געוויס. ס'איז גאָר נישטאָ וואָס צו ריידן. זײַן אַ „קענער" — דאָס האָט ער געמוזט און דאָס האָט ער געוואָלט. ער האָט געוואָלט קענען אַלצדינג. אַפילו אַזאַ זאַך, ווי פידל־שפּילן. דאַכט זיך,

וואָס פאַר אַ שייכות האָט שפּילן אויפֿן פֿידל צו השכּלה? ניין, עס האָט אַ שייכות. שפּילן אויפֿן פֿידל איז אין יענער צײַט געשטאַנען אין פֿראַגראַם פֿון קענטעניש גלײַך מיט אַנדערע זאַכן און האָט זיך אָנגעקערט מיט לערנען, ווי, אַשטייגער, אַ טאַטנס אַ קינד האָט געלערנט דײַטש, אָדער פֿראַנצויזיש. קיין פּראַקטישע נוצן האָט דערפֿון קיינער ניט געװאַרט, נאָר אַ טאַטנס אַ קינד, וואָס ווייל זײַן אַ מושלם, באַדאַרף אַלצדינג קענען. כּמעט אַלע פֿײַנסטע בעל־הבתישע בחורימלעך אין שטאָט האָבן דעריבער זיך געלערנט שפּילן פֿידל. חיים פּרושטיינס האָט געשפּילט פֿידל, צאַליע מערפֿערטס האָט געשפּילט פֿידל, מאָטל סריבנערס האָט געשפּילט פֿידל. מיט וואָס איז שלום ראַבינאָוויטש ערגער פֿון זיי? האָט אָבער דער טאַטע נישט געוואָלט. ער האַלט ניט דערפֿון. עס איז אַן איבעריקע זאַך, האָט ער געזאָגט, אַן עבֿירה די צײַט, און עס קומט־אויס באַ אים מעשה כּלי־זמר. מאַטעמאַטיק, געאָגראַפֿיע, מליצה — דאָס איז אַ זאַך. אָבער רימפּלען אויפֿן פֿידל — וואָס איז פֿאַר אַן עבֿודה?...

אַזוי טענהט נחום ראַבינאָוויטש און איז פֿון זײַן שטאַנדפּונקט אפֿשר גערעכט. הערט־זשע אָבער, וואָס זאָגט דערויף יהושע־העשל דער כּלי־זמר? יהושע־העשל דער כּלי־זמר איז אַ ייִד אַן ערלעכער, אַן איידעלער ייִד, מיט צוויי גראָבע געדיכטע פּאות. זאָגט ער בפֿירוש: „וואָס געהער זיך אַן דאָס מיט דעם? ער האָט, זאָגט ער, אויך קינדער, ניט ערגער פֿון אַלע אַנדערע ייִדישע קינדער, און שקצים אויך גוטע, דער רוח האָט זיי ניט גענומען! אַלאַ דעריבער איז וואָס? האָט איר מורא, אַז זיי שפּילן ניט באַ אים אויף אַלע אינסטרומענטן?"... און בנציון דער כּלי־זמר וואָס זאָגט? אָט דער בנציון, וואָס האָט אויסגעלערנט די אַלע אויסגערעכנטע בחורימלעך פֿידל שפּילן, איז אַליין אַ ייִד מיט אַן אײַנגעפֿאַלענער נאָז, און דעריבער פֿאָנפֿעט ער אַביסל אונטער. האָט ער אויסגעפּרוווט נחום ראַבינאָוויטשעס ייִנגל, געגעבן אים די ערשטע פּאַר לעקציעס פֿון ערשטן חלק „בעריאָט", האָט ער אַליין געזאָגט פֿאַר אַלע ייִנגלעך, אַז אָט דאָס בחורל איז אַ „פֿאַלאַנף". אויף בנציונס פֿאָנפֿעוואַטע לשון האָט דאָס באַדאַרפֿט הייסן אַ „טאַלאַנט"... צי ער האָט טאַקע געהאַט אַ טאַלאַנט אָדער ניט — דאָס ווייס ניט שלום. ער ווייס נאָר, אַז פֿון קינדווײַז־אָן גייט ער אויס שפּילן און איז די כּפּרה נאָך אַ פֿידל, און ווי אויף צו־להכעיס, גלײַך ווי מע וואָלט זיך וועלן רייצן מיט אים, האָט ער זיך שטענדיק געפֿונען אין אַ וועלט פֿון געזאַנג און מוזיק, צווישן חזנים און כּלי־זמר.

חזנים און משוררים זײַנען כּמעט קיינמאָל ניט אַרויס פֿון זייער שטוב, ווײַל נחום ראַבינאָוויטש איז אַליין געווען אַ בעל־תּפֿילה און אַ יודע־נגן, און דערצו איז זייער אײַנפֿאָר געווען, קאָן מען זאָגן, די אייניקע סטאַנציע פֿאַר חזנים. עס איז ניט אַוועק קיין שבת־מברכים, ס'זאָל

ניט קומען צו פֿאָרן אַ בויד, אָנגעפּאַקט מיט מאָדנע פֿאַרשוינען, לעבעדיקע, רירעוודיקע, אַלע הונגעריקע. געגאַנגען זײַנען זיי, מערסטנטייל, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, כמעט נאַקעט און באָרוועס, נאָר די העלדזער ארומגעוויקלט מיט שאַרפֿעס, וואָלענע, וואַרעמע שאַרפֿעס. אַזוי ווי די היישעריקן זײַנען זיי באַפֿאַלן די אכסניה, געגעסן אַלצדינג, וואָס מע האָט זיי געגעבן. דאָס איז שוין געווען אַ כּלל, אַז וויבאַלד הונגעריקע — זײַנען דאָס געווען משוררים מיט אַ וועלט־באַרימטן חזן. גאַנצע טעג האָט זיך דער וועלט־באַרימטער חזן געקאַטשעט אַפֿן האַלדז, אויסגעפּרוווט זײַן „קאָלאַוראַטור” און געשלונגען רויע אייער, און די זינגערלעך האָבן זיך געריסן אַף די גלײַכע ווענט, מערסטנטייל געהאַט שוואַכע קולות, נאָר שטאַרקע אַפּעטיטן צום עסן, האָבן זיי דעריבער מיט זייער דאַווענען עפּעס ניט אַזוי שטאַרק אויסגענומען, נאָר אָנגעגעסן און אָנגעטרונקען זיך און אָוועקגעפֿאָרן אומבאַצאָלטערהייט. דאָס האָט דער שטיפֿמאַמע, פֿאַרשטייט זיך, שטאַרק ניט געשמעקט. האָט זי ביסלעכווײַז אָטלעגטשעט די וועלט־באַרימטע חזנים, געבעטן, זיי זאָלן שוין מוחל זײַן פֿאַרפֿאָרן בעסער צו ראובן יאַסנעגראַדסקי, מחמת עסערם האָט זי, קיין עין־הרע, אַליין געגוג, און שרײַערס איז באַ איר אויך דאָ אַ היפּש ביסל, ניט צו פֿאַרזינדיקן...
דער פּועל־יוצא איז געווען, וואָס ראַבינאָוויטשעס קינדער האָבן זיך אָנגעהערט אַזוי פֿיל נגינה, אַז זיי זײַנען געווען קלאָר אַף אויסווייניק, וועמען געהער אָט די און די קדושה, און וועמען געהער דער און דער „תכנת־שבת”: צי פּיציע דעם חזן, אָדער מיציע דעם חזן, אָדער דעם קאַשטאַנער־חזן, אָדער דעם שעדליצער, אָדער דעם קאַלוואַריער חזן, אָדער גאָר ניסיע בעלזער? עס זײַנען געווען צײַטן, וואָס געזאַנגען האָבן זיך, אַזוי צו זאָגן, געטראָגן אַליין פֿון זיך אין דער לופֿטן, און אין קאָפּ האָט זיך געפּלאָכטן אַ געדאַנק, און אין האַלדז האָט זיך געקײַקלט און געקײַקלט עפּעס אַ ניגונדל און ניט געלאָזט שלאָפֿן.

דאָס איז געווען מיט נגינה. און וואָס אָנבאַלאַנגט מוזיק, האָט דער העלד פֿון דער דאָזיקער ביאָגראַפֿיע געהאַט די זעלבע געלעגנהייט צו הערן כּלי־זמר נאָך מער ווי חזנים, וואָרעם סײַ יהושע־העשל דער כּלי־זמר מיט די גראָבע פּאות, סײַ בנציון מיט דער אײַנגעפֿאַלענער נאָז האָבן געוווינט ניט ווײַט פֿון חדר, אַזוי, אַז מע איז געגאַנגען אין חדר אַרײַן, האָט מען באַדאַרפֿט דורכגיין פֿאַרבײַ יהושע־העשלען און פֿאַרבײַ בנציונען. דאָס הייסט, קיין מוז איז דערבײַ ניט געווען: מע האָט זייער שיין געקאָנט אויסמײַדן, און ווען מע מײַדט זיי אויס, וואָלט געווען אַ סך נענטער. האָט אָבער שלום ליב געהאַט דווקא גיין פֿאַרבײַ זיי און דווקא בלײַבן שטיין אונטערן פֿענצטער און הערן, ווי בנציון דער כּלי־זמר לערנט די יינגלעך פֿידל שפּילן, אָדער ווי יהושע־העשל דער כּלי־זמר מאַכט רע־

פעטיציע מיט זײַנע בנים, וואָס שפּילן אַף אַלערלײ אינסטרומענטן. און
דעמאָלט איז געווען אים ניט אָפּצורײַסן און ניט אָפּצוטרײַבן. יהושע־
העשלס בנים האָבן דאָס באַמערקט, האָט דער עלטערער, העמעלע, אים
מכבד געווען איין מאָל מיטן סמיטשיק, דאָס אַנדערע מאָל מיט אַ קוואָרט
וואַסער — עס האָט אָבער ניט געהאָלפֿן. דורך איין ציגאַר טיטון איז מען
מיט העמעלען געוואָרן חבר, און שלום איז געוואָרן אַ בן־בית בײַ יהושע־
העשל דעם כּלי־זמר, נישט דורכגעלאָזט קיין איין רעפּעטיציע — און רע־
פּעטיציעס זײַנען געווען דאָרט אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק, — און
דורך זיי האָט ער זיך באַקענט מיטן גאַנצן בינטל מוזיקאַנטן, מיט דער
גאַנצער כּלי־זמרשער משפּחה, מיט זייערע ווײַבער און קינדער, מיט אַלע
זייערע זיטן און מנהגים, מיט זייער אַרטיסטיש ציגײַנער־לעבן, און אַפילו
מיט זייער שפּראַך, „כּלי־זמר־לשון", וועלכעס ער האָט דערנאָכדעם, שוין
אַלס ש ל ו ם ע ל י כ ם , טיילווייז אויסגענוצט אין זײַנע ווערק:
„אַפּן פידל", „סטעמפּעניו", „בלאָנדזשענדע שטערן" און אַנדערע.

אַלזאָ, ווי איר זעט, איז אין לערנען פידל שפּילן ניט געווען קיין
מניעה. געהערט האָט ער געהאַט געניג. אַ טאַלאַנט, זאָגט בנציון דער
כּלי־זמר, האָט ער אויך געהאַט. וואָס־זשע נאָך פעלט? איין אינסטרומענט,
אַ פידל. און אַ פידל קאָסט געלט, און קיין געלט איז נישטאָ! וואָס טוט
מען? — דאַרף מען, הייסט דאָס, קריגן געלט... אָט דאָ, בײַ דעם געלט
קריגן, האָט זיך געטראָפן אַ מעשה, אַ קאָמישע, נאָר אַ טרויעריקע. אַ מין
טראַגי־קאָמעדיע.

54

לא תגנוב!

דעם אורחס בײַטעלע מיט קליינגעלט. — ער באַגייט אַ גנבה און האָט חרטה. —
ווי אַזוי ווערט מען פּטור פונעם בײַטעלע?

צווישן די אורחים, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט בײַ די ראַבינאָ־
וויטשעס אין „אײַנפאָר", איז געווען איינער אַ באַשטענדיקער אורח, אַ
ייִד אַ ליטוואַק, אַ תבואה־הענדלער פון פּינסק, מיטן נאָמען וואָלפסאָן. דער
וואָלפסאָן פלעגט אײַנשטיין חדשים־לאַנג און האָט זיך געמוזט זײַן שטענ־
דיקן חדר, וואָס מע האָט אים גערופן „וואָלפסאָנס חדר" (אַפילו דעמאָלט,
ווען וואָלפסאָן אַליין איז גאָר געווען אין פּינסק). און אויך אַ סאַמאָוואַר
אַ באַזונדערן האָט ער געהאַט — „וואָלפסאָנס סאַמאָוואַרל". און געווען
איז דער וואָלפסאָן בײַ די ראַבינאָוויטשעס אַ מענטש אַ היימישער, געגעסן

דאָס, וואָס אַלע עסן, און אַז די בעל־הביתטע (די שטיפמאַמע) איז געווען עפּעס ניט אַזוי אויפגעלייגט, האָט ער געכאַפּט פון איר אַ פּסק גלײַך מיט אַלעמען, ווי אַן אייגענער... געטראָגן האָט ער אין שטוב אַ קורץ כאַלאַטל, און אַמאָל איז ער געגאַנגען גאָר אָן אַ כאַלאַט, און גערויכערט האָט ער מוראדיק גראָבע געבלעטערטע ציגאַרן, און ליב געהאַט צו ריידן, האַלטנדיק געבלעטערטע ציגאַרן אין מויל, די הענט אין די הויזן, און גערעדט, און גערעדט — נײַן מאָס רייד! דער חדר איז געווען אָפן, דאָס סאַמאָוואַרל באַם טיש, דאָס טישקעסטל צוגעשלאָסן, נאָר די שלי־סעלעך הענגען דערבײַ — אַ דריי מיטן שליסל, און דאָס טישקעסטל איז אָפן. וואָס אין טישקעסטל טוט זיך — ווייסן אַלע. דאָרט געפינען זיך בי־כער, בריוו, חשבונות און געלט. איין טײַסטער אַ גרויסער, אַ גראָבער, אָנגעשטאָפּט מיט אַסיגנאַציעס — ווער ווייס, וויפל דאָרט איז! און אַ חוץ דעם טײַסטער — אַ לעדערן בײַטעלע, אַן אַלטס, אַן אָפּגעקראָכנס, נאָר שטענדיק פול מיט קליינגעלט, זילבערנע און קופּערנע מטבעות, אויך היפּשלעך — הלוואי פאַרמאָגט דאָס אַזאַ יינגל, ווי שלום, כאָטש האַלב, וואָלט אים אויך געווען גענוג אויף צו קויפן די בעסטע פידל אין דער וועלט...

ניט איינמאָל האָט וואָלפסאָן געהאַט געעפנט דאָס טישקעסטל פאַר איטלעכן אין די אויגן, און, ניט ווילנדיק, האָט שלום געכאַפּט אַ קוק אָפן אָנגעפּאַקטן טײַסטער מיט אַסיגנאַציעס, און דערהויפּט — אָפן לעדערנעם בײַטעלע מיט מינץ, און זײַן גרעסטער ווונטש איז געווען, אַז וואָלפסאָן זאָל אַמאָל פאַרלירן אָט דאָס בײַטעלע און ער, שלום, זאָל דאָס געפינען. דאָס וואָלט געווען, ווי מע זאָגט, אַ כשרער טאָפּ מיט אַ כשרן לעפל... „השבת אבידה" איז טאַקע איינע פון די גרויסע מצוות, נאָר פאַרמאָגן אָט אַזאַ בײַטעלע מיט קליינגעלט איז נאָך מער מצווה... ווײַל ער אָבער ניט פאַרלירן, דער ליטוואַק!... פּועלט באַ זיך שלום און איז זיך מתיר נדר, אַז ווען וואָלפסאָן גיט אים, למשל, די הויזן אויספּוצן און פאַרגעסט דאָרטן דאָס בײַטעלע, וואָלט ער עס אים אַ מכה אָפּגעגעבן צוריק! ס'האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון קעשענע בשעת רייניקן — וואָס איז ער שולדיק?... איז אָבער וואָלפסאָן אויך ניט קיין נאַר. אַלעמאָל, ווען ער גיט די קינדער פּוצן די מלבושים, ליידיקט ער פריִער אויס אַלע קעשענעס — אַ ליטוואַק בלײַבט אַ ליטוואַק! פאַרדריסט דאָס שווין שלומען. איז ער זיך מיישב איינמאָל, אַז ס'איז יאָ אַזוי, אַז פאַרלירן ניט און פאַרגעסן אויך ניט, באַדאַרף מען געבן אַ קוק אַרײַן אין בײַטעלע, כאָטש ווּיסן, וויפל קליינ־געלט דאָרט געפינט זיך... און מיט דער דעה, ניט חלילה אויף צו באַגיין אַ גנבה, נאָר גלאַט אַזוי אויס נײַגעריקייט, האָט שלום איינמאָל אין אַ פרימאָרגן אַרײַנגעכאַפּט זיך צו וואָלפסאָנען אין חדרל אַרײַן, זיך אַרומ־

געדרייט א ווײַלע, כלומרשט אויפגערוימט באַם טיש, בשעת דער ליטוואַק איז געשטאַנען אין זאַל מיט דער גראָבער בלעטערנער ציגאַר אין מויל און געגראַגערט. פונעם דאָזיקן אַרומדרייען זיך איז אָבער נישט אַרויסגעקומען גאָרנישט. באַם אָנרירן מיט דער האַנט די קאַלטע שליסעלע האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס בינטל שליסעלעך האָט אויפגעהויבן אַ גוואַלד עד לב השמים, און עס האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן הענט און פיס. האָט ער זיך געגעבן אַ דריי־אויס און אַוועק פון וואָלפּסאָנס חדרל מיט ליידיקע הענט.

דער ערשטער סאַנס איז אים ניט געראָטן, האָט ער געוואַרט אַף אַ צווייטן מאָל, זיך אַליין אויסגעוואָרפן, אַז ער איז אַ גנב. „ביסט אַ גנב, שלום! האָסטו נאָר געהאַט איין מחשבה אַ שלעכטע, ביסטו שוין אַ גנב... אַ גנב! אַ גנב!“...

דער ערשטער סעאַנס איז אים ניט געראָטן, האָט ער געוואַרט אַף אַ האָט פײַנט געהאַט זיצן איינער אַליין באַ זיך מיט די פיר ווענט. אין זאַל זײַנען געווען נאָך אורחים. האָט ער בעסער פאַרבראַכט אין זאַל, געררויי־כערט און גערעדט, ווי אַלעמאָל. שלום האָט זיך ווידער אַ מאָל אַרײַנגע־כאַפּט אין וואָלפּסאָנס חדרל. איצטיקס מאָל שוין מיט דער דעה ניט אַ קוק צו טאָן, נאָר טאַקע עפּעס געניסן אויך. סײַ־ווי־סײַ אַ גנב... אַרײַנ־געכאַפּט זיך, האָט ער זיך איבערגעבויגן מיטן גאַנצן גוף איבערן טיש, גלײַך ווי ער וואָלט וועלן עפּעס דערלאַנגען פונעם אַנדערן ברעג טיש, מיט דער לינקער האַנט געגעבן אַ נעם דעם קאַלטן שליסל, אַ דריי רעכטס — דער שלאָס האָט זיך געעפנט מיט אַ שטילן קלאַנג — דזין! — און אַנשוויגן געוואָרן. ער האָט געגעבן אַ קוק אינעווייניק און איז געבליבן אַ פאַרציטערטער. צוערשט האָט ער דערזען פאַר זיך דעם גראָבן טײַסטער אָן אָפּענעם, פול און פול געפּאַקט מיט פּאַפּיר־געלט: צענערלעך רויטע, פינפערלעך בלויע, דרײַערלעך גרינע, און איינערלעך געלע — ווער ווייס, וואָס דאָס האָט געקאָנט באַטרעפן?! איין פּאַפּירל אַ רויטינקס, ווען ער טוט נאָר אַ שלעפּ־אַרויס פון דאָרטן — איז ער דאָך שוין אַ געהאַלפענער! ווער וועט זיך אַרומקוקן? נעם־זשע, שוטה, און שלעפּ אַרויס — ניין! קאָן ער נישט. עס טרייסלען זיך אים די הענט, עס קלאַפּט אים אַ צאָן אַף אַ צאָן און עס פאַרציט אים דער אָטעם. ער כאַפּט בעסער אַ קוק אַפן לע־דערנעם בײַטעלע — ס'איז געפּאַקט! ער וויל דאָס אַ נעם טאָן — פאָלגט אים ניט די רעכטע הענט. עפענען דאָס בײַטעלע און אַרויסנעמען פון דאָרט עטלעכע זילבערנע מטבעות וואָלט אויך געווען נישקשה — איז צופיל אַרבעט. נעמען דאָס בײַטעלע און אַרײַנרוקן דאָס אין קעשענע — וועט מען זיך באַלד אַרומקוקן. דערווײַל די צײַט שטייט ניט און די מי־נוטן ציִען זיך. אַ מינוט אַ יאָר... און דאָ דערהערט זיך אַ שאָראָך —

אהא, ער שקראבעט שוין, דער ליטוואק, מיט די אויסגעטראָטענע שטעק־שיך... אַ דריי דעם שלאָס מיט דער רעכטער האַנט צוריק — און לאָזט זיך גיין פון חדר ווידער מיט ליידיקע הענט, רעכנט באַגעגענען זיך מיט עמעצן, צום סוף — ווער? וואָס? ניטאָ קיינער! גיין נאָכאַמאָל צוריק — שוין צו שפּעט. באַדאַרפט פּריִער! דורכגעלאָזט אַזאַ געלעגנהייט!... „ביסט אַן אידיאָט, שלום! דו ביסט ביידע זאַכן — אי אַ גנב, אי אַן אידיאָט!”...

דער דריטער סעאַנס, אין אַ צייט אַרום, איז שוין גאָר אָפּגעלאָפן גלאַט. ער האָט אויסגעמיטן די פריִערדיקע הכנות, ניט געמאַכט קיין שיהות, נאָר גלייך צום טיש, אויפגעעפנט דעם שלאָס, אַרייַנגעשטעקט די האַנט אין שופלאַד, געגעבן אַ נעם דאָס בייטעלע, געגעבן דאָס אַ לאָז אין קעשענע, צוגעמאַכט צוריק דעם שופלאַד און אַוועק מיט די ביכלעך אין קלאַס אַרייַן, דווקא ניט געכאַפּט זיך, דווקא פּאַוואָליע, און, דאַכט זיך, אַזוי קאַלטבלוטיק, כמעט שלעפעריק. נאָר אַרויסגייענדיק פון שטוב האָט ער דערפילט, אַז דאָס בייטעלע בריט אים דורך דער קעשענע דאָס לייב, און אַז ער דאַרף עס באַ זיך ניט האַלטן בשום אופן ואופן! ווער שמועסט, דעם ערשטן טאָג — אוודאי און אוודאי ניט! און אָנשטאָט דעם, ער זאָל גיין אין קלאַס, כאַפּט ער זיך אַרייַן אין שטאַל אַרייַן, דאָרט, וווּ מע האַלט האָלץ, אָנגעהאַקט האָלץ, בייגט זיך אָן און טוט אַ רוק אַרייַן דאָס בייטעלע אין ווייטן, פינצטערן ווינקל אַרייַן, צווישן האָלץ און צווישן דער וואַנט, מאַכט אַ סימן מיטן אויג, ער זאָל גדענקען דעם אָרט אַקוראַט — און מאַרש אין קלאַס אַרייַן.

האָט זיך אייך געטראָפן ווען באַגעגענען איינעם מיט אַ פלאַמענדיק פּנים, מיט ברענענדיקע אויגן, וואָס איז מאָדנע אויפגערוימט און איז גרייט פאַר אייך אין פייער און אין וואַסער, נאָר ער איז עפּעס צעטראָגן, אַרייַנגעטאָן אין זיך — זאָלט איר וויסן, אַז דער חברה־מאַן ווייס עפּעס אַ זאַך, וואָס נאָר ער ווייס און גאָט, און ווייַטער קיינער ניט. אָט אַזוי האָט אויסגעזען יענעם פרימאָרגן דער העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע. ער האָט אַלעמען געקוקט אין די אויגן אַרייַן, ווי אַ זינדיקער מענטש. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז אַלע זעען, אַז ער ווייס עפּעס זייער־זייער אַ הייליקן סוד... זיין חבר אליע, וואָס האָט אים געקענט מער ווי אַלע, האָט אים אַ פרעג געגעבן: „שלומאָנטשי! וואָס איז מיט דיר? האָסט שוין ווי־דער עפּעס אויסגעמאָלט אַ צאַצקע מיט אַ קריידל אָפן פּאַרקאַן?”... „האַלט'ס מויל, אליק, וואָרעם אָט מאָל איך דיר אויס אַ צאַצקע אויף דער פיזיאָנאָמיע, וועסטו פאַרגעסן, ווי מע רופט דיך!” „טאַקע? אַנו, פּרווו, לאָמיר זען, ווער וועמען!” — און אליע האָט שוין פאַרקאַטשעט די אַרבל, גרייט געווען צו געבן אויסגאַב, ווי ער קאָן. זיין חבר איז אָבער ניט געלעגן

אין זינען שלאָגן זיך. זײַן קאָפּ און אַלע זײַנע געדאַנקען און אַלע זײַנע חושים זײַנען געווען דאָרטן, אין שטאַל פון געהאַקטן האָלץ, באַם בײַטעלע... פאַר גרויס אימפּעט האָט ער אַפילו פאַרגעסן געבן אַ קוק אַרײַן, וואָס אין בײַטעלע טוט זיך... ער האָט קוים דערלעבט, די לעקציעס זאָלן זיך ענדיקן און ער זאָל שוין קומען אַהיים, וועט ער זיך אַרײַנכאַפּן אַף אַ רגעלע אין שטאַל, אַ קוק טאָן כאָטש פון אויבן־אויף — וויפל? וואָס פאַרמאָגט ער איצטער?...

געקומען אַהיים, האָט ער געטראָפן אַ חורבן, אַן איבערקערעניש! דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט איז צעוואָרפן, די קיך — מיטן קאָפּ אַראָפּ. די שיקסע וויינט, שווערט, כאַפּט די ערד, אַז זי וויים נישט פון וואָס צו זאָגן. דער טאַטע איז אויס מענטש, שוואַרץ ווי די ערד. אַזש אײַנגעבויגן אין דרײַען. די שטיפמאַמע פײַערט, שילט, לייגט די תוכחה — אַף וועמען? שווער צו וויסן. וואָרעם די קללות גייען באַ איר מיט אַ לשון־רבים, אין אַ מער־צאָל: „פון אונטער דער נאָז זאָל מען צונעמען — נעמען זאָל אַ יִי ך דער שוואַרצער יאָר!" „אַרײַן אַ בײַטל מיט געלט אין דער ערד אַרײַן — אין דער ערד זאָלט אי ר אַרײַן"! „קיינער האָט ניט געזען דאָס בײַטעלע — ניט זען זאָלט אי ר די וועלט!" „וואָסער אורח וועט דאָ וועלן שטיין — שטיין זאָלט אי ר פּראַווצעס!"... און דער אורח אַליין, וואָלפסאָן מיטן כאַלאַטל, שטייט מיט דער גראָבער בלעטערנער ציגאַר אין מויל, האַלט די הענט אין די קעשענעס, קוקט אַף די קינדער, שמייכלט און רעדט צו זיך אַליין: „ערשט הײַנט אינדערפרי געהאַלטן די בײַטעלע, פון שטוב ניט אַרויסגעגאַנגען"...

— האָט איר ניט געזען דאָס בײַטעלע? — פרעגט דער טאַטע באַ די קינדער, און שלום שטעלט זיך אַרויס פאַר אַלע:

— וואָסער בײַטעלע?...

זעלטן־ווען דער טאַטע איז אין כעס. איצט קאָן ער שוין ניט אײַנהאַלטן זיך און פאַלט־אָן אַף זײַן ליבלינג און קרימט אים איבער:

— „וואָסער בײַטעלע?" וואָס זאָגט איר אַף דעם תם? אַ גאַנץ פרימאָרגן הערט ער „בײַטעלע־בײַטעלע! בײַטעלע־בײַטעלע!" — פרעגט ער גאָר: וואָסער בײַטעלע!...

און צום אורח זאָגט דער טאַטע:

— וויפל פאָרט איז דאָרט געווען געלט באַ אײַך אין בײַטעלע?

— עס האַנדעלט זיך נישט אום געלט, — ענטפערט וואָלפסאָן אַף זײַן ליטוויש לשון — דאָ האַנדלט זיך אום די בײַטעלע! ערשט הײַנט אינדערפרי געהאַלטן די בײַטעלע, ניט אַרויסגעגאַנגען פון שטוב ניט אַרויסגעגאַנגען!...

ניין, איצט איז ניט די צײַט אַף געוווירע צו ווערן, וויפל געלט עס

געפֿינט זיך אין בײַטעלע. שלום איז ניט אַזאַ אידיאָט, ער זאָל איצטער, אַף דער הייסער שעה, גיין אין שטאַל אַרײַן טרייבערן דאָס בײַטעלע. ער קאָן באַשטיין אָפּליגן די אַרבעט אַף מאָרגן, אָדער אַף איבערמאָרגן. דערווײַל דאַרף מען זיך נעמען צו די ביכלעך, חזרן די גאָגראַפֿיע מיט דער היסטאָריע אַף אויסווייניק, מאַכן אַ פּאָר טעאָרעמעס פֿון געאָמעטריע... נעבעך גאָט די נשמה שולדיק· און דאָ אין שטוב קאָכט זיך! די שיקסע האָט מען שוין אָפּגעשאַפּט. די שטיפֿמאַמע פֿײַערט. דאָס גאַנצע הויז איז אַף רעדלעך. אַלע זוכן דאָס בײַטעלע, און שלום זוכט גלײַך מיט אַלעמען, טוט אַ קוק אָפּן טאַטנס פּנים, און עס פֿאַרגייט אים דאָס האַרץ, קאָן ניט זען, ווי ער גייט אײַנגעבויגן, קאָן ניט הערן, ווי ער זיפֿצט און ווי ער קרעכצט. און ערשט דאָ דערפֿילט דער גנבֿ, וואָס פֿאַר אַ מיאוסע זאַך ער האָט אָפּגעטאָן, און ער האָט חרטה אַף דער מעשׂה, איז אויפֿגעטראָגן אָפּן יצר־הרע, וואָס האָט אים אָנגערעדט אַף אַזאַ עבֿירה, אַרויפֿגעפֿירט אַף אַ גליטש...

ווי אַ יאָר האָט זיך געצויגן יעדע שעה, ווי אַן אייביקייט האָט אויסגעוויזן דער טאָג. קוים דערלעבט דעם פֿאַרנאַכט, ווען דער רעש מיטן טאַרעראַם האָבן זיך אַביסל אײַנגעשטילט און די שטוב־צרות מיט די דאגות־פּרנסה האָבן אַרויסגעשטויסן אַף אַ ווײַלע דעם האַרמידער פֿון דער גנבֿה. האָט זיך דער קליינער גנבֿ אַרײַנגעכאַפּט אין הויף, אַרײַנגעכאַפּט זיך אין שטאַל פֿון האַלץ, פּאַוואָליע זיך אַראָפּגעלאָזט אַף דער ערד, אַרויסגעצויגן פֿון צווישן וואַנט דאָס בײַטעלע, אויפֿגעעפֿנט דאָס, געגעבן אַ קוק אַרײַן — און... דאָרטן איז געלעגן אַן אַלטע, אָפּגעריבענע מטבע פֿון פֿאַרצײַטן, וואָס האָט אַמאָל געדאַרפֿט באַטרעפֿן צען קאָפּיקעס, נאָר הײַנט איז זי ניט ווערט גאָרניט, וואָרעם קיינער נעמט זי ניט!... און דאָס בײַטעלע אַליין איז אויך ניט ווערט גאָרניט. אַ בײַטעלע אַ פֿאַרזעניש, אַ שלעסל דער רוח ווייס וואָסערס, דאָס לעדער אָפּגעבאַרעט און פּעט - פֿאַרסמאַלצעוועט, באַ די ברעגעס אײַנגעקאָרטשעט און פֿאַרגעלט, ווי באַ אַן אַלטער באַביצע די הויט פֿון פּנים — אַזאַ בײַטעלע האַלטן אין די הענט איז מוקצה מחמת מיאוס!... טאַקע כדאי געווען צוליב אַזאַ פּאַסקודסטווע אָפּטאָן אַזאַ מיאוסע זאַך, עובֿר זײַן אַף אַ לאו פֿון די עשׂרת הדיברות: „לא תגנוב“!...

אַרײַנגעקומען אין שטוב אַרײַן, איז אים די שטיפֿמאַמע מכבד מיט אַרײַנטראָגן דעם אורח דעם סאַמאָוואַר. דער אורח (וואָלפֿסאָן) האָט אַ טבע איטלעכס מאָל, ווען מע טראָגט אים אַרײַן דעם סאַמאָוואַר, רײַבט ער אַ האַנט אָן אַ האַנט און טוט אַ זאָג מיט אַ ניגון און מיט אַ גראַם: „אָט אַזוי! אַצינד וועלן מיר טרינקען טיי!“... איצטיקס מאָל האָט ער צוגעלייגט אויך די ווערטער: „וואָס־זשע הערט זיך — ניטאָ די ביי־

טעלע?"... און האָט געגעבן בשעת מעשה אַ קוק אַריַין דעם בחורל אין די אויגן אַריַין, און עס האָט זיך געלאָזט הערן אַ פאַרבאָרגענע איראָניע סיַי אין די ווערטער, סיַי אינעם קוק... און אפשר האָט זיך עס נאָר אויסגעוויזן אַזוי? ווי זאָגט מען דאָס: „עס וויס די קאַץ וועמענס פלייש זי האָט אויפגעגעסן"... אָדער: „אַפן גנב ברענט דאָס היטל"... יעדנפאַלס, האָט דער גנב אין דער מינוט פיַינט געהאַט דעם אורח וואָלפּסאָן מיט סכנות, נישט געקאָנט אָנקוקן זיַין ליטוויש פּנים מיט זיַין ליטווישן לשון: „די בעַיטעלע", און ער האָט זיי בײדן באַ זיך אין האַרצן געשאָלטן מיט קללות נמרצות!... וואָס טוט מען מיטן פאַרשאָלטענעם בעַיטעלע? ס'איז ניט קיין תכלית, טאָמער געפינט מען דאָס אין שטאָל צווישן האָלץ! וואָלט מען זיך ניט צוגעאַיַילט אַזוי אָפּצושאַפן די שיקסע, וואָלט געווען דער בעסטער פלאַן אונטערוואַרפן דאָס בעַיטעלע. איצט אָבער, אַז די שיקסע האָט מען שוין דורכגעטריבן, קאָן דאָך ערשט פאַלן דער חשד אויף די קינדער — שלעכטס!...

באַנאַכט האָט ער לאַנג ניט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. ער האָט באַ זיך אַליין ניט געקאָנט פועלן, אַז דאָס איז ניט קיין חלום, קיין בייזער חלום. ניט שוין־זשע איז דאָס אמת? ניט שוין־זשע איז ער אַ גנב? אַ פּשוטער גנב?!... און עס באַשלאָגט אים אַזש אַ שווייס, ווי אַזוי אַ מענטש קאָן פאַלן!... און וואָס וועט זיַין וויַיטער?... וויַיטער ווערט ער אַנטשלאָפן און עס פלאָנטען זיך אים בעַיטעלעך, און די בעַיטעלעך זיַינען ניט קיין בעַיטעלעך, נאָר לעבעדיקע מיאוסע באַשעפענישן, אָפּגעקראָכענע, געלע און איַינגעקנייטשטע, און קאַלטע און נאַסע, אַזוי ווי שרצים, זשאַבעס... און זיי רירן זיך און זיי קריכן אים איבערן ליַיב, פאַרקריכן אונטערן קאָלנער, אונטער די פּאַכוועס — בררר!... ער כאַפּט זיך אויף, קוקט אונטער דער קאָלדרע, טאַפּט זיך דאָס ליַיב — דאַנקען און לויבן גאָט, ס'איז נאָר אַ חלום... יאָ, אָבער ווי אַזוי ווערט מען פּאָרט פּטור פונעם בעַיטעלע? ס'איז ניטאָ קיין אַנדער עצה, סיַידן פאַרוואַרפן דאָס ערגעץ אין אַזאַ אָרט, אַז קיין פויגל זאָל ניט וויסן. פרעגט זיך: וווּהין? צום גויִישן שכן אין גאָרטן אַריַין? ערגעץ וויַיט אַפן הייליקן אָרט? אין דער וויַיבערישער שול? ניין. דאָס בעסטע וועט זיַין — פון דער בריק אין טיַיך אַריַין. און די בעסטע ציַיט דערויף איז שבת. און אַזוי איז דאָס געבליבן.

שבת באַטאָג. סוף זומער. אין דרויסן איז נאָך וואַרעם. ייִדישע קינדער שפּאַצירן נאָך אין אייבערשטע מלבושים. מיידלעך גייען נאָך מיט זאָנטיקלעך. צווישן די, וואָס האָבן שפּאַצירט, האָט זיך געפונען אויך דער העלד מיטן בעַיטעלע. ס'איז געלעגן פאַרבאָרגן באַ אים וויַיט אין אַ קעשענע, אָנגעפּילט מיט שטיינדלעך, בכדי אַז ער וועט דאָס אַראָפּלאָזן פון בריק אין טיַיך אַריַין, זאָל עס מיט זיכערקייט אַראָפּ טיף אַפן אָפּגרונט

פונעם וואסער. איז אָבער די צרה, וואָס די בריק איז פאַרפּלייצט מיט מענטשן — און ער דאַרף, אַז קיינער זאָל ניט זען, ווי אַזוי ער וועט מאַכן די אָפּעראַציע. דרייט ער זיך אַרום הין און צוריק, פאַרקוקט איט־לעכן אין די אויגן, און ער וואָלט געמעגט שווערן, אַז אַלע קוקן אויף אים עפּעס מאָדנע... און אפשר ווייזט זיך אים נאָר אויס אַזוי? אַלץ די איי־גענע מעשה: „אָפּן גנב ברענט דאָס היטל”... נאָר אָט האָט אים גאָט גע־האָלפן — ער האָט זיך פאַרשלאָגן אין אַ ווינקל אונטער אַ גרויסן סלופּ פון די סוואַיעס, אויף וועלכע עס האַלט זיך די בריק, אַריבערגעבויגן זיך מיטן גאַנצן קערפּער איבער דער פאַרענטשע, איינגעקוקט זיך בלומרשט אין וואַסער אַריין, גלייך ווי דאָרטן וואָלט ער דערזען גאָט ווייס וואָס פאַר חידושים, אָנגעטאַפּט מיט דער האַנט זיין קעשענע, וווּ דאָס פאַרשאָלטע־נע ביטעלע ליגט, דערפילט אין האַנט אַ מיאוסקייט, אַ לעבעדיקע זאַך, אַ מין שרץ... אַרויסגעצויגן דאָס פּאַוואָלינקע פון קעשענע און צענומען די פינגער און אַרויסגעלאָזט דאָס פון דער האַנט. פליוך — אויס בײַ־טעלע! אָפּן אָרט, וווּ דאָס בײַטעלע איז געפאַלן, האָט זיך באַוויזן אַ רעדל. דאָס רעדל איז געוואַקסן ברייטער און ברייטער, און פון דעם רעדל איז באַשאַפן געוואָרן נאָך אַ רעדל און נאָך אַ רעדל. ער האָט גאָר ניט גע־קאָנט אָפּרײַסן די אויגן פון דעם אָרט, וווּ זיין עבירה איז געוועזן דער־טרונקען און זיין סוד איז געווען באַגראָבן אויף אייביק. נאָר אַ שיינע שטימע האָט אים אויפגעוועקט פון זיינע מחשבות, און אַ זיסער געלעכטער האָט אים אָפּגעקלונגען אין די אויערן.

— פישעלעך שווימען? כאַ־כאַ, וואָס דען שטייט מען אַזוי לאַנג און מע קוקט?

ער דרייט־אויס דעם קאָפּ און דערזעט דעם חזנס מיידל מיט אירער אַ חברטאָרן.

— איר זײַט שוין דאָ לאַנג? — טוט ער אַ פרעג באַם חזנס מיידל מיט דער חברטאָרן.

— די גאַנצע צײַט, כאַ־כאַ! — ענטפערן זיי אים ביידע מיט אַ גע־לעכטער, בײַ זיי איז דאָס אַ געלעכטער, און אים ווערט אײַנגעפאַלן אינע־ווייניק טאָמער האָבן זיי געזען וואָס ער האָט געטאָן...

נאַרישער בחורל! אומזיסט געווען זיין מורא. אים האָט אָפּגעוואָרט אַן אַנדער צרה, וואָס דערויף האָט ער זיך גאָר ניט געריכט. אים איז באַ־שערט געווען איבערצולעבן, ווי מיר וועלן דאָס באַלד זען, אַ נײַע דראַמע מיטן נאָמען „דעם חזנס מיידל”.

דעם חזנס מיידל

צאליע דעם חזנס טאכטער. — א פלאם־פײַעריק פארליבעניש. — אן איבערשרײַבעניש צווישן צוויי יונגע הערצער. — זײַן בריוו פאלט־אריין אין פרעמדע הענט.

די זעלבע ראלע, וואס אין דער גרויסער שטאט שפּילן איצט גימנאזיסטן און סטודענטן, האבן אין דער קלענערער שטאט אין יענער צײַט געשפּילט די תלמידים פון דער „אויעזדנע". איין זאך האט זיי נאר געפעלט — א באזונדערע אוניפארם. ווײַטער זײַנען דאס געווען העלדן אין פולן זין פון ווארט. זיי איז געווען דערלויבט, אשטייגער, אפּצוטאן א שפּיצל דעם שמש פון שול, באדן זיך אין טײַך אויסער דער „קופּאלניע", פּראווען ליצנות מיט וועמען זייער הארץ געלוסט, און אפילו ריידן מיט א מיידל, נאר אבי פון לײַטישן שטאנד, פון בעל־הבתישן גראד. און מיידלעך זײַנען געווען נאך זיי די כפּרה! איך מוז מיך אבער פארכאפּן באלד אפן ארט און מאכן א באמערקונג, אז דאס איז ניט געווען קיין „פלירט" און ניט קיין ראמאנען. דאס זײַנען געווען די ריינסטע און סאמע הייליקסטע באציִונגען, וועלכע זײַנען נאר מעגלעך צווישן יונגע קינדער פון ביידע מינים. עס וועט ניט זײַן איבערטריבן אף א האר, ווען איך וועל זאגן, אז די באציִונגען צווישן מלאכים קאנען ניט זײַן ריינער און אומשולדיקער, ווי יענע באציִונגען, וואס זײַנען געווען צווישן דעם חזנס מיידל און צווישן דעם יונגן העלד פון דער דאזיקער ביאגראפיע. ווו, ווען און בא וועלכע אומשטענדן זייער ערשטע באקאנטשאפט איז פארגעקומען — איז שווער צו געדענקען אקוראט, און ס'איז אויך נישט אזוי וויכטיק. קיין אנדער צײַט און קיין אנדער פלאץ אף צו באגעגענען זיך איז אין שטאט ניט געווען, אויסער שבת באטאג אף דער בריק, וואס פירט צו די „פּידווארקעס". ווער פון די צוויי האט אנגעהויבן פריִער צו ריידן, דער בחור אדער דאס מיידל, און וואס איז צום ערשטן מאל גערעדט געווארן — איז אויך נישט מעגלעך פעסטצושטעלן. אנגעהויבן האט זיך עס זיכער פון א שארפן קוק. דערנאך א שמייכל. דערנאך אנגערירט זיך כלומרשט אומגערן מיט די עלנבויגנס. דערנאך א נעם געגעבן זיך צום היטעלע: „זדראסטי" (גוט מארגן). דערנאך שוין אן א נעם־געבן זיך צום היטעלע: „קאק פּאזשיוואיעטיע?" (וואס מאכט מען?). דערנאך, בא שפּעטערע באגעגענישן, שטעלט מען זיך אפּ אף א פּאר מינוט א רעד טאן וועגן גאנץ אומבאדײַטנדע זאכן און מע טוט א שמועס וועגן א צווייטער באגעגעניש:

ע ר : אף ווידערזען.

ז י : ווען? ווידער שבת?
ע ר : ווען־זשע, אז ניט שבת?
ז י : ווו? ווידער אָט דאָ, אַף דער בריק?
ע ר : ווו דען־זשע?
ז י : אפשר אַן אַנדער אָרט?
ע ר : דהיינו?
ז י : ווו וועט איר זײַן שמחת־תורה צו הקפות?
ע ר : וואָס הייסט ווו? אין גרויסן בית־המדרש.
ז י : פאַר וואָס ניט אין דער קאַלטער שול?
ע ר : דאָרט, ווו אײַער טאַטע דאַוונט?
ז י : וואָס מאַכט דאָס אויס?
ע ר : מײַן טאַטע וועט זיך כאַפּן, ווו בין איך.
ז י : אויב איר זײַט אַ יִנגעלע, וואָס האָט מורא פאַרן טאַטן...

ווײַטער לאָזט ער זי ניט ענדיקן, וואָרעם עס דערלאַנגט אים בײַ דער זיבעטער ריפּ. סטײַטש — מע זאָגט אים, אַז ער איז אַ יִנגעלע, וואָס האָט מורא פאַרן טאַטן! און ו ע ר זאָגט דאָס אים?!... ער געפינט אַן אויסרייד אַף אַרויסצודרייען זיך אָבער קונציק, ווי אַ מזיק. ער האָט איר וואָס צו זאָגן אַ נייטיקע זאַך. נאָר אַזוי ווי זי איז ניט אַליין, זי איז מיט איר חברטאָרן, קאָן ער עס איר ניט זאָגן. דעם חזנס מיידל ווערט רויט און טוט אַ ווונק צו איר חברטאָרן, זי זאָל אָפּגיין אַ פּאָר טריט ווײַטער. יענע פאָלגט, און זיי בלײַבן אינצווייען. זי איז גרייט אויסצוהערן דעם סוד. ער לאָזט זיך ניט לאַנג וואַרטן און, פּלאָנטענדיק מיט דער צונג, גיט ער איר איבער אָט וואָס: „ער האָט איר שוין לאַנג געוואָלט זאָגן, אַז ער וואָלט אַ בעלן געווען זען זיך אַמאָל מיט איר אַליין, אָן באַגלייטערנס, אָן חברטאָרנס". „מאַלע וואָס! און זי וואָלט דען ניט געוואָלט ריידן מיט אים אונטער פיר אויגן, אָן באַגלייטערנס און אָן חברטאָרנס? — קאָן זי אָבער ניט. מע לאָזט זי ניט אָפּ אַליין. די מאַמע גיט אַכטונג, זי זאָל ניט זײַן אַליין. נאָר ער באַדאַרף ניט מורא האָבן פאַר איר חברטאָרן. זי איז אַ מיידל אַ שטילע, און ערלעכע, און האָט אַליין אויך גערן, אַ בחור זאָל מיט איר ריידן, און אויב ער וויל וויסן, איז אָט דאָס מיידל אויך פאַר־ליבט אין אַ בחור"... „ א ו י ך פאַרליבט? איז די משמעות, אַז זי, דעם חזנס מיידל, איז א ו ד א י פאַרליבט? וואָלט ער ווען וויסן, ווער איז יענער גליקלעכער?"... „אַז ער וועט אַלצדינג וויסן, וועט ער גיך אַלט ווערן"...

דאַרף מען נאָך האָבן אַ ווײַטערן פּירוש אַף די דאָזיקע ווערטער? פאַרשטייט מען דען ניט, אַז דער דאָזיקער גליקלעכער — דאָס איז ניט קיין אַנדערער, נאָר ער אַליין טאַקע? און טאָמער איז נאָך פאַראַן אַ שטיקל

ספֿק אין דעם, איז גענוג איין קוק אַף איר ליכטיק־שײַנענדיק פּנים און אַף אירע מיט גליק שטראַלנדיקע אויגן. אַ באַקאַנט פּנים. באַקאַנטע אויגן. ווו האָט ער געזען אָט דאָס ווײַסע מיידל מיט די בלאָנדע געקרײַזלטע האָר? אפֿילו די האַנט אירע איז אים קענטלעך. אַ ווײַס הענטל מיט דינע לאַנגע פֿינגער. אַ ווײַס הענטל, אַ גלאַטס און אַ וואַרעמס. דאָס ערשטע מאָל אַף זײַן לעבן בכלל, אַז ער האַלט אַ מיידלס האַנט...

ווי אַן ערלעכער ייִד, וואָס קוקט־אַרויס אַף משיחן, אַזוי האָט ער גענומען אַרויסקוקן אַף דעם גליקלעכן יום־טוב שמחת־תורה. די צײַט איז אים אָבער געווען צו לאַנג צו וואַרטן. ווי פֿון פֿעך האָבן זיך געצויגן די טעג. ער איז שיער ניט משוגע געוואָרן. און ער האָט זיך אַנטשלאָסן אויסגיסן דאָס האַרץ אַף פּאַפּיר אין דער פֿאָרעם פֿון אַ בריוו, אַליין ניט צו וויסן, צוליב ווען און צוליב וואָס? אַ טאָג מיט אַ נאַכט האָט דאָס שרײַבן צוגענומען, און געשריבן האָט זיך עס ווי אַ וואַסער, וואָס לויפֿט אומגעשטערט, ווי אַ פֿאָנטאַן, וואָס מע האָט אָפּגעלאָזט אַלע זײַנע קראַנען. דאָס שרײַבן וואָלט קיינמאָל קיין עק ניט געהאַט, ווען ס'זאָל נישט געווען אויסגיין פּאַפּיר. ווי דער פּאַרפּאַסער זאָל זײַן ניט קיין גביר, וואָלט ער הײַנט אַ סך, אַ סך באַצאָלט פֿאַרן דאָזיקן דאָקומענט!...

אַצינד איז געבליבן נאָר איין זאַך: ווי אַזוי קומט די קאַץ איבערן וואַסער? ווי אַזוי וועט זי באַקומען דעם דאָזיקן בריוו? איין עצה נאָר איז פֿאַראַן: איבערשיקן איר דעם בריוו דורך איר חברטאָרן. דאָס וועט הייסן אַזוי גוט, ווי אַרײַנצונעמען אינעם סוד אַ דריטע פּערזאָן, פֿאַרטרויען זיך פֿאַר אַ זײַטיק מיידל, וואָס מע קען זי ניט און מע ווייס זי ניט. וואָלט אפֿשר אין דעם אויך ניט געווען קיין מניעה, איז אָבער אַ חסרון: ווי אַזוי קומט מען צו צו אָט דער דריטער פּערזאָן? איז דערצו אויך דאָ אַ רפֿואה: מע וועט מוזן אַרײַנשלעפּן נאָך אַ פֿערטע פּערזאָן. דאָס איז דער בחור, וואָס דעם חזנס מיידלס חברטאָרן איז אין אים פֿאַרליבט. אַ בחור מיט אַ בחור — איז גאָר אַנדערע ווערטער. אַ בחור מיט אַ בחור קאָנען אומגעשטערט זיך צונויפֿריידן און אָפּהאַנדלען צווישן זיך די גרעסטע סודות. איצט איז געבליבן נאָר איין קלייניקייט — אויפֿזוכן דעם בחור און פֿאַרבינדן מיט אים ברודערשאַפֿט. דאָס איז, דאַכט זיך, גאָר אַ גרינגע זאַך. נאָר נישט אַזוי גיך טוט זיך עס, ווי סע רעדט זיך.

דער בחור איז געווען אַ יונג אַ פּריקאַשטשיק אין אַן אײַזן־געשעפֿט („זאַליאַז"), אַ גאַנץ שיינער אַפֿן פּנים, נאָר הענט האָט ער געהאַט אַ פּאָר — דאָס, וואָס מע רופֿט־אָן „ידים". צוטרעטן צום בחור איז ניט אַזוי שווער, ווי ס'איז שווער געווען צו זאָגן אים, אַף וואָס מע דאַרף אים האָבן. שוין באַם ערשטן אַרויסטריט איז שיער אויסגעפֿאַלן אַ שטיקל סקאַנדאַל. דער בעל־הביתטע פֿונעם אײַזן־געשעפֿט, אַ ייִדענע אַן אָנגע-

פּעלצטע, גאָרניט נאָכן סעזאָן, מיט שוואַרצע הענט און מיט אַן אונטער־געשוואַרצטער נאָז (פון דעם ,וואָס זי וועגט שרויט און צוויעקעס מיט די הוילע הענט און שנײַצט מיט די זעלבע הענט די נאָז), איז ניט געפּעלן געווען די מעשה, וואָס איר פּריקאַשטשיק קען זיך מיט ראַבינאָוויטשעס יינגל. וואָס פאַר „דאַטשיניעניעס" קאָן האָבן אַ בחור אַ פּריקאַשטשיק מיט רב נחום ראַבינאָוויטשעס אַ יינגל? איז איין מאָל אַוועק. דאָס אַנדערע, אַז ס'איז געקומען צום רעכטן שפּיץ, און שלום האָט אים אַ זאָג געגעבן, אַז ער האָט אַ בקשה צו זײַן כלה, האָט זיך דער פּריקאַשטשיק אויפגעבלאָזן, ווי אַ האָן אַף אַ קאַץ, ווען זי כאַפּט זיך אַרײַן צו זײַנע הינער: „פון וואַנען ווייסטו, אַז איך האָב אַ כלה?" „איך בין באַקענט מיט איר חברטאָרן". „מיטן חזנס מיידל? ע! דאָרט וועסטו האָבן אַ ביינברעכער"... שלום פאַרשטייט ניט, וואָס הייסט דאָס, אייגנטלעך, אַ „ביינברעכער". נאָר נאָכן פּריקאַשטשיקס געלעכטערל שטויסט ער זיך, אַז דאָס דאַרף זײַן ניט פון די אָנגענעמע זאַכן. טוט ער אים אַ פרעג: „ווער איז דער ביינברעכער?"... „דאָס איז שוין מײַן עסק... נאָר לאָמיר האָרכן, וואָס איז די בקשה?" שלום ציט־אַרויס דעם געפּאַקטן בריוו פון קעשענע און גיט אים איבער דעם פּריקאַשטשיק: „אָט דאָס דאַרף אײַער כלה איבערגעבן דעם חזנס מיידל און איבערשיקן מיר דורך אײַך טאַקע אַן ענטפער". דער פּריקאַשטשיק נעמט־צו דעם בריוו, באַטראַכט דעם קאָנווערט פון אַלע זײַטן: „אָט דאָס איז גאָר? קום צו גיין מאָרגן, וועסטו מסתמא באַקומען אַן ענטפער".

אַראָפּ אַ שטיין פונעם האַרצן. אַף מאָרגן אין דער אָפּגעשטעלטער צײַט האָט שלום באַקומען פונעם פּריקאַשטשיק אַן ענטפער, אַז ער האָט נאָך נישט קיין ענטפער. „קום צו גיין מאָרגן, וועט געווים זײַן אַן ענטפער". דאָ האָט שלום באַמערקט — און אפשר האָט זיך אים נאָר אויסגעוויזן אַזוי, — אַז דער פּריקאַשטשיק שמייכלט עפּעס מאָדנע אונטער. צו דעם חשד איז צוגעקומען נאָך אַ חשד: דער פּריקאַשטשיק האָט אים אַ זאָג געגעבן מיט אַ זיפצל: „ווען איך זאָל קאָנען שרײַבן, אַזוי ווי דו!"... „פון וואַנען ווייסטו, ווי אַזוי איך שרײַב?" „מײַן כלה האָט מיר דערציילט". „פון וואַנען ווייס דײַן כלה?" „זי ווייס עס פונעם חזנס מיידל".

אַ תירוץ איז דאָס אַפילו אַ נישקשהדיקער, און ס'איז אוודאי זייער אָנגעלייגט צו הערן אַזאַ קאָמפּלימענט פון אַ מיידל, וואָס מע האָט זי ליב. נאָר פונדעסטוועגן און ניט ווילנדיק גנבהט זיך אַרײַן אַ מחשבה זרה: טאָמער האָט דער פּריקאַשטשיק ניט איבערגעגעבן דעם בריוו און האָט אים בעסער אַליין געלייענט?.. דער דאָזיקער געדאַנק לאָזט ניט שלאָפן. קוים דערוואַרט זיך אַף אַן ענטפער! דאָס איז געווען שוין ערב יום־טוב. דער פּריקאַשטשיק איז אים געלאָפן אַקעגן און אַרײַנגערוקט אין

האנט אריַין א נעל שטיקל פּאַפּיר, צונויפגעלייגט אין פירן, און א קאָנ־ווערט, נאָר מיט טריוואַקס פאַרזיגלט און צוגעקוועטשט מיט א מטבע. דאָס איז געווען דאָס לאַנג־דערוואַרטעט בריוול פונעם חזנס מיידל, גע־שריבן מיט דינע לאַנגע אותיות, וואָס האָבן דערמאָנט אירע דינע לאַנגע פינגער. דאָרט איז געשטאַנען, אז זי האָט זײַן בריוו מיט טרערן אין די אויגן געלייענט עטלעכע מאָל, און עס טוט איר באַנג, וואָס זי קאָן ניט אזוי שרײַבן, ווי ער. „זי זאָל האָבן פליגל, וואָלט זי צו אים געפלויגן. זי זאָל קאָנען שווימען, וואָלט זי אַלע ימים איבערגעשווומען, אבי צו אים צו קומען. און אויב ער מיינט, אז זי קאָן יאָ שלאָפן רויק, האָט ער א טעות. און זי קוקט שוין אַרויס אף דעם שמחת־תורה מיט אַלע אויגן, וואָרעם א הארץ פילט א הארץ!“... צום סוף האָט זי אים געוואָרנט, ער זאָל צו איר מער קיין בריוו דורך אזא וועג ניט שרײַבן, וואָרעם זי איז זיכער, אז דעם בריוו האָבן געהאַלטן פרעמדע הענט... דאָ קומען אים אקעגן דעם פּריקאַשטשיקס „ידים“, און עס וואַרפט אים אַרײַן אין א קעלט מיט א היץ, אז ער שטעלט זיך פאָר, ווי אזוי דער פּריקאַשטשיק האָט געעפנט דעם קאָנווערט און געלייענט זײַן בריוו, וואָס ער האָט אויסגעגאָסן פאַרן חזנס מיידל!... נאָר ער עסט זיך ניט אָפּ לאַנג דאָס הארץ, וואָרעם אָט־אָט איז שמחת־תורה און אָט באַלד וועט ער זי זען, שטיין נעבן איר, ריידן מיט איר — מיטן חזנס מיידל...

56

שמחת־תורה צו הקפות

די נאַכט פון שמחת־תורה. — די פּאָעזיע וואָס פאַר הקפות. — ייִדן כאַפּן א טענצל. — ווײַבלעך און מיידלעך קושן די רייניקייטן. — די הימלען עפענען זיך און מלאכים זינגען שירה.

ווען איך בין געטהע — אָסור אויב איך וואָלט באַשריבן די צרות פון א יונגן ווערטער. איך וואָלט שוין בעסער באַשריבן די צרות פון אן אָרעם בחורל, וואָס איז געפאַרלעך פאַרליבט אין א חזנס א מיידל. אָדער ווען איך בין היינע — אָסור אויב איך וואָלט באַזונגען די „פלאָרענטינישע נעכט“. איך וואָלט שוין בעסער באַזונגען די נאַכט פון שמחת־תורה, בעת ייִדן גייען צו הקפות און יונגע ווײַבלעך און שיינע מיידלעך קלײַבן זיך צונויף אין שול, מישן זיך אויס מיט די מאַנסבילן — שמחת־תורה מעג מען. זיי קושן די תורה, שפּרינגען און רופן און

קוויטשען אַף אַלערליי טענער: „דערלעבט איבער אַ יאָר!" און באַקומען צוריק אַן ענטפער: „גם אתם! גם אתם!"...

נאָך מיט אַ שעה אָדער צוויי פאַר די הקפות קומען זיך צונויף די קליינע קינדער, יינגלעך און מיידלעך, קלעטערן־אַרויף אַף די בענק, די פּאַ־נען פלאַטערן, די עפּל זיינען רויט, די ליכטלעך ברענען, און די בעקלעך זייערע זיינען ניט ווינציקער רויט ווי עפּל, און די אויגן לויכטן ניט ער־גער ווי די ליכטלעך. דאָס איז קליינוואַרג. די עלטערע בחורימלעך, די גמרא־יינגלעך אָדער תלמידים פון די קלאַסן — די שפּאַצירן נאָך דער־ווייל אַרום אין דרויסן אַפן שול־הויף. די לופט איז נאָך לינד און שיטער. דער הימל איז אויסגעשטערנט. עס פילט זיך יום־טוב אין דער גאַנצער וועלט. אַפילו די שטילקייט איז אַ יום־טובדיקע. קיין זאַך איז נישט אימ־שטאַנד צו שטערן די הייליקייט פון דער דאָזיקער נאַכט פון שמחת־תורה, ווען דאָס אויסדערוויילטע פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט פרייט זיך מיט זיין הימלישער מתנה. און טאָמער פאָרט־דורך דערביי אַ גויישע פור און הייבט־אויף אַ געדיכטן שטיקנדיקן שטויב; טאָמער פליט־דורך אַ פּאַטש־טאָווע גלעקל — דזין, דזין, דזין, עס פאָרט אַ „קנעפל" — ווער הערט זיי? דער שטויב וועט זיך אַפּלייגן, דאָס גלעקל וועט פאַרלוירן גיין ער־געץ ווייט־ווייט — און די נאַכט בלייבט אַלץ הייליק, אַלץ יום־טובדיק, וואָרעם ס'איז דאָך שמחת־תורה אַף דער וועלט! אַ שוואַרצע קאַץ לויפט־דורך דעם גאַנצן שול־הויף אין דער ברייט און ווערט פאַרשוווּנדן. אַ הונט רופט זיך אָפּ פון אַ ערגעץ פון אַ ווייטער גויישער גאַס מיט אַ בילן אין אַ לאַנגן מינאָרנעם טאָן און ווערט אַנטשוויגן — און די נאַכט בלייבט אַלץ הייליק, אַלץ יום־טובדיק, וואָרעם ס'איז דאָך שמחת־תורה אַף דער וועלט. און עס אָטעמט זיך אַזוי גרינג. און אַפן האַרצן איז אַזוי גוט, אַף דער נשמה אַזוי אויפגעלייגט. אַזוי גדולדיק איז מען באַ זיך. אַ קליי־ניקייט — דאָס בין איך, און דאָס איז די נאַכט פון שמחת־תורה, און דאָס איז אַ הימל, און דאָרט איז גאָט — מ יי ן גאָט, מ יי ן הימל, מ יי ן יום־טוב!

קינדער! מע גייט שוין מיט די הקפות!

מע כאַפּט זיך אַריין אינעווייניק אין שול — ווער? וואָס? עס הייבט זיך גאָרניט אָן. דערווייל דאַוונט מען ערשט מעריב. צאַליע דער חזן פון דער קאַלטער שול שטייט באַם עמוד מיט זיינע צוויי משוררים. איינער, אַ שוואַרצער בחורל מיט גראָבע ליפּן — אַ באַס. דער אַנדערער, אַן אויס־געדאַרט יינגעלע מיט אַ ווייס פּנימל — אַ סאָפּראַנאָ. און דער חזן אַליין, רב צאַליע, מיט זיין גאָלדענעם האַלדז — אַ ייִד אַ הויכער, אַ געלער, מיט אַן אויסגעבויגענער נאָז, ווי אַ שופר, מיט דינע געקרייזלטע פּאהלעך און מיט אַ געלער געקרייזלטער באָרד, וואָס זעט־אויס, ווי אַ צוגעבונדענע

— ווער ווייסט דאָס גלייבן, אַז אַזאַ פּאַרזעעניש ווערט האָבן אַזאַ שיינע צאַרטע איידעלע ליבע טאָכטער?... „דעם חזנס מיידל" — דאָס איז זײַן טאָכטער, און צאַליע דער חזן — דאָס איז איר פֿאָטער, וואָס באַרימט זיך פֿאַר איטלעכן, אַז ער האָט אַ מיידל — איז זי איינע באַ גאָט, די אַנדערע באַ אים. איין חסרון גאָר — זי וויל ניט אַ כלה ווערן. „ווען מע זאָל איר ניט ריידן — איז איין מאָל ניין. נאָר ס'וועט איר העלפֿן, ווי אַ טויטן באַנקעס. אַז ס'וועט קומען דער רעכטער זיווג, וועט זי שוין מוזן זאָגן יאָ. אַניט, נעמט מען זי פֿאַר די צעפּ. און פֿאַר נויט איז דאָ אַ שטעקן!"... אַזוי זאָגט ער אַליין, צאַליע דער חזן, געוויינלעך אין אַ שפּאַס, און באַווײַזט זײַן יאַמשאָווע שטעקן מיט דער אַלטער פֿאַרגעלטער עלפֿאַנטביינערישער גאַלקע.

מע האָט שוין אָפּגעדאַוונט מעריב אין דער קאַלטער שול, און צו הקפות איז נאָך ווײַט: מע האַלט ערשט באַ „אתה הראית לדעת" און מע טיילט־אויס צווישן די מזרח־וואַנט־בעלי־בתים די פּסוקים פֿון „אתה הראית", וועלכע יעדער זאָגט זיך אָפּ שטייענדיק אַף זײַן פּלאַץ, און איטלעכער באַזונדער מיט אַן אַנדער קול און מיט אַן אַנדער נוסח. דאָס הייסט, דער נוסח איז איין און דער זעלבער נוסח אַף דער גאַנצער וועלט, נאָר מחמת יעדער האָט זיך זײַן שטימע מיט זײַן טעמבר און מע שרעקט זיך אַביסל איבער פֿאַר דעם אייגענעם קול, קומט־אויס ניט דאָס, וואָס מע וואָלט אַליין געוואָלט, און דאָס דריידל, וואָס מע לאָזט איבער אַפֿן סוף פּסוק, גייט אינגאַנצן פֿאַרלוירן...

די קאַלטע שול איז גענוג גרויס און ברייט און הויך און אָן אַ סטעליע נאָר מיט אַ דאַך — און דערפֿאַר רופֿט מען זי די „קאַלטע" שול. דער דאַך איז צעמאָלט ווי אַ הימל — בלוי, שוין אַביסל צו בלוי, אַזש גרין. דער פֿאַרבער האָט אַריבערגעכאַפּט די מאָס. און די גלאַנצנדיקע שטערן זײַנען אַביסל צו גרויס. יעדער שטערן איז אַביסעלע קלענער פֿון אַן עפּל און כאַפּט דעם אָפּבליק פֿון אַ קאַרטאָפֿל, אַרום און אַרום באַגילט מיט גאָלד. אויסגעלייגט זײַנען די קאַרטאָפֿל, דאָס הייסט די שטערן, ניט אַזוי, ווי די שטערן אין הימל, אָן אַ שום אָרדענונג — ניין! נאָר אויסגעלייגט שורות־ווײַז, נאָענט און געדיכט איינס נעבן דאָס אַנדערע. פֿון אין מיטן צענטער, אַף לאַנגע מעשענע שטריק, הענגען־אַראָפּ אַלטע פֿאַרצײַטיקע הענגלײַכטער פֿון אַלטן געלן פֿאַרגרינטן מעש. פֿון דעם זעלבן אַלטן פֿאַרגרינטן מעש זײַנען אויך די העסעם, וואָס אַף די ווענט — און אַלץ איז אָנגעפּאַקט מיט ליכט. אַלע ליכט ברענען. ס'איז אַזוי ליכטיק, אַז עס דאַכט זיך, אַז ליכטיקער קאָן שוין גאָר נישט זײַן.

פֿון וואַנען האָבן זיך גענומען אַזוי פֿיל יידן, קיין עין־הרע, און ווײַבער. און ווײַבלעך, און בחורים, און קליינע קינדער? שלום איז דאָ

דעם ערשטן מאָל אין דער קאַלטער שול, און ניט ווילנדיק קומט אים אויפן זינען דער פּסוק: מה טובו אוהליך יעקב — ווי שיין זײַנען דײַנע געצעלטן, יעקב!... עס קומט אים אָן ניט גרינג צו באַקומען אַן אָרט אויף צו זיצן. אַ גליק, וואָס דער שמש האָט אים דערקענט — ס'איז דאָך רב נחום ראַבינאָוויטשעס אַ זונדל, דאַרף מען אים מאַכן אַן אָרט, און דווקא אין שפּיגלבאַנק, צווישן בעלי־בתים.

ווי האַלט מען? דער רעש מיטן טומל זײַנען אַזוי גרויס, אַז מע הערט נישט דעם חזן, נישט זײַנע משוררים. אומזיסט איז דעם עולמס שרײַען „שאַ"! אומזיסט איז דעם שמשס קלאַפּן אין טיש. ווײַבלעך גראַגערן, מיידלעך לאַכן, קינדער פּישטשען. אָט שטייט אַ יִינגעלע מיט בײַטערע טרערן. „וואָס וויינסטו, יִינגעלע?" — מע האָט אים אַראָפּגעוואָרפן דעם עפּל פון דער פאָן אומגערן און צעטראָטן מיט די פיס. וואָס וועט ער איצטער טאָן אָן אַן עפּל?... און לעבן יִינגעלע זיצט אַ בחור און שטשירעט די ציין, לאַכט פונעם יִינגלס טראַגעדיע. פּאַרדריסט דאָס שלומען, לאָזט ער זיך אַרײַן מיטן בחור אין אַ דיסקוסיע: „וואָס איז דער געלעכטער?" — ענטפערט אים אויף דער בחור און הערט ניט אויף צו באַווײַזן די ציין: „אַ יִינגעלע אַ שוטה!" פּאַרדריסט דאָס שלומען נאָך מער: „נו, און דו אין זײַנע יאָרן האָסט געהאַט מער שכל?" דאָ הערט דער בחור אויף צו לאַכן און ענטפערט אויף שוין ווי אַ שייגעץ: „וויפל שכל איך האָב געהאַט אין זײַנע יאָרן געדענק איך ניט, נאָר אַז איצט האָב איך מער שכל אין פּיאַטע, וויפל דו אין קאָפּ — דאָס איז זיכער, כאָטש דו גייסט אין די קלאַסן און כאָטש דו ביסט נחום ראַבינאָוויטשעס זון"...

וואָלט דאָס נישט געווען אין דער קאַלטער שול צווישן פרעמדע, וואָלט נחום ראַבינאָוויטשעס זון זיך אַנדערש אָפּגערעכנט מיט אים. דאָ האָט ער אָבער געמוזט כאַפּן אַ שווײַג, וואָרעם צווישן יאָ און ניין וואָלט ער געקאָנט זײַן אַ געפּאַטשטער פונעם דאָזיקן בחור דעם עזות־פּנים. און אגב האָט ער שוין דערהערט אינעם גרויסן טומל מיטן גרויסן רעש די ליבע ווערטער: „התורני רב שמשון־זאב ברבֿ חיים־צבֿי הכהן, תן כבוד לתורה!" „התורני רבֿ משה־יעקבֿ ברבֿ נחמן־דובֿ הלוי, תן כבוד לתורה!"... די משמעות, אַז די הקפות האָבן זיך שוין אָנגעהויבן. ווו־זשע איז דעם חזנס מיידל?...

„אָנא ה' הושיעה נאַ!" — דער ערשטער טור האָט זיך געענדיקט מיט אַ ניגון, מיטן גראָבן ניגון „היידא", און מיט אַ טענצל. און עד כאן הקפה א'! און דער שמש רופט שוין ווידער אויס מיט זײַן הייזעריקן קול און מיטן זעלבן נוסח: „התורני דער און דער, תן כבוד לתורה!" „התורני דער און דער, תן כבוד לתורה!" און אָט אַזוי האָט זיך געענדיקט די צווייטע הקפה, די דריטע, די פערטע. נאָך יעדער הקפה דער זעלבער

גראַבער ניגון מיטן זעלביקן טענצל — און דעם חזנס מיידל זעט מען ניט.

שלום רוט ניט, קוקט אַף אַלע זײַטן, טאָמער וועט ער זי פּאָרט אַמאָל דערזען — נישטאָ. זי! ניט איר חברטאָרן! ניט שוין־זשע האָט זי אים אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט?... אָדער אפשר האָט זי ניט געקאָנט קומען? אפשר האָט זיך מיט איר עפּעס געטראָפן? אפשר איז מען זיך דערגאַנגען פון זייער אָפּריידן און מע האָט זי איבערגעלאָזט אין שטוב אונטערן שלאָס? אַף צאַליע דעם חזן איז צו גלייבן! אַ מענטש, וואָס שלעפּט פאַר די צעפּ און גיט מיט אַ שטעקן!... און די שוואַרצע געדאַנקען און פינצטערע מחשבות האָבן גאָר קיין גרענעץ...

אפּנים, דעם שמש האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס, וואָס נחום ראַ־בינאָוויטשעס בחורל דרייט זיך, קוקט זיך אַרום אַף אַלע זײַטן, זיצט ניט אײַן אַף אַן אָרט, איז אַ סימן, אַז ער גאַרט, ער גייט־אויס נאָך אַ הקפה. און אפשר האָט אים איינער פון די גבאים אַ ווונק געגעבן, ער זאָל ראַבי־נאָוויטשעס זונדל אויך מכבד זײַן מיט אַ הקפה? יעדנפאַלס, האָט זיך צווישן אַנדערע נעמען פּלוצעם דערהערט אויך זײַן נאָמען: „הבחור שלום ברב מנחם־נחום, תן כבוד לתורה!"... דאָס גאַנצע בלוט איז אים אַרײַן אין פּנים, נישט געקאָנט אַריבערטראָגן די בעל־הבתישע אויגן, וואָס האָבן אַף אים געקוקט. ער האָט זיך געפילט, ווי עס פילט זיך יעדער בחור, אַז מע רופט אים אויף מפטיר. און איידער ער האָט זיך אַרומגעקוקט, ווו ער איז אין דער וועלט, האָט אים שוין דער שמש אונטערגעטראָגן אַ רייניקייט, און ער שטייט שוין אין דער רייע מיט אַ בינטל יידן און מיט אַ גרויסער ספר־תורה אין די הענט, און די פּראָצעסיע גייט שוין אָן: דער חזן רב צאַליע גייט אויף צו פריער און זינגט: „עוזר דלים, הושיעה נא!" ווײַבלעך און מיידלעך רײַסן זיך, קושן די ספר־תורה און ווינטשן אים: „דערלעבט איבער אַ יאָר!" ער פילט זיך מאָדנע, וואָס מע זאָגט אים „איר", און איז צעטומלט פונעם אומגעריכטן כבוד, און איז גרויס בא זיך, וואָס ער גייט אין דער רייע, איין בחור צווישן אַזוי פיל יידן — און נאָר דערפאַר, וואָס ער איז ניט קיין אבי־וועער, רב נחום ראַבינאָווי־טשעס אַ זונדל, פּאָרט אַ „טאַטנס אַ קינד"!... נאָר סאַמע אין רעכטן טומל דערפילט ער אַ קוש אין האַנט אַרײַן: „דערלעבט איבער אַ יאָר!" ער הייבט־אויף די אויגן, דערזעט ער — ס'איז זי, דעם חזנס מיידל, און איר חברטאָרן, פאַרשטייט זיך, לעבן איר.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַלע הימלען עפענען זיך און מלאָכים נידערן־אַראָפּ און זינגען שירה. זיי באַזינגען די וועלט, וואָס גאָט האָט באַשערט — אַזאַ גוטע, זיסע, שיינע, ליבע וועלט! זיי באַזינגען די מענטשן, וואָס גאָט האָט באַ־

שאַפן — אַזעלכע גוטע, זיסע, שיינע, ליבע מענטשן! ס׳איז אַזוי גוט, אַז עס ווילט זיך ווײנען פאַר גוטסקייט. און אין האַרצן זינגט זיך אים צו די מלאָכים: „שלום עליכם, מלאכי השרת!"...

אמת, די ערשטע מינוט איז אים געווען פריקרע און וואונדערלעך. אַנשטאָט דעם ז י זאָל קושן די ספר־תורה, האָט ז י אַ קוש געגעבן זײַן האַנט! איז דאָס אפשר געווען אומגעריכט? ניין, נישט אומגעריכט. ער האָט דאָס אַרויסגעזען פון אירע שמייכלענדיקע אויגן. ער איז געווען אַזוי איבערראַשט, אַז ס׳איז אָפּגעגאַנגען אַ האָר, ער זאָל אַרויסלאָזן די ריייניקייט פון די הענט. ער האָט חשק געהאַט זיך אָפּשטעלן, נאָך אַ מאָל אַ קוק טאָן איר אין די שיינע אויגן אַרײַן, אויב ניט זאָגן אַ צוויי ווערטער — לאָזט מען אים אָבער נישט. די ייִדן, וואָס גייען אים נאָך פון הינטן, לאָזן אים ניט. מע דאַרף גיין ווײַטער. מע דאַרף איבערגעבן די ריייניקייטן צו אַנדערע. די הקפות האָבן זיך נאָך ניט געענדיקט. ערשט דאָ, באַם אָרון־קודש, איבערגעגעבן דעם שמש די ספר־תורה, קוקט ער זיך אום צוריק, טאָמער וועט ער זי דערזען נאָכאַמאָל, כאָטש פון דער ווײַטן. מע זעט זי ניט. לאָזט ער זיך מיט דער ווײַטערדיקער הקפה, גייט נאָך נאָך די ייִדן גלאַט אַזוי, מאַכט אַ טור, זוכט זי מיט די אויגן — ניטאָ דעם חזנס מיידל, נעלם געוואָרן! לויפט ער אַרויס אין דרויסן, זוכט זי אַפן שול־הויף — ניטאָ זי אין ערגעץ ניט!... אפשר איז דאָס געווען אַ חלום? אפשר איז דאָס געווען אַ דמיון? ניין. ס׳איז נישט געווען קיין חלום, ס׳איז נישט געווען קיין דמיון. ער פילט נאָך איצט אויף דעם קוש פון אירע ליפּן אַף זײַנע הענט. ער גייט ווײַטער און ער פילט ניט די ערד אונטער זיך. עס ווײַזט זיך אים אויס, אַז ער האָט פליגלען און אַז ער פליט, ער שוועבט, און די מלאָכים שוועבן מיט אים, טראָגן זיך אין דער לופטן, באַגלייטן אים גלײַך ביזן גרויסן בית־המדרש.

דאָרט האַלט מען נאָך אין מיטן די הקפות. דער טאַטע איז מאָדנע אויפגעלייגט, יום־טובדיק געשטימט און זעט־אויס אין דער אַלטער צע־האַקטער זײַדענער קאַפּאָטע, פון וועלכער עס קוקט־אַרויס ערטערווײַז דער געלער אונטערשלאַק, אַזוי שיין, אַזוי גרויסאַרטיק ווי קיינמאָל ניט. נעבן אים שטייען ביידע געראָטענע איידעמס, פון איין זײַט לייזער־יאָסל, פון דער אַנדערער זײַט מאַגידאָוו. ביידע וויצלען זיך, און דער טאַטע הערט זיך אײַן, ווי זײַן שטייגער איז, און לאַכט. „ווו ביסטו געווען אַזוי שפּעט?" — טוט דער טאַטע אַ פרעג, חלילה ניט אַף צו באַשטראָפן, נאָר גלאַט אַזוי, אויס נײַגעריקייט. „אין דער קאַלטער שול" — ענטפערט אים שלום און באַרימט זיך, אַז מע האָט אים מכבד געווען דאָרט מיט אַ הקפה! איז דאָס דעם טאַטן געפעלן און ער זאָגט: „ס׳איז זייער שיין פון זיי". און די געראָטענע איידעמס וויצלען זיך איבער ראַבינאָוויטשעס בחורל.

אײנער פֿרעגט אים: צי האָט ער זיך באַקענט אין דער קאַלטער שול מיטן
„עוזר־דלים“? און דער אַנדערער באַמערקט: װי קומט אַהין דער „עוזר־
דלים“? דאָרט איז דאָך נאָר דעם „עוזר־דלימס“ אַן אײניקל! און אַלע דרײַ
לאַכן זײ פֿון דער חכמה, און שלום העלפֿט זײ לאַכן. עס גיט זיך אױס
אַ נאַכט! אַזאַ נאַכט קאָן געמאָלט זײַן נאָר שמחת־תּורה צו הקפֿות.

57

דער קריזיס

זיך מיאוס אָפּגענאַרט אין די הײליקסטע געפֿילן. — װערט קראַנק אױף טיפֿוס. —
שטײט־אױף אַ אַנדער מענטש. — געזעגנט זיך אָפּ מיט זײַנע קינדערשע יאָרן.

אַלע מאָל, װען דער פֿאַרפֿאַסער פֿון די דאָזיקע באַשרײַבונגען לאָזט
זיך אַראָפּ אין די טיפֿע קאַטאַקאָמבן פֿון זײַן װײַטער קינדהײט, טראָגט־
אַרױס אױף גאָטס װעלט און לופֿטערט דורך זײַנע זכרונות פֿון די אױף אײ־
ביק פֿאַרגאַנגענע ייִנגלשע יאָרן, פֿאַרטיפֿט זיך אין זײַנע שפּעטערדיקע
דערפֿאַרונגען פֿונעם גרױסן װעלט־יאַריד, װאָס מע רופֿט דאָס „לעבן“,
און באַטראַכט דאָס אַלצדינג מיט אַ קלאָרן קאָפּ און מיט אַ קאַלטן מח,
באַװוּנדערט ער, װי ער האָט געקאָנט אַריבערטראָגן אַזעלכע אומדערבאַ־
רעמיקע קלעפּ, מיאוסע אָפּנאַרעכטסן און ביטערע אַנטױשונגען, און
בלײַבן גאַנץ אױף צו כאַפּן פֿרישע קלעפּ מיט נײַע אָפּנאַרעכטסן מיט נאָך
גרעסערע אַנטױשונגען, װי דאָס, װאָס מע בלײַבט אָפּגענאַרט. אַ קלאַפּ
פֿאַרהײלט זיך, אָבער אַן אַנטױשונג לאָזט־איבער נאָך זיך אַ קרעל אין
דער נשמה אױף אײביק.

דער העלד פֿון דער דאָזיקער ביאָגראַפֿיע האָט שױן געפּרוּװט גע־
שלאָגן װערן מאָראַליש און באַנומען װערן מאַטעריעל פֿון קאָפּ ביז פֿיס.
ער האָט פֿאַרזוכט דעם טעם, װי דער לעזער װעט דאָס זען פֿון די װײַ־
טערדיקע קאַפּיטלעך, פֿון צו פֿאַרלירן אַ ריזיקן קאַפּיטאַל אין אַ קורצער
צײַט דורך פֿאַרשײדענע ספּעקולאַציעס, װאָס אַלערלײ מנחם־מענדלס
האָבן אים אין זײ אַרײַנגעפּירט, און ער קאָן זאָגן מיט אַ רײנעם געװיסן,
אַז אים האָט ניט אַזױ גענומען דער פֿאַרלוסט פֿון געלט, װי דאָס, װאָס
מענטשן האָבן אים אָפּגענאַרט און װאָס ער **האָט זיך אָפּגע־
נאַרט אין מענטשן.** די אַנטױשונג — אָט װאָס אים האָט
מקצר־ימים געװען אַלע מאָל, אָט װאָס אים האָט געטריבן אין דער ערד
אַרײַן.

שױן אין יענער עפּאָכע, װען ער איז געװען נאָך גאָר אַ שנעק און

האָט זיך נאַריש פאַרליבט אינעם חזנס מיידל, האָט ער שוין געכאַפּט דעם ערשטן קלאַפּ פון שרעקלעכער אַנטוישונג — אַזאַ קלאַפּ, וואָס ניט ער, ניט קיינער האָט זיך געקאָנט דערוויף ריכטן. מע האָט געקאָנט דערוואַרטן, למשל, אַז די עלטערן זאָלן געוווירע ווערן פון דעם אומגעלומפּערטן ראָ־מאַן און צעשטערן דעם נאַרישן שידוך. מע האָט געקאָנט דערוואַרטן, אַז צאַליע דער חזן זאָל נעמען די טאָכטער פאַר די צעפּ, אָדער דערלאַנגען איר מיטן שטעקן ניט אַף קאַטאָוועס, נאָר טאַקע אַף דער רעכטער אמת. נאָר ווער וואָלט דאָס געקאָנט צולאָזן, אַז דעם חזנס מיידל זאָל אין דער זעלבער צײַט, וואָס זי האָט געשפּילט אַ ראָמאַן מיט נחום ראַבינאָוויטשעס בחורל, גאָר זײַן פאַרליבט אין אַ גוי, אַ פּריקאַשטשיק בײַ קאָטיעלניקאָוון אינעם גרויסן אײַזן־געשעפט, און זאָל מיט אים איינמאָל אין אַ שבת־צו־נאַכטס, ניט ווײַט פון יענעם שמחת־תורה, וואָס איז באַשריבן אויבן, אַנטלויפן, אַרײַנגעבן זיך אין אַ פרויען־מאָנאַסטיר, צווישן מאָנאַשקעס, זיך דערנאָכדעם אָפּשמדן און חתונה האָבן טאַקע פאַר דעם זעלבן קאָ־טיעלניקאָווס פּריקאַשטשיק?!...

קיין פאַנטאַזיע פון אַ שרײַבער וועט ניט צוטראַכטן דאָס, וואָס דאָס לעבן אַליין קאָן צוטראַכטן. אַוודאי איז נעבעך צאַליע דער חזן אַרומגע־לאָפן, געזוכט זכות־אָבות, פּראָטעקציעס צום אַרכימאַנדריט, צו דער אַי־הומענשע פונעם מאָנאַסטיר און אַליין צום גובערנאַטאָר — עס האָט ניט געהאָלפן קיין שמע־ישראל. די שטאָט האָט געקאָכט, ווי אַ קעסל. די „גאַנצע וועלט" האָט געוויגט זיך. וואָלט דאָס כאָטש געווען גלאַט אַ מיידל, אַ ייִדישע טאָכטער — עס מאַכט זיך אַן אומגליק, וואָס זאָל מען טאָן? איז ניין. דאַרף זיך עס טרעפן מיט אַ חזן, אַ כלי־קודש! ווער וועט אים איצט צולאָזן צום עמוד? פרעגט זיך אַ קשיא: פון וואַנען וועט ער לעבן? הײַנט דער בזיון פאַר די בעלי־בתים פון דער קאַלטער שול איז אויך עפּעס ווערט. וואָרעם פאַר וואָס האָט זיך עס געטראָפן גראָד מיט זייער חזן פון זייער שול?...

וואָס פאַר אַ ווערט האָבן אָבער געהאַט די אַלע אויסגערעכנטע צרות, בזיונות און יסורים קעגן דעם גיהנם, וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן אין דער נשמה פון יענעם בחורל, וואָס איז געווען מיט סכנות פאַרליבט אינעם חזנס מיידל און וועלכן דאָס מיידל האָט אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט, פאַרביטן אים, אַ טאַטנס אַ קינד, אַף אַ גוי אַ פּריקאַשטשיק בײַ קאָטיעלניקאָוון?! צוליב וואָס האָט זי באַדאַרפט נאַרן אַן אומשולדיקן בחורל, שרײַבן אים אַזעלכע בריוועלעך? קושן אין דער האַנט שמחת־תורה צו הקפות? שווערן אים אייביקע ליבע און נאָך אַזעלכע זאַכן? דאָס אַנטלויפן מיטן פּרי־קאַשטשיק איז דאָך ניט געווען קיין פּלוצלעכע, אומגעריכטע פאַרליבעניש. דאָס איז געווען אַן אָפּגערעדטע זאַך שוין פון לאַנג. און ער דערמאָנט זיך, וואָס איר חברטאָרנס חתן, דער פּריקאַשטשיק מיט די „ידים", האָט אים

געהאַט אַ זאָג געגעבן, אַז באַם חזנס מיידל וועט ער זיך באַגעגענען מיט אַ ביינברעכער. איצט ווייסט ער שוין, ווער דער ביינברעכער איז... און דאָס וואַרפֿט אים אַרײַן אין אַזאַ פֿײַער, אַז ער פֿאַרשילט זיך זײַן געבוירן. ער שילט דעם טאָג, וואָס ער האָט זיך באַקענט מיטן חזנס מיידל. ער שילט דעם בחור, דעם פֿריקאַשטשיק פֿון דער „זאַליאַזנע" קראַם, און קאָטיעל־ניקאָווס פֿריקאַשטשיק, און אַלע פֿריקאַשטשיקעס פֿון דער גאַנצער וועלט. אַך! ווי גוט ס'וואָלט געווען, ווען אַ פֿײַער ברעכט־אויס און פֿאַרברענט אַלע „זאַליאַזנע" קראָמען פֿון שטאָט, אָדער ווען אַ שטורעם־ווינט הייבט זיך אויף און טראָגט־אַראָפּ אַלע קראָמען מיט אַלע הײַזער פֿון שטאָט, אָדער די ערד עפֿנט זיך אויף און די גאַנצע שטאָט פֿערעיאַסלאַוו מיט דער בריק און מיט די פּידוואָרקעס ווערן אײַנגעזונקען, אַזוי ווי קורח! נישטאָ בײַ אים קיין טראָפּן רחמנות אויף אייגענע, אויף פֿרעמדע, אויף אַלטע לײַט, אויף קליינע קינדער, עופֿהלעך — אַלע און אַלץ זאָל גיין צו אַלדי שוואַרצע יאָר!... און ער פֿאַרשילט די וועלט, וואָס גאָט האָט באַשאַפֿן — אַזאַ פֿאַלשע, אַזאַ מיאוסע, פּאַסקודנע וועלט! און ער פֿאַרשילט די מענטשן, וואָס גאָט האָט באַשאַפֿן — אַזעלכע פֿאַלשע, מיאוסע, פּאַסקודנע מענטשן!...

פֿאַרטיפֿט אין אַזעלכע מיזאַנטראָפּישע געדאַנקען, קומט ער איינמאָל פֿון קלאַס אַהיים און פֿילט, אַז דער קאָפּ איז אים עפּעס ווי אָנגעגאָסן מיט בלײַ. פֿאַר די אויגן שוועבן אים רעדלעך מיט עפּעס מאָדנע פֿיגורן. די רעדלעך ברייטלען זיך, די פֿיגורן ווערן צעגאַנגען, אַזוי ווי שניי אויף דער זון, און אויף זייער אָרט קומען־אָן אַנדערע פֿיגורן. קיין וואַרעמעס עסן וויל ער ניט. די שטיפֿמאַמע חידושט זיך: „געפּגרט אַ בער אין וואַלד" — זאָגט זי מיט איר געוויינלעכן גיפֿט. ער קאָן זיך ניט האַלטן אויף די פֿיס. ער לייגט זיך אויף דער קאַנאַפּע. דער טאַטע גייט־צו, טאַפּט אים באַם קאָפּ. עפּעס פֿרעגט בײַ אים דער טאַטע, און ער ענטפֿערט, נאָר וואָס מע האָט אים געפֿרעגט און וואָס ער האָט געענטפֿערט — ווייס ער ניט. ער געדענקט ניט. דאַכט זיך, עפּעס האָט מען גערעדט וועגן „מאָגן"... „דאָקטער"... „אַפּטייק"... און עפּעס ביטערס פֿילט ער, ווי מע גיט אים אײַן דורך אַ טיי־לעפֿל, און סע שמעקט מיט מאַנדלען.. און דער קאָפּ, אוי דער קאָפּ!... און עס וויקלען זיך קנוילן פֿאַר די אויגן, און זיי שפּאַרן זיך דורך די אויערן אַרויס און גייען־אַוועק מיט אַ לאַנגן־לאַנגן פֿײַף. און ווי קליינע מורעשקעס גראַבלען זיי זיך אינעווייניק אונטער דער הויט, אין די אָדערן, קיצלען, זידן, בולבען זיך אינעווייניק אין לײַב, און בײַטעלעך, בײַטעלעך קאַטשען זיך אַראָפּ אַ באַרג, אָן אַ שיעור בײַטעלעך... און מענטשן ווילן כאַפּן די בײַטעלעך — און קאָנען ניט... דער אַנטיק איז אָבער דאָס, וואָס ער האַלט, דאַכט זיך, צוגעמאַכט די אויגן, און זעט פֿונדעסטוועגן אַלץ, וואָס סע טוט זיך! ער הערט ניט — איבערן פֿײַפֿן,

וואס פייפט אים אין די אויערן, קאן ער ניט הערן, נאר זען זעט ער אלעמען. אלע זיינען דא. א מישמאש פון אמאליקע און היינטיקע חברים און גלאט מענטשן. זיין חבר שמואליק, פיניעלע שימעלעס, אליע דאדיעס, איצל דעם פעטער פיניעס, דער אורח וואלפסאן... שענער פון אלץ איז דאס, וואס קאטיעלניקאָווס פריקאשטשיק דאוונט פארן עמוד, זינגט „אתה הראית", און דעם חזנס מיידל שלאגט זיך „על חטא"... און עפעס א קול, א פארדומפּענע שטימע, הערט זיך פון דער קאלטער שול ארויס — מאדנע וויינענדיקע שטימען מיט א כליפּען. דאס דאוונען די מתים. מתים דאוונען אלע שבת־צו־נאכטס אין דער קאלטער שול. מיט א מנין דאוונען זיי. ווער ווייס עס ניט? און ס'איז אים קיין זאך ניט קשה, אפילו דאס, וואס קאטיעלניקאָווס פריקאשטשיק, א גוי, זינגט „אתה הראית לדעת" מיטן יידישן ניגון... איין זאך נאר איז אים יא קשה: ווי קומט דאס, וואס אט איז דא נאר־וואס געווען זיין חבר שמואליק, שמואליק דער יתום, — פאר וואס האט ער אים ניט געפרעגט, וואס הערט זיך מיטן „אוצר"? ווי קומט דאס, ער זאל פארגעסן אזא וואזשנע זאך? ער עפנט־אויף די אויגן און זוכט שמואליקן, און קאן אים ניט געפינען. נישטא קיין שמואליק, ניט קיינער פון די, וואס זיינען דא נאר־וואס געשטאנען. ווו האבן זיי געקאנט אהינקומען אלע? און ער מאכט־צו צוריק די אויגן, און ער הערט זיך צו צום הארצן, ווי עס קלאפט, און צו די שלייפן, ווי זיי שלאגן. און ער פילט, אז ער איז אפּגעגאסן מיט שווייס, ער שווימט אין א טייך פון שווייס. די שפּיץ־פינגער זיינען אויפגעבלעזלט, ווי נאך א שוויץ־באד, און די האר פון קאפּ זיינען נאס און קלעפּן זיך צום שטערן. און ער פילט א קאלטע האנט אף זיך. און ער דערהערט א באקאנטן זיפץ. עפנט ער אויף די אויגן — ס'איז דער טאטע! און נעבן אים דער אורח וואלפסאן, און דער קאלעקטאר מיט די שווארצע ברילן, און נאך און נאך מענטשן. און ער זעט, אז אלע קוקן אף אים מיט רחמנות. און ער הערט און פארשטייט, אז מע רעדט פון אים. „קריזיס", הערט ער, זאגט מען. און ער פארשטייט נאך ניט, וואס פאר א „קריזיס"? און ער איז גאנץ צופרידן, וואס ער איז מיט איין מאל געווארן אזא מיוחס בא אלעמען, וואס אלע אינטערעסירן זיך מיט אים אזוי. מער פון אלע אינטערעסירט זיך דער טאטע. ער בייגט זיך אן איבער אים און פרעגט אים: וואס וואלט ער געוואלט? ער ענטפערט נישט באלד. ער וויל זיך פריער גוט באטראכטן, ווו ער איז אין דער וועלט און וואס טוט זיך דא מיט אים? עס נעמט היפּשע עטלעכע מינוט, ביז ער קומט צו זיך און פארשטייט, וואס מיט אים איז, — אז ער איז קראנק געווען, אפּנים, זייער קראנק, און אז איצט איז אים בעסער. בעסער? אויסגעצייכנט גוט. ערשט דעמאלט, אז ער האט שוין כמעט אלץ באגריפן, באנעצט ער מיט

דער צונג די פּאַרטריקנטע ליפּן און לאָזט אַרויס אַ וואָרט, מער ניט אַז איין וואָרט:

— אַגרעסן!...

קוקט זיך דער טאַטע איבער מיט די איבעריקע מענטשן, וואָס שטייען אַרום קראַנקן, און טוט אים אַ פרעג־איבער:

— אַגרעסן? וואָסערע אַגרעסן?

— אײַנגעמאַכטס! — ענטפערט דער קראַנקער מיט אַ מאָדנער גראָבער שטימע, וואָס הייבן הייבט זי זיך אָן דין, סאָפּראַנעדיק, און לאָזט זיך אויס גראָב, מיט אַ באַס. דער קראַנקער האָט זיך אַזש איבערגעשראָקן, ניט דערקענט זײַן קול. אין דער צײַט, וואָס ער איז קראַנק געווען, האָט ער זיך אַזוי פאַרענדערט, אַז ווען ער איז אין אַ פּאָר וואָכן אַרום אַראָפּ פון בעט, קוים דערשלעפּט זיך אין זאַל אַרײַן, אַ קוק געטאָן אַף זיך אין שפּיגל, האָט ער זיך קוים דערקענט. פאַר אים איז איצט געשטאַנען שוין גאָר אַן אַנדער מענטשל. פריִער איז דאָס געווען אַ ציקאַווע ייִנגל מיט רויטע פּוכקע בעקלעך, אַ רירעווודיקס, אַ לעבעדיקס, מיט שמייכלענדיקע אויגלעך, קײַלעכיג אונטערגעשאָרן, מיט אַ געקרײַזלט טשובעקל פון בלאָנדע האָר פון פאָרנט אַפן שטערן. איצט האָט זיך דאָס פּנים אויסגעבלייכט, די בעקלעך זײַנען אָפּגעפאַלן, די אויגן זײַנען גרעסער געוואָרן, דער קוק פאַרטראַכט, און אַליין האָט ער זיך אויסגעצויגן אין דער לענג. די בלאָנדע געקרײַזלטע האָר האָט מען אים אָפּגעשאָרן ביז דער הויט, ווי אַ טאָטער. גאָר אַן אַנדער בחור איז דאָס געווען אַצינד.

אָבער ניט נאָר אין זײַן אויסזען אַליין האָט ער זיך פאַרענדערט. ער האָט זיך אינגאַנצן איבערגעאַנדערשט. ער האָט דערפילט, אינעווייניק בא זיך, אין דער נשמה, איז פאָרגעקומען אַ קריזיס. און עס טוט אים באַנג, האַרצעדיק באַנג, זײַן נאַרישע נאַיִווע פאַרגאַנגענהײַט, וועלכע וועט זיך שוין ניט אומקערן און ניט איבערחזרן קיינמאָל, קיינמאָל!... און אויך איצט, איבערלעבנדיק אין דעם זכרון נאָך אַ מאָל יענע גליקלעכע יאָרן און אַריבערגייענדיק צו די ווײַטעריקע באַשרײַבונגען, קוקט ער זיך אום צוריק מיט אַ שטילער בענקשאַפט און געזעגנט זיך אַפּ שוין אַף אייביק מיט זײַנע גוטע ייִנגלשע יאָרן:

— זײַ געזעגנט, קינדהייט!

דריטער טייל

ער גיט שטונדן

דער פשט פון „געבן שטונדן". — יונגע און אלטע לערערס. — דער כח פון „גראמאטיקע". — מע גייט צו אים מיט פראטעקציעס. — אין פערעיאסלאווער שטאט־גארטן און בא דער שטיפמאמע אינדערהיים. — דעם קאלעקטארס פשרה. — ער באקומט א שטעלע און פאקט זיינע ביכער.

איצט איז שווער צו זאגן, צו וועמען האט געהערט די איניציאטיוועּ, דאס הייסט, וועמען איז דאס איינגעפאלן צום ערשטן, אז א בחורל, נאך קיין פולע זיבעצן יאר ניט אלט, נאך קיין סימן פון וואנצעלעך אף דער אייבערשטער ליפ, נאך נישט געענדיקט דעם גאנצן קורס פון דער „אויעזדנע", — זאל ער שוין נעמען דאס שטעקעלע אין האנט, ארויפווארפן דאס אויבערהעקל אף די פלייצעס אן די ארבל און שוין מארשירן פון שטוב צו שטוב „געבן שטונדן"? „געבן שטונדן" האט געהייסן — לערנען מיט יינגלעך און מיט מיידלעך אלץ, וואס מע לערנט אין די קלאסן, אונטערנעמען זיך דורכגיין מיט זיי א געוויסן קורס און צוגרייטן זיי צו א געוויסער צייט, זיי זאלן קאנען אריין אין די קלאסן, אדער אפגעבן עקזאמען.

אפגעבן עקזאמען איז געווארן א גאנג, ס'איז אריין אין דער מאדע. אלע און אלע האט זיך געגרייט צום עקזאמען. יינגלעך און מיידלעך, חתנים און יונגעלייט, בעל־הביתלעך, יידן מיט בערד שוין — האבן זיך א נעם געגעבן צו גאווראוום גראמאטיקע, צו יעווטושעווסקים אריפמעטיקע, צו סמירנאוום געאגראפיע, צו דיסטרעוועגס געאמעטריע, און גענומען לערנען אף אויסווייניק „באסני קרילאווא", שטודירן דאס ווערטערבוך. ס'איז געווארן א מין עפידעמיע — עקזאמענעס! פארשטייט זיך, אז בא אזא עפידעמיע איז ניט געווען גענוג לערערס אין שטאט. פראפעסיאנעלע יידישע לערערס זיינען געווען אינגאנצן צוויי: דער אלטער מאניסאוו — איז ער געווען אן ציין, געשפיגן ניט גערעדט, און דערצו נאך טויב, ווי די וואנט; און דער יינגערער, נח בוסעל — דער האט געלערנט פראנצויז, געטראגן א בלויען מונדיר, גלאנצנדיקע שטיוול, און איז געווען א יקרן, גענומען צו־טייער. און ווייטער איז געווען איציע דער שרייבער און זיין ברודער, אברהם דער שרייבער — ביידע אויסגעפוצטע יידלעך מיט רויטע בעקלעך־פאמפעשקעס. די האבן שוין גענומען צו וואלוול, זיינען זיי אבער געווען צעקריגט מיט דער רוסישער גראמאטיקע אף מעסערשטעך און האבן נישט געוווּסט, ווי אזוי עס לייגט זיך אוים דאס ווארט „פעטשעניעגי". דאס הייסט, זיי האבן געוווּסט, אז אינעם ווארט „פעטשעניעגי" באדארף ערגעץ זיין א „יאט", נאר זיי האבן ניט

געקאָנט טרעפן, ווי אַזוי צו שטעלן די „יאַט": נאָך דער פּע? נאָך דער טשע? נאָך דער ניע? אָדער גאָר נאָך דער גי? דאָס אייגענע איז געווען מיט אַ „עס" און מיט אַ „שאַ". אַז ס'איז געקומען, למשל, צו סושאַ (טריקעניש) אָדער סאַשאַ (אַלכסנדר), איז רעכט געווען בײַ זיי צו שרײַבן: סושאַ, שוסאַ, אָדער שושאַ; סאַשאַ, שאַססאַ, אָדער שאַשאַ. אין שטאָט, צווישן יונגוואַרג, איז געגאַנגען אַן אַנעקדאָט, אַז מע האָט פֿאָרגעלייגט די ברידער, זיי זאָלן מוחל זײַן איבערזעצן אויף רוסיש די ווערטער: „סאַשאַ האָט זיך געטריקנט אויף דער טריקעניש", — האָט איינער אָנגעשריבן: „שאַסאַ שוסילסאַ נאַ שוסיע", און דער אַנדערער האָט אַוועקגעשטעלט „שאַשאַ שושילשאַ נאַ שושיע".

פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז נאָר געווען אַן אַנעקדאָט. נאָר ווי אַזוי האָט דאָס נעבעך זיי געקרענקט, אַז דער אַנעקדאָט איז דערגאַנגען צו זיי! און ס'איז טאַקע געווען אַ פֿאַרדראָסיקע זאַך: סטײַטש, זיי האָבן אויסגעלערנט שרײַבן אַ גאַנצע שטאָט, מיט קינדער און קינדס־קינדער, — קומען צו גיין יונגע צוציקעס, וואָס די מילך איז זיי נאָך ניט אָפּגעטריקנט אויף די ליפּן, און דערציילן אַנעקדאָטן!... עס האָבן אָבער ניט געהאָלפֿן קיין חכמות — גראַמאַטיקע איז געוואָרן אַ גאַנגבאַרער אַרטיקל. אָן גראַמאַטיקע האָט מען זיך ניט געקאָנט געבן אַ ריר. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז אַפֿילו דער פּעטער פּיניע, וואָס האָט, ווי איר ווייסט, פֿײַנט געהאַט די קלאַסן, ווי אַ כשרער ייִד האָט פֿײַנט חזיר, האָט אויך מודה געווען, אַז גראַמאַטיקע איז אַ גוטע זאַך. ער איז אַ ייִד, וואָס קאַטאָרע ער פֿאָרט אויף יאַרידים, האַנדלט מיט מאָסקווע, איז אַ חשוב בײַ פּאַניען און רעדט רוסיש אויסגעצייכנט, נאָר ער פֿילט, אַז עס פֿעלט אים גראַמאַטיקע (דאָס וואָרט „גראַמאַטיקע" האָט ער באַוויזן מיט צונויפֿגעלייגטע פֿינף פֿינגער).

פֿונדעסטוועגן, זײַן פּלימעניק שלום זאָל זיך ניט אַזוי שטאַרק איבערנעמען, האָט דער פּעטער פּיניע געפֿונען פֿאַר נייטיק צוזעצן, אַז ער פֿאַרשטייט ניט, צו וואָס מע דאַרף נאָך דערצו גיין אָן אַ היטל, עסן אומגעוואַשן און שרײַבן אום שבת, אים דאַכט זיך אויס, אַז מהכתיתי — מע קאָן קענען גראַמאַטיקע און דווקא גיין אָן אַ היטל, און דווקא וואַשן זיך צום עסן, און דווקא ניט שרײַבן אום שבת! דער פּעטער פּיניע איז, אַפּנים, געווען אַ נוקם ונוטר, ווי אַן אמתער תלמיד־חכם. ער וויל ניט פֿאַרגעסן יענע אַלטע עבֿירה פֿון שרײַבן אום שבת אויפֿן פּאַרקאַן... נאָר ווער רעכנט זיך מיט אים? אַ בחורל, וואָס נעמט סטיפּענדיעס, גיט שטונדן, פֿאַרדינט געלד — מע צערײַסט אים אויף שטיקער, מע שלאָגט זיך גאָר פֿאַר אים: אַלע ווילן, אַז דווקא ער זאָל גרייטן זייערע קינדער אין די קלאַסן, ניט קיין אַנדערער — ווי אַזוי זאָל ער זיך ניט איבערנעמען? ייִדן גייען צו אים מיט אַ פּראָטעקציע דורכן קאָלעקטאָר מיט

די שווארצע ברילן, וואָס איז אַ גוטער ברודער מיט רב נחום ראבינאָוויטש, אַז ער זאָל זײַן אַזוי גוט און זאָל פּועלן באַ דעם פּאָטער, אַז דער פּאָטער זאָל פּועלן באַ זײַן זון כאָטש איין האַלבע שעה אין טאָג: „מע זאָגט, אַז זײַן שלום האָט אַ גרינגע האַנט, און אַז דורך אים גיט מען אָפּ עקזאַמען בעסער, ווי דורך אַלע אַנדערע"... און דעם טאַטנס האַרץ וואַקסט, די נשמה קוועלט — אַ קלייניקייט, אַזאַ כבוד דערלעבט זיך, כאָטש נחת וויניק, זייער וויניק! וואָס פאַר אַ נחת, איך בעט אײַך, אַז מע קוקט נישט אָן קיין קינד אין די אויגן? דעם ערשטן האַלבן טאָג איז ער אין קלאַס, דעם אַנדערן האַלבן טאָג ביז אין דער נאַכט — פאַרנומען מיט די שטונדן. און קומט פאַרנאַכט, שפּאַצירט מען אַרום מיט חברים אין שטאָט־גאָרטן. זומער איז דער פּערעיאַסלאַווער שטאָט־גאָרטן אַ גן־עדן. דאָרט שפּילט מוזיק — די מיליטער־מוזיק — מיטן פּאָלקאָוואָי קאַפּעלמײַסטער, אַ ייִד מיט אַ שוואַרצער באָרד און שוואַרצע אויגן, ווי די קאַרשן, און מיט גראָבע ליפּן. אַלע מיידלעך זײַנען פאַרליבט אין זײַן שטעקעלע, און ער האָט זיי ליב אַלע גלײַך, שמייכלט צו זיי פון דער ווײַטן מיט זײַנע שוואַרצע קאַרשן־אויגן און מיט זײַנע גראָבע ליפּן און מאַכט מיטן שטעקעלע נאָך שטאַרקער. און די טרובעס טרובען, און דער קעסלפּויק באַראַבאַנעט, און דער שטויב פון די שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך צווישן די אַלעען קאָנקורירט מיטן שמעקנדיקן ריח פון דער נאָר־וואָס אָפּגעצוויטעטער בוזינע, וואָס פילט־אָן די לופט מיט אַ געדיכטער זיסקייט. דאָס איז דער ריח און דאָס איז די זיסקייט, וואָס נאָר דער דאָרטיקער, פון יענע מקומות, פון מאַלאָראָסיע, — דער ווייס עס, דער געדענקט עס און דער קאָן אָפּשאַצן, וואָס הייסט אַ זומער־אָוונט און אַ שפּאַציר־גאַנג אין שטאָט־גאָרטן. באַלײַכט איז דער גאָרטן זייער גענוין. אינגאַנצן געפינען זיך דאָרט אַ דרײַ־פיר לאַנטערנעס מיט גאַז־לעמפּלעך, אי דאָס פאַררייכערטע, פאַרחושכטע, מיט צעבראָכענע גלעזלעך, אַזוי אַז עס הייבט זיך אויף צו אַ שטאַרק ווינטל, בלאָזן זיך די לעמפּלעך אָן און ווערן גאָר פאַרלאָשן. נאָר ווער קוקט דערויף? אדרבה, אויב איר ווילט, איז נאָך גלײַכער, וואָס ס'איז פינצטער. קאָן מען דעמאָלט אָפּשטעלן זיך, בחורימלעך און מיידלעך, און אַ שמועס טאָן, אַ לאַך טאָן און געבן אַ רייד־אָפּ אַף מאָרגן אין דער צייט נאָכאַמאָל זיך באַגעגענען אָט דאָ, אין דער אַלעע, אונטער דער גאָר־וואָס אָפּגעצוויטעטער שמעקנדיקער בוזינע...

און מע קומט אַהיים אַ פאַרפּאַליעוועטער, אַ צעהיצטער און אַ הונגעריקער און מע עסט וואָס גאָט גיט — אַ שטיקל הערינג, אַ טאַראַנקע, אַ גרינע אוגערקע, אַ ציבעלקע מיט ברויט. אַן אַפּעטיט איז, קיין עין־הרע, דאָ אַ פײַנער. ווער וואַשן זיך? וואָס בענטשן? דער טאַטע פרעגט שוין אַפילו ניט וועגן מעריב דאַווענען... קרענקען קרענקט דאָס אים, נאָר ער מאַכט זיך ניט ווויסנדיק. ריידן מיט די קינדער אַ וואָרט — איז קיין

ציַיט ניטאָ. אָפּגעגעסן, דאַרף מען זיך זעצן לערנען, צוגרייטן די אוראָקן אַף מאָרגן. זעצט זיך אַוועק שלום באַ אַ לאָמפּ לערנען, ברענט קעראָסין — ווײל די שטיפמאַמע ניט ליַידן, בורטשעט זי. פאַרדריסט עס דעם טאַטן. זאָגט שלום, אַז ער וועט זיך קויפן קעראָסין פאַר זיַין געלט, און אַ לאָמפּ אַן אייגענע וועט ער זיך איַינפירן. זאָגט דער טאַטע, ער זאָל זיך ניט דער־וועגן טאָן אַזאַ זאַך און זאָל אים ניט מקצר־ימים זיַין. דערהערט דער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילן און זאָגט, אַז ער האָט פיַינט מחלוקת. מישט ער זיך אַריַין און מאַכט אַ פשרה. באשר בכן, אַזוי ווי דאָס בחורל איז שוין אַ מענטש פאַר זיך, פאַרדינט שוין, קיין עין־הרע, אַ קערבל, און לערנען דאַרף ער אויך, עס שטייט אים פאָר אָפּגעבן דעם לעצטן עקזאַמען, איז אַ יושר, מע זאָל דעם קונדס (שוין אויס „קונדאַס", נאָר „קונדעס") לאָזן צורו. און ער לאָזט־אויס: „עצתי, אַז ער זאָל ערגעץ אָנדינגען אַ קוואַרטיר מיט קעסט ביז איבער די עקזאַמענעס, און לאָז ער זיך לערנען געזונטערהייט". און טאָמער איז אים שווער צו געפינען, נעמט ער, דער קאָלעקטאָר, אַף זיך די דאָזיקע טרחה.

פאַרשטייט זיך, אַז תחילת האָט דער טאַטע ניט געוואָלט הערן, ניט זען פון אַזאַ משוגענעם פּלאַן. דער קאָלעקטאָר האָט אָבער געהאַט אין זיך אַ כח, אַז ער האָט געקאָנט איבעררייַדן אַ וואַנט. און דערצו האָט ער פיַינט געהאַט ריַידן. ער האָט ליב געהאַט טאָן. איז ער אַוועק און געקומען מיט אַ גדולה — ס'איז אים אָפּגעראָטן על צד היותר טוב! ער האָט גע־קראָגן איינעם אַ בעלן, וואָס גיט־אָפּ אַ חדר מיט קעסט מיט אַלעם גרייטן אומזיסט, נאָר מיט דעם תנאי, אַז דער קונדס זאָל לערנען סך־הכל איין האַלבע שעה אין טאָג אינדערפרי און איין האַלבע שעה באַטאָג מיט די עלטערע קינדער, און אַמאָל נאָך אַ האַלבע שעה אָדער אַ שעה פאַרנאַכט מיט די קלענערע קינדער.

— וויפל־זשע זיַינען פאַראַן קינדער אַרום און אַרום? — פרעגט דער טאַטע.

— וואָס מאַכט איַיך אויס וויפל? ער דאַרף זיי דען געבן עסן? ער דאַרף דאָך נאָר לערנען. וואָס־זשע איז אים די נפקא־מינה, צי דריַי קינ־דער, צי פינף קינדער, צי זיבן קינדער? דאַכט זיך, איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך בין איַיך אַ גוטער פריַינט און וועל איַיך ניט פאַרפירן — וואָס איז שיַיך? עצתי, אַז דער קונדס זאָל זיך צונויפפּאַקן און זאָל זיך אַריבער־פּעקלען גליַיך מיט מיר, און טאַקע באַלד, און טאַקע שוין, וואָרעם בעלנים אַף אַזאַ שטעלע וועלן זיך געפינען אַ סך. היַידאַ!

דער קונדס נעמט זיך פּאַקן. קיין סך ציַיט דאַרף עס באַ אים ניט נעמען. זיַין גאַנצער גאַרדעראָב באַשטייט פון אַ פּאָר העמדער, איין פּאָר זאָקן, אַ תפלין־זעקל, אַ סידורל און ביכער, ביכער, ביכער. פּאַקנדיק, כאַפּט ער אַ קוק אַפן טאַטן — זיַין פּנים איז געל, אַזוי ווי וואַקס. ער דרייט

דאָס שיטערע בערדל און קײַט עס מיט די ציין. ער האָט נישט קיין ווערטער, נאָר יעדער זיפץ רײַסט־אַרויס אַ שטיק האַרץ. דערפאַר האָט זיך אָבער די שטיפמאַמע צערעדט, גענומען באַדויערן, זאָגן, אַז עס געפעלט איר ניט דער פּלאַן. ערשטנס, וואָס וועט די וועלט זאָגן? די וועלט וועט זאָגן, געזאָגט זאָל זיי ווערן פּרעהס מכות, אַז שולדיק איז די שטיפמאַמע. איז איין מאָל אַוועק. און ווידער — ווען מאַכט קאַליע אַ קינד, אַז ער איז בײַ זײַן טאַטן? מער מיט אַ מויל, ווינציקער מיט אַ מויל — מע וועט שוין דערמיט די יויך ניט פעט מאַכן... און אַז ס'איז געקומען צום געזעגנען זיך, האָט זי געלאָזט אַ טרער.

אַרויסבאַגלייט דעם קונדס, האָט דער טאַטע גענומען בײַ אים תקיעת־כּף, אַז שבת איז ער אַ היימישער. מילא, אַ גאַנצע וואָך — ווי די מעשה איז. אָבער שבת — אין גאָטעס ווילן, שבת!... דאָס שטיקל נחת פאַר וואָס זאָל ער אים ניט צוטיילן? ובפרט, אַז ס'איז פאַר אים אַליין אַ גענוס און אַ פאַרגעניגן. וואָרעם ווו ריכט מען אָפּ אַזאַ שבת, ווי בײַ זײַן טאַטן? ווער זאָגט אַזוי די „שלום־עליכמס", ווי זײַן טאַטע? בײַ וועמען קלינגט אַזוי שיין דער „אשת־חיל־מי־ימצא", ווי בײַ אים? ווער קאָן אַזוי זינגען זמירות, ווי זײַן טאַטע? און דער קידוש? אַלע ייִדן מאַכן קידוש. נאָר ניט אַף אַלע ייִדן רוט די שכינה. אין אַלע ייִדישע הײַזער פּראַוועט מען שבת. אָבער ניט אין אַלע ייִדישע הײַזער נידערן אַראָפּ די מלאכי־השלום, מלאכי־עליון, שוועבן, טראָגן זיך אין דער לופטן און פילן־אָן די שטוב מיט אַ שטילער הייליקייט, אָדער מיט אַ הייליקער שטילקייט פונעם הייליקן גרויסן ליבן טאָג שבת...

59

אַן אידיליע

אורחים אַף שבת. — אַ העברעיִשער משורר בנימינזאָן. — דאַנטעס גיהנם און בנימינזאָנס „עמק יהושפט או החלירע". — ווי אַזוי אַ דיכטער בראָט אַ שטיקל הערינג אַף קוילן. — שבת באָם טיש. — „פּייגע־לאה די גבאיטע" קוקט־אַרויס אַף שבת.

האָבן אַן אורח אַף שבת איז געווען ניט נאָר אַ מצווה — עס איז אַרײַן אין דער טבע, עס איז געוואָרן אַ מין רגילות. אַזוי איז דאָס געווען בײַ בעל־הבתישע ייִדן אין יענער צײַט. אַזאַ ייִד אַ בעל־הבית, ווי נחום ראַבינאָוויטש, למשל, האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס הייסט זעצן זיך שבת צום טיש אָן אַן אורח? דאָס וואָלט געווען בײַ אים אַ פאַרשטערטער שבת.

אַלע מאָל האָט אים גאָט צוגעשיקט אַן אַנדער אורח. איצטיקס מאָל איז דער זון געווען אַן „אורח". אויך גוט. ער איז אָבער געווען ניט איינער. אַ חוץ אים זײַנען געווען נאָך צוויי. דער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילן — אים קענט איר. דער אַנדערער האָט געהייסן בנימינזאָן — מיט אים וועל איך אײַך באַקאַנט מאַכן.

אַ משורר. ניט קיין משורר בײַ אַ חזן, נאָר אַ פּאָעט, אַ דיכטער. אַ העברעיִשער שרײַבער. ער האָט געמאַכט אַ בוך מיטן נאָמען: „עמק יהושפט או החלירע". אין זייער אַ שיינער מליצה־שפּראַך שילדערט דער מחבר, ווי אַזוי גאָט האָט זיך צעבייזערט אױף דער פאַרדאָרבענער מענטשהייט און האָט אַראָפּגעשיקט אױף דער ערד די חלירע, נאַטירלעך, אין דעם געשטאַלט פון אַ נקבה, אַ מיאוסע, אַ שרעקליכע, אַ „חלירע", מיט אַ גרויסן חלף אין די הענט, און זי שנײַדט רעכטס און לינקס. פאַרשטייט זיך, אַז דער גיהנם פון דאַנטע איז באַשריבן מיט מער שרעקלעכע פאַרבן און מאַכט אױפן לעזער אַ מער טיפן אײַנדרוק, ווי די „חלירע". נאָר ניט דאָס איז דער עיקר. די הויפּטזאַך איז דאָ די שפּראַך, דאָס איז געווען אַ מין פּילפּאַרביקע, גרויסאַרטיקע, זיס־צוקערדיקע מליצה שפּראַך, וואָס די חלירע האָט אַזעלכעס זיכער ניט פאַרדינט. דאָס איז, וואָס ס'איז שײַך צום ווערק. אַצינד קומט דער מחבר אַליין.

אַ טרוקענער, נאָר אַ ברייטביינערדיקער, מיט אַ ברייט פּירעקעכיק גלאַנצנדיק פּנים, שיטער באַוואַקסן, אַזוי שיטער, אַז בעת ער עסט, קאָן מען זען יעדן שלונג, וואָס גייט־אַראָפּ אין האַלדז, ווי בײַ אַ הונגעריקער גאַנדז. בײַ יעדן שלונג טוט ער אַ מאַך מיטן קאָפּ אַרויף און אַראָפּ, אויך ווי אַ הונגעריקע גאַנדז. די האָר, וואָס אױפן קאָפּ, זײַנען אויך שיטער, דערפאַר זײַנען זיי לאַנג און הענגען אַראָפּ מיט פאַרקרײַזלטע קוטשערלעך, אַלע מאָל מיט עפּעס אַ פעטער זאַך אָנגעשמירט, ס'זאָל גלאַנצן. אָנגעטאָן גייט ער, ווי אַ דײַטש, מיט אַ הויכן האַרטן קאַפּעלוש. אַלץ וואָס אױף אים איז שרעקלעך אַלט, נאָר מיט סכנות ריין, ציכטיק, אויסגעבערשטלט און צוגעפּרעסט. און אַלצדינג אַליין. אַליין גערייניקט, אַליין געפּרעסט, אַליין פאַרריכט, אַליין אַ קנעפּל אײַנגענייט. אַ סברה, אַז ער וואַשט זיך אַליין באַנאַכט אויס דאָס העמד, וואָס ער טראָגט באַטאָג, און אַפילו דער שניפּס, וואָס בײַ אים אױפן האַלדז, איז אויך זײַן אייגענע מלאכה. אַז ער רעדט, רעדט ער מיט אַלע איברים, מיט אַ האַרציק קול, מיט אַ רחמנות־פּנים, און די אויגן האַלב־צוגעמאַכט, פאַרגלאַנצט אַרויף. קוקנדיק אױף דעם פּאַרשוין, האָט דער העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע ניט איין מאָל געטראַכט בײַ זיך: „טשיקאַווע צו וויסן, ווי אַזוי האָט אויסגעזען אָט דער בנימינזאָן מיט אַ יאָר דרײַסיק אָדער פערציק צוריק, ווען ער איז געווען נאָך גאָר אַ יִינגל?"...

פון וואַנען האָט ער זיך גענומען אַהער — ווייס קיינער ניט. אויס־

דריקנדיק זיך מיט דעם לשון פון דער שטיפמאמע, האט אים „פארנאדעט״ אהערצוצו דער קאלעקטאר. „איין שלים־מזל שלעפט דעם אנדערן״... אף זיין „טריפהנעם״ גליק, האט אים דער קאלעקטאר געבראכט צו פירן איינמאל אין א שיינעם טאג מיט א גרוי טשעמאדאנדל אקוראט אין דער שעה, ווען זי, די שטיפמאמע, איז ניט געווען אינדערהיים. אז זי איז געקומען און געטראפן דעם פארשווין מיטן טשעמאדאנדל, לייענענדיק פארן טאטן עפעס פון א ביכל, האט זי באלד געזאגט, אז ס'איז א שלים־מזל, איינער פון יענע שלים־מזלען, וואס „מע דארף זיי געדיכט זייען און זיי זאלן שיטער אויפגיין״, און געפרעגט, פאר וואס האט ער בעסער ניט געטראפן צו ראובן יאסנעגראדסקין אף סטאנציע? עס איז שוין אבער געווען פארפאלן. מע טרייבט נישט קיין מענטשן פון שטוב, בפרט אזא מין נפש, וואס דארף ניט קיין זאך און וויל ניט קיין זאך און פאדערט ניט קיין זאך. שלאפן שלאפט עס אף דער אלטער סיראטענער קאנאפע, אין א פינצטערן קארידאר, צווישן צוויי חדרים. אז מע טראגט־אריין דעם סאמאוואר, צאפט ער זיך אן אין זיין אייגענעם גרויסן טשייניק זודיק וואסער, פול ווי אן אויג, שיט זיך ארויף פון א געל פאפירל עפעס א מין „סענעם־בלעטלעך״, וואס ס'איז „גוט צום הארצן״, נעמט זיך ארויס פון קעשענע זיין שטיקל צוקער און טרינקט זיך זיין טיי.

מיטן עסן איז אויך דאס אייגענע. ער האט זיך זיין ברויט בא זיך אין גרויען טשעמאדאנדל. דאס ברויט איז אלטגעבאקן. וואס עלטער איז בעסער (שפארעוודיקער). און הערינג קויפט ער זיך אלע טאג, פאר א קאפיקע א שטיקל הערינג, גייט מיט דעם פאוואלינקע, אף די שפיץ פינגער, אין קיך אריין, אנטשולדיקט זיך א מאל פופצן־צוואנציק פאר דער שטיפמאמע, זי זאל אים דערלויבן אוועקלייגן דאס שטיקל הערינג אין אויוון אין א ווינקעלע אף הייסע קוילן, סע זאל זיך א ביסעלע צובראטן. און אז דאס שטיקל הערינג הייבט זיך אן צו צובראטן, הייבט עס אן צו פראטעסטירן, זשומען און פרעגלען זיך, און לאזט ארויס אזא געשטאנק, אז מע דארף אנטלויפן פון שטוב. שווערט די שטיפמאמע, אז דאס אנדערע מאל וועט זי אים ארויסווארפן מיטן הערינג. נאר איר שבועה איז זי ניט מקיים. ווארעם מע דארף האבן א הארץ פון א טאטער, מע זאל אזעלכעס טאן מיט א מענטשן, וואס לעבט א גאנצע וואך מיט א שטיקל געבראטענעם הערינג.

אן אויסנאם איז שבת. קומט שבת, איז ער אן אורח באם טיש גלייך מיט אלעמען. און נאך מיט א קאפ העכער פון אלע אנדערע אורחים. א ייד אן איידעלער, א תלמיד־חכם, א משכיל, א שרייבער, א משורר! אי וואס, ער איז נעבעך אן ארעמאן — וואס זאל ער טאן? ס'זאל זיין אין אים געווענדט, וואלט ער בעסער געווען א נגיד. נאר אז ס'איז נישטא קיין מזל... און ער טוט א זיפץ. דער בעל־הבית ענטפערט אים מיט א

זיפּץ און גיסט אים אָן אַ גלעזל ווײַן, און גיסט זיך אָן אַ גלעזל ווײַן, און גיסט אָן דעם קאָלעקטאָר אויך אַ גלעזל ווײַן, און אַלע דרײַ טרינקען לחיים, נישט נאָר פאַר זיך, נאָר פאַרן כלל־ישראל. און פון אַ גלעזל ווײַן ווערט מען לעבעדיק, און די צונג ווערט אויפגעבונדן, און מע הייבט־אָן ריידן אַלע אינאײנעם — נישט קיין דברים בטלים, חס־ושלום, נאָר דברי־תורה, פון ספרים, ביכער, חכמה, השכלה, וויסנשאַפט...

דער יינגסטער פון די „אורחים", דער פּראָפעסער פון די דאָזיקע באַשרײַבונגען, מישט זיך אויך אַרײַן אין געשפּרעך, נאָר ער היט זיך מיט אַן איבעריק וואָרט צווישן גרויסע, כאָטש מע קוקט אַף אים שוין כמעט ווי אַף אַ גרויסן. אַ בחורל, וואָס פאַרדינט שוין אַליין געלט, גיט שטונדן — אַ קלייניקייט?

פון זינט דאָס בחורל איז אַראָפּ פון קעסט און איז געוואָרן אַ מענטש פאַר זיך, האָבן די צוויי אַנדערע אורחים זיך גענומען רעכענען מיט אים, ווי מיט אַ גרויסן, אים זאָגן „איר". באַם קאָלעקטאָר איז ער געוואָרן אַ „קונד", אַ קונה. ער האָט אים פאַרשריבן אַן אַכטל ברוינשווײַגער לאָטעריי, צוגעזאָגט מיט דעם זעלבן טאָן און מיט דער זעלבער זיכערקייט, ווי זײַן טאַטן, אַז ער וועט, אם ירצה השם, מיט גאָטס הילף, אויסנעמען דאָס גרעסטע געווינס. און דער דיכטער בנימינזאָן — דער איז גלאַט געוואָרן אַן אָפּטער אַרײַנגייער צום חברה־מאַן, וואָס גיט שטונדן, גע־שריבן אַף זײַן טישל אין דער צײַט, ווען ער איז געוועזן אַף די שטונדן, געבראַכט צו טראָגן איינמאָל זײַן גרוי טשעמאָדאַנדל מיט די פּאַפּירן מיטן אַלטגעבאַקענעם ברויט, און אָנשטאָט דעם, ער זאָל בראָטן אַלע פרײַ־מאָרגן אַ שטיקל הערינג באַ ראַבינאָוויטשן אַף דער אכסניה און אויסשטיין בזיונות פון דער שטיפמאַמע, האָט ער שוין בעסער זיך פאַרגונען צו טאָן די דאָזיקע אַרבעט באַ דער בעל־הביתטע פון זײַן יונגן פרײַנט שלום, צו וועלכן ער האָט זיך סוף־כל־סוף אינגאַנצן אַריבערגעקליבן און באַזעצט אַף שטענדיק.

דאָס איז אויסגעקומען גאַנץ פּראָסט און נאַטירלעך. צוויי מענטשן האָבן זיך ניט פײַנט און קאָנען נוצלעך זײַן איינער דעם אַנדערן — פאַר וואָס זאָל מען ניט זײַן אינאײנעם? בנימינזאָן איז אַ שיינער העברעער, אַ משורר. זײַן יונגער פרײַנט האָט אַ באַזונדער חדר, אַ בעט, אַ ברייטס, אַ פעלד ניט קיין בעט — ווּעמען שאַדט עס, אַז עס וועלן ליגן צוויי, ניט איינער? אַי, דער דיכטער בנימינזאָן האָט אין זיך נײַן מאָס רייד און הערט ניט אויף צו לויבן זײַנע אייגענע שירים, לייענען גאַנצע פּאָעמעס ביז שפּעט אין דער נאַכט, און דווקא מיט אַזאַ התלהבות, מיט אַזאַ התפּעלות, אַז עס שטייען אים אַזש טרערן אין די אויגן, — איז דאָס אויך פון די קליינע אומגליקן. זײַן יונגער פרײַנט שלום האָט, דאַנקען גאָט, אַ גוטן שלאָף, און דער פּאָעט בנימינזאָן קימערט זיך ווייניק וואָס

יענער שלאָפט. וואָרעם אַז ער, בנימינזאָן, האַלט אין לייענען זײַנע אייגענע פערזן, מעג זיך דערמאָלט די גאַנצע וועלט איבערקערן!

דאַכט זיך, אין פלוג, וואָס האָבן זיך אָנגעקערט די דאָזיקע אַלע באַשריבענע פאַרשוינען איינס מיט דאָס אַנדערע? וואָס פאַר אַ מחותן, למשל, איז נחום ראַבינאָוויטש, אַ ייִד אַ בעל־הבית, אַ האַלבער חסיד און אַ האַלבער משכיל, מיט אַזאַ ייִדן אַ ליטוואַק און אַ מתנגד, ווי דער קאַלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילן? און וואָס פאַר אַ סמיכות־הפּרשיות איז צווישן די צוויי מיט אַ הונגעריקן עקזאַלטירטן משורר בנימינזאָן? און ווי האָט זיך געקאָנט אין דער דאָזיקער סביבה פּילן אַ ציקאַוועוע בחורל מיט פּוכקע בעקלעך, מיט בלאָנדע געקרײַזלטע האָר (נאָכן טיפּוס האָבן די האָר געגומען וואַקסן באַ אים, ווי גראָז נאָך אַ רעגן)? וואָס האָט דאָ געהאַט צו טאָן אַ בחורל אין די יאָרן, ווען עס ציט אים גאָר אין דרויסן אַרויס, אין שטאָט־גאָרטן, אַפן שפּאַציר מיט חברים, מיט האַלב־באַקאַנטע מיידלעך? און דאָך דאַרף מען זאָגן, אַז דאָס איז אַ זעלטענע אידיליע, אַן אומפאַרשטענדלעכע פרײַנטשאַפט, אַן אומבאַשרײַבלעכע אינטימיטעט, און דער שבת איז געווען אַ געווינטשטע באַגעגעניש, אַף וועלכע זיי אַלע האָבן אַרויסגעקוקט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג די גאַנצע וואָך. וואָס עמעצער פון די פיר האָט געהאַט עפּעס אַ גוטע זאַך צו זאָגן, צו באַווײַזן, צו דערציילן, האָט ער עס איבערגעלאָזט אַף שבת. בנימינזאָן דער משורר, וויפל ער האָט אײַך ניט געמאַטערט אַ גאַנצע וואָך מיט זײַנע שירים, האָט ער די בעסטע פון זיי דאָך איבערגעלאָזט אַף שבת, נאָכן טיש. דאָס הייסט, עס רעדט זיך אַזוי „נאָכן טיש". אין דער אמתן האָט ער אַרויסבאַוויזן אַלץ, וואָס עס האָט זיך באַ אים אָנגעזאַמלט פאַר דער וואָך, פ א ר ן טיש, ב א ם טיש און נ א כ ן טיש.

דער קאַלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילן איז שוין געווען אַ סך פּראַקטישער פון אים. אַז מען איז געקומען פון שול און דער טאַטע האָט אָפּגעזאָגט אַלץ, וואָס מע דאַרף, אָפּגעמאַכט קידוש און געגאַנגען זיך וואַשן, האָט ער, דער קאַלעקטאָר, אַרײַנקוקנדיק דורך די שוואַרצע ברילן אין טעלער אַרײַן, אַ זאָג געגעבן: „אַצינד וועט אונדז אונדזער משורר מסתמא עפּעס זאָגן". און דער משורר, כאָטש ער איז נעבעך גוט אויסגעהונגערט, וואָס מע האָט געקאָנט אַרויסזען פון זײַן כאַראַקטעריסטישן שלינגען, לאָזט זיך נישט לאַנג בעטן, און דער קאַלעקטאָר דערווײַל פּאַקט אַף ביידע באַקן, טונקט די פרישע חלה אין דער שטאַרק־געפעפערטער פיש־יויך, פאַרטרינקט מיט אַ קליין קעלישעקל שטאַרקן בראָנפן, און ווישנדיק אַ האַנט אָן אַ האַנט, טוט ער אַ זאָג מיט התלהבות: „אויסגעצייכנט! עס לאָזן זיך אויס אַלע וועלטן!"...

עס איז נאָר שווער געווען צו טרעפן, מיט וואָס לאָזן זיך באַ אים אויס אַלע וועלטן: מיט בנימינזאָנס שירים? אָדער מיט דער געפעפערטער

פיש־יויך? אָדער מיטן קעלישעקל בראָנפן? אָדער מיט אַלע זאַכן אינאיינעם? יעדנפאַלס, איז די שטימונג אַזאַ הויכע, אַז אַפילו אַזאַ פּראָזאַישע נשמה, ווי די שטיפמאַמע, הייבט זיך אויך אויף דעם דאָזיקן שבת אַף אַ האָר העכער, און אויסגעשלייערט לכבוד שבת אין איר באַרדיטשעווער פּריזורקע, קוקט זי מיט אַ פריַינטלעך אויג אַף די שבתדיקע אורחים און טריַיבט זיי אונטער, זיי זאָלן שוין אַמאָל עפּעס עסן אויך און איבערלאָזן דאָס איבעריקע ביסל רייד אַף נאָכן עסן.

בכדי דאָס בילד זאָל זיַין פאַרענדיקט און די אידיליע זאָל זיַין נאָך מער בולט, מוז דאָ געזאָגט ווערן כאָטש אַ פּאָר ווערטער וועגן נאָך אַ לעבעדיקן נפש, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אַף די שבתדיקע אורחים. דאָס איז געווען „פייגע־לאה די גבאיטע". דער מחבר פון די דאָזיקע זכרונות האָט זי שוין געהאַט אַמאָל באַשריבן טאַקע אונטער דעם דאָזיקן נאָמען אין אַן אַנדער אָרט (אינעם בוך „מאָטל פּייסי דעם חזנס"). דאָס איז געווען אַ קאַץ. און וויַיל זי איז געווען אַ גראָבע, האָבן איר חברה אַ נאָמען געגעבן „פייגע־לאה די גבאיטע". חברה האָבן געהאַט אַ שוואַכקייט צו קעצלעך, און פייגע־לאה האָט אַלע יאָר אַראָפּגעבראַכט אַ דור פון שיינע ראַבע קעצלעך. די קעצלעך זיַינען אונטערגעוואַקסן, האָט מען זיי צעשענקט, צעוואָרפן, און פייגע־לאה איז פאַרבליבן אַן אַלטגעזעסענע, אַן איַינגעוואָרצלטע, אַ פאַרפונדעוועטע, אַ קאַץ, וואָס פאַרשטייט איר ווערט און לאָזט זיך ניט טרעטן מיט די פיס. אמת, קיין גרויסע מיוחסת איז זי באַ דער שטיפמאַמע נישט געווען. געכאַפּט אַ שמיץ מיטן פוס, אַ בוכצע אין זיַיט אַריַין, און אַמאָל מיט דער באַרשט איבערן קאָפּ, — נאָר מיט וואָס איז זי מער צאַצקע פון דער שטיפמאַמעס אייגענע קינדער? און דער שטיפמאַמעס קינדער באַגייען זיך מיט איר, מיט פייגע־לאהן, אויך נישט איבעריק קוצעניו־מוצעניו, טוען איר צום טויט, שלעפּן באַ איר אַוועק די קליינע קעצלעך פון דער ברוסט און מוטשען זיי מיט סכנת־נפשות! ס'איז אָבער דערויף אויך פאַראַן אַ תירוץ (אַף אַלצדינג קאָן מען געפינען אַ תירוץ): פאַר וואָס זאָלן קינדער זיך באַגיין מיט אַ קאַץ בעסער, ווי זייער אייגענע מאַמע באַגייט זיך מיט אירע אייגענע קינדער?... אודאי, ווען שלום איז געווען אַ היימישער, האָט ער אַכטונג געגעבן, מע זאָל פייגע־לאהן אומזיסט ניט באַליידיקן. איצט, אַז ער איז נאָר אַ גאַסט, קומט צו גיין איין מאָל אין וואָך, שבת, איז אים פייגע־לאה מקבל־פּנים, ווי אַן אייגענעם, שטייט־אויף, אַז ער קומט אַריַין, בייגט־אויס דעם רוקן, טוט זיך אַ ריַיב מיטן קאָפּ באַ זיַינע פיס און ציט־אויס אַ לאַנגן גענעץ און באַלעקט זיך. „וואָס איז דיר, פייגע־לאה?" — טוט ער זי אַ גלעט איבערן קעפּל, אָנגעבויגן זיך צו איר אַף דער ערד. „מניאַ־או!" — ענטפערט אים אָפּ פייגע־לאה מיט אַזאַ טאָן, וואָס דאַרף הייסן: „עט! אַבי מע לעבט און מע זעט זיך!"... — און הערט ניט אויף

צו רייבן זיך אָן זײַנע פּיס און צו מורליקען, קוקן ווי אַ זינדיקער מענטש און וואַרטן, מע זאָל איר עפּעס צוּוואַרפן.

— צער בעלי־חיים! — זאָגט דער קאָלעקטאָר מיט אַ זיפץ. טוט בני־מינזאָן אַ שלונג, אַ קוק אַף אַלע דרײַ און זאָגט, אַז ער האָט דערויף אַ שיר, הייסט ער: „ורחמיו על כל מעשיו". און ניט געוואַרט ביז מע וועט אים בעטן, פאַרגלאַנצט ער די אויגן אַרויף און זאָגט דעם שיר.

60

די צעשטערטע האָפענונגען

די עקזאַמענס אַף דער נאַז. — ער בויט לופטשלעסער מיט זײַן חבר אלי דאַדיעס. — „למנצח על השלישית". — ער שרײַבט אַ מליצה־בריוו צו ה"י גורלאַנד. — דער „קלוב" אין דער „טאַבאַטשנע". — ח"י גורלאַנד ענטפערט מיט אַ בריוו, און די לופטשלעסער צעפאַלן זיך.

די צײַט איז געגאַנגען. קינדער וואַקסן. עס קומט־אָן דער זומער, דער לעצטער זומער, וואָס מע דאַרף ענדיקן דעם קורס. די עקזאַמענס זײַנען אַף דער נאָז. אָט נאָך אַ וואָך, נאָך צוויי — וועט מען פּטור פון דער „אויעזדנע", וואָס האָט זיך שוין צוגעגעסן. דער העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע האָט קיינמאָל ניט געפילט קיין באַזונדערע סימפּאַטיע צו די קלאַסן. קיין קוואַל אַף צו שעפּן פון דאָרטן חכמה און וויסנשאַפט איז זי פאַר אים קיינמאָל ניט געווען. דאָס ביסל, וואָס ער האָט יאָ געגאַשט, איז דאָס געווען ביכער פון דעם בוים, וואָס האָט געהייסן אין יענער צײַט „השכלה". ביכער, רוסישע און העברעיִשע, בלעטער, צײַטונגען, זשור־נאַלן — דאָס זײַנען געווען די פּירות, וואָס ער האָט געגעסן מיטן פולן מויל. אַ סך האָט אים מיטגעהאָלפן דער „קלוב", די דעמאָלטיקע פּערע־יאַסלאַווער אינטעליגענץ, מיטן קאָלעקטאָר, מיט בנימינזאָן און מיט די געראָטענע אײדעמס בראש, און דער אידעאַל איז געווען — אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס מיט זײַן גרויסער ביבליאָטעק.

דאָס איינציקע, וואָס אים האָט געבונדן מיט דער „אויעזדנע", איז געווען זײַן חבר אליע דאָדיעס, וועלכן ער האָט באמת ליב געהאַט פאַר זײַן לעבעדיקן כאַראַקטער און פאַר זײַן קאָנען נאָכמאַכן און איבערקרימען אַלע לערערס, ווי אַן אמתער אַקטיאָר, אַ קאָמיקער. ביידע אינצווייען האָבן זיי איבערגעקערט די וועלט, ביידע אינאיינעם האָבן זיי געלייענט ביכער, געלעבט אַ גוטן טאָג, געווען אָפּגעטיילט פון אַלע איבעריקע חברים, צום מיינסטן פאַרשטאָפּטע קעפּ, פלעקער. אין דער צײַט, ווען יענע האָבן זיך געגרייט צו די עקזאַמענס, געפיבערט, מורא געהאַט פאַר אַ דורכ־

פאַל, האָבן די צוויי חברים, שלום ראַבינאָוויטש און אליע דאָדיעס, געמאַכט חוזק פון דער גאַנצער וועלט, געהאַט די עקזאַמענעס אין דער לינקער פּאה. זומער־לעבן. אין דרויסן איז אַ גן־עדן. די בעסטע צײַט אַף צו באָדן זיך אין טײַך, אַף צו שיפן זיך אין אַ שיפל, העט־ווײַט, אַף יענער זײַט ברעג, אין הויכן גרינעם אָטשערעט. דאָרטן איז דאָ אַ לעוואַדע, אַ פעלד, מיט אַ סך ווײַסע און רויטע מאַרגאַריטקעס באַשפּרענקלט. און ווײַטער פון דער לעוואַדע גייט אַ וועלדל, טאַקע אַ גאַנצער וואַלד. לאָזן זיך לויפן איבערן גאַנצן פעלד, ביז צום וואַלד, אין איין אָטעם — איז ניט פון די קליינע זאַכן. ווער פון זיי, ער אָדער זײַן חבר אליע, וועט קומען צו לויפן פריִער? זיי בלײַבן ביידע אָן אָטעם. טוט מען זיך אַ וואָרף אַפן גרינעם שמעקנדיקן גראָז. מיטן פּנים אַראָפּ ליגט מען און מע גראַבלט די פרישע רויע זאַמדיקע ערד, ווו עס קריכט אַ פּליגעלע, שפּאַצירט אַ זשוקל, פּויזשעט אַ מורעשקע, שלעפּט מיט די פּעדערשטע פּיסעלעך אַ גאַנצע שטרוי, אַ שטיקל קאָרע, אַ נאָדל פון אַ בוים. ס'איז שטיל. אַ מאָדנע, אַ הייליקע, אַ פאַרוויגנדיקע, אַ פאַרשלעפּערנדיקע שטילקייט. זעלטן ווערט די שטילקייט געשטערט דורך אַ צוויטש פון אַ רייע שוועלבעלעך, וואָס טראָגן זיך דורך איבער די קעפּ — אַ סימן אַף אַ רעגן. אָדער עס דערהערט זיך אַ קוואַק פון אַ פאַריתומטער זשאַבע ערגעץ ווײַט פון אָטשערעט אַרויס: קוואַ! — און ווערט אַנטשוויגן. אויך אַ סימן אַף אַ רעגן. כאָטש דער הימל איז ריין, קלאָר, ווי זעפיר. קיין שפּרענקעלע אַפן האָריזאָנט. עס פילט זיך אַ נאָענטע שײַכות מיט אָט דעם וואַלד, מיטן פעלד, מיט די מאַרגאַריטקעס, מיט דער פרישער ערד און מיטן שמעקנדיקן גראָז און מיטן פּליגעלע, מיטן זשוקל און מיט דער מורעשקע, וואָס פּויזשעט, מיט די שוועלבעלעך, וואָס פליִען, און מיט די זשאַבעס, וואָס קוואַקען, און מיט דער גאַנצער נאַטור אַרום און אַרום — יעדע זאַך באַזונדער איז אַ חלק פון דער וועלט און אַלץ אינאיינעם מיט די מענטשן גענומען — דאָס איז איין וועלט, איין משפּחה, איין געזינדל. און דאָס ווימלט און דאָס גריבלט, און דאָס ליאַרעמט און דאָס טאַרעראַמט — עס איז אַ י א ־ ר י ד, עס איז אַ וועלט, עס הייסט „לעבן". ביידע יונגע חברים פילן זיך גוט אין דער דאָזיקער וועלט. ביידע זײַנען צופרידן מיט זייער לעבן, זאַט מיט זייער פאַרגאַנגענהײַט, קאָנטעט מיט זייער הײַנט און דערוואַרטן נאָך מער פון דעם, וואָס וועט זײַן, פון דעם, וואָס קומט. זיי פירן אַ לאַנגן שטילן, רויִקן געשפּרעך. אַ געשפּרעך, וואָס האָט ניט קיין אָנהייב און האָט ניט קיין סוף. דער גרעסטער טייל פון זייער געשפּרעך דרייט זיך אַרום דעם, וואָס זיי שטייט פאָר: וואָס וועט ווײַטער זײַן? און מע לייגט־פאָר פּלענער און מע בויט לופטשלעסער, און מע שטעלט זיך פאָר אַ זיס פּילפּאַרביק לעבן, וועלכעס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער פאַנטאַזיע פון יעדן

יונגן מענטשן און וועלכעס גיט זיך קיינמאָל קיינעם נישט איין אויף דער ערד...

מע קאָן אָבער דאָ אַזוי לאַנג ניט פאַרברענגען. די צייט שטייט ניט. עקזאַמענעס איז פּאָרט ניט קיין שפּילכל. זיי זיינען טאַקע די ערשטע און די בעסטע אין קלאַס, נאָר אַ קשיא וואָס סע מאַכט זיך? עס קאָן זיך אַמאָל טרעפן, אַז דער בעסטער זאָל דורכפאַלן. נאָר איין מענטש איז גע־ווען געזיכערט — און דאָס איז געווען דער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילן. „וואָס מיר עקזאַמענעס? ווער מיר עקזאַמענעס? מע שטעלט זיי אַ פייג!" — אַזוי האָט געטענהט דער קאָלעקטאָר, וואָס האָט געטראָגן אויף זיך די דאגות פונעם קונדס מער ווי זיין אייגענער פאָטער. און דעריבער האָט זיך קיינער אַזוי ניט דערפרייט, ווי דער קאָלעקטאָר, מיט דער גוטער בשורה, וואָס שלום האָט איינמאָל געבראַכט צו טראָגן אהיים, אַז ער און זיין חבר אליע דאַדיעס זיינען פון עקזאַמען אינגאַנצן באַפרייט.

— דאַנקען גאָט! מיר זיינען פריי! פריי פון עמזאַמענעס! מיר וועלן הוליען!... — אַזוי האָט געזאָגט דער קאָלעקטאָר.

און פאַר גרויס שמחה האָט דער קאָלעקטאָר אין דעם אייגענעם טאָג, אפדערנאָכט, געבראַכט צו טראָגן צום „קונדס" אויף דער קוואַרטיר אַ הע־רינג מיט צוויי פראַנזעלען, און אין קעשענע — אַ פלעשל בראָנפן, און אינדרייען, מיטן משורר בנימינזאָן, האָט מען געגעבן אַ לעב־אונטער, ווי גאָט האָט געבאָטן. אויף בנימינזאָנען איז אָנגעפאַלן, ווי ער אַליין האָט געזאָגט, דער רוח־הקודש, און ער האָט אויפן אָרט אָנגעשריבן אַ שיר:

„למנצח על השלישית מזמור שיר"...

„על השלישית" — מיינט דאָס די דריי קלאַסן, וואָס שלום האָט געענדיקט. און איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע סדרה: וואָס טוט מען ווייטער? וואָס וועט זיין דער תכלית? עס זיינען אַרויס אויף דער סצע־נע אַלע אונדזערע אַלטע באַקאַנטע פאַרשוינען:ביידע געראָטענע איי־דעמס, אַרנאָלד פון די פידוואָרקעס, די אַלע איבעריקע פריינט און גוטע פריינט, יעדער מיט אַן אַנדער עצה: גימנאַזיע, ראַבינער־שול, אוניווער־זיטעט, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשעניערן... דער טאַטע איז אַרומגע־גאַנגען אַ צעטומלטער: אַזוי פיל וועגן, פּראָפעסיעס, פרנסות — אַזש דער קאָפּ דרייט זיך!

פון אַלע פּראָיעקטן האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם זשיטאָמירער לערער־אינסטיטוט, ווו מע האָט צוגעזאָגט אַריינצונעמען אויף „קאַזיאָני שטשאָט" ביידע אויסגעצייכנטע תלמידים — שלום נחום ראַבינאָוויטשעס און זיין חבר אליע דאַדעס. עס זיינען שוין וועגן דעם אָוועקגעגאַנגען פּאַפּירן קיין זשיטאָמיר, צום דירעקטאָר פון אינסטיטוט, ה"י גורלאַנד. ליתר בטחון האָט שלום צוגעלייגט צו די פּאַפּירן פון זיך אַ בריוו אויף העב־רעיש, אין זייער אַ שיינער מליצה־שפּראַך — צו באַווייזן דעם דירעק־

טאָר גורלאַנדן, אַז ער האָט צו טאָן ניט מיט קיין יִנגעלע, און דער קאָלעקטאָר איז געווען מלא גדולה:

— ברוך שפּטרני! — האָט ער געזאָגט און אויסגעווישט מיט דער נאַסער פּאָלע די שוואַרצע ברילן (אָן די ברילן זעט־אויס דעם קאָלעקטאָרס פּנים ווי געשוואָלן, און די אויגן — ווי קישעלעך). — דער קונדס איז שוין אַ באַוואָרנטער. וואָלט איך שוין האָבן אַזאַ דאגה מיט פּרנסה, ווי איך האָב אַ דאגה מיט אים. וואָס ער זאָל שוין ניט זײַן, אַ ראַבינער אָדער אַ לערער — אַ מענטש וועט ער שוין זײַן, דאָס איז זיכער! און פון פּריזיוו זײַנען מיר אויך באַוואָרנט. קאַזיאָנע לערערס און קאַזיאָנע רבנים דינען ניט. איצט בלײַבט־איבער נאָך אַ שיינע חלה פון אַ לײַטיש אָרט מיט פופצן־הונדערט קארבוינים נדן, וועט זײַן, ווי זאָגט איר, חי געלעבט! הייסט־זשע, רב נחום, דערלאַנגען אַ ביסל „צערקאָוונע כשר לפּסח“...

לאָזט זיך אויס, אַז דער קאָלעקטאָר האָט זיך צו־פרי משמח געווען. און אָט וואָס עס האָט זיך געטראָפן.

די אַלע פּרנסות, וואָס נחום ראַבינאָוויטש האָט זיך מיט זיי פאַרנומען, זײַנען סוף־כל־סוף געווען ניט געגוג אַף צו לעבן. האָט זיך געפונען אַ רײַכער בעל־הגוף. אַ גוי מיטן נאָמען זאַכאַר נעסטעראָוויטש, וואָס האָט געהאַלטן פון ראַבינאָוויטשן אַן עולם ומלואו און האָט אים אָפּגעטראָטן אַ קלייט מיט אַ קעלער אין סאַמע פּראָנט פון זײַן נײַעם גרויסן מויער, און דאָרט האָט ער אים געעפנט אַ געשעפט פון טאַבאַק, גילזעס און פּאַפּיראָסן, און אויך דעם ווײַנשענק „ראַזניך ווין יוזשנאַהאָ בערעגאַ“ האָט מען אַריבערגעטראָגן אַהער, און עס האָט זיך אָנגעהויבן באַוויזן פּרנסה בשפע. דאָס הויז פון נחום ראַבינאָוויטש איז, ווי איר געדענקט, תמיד געווען אַ בית־ועד, אַ קלוב פון משכּילים און גלאַט יונגעלײַט. איצט איז דער קלוב געוואָרן נאָך לעבעדיקער און מער באַזוכט פון פרײַנט און גוטע פרײַנט און גלאַט קונים. ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ שטיקל פרײַע צײַט, געוואָלט זען זיך מיט מענטשן, וויסן, וואָס הערט זיך אַף דער וועלט, — דער איז זיך דורכגעגאַנגען אין דער „טאַבאַטשנע“ רויכערן אַ פּאַפּיראָס און ריידן אַ וואָרט.

איינמאָל האָט זיך אין „קלוב“, אָדער אין דער „טאַבאַטשנע“, צונויפגעזאַמלט די גאַנצע סמעטענע פון דער פּערעיאַסלאַווער אינטעליגענץ. דאָרט זײַנען געווען אַלע אונדזערע באַקאַנטע פּאַרשוינען: יאָסיע פּרוכשטיין,ביידע גראָטענע איידעמס, אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס און, פאַרשטייט זיך, דער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילן און בנימינזאָן דער משורר און זייער יונגער פרײַנט דער קונדס האָבן אויך ניט געפעלט. עס איז געווען זייער אַ לעבעדיקער שמועס, און אַלע מינוט האָט אויסגעשאָסן אַ הילכיקער געלעכטער. דעם געלעכטער האָט אַרויסגערופן איינער פון די גראָטענע איידעמס, לייזער־יאָסל. ער האָט געפּאָדערט פון

יעדן איינציקן אַ קליניקייט: ער זאָל מוחל זײַן געבן צו פאַרשטיין דעם פּשט פון דעם וואָרט „מאַסיוו", נאָר אָן הענט. און אַזוי ווי עס איז אַן אוממעגלעכקייט, אַז אַ ייִד זאָל קאָנען געבן צו פאַרשטיין אַזאַ זאַך אָן הענט, האָט יעדער איינציקער אַף זײַן אופן באַוויזן מיט די הענט, וואָס באַטײַט דאָס וואָרט „מאַסיוו". און אָט דערפון זײַנען דאָס געפלויגן די דאָזיקע געלעכטערן.

נאָר פּלוצעם, סאַמע אין רעכטן מיטן לאַכן, עפנט זיך די טיר און עס קומט־אַרײַן דער בריווטרעגער מיט אַ פּאַקעט — „זאַקאַזנאָיע". אַפן קאָנווערט שטייט אַף רוסיש מיט גרויסע אותיות: „קאָנצעליאַריאַ זשיטאָ־מערסקאַוואָ קאַזיאָנאַוואָ יעווריייסקאַוואָ אוטשיטעלסקאַוואָ אינסטיטוטאַ".

— אַהאַ! דאָס איז פון אים, פון ח"י גורלאַנדן!

מע האָט געעפנט דעם פּאַקעט און מע האָט איבערגעלייענט אַ בריוו פון דעם דירעקטאָר ח"י גורלאַנד. אין בריוו איז געשטאַנען: „אַזוי ווי אין אינסטיטוט דאַרף מען לערנען פיר יאָר, און אַזוי ווי פון די פּאַפּירן און פון די מעטריקעס איז צו זען, אַז דער באַזיצער פון זיי איז געבוירן געוואָרן אין דעם 18טן פעווראַל, 1859, קומט־אויס, אַז אין דעם יאָר 1880, דאָס הייסט, אין דרײַ יאָר אַרום שוין, אין אָקטאָבער, וועט ער זיך דאַרפן שטעלן צום פּריזיוו. דאָס הייסט, מיט אַ יאָר פריִער איידער ער וועט ענדיקן דעם גאַנצן קורס פון דעם לערער־אינסטיטוט".

ווי אַ באָמבע, ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג, איז געווען די דאָזיקע ידיעה. צום אַלעם ערשטן האָט מען זיך גענומען שפּאַרן און לערנען דעם פּשט פון דעם בריוו: מאי קא משמע לן — וואָס לאָזט ער מיך דאָ הערן? און פאַר וואָס האָט ער ניט אויסגעפירט, טאַקע אָט דער ח"י גורלאַנד, דעם היוצא־לנו מזה? און טאָמער איז פאַראַן עפּעס אַן עצה, אַ דריידל, אַף אַרויסצודרייען זיך פונעם דאָזיקן פּלאָנטער? ס'איז אָבער אומזיסט געווען דאָס שפּאַרן זיך מיטן דעבאַטירן. אַלע האָבן אַרויסגעזען, ווי צוויי מאָל צוויי, אַז דאָס שפּיל איז פאַרן טײַוול — די שאַנסן אַף אַרײַנצוטרעטן אין אינסטיטוט זײַנען פאַרלוירן. די מעטריקעס קאָן מען שוין ניט איבערמאַכן. און ח"י גורלאַנד איז ניט אַזאַ מענטש, וואָס מע מאַכט מיט אים דריידלעך. פאַרפאַלן!

דער העלד פון די דאָזיקע באַשרײַבונגען שטעלט זיך פאַר יענע צײַט אַלס זײַן איבערגאַנגס־עפּאָכע פון איין וועלט אין דער אַנדערער. עס האָט באַדאַרפט אויסגעוויילט ווערן אַ וועג, וווּהין צו גיין, אויסגעאַרבעט ווערן אַ פּלאַן, וואָס צו טאָן, און באַשטימט ווערן, אַזוי צו זאָגן, אַ פּראָגראַם שוין אַפן גאַנצן לעבן. צווישן אים מיט זײַן חבר אליע דאָדיעס איז שוין לאַנג געווען אַן אָפּגעמאַכטע זאַך, ווי אַזוי מע וועט ביידע אינאיינעם פאָרן קיין זשיטאָמיר, ביידע וווינען אין איין צימער, ביידע לערנען, שפּאַצירן, באָדן זיך, שיפן זיך... און אַז סע וועט קומען „קאַניקולעס".

וואקאציעס, וועט מען פאָרן ביידע אהיים — און אך! ווי זיי וועלן דאָס איבערראַשן זייערע געוועזענע חברים מיט זייערע זשיטאָמירער אוניפאָרעם, זיך האַלטן פון זיי פון דער ווייטן, און ריידן פון פושקין און פון לערמאָנטאָוו, פון בייראָן און פון שעקספּיר, הויך אויף אַ קול, אַלע זאָלן הערן און וויסן, אַז דאָס ריידן ניט קיין פּאַרכעס... די חברים וועלן דאָס הערן און שטוינען, מקנא זײַן. מיידלעך וועלן זיך רויטלען, דרייען אַרום זיי, כלומרשט פאַרריכטן די הענטשקעלעך, וואַרפן מיט אויגלעך, וועלן זיך וועלן באַקענען נעענטער — קורץ, דאָס וועט זײַן אַ גן־עדן!

און מיטאַמאָל האָט זיך פון די אַלע חלומות אויסגעלאָזט אַ טײַך. אויס זשיטאָמיר! אויס לערער־אינסטיטוט! אויס באָדן זיך, שיפן זיך! אויס וואַקאַציעס! אויס חברים! אויס מיידלעך! אויס גן־עדן! אויס קאַריערע! און דאָ דעם טאַטנס פּנים — אַ רחמנות אַ קוק צו טאָן. געל, ווי אַ וואַקס. נײַע קנייטשן, נײַע זאָרגן, נײַע זיפצן: „גוואַלד, וואָס טוט מען? וואָס הייבט מען אָן צו טאָן?”... בנימינזאָן דער פּאָעט פילט זיך ניט גוט. ער וויל ברענגען אַ טרייסט באַטש מיט אַ נײַעם שיר, נאָר — אוי־וויי! עס זינגט זיך ניט!

דעם קאָלעקטאָר זעט מען עפּעס ניט. ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל געהאַט באַוויזן אויף אַ פּאָר מינוט, געזאָגט, אַז ער האָט עפּעס זייער אַ גוטן פּלאַן פאַרן קונדס, וואָס וועט אים פאַרזאָרגן אויפן גאַנצן לעבן מיט קינדער און קינדס־קינדער, נאָר ער האָט איצט זייער קיין צײַט ניט. און ער איז אַוועק, און פון דעמאָלט־אָן הערט מען ניט פון אים און מע זעט ניט.

61

דער סוף פון דער אידיליע

וועמער איז געווען דער קאָלעקטאָר? — דרײַ רובל מיט „גראַמאַטיקע” אויף יום־טוב. — דעם קאָלעקטאָרס טויט. — די לוויה. — „געווען אַ מאָדנער מענטש”. — דער משורר בנימינזאָן פאַרשווינדט און ווערט מגולגל קיין אַמעריקע.

ניטאָ קיין אייביקע זאַך אויף דער וועלט. געקומען אַ סוף צו דער אויבנבאַשריבענער אידיליע. איינער פון די אויסגערעכנטע פרײַנט איז אַוועק פאַר דער צײַט, און באַלד נאָך אים — דער אַנדערער, און די כנופיה איז צעפאַלן געוואָרן. דעם ערשטן פּעטשאַטעק האָט געמאַכט אונדזער אַלטער באַקאַנטער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילן און מיט די גרויסע

טיפע גומענע קאַלאָשן, און נאָך אים האָט זיך אינגיכן אָפּגעטראָגן אויך דער משורר בנימינזאָן.

ווער איז געווען, אייגנטלעך, אָט דער ייִד דער קאַלעקטאָר? פון וואַנען האָט ער זיך גענומען? ווו און ווען האָט ער געהאַט אויף דער דאָזיקער וועלט? פון וועמענס וועגן האָט ער געהאָרעוועט דאָס גאַנצע לעבן? טאָג־איין טאָג־אויס זיך געטיאָפּקעט אין דער בלאָטע, געשוויצט און אַרויסגעקוקט אָפּן גרויסן געווינס? — דאָס זיינען זאַכן, וואָס ס'איז שווער אַף זיי צו געבן, מער אָדער ווייניקער, אַ קלאָרע תשובה. עס געדענקט זיך נאָר, אַז ער האָט אָפּטמאָל געבעטן בא זיין יונגן פריינט, באַם „קונדס", ער זאָל זיך מטריח זיין אַף אַ ווײַלע אָנשרייבן מיט זיין שיין הענטל אַף רוסיש אַן אַדרעס. דעם אַדרעס האָט ער אַזוי דיקטירט: „מיעסטעטשקאָ פּאַגאָסט, פּינסקאַוואָ אויעזדאַ, מינסקאָי גובערני, גאַספּאָזשאַ פריידקאַ עטקאַ..."

— גאָספּאָזשאַ פריידקע עטקע, — פאַרריכט אים דער קונדס על־פּי גראַמאַטיקע, און דער קאַלעקטאָר דיקטירט ווײַטער:

— סאָ וולאָזשעניעם טרי רובליא.

— טריאָך רובליי, — פאַרריכט אים ווידער אַ מאָל דער קונדס על־פּי גראַמאַטיקע.

— צו וואָס גראַמאַטיקע? — שפּאַרט זיך דער קאַלעקטאָר, — דאָרט דאַרף מען ניט קיין גראַמאַטיקע אַף יום־טוב, דאָרט קוקט מען אַרויס אַף געלט...

נישט אומזיסט גייט בא אונדז אין וואָלין אַ שפּריכוואָרט, אַז אַ ליטוואַק פאָרט־אַוועק אַף זיבן פּסחן פונדערהיים און פאַרגעסט דעם זיינעזונט. דער קאַלעקטאָר האָט געהאַט אַ טבע — אַוועקגיין אַף אַ ווײַלע און פאַרפאַלן ווערן אַף אַ צײַט, און וויפל איר זאָלט אים דערנאָך ניט מוטשען, ווו ער איז געווען — וועט איר קיינמאָל ניט דערגיין בא אים קיין טאָלק: „ניט געווען — אַ דאגה איר האָט!"

אויך איצט איז דער קאַלעקטאָר פאַרשוווּנדן געוואָרן, און קיינער האָט ניט געוווּסט, ווו ער איז.

איינמאָל — דאָס איז געווען נאָך אינדערפרי, שלום איז געזעסן בא זיך אַף זיין קוואַרטיר, געמאַכט מיט זיינע תלמידים די אוראָקן — עפנט זיך די טיר און עס קומט־אַריין אַ גאַסט — דער טאַטע! שלום האָט זיך דערשראָקן: „וואָס האָט זיך געטראָפן?" — גאָרנישט. דער קאַלעקטאָר איז ניט געזונט. מע דאַרף זיך דורכגיין צו אים, מבקר חולה זיין...

אַפן וועג ווערט ער געוויר פון דעם טאַטן איינצלהייטן, אַז דער קאַלעקטאָר איז, אייגנטלעך, שוין לאַנג ניט מיט אַלעמען. נאָר די לעצטע צייט איז ער שוין גאָר ערנסט קראַנק. וואָס ווײַטער ווערן די איינצלהייטן אַלץ טונקעלער און געדיכטער. עס לאָזט זיך אויס, אַז ער איז געפערלעך

קראַנק. „אַ סברה, אַז ער האַלט זייער שמאָל. דאָס הייסט, ער וויל זאָגן, אַז דער קאָלעקטאָר איז פאַרביַי”... און אַזוי ריידנדיק, קומען זיי צום שול־הויף.

דער שול־הויף איז באַגאָסן מיט די שטראַלן פון דער ברענענדיקער זון אין די לעצטע זומערדיקע טעג. אַ גאַנצע כאַליאַסטרע יידישע קינדער, האַלב־נאַקעטע און גאַנץ־באָרוועסע, שפּילן אין פערדלעך און פילן־אָן דעם שול־הויף מיט הילכיקע קולות פון זייערע יונגע געזונטע העלדזער. עס איז אַ לעבן און אַ פרייד אַף דער יידישער גאַס. די לופט, ווי סע זאָל דאָ ניט זיַין ענג און נעשטיקט, איז דאָך אַ מחיה. ווו־ניט־ווו וואַרפט זיך דורך אַ בוימל, שלאָגט זיך דורך און קוקט־אַרויס אַ גרעזל. די אויסגע־גאָסענע פאָמעניצע שלאָגט־צו דעם שטויב, וואָס די קינדער (די פערדלעך) האָבן אויפגעהויבן מיט זייער לויפן. עס איז פאָרט זומער, מען איז פאָרט אין דרויסן און עס איז פאָרט גוט אַף גאָטס וועלט!

— אָט דאָ וווינט דער קאָלעקטאָר, — רופט זיך אָן דער טאַטע, און ביידע לאָזן זיך אַראָפּ אין אַ מין קעלער, אָדער אַזוי אַ פינצטערע גרוב, האַלטן זיך אָן באַ די נאַסע ווענט, עפענען־אויף אַ טיר מיט אַ גרויסער שווערער איַיזערנער קליאַמקע, און פאַר זייערע אויגן באַוויַיזט זיך אַזאַ מין בילד:

אַף דער הוילער ערד, מיט שוואַרצן איבערגעדעקט, ליגט עפּעס אַ זאַך, אין מיטן קיַילעכיק פאַרשפּיצט. צוקאָפּנס, באַ דער זאַך, צאַנקען צוויי ליכט, אַריַינגעשטעקט אין צוויי פלעשלעך פון פאַרשיידענער גרויס און פאַרשיידענער פאַרב. פון יענער זיַיט ליכט, אַף אַ בענקל, אין מיטן שטוב, זיצט עפּעס אַ ייד אַ שמש מיט אַ קאָלטונעוואַטער באָרד און מיט אַ צעפליקטער קאַפּאָטע. באַ דער רעכטער זיַיט, באַ דער וואַנט, שטייען פאַריתומט, איינס נעבן דאָס אַנדערע, ווי אַ צווילינג, אַ פאָר אַלטע טיפּע צעריסענע גומענע קאַלאָשן, און אַפן ביַישטידל פונעם איין־און־איינציקן פענצטער וואַלגערן זיך אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע ברילן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

דעם זעלבן טאָג איז געווען די לוויה. מען קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ לוויה האָט דאָ געקאָנט זיַין, אַז דער געשטאָרבענער איז, ערשטנס, אַ ייד אַן אָרעמאַן — ווער קען אים און ווער ווייס אים? און, צווייטנס, האָט ער געהאַט אַ שם אין שטאָט פון אַ שטילן אפּיקורס. נאָר אַזוי ווי אין זיַין אַרויסבאַגלייטן האָבן זיך מתעסק געווען אַזעלכע יידן, ווי רב נחום ראַבינאָוויטש, יאָסיע פּרוכשטיין, ביידע געראָטענע איידעמס, און אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס איז אויך געקומען — דאָס איז געווען די ער־שטע, אויב ניט די איינציקע, לוויה, וואָס אַרנאָלד זאָל זיַין דערביַי, — האָט זיך די שטאָט פאַראינטערעסירט, און קוקנדיק איינער אַפן אַנדערן, האָט דער עולם גענומען קליַיבן זיך און וואַקסן — און ס'איז

געוועזן גאָר אומגעריכט אַ לוויה אַ גרויסאַרטיקע, אַן אימפּאָזאַנטע. אָרעמע־לײַט האָבן דערשמעקט אַ „פעטע" לוויה, איז מען זיך צונויפגעקראָכן קאַליקעס פון אַלע ווינקעלעך, געשלעפּט פאַר די פּאָלעס, געמאַכט גוואַלדן פאַר וואָס מע טיילט קיין געלט ניט פאַר דער מטה. עס איז שווער געווען אײַנצוריידן זיי, אַז דאָס איז געשטאָרבן אַ ייִד אַן אביון גלײַך מיט זיי.

— פאַר וואָס־זשע קומט אים אַזאַ לוויה? — האָבן זיי געטענהט, — אַז קיין גביר ניט, און קיין רב, ווי מע זעט אַרויס, אויך ניט, הײַנט וואָס איז מיט אים דער יחוס?...

די זון האָט נאָך געהאַלטן אין רעכטן בראָטן, אַז מע האָט אַרויסגעטראָגן די מטה, מיט שוואַרצן איבערגעדעקט, פון פינצטערן קעלער אַרויס. דער שול־הויף און די גאַנצע גאַס איז געווען פאַרפלייצט, שוואַרץ פון מענטשן. קיינער האָט אָבער קיינעם ניט גערופן. מען איז אַליין געקומען. קיינער האָט ניט געוויינט, נאָר זיפצן האָבן זיך געלאָזט הערן. קיינער האָט קיין הספד ניט געמאַכט, קיין קריעה ניט געריסן, קיין קדיש ניט געזאָגט, קיין שבעה ניט געזעסן. נאָר שבחים האָבן זיך געהערט, געטראָגן אין דער לופטן: „אַ וווילער ייִד געווען"... „נישט קיין צדיק, נאָר אַ וווילער, גוטער מענטש"... „אויסגעהאַלטן אַ שטאָט מיט אָרעמעלײַט"... „וויפל ער האָט פאַרדינט — אַוועקגעגעבן"... „דעם לעצטן ביסן"... „זיך מפקיר געווען פאַר יענעמס וועגן"... „געריסן פון טויטע און פון לעבעדיקע צוליב קראַנקע אַלטע ייִדן"... „פײַנט געהאַט, מע זאָל אים דאַנקען"... „קיינמאָל ניט גערעדט פון זיך, נאָר יענעם אין זינען געהאַט"... „געווען אַ מאָדנער ייִד"... „ניט קיין מאָדנער ייִד, נאָר אַ מאָדנער מענטש"... „יאָ, אַ מענטש איז דאָס געווען"...

דאָס איז געווען אַ שטילע, נאָר אַ שיינע לוויה. עפּעס האָט זיך געפילט אַ באַפרידיקונג. אַ דאַנק גאָט דערפאַר, וואָס מענטשן צאָלן־אָפּ, אויב ניט פאַרן לעבן, איז כאָטש נאָכן טויט, כאָטש וויפל ס'ניט איז, כאָטש אַ טראָפּן כבוד פאַר אַזוי פיל יאָרן פּײַן און לײַדן, צער, מאַטערניש און ביטערניש. ס'איז נאָר אַ ווייטיק, וואָס ער אַליין, דער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילן, קאָן ניט אויפשטיין כאָטש אַף אַ מינוט, כאָטש אַף אַ רגע, אַ קוק טאָן אַף דעם כבוד, וואָס ער האָט... און אפשר — ווער ווייס? וואָס ווייסן מיר?... און עס פּלאָנטען זיך מחשבות און געדאַנקען פון „השאָרת־הנפש", אין וועלכן דער נפטר האָט געגלויבט, כאָטש ער האָט געשמט פאַר אַן אַפּיקורס. אפשר גייט אָט־דאָ זײַן נשמה נאָך דער מטה גלײַך מיט אונדז און ווייס מער פון אונדז, אַ סך, אַ סך מער?... ווער ווייס? ווער ווייס?...

וואָס ווײַטער ווערט דער עולם שיטערער. ביזן בית־עולם זײַנען געבליבן נאָר די סאַמע נאָענטע פרײַנט. דער גאַנצער „קלוב". אַן אָרט האָט מען אים אָפּגעגעבן אַ באַשיידענעם, ווי ער אַליין. אין אַ זײַט האָט מען

אים באַהאַלטן, אַ בערגל ערד האָט מען אַפּן פּרישן קבר אָנגעשאָטן. און מען איז זיך צעגאַנגען. קיינער האָט נישט געוויינט. קיינער האָט קיין הספּד נישט געמאַכט, קיין קדיש נישט געזאָגט, קיין שבעה ניט געזעסן. די ערשטע צײַט האָט מען נאָך פֿון אים אין „קלוב“ אַ פּאָר מאָל גערעדט. דערנאָך האָט מען אויפֿגעהערט פֿון אים צו ריידן — און פֿאַרגעסן.

גאָר אין גיכן נאָך דעם איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אויך בנימינזאָן דער משורר. אַ שטיק צײַט האָט מען ניט געוווּסט, ווו ער איז אַהינגעקומען. דערנאָך האָט מען זיך דערוווּסט, אַז ער איז אין קיעוו. אין אַ צײַט אַרום האָט זיך דער נאָמען בנימינזאָן געלאָזט הערן אין דער גרויסער „מלחמה“, וואָס ס'איז אויסגעבראָכן צווישן די „חכמי קיעוו“, מיט וועלכע מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען אין די ווײַטערדיקע קאַפּיטלעך. זײַן נאָמען האָט זיך געלאָזט הערן אינאיינעם מיט די נעמען פֿון משה־אהרן שאַצקים, יצחק־יעקב ווײַסבערג, דובזעוויטש, דאַרעווסקי. און גאָר־גאָר שפּעטער איז אַרויס אַ סלוך, אַז בנימינזאָן איז מגולגל געוואָרן אין אַמעריקע און אַז ער איז דאָרטן אַ רעווערענט און איז, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אָלל־רײַט.

און אָט אַזוי איז נתפּרדה החבילה געוואָרן. צעשלאָגן געוואָרן די כנופיה, צעשטערט געוואָרן די זעלטענע גוטפֿרײַנטשאַפֿט. אויס אידיליע.

62

אַ האַלב יאָר נע־ונד

עלנט און פּאַריתומט. — „דער ייִד פֿון די שמויסן“. — ער לאָזט זיך אַוועק אין דער וועלט אַרײַן זוכן גליק. — ניט אייביק איז מען אַ גאַסט. — קאָנקורענץ מיט מיידלשע שרײַבערס און קליינשטעטלדיקע קנאה־שנאה. — אברהם דער כלי־זמר. — אַ מין סטעמפּעניו. — ער אַנטלויפֿט פֿון דער „וועלט“ צוריק אַהיים.

פֿאַרלוירן אַזעלכע צוויי נאָענטע גוטע פֿרײַנט, ווי דער קאָלעקטאָר און בנימינזאָן, האָט דער העלד פֿון דער דאָזיקער ביאָגראַפֿיע זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפֿינען. ער האָט זיך געפֿילט פּאַריתומט. נאָך מער עלנט האָט ער זיך דערפֿילט, ווען זײַן איינציקער איבערגעבליבענער חבר אליע איז אויך אַוועקגעפֿאָרן קיין זשיטאָמיר. דאָ האָט זיך, ניט ווילנדיק, צוגעמישט אויך אַ געפֿיל פֿון קנאה. ער האָט געוווּסט גאַנץ גוט, אַז ס'איז אַ מיאוסע מדה, נישט קיין ריין געפֿיל. נאָר וואָס האָט ער געקאָנט טאָן, אַז עס האָט אים פּאָרט פֿאַרדראָסן — פֿאַר וואָס קומט זײַן חבר אַזאַ גליק און אים ניט? מיט וואָס איז ער שולדיק, וואָס ער האָט זיך געכאַפּט געבוירן ווערן מיט אַ פּאָר חדשים פֿריִער? איבער אַזאַ נאַרישקייט זאָל ער פֿאַרלירן זײַן קאַריערע? פֿאַרשפּילן דאָס גאַנצע לעבן? ער האָט באַהאַלטן

דאָס פּנים אין קישן און לאַנג און שטאַרק געוויינט. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער הימל איז צו דער ערד געפאַלן, און די גאַנצע וועלט האָט אים אויסגעזען פינצטער־חושך. נאָר צו וועלכער מכה איז נישטאָ קיין רפואה? דער בעסטער דאָקטער איז די צײַט.

מיר ווילן בעטן דעם לעזער זיך מטריח זײַן מיט אונדז צוריק צו דער אַמאָליקער אכסניה, וואָס די ראַבינאָוויטשעס האָבן געהאַלטן, און צו אירע שטענדיקע אורחים. צווישן זיי איז געווען נאָך איינער אַ שטענדיקער אורח. ער האָט געהייסן מיט אַ מאָדנעם נאָמען: „דער ייִד פון די שמויסן“. ער האָט געהאַנדלט מיט שמויסן (שאָפּן־פעל). די שמויסן האָט ער עקספּעדירט צו זיך אין דער גראַבאַרניע. דאָרט האָט מען די שמויסן גערייניקט, געפאַרבט, אויסגעאַרבעט און געמאַכט פון זיי גוייִשע היטלען און פעלצן. אַז דער ייִד פון די שמויסן איז געקומען צו פאָרן, האָט מען דאָס געקאָנט הערן אין דער צווייטער גאַס. אַזוי שאַרף איז געווען דער ריח פון די שמויסן, אַז די גאַנצע שטוב האָט די ערשטע צײַט געהאַלטן אין איין ניסן. דערנאָך זײַנען בײַ אונדז אַלעמען פאַרלייגט געוואָרן די נעזער און מע האָט שוין נישט געהערט קיין שום ריח.

דערפאַר אָבער איז ער אַליין, דער ייִד פון די שמויסן, געווען אַ ליבער מענטש. אַ פּראָסטער, אַ גוטער, אַן אָפּנהאַרציקער. און גערעדט האָט ער מיט דער „סין“. אַ גראָבער יונג איז ער אויך געווען אַ גוטער און האָט ליב געהאַט דאַוונען דווקא הויך, אַף אַ קול. אַז ס'איז געקומען שבת צום קידוש־מאַכן, האָט ער גענומען דעם כוס אין דער האַנט, צוגעמאַכט די אויגן און אויסגעשריִען אַף אַ קול:

„יום הסיסי ויכולו הסמים...“

האָבן חברה קליינוואַרג זיך באַהאַלטן אונטערן טיש. דער ייִד פון די שמויסן האָט געוווּסט, אַז דאָס לאַכט מען פון אים, נאָר סע זאָל אים אָנהייבן אַרן!

— סקצים! עכברוסים! טאָר מען לאַכן פון אַן עלטערן מענצן? גאָט וועט אײַך סטראָפן, סאַרלאַטאַנעס!...

דאָס האָט אַרויסגערופן נאָך אַ גרעסערן געלעכטער. עס האָבן געלאַכט גרויס און קליין, און ער אַליין האָט אויך געלאַכט.

אָט דער ייִד פון די שמויסן האָט אַ סך מיטגעהאָלפן, אַז דער פאַרפאַסער פון די דאָזיקע באַשרײַבונגען זאָל פאַרלאָזן זײַן געבורטס־שטאָט און זיך אַוועקלאָזן אין דער וועלט אַרײַן זוכן גליק. און אַוועקגעלאָזט האָט ער זיך נישט, חלילה, קיין אַמעריקע, קיין לאָנדאָן, אָדער קיין פּאַריז, און ניט אַפילו קיין אָדעס, קיין וואַרשע, אָדער קיין קיעוו. נאָר גאָר נישט ווײַט פון פּערעיאַסלאַוו, אין אַ קליין שטעטעלע, קיין רזשישטשעוו (קיעווער גובערניע). „בײַ אים אין רזשישטשעוו — אַזוי האָט געזאָגט דער ייִד פון די שמויסן — איז ניטאָ קיין לערערס. מע וועט אײַער זון

דאָרטן אָפּגילטן! ער אַליין האָט קינדער, זײַנע פֿרײַנט און באַקאַנטע האָבן קינדער, וואָס ווילן לערנען, און קיין לערערס איז ניטאָ, כאָטש צי זיך אוים און שטאַרב!"

— גלייבט מיר, בנאמנות, אַז אײַער זון וועט באַ מיר זײַן, ווי אַן אייגענער, דאָס סוואַרצאַפּל פֿונעם אויג!...

הקיצור, ער האָט אַרײַנגעגעבן אין דעם פֿאָטער, אין דעם זון אַזוי פֿיל חשק, אַז ס'איז שווער געווען בײַצושטיין דעם נסיון, און נחום ראַבינאָ־וויטש האָט גענומען דעם זון און האָט זיך אויפֿגעזעצט מיט אים אױפֿן פֿאַראַכאָד און איז אַוועק קיין רזשישטשעוו.

פֿאַרפֿאָרן איז מען גלײַך צום יאָרן פֿון די שמויסן, און מען איז געווען אַזעלכע געסט, אַז מע האָט דעם ערשטן טאָג גאָרנישט געוווּסט, ווו זיי אַוועקצוזעצן און וואָס מע זאָל מיט זיי טאָן. דעם בעל־הבית אַליין האָבן זיי געטראָפֿן באַ דער אַרבעט — סאָרטירן די שמויסן — אין אַ לײַבל, אָן אַ קאַפּאָטע און באָרוועס. דערזען אַזעלכע געהויבענע געסט, האָט ער קודם אָנגעטאָן די שטיוול, געכאַפּט אויף זיך די קאַפּאָטע און גענומען שרײַען אין צווייטן צימער אַרײַן ניט מיט זײַן קול:

— סיינע־סיינדל! סיינע־סיינדל! סטעל דעם סאַמאָוואַר! מיר האָבן געסט!

גיך איז באַשאַפֿן געוואָרן אַ סאַמאָוואַר, גלעזער, טיי, און קאַווע, און ציקאָריע, און מילך, און פּוטערגעבעקס, אַזעלכע, וואָס אַ ייִד קאָן זיך פֿאַר־גינען נאָר שבועות צו דער מילכיקער סעודה, אָדער צו אַ קימפּעט. און אַ וואַרעמעס איז צוגעגרייט געוואָרן — כיד המלך. פֿיש געפֿילטע, פֿיש געפּרעגלטע, פֿיש געבאַקענע. יויך מיט לאָקשן, יויך מיט רײַז, יויך מיט מאַנדלען — קלײַבט אײַך אוים וואָס איר ווילט. פֿליישן שמועסט מען ניט — אַלערליי סאָרטן. און אַפֿילו צימעסן צווייערליי. דערנאָך — דעם סאַ־מאָוואַר. ווידער טיי, אײַנגעמאַכטס, פֿאַרבײַסעכטסן. און אַז ס'איז געקומען צו וועטשערע, האָט דער בעל־הבית זיך גענומען נאָכפֿרעגן באַ די געסט: וואָס האָבן זיי בעסער ליב פֿון מילכיקע מאכלים — קרעפּלעך, וואַרעניקעס אָדער „קאַסניקעס"? די געסט האָבן באַשיידן געענטפֿערט, אַז פֿאַר זיי איז אַלץ איינס. אוודאי האָט מען דערלאַנגט צום טיש אַלע דרײַ אויסגערעכנטע מאכלים, פֿאַרטרונקען מיט קאַווע און פֿאַרביסן ווידער מיט אַלערליי אײַנ־געמאַכטסן. דעם פֿאָטער האָט מען באַלייגט אין זאָל אויף אַ סאַמעטענער קאַנאַפּע, דעם זון — אויף דער אַנדערער קאַנאַפּע,אויסגעבעט, ווי מע בעט פֿאַר אַ מלך מיט אַ פּרינץ. אויף מאָרגן האָט זיך דער טאַטע אָפּגעזעגנט און איז אַוועקגעפֿאָרן אַהיים, און דער זון איז געבליבן באַם ייִדן פֿון די שמויסן אויף קעסט און קוואַרטיר, און דערפֿאַר געלערנט מיט זײַנע קינדער.

אויף דעם אַנדערן טאָג איז דער וואַרעמעס געווען שוין ניט מיט אַזאַ

שיך און אַזאַ קנאַק, ווי דער ערשטער. אַ געוויינלעכע קאַשע מיט יויך, אַ שטיקל פלייש — און פאַרטיק. די וועטשערע אויך אַ מילכיקע, נאָר באַשטאַנען איז זי פון אַ שטיקל קעז און פוטער מיט ברויט. ברויט לרוב. באַליגט האָט מען דעם גאַסט שוין ניט אין זאַל און ניט אַף קיין סאַמעטענער קאַנאַפע, נאָר אַף אַן אײַזערנעם קאַסטן, פון וועלכן מען איז אויפגעשטאַנען אַ צעבראָכענער, אָן אַ האַלדז און נאַקן. אַף איבערמאָרגן איז דער וואַרעמעס באַשטאַנען פון אַ געקאָכטער טאַראַנקע מיט קאַרטאָפל, וואָס האָט נאָכדעם אויסגעברענט דאָס האַרץ אַף צו חלשן. קיין וועטשערע האָט מען ניט געגעבן, נאָר אַ גלעזל טיי מיט ברויט, און באַליגט האָט מען דעם לערער אַף דער ערד, אויסגעבעט אַף אויסגעמאַכטע שמויסן. מע האָט באַדאַרפט זײַן שטאַרקער פון אײַזן, מע זאָל אַריבערטראָגן דעם ריח פון די שמויסן. דערצו האָט אַ גאַנצע נאַכט געקאַוויאַקעט אַ קינד אין וויגעלע, זיך געריסן די קישקעלעך, ניט געלאָזט שלאָפן. אַ קליין לעמפל האָט גערייכערט און געטשאַדעט, פאַרהאַקט דעם קאָפ, און דאָס עופהלע האָט ניט אויפגעהערט צו שרײַען און צו גוואַלדעווען — ס'איז געווען אַ גאַנץ רחמנות! דער רעפעטיטאָר האָט געזען, אַז שלאָפן וועט ער שוין סײַ־ווי־סײַ ניט, איז ער אויפגעשטאַנען פון די שמויסן, צוגעגאַנגען צום קינד אַ קוק טאָן, וואָס שרײַט דאָס. לאָזט זיך אויס, אַז די קאַץ האָט זיך פאַרקליבן צום קינד אין וויגעלע, האָט זיך צעלייגט, ווי באַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן, זיך געמאַכט נאַכטלעגער. פאַרן לערער איז געווען אַן אַלטערנאַטיווע: וואָס טוט מען? אַרויסוואַרפן די קאַץ? — אַ רחמנות אַף דער קאַץ. צער בעלי־חיים. איבערלאָזן די קאַץ? — שרײַט דאָס קינד. פאַלט ער אַף אַ המצאה (אַ יונג אַ חכם גיט זיך אַן עצה): ער וועט נעמען וויגן דאָס קינד, וועט די קאַץ אַליין אַוועק. דאָס ווייסט ער פון דער פראַקטיק. באַ אים אינדערהיים, ווי אויך אין חדר, איז אים אויסגעקומען צו זען אַלע מאָל אַזעלכעס. איידער מע האָט אַוועקגעלייגט אַ קליין קינד צום ערשטן מאָל אין אַ נײַ וויגעלע, איז געווען אַ סגולה, מע זאָל פריִער אויסוויגן אין וויגעלע די קאַץ. האָט אָבער קיין קאַץ ניט געלאָזט זיך וויגן בשום אופן. קוים האָט מען זי אַרײַנגעלייגט אין וויגל און געגעבן איין ריר — אַזוי איז זי אויפגעשפּרונגען, גרייט געווען אויסדראַפּען יעדן איינציקן די אויגן. אַזוי איז געווען אויך איצט. דער רעפעטיטאָר האָט זיך נאָר צוגערירט צום וויגל, אַזוי האָט זיך די קאַץ אויפגעהויבן און געגעבן אַ שפּרונג־אַרויס פון וויגל — און ניטאָ זי. דערפאַר אָבער האָט דאָס עופהלע, דערפילט, אַז מע וויגט דאָס, אויפגעהערט שרײַען, זיך באַרויִקט און אַנטשלאָפן געוואָרן. אַף מאָרגן, אַז ער האָט דאָס דערציילט דער מוטער פונעם עופהלע, האָט זי געשאָלטן די קאַץ מיט טויטע קללות, געהאַלובעט דאָס קינד — איר זאָל זײַן פאַרן קינדס ביינדעלעך! נאָר דאָס, וואָס דער לערער איז אַ

גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפֿן — דאָס גייט איר אָן, ווי דער פּראַיאָריקער שניי.

איַינגעזען, אַז ס'איז קיין תּכלית ניט אַזוי צו לעבן אַף דער וועלט, האָט דער לערער זיך געמוזט אָנדינגען קעסט און קוואַרטיר אין אַן אַנדער פּלאַץ און באַצייַטנס זיך געזעגענען מיט די שמויסן. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַר אים אַ גאַנצע רייע פֿון אַלערליי צרות, שלעק, פּורעניות. אַ סדרה פֿון בייזע בעל־הביתטעס, אייַנגעזעסענע טאַראַקאַנעס, בייַסנדיקע וואַנצן, לויפֿנדיקע מייַז, שטשורעס און אַנדערע מיאוסקייטן. נאָר די אַלע יסורים, צרות און ווייטיקן זייַנען געווען גאָלד אַקעגן די אינטריגעס, וואָס ס'איז אים אויסגעקומען אויסצושטיין פֿון זייַנע קאָנקורענטן די לערערס. דאָס זייַנען געווען ייִדן מלמדים, מיידלשע שרייַבערס, וואָס האָבן געפֿירט צווישן זיך אַ מוראַדיקע קאָנקורענץ און אַלע אינאיינעם — אַ קאַמף קעגן דעם נייַעם לערער פֿון פּערעיאַסלאַוו. ווו ס'איז פֿאַראַן ערגעץ אַ שמוץ אַף דער וועלט — האָט מען אַף אים אַרויפֿגעוואָרפֿן. צוהערן זיך צו זיי — איז דאָס געווען אַ קרימינאַליסט, אַ גנבֿ, אַ גזלן, וואָס אין דער קאָרט. זיי האָבן אָנגעפֿירט צווישן אים און די בעלי־בתּים אַזעלכע פּליאָטקעס, אַז ער האָט געבעטן גאָט, דער זמן — דער זומער — זאָל שוין אַוועקגיין, און ער זאָל קאָנען אַנטלויפֿן פֿון דאָרטן מיטן לעבן. די גאַנצע צייַט וואָס ער האָט פֿאַרבראַכט אין רזשישטשעוו, איז געווען ווי אַ קאָשמאַר, ווי אַ בייזער חלום. דאָס איינציקע הויז, ווו ער איז אַרייַנגעקומען און געפֿילט זיך צווישן מענטשן, איז געווען בײַ אבֿרהם דעם כּלי־זמר. אבֿרהם דער כּלי־זמר — דאָס איז אַ טיפּ פֿון אַן אַרטיסט, אַן אמתער מאַעסטראָ, וואָס פֿאַרדינט באַשריבן צו ווערן.

אַ הויכער מענטש, אַ ברייטער, מיט אַ קייַלעכיק ברייט פּנים, מיט קליינע אייגעלעך, געדיכטע ברעמען, שוואַרצע לאַנגע געקרייַזלטע האָר. הענט ברייטע, גראָבע, באַוואַקסענע. אַזוי, אַז די פֿידל האָט אין זייַנע הענט אויסגעזען ניט ווי אַ פֿידל, נאָר ווי אַ פֿידעלע, אַ שפּילכל. קיין נאָטן האָט ער ניט געקענט, און דאָך האָט ער געהאַט זייַנע אייגענע קאָמפּאָזיציעס. און שפּילן האָט ער געשפּילט אַזוי, אַז מע האָט געקאָנט ממש אויסגיין אונטער זייַנע הענט. דאָס איז געווען אַ מין סטעמפּעניו. און אפֿשר מיט אַ קאָפּ העכער פֿון סטעמפּעניו. אין לעבן איז ער אויך געווען אַ סטעמפּעניו. אַ מאָדנער פּאַרשוין. אַ פּאָעטישע נאַטור און אַ גרויסער ליבהאָבער פֿון שיינע ווייַבלעך און מיידלעך... דערפֿאַר אָבער האָט ער געהאַט אַ ווייַב — ניט אַזאַ שלאַק, ווי סטעמפּעניוס. אַדרבה, זייַן ווייַב, אבֿרהמיכע די כּלי־זמרן, איז געווען פּונקט אַזוי ווי ער. אַ הויכע, אַ גרויסע, אַ שיינע און אַ ברייטע. שוין אַביסל צו ברייט. מע האָט פֿון איר געקאָנט מאַכן דרייַ ווייַבער. אויך מיטן כאַראַקטער איז זי געווען ווי צוויי טראָפּן וואַסער איר מאַן. ביידע זייַנען קיינמאָל נישט געווען אויפֿגערעגט,

תמיד פרייליך, אויפגעלייגט, שטענדיק געלאכט, און ליב געהאט גוט עסן, גוט טרינקען, גוט לעבן. איז געווען פאר וואס — האט מען איינגעקויפט דאס בעסטע און דאס שענסטע. איז ניט געווען — האט מען פארוואָרפן די ציין אף דער פּאָליצע און געוואַרט ביז גאָט וועט צושיקן אַ פּאַרדינסטל, וועט מען קוילען אַ הערינג און מע וועט געבן אַ לעב־אונטער, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן. מיט קינדער האָט זיי גאָט אויך ניט פאַרזען. עס איז געווען באַ זיי אַ גאַנצע כאַליאַסטרע, און אַלע מיט געבאָרענע טאַלאַנטן. אַלע אויסגעצייכנטע מוזיקער אַף אַלערליי אינסטרומענטן — אַ זעלטענער אָרקעסטער.

אַהין האָט זיך דאָס אַרײַנגעכאַפּט דער מאָדערנער לערער פון פּערע־יאַסלאַוו. דאָרט האָט ער זיך געפילט, ווי אַ פיש אין וואַסער. דער מאַעס־טראָ אַליין האָט אים געלערנט פידל־שפּילן. געצאָלט האָט ער גאָרנישט. אברהם דער כלי־זמר איז ניט אַזאַ מענטש, וואָס זאָל פּאַר אַזאַ הייליקער זאַך, ווי די געטלעכע מוזיק, נעמען געלט. „נאָר אויב דער לערער איז רײַך אין אַ פּאָר גראָשנס, בעט ער באַ אים אַ גמילות־חסדל". דאָס אייגענע אויך זײַן ווײַב, אברהמיכע די כלי־זמרן. זי באַדאַרף גראָד אַצינד האָבן עטלעכע קאָפּיקעס אין מאַרק אַרײַן... „וועט זיך ניט געפינען באַ אײַך עפּעס קליינגעלט אין קעשענע?"

פּאַרשטייט זיך, אַז קליינגעלט וועט זיך תמיד געפינען. און אַזוי ווערט ער דאָרט אַ היימישער, אַ בן־בית, אַן אייגענער — און דאָס איז גענוג פּאַר זײַנע קאָנקורענטן די לערערס, זיי זאָלן אים באַריידן, באַוואַרפן מיט שמוץ, אים און דעם כלי־זמר, דער כלי־זמרן מיטן גאַנצן געזינדל. זיי האָבן צעפּויקט איבער דער גאַנצער שטאָט, אַז אַלץ, וואָס דער פּערע־יאַסלאַווער לערער פאַרדינט, גיט ער אַוועק דער כלי־זמרן, און אַז מע פּראַוועט דאָרט אַלע נאַכט הוליאַנקעס, די כלי־זמר שפּילן און זיי טאַנצן — ס'איז חי געלעבט! עס גייט זיי ניט אָן, וואָס אָרעמעלײַט גייען־אויס פון הונגער און קליינע קינדער שטאַרבן... דער, וואָס דערציילט, מאַכט אַ פּרום פּנים און פּאַרגלאָנצט די אויגן אַרויף, און די, וואָס הערן, שפּײַען־אויס... וואָס פּאַר אַ סמיכות־הפּרשיות איז דאָס מיט אָרעמעלײַט? און וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט קליינע קינדער? וואָס באַטײַט דער שפּײַ? — דאָס דאַרף מען ניט פרעגן. דאָרט, ווו עס האַנדלט זיך אום קאָנקורענץ, שווײַגט דער געזונטער פּאַרשטאַנד. קורץ, ער האָט קוים דעריצויגן דעם זמן און איז אַנטלאָפן פון דעם פּאַרשאָלטענעם שטעטל אַהיים, מורא געהאַט אַפילו זיך אַרומקוקן צוריק, פּאַרזאָגט קינדער און קינדס־קינדער מער קיין שטונדן אין די קליינע שטעטלעך ניט געבן. ער האָט באַשלאָסן צו זוכן זיך אַן אַנדער קאַריערע אין לעבן.

ווידער אינדערהיים

די זיסקייט פֿון צוריקקערן אַהיים. — ער באַגעגנט זיך ווידער מיט זײַן חבר אליע. — מע שמועסט איז שטאָט, אַז ער שרײַבט אין „המגיד". — דאַרווין, באָקל און ספּענסער. — צוויי טיפּן פֿון די אַמאָליקע ערשטע „עקסטערנעס".

קיין נאָמען קלינגט ניט אַזוי שיין, ווי דער נאָמען „מאַמע". קיין וואָרט רעדט ניט אַזוי צום האַרצן, ווי דאָס וואָרט „היים". אַז מע וויל קענען און אָפּשאַצן די היים, זאָל מען כאָטש אויף אַ קורצע צײַט זיך אַוועקלאָזן, זיך וואַלגערן אַביסל אינדערפֿרעמד און דערנאָך אומקערן זיך צוריק אַהיים, אין דאָס היימישע נעסט אַרײַן. יעדע זאַך באַקומט אַן אַנדער פּנים, אַן אַנדער חן. אַלצדינג ווערט צוויי מאָל אַזוי ליב און טײַער. מע פֿילט זיך אַן איבערגעביטענער, אַ נײַ־געבאָרענער אויף דער וועלט.

דער העלד פֿון די דאָזיקע געשיכטעס, אַז ער איז געקומען אויף ראש־השנה אַהיים, האָט ער זיך צום אַלעם ערשטן געלאָזט איבער דער שטאָט שפּאַצירן, אויסגעמאָסטן אַלע גאַסן, געפֿונען אַלע הײַזער און הויפֿן און גערטנער אויף זייערע ערטער. די מענטשן, וואָס ער האָט באַגעגנט, האָבן זיך ווינציק־וואָס איבערגעביטן. זיי האָבן אים פֿרײַנטלעך געגריסט, און ער איז צו אַלעמען געווען פֿרײַנטלעך, ווי ווײַט ער האָט געקאָנט. נאָר דאָס יונגוואַרג, וואָס ער האָט אַוועקגעלאָזט, האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אויף די פֿיס און איז אַביסל אונטערגעוואַקסן. און אַליין איז ער, ווי מע האָט אים פֿאַרזיכערט, אויך אויסגעוואַקסן, געוואָרן „מענערשער". דערצו האָט ער זיך אויסגעקליידט טשאַקנדיק און קנאַקנדיק, ניט געזשאַלעוועט קיין סקריפּעם אין די שיך, אָפּצאַסן הויכע, הויזן ברייטע און לאַנגע — נאָך דער מאָדע. אַ רעקעלע אַ קורץ, אַ קאַפּעליושל אַ ווייכס, אַ העלס, אַ ביסל געלבלעך. די האָר פֿאַרלאָזט לאַנגע, מעשה פּאָעט, און פֿאַרקעמט אַראָפּ, אַלאַ גאָגאָל.

גאַנץ אַנדערש האָט אויסגעזען זײַן חבר אליע, וועלכער איז אויך נאָר־וואָס געקומען צו פֿאָרן אויף יום־טוב אַהיים, פֿון זשיטאָמיר. זײַן אוניפֿאָרעם איז באַשטאַנען פֿון אַ קורץ ווײַטיקל, פֿאַרשפּיליעט, ווי אַ טורזשורקע, ביז אַרויף. קורצע שמאָלע הויזן, אַ בלויער קאַשקעט מיט אַ ברייטן דאַשעק, און אָפּגעשוירן, ווי אַ סאָלדאַט. די ברוסט אַרויסגעשטעלט, די ציין ווײַס, די אויגן פֿריילעך — ער קאָן זיך גאָר זאַט ניט אָנדערציילן, ווי גוט עס איז אין אינסטיטוט. מע גייט־דורך, זאָגט ער, העכערע מאַטעמאַטיק, מע לייענט רוסישע ליטעראַטור, מע לערנט גימנאַסטיקע, און יידיש — אָפּן שפּיץ מעסער: אַ פּרשה חומש, אַ קאַפּיטל פּסוק, אַ שטיקל חיי־אָדם — און פֿאַרטיק. „אָט דאָס איז די גאַנצע תורה פֿונעם לערער־

אינסטיטוט? אַט דער אליע וועט עס זײַן אַ יִדישער לערער? אַ רב בא יִדן?"...

אויך איז ער געווען איבערראַשט פון דעם, וואָס זײַן חבר אליע האָט געבראַכט צו פירן פון דעם יִדישן זשיטאָמירער לערער־אינסטיטוט אַ גאַנצן פּאַק מיט רוסישע לידער, און נישט איינס אַ יִדיש. גלײַך ווי ער וואָלט דאָס געקומען צו פאָרן פון אַ „בורסע", פון אַ גויִישער סעמינאַריע. דאָס האָט אָבער ניט געשאָדט, זיי זאָלן בלײַבן די זעלבע חברים, וואָס געווען. שטענדיק אינאיינעם. אומעטום אינצווייען. ביידע האָבן געהאַט גענוג שטאָף אַף צו ריידן, און נאָך מער — אַף צו לאַכן און אָפּשפּעטן פון דער גאַנצער שטאָט. און ווי אַמאָל, אין די גוטע יאָרן, איז מען אַוועק צום טײַך, געדונגען אַ שיפל און אַריבערגעפאָרן ווײַט, הינטער דער שטאָט אַרויס.

סוף זומער. די קעלט האָט נאָך ניט אַרײַנגעטרעטן. נאָר דאָס פעלד איז שוין ניט מער גרין. נישטאָ שוין קיין זכר פון די ווײַסע און רויטע מאַרגאַריטקעס. דער אָטשערעט שטייט נאָך אין דער בלאָטע. נאָר ער איז שוין געל און שיטער. רויטלעך איז דאָס וועלדל. אַוועק די צײַט פון אויסצײַען זיך אַף דער ערד. די ערד איז פײַכט און זומפּיק. די חברים זוכן־אָפּ אַן אויסגעהאַקטן בוים אין וואַלד און זעצן זיך אַוועק אָביסל רוען. און מע דערציילט זיך איינס דאָס אַנדערע אַלצדינג, וואָס יעדער האָט דורכגעמאַכט דאָס ערשטע האַלב יאָר פון זייער צעשיידן זיך. מע לאָזט ניט דורך קיין קלייניקייט, קיין ברעקל. עס ווערט איבערגעגעבן יעדער אײַנדרוק, יעדע באַגעגעניש, איטלעכע געשעעניש. און נאָך מער קונץ, וואָס ביידע אינאיינעם ריידן, ביידע לאַכן, שלאָגן זיך איבער איינס דאָס אַנדערע אין דער רעכטער מיט — און דאָך הערט מען זיך און מע פאַרשטייט זיך און מע האָט הנאה.

דערנאָך ווערט מען אַנטשוויגן. יעדער פאַרטיפט זיך, קוקט־אַרײַן צו זיך אין דער נשמה אַרײַן, בלײַבט אַליין מיט זײַנע געדאַנקען. מען איז טאַקע נאָענטע חברים. מע האָט זיך גערן. מע זאָגט־אַרויס איינער דעם אַנדערן אַלץ, נאָר ניט אינגאַנצן. ניין, ניט אינגאַנצן, ניט אינגאַנצן. יעדער איינער האָט זיך זײַנע געדאַנקען, זײַן אידעאַל, זײַן אייגן וועלטל, וווּ קיין אַנדערער, עס מעג זײַן דער בעסטער חבר, האָט קיין שליטה...

עס הייבט־אָן ווערן ווי קילבלעך. אויסגעלאָשן דער טאָג. די זון זעצט זיך. דער וואַלד ווערט פאַרצויגן, ווי אײַנגעהילט אין אַ דינעם רויך. עס פאַלט־אַראָפּ אַ שישקע מיט אַ ווידערקול. ביידע כאַפּן זיך אויף ווי פון אַ כישוף.

— צײַט פאָרן אַהיים?

— צײַט פאָרן אַהיים.

און מע הייבט זיך אויף. און מע שפּאַנט־דורך דאָס גאַנצע פעלד דורך

אַן אויסגעטרעטענע קרומע, שמאָלע סטעזשקע. מע זעצט זיך אַרײַן אין שיפֿל און מע זינגט אַ לידל (אַ גויִיש, ניט קיין יִידיש), און מע גליטשט זיך איבערן שמאָלן געדרייטן טײַכל, פֿאַרבײַ דעם געלן אַטשערעט. און אַז מע קומט אַהיים, איז שוין פֿינצטער. די באַקן פֿלאַמען. די אויגן גלאַנצן. דער אַפּעטיט איז גרויס. מע האָט גייענדיק געקויפֿט אַ זיסן קאַווען (אַרבוז, וואַסערמעלאָן), מיט צוויי פֿרישע, ווייכע, נאָך וואַרעמע פֿראַנזעלן. און מע פֿראַוועט וועטשערע. און מען איז פֿריילעך. און עס לאַכט זיך גאָר אָן אַ וואָרום און אָן אַ זין.

דער זײַטיקער האָט געקאָנט מיינען, אַז ביידע זײַנען גלײַך צופֿרידן, גלײַך גליקלעך — יונגע, געזונטע קינדער, וואָס פֿעלט זיי? אין תּוך אַרײַן איז אָבער נאָר איינער פֿון זיי (אליע) געווען באמת אַ גליקלעכער. דער צווייטער (שלום) האָט זיך געפֿילט אַנגעבראָכן, ניט אָפּן ריכטיקן וועג. זײַן איינציק שטיקל טרייסט איז געווען דאָס, וואָס די שטאָט האָט געקלונ־גען מיט זײַן הפֿטרה־זאָגן אין בית־מדרש און מיט זײַן קענען תּנ״ך און העברעיִש און מיט זײַן שרײַבן. אַלץ אַזעלכע זאַכן, וואָס פֿאַר זײַן חבר אליע איז דאָס אַ סוד. ניט פֿאַר אים געדאַכט. ווי קומט צו אליען אַזאַ יִדיש שרײַבן? לשון־קודש? מליצה? דערויף איז נאָר ער, נחום ראַבי־נאָוויטשעם זונדל. קלאָר אין אַלע השׂכּלה־ביכלעך, ווי אַ וואַסער. לייענט דעם „המגיד״. אַ וווּנדער, וואָס ער אַליין שרײַבט נאָך ניט אין „המגיד״. נאָר פֿון וואַנען ווייסט מען, אַז ער שרײַבט ניט? אפֿשר שרײַבט ער אונ־טער אַ פֿאַרשטעלטן נאָמען?...

אַזוי שמועסט מען אין פּערעיאַסלאַוו. און מע רינגלט אים אַרום מיט אַ באַזונדערן אָרעאָל, און ער וואַקסט־אויס באַ זיך אַליין אין די אויגן מיט אַ קאָפּ העכער. און ער ווערט סאָליד. ער זוכט ניט מער קיין חבר־שאַפֿט מיט קיינעם פֿון די פּריִערדיקע ווײַסע־חברהניקעס. ער פֿאַר־שרײַבט זיך אין דער שטאָט־ביבליאָטעק. טראָגט אַהיים גראָבע ביכער. לייענט ד אַ ר וו י ן , ב אָ ק ל , ס פּ ע נ ס ע ר . שאַרט זיך אַרום די גרויסע, באַרימטע, אויפֿגעקלערטע בחורים אין שטאָט. בחורים אויטאָ־דידאַקטן, אַזעלכע, וואָס האָבן אַליין, מיט זייער זיצן און קוועטשן די באַנק, דורכגעמאַכט אַ גאַנצן קורס, בײַגעקומען לאַטיין און גריכיש, דורכגעגאַנגען געאָמעטריע און אַלגעברע, און טריגאָנאָמעטריע, און פּסי־כאָלאָגיע, און פֿילאָזאָפֿיע. גרייט געווען כאָטש הײַנטיקן טאָג אַרײַנטרעטן גלײַך אין אוניווערזיטעט אַרײַן. זיי האָבן נאָר ניט אויף דער הוצאה. צוויי טיפּן פֿון די אַמאָליקע ערשטע עקסטערנעס. איינער האָט געהייסן כײַטע רודערמאַן, דער אַנדערער — אַברהמל זאָלאָטושקין. ביידע זײַנען טויט און פֿאַרדינען באַשריבן צו ווערן כאָטש אין עטלעכע שורעס אין די דאָ־זיקע זכרונות.

כײַטע רודערמאַן איז געזעסן ווײַט הינטער דער שטאָט אַרויס, אָפּ־

געזונדערט פון דער וועלט און פון מענטשן. דאָס איז געווען אַ זון פון דעם מלמד משה־דוד רודערמאַן, וועלכער איז באַשריבן אינעם ערשטן טייל פון דער ביאָגראַפיע, און אַ ברודער פון שמעון רודערמאַן, וואָס האָט געהאַלטן באַ שמדן זיך, נאָר די שטאָט האָט אים אַרויסגעראַטעוועט פון מאָנאַסטיר און אַוועקגעשיקט קיין זשיטאָמיר אין דער ראַבינער־שול. כײַטע איז גאָרניט געווען געראָטן אין זײַן בלאַסן, יאַדישלעוון ברודער שמעון. דאָס איז געווען אַ בחור אַ געזונטער, אַ ברייטבייניקער, אַ שיינער יונגאַטש מיט רויטע פּוכקע באַקן. משה־דוד דער מלמד איז געשטאָרבן פון אַן אַסטמאַ־הוסט, און זײַן ווײַב די אַלמנה, כײַטעס מוטער, איז געוואָרן אַ סאַרווערקע אַף פּרעמדע חתונות, געבאַקן לעקעכער. דאָס האָט איר געגעבן מיטלען צום לעבן און אויסצוהאַלטן איר זון, וואָס האָט געוווּסט נאָר איין זאַך — ביכער, ביכער און ביכער. מיט קיינעם אין דער וועלט האָט זיך כײַטע ניט אָנגעקערט. זעלטן ווער עס האָט זוכה געווען מיט אים צו ריידן. נאָר אַלע האָבן געוווּסט, אַז כײַטע קען, כײַטע איז קלאָר אומעטום, כײַטע איז טיף. ווער עס האָט געהאַט אַמאָל אַ זכיה מיט אים צו באַגעגענען זיך, איז געווען איבעררּאַשט פון אָט דעם באַהאַלטע־נעם פילאָזאָף. כײַטע, אַז ער האָט זיך צערעדט, האָט ער געשאָטן מיט פײַער, געמאַכט אַ תל פון אַלץ און פון אַלעמען, מבטל געווען די גאַנצע וועלט. זײַן צונג איז געווען אַ פײַל. זײַן געלעכטער איז געווען גאַל. זײַן וויץ איז געווען גיפט. פון וואַנען האָט דער פּרוש אַזוי געקענט די וועלט? דאָס בלײַבט אַ סוד און אַ רעטעניש אַף אייביק. איינמאָל אין אַ זומער האָט ער זיך אָפּגעבאָדן אין טײַך, פאַרקילט זיך און איז פון טובערקולאָז, אַ בחור פון צוויי און צוואַנציק יאָר, געשטאָרבן.

דער צווייטער פילאָזאָף־אויטאָדידאַקט, אברהמל זאָלאָטושקין, איז שוין געווען ניט קיין פּרוש, ניט קיין פאַרבאָרגענער. אַ יונג אַ פריילעכער, אַ הייסער ברונעט, מיט פײַערדיקע שוואַרצע אויגן, מיט שוואַרצע, שטאַרק־געקרײַזלטע האָר, אַליין אויך אַ שוואַרצער, ווי אַן אַראַב, מיט ווײַסע לאַכנדיקע ציין, אַביסל אַ הייזעריקע שטימע, ליב געהאַט אָנטאָן זיך, ווי אַן ענגלענדער, קעסטלדיקע הויזן, אַ מאָדנע מיצל אַפן קאָפּ, און ווינטער אַ מגושמדיקן הענג־קאָלנער. אָנגעלייענט איז זאָלאָטושקין געווען, ווי אַ פּויק. געקענט ה יי נ ע אַף אויסווייניק. נאָר ליב האָט ער געהאַט ד י ק ע נ ס און ט ע ק ע ר יי, ס וו י פ ט, ס ע ר וו אַ נ ט ע ס און אונדזער ג אָ ג אָ ל ן. און איז אַליין אויך געווען אַ הומאָריסט. דאָס הייסט, ער האָט שטילערהייט פאַר זיך געשריבן אַ סך הומאָריסטישע זאַכן, און קיין איינציקע שורה נישט געוואָלט ניט אָפּדרוקן, ניט באַווײַזן קיינעם. בטבע געווען אַ גרויסער עקשן, אַ צו־להכעיסניק, אַן אָפּשפּעטער און אַ פאַרטיפטער אין זיך. געלעבט האָט ער פון דעם, וואָס ער איז געווען אַ שרײַבער כל־ימיו אין דער מעשטשאַנסקי אופראַווע. זײַן כתב־יד

איז געווען פּונקט אַזוי געקרײַזלט, ווי זײַנע האָר. ער איז געשטאָרבן אַן אַלטער בחור אַריבער פּערציק.

אַט דאָס זײַנען געווען די צוויי גרויסע שטערן, אַרום וועלכע שלום האָט זיך געריבן און פֿון וועלכע ער האָט גענאַשט ווי פֿיל עס האָט זיך געלאָזט. צווישן זיך זײַנען די צוויי שטערן, כּײַטע רודערמאַן און אברהמל זאָלאָטושקין, געווען פֿײַער מיט וואַסער. זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט באַגעגנט און נישט געקענט אַפֿילו. און דאָך האָבן זיי זיך אַזוי פֿײַנט געהאַט, אַז מע האָט נישט געטאָרט דערמאָנען פֿאַר איינעם דעם אַנדערנס נאָמען. מיר וועלן זיך נאָך מסתמא באַגעגענען מיט זיי אין אונדזערע ווײַטערע באַשרײַבונגען.

64

ער פֿאָרט אַף אַ רײַכע שטעלע

„פּוסטעפּאַס". — ישׂראל בענדיצקי גיט אַן עצה, און דער פֿאָטער שרײַבט אַ בריוו צום „מאַגנאַט". — ער לאָזט זיך ווידער אין דער וועלט אַרײַן און בלײַבט מיט איין פּיטאַקל. — באַ די טויערן פֿון גן-עדן. — דער קאַלטער ברוך־הבא.

וואָס וועט זײַן ווײַטער?

פֿון אַלע פּראָפֿעסיעס, וואָס זײַנען פֿריִער געווען אַ גאַנצער שלל, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. די שטונדן האָבן זיך צעקראָכן. פֿאָרן שטודירן — איז נִיט געווען מיט וואָס. זיצן באַם טאַטן אַף קעסט איז אויך נישט זייער ליב. ובפֿרט נאָך דעם, ווי מען איז שוין געווען אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש פֿאַר זיך. און כאָטש דער טאַטע האָט געקליבן תענוג פֿון זײַן זון דעם קענער און דעם משׂכּיל, דאָך האָט דאָס אים געקרענקט און געעלטערט, וואָס זײַן זון גייט־אַרום בטל אָן אַ שום אַרבעט. וואָס וועט זײַן דער תּכלית? און די שטיפֿמאַמע, וועלכע האָט געהאַט געקוקט אַף דעם זעלבסטשטענדיקן שטיפֿזון מיט אַ געוויסער דאָזע פֿון רעספּעקט, האָט אַצינד מיטאַמאָל פֿאַרלוירן דאָס גאַנצע ביסל דרך־ארץ פֿאַרן „פּוסטעפּאַסניק". זי האָט ביסלעכווײַז אָנגעהויבן אירע אַמאָליקע זאַכן: קוקן מיט איין אויג, אַרײַנוואַרפֿן אַ שטעכווערטל, זאָגן דער שוויגער און מיינען די שנור... דאָס אַלץ האָט דעם טאַטן מקצר־ימים געווען, און דער העלד אַליין האָט פֿאַרטיפֿט זיך אין זײַנע ביכער, אָדער אָנגערוקט דאָס היטל, גענומען דאָס שטעקעלע און אַוועק צו זײַנע אויבנבאַשריבענע באַקאַנטע פֿילאָזאָפֿן, צו כּײַטע רודערמאַן אָדער צו אברהמל זאָלאָטושקין. מיט זיי האָט ער ליב געהאַט צו דיסקוטירן וועגן אַבסטראַקטע זאַכן, וועלט־פּראָבלעמען.

כּײַטע רודערמאַן, דער פּעסימיסט, האָט, ווי זײַן שטייגער איז, געזידלט די גרעסטע מענטשן, ניט אָנערקענט קיין אויטאָריטעטן, געפּײַפט אַף דער גאַנצער וועלט. דערפֿאַר האָט אָבער דער אָפּטימיסט זאָלאָטושקין ציטירט פֿון היינע און בערנע גאַנצע שטיקער מיט אַ באַזונדערן ניגון, געקרײַזלט בעת מעשה דעם טשוביק פֿון זײַנע געקרײַזלטע האָר און זיך אָנגעוואַרעמט מיט אַזאַ התלהבות, ווי אַ פֿאַרברענטער חסיד, בעת ער זאָגט נאָך דעם רבינס תורה.

דאָס אַלצדינג איז אָבער געווען נישט מער ווי אַ מיטל אַף די צײַט צו פֿאַרטרײַבן. עס האָט זיך געפֿילט אַ פּוסטקייט אין דער נשמה און אַן אומזיסט־פֿאַרלירן פֿון צײַט און פֿון ענערגיע. עס האָט זיך געבענקט נאָך אַרבעט. עס האָט זיך געריסן אין דער וועלט אַרײַן. עס איז ניט ליב געווען דאָס לעבן. זיך אַליין נמאס. נמאס און מאוס.

נאָר דער גאָט, וואָס פֿאַרלאָזט ניט קיינעם, האָט זיך אומגעקוקט אויך אַף דעם פֿאַרלוירענעם העלד פֿון דער דאָזיקער ביאָגראַפֿיע. אים איז געקומען צו הילף זײַן טאַטנס אַ גוטער פֿרײַנט מיטן נאָמען ישראל בענדיצקי. דער דאָזיקער פֿאַרשוין, כּאָטש ער איז, אייגנטלעך, געווען ניט מער ווי אַ כּלי־זמר, דאָך האָט ער געשפּילט אין שטאָט אַ ראָלע פֿון אַ זייער אָנגעזעענעם בעל־הבית. געשפּילט האָט ער נאָר אַף געהויבענע רײַכע חתונות, זיך גערעכנט פֿאַר דיריזשאָר און קאַפּעלמייסטער. זײַן הויפּטגעשעפֿט איז געווען — אַ רײַכע פּריצישע אַכסניה. ער איז אויך געווען דער איינציקער פֿאָטאָגראַף אין שטאָט. דערצו איז ער געווען גלאַט אַ שיינער ייִד, אַ הויכער, אַן אויסגעפּוצטער, מיט אַ זעלטן־שיינער קײַלעכיקער שוואַרצער באָרד. געטראָגן אַ שוואַרצן געווענטעטנעם הענגקאָלנער, אַ הויכן קאַפּעלוש און לעדערנע קאַלאָשן מיט מעשענע אָבצאַסן. אַ צינגל האָט ער געהאַט אַ געשליפֿענעם, גערעדט זיס און קײַלעכיק און מער אַף רוסיש: „ווידטילי"... „מעזשדו פּראָטשים"... „סליעדאָוואַטעלנאָ"...

דער דאָזיקער בענדיצקי איז געווען אַן אָפֿטער אַרײַנגייער אין קלוב, דאָס הייסט, צו ראַבינאָוויטשן אין דער „טאַבאַטשנע" — אַביסל שמועסן. איינמאָל איז מען געזעסן אַזוי און געשמועסט, דערציילט בענדיצקי, ווי אַ מסיח לפי תומו, אַז די טעג האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ אים איינער אַ ייִד, אַן עושר, אַ גביר, אַן אדיר, אַ מאַגנאַט, מיטן נאָמען ק. זיצט זיצט דער דאָזיקער „מאַגנאַט" אין אַ קליין שטעטעלע אין ט. (קיעווער גובערניע). מע קאָן זאָגן, אַז ס'איז אַ דאָרף, ניט קיין שטעטל. און ער האָט קינדער, צו וועלכע ער זוכט מיט ליכט עפּעס אַ רעכטן לערער, אַ רעפּעטיטאָר, אַף ייִדיש און רוסיש צוזאַמען. נאָר דער לערער זאָל זײַן אַ געראָטענער, אַ קענער, און, מעזשדו פּראָטשים, אַ טאַטנס אַ קינד.

לאָזט זיך אויס, אַז דער טאַטע קען דעם דאָזיקן „מאַגנאַט" נאָך פֿון לאַנג. אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, אַז דער „מאַגנאַט" ק. איז נאָך געווען

א קליין מענטשעלע, זיך געדרייט ארום א פריץ, איז ער געשטאנען סטאנ־ציע בא ראבינאוויטשן אין דער אלטער אכסניה און געווען דאס, וואס מע רופט אן א „גוט ברודערל”. דערהערט אזא מעשה, רופט זיך אן בענ־דיצקי: „סליעדאוואטעלנא, האט דאך גאט אליין מיך געשיקט צו אייך פאר א שליח! אויב אזוי, וועל איך אייך געבן אן עצה, אז איר זאלט באלד אוועקזעצן זיך און אנשרייבן א רעכטן, א פיינעם בריוו, מעזשדו פראַ־טשים, אף לשון־קודש, אזוי ווי איר קענט און אזוי ווי אזא מאגנאט שטייט־אן, און דער בחור, ווידטילי, זאל ניט מעדלעווען און זאל גלייך אוועקפארן מיט דעם דאזיקן בריוו קיין ט. און פארנעמען די שטעלע, און סע זאל זיין אין א גוטער שעה — אמן”.

און אזוי איז דאס טאקע געווען. עס איז באשאפן געווארן א בריוו, א שיינער פייערדיקער מליצה־בריוו מיט אזא שיינער שפראך, אז עס קאן רירן אפילו א שטיין. דער טיטל אליין האט פארנומען דריי לאנגע שורות, אין וועלכע עס זיינען געווען אויסגערעכנט אזוי פיל מעלות און שבחים, אז ווען אפילו דער „מאגנאט” זאל פארמאגן נאר א דריט־חלק פון זיי, וואלט ער אויך געקאנט זיין אן אידעאל פון א מענטשן... אנגעוואפנט מיט אזא שטארקער פראטעקציע, לאזט זיך דער יונגער רעפעטיטאר אוועק נאך א מאל אין גאטס וועלט זוכן גליק. קיין איבעריקע געלטן מיט זיך, דארף מען דעם אמת זאגן, האט ער ניט מיטגעפירט. קיין אקרעדיטיוון אין די בענק האט ער אויך ניט געהאט. דאס ביסל, וואס ער האט פאר־דינט פון זיינע שטונדן, האט ער דעם גרעסטן טייל פארטראנזשירט, זיך אויסגעקליידט, ווי א פרינץ. דאס איבעריקע האט צוגענומען די באן. היינט איז מען דאך עפעס א לעבעדיקער מענטש. אף יעדער סטאנציע שטעלט מען זיך אפ. די פאסאזשירן שיטן־ארויס פון די וואגאנעס און לויפן־צו צום בופעט. מע כאפט זיך צו, ווער צו די פלעשלעך מיט די גלעזלעך, ווער צו די הייסע פירעזשקעס. ווער עס הייסט זיך געבן א גלעזל טיי און ווער א פלעשל סאדע־וואסער. מע טרינקט דאס אויס על רגל אחת און מע באצאלט דעם קעלנער טרינקגעלט פון דער ברייטער האנט, מעשה באנקיר, אדער אפיציר — לאז ער וויסן דרך־ארץ, — און אזוי איז אף יעדער סטאנציע. דאס ביסל מינץ ווערט צעקראכן, צעגאנגען, אזוי ווי שניי אף דער זון. אין בייטעלע באמבלט זיך נאך עפעס א מין פי־טאקל. נאר ווער טראכט וועגן דעם? א מענטש פארט אף א גרייטער זאך. אזא שטעלע! און אנגעוואפנט מיט אזא פראטעקציע — וועמען הערט ער?

— — — — — — — — — — — — — — — —

און אז ער איז געקומען קיין ט., ארום פארנאכטלעך איז דאס געווען, האט ער זיך ארומגעקוקט, אז ער איז נקי, ריין פון געלט, פאר־מאגט זיין אייגנס דאס איינע פיטאקל. און דאך האט ער אפילו אף קיין מינוט זיך ניט פארטראכט. אדרבה, ער האט זיך געפילט אזוי גוט, ווי נאך

קיינמאָל ניט אין זײַן לעבן. דאָס אַליין, וואָס ער איז פרײַ געוואָרן פון די רזשישטשעווער אינטריגאַנטעם־לערערס, טאַראַקאַנעס און וואַנצן — וואָס איז עס ווערט? מיט פולע לונגען האָט ער אַרײַנגעאָטעמט אין זיך די געזונטע אָסיענדיקע לופט. די זון איז שוין לאַנג פאַרשווּונדן אַף יענער זײַט וואַלד, וואָס האָט געשמעקט מיט דעמבענעם און סאָסנאָוון ריח.

אַרויסגעשפּרונגען פון וואָגאָן, האָט זיך דער יונגער רעפּעטיטאָר גע־לאָזט גלײַך צום גביר — אים איבערגעבן דעם בריוו. פאַרגינט זיך אַזאַ „מאַגנאַט" צו זיצן העט־ווײַט אין אַלדי גוטע יאָר אַרויס פון דער שטאָט, אין אַ ווײַסן פּאַלאַץ מיט אַ גרויסן גרינעם גאָרטן, אַרומגעגרייזעט מיט געפאַרבטע שפּיצעכיקע צאַצקעדיקע שטאַכעטן. צוטרעטן צו אים איז ניט אַזוי גרינג, ווי מע קאָן זיך פאַרשטעלן. ערגער ווי צו אַ פּריץ. נאָר אַז מען איז אָנגעלאָדן מיט אַזאַ שטאַרקער פּראָטעקציע, קאָן מען שוין גיין אַפילו צום קייסער אַליין... אַזוי טראַכט זיך דער העלד, נאָר ער האָט אַ טעות. וואָרעם נאָך אַלעמען איז דער גן־עדן גאָר ניט אַזוי גוואַלדיק, ווי דער וועג, וואָס פירט צום גן־עדן. אַ סברה, אַז איידער מע טרעט־צו צו אַזאַ גביר, מוז מען דורכגיין פריִער אַלע שבעה מדורי גיהנם. בײַ אַזאַ „מאַגנאַט" איז פאַראַן דרײַ זאַכן, וואָס מע מוז פריער דורכמאַכן, איידער מען איז זוכה צו זען זײַן פּנים. און אַפילו, אַז איר האָט שוין דורכגעמאַכט אַלע דרײַ זאַכן, זייט איר נאָך אַלץ ניט פאַרטיק. איר קאָנט גיין און גיין און אוועקגיין מיט דעם, וואָס איר זײַט געקומען. וואָס זײַנען די דרײַ זאַכן? 1) אַ סטרוזש, אַ הויכער טרוקענער ערל מיט קרומע פיס. אַז ער גייט, קאַטשעט ער זיך. זײַן נאָמען איז פאַנטאַליי און זײַן עובֿדה — ער זיצט בײַם טויער, אַזוי ווי, להבֿדיל, מרדכי דער ייִד בײַם קעניג אחשורוש. 2) אַ שוואַרצער כּלבֿ, אַ בלינדער אַף איין אויג, אַזוי ווי בלעם. זײַן נאָמען איז זשוק. דעם דאָזיקן כּלבֿ שבכּלבֿים האַלט מען צוגעבונדן צו אַ בוים אַף אַן אײַזערנער קייט — אַניט וואָלט ער דורס געווען מענטשן. און 3) אַ יונג אַ משרת, וואָס טראָגט אַ קויטיקע מאַנישקע, אַ גאָלדענעם רינג און גייט פאַרקעמט מיט אַ שרונט אַקוראַט אינמיטן קאָפּ. די שוואַרצע האָר שטאַרק אָנגעשמירט מיט פּעטן און שמעקן מיט אַ ריח פון אָדעקאַלאָן, געמישט מיט ציבעלעס, נאָר די אויערן זײַנען פול מיט בלאָטע און די נעגל אַרומגעבראַמט מיט שוואַרצן. דורכגיין אָט די דרײַ אינסטאַנציעס איז ניט פון די קלייניקייטן. קודם־כּל דאַרפט איר זיך באַקענען מיטן סטרוזש פאַנטאַליי, וואָרעם אַז ער דערזעט אַ פרעמדן מענטשן, טוט ער אים אַ פרעג: „שטאָ נאַדאָ?" גייט דערציילט פאַנטאַלייען אַ מעשה וועגן אַ בריוו און וועגן אַ שטעלע. איז אָבער פאַנטאַליי נישט קיין שלעכטער גוי. אַ „פּיטאַקל" איז בײַ אים אַ מטבע, אוועקגעשוווּמען דאָס איינציקע, דאָס לעצטע פּיטאַקל!... דערפאַר איז פאַנטאַליי אַ גוטער ברודער. אַ סך ערגער פון דעם ערל איז זשוק. דער כּלבֿ איז טאַקע אַף אַ קייט. נאָר אַ הונט

בלײַבט אַ הונט. ער בילט און שפּרינגט און רײַסט זיך, דער כּלב שבּכּל־בים, מיט אַלע כּוחות. אַ גליק, וואָס פּאַנטאַליי איז דאָ בײַ דער זײַט. שרײַט ער אָן אױף אים, שילט אים מיט טויטע קללות און זאָגט אים מוסר — אַ גאַנצע דרשה. נאָר שווערער פֿון אַלץ איז די דריטע אינסטאַנציע — דער משרת. דער האַלט זיך גאָר פֿאַר אַ גאַנץ קנעפּל, פֿרעגט־אויס בײַ אײַך איטלעכס ברעקל, נעמט־אָפּ אַן עקזאַמען: ווער איר זײַנט? פֿון וואַנען איר־קומט? און וואָס איר דאַרפֿט? אַ יונג אַ בלאָזען. מיט אים איז גלײַכער איר זאָלט זיך האַלטן פֿון דערווײַטן, קוקן אױף אים פֿון אויבן אַראָפּ. אַניט — וועט ער אײַך קריכן אױפֿן קאָפּ. דער העלד פֿון די געשיכטעס ווייס עס פֿון זײַן אייגענעם דערפֿאַרן. דער משרת האָט אים אַ נעם־געגעבן אױפֿן צימבל: פֿון וועמען איז דער בריוו? וואָס שטייט אין בריוו? און וואָס פֿאַר אַ געשעפֿט ער האָט? אַ שטעלע? וואָסער אַ שטעלע? אין „זאַוואָד"? אָדער אין די „עקאָנאָמיעס"? אויב אין „זאַוואָד" — זײַנען אַלע שטעלעס פֿאַרנומען. און אויב אין די „עקאָנאָמיעס" — זײַנען אויך אַלע שטעלעס באַזעצט. סײַדן אַ לערער־שטעלע? זײַנען אָבער דאָ בעלנים איבער־גענוג. אָט גייט נאָך איינער מיט אַ העננקאַלנער, זייער אַ וואַזשנער לערער — האָט ער אָבער אַ חסרון: ער איז אַ שוטה, כאָטש בראָקט אים אין קרויט. דערפֿאַר האָט ער אַ מעלה, וואָס ער איז מיט אַ באָרד, וועלן די פּאַניטש־לעך מיט די באַרישנעס פֿאַר אים האָבן דרך־ארץ.

— פֿאַר אײַך נישט, ווײַל איר זײַט נאָך צו יונג, וועלן זיי אײַך אָפּ־דרייען דעם קאָפּ... אונדזערע פּאַניטשלעך מיט אונדזערע באַרישנעס — עס וואָלט געמעגט קומען אױף זיי אַ חלירע אין איין טאָג!...

אַזוי לאָזט־אויס דער משרת און פֿאַרבײַסט מיט אַ שיינעם יברכך, נעמט־צו בײַם בחור דעם בריוו, לייגט אים אַרויף אױף אַ זילבערן טעצל און ווערט פֿאַרשוווּנדן אין די ווײַטע אַפּאַרטאַמענטן. אין עטלעכע מינוט אַרום איז דער משרת געקומען צוריק מיט ליידיקע הענט און אָן אַ שום רעזולטאַט. דעם בריוו האָט, זאָגט ער, דער „מאַגנאַט" געעפֿנט, אַ קוק געגעבן, און, ניט געלייענטערהייט, אַוועקגעלייגט.

וואָס איז די מעשה? — דאָס וועלן מיר זען ווײַטער.

אין חלום און אף דער וואר

אף דער סטאנציע אינעם קליין שטעטעלע. — „בערל דער רויטער" טאפט בא אים ווערטער. — דער העלד לייגט זיך שלאפן א הונגעריקער און גייט-אוועק אין עולם־הדמיון אריין. — ווידער אמאל דער „אוצר". — ער באגעגנט זיך מיט א טאכטער פונעם „מאגנאט", און פון זיינע חלומות לאזט זיך אויס א טייך.

באקומען באם „מאגנאט" פון ט. אזא קאלטן ברוך־הבא, האט אונדזער העלד פונדעסטוועגן נאך ניט פארלוירן זיין קוראזש און זיין האפענונג האט ער ניט אויפגעגעבן. ער האט זיך געטראכט: „וואס א גביר א מאגנאט קאן זיך פארגינען! אפשר איז אים דער קאפ ניט דערביי? ניט היינט — איז מארגן"... דערווייל די צייט שטייט ניט. עס הייבט־אן צו ווערן שטאקנאכט. מע באדארף א טראכט טאן וועגן נאכטלעגער, אויסזוכן א סטאנציע. ער האט זיך געלאזט זוכן און האט אויסגעזוכט די איינציקע סטאנציע אינעם שטעטעלע ט. — א שטיבל אף הינערשע פיסלעך. דער בעל־הבית איז נאך א יונגערמאן, טאקע דעם „מאגנאטס" א נאענטער קרוב. א ייד א רויטער, מיט א רויט־פייערדיקער בארד. זיין נאמען איז „בערל דער רויטער". אז ער רעדט, פארמאכט ער די אויגן און שמייכלט. א מאדנער ייד. ער אינטערעסירט זיך אייך מיט איטלעכם ברעקעלע. ער דארף אלצדינג וויסן, וואס בא אייך טוט זיך, און איז גרייט צו יעדער צייט אייך באהילפיק זיין מיט וואס נאר ס'איז מעגלעך. אזוי זאגט ער. ער קאן אייך געבן אן עצה, פאלגן א גאנג, זאגן א גוט ווארט פאר אייך בא זיין רייכן קרוב אין הויף, און טאקע אונטערשטיצן מיט א באשיידענעם ווארעמעס, מיט א גלעזל טיי, עס שטייט במילא א גרויסער סאמאוואר מיט א טשייניק. טיי טרינקט ווער עס וויל און ווער עס וויל ניט.

אויסגעטאפט באם יונגן אורח, ווער ער איז און ווער זיין טאטע איז, לאזט זיך אויס, אז ער קען אים זייער גוט. ער איז ניט איין מאל געשטאנען בא זיין פאטער אין דער אכסניה. איז ער בא אים נאך טייערער געווארן. גאר אן אנגעלייגטער גאסט! ווייבאלד אזוי, מעג ער זיך וואשן און גיין צום טיש גלייך מיט אלעמען. געפעלט ניט דעם גאסט, וואס מע קוקט אף אים, ווי אף אן ארעם־בחור... ער איז נאך געווען גרויס בא זיך, ער זאל ניט וועלן עסן לאסקאווע ברויט בא א יידן אן ארעמאן, וועלכער לעבט מסתמא פון די ברעקלעך, וואס פאלן אראפ פון דעם רייכן קרובס טיש... און ער טראכט־אויס א ליגן, אז ער איז גאר נישט הונגעריק, אז ער איז שוין א געגעסענער...

וויפל דער בעל־הבית, בערל דער רויטער, מוטשעט אים ניט, ער

זאל אים זאגן, וואס פאר א געשעפט ער האט צו זיין רייכן קרוב, טאמער קאן ער אים א טובה טאן, — ווייל ער אים ניט זאגן. עס שטייט אים ניט אן, אז א זייטיקער ייד, און נאך א רויטער דערצו, זאל זיך אריינמישן אין זיינע געשעפטן.

בערל דער רויטער טאפט ווערטער. דער בחור מאכט זיך תמעוואטע, גלייך ווי ער פארשטייט ניט, וואס דער ייד מיינט. לאזט זיך אוים, אז דער ייד ווייס גאנץ גוט, וואס דער בחור דארף צו זיין רייכן קרוב. נאר ער וויל דאס הערן פון אים אליין. און ער דערציילט אים א מעשה, באשר אזוי ווי דער קרוב זיינער, דער „מאגנאט", זוכט א לערער צו די קינדער, האט ער אויסגעפויקט איבער דער גארער וועלט, און עס האבן זיך א לאז געגעבן צו אים לערערס. יונגע און אלטע, מיט פראטעקציעס און רעקאמענדאציעס פון באסלאוו, פונקאניעוו און פון טאראשטשע — „יידן זוכן פרנסה, ווילן א שטיקל ברויט"... אזוי לאזט־אוים בערל דער רויטער, און די ווערטער „פרנסה" און א „שטיקל ברויט" קלינגען פאר אונדזער יונגן העלד, ווי א באליידיקונג. און טאמער איז קארג, גיסט־אונטער דער רויטער ייד בוימל אפן פייער און זאגט, אז ס'איז א גאטס רחמנות אף די קאנדידאטן, „ווארעם זיי זיינען נעבעך הונגעריק"... עס ווייזט זיך אים אוים, אז אט דער רויטער ייד צילט דאס גראד אף אים... דער ייד ווייס, אפנים, אז דער העלד לייגט זיך שלאפן א הונגעריקער.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ער ווייס ניט, צי עס חלומט זיך אים, אדער ער פאנטאזירט עס וואכנדיק, נאר עס שטעלט זיך אים פאר אזא משונה־מאדנער אומגעלומפערטער געדאנק: אז ער האט גאר קיין שום בריוו צום „מאגנאט" ניט איבערגעגעבן, נאר ער איז גלאט אזוי אריינגעטרעטן צו אים אלס באדינער... און אז ער איז בא אים א „מענטש", ווי אלע „מענטשן"... נאר ער געפעלט זייער דעם „מאגנאט"... און דער „מאגנאט" רופט אים ארײַן צו זיך און פרעגט אים, ווער ער איז און פון וואנען ער איז?... און אז ער דערזעט מיט וועמען ער האט צו טאן, הייבט ער אים אויף און גיט אים א העכערע שטעלע... און עס גייט־אוועק א קורצע צייט, ווערט ער בא אים כל־ולך איבער אלע „מענטשן" און איבערן גאנצן „הויף"... און דער סטרוזש פאנטאליי, און דער הונט זשוק, און דער בלאזנע משרת — אלע ציטערן פאר אים אימת־מות... און ער שרייבט א בריוו צום טאטן אהיים, מיט א שיינער מליצה, אף העברעיש געווינלעך, און ניט גלאט א פוסטן בריוו, נאר מיט עטלעכע פרישע קנאקנדיקע הונדערטער — א מתנה דעם טאטן אף יום־טוב... אינעם בריוו שרייבט ער ארוים דעם טאטן רוב גדלו ורוב עשרו, מאלט אים א בילד, ווי אזוי ער פארט־ארוים מיט דריי פאר פערד נאשפיץ... פרעגט מען איינס דאס אנדערע: „ווער פארט דאס?"

ענטפערט מען: „איר ווייסט ניט, ווער דאָס איז? דאָס איז דאָך דער גלאַוונע אופראַווליאַיושטשע"... „אַזאַ יונגערמאַן?!...

עס איז שוין גרויסער טאָג. פון בערל דעם רויטנס קיך לאָזט זיך הערן אַ קלאַפּעריי און עס טראָגט זיך פון דאָרטן אַ ריח פון פרישן, נאָר־וואָס אויסגעבאַקענעם ברויט און געפּראַזשעטער מילך. דער העלד כאַפּט אויף זיך גיך דאָס אָנטאָן און לאָזט זיך אין „הויף" אַריין, באַקומט אַן אוידיענץ באַם משרת און ווערט געוווירע, אַז דער „מאַגנאַט" האָט דעם בריוו נאָך ניט געלייענט... גייט ער מיט אַ פאַרביטערט האַרץ צוריק אַף דער אַכסניה, באַגעגנט זיך מיטן רויטן בעל־הבית. מיט צוגעמאַכטע אויגן, ווי זיין שטייגער איז, טוט אים בערל דער רויטער אַ פרעג גלאַט אַזוי פון יוצא וועגן: „וואָס הערט מען נייס?"... „דערווייל נאָך גאָרניט". — ענטפערט אים דער יונגער אורח און גליטשט זיך אויס פונ'ם רויטנס הענט און גייט־אַוועק צו זיך אין חדרל אַריין, ציט זיך אויס אַפן בעטל און פאַרשטעקט זיך די נאָז, ער זאָל ניט הערן דעם ריח פון מאַרענירטן הערינג מיט אָנגעבראָקטע ציבעלעס, וואָס קיצלען דעם חוש־הריח און רייצן דעם אַפּעטיט מיט סכנת־נפשות!... און בכדי אַפּצוטרייבן פון זיך דעם יצר־הרע, מאַכט ער צו די אויגן און פאַרטיפט זיך אין מחשבות און געדאַנקען, וועלכע כאַפּן אים אויף און טראָגן אים אַוועק אַף די פליגלען פון דער היציקער פאַנטאַזיע אין עולם־הדמיון, אין דער צויבערוועלט פון זיסע חלומות. אַהין האָט ער ליב צו פאַרקלויבן זיך אַלע מאָל, ווען ער בלייבט אַליין מיט זיך. קיינער האָט אַהין קיין שליטה ניט. אַפילו זיינע סאַמע נאָענטע חברים. דאָס איז יענע כישופדיקע וועלט, וואָס איז פאַר־בליבן פון זיין אַמאָליקן חבר שמואליק. אַ וועלט פון אוצרות און פון וווּנדער־שטיינער, וואָס איינער פון זיי הייסט „ישפה" און דער אַנדערער — „כדכד". אַ רייב מיטן ערשטן שטיין: „ס'זאָל מיר אַרויסגיין און אַרויסגיין!"... באַווייזט זיך אַן אָנבייסן, הייסע שמעקנדיקע פּראַנזעלן מיט פּוטערקיכלעך, וואָס צעגייען זיך אין מויל, און אַ ריח פון הייסער קאַווע מיט מילך צעגייט זיך אין אַלע ווינקעלעך, — איז איידער ער רירט זיך נאָך צו צו דער קאַווע, איז שוין אויסגעוואַקסן אַ פעטע יויך מיט מאַנדלען און אַ פערטל עוף, און געבראָטענע קאַטשקע מיט מערעלעך, און אַ קוגעלע פון מצה־מעל מיט גענדזנשמאַלץ, און ווין — צווייערליי סאָרטן: 1) רויטווין „צערקאָווונע כשר לפסח", 2) ווייסער ווין, פונעם „ווימאָראָזיג יוזשנאַהאַ בערעגאַ"... דאָס זיינען די ווייגען, וואָס זיין טאַטע האָט געהאַלטן אַף פסח נאָר פאַר יחידי־סגולה, פאַר די אמתע מבינים.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן דאָזיקן גרויסאַרטיקן אָנבייסן, פילט ער, אַז ער באַדאַרף האָבן רו. טוט ער אַ רייב מיטן צווייטן שטיינדעלע: „ס'זאָל מיר אַרויסגיין און אַרויסגיין"!... און נאָך איידער ער רעדט עס

ארויס, דערזעט ער זיך שוין אין אַ קרישטאָלענעם פּאַלאַץ פון צוועלף חדרים. די ווענט זײַנען אויסגעקלעפּט מיט אַסיגנאַציעס פון סאַמע הונ־דערטער. די ערד איז אויסגעפּלאַסטערט פון זילבערנע מטבעות, באַצירט מיט גאָלדענע רענדלעך. דאָס גאַנצע מעבל איז פון ווײַסן עלפאַנטביין, מיט סאַמעט אויסגעבעט. ווו מע טוט זיך אַ ריר איז גאָלד און זילבער און די בעסטע טײַערסטע שטיינער. ארום און ארום איז אַ גאָרטן פון די בעסטע פּירות. און אַ טײַכל לויפט פאַרבײַ מיט גאָלדענע פישעלעך. און אַ גער־לעכע מוזיק הערט מען דאָרטן שפּילן — די בעסטע פידלשפּילער פון דער וועלט. און ער אַליין, דער העלד, טוט גאָרנישט, נאָר ער טיילט צדקה פון דער ברייטער האַנט, פּולע זשמעניעס. וועמען גאָלד, וועמען זילבער, ווע־מען שטיינער, און וועמען אַ מזומנע מטבע, וועמען עסנוואַרג און וועמען קליידער — ער לאָזט ניט דורך קיינעם, דעם גרעסטן שונא אַפילו. פאַר־קערט, די שונאים גיט ער נאָך מער, ווי די גוטע פרײַנט, בכדי זיי זאָלן פילן...

אַ פּאַרחלומטער, אַ הונגעריקער, כאַפּט זיך אויף דער יונגער טרוימער, און מיט אַ פּאַרחלשט האַרץ לאָזט ער זיך אַוועק ווידער אין „הויף" פון דעם „מאַגנאַט". ער איז שוין דאָרט אַ היימישער. דאָס הייסט, דער סטרוזש פּאַנטאַליי לאָזט אים דורך. דער הונט זשוק טשעפּעט אים ניט. און דער משרת איז מיט אים זאַ־פּאַני־בראַטאַ. ער פּאַטשט דעם יונגן בחור איבער דער פּלייצע און זאָגט אים אָן אַ בשורה, אַז ער האָט שוין גערעדט פון אים, ניט מיטן בעל־הבית, נאָר מיט זײַנע טעכטער... און אַזוי ווי ער רעדט — באַווײַזט זיך איינע פון די טעכטער, אַ גראָבע מויד, אַ רויטע, אין אַ קורץ קליידעלע, מיט גראָבע פּולקעס און מיט אַ פאַררױסן נעזל: „אָט דאָס איז ער!" — ווײַזט־אָן אַף אים דער משרת, און די גראָבע מויד באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז די פיס, באַהאַלט דאָס פּנים אין די הענט, שיסט־אויס אַ געלעכטער און אַנטלויפט.

66

אַ מעשה מיט אַ זייגער

ער זוכט מיטלען קעגן הונגער. — אַ זייגער מיט אַ געשיכטע. — דער דיאַלאָג צווישן דעם בחור מיטן אַלטן זייגערמאַכער. — די קאָמבינאַציעס העלפן ניט, און דער הונגער וואַקסט.

און דעם בריוו האָט דער „מאַגנאַט" נאָך אַלץ ניט געלייענט. דאָס רירט שוין אָן דעם העלדס אַמביציע און ער גייט־ארויס פון דאָרטן אַ

צעקאָכטער. סטײַטש, זײַן טאַטנס בריוו וואַלגערט זיך אַרום — דאָס אַרט אים מער פון אַלצדינג. נאָך מער פון דעם, וואָס ער איז הונגעריק. הונ־געריק, ווי אַ הונט! ער קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען. עס טראָגט אים אין דער לופטן. עס ציט אים דאָס האַרץ, און דער בויך איז אים ווי אײַנ־געשרומפּן. אַ קאַלטער שווייס טרעט־אַרויס, און ער זוכט אין זײַנע גע־דאַנקען, וועלכע פון זײַנע זאַכן ער וואָלט געקאָנט פאַרקויפן, מאַכן דערפון קליינגעלט און עפּעס קויפן צו שטילן דעם הונגער... וואָלט דאָס געווען אין אַ גרויסער שטאָט — פאַרזעצט מען דעם אויבערראָק און מע שלאָגט־צונויף אַ פּאָר גראָשנס...

ער טאַפּט זיך אין אַלע קעשענעס, און זײַנע געדאַנקען שטעלן זיך אָפּ אָפן זייגער. נאָר וואָס טוט מען מיטן זייגער? פאַרזעצן אין משכון — איז נישטאָ באַ וועמען. סײַדן פאַרקויפן? דערמאָנט ער זיך, אַז אײַנ־דערפרי האָט ער געזען אין מאַרק אַן אויפשריפט מיט אַ גרויסן ציפער־בלאַט: „טשאַסאָוויך דיעל מאַסטער". דאָ וועט ער קאָנען פאַרהאַנדלען זײַן זייגער. קיין סך קאַפּיטאַלן — ווייס ער — וועט ער פון דעם ניט שלאָגן. נאָר עס וועט זײַן געגוג וויפל ער וועט קריגן, אַבי צו שטילן דעם הונגער.

אַ מיאוסע זאַך — הונגערן. אַ חוץ, וואָס עס ציט דאָס האַרץ און עס ציטערן הענט און פיס — איז דער בזיון, דער בזיון!... מע דאַרף פאַר־שטערבן דעם זייגער... איז אָבער דער זייגער, וואָס דער בחור פאַרמאָגט, ניט גלאַט אַ זייגער, נאָר דאָס איז אַ זייגער מיט אַ געשיכטע, מיט אַ היסטאָריע. אַ היסטאָרישער זייגער. מוז מען דעריבער פריִער אײַך באַ־קענען מיט דער געשיכטע פונעם זייגער.

דאָס איז געווען אין יענער צײַט, ווען דער מחבר פון די דאָזיקע זכרונות האָט געהאַלטן אין רעכטן גלאַנץ פון געבן שטונדן. אין זײַן געבורטסשטאָט האָט ער געהאַט שטונדן אַ סך מער, וויפל אַ יונגער לערער קאָן זיך ווינטשן. נאָר איין זאַך האָט אים געפעלט צו די שטונדן — אַ זייגער. האָט ער זיך צונויפגעשלאָגן פון די שטונדן אַ שטיקל קאַפּיטאַל אַף צו באַזאָרגן זיך מיט אַ זייגער. די בעסטע צײַט אַף צו קויפן אַ זייגער איז „ספּאַס־יאַריד". דעמאָלט פאָרן זיך צונויף אין פּערעיאַסלאַוו סוחרים, קרעמער פון דער גאָרער וועלט. וואָס אַן אויג קאָן זען און וואָס אַ מויל קאָן ריידן קריגט איר אַף דעם יאַריד.

אויפגעשטאַנען איינמאָל אינדערפרי, גענומען דאָס שטעקעלע, האָט זיך אונדזער העלד געלאָזט אָפן יאַריד צו די שאַלאַשן און קראָמען, ווו די גאָלדענע און אַנדערע טײַערע זאַכן זײַנען אויסגעשטעלט. ספּאַס־יאַריד שטעלט זיך סוף זומער, אין חודש אויגוסט. דעמאָלט קומען־אויף די קאַווענעס מיט די דיניעס. עפּל און באַרן ליגן קופּעסווײַז אַף די וועגן

און אױף דער ערד. ייִדן לױפֿן־אַרום, װי פֿאַרסמטע מײַז, פֿאַרטאַרעאַמט און פֿאַרשװיצט. מע טוט גײַסט? מע לײזט געלט. ציגײַנער שװערן זיך, פֿערד הירזשען, שאַף מעקען, חזרימלעך קװיטשען פֿון די זעק אַרױס. אַ בלינדער בעטלער שפּילט אױף אַ באַנדורע. אַ ייִדענע פֿאַרקױפֿט בײגל. אַ ייִנגל טראָגט־אַרום קװאַס. אַלץ רעדט. אַלץ שרײַט. מע קאָן טויב װערן.

גײענדיק אַזױ איבערן יאַריד פֿאַרטראַכט, שלאָגט ער זיך אָן אױף אַ ייִדל מיט אַ רױט פֿרישטשעװאַטע פּנים, מיט אַ קױטיקער מאַנישקע און מיט מאָדנע לױפֿנדיקע אױגן. שטעלט אים אָפּ דער ייִד, רעדט שטיל, הײזעריקלעך, און װינקט מיט די ממזרישע אױגלעך אױף אַ הױכן דאַרן פּריץ מיט אַ פּױליש היטל, מיט לאַנגע פֿאַרדרײטע װאָנצעס אַרױף.

— אָט דער אָדון האָט צו פֿאַרקױפֿן אַ זאַך בחצי חנם... טוט אַ קוק. װאָס'ט אײַך אַרן?

און באַלד נאָך דעם רוקט זיך צו דער פּריץ, ציט־אַרױס פֿון קעשענע אַ פּאַפּיר, קוקט זיך אַרום אױף אַלע זײַטן, װיקלט־אױף דאָס פּאַפּיר, און עס טוט מיטאַמאָל אַ בלישטשע אין די אױגן אַ שפּאָגל־נײַער, אַ גלאַנצנדיקער גאָלדענער זײגער. אַ װײַז געגעבן דעם זײגער פֿון דער װײַטן, װיקלט אים דער אָדון אײַן אין פּאַפּיר און באַהאַלט אים צוריק אין קעשענע, און װערטער. רײדן רעדט דאָס ייִדל:

— אַ מציאה פֿון אַ גנבֿ!... ער באַדאַרף האָבן נײטיק געלט. אױף דעם זײגער איז דאָ גאָלד אַלײן אפֿשר אױף אַ הונדערטער...

— װיפֿל־זשע װיל ער פֿאַרן זײגער?

— איך מײן, ער'ט נעמען האַלב, אַ פּופֿציקער. אַ מציאה פֿון אַ גנבֿ!... איך אַלײן װאָלט אַ בעלן געװען, האָב איך ניט אַזױ פֿיל געלט בײַ זיך — זאָגט דאָס ייִדל.

— איך האָב אױך ניט, — זאָגט דער בחור און כאַפּט זיך צו דער קעשענע.

— װיפֿל דען האָט איר? — פֿרעגט אים דער פֿרישטשעװאַטער ייִד.

— איך פֿאַרמאָג אינגאַנצן אײן פֿינף־און־צװאַנציקער...

דער ייִד טוט אַ בלישטשע מיט די ממזרישע אױגן, ציט־אױס אַ האַנט:

— מיט מזל־ברכה!...

אין אײן אױגנבליק װערט אײַנגעצאַלט דאָס געלט, און דער גאָלדענער זײגער װערט איבערגעגעבן צום קונה אין די הענט אַרײַן. עס טוט אים אַ טיאָכקע דאָס האַרץ — „טאָמער איז דער זײגער אַ געגנבֿהטער?"... עס גײט אים ניט אײַן די מציאה, װאָס ער האָט אײַנגעהאַנדלט, און עס שטעלן זיך אים פֿאַר אַלערלײ טונקעלע מחשבֿות און טרױעריקע געדאַנקען: „טאָמער דערקענט מען בײַ אים דעם זײגער?"... האַנדלען אַ גנבֿה איז ערגער פֿון אַ גנבֿה אַלײן... קורץ, ער האָט שױן חרטה. נאָר ס'איז

פארפאלן. ער נעמט־ארויס דעם זייגער פון קעשענע, באטראכט אים פון אלע זייטן — א שפּאָגל־נײַער זייגער, און קלאפּט, ווי א באַנדאר! קאָ־פּערטעם גינגאָלדענע, שווערע. א ציפערבלאַט, ווי געפּאָלענער שניי. ווײַ־זערס, ווי ריטער. עס בלײַבט נאָר צו באַווײַזן דעם זייגער עפּעס פאַר א רעכטן מבין, ער זאָל אים באַטראַכטן און אָפּשאַצן. דער טאַטע איז אפילו א מבין אויף זייגערס. פּאַסט אים אָבער ניט צו ווײַזן אים דעם טאַטן. און דערציילן דעם אמת, אַז ער האָט אים געהאַנדלט אויף דער גאַס — וויל ער אויך ניט. הקיצור, דאָס בעסטע וועט זײַן אַרײַנטראָגן דעם זייגער צו הענזל דעם זייגערמאַכער.

הענזל דער זייגערמאַכער איז נאָך גאָר א יונגערמאַן, נאָר א גרויסער קאָפּמענטש. אין שטאָט זאָגט מען, אַז הענזל האָט צוגעטראַכט אַן אייגענעם זייגער נאָך דער סיסטעם פון דער זון. אַפּן פּנים באַ אים זעט מען אפילו קיין באַזונדערע חכמה ניט אַרויס. א גאַנץ געוויינלעכער ייִד מיט א ברייטער נאָז. פאַרמאָגט א גראָבן ברייטן פּלאַטשיקן פינגער מיט א גרויסן נאָגל. מיט דעם נאָגל טוט ער אַן עפן־אויף דעם זייגער, זאַטלט־אָן דאָס אויג מיט א שפּאַקטיוו, טוט א קוק־אַרײַן אין געווערקל און זאָגט אײַך באַלד, וואָס דער זייגער האָט, וואָס אים פעלט, און וואָס ער איז ווערט.

באַטראַכט די מציאה, דעם גאָלדענעם זייגער, האָט הענזל אים צו־געמאַכט מיט א קנאַק און א זאָג געגעבן:

— א פּראָסטער צילינדער, ניט קיין אַנקער, ווערט א פינפערל עובר לסוחר...

— נו, און דאָס גאָלד?

— וואָסער גאָלד? ס'איז אַזוי גאָלד, אַזוי ווי איך בין א מיניסטער.

— וואָס דען איז דאָס?

— טאָמבעקע.

— וואָס הייסט דאָס טאָמבעקע?

— טאָמבעקע איז טאָמבעקע; נישט קיין מעש און נישט קיין קופּער, נאָר טאָמבעקע...

און הענזל טוט־אויס די שפּאַקטיוו, נעמט זיך צו דער אַרבעט און רעדט נישט מער.

אָט דעם דאָזיקן זייגער האָט דאָס דער יונגער וואַנדערער געוואָלט פאַרהאַנדלען צום זייגערמאַכער פונעם קליינעם שטעטעלע ט. אַרײַנגעקו־מען איז ער צום זייגערמאַכער, צו אַן אַלטן ייִדן א טויבלעכן, מיט וואַט אין די אויערן, גאַנץ ברייטלעך, מעשה סוחר. און צווישן בחור מיטן אַלטן זייגערמאַכער קומט־פאָר אַזאַ מין דיאַלאָג:

ד ע ר ב ח ו ר : גוט מאָרגן, הער זייגערמאַכער! האָט איר עפּעס גוטע זייגערס?

דער זייגערמאַכער: וויפֿל זייגערס דאַרף עס אַ בחור?

דער בחור: איינעם אַ זייגער...

דער זייגערמאַכער: וואָסער אַ זייגער ווילט איר — אַ זילבערנעם? אַ גאָלדענעם?

דער בחור: אַ גאָלדענעם וועל איך בײַ אײַך קויפֿן אַ ביסל שפּעטער... דערווײַל וועט זײַן גענוג אַ זילבערנער, אַבי ער זאָל גיין ווי עס געהער צו זײַן.

דער זייגערמאַכער: וועגן דעם איז גאָר ניטאָ וואָס צו ריידן! — און דער אַלטער זייגערמאַכער שיט־אויס פֿאַרן קונה אַקעגן אַ האַלב טוץ נײַע זייגערס. דער בחור שטעלט זיך אָפּ אויף איינעם פֿון זיי און גיט צו פֿאַרשטיין דעם אַלטן, אַז ער וויל, אייגנטלעך, מאַכן מיט אים אַ בײַט. דאָס הייסט, ער וועט בײַ אים נעמען דעם דאָזיקן נײַעם זילבערנעם זייגער און וועט אים געבן זײַן אַלטן זייגער... „אין וויפֿל וועט איר אים אָננעמען?"... דער אַלטער באַטראַכט דעם בחורס זייגער פֿון אַלע זײַטן, טראַכט אַ ווײַלע, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ. דערנאָך נעמט ער אַרויס די וואַט פֿון די אויערן און לייגט־איבער פֿון איין אויער אינעם אַנדערן, גלײַך ווי דאָס האָט אַ שײַכות צו די זייגערס. און קוים וואָס ער שטעלט זיך אײַן אַרויסצוזאָגן, אַז ער קאָן אָננעמען בײַ אים זײַן זייגער מער ניט, ווי אין צוויי קאַרבן. און אַזוי ווי זײַן זילבערנעם זייגער רעכנט ער אין נײַן קאַרבן, קומט־אויס, אַז דער בחור באַדאַרף אים צוצאָלן אַזוי גרויס, ווי זיבן קאַרבן, און דאָס געשעפֿט איז געמאַכט. דעם בחור איז די קאָמבינאַציע געפֿעלן, און ער לייגט־פֿאָר דעם זייגערמאַכער אַ נײַע קאָמבינאַציע: אַז ער זאָל דערווײַל נעמען בײַ אים דעם אַלטן זייגער און געבן צוויי קאַרבן, און שפּעטער מיט אַ טאָג אָדער צוויי וועט ער אַרײַנקומען און וועט זיך אויסקלײַבן אַ נײַעם זייגער... געפֿעלט נישט דעם אַלטן די דאָזיקע קאָמבינאַציע. פֿאַר וואָס? אַזוי. דערפֿאַר, ווײַל ער קויפֿט ניט קיין זייגערס. ער פֿאַרקויפֿט זייגערס... פּרוּווט זיך דער בחור פֿאָרלייגן אַ נײַעם פּראָיעקט. דהיינו: ער גיט אים אַוועק זײַן אַלטן זייגער פֿאַר איין קאַרב — אָן עק! ניט צוליבן געלט, נאָר ווײַל דער זייגער איז אים נמאס געוואָרן, ער קאָן אויף אים ניט קוקן... זאָגט דער אַלטער, אַז אויב ס'איז אים נמאס געוואָרן דער זייגער, קאָן ער אים אַרויסוואַרפֿן אין בלאָטע. גיט אים דער בחור צו פֿאַרשטיין, אַז ער קאָן איצט דאָס געשעפֿט מיט אים ניט מאַכן, מחמת ער איז איצטער קורץ אין געלט. דאָס הייסט, פּשוט ער איז איצטער ניט בײַ געלט... גיט אים דער זייגערמאַכער אַן עצה, ער זאָל אַרײַנקומען אַן אַנדערס מאָל, דעמאָלט ווען ער וועט זײַן בײַ געלט. און אַזוי עטלעכע מאָל. ער זאָגט אים דאָס, און יענער ענטפֿערט אים בוויבעריק. זינט גאָט האַנדלט מיט נודניקעס, האָט ער נאָך אַזאַ נודניק ניט געהאַט!... דער בחור באַהאַלט צוריק זײַן אַלטן טאַמבעקע־

נעם זייגער און בעט דעם אלטן, ער זאָל אָפּלייגן אַט אַ יענעם זילבערנעם זייגער אַף אַ זײַט. ער וועט נאָך אפשר הײַנט אַרײַנקומען צו אים נאָכאַ־מאָל. עס דאַרף אים אָנקומען געלט מיט דער פּאָסט. ער זאָל נאָר קיין פּאַריבל ניט האָבן, וואָס טאָמער האָט ער בּאַ אים צוגענומען צײַט. זאָגט דער אַלטער, אַז עס מאַכט ניט אויס, נאָר נאָך זײַן בלאַס פּנים, נאָך זײַן בייזן קוק און נאָכן ציטערן פון זײַנע אַלטע פינגער איז צו זען, אַז עס מאַכט שוין דווקא יאָ אויס... דער בחור — קוים וואָס ער טרעפט צו דער טיר. מיט אַ פאַרחלשט האַרץ לאָזט ער זיך אַוועק צו בערל דעם רויטן אַף דער סטאַנציע און בעט גאָט, ער זאָל כאָטש ניט באַגעגענען זיך מיטן רויטן בעל־הבית. „וואָרעם אַט דער רויטער ייִד — טראַכט זיך דער בחור אין האַרצן — איז דער איינציקער, וואָס שטויסט זיך, אַז ער הונגערט"...

67

אַ מלאך פון גאָט אינעם געשטאַלט פון אַ מענטשן

ער פאַרקלײַבט זיך אין בית־המדרש פון שטעטל און וויינט זיך גוט אויס. — אַ מלאך פון גאָט באַווײַזט זיך, און דאָס מזל טוט אים אַ שײַן. — ער ווערט אײַנגעלאָדן אַלס לערער אין אַ דאָרף און וויים ניט, אַז דערמיט איז אים פאַר־זיגלט געוואָרן דאָס גליק אַף זײַן גאַנצן לעבן.

דאָס צווייטע הויז פון בערל דעם רויטנס אכסניה איז געווען דאָס בית־המדרש פונעם שטעטל. אַהין האָט זיך דער העלד פון דער ביאָגראַפיע פאַרקליבן אַף מאָרגן אינדערפרי און, ניט האָבנדיק וואָס צו טאָן, האָט ער אַוועקגעשטעלט זיך דאַווענען. און געדאַוונט האָט ער ביחידות, איינער אַליין. וואָרעם דאָס ביסל ייִדן, וואָס אין שטעטל ט., האָבן זיך געפּעדערט גאַנץ פרי, אָפּגעדאַוונט מיט אַ מנין און צעגאַנגען זיך זוכן פּרנסה, ווי דער שטייגער איז. געבליבן איז נאָר דער שמש, אַ ייִד אַ שוסטער. נאָר ווײַל ער האָט ווייניק אַרבעט, איז ער אין איינגוועגס אויך אַ שמש אין שול. דערזען אַ פרעמדן בחור מיט אַ תפילין־זעקל, איז דער שמש־שוסטער צו־געגאַנגען צו אים און אַ פרעג געגעבן, צי האָט ער ניט קיין יאָרצײַט? אויב אַ יאָרצײַט, וועט ער אַ לויף טאָן צונויפשלעפּן אַ מנין.

— ניין, נישט קיין יאָרצײַט, נאָר איך וויל גלאַט אַזוי דאַווענען, — האָט אים דער בחור באַרויקט, און באַקומען אַן ענטפער פונעם שמש:

— געזונטערהייט. אָט האָט איר אַ סידור, — זאָגט צו אים דער שמש, לאָזט אים אַליין און פאַרקלײַבט זיך אין פּאַליש און זעצט זיך אַוועק פאַרריכטן אַן אַלטע פּאָר שיך.

שוין לאַנג האָט דער יונגער העלד אַזוי געשמאַק און אַזוי האַרצעדיק נישט געדאַוונט, ווי אין יענעם פרימאָרגן. ער איז שוין דעמאָלט בכלל געווען ווײַט פון פרומקייט. דאָס איז געווען די עפּאָכע פון השכלה, ווען פרום זײַן איז געווען אַ בזיון, ווען אַ פאַנאַטיקער איז געווען ערגער פון אַ הולטײַ, און אפשר ערגער, ווי הײַנט אַ משומד... נאָר דער חשק צו דאַוונען איז געקומען פון זיך אַליין. אַ מין רעליגיעזער עקסטאַז איז אױף אים אָנגעקומען מיטאַמאָל, און ער האָט זיך צעלאָזט, צעזונגען אױף אַ קול, גאָר מעשה חזן, און צו דער שמונה־עשרה האָט ער זיך צעוויינט. לאַנג געוויינט, מיט הארץ געוויינט. און אַז ער האָט זיך גוט אויסגעוויינט, האָט ער זיך געפילט אַ סך גרינגער, גלײַך ווי ס'איז אים אַראָפּ אַ שווע־רע משא פון האַרצן. וואָס דאָס דאַזיקע געוויין האָט באַטײַט, קאָן ער אױף אַ ראַציאָנעלן אופן נישט געבן צו פאַרשטיין. עס האָט זיך געוויינט גיכער פון זיך אַליין, און די נשמה האָט זיך ווי אָפּגערייניקט. אפשר איז דאָס געקומען פון אָפּגעשוואַכטע נערוון? אפשר איז דאָס געווען פון דעם פאַסטן?.. ער האָט באַשטימט בײַ זיך דעם תענית הײַנט איבערצורײַסן — ס'זאָל זײַן וואָס עס וויל זיך. גענוג פאַסטן!... און ער לייגט־צונויף די תפילין, נעמט דאָס שטעקעלע און גייט אַהיים אױף דער סטאַנציע און באַ־געגנט אױף דער שוועל בערל דעם רויטן, וועלכער זאָגט אים אָן אַ בשורה, אַז הײַנט אינדערפרי האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ אים אַ יונגערמאַן, אַ גביר, אַן אדיר, פון ניט ווײַט, פון אַ דאָרף. ער איז, דאַכט זיך, אים אַ נאָענטער קרוב.

— וועמענס אַ קרוב?

— אײַערער אַ קרוב. דאָס הייסט, ניט קיין קרוב, נאָר אַ שטיקל מחותן... — און נישט לאַנג געטראַכט, נעמט אים בערל דער רויטער אָן פאַר אַ האַנט און פירט אים אַרײַן אין אַ באַזונדערן חדר, וואָס איז צו־געקליבן פאַר פּריצים, און שטעלט אים פאַר פאַר אַ יונגנמאַן, וואָס זיצט בײַ אַ סאַמאָוואַר און טרינקט טיי.

דער יונגערמאַן, אַ סימפּאַטישער פאַרשוין מיט גוטע בלויע אויגן, אַ הויכן ווײַסן שטערן און אַ שיין קײַלעכיק בערדל, איז העפלעך אויפגע־שטאַנען, זיך אָנגערופן באַם נאָמען יהושע לאַיעוו און געבעטן דעם גאַסט זיך זעצן צום סאַמאָוואַר, אַ ווונק געגעבן צום בעל־הבית, מע זאָל דער־לאַנגען נאָך אַ גלאָז, און גאָר ניט וואַרטנדיק, האָט ער אָנגעגאָסן נאָך אַ גלאָז טיי, צוגערוקט בייגעלעך, קיכלעך און אַנדערע פאַרבײַסעכצן, און דער יונגערמאַן לאַיעוו האָט זיך געווענדט צום אַרײַנגעקומענעם בזה הלשון:

— דער בעל־הבית האָט מיר געזאָגט, אַז איר זײַט פון פּערעיאַסלאַוו, נחום ראַבינאָוויטשעס אַ זון. אויב אַזוי, זײַנען מיר שטיקלעך אייגענע... עסט, איך בעט אײַך, און טרינקט טיי.

קיינמאָל אין לעבן, נישט פריִער און נישט נאָכדעם, איז אַ גלאָז טיי נים געווען אַזוי אָנגעלייגט באַ אים, ווי אַצינד, און קיין שום מאכל אין דער וועלט האָט קיינמאָל נים געהאַט אַזאַ טעם, ווי עס האָבן געהאַט די פרישע בייגעלעך, די קיכלעך און די אַנדערע פאַרבײַסעכצן, וועלכע זײַנען גיך פאַרשוווּנדן געוואָרן פונעם טיש, נישט געבליבן פון זיי אַ זכר אַפילו אויף דרך־ארץ. דער גאַסט האָט דאָס אַלץ אײַנגעשלונגען, ווי אַ הונגעריקע גאַנדז, און האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז עס איז נים שיין, וואָס ער האָט דאָס אַלץ אויפגערוימט, נאָר ס'איז שוין געווען נאָך אַלעמען...

דער יונגערמאַן האָט דערווײַלע אויסגערעכנט דעם יחוס, ווי אַזוי זיי זײַנען קרובים:

— אײַער פֿאָטער האָט אַ מחותן אברהם־יהושע. אָט דער אברהם־יהושע האָט געהאַט דאָס ערשטע ווײַב, וועלכע האָט מיר אָנגעקערט אַ מומע, מײַן געשטאָרבענע מוטערס אַ שוועסטער. פאַרשטייט איר שוין? ווײַטלעכע מחותנים, און דאָך מחותנים... אַצינד זאָגט מיר: פון וואַנען פאָרט איר? וווּהין פאָרט איר? און וואָס איז אײַער טועכץ?

אויסגעפרעגט זיך באַם העלד אַלצדינג און געוווירע געוואָרן, אַז ער איז געקומען אַהער צו פאַרנעמען אַ לערער־שטעלע, האָט דער יונגער אַ פרעג געגעבן, אויב דער בחור וויל דווקא בלײַבן דאָ, באַם היגן גביר ק., אָדער עס מאַכט אים נים אויס צו פאָרן אַ ביסל ווײַטער? אויב עס מאַכט אים נים צו זײַן פֿאָטער לאַיעוו אין דאָרף אַרײַן, פאַרנעמען דאָרט אַ לערער־שטעלע באַ זײַן שוועסטערל — זײַן פֿאָטער איז אויך אימשטאַנד גוט צו באַצאָלן, אַזוי ווי דער היגער גביר, אויב נים שענער נאָך... אויף די דאָזיקע ווערטער האָט זיך אָפּגערופן בערל דער רויטער און צוגעווינטשעוועט זיך: „אַ חוץ זײַן שאַדן, אויף אים געזאָגט געוואָרן כאָטש אַ צענט־חלק". און גאָרנישט פרעגנדיק באַם בחור, צי ער וויל, צי ער וויל נים, האָט בערל דער רויטער צוגעגעבן, אַז דער בחור וועט מיט פאַרגעניגן זיך דורכפאָרן מיטן יונגנמאַן צו זײַן פֿאָטער לאַיעוו אין דאָרף אַרײַן און וועט מיט פאַרגעניגן פאַרנעמען דאָרט די לערער־שטעלע.

אַ מאָדנער ייִד האָט דער בערל דער רויטער! עפּעס גלײַך ווי עמעצער וואָלט אים געבעטן, ער זאָל זיך אַרויסשטעלן פאַר אַן אַפּיטרופּס, אָדער, וויניקסטנס, פאַר אַ פאַרמיטלער. ער האָט נים געלאָזט קיינעם צום וואָרט און האָט בעסער אַליין גערעדט. דער בחור איז געווען איבעראַשט פון דער גאַנצער געשיכטע אַרום און אַרום. ער האָט כמעט נים געגלויבט זײַנע אויערן. נים אַנדערש, אַז דאָס איז אָדער אַ חלום, אָדער אַ מין האַלוצינאַציע, אָדער דער יונגערמאַן — דאָס איז אַ מלאך פון הימל אַראָפּ אויף דער ערד אינעם געשטאַלט פון אַ מענטשן... נאָר אַרויסבאַווײַזן זײַן פרייד, פונדעסטוועגן, שטייט אים נים אָן. ער הערט־אויס דעם געשפּרעך בלומרשט

גאַנץ גלײַכגילטיק, באַטראַכט פריִער וואָס צו ענטפערן און רופט זיך אָן צום יונגנמאַן מיט האַלבע ווערטער:

— אײַער פאָרשלאַג איז אפשר נישט קיין שלעכטער פּלאַן... די מעשה איז אָבער, פאַרשטייט איר, וואָס איך האָב געבראַכט צום היגן גביר אַ רעקאָמענדאַציע, אַ בריוו, טאַקע פון מײַן טאַטן... וואָס וועט זײַן, טאָמער...

— אין וואָסער אַ שפּראַך איז געשריבן אײַער טאַטנס בריוו? — מישט זיך אַרײַן בערל דער רויטער.

— וואָס הייסט אין וואָסער אַ שפּראַך? אין העברעיִש.

— לשון־קודש? — פרעגט איבער בערל דער רויטער און כאַפּט זיך אָן מיט ביידע הענט בײַ די זײַטן און צעלאַכט זיך אַזוי שטאַרק, גלײַך ווי אַכצן שדים קיצלען אים אונטער די פּאַכוועס! — איר וועט דאַרפן, יונגערמאַן, אַ ביסעלע צוּוואַרטן, ביז מײַן קרוב וועט זיך פריִער אויסלערנען איבערלייענען אַ לשון־קודשדיקן בריוו. איר וועט אָבער, האָב איך מורא, באַדאַרפן לאַנג וואַרטן!... — און ביידע צעלאַכן זיי זיך און לאַכן לאַנג און געשמאַק.

עס האָט ניט גענומען קיין האַלבע שעה צײַט, איז צווישן דעם יונגנמאַן יהושע לאַיעוו און זײַן יונגן פּראַקטעזשע געשלאָסן געוואָרן אַ גוט־פרײַנטשאַפט, וואָס איז געוואַקסן אַלע מינוט שטאַרקער און גרעסער. עס האָט זיך אַרויסבאַוויזן, אַז אָט דער יהושע לאַיעוו איז אַ יונגערמאַן אַ משכיל פון דעם טיפּ משכילים, וואָס יענער דור האָט פּראָדוצירט. אַ שיינער בעל־תנ״ך, אַ בלאַט גמרא, קלאָר אין אַלע מליצה־ספרים, קען גאַנצע שטיקער מאַפּו אױף אויסווייניק, קאָן מיט אײַך ריידן פון אַ „מורה־נבוכים״, פון אַ „כוזרי״, האָט אַ שיין הענטל צום שרײַבן. ער איז נאָר אַביסל שוואַכלעך אױף דקדוק. ווײַטער וועט ער זיך מיט אײַך אויסגלײַכן אומעטום. און צו דעם אַלעמען איז ער גלאַט אַ ליבער מענטש, האָט ליב מענטשן. זיי אַלע האָבן ליב מענטשן. און מחמת זיי זיצן אין אַ דאָרף, זײַנען זיי ממש זשעדנע, גייען־אויס נאָך אַ מענטשן... וואָס איז זייער געשעפט? זיי האַלטן פּאַסעסיעס אין דער אַרענדע, בײַם גראַף בראַניצקי און בײַם גראַף מאַלאַדעצקי... זיי לעבן ווי פּאָמעשטשיקעס, האָבן אייגענע פערד און קאַרעטעס, פאַרהאַלטן זיך זייער גוט מיט די פּריצים וואָס אַרום און אַרום, און די גויִים זײַנען נאָך זיי די כּפּרה...

מיט זײַן ריידן האָט דער יהושע לאַיעוו אַרויסבאַוויזן, אַז ס'איז אמת וואָס ער זאָגט, אַז זיי זײַנען זשעדנע אין דאָרף אַ מענטשן. דאָס מויל האָט זיך אים די גאַנצע צײַט ניט צוגעמאַכט, גלײַך ווי ער וואָלט וועלן אַרויסריידן אַלץ, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן בײַ אים פּאַר אַ לאַנגע צײַט אין דאָרף. ער האָט גערעדט אין שטוב, ער האָט גערעדט אין דרויסן, ער

האָט געערדט שוין זיצנדיק אין פּאַעטאָן און פּאָרנדיק מיטן נײַעם לערער אויף זײַנע אייגענע ברענענדיקע פערד פון דער פּאָסעסיע.

— געפעלט אײַך אַ פּאָר סוסים? — האָט אַ זאָג געגעבן בערל דער רויטער צום לערער, בעת דער יונגערמאַן יהושע לאָיעוו איז געגאַנגען זאָגן, מע זאָל שפּאַנען. און בערל האָט גענומען דערציילן גרויסקייט פון דעם יונגנמאַנס פּאַטער, וואָס פאַר אַ גביר, אַן אדיר דאָס איז, און וואָס פאַר אַן אָריגינעלער מענטש דאָס איז.

— איר דאַרפט גאָט דאַנקען, וואָס ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט...

עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער ייִד וויל, אייגנטלעך, מע זאָל אים זאָגן אַ דאַנק. נאָר אַ מכה! דאָס וועט ער בײַ אים ניט פּועלן, ער זאָל מיינען, אַז ער האָט געראַטעוועט אַ מענטשן פון הונגער... עס איז אים נאָר ניט אײַנגענעמען, זייער ניט אײַנגענעמען, וואָס ער קאָן אים איצט נישט באַצאָלן פאַר סטאַנציע. ער איז איצט זייער פאַרענגט אין געלט...

— איר זאָגט מיר בעסער, רב ייִד, וויפל... קומט אײַך?

בערל דער רויטער מאַכט־צו די אויגן:

— פאַר וואָס?

— פאַר... פאַר סטאַנציע, פאַר אַלצדינג... וועל איך אײַך אָפּשיקן פונעם אָרט... באַלד ווי איך וועל קומען...

— גייט שוין גייט, מע וועט לאַכן פון אײַך! — זאָגט בערל מיט אַ געלעכטער און שטופּט אים אָפּ פון זיך. און אין דעם קומט־אַרײַן אַ הויכער גוי מיט ווײַסע ברעמען, מיט אונטערטעניק־שמייכלענדיקע אויגן. ער הייסט אַנדריי. ער פרעגט זיך נאָך אויפן באַגאַזש פונעם „פּאַניטש", וואָס פאָרט מיטן „באַרין". שעמט זיך דער לערער פאַרן גוי, פאַר אַנדרייען, וואָס ער האָט ניט קיין באַגאַזש, און זאָגט, אַז זײַן באַגאַזש גייט נאָך... ער וועט אָנקומען נאָכדעם... דערווײַל האָט ער נאָר אָט דאָס פּעקעלע, וואָס ער וועט דאָס אַליין נעמען מיט זיך אין וואָגן אַרײַן. אַנדריי וויל אָבער נישט אָוועקגיין מיט ליידיקע הענט. אַ פּעקעלע — לאָז זײַן אַ פּעקעלע. און ער טוט אַ נעם דאָס פּעקעלע מיט צוויי פינגער און אַ טראָג־אַוועק, ווי אַ פעדערל. אַ מינוט שפּעטער איז ער שוין געזעסן מיט זײַן יונגן פּאַטראָן אין אַ גרויסאַרטיקן ווייכן פּאַעטאָן. אַנדריי האָט געגעבן אַ קנאַק מיט דער בײַטש, און צוויי גרויע פערדלעך מיט אונטערגעבויגענע עקן האָבן אים געטראָגן איבער פעלדער און איבער וועלדער, אין אַ נײַ אָרט, צווישן נײַע מענטשן, און עס איז אים גאָר אויף די געדאַנקען נישט געקומען, אַז אָט אָ דאָ, אויף דעם אָרט, וווּהין ער פאָרט איצטער, ווערט דאָס פאַרזיגלט זײַן גליק אויפן גאַנצן, גאַנצן לעבן...

אַן אומגעריכטער עקזאַמען

איז באָסלאַוו אַף דער סטאַנציע. — דער אַלטער לאַיעוו. — אַ מיידל מיט קאַוואַ־ליערן. — שפּילהאַגען, אויערבאַך און „טשטאַ דיעלאַט“. — וואָס וויל רש״י פון די בנות צלפחד, און ווי אַזוי שרייבט מען אַ בריוו צו אַ דירעקטאָר פון אַ צו־קער־פאַבריק? — ער האַלט־אויס דעם עקזאַמען און פאָרט אין דאָרף אַריין.

עס איז שוין געווען אַרום פאַרנאַכטלעך, ווען דער יונגער משכיל יהושע לאַיעוו מיט זיין פּראַטעזשע דעם לערער זיינען אַריינגעפאָרן אין דער שטאָט באָסלאַוו. אַף דער סטאַנציע, וווּ זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָבן זיי געטראָפן דעם פאָטער פונעם יונגן משכיל, דעם אַלטן לאַיעוו, וואַרטן אַפן זון.

דער איינדרוק, וואָס דער אַלטער לאַיעוו האָט געמאַכט אַפן לערער, איז געווען אויסערגעוויינלעך, ער האָט זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז אַ ייִד זאָל האָבן אַזאַ אויסזען. אַן אויסזען פון אַ גענעראַל, אַ פעלד־מאַרשאַל, מיט אַ קול פון אַ לייב. אין קורצע ווערטער האָט דער זון איי־בערגעגעבן דעם פאָטער, ווער איז דאָס בחורל, וואָס איז מיט אים גע־קומען, און וווּ און ווי אַזוי ער האָט זיך מיט אים באַקענט. אויסגעהערט דעם זון, האָט דער אַלטער אָנגעזאָפּלט די נאָז מיט אַ פּאָר ווייסע זילבער־נע ברילן און האָט ערנסט באַטראַכט דעם בחור, אַן איבעריקע צערעמאָ־ניעס, מיט אַזאַ פּנים, למשל, ווי מע באַטראַכט אַ געקויפטן פיש פונעם מאַרק... דערנאָך האָט ער אים אויסגעצויגן אַ וואַרעמע האַנט, און מיט אַ פריינטלעכער מינע, אַף וויפל ס'איז נאָר געווען מעגלעך פאַר אַזאַ שטרענגן פעלדמאַרשאַל, האָט ער אים אָפּגעשטעקט אַ שלום־עליכם און אָן צערעמאָניעס, און מיטן לשון „דו“, אַ פרעג געטאָן:

— ווי אַזוי רופט מען דיך?

געוואָרע געוואָרן פונעם בחור, אַז מע רופט אים שלום, האָט ער זיך אָנגערופן צו אים ווייך, ווי ווייט ס'איז מעגלעך געווען פאַר זיין לייבנ־שטים:

— הער־זשע אויס, שלום־סערצע, גיי זיי מוחל אַהין אין צווייטן חדר. איך וועל דאָ מיט מיין זון אָפּריידן געשעפט. דערנאָך וועל איך דיך אַריינרופן און מיר וועלן אַ ביסל שמועסן.

דאָס צווייטע צימער איז געווען אַ זאַל, אייראָפּעיִש גערעדט, אַ מין וועסטיבול פאַר געסט. דאָרט איז געווען דער בעל־הבית פון דער סטאַנציע, אַ געוועזענער שניטקרעמער, איצט אַף דער עלטער אַ בעל־אכסניה, מיטן נאָמען בערעלע עטלס, אַ ייִד מיט אַ בלויער נאָז, מיט רויטע דינע שלענגע־

לעך אַף דער נאָז; ער שטייט צונויפגעלייגט די הענט, טוט גאָרניט, נאָר ער רעדט. רעדט פון די אורחים, פון זייערע געשעפטן און פון זיך אַליין, אַז „גאָט האָט אים געשטראָפט, ער דאַרף אַף דער עלטער האַנדלען מיט לאָקשן־יויך"... זײַן ייִדענע, אַ קורצינקע, אַ דאַרינקע, מיט אַ „מושקע" אַפן קאָפּ און מיט געלע פּערעלעך אַפן האַלדז, דרייט זיך אַרום אין שטוב און שילט די קינדער זײַנע (זי איז בײַ אים די צווייטע פרוי), שילט די דינסט, שילט די קאַץ, ווײַזט אויס, ניט צופרידן מיט דער וועלט — אַ גרויסע פּעסימיסטקע! בײַם פּענצטער, איבער אַ ביכל, אַ ראָמאַן פון שפּילהאַגען, זיצט זייער מיזינקעלע, שיווקע בערעלע עטלס, אַ טעכטערל אַ יפת־תואר מיט אַ ווײַס קײַלעכיק פּנים, אַ מוראַדיקע קאָקעטן. צו איר זײַנען געקומען מיט באַזוך אַ צוויי־דרײַ יונגעלײַט מיט אונטערגעשוירענע בערדלעך — דער סאַמע צימעס פון דער באָסלאַווער אינטעליגענץ. מע פירט אַ געשפּרעך פון „ליטעראַטור". דער בעל־הבית מיט דער בלויער נאָז פירט־צו דעם יונגן לערער צו דער קאָמפּאַניע און שטעלט אים פאָר. פון וואַנען וויים דער אַלטער, ווער דער לערער איז? — בלײַבט אַ סוד. בכדי ס'זאָל אים ניט זײַן לאַנגווײַליק, ווענדט זיך צו אים דאָס מיידל די יפת־תואר מיט אַ ליבלעך שמייכעלע: צי האָט ער געלייענט „נאַ דיונאַך" פון שפּילהאַגען? לאָזט זיך אויס, אַז ער איז קלאָר אין גאַנץ שפּילהאַגען. נו, און אויערבאַך? „אויערבאַך אויך". נו, און „זאַפּיסקי יעווריעאַ" פון באָגראָוון? „ער קען אים אַף אויסווייניק". און דעם ראָמאַן „טשטאָ דיעלאַט?" „ווער האָט דאָס ניט געלייענט טשערנישעווסקי?"... „ווי געפעלט אײַך די הויפּט־העלדן?" „וויערא פּאַווּלאָווּנאַ? וואָס איז פאַר אַ שאלה!"...

דאָס מיידל די יפת־תואר און אירע קאַוואַליערן זײַנען אַנטציקט. איינער פון זיי, אַ „טשאַסטנע פּאָוויערענע" מיט אַ קלינגנדיקן נאָמען מענדעלסאָן, שטשיפּעט זיך בײַ די וואָנצעלעך, וואָס האַלטן ערשט אין שפּראָצן. עס ווײַזט אויס, אַז ער איז פאַרליבט אין דעם מיידל, ווי אַ קאַץ, און איז דעריבער מלא גזלן אַף דעם יונגן אורח, וואָס איז קלאָר אומעטום, ווי אַ וואַסער. וואַרפט ער אַף אים מיט בייזע אויגן און ווינטשט אים מסתמא בײַ זיך אין האַרצן, ער זאָל ברעכן רוק־און־לענד אַפן גלײַכן וועג... דאָס גיט־צו דעם העלד נאָך מער מוט, און ער שיט מיט פראַזן, ציטירט גאַנצע שטיקער אַף אויסווייניק, מישט גאָר אַרײַן אַזעלכע נעמען, ווי באָקל — „די געשיכטע פון ציוויליזאַציע אין ענגלאַנד", און דזשאָן סטיוּאַרד מילל — „וועגן פרײַהייט".. אַ בחורל אַ משכיל פון אַ פרעמדער שטאָט קומט צווישן מענטשן, באַדאַרף ער אויסלייגן וואָס ער האָט, באַווײַזן וואָס ער ווייס און וואָס ער קען.. און אַקוראַט סאַמע אין דער רעכטער היץ קומט־אָן דער אַלטער לאָיעוו מיטן זון יהושע לאָיעוו און ווערן נישט ווילנדיק צוהערער פון דער לעקציע, וואָס דער יונגער לערער פון פּערעיאַסלאַוו לייענט דאָ פאַרן יונגוואַרג. זיי קוקן זיך איבער

צווישן זיך און האָבן הנאה, זעט אויס. דערנאָך טוט אים אַ רוף דער אַלטער לאָיעוו:

— הער נאָר אויס, חברה־מאַן, וואָס איכל באַ דיר פרעגן. מײַן זון זאָגט מיר, אַז דו ביסט אין אונדזערע יידישע ספרים נישט ווינציקער קלאָר, צי געדענקסטו נאָך, וואָס רש״י וויל האָבן פון די בנות צלפחד?...

און עס גייט־אַוועק אַ שמועס פון רש״י. פון רש״י קומט מען אַרויף אויף דער גמרא. און עס גייט־אַוועק אַ פלפול פון לומדות און פון קענטעניש און פון השכלה, ווי געוויינלעך צווישן יידן, וואָס זײַנען היימיש אין די קליינע אותיות...

דאָס רופט אַרויס אַ סענסאַציע. דער פּוראָר איז אַזוי גרויס, אַז דער אַלטער לאָיעוו לייגט־אַרויף אויף אים די האַנט און זאָגט צו אים:

— פון די אַלע לערנעכצן און קענטעניש האָבן מיר שוין געזען, אַז עס קומט צו עפּעס, למשל, אַ קוויטל אָנשרײַבן, איז ניטאָ קיין לשון... אַ סימן — אָט שטייט אַ טינט און פּען; נעם, זײַ מוחל, שרײַב מיר אָן אַ בריוו אויף רוסיש אין דער צוקער־פאַבריק צו דעם דירעקטאָר, אַז מע וועט אים ניט צושטעלן מער קיין בוריקעס, ביז ער וועט ניט צושיקן אַזויפיל און אַזוי פיל געלט...

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס בריוול איז געווען מער ניט ווי אַן אָנשטעל, אַן אויסרייד, אַ מין עקזאַמען. דאָס אָנגעשריבענע בריוול איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, און אַלע האָבן באַוווּנדערט די זעלטענע האַנטשריפט, די קאַליגראַפיע פונעם בחור. דאָ איז אים בײַגעשטאַנען דער זכות פון זײַן רבין מאָניש פון פערעיאַסלאַוו. דער מלמד רב מאָניש וואָלאָוו, וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זײַן „ביינדל", איז געווען אַ זעלטענער קאַליגראַף, אַ מין קינסטלער פון דער נאַטור. אַ גאָלדענע האַנט. מיט זײַן געשריפטס האָט מען זיך אַרומגעטראָגן איבער דער שטאָט. ער האָט געמאָלט, ניט געשריבן. געווען אַ ייִד אַ כשרער, אַ גרויסער ירא־שמים, און נישט פאַרשטייענדיק קיין וואָרט רוסיש, האָט ער קאָנקורירט מיטן שרײַב־לערער פון דער „אויעזדנע". עס איז געווען ניט צו גלייבן, אַז אַ האַנט, ניט אַ מאַשין, זאָל אַזוי קאָנען שרײַבן! די תלמידים, און צווישן זיי אויך ראַבי־נאָוויטשעס קינדער, האָבן נעבעך געגוג געליטן פונעם רבין מאָנישעס „ביינדל". זיי האָבן אָבער אַ סך גענאַשט פון זײַן קאַליגראַפיע, פון זײַן שיין רוסיש שרײַבן, וואָס האָט זיי מיט דער צײַט געבראַכט גרויסע נוצן...

דערמיט אַליין האָט זיך דער עקזאַמען נאָך נישט געענדיקט. דער אַלטער לאָיעוו האָט פאַרלאַנגט פונעם יונגן לערער, ער זאָל זיך מטריח זײַן דאָס אייגענע בריוועלע איבערזעצן אין העברעיִש, „ווײַל דער דירעקטאָר פון דער צוקער־פאַבריק איז אַ ייִד"... אַזוי האָט דער אַלטער מאָטי־ווירט זײַן פאַרלאַנג. און פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אויך געווען שײַך צום עקזאַמען.. און נישט לאַנג געטראַכט, האָט דער לערער דאָס בריוול

איבערגעזעצט אין העברעיש, מליצהדיק, אזוי געפלייסט זיך, אז דאס כתב זאל זיין וואס שענער, געקינצלט און געצוקט, די שורות געדיכט, אויסגע־מאסטן, פערלדיק און צאצקעדיק. דא האט זיך שוין געמיט דער זכות־אבות פון נאך א פריעריקן מלמד, פון רב זרחן. דאס וואס דער רבי מאניש איז געווען אין רוסיש איז דער רבי זרח געווען אין יידיש.

בקיצור, דער לערער האט דעם אימפראוויזירטן עקזאמען אויסגע־האלטן גלענצנד. פאר קוראזש דרייט זיך אים אזש דער קאפ. ער פילט, אז עס פלאמט אים איין אויער. די פאנטאזיע כאפט אים ארויף אף אירע פליגלען און טראגט אים אוועק אין דער וועלט פון זיסע חלומות און כישופדיקע געדאנקען. ער זעט זיך א גליקלעכן, א שיינענדיקן. יענער חלום פונעם „אוצר" הייבט־אן מקוים צו ווערן, און גאר אף א נאטירלעכן אופן: ער קומט צו פארן אפן ארט, אזוי שטעלט ער זיך פאר אין דער פאנטא־זיע, באקענט זיך מיטן אלטן לאיעווס טאכטער... זיי פארליבן זיך איינס אין דאס אנדערע און דעקן־אויף זייער סוד פארן אלטן... דער אלטער לייגט־ארויף אף זייערע קעפ זיינע הענט און בענטשט זיי: „זייט גליקלעך, ליבע קינדער!"... שרייבט דער בחור אוועק א בריוו צו זיין טאטן קיין פערעיאסלאוו: „אזוי און אזוי, ליבער פאטער, קום צו פארן"... און מע שיקט־ארויס נאך אים א פאעטאן מיט ברענענדיקע פערד... און סאמע אין רעכטן חלום שלאגט מען אים איבער. דער אלטער לאיעוו גייט־צו צו אים, רופט־אפ דעם בחור אף א זייט און הייבט־אן צו ריידן מיט אים מכח „אכצן און דרייצן". דאס הייסט, וועגן געצאלטס. „אדער אפשר וועלן מיר דאס איבערלאזן אף אן אנדערס מאל, אף שפעטער?"... און ער פילט זיך, ווי א מענטש, וואס האט נאר־וואס זיס איינגעדרעמלט און געפלאנטעט חלומות — פלוצעם איז מען געקומען און מע האט אים אויפגעוועקט!...

ווי א רויך זיינען זיך צעגאנגען די זיסע חלומות. ווי א שאטן האט זיך אויפגעהויבן די צעווארעמטע פאנטאזיע, און דער גאנצער כישוף מיטן אוצר, מיט אלע גוטע זיסע געדאנקען, זיינען פארשווונדן געווארן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

דערווייל ווערט נאכט און מע דארף שוין פארן. פון דער שטאט באסלאוו ביזן דארף איז נאך דא א פאר מייל. צוויי שעה פארעכטס. די פערד שטייען שוין געשפאנט. אנדריי דער קוטשער טראגט א גאנצע וואַ־ליזע אין פאעטאן אריין. אין דרויסן איז קילבלעך.

— אט אזוי ועסטו פארן? — זאגט דער אלטער לאיעוו צום לע־רער. — דו גייסט דאך אדם־נאקעט; וועסט דערפרוירן ווערן, צו אלדי גוטע יאר! אנדריי! אהער די בורקע!

אנדריי שלעפט־ארויס פון אונטער זיך א ווארעמע וואלענע בורקע. דער אלטער אליין העלפט דעם לערער די בורקע אנצוטאן אף די ארבל.

די בורקע איז רעכט ווארעם און עס איז אײַנגענעם אין איר צו זיצן. נאָר עס גייט אים ניט אײַן. ווארעם דאָס מיידל, שיווקע בערעלע עטלס, מיט אירע קאוואַליערן שטייען באַם פענצטער און זעען, ווי דער אַלטער טוט אים אָן די בורקע. עס דאַכט זיך אים אויס, אַז זיי לאַכן... און פאַרן קוטשער, פאַר אַנדרייען, איז אויך אַ בזיון. וואָס טראַכט זיך וועגן אים אָט דער גוי?...

69

אַ ייִד אַ פּאַמעשטשיק

א ייִדיש - פּריציש הויז. — ער לערנט זיך דעם שלחן־ערוך פון עטיקעט. — דעם אַלטן לאַיעווס ביבליאָטעק. — אַ זעלטענער טיפּ פון אַ ייִדישן גוטבאַזיצער.

עס איז שוין געווען רעכט נאַכט, אַז זיי זײַנען אַרײַנגעפאָרן אין דאָרף אַרײַן אַלע דרײַ: דער אַלטער לאַיעוו, זײַן זון דער משכיל יהושע און דער יונגער לערער פון פּערעיאַסלאַוו. דורכגעפאָרן פאַרבײַ אַ סך נידעריקע פינצטערע גויִישע הײַזלעך און דורכגעלאָזט אַ גרויס ברייט גרין פעלד — אַ „וויגאָן" ווערט דאָס אָנגערופן אין דאָרף — און אַ גרויסן „טויק" מיט הויכע סטערטעס שטרוי און היי און נאָך ניט געדרעשט ברויט, האָט זיך דער פאַעטאָן אָפּגעשטעלט באַ אַ גרויסן ברייטן פּריצישן הויף. דער קוטשער אַנדריי האָט נאָך ניט באַוויזן אָפּצושטעלן די פערד, האָט זיך דער הילצערנער טויער ווי פון זיך אַליין ברייט צעעפנט. באַם טויער איז גע־שטאַנען אַ גוי אָן אַ היטל. דער גוי האָט זיך טיף פאַרנייגט פאַרן בעל־הבית און דורכגעלאָזט דעם פאַעטאָן, וועלכער האָט זיך נאָך אַ ווײַלע גע־קײַקלט ווי אויף אַ וווייכן טאַפּעט און איז צוגעפאָרן צו אַ גרויסער, ברייטער, ניט קיין הויכער, ווײַסער פּריצישער שטוב, דווקא מיט שטרוי געדעקט, און מיט צוויי גרויסע גאַנקעס באַ די זײַטן. פון יענער זײַט שטוב — אַ גאָרטן. אינעווייניק איז די שטוב, ווי אויסווייניק, געקאַלכט מיט ווײַסן. פּראָסט מעבלירט. אַ סך פענצטער. חדרים — אָן אַ שיעור. אין שטוב דרייען זיך אַרום דינסטן מיט שטילע טריט, אַזוי ווי שאָטנס. אויף די פיס באַ זיי — ווייכע שיך, ס'זאָל ניט קלאַפּן. קיינער וואָגט ניט אַ וואָרט אויסצורײדן, בעת דער אַלטער איז אינדערהיים. אַ שטרענגע דיסציפּלין. ריידן הערט מען נאָר אים אַליין, דעם בעל־הבית. זײַן לייבנשטים קלינגט, ווי אַ גלאָק. אינעם ערשטן גרויסן חדר, באַ אַ לאַנגן שיין געדעקטן טיש, איז געזעסן אַ פרוי, אַ יונגע, אַ הויכע, אַ שיינע. דאָס איז דעם אַלטנס ווײַב, די צווייטע פרוי. נעבן איר איז געזעסן אַ מיידל פון אַ יאָר דרײַצן־

פערצן, זייער איינציקע טאָכטער, א קאָפּיע פון דער מוטער. דער אַלטער האָט זיי פאָרגעשטעלט דעם יונגן לערער און מע האָט זיך געזעצט עסן וועטשערע.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס דער העלד פון דער ביאָגראַפיע האָט זיך געפונען בא אַן אריסטאָקראַטישן טיש, ווו דאָס עסן קומט־פאָר מיט דער גאַנצער צערעמאָניע, סערווירט פון א לאָקיי מיט ווײַסע הענטשקעס. דער לאָקיי איז אַפילו א פּראָסטער שייגעץ מיטן נאָמען „וואַנקאַ", נאָר דער אַלטער האָט אים אויסגעקליידט און אויסגעדרעסירט אַפּן פּריצישן שטייגער. פאַר א מענטשן, וואָס איז ניט געוווינט געוואָרן צו א סך טעלער און טעלערלעך, לעפל און לעפעלעך, גלעזער און גלעזלעך, איז שווערלעך אויסצוהאַלטן אזאַ אריסטאָקראַטישן טיש און נישט פאַרזינדיקן זיך קעגן אַלע פאָדערונגען פון עטיקעט. מע דאַרף זײַן אַף דער וואַך, האַלטן קאָפּ... מע מוז זיך מודה זײַן, אַז דער בחור האָט ביז דעמאָלט ניט אָנגעהויבן צו וויסן, אַז מע זיצט באַם עסן, באַדאַרף מען אָפּהיטן דעם גאַנצן שלחן־ערוך פון עטיקעט, וואָס אין א געוויינלעכער יִדישער שטוב איז מען אַף דעם ניט מקפּיד. אין א געוויינלעכער יִדישער שטוב עסן אַלע פון איין טעלער, טונקען־אײַן די פרישע חלה אינעם פעטן סאָוס, אָדער עסן גאָר מיט די הענט. אין א בעל־הבתישער יִדישער שטוב ווייסט מען ניט פון קיין באַזונדערע דינים און מנהגים, ווי אַזוי צו זיצן באַם טיש און צו באַדינען זיך מיטן לעפל, מיטן מעסער און מיטן גאָפּל. אין א בעל־הבתישער יִדישער שטוב איז גענוג, אַז מע וויים, אַז מע באַדאַרף איבערלאָזן אין טעלער א שטיקל פיש אָדער פלייש, „אַף דרך־ארץ". ווײַטער מעג מען זיצן ווי אַזוי מע וויל, עסן וויפל מע וויל, און רייניקן די ציין מיטן גאָפּל איז אויך אָן א סכנה. ווער זאָגט עס דען, אַז ס'איז פאַראַן ערגעץ א מין עטיקעט אַף דער וועלט? ווער און ווו האָט דאָס אזאַ שלחן־ערוך אַמאָל געשריבן? ניין, די אַלע דינים און מנהגים פון עטיקעט האָט דער יונגער רעפּעטיטאָר אין ערגעץ ניט אויסגעלייענט. ער האָט נאָר אין זינען געהאַט איין זאַך: אַז מע דאַרף נאָכקוקן, *וואָס אַנדערע טוען* — נישט מער. פאַרשטייט זיך, אַז קיין הנאה פונעם עסן קאָן מען נישט האָבן, אַז מע דאַרף תמיד זײַן אַף דער וואַך, שטענדיק אַכטונג געבן, טאָמער האָב איך געכאַפּט אַן איבעריקן ביסן, אָדער טאָמער האָב איך דאָס מעסער מיטן גאָפּל נישט געהאַלטן ווי עס געהער צו זײַן, אָדער טאָמער האָב איך צו א שטאַרקן זופּ געטאָן, אָדער טאָמער האָט עמעצער געהערט ווי איך קײַ... דאַנקען גאָט, דעם עקזאַמען פון עטיקעט האָט דער לערער אויך אויסגעהאַלטן גלענצנד, נאָר פונעם טיש איז ער די ערשטע עטלעכע מאָל אַוועקגעגאַנגען א הונגעריקער. נאָך די אַלע שיינע צערעמאָניעס, פילע פּאָטראַוועס און אויסגעצייכנטע מאַכלים האָט זיך שטאַרק געבענקט נאָך א שטיקל פריש ברויט מיט הערינג

און מיט ציבעלע, און נאָך הייסע זאַמדיקע קאַרטאָפל אין די העמדלעך, און נאָך אַ גוטע קרויט, וואָס לאָזט זיך הערן דערנאָכדעם אַ גאַנץ מעת־לעת... עס האָט געמוזט נעמען צײַט, ביז ער האָט זיך צוגעוווינט צו דעם רעזשים פון צירלעך־מאַנירלעך. דערווײַל האָט דער בחור געמוזט, ווי עס רעדט זיך, נאָכשטופּן די קאַרעטע, „האַלטן שטאַט", ניט אַרויסגעבן זיך חלילה מיט זײַנע דעמאָקראַטישע גענג און פּראָלעטאַרישע געוווינהײַטן. מיט איינעם וואָרט — זײַן גלײַך מיט אַלע. און דעם אמת מוז מען זאָגן, אַז מע האָט דאָ געקוקט אױף אים פון דעם ערשטן טאָג אָן ניט ווי אױף אַ פרעמדן, נאָר ווי אױף אַ גלײַכן, אַן אייגענעם. פּאָרט אַ „טאַטנס אַ קינד". אַזוי האָט געפּסקנט דער אַלטער און האָט גאַנץ אָפנטלעך אַרויסגעזאָגט זײַן מיינונג וועגן דעם לערער אים אין די אויגן, אַז ער, דער לערער, איז אַ „טאַטנס אַ קינד". און אַ „טאַטנס אַ קינד" באַדאַרף מען אַנדערש באַהאַנדלען.

קודם כל, האָט מען אים אָפּגעגעבן אַ באַזונדער חדר, צוגעקליבן פּראָסט, נאָר מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן און מיט דער בעסטער באַדינונג. דאָרט האָט ער געהאַט גענוג צײַט און גענוג פרײַהייט צו טאָן וואָס ער וויל. לערנען מיט דער שילערן איז גענוג געווען אַזעלכע צוויי־דרײַ שעה אין טאָג. די איבעריקע צײַט האָט ער געקאָנט אויסנוצן פאַר זיך — לייענען ביכער אָדער שרײַבן. און געלייענט האָט ער אַלץ, וואָס ס'איז געקומען צו דער האַנט. דער אַלטער האָט אַליין ליב געהאַט צו לייענען און האָט ניט געזשאַלעוועט קיין געלט אױף צו קויפן אַלע מאָל נײַע ביכער. און אַזוי ווי קיין אַנדער שפּראַך, אַ חוץ העברעיִש, האָט דער אַלטער ניט געלייענט, איז זײַן ביבליאָטעק באַשטאַנען מער פון העברעיִשע ביכער (יִידיש איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אין דער מאָדע). קלמן שולמאַן, מאַפּו, סמאָלענסקין, מאַנדעלקערן, גאָטלויבער, יהל"ל, יצחק־בער לעווינזאָהן, מרדכי־אהרן גינזבורג, יצחק ערטער, דאָקטער קאַמינער, חיים־זעליק סלאָנימסקי — אָט דאָס זײַנען געווען די נעמען פון די שרײַבערס, וואָס האָבן באַשײַנט די ביבליאָטעק פון דעם דאָרפישן מאַגנאַט, דעם פּאָסעסאָר לאָיעוו. אין די אַלע אויסגערעכנטע ביכער איז דער אַלטער לאָיעוו געווען קלאָר כמעט אױף אויסווייניק און האָט ליב געהאַט זיי ציטירן און דערציילן פון זיי אַלע מאָל איבעראַנײַס. עס איז זעלטן געווען צו באַגעגענען אַ מענטשן מיט אַזאַ זכרון און מיט אַזאַ כח הדבור, ווי דער אַלטער לאָיעוו. ער האָט געהאַט אַן אמתן טאַלאַנט אױף איבערצודערציילן אַ זאַך מיט זײַן אייגענעם לשון. איך וואָלט געזאָגט, אַז ער איז געווען אַן אָראַטאָר. ער האָט געהאַט אין זיך אַ גוזמא הומאָר. זײַנע מעשיות זײַנען געווען שפּאַנענדיק. אַ מענטש פון גרויסע דערפאַרונגען און אַ סך איבערלעבענישן, האָט ער געהאַט צו דערציילן און צו דערציילן, און אַלע מאָל מיט גרויסן אינטערעס. ער האָט ניט נאָר דערציילט —

ער האָט געדיכטעט, געשאַפֿן, געמאָלן בילדער מיט אַלערליי פֿאַרבן. דאָרט ווו ער האָט זיך געפֿונען, האָבן געמעגט זײַן ווער ווייס וויפֿל מענטשן, האָט מען געהערט נאָר אים, און ווײַטער קיינעם ניט.

בכלל איז דאָס געווען אַ זעלטענער טיפּ, אַ גרויסער אָריגינאַל, אַ ייִד נישט ווי אַלע ייִדן. אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין אַ פֿרומער ייִדישער שטוב, אין אַ ייִדישער שטאָט, אין באָסלאַוו, איז געווען צו באַוווּנדערן, ווי אַזוי איז דאָס אַרויסגעוואַקסן פֿון דאָרטן אַזאַ מין עקזעמפּלאַר? ווי קומט צו אַ באָסלאַווער ייִדן גאָר אַ השגה צו פֿירן אַ פּרייציישן שטאַט, ליב האָבן ערד און אָפּגעבן זיך אינגאַנצן צו פֿעלד־אַרבעט? עס איז ווערט געווען אָנצוקוקן אים אין אַ פֿרימאָרגן, אָנגעטאָן אין הויכע גלאַנצנדיקע באָטפֿאָרטן און אין אַ קורץ סאַמעטן רעקל ביז די קני, שטיין אַפֿן טויק באַ דער דרעשמאַשין, קאָמאַנדעווען מיט די אַרבעטער און וואַרפֿן די סנאָפּעס אין קאַסטן אַרײַן, אָדער דרייען די „וועיעלקע", אָדער וואַרפֿן מיט דער „רעשעטע". אומעטום איז ער געווען אַליין: באַם אַקערן, באַם זייען, באַם פֿאָלען, באַם גראָבן, באַם שנײַדן, באַם אַרײַנפֿירן און אַרויספֿירן די תבואה, באַ די פֿערד, באַ די אָקסן, באַ די בהמות — אומעטום אַליין. איך מיין, אַז אויב עס וואָלט ווען אַמאָל געווען נייטיק צו באַווײַזן פֿאַר פֿרעמדע פֿעלקער אַ מוסטער פֿון אַ ייִדן אַ פּאָמעשטשיק, אַ גוטבאַזיצער און אַן אמתן פֿעלדאַרבעטער, וואָלט דער אַלטער לאַיעוו געווען דער בעסטער מוסטער. קריסטן האָבן אָפֿנטלעך אַרויסגעזאָגט, אַז באַ דעם ייִדן באַדאַרף מען זיך גיין לערנען ווי צו פֿירן בעל־הבתישקייט, ווי צו באַאַרבעטן די ערד אַפֿן בעסטן שטייגער און ווי צו באַגיין זיך מיט די אָרעמע אַרבעטער, אַז זיי זאָלן זײַן צופֿרידן. אַלע מוזשיקעס פֿון דאָרף, אָן אַ שום אויסנאַם, זײַנען געווען נאָך אים די כּפּרה. נישט נאָר האָבן זיי געציטערט פֿאַר אים און געהאַט דרך־ארץ — זיי האָבן אים ליב געהאַט, פּשוט ליב געהאַט. דערפֿאַר, וואָס ער איז זיך באַגאַנגען מיט זיי, ווי אַ מענטש, ווי אַ פֿרײַנט און ווי אַ פֿאָטער. אַזאַ מין באַנעמונג האָבן די גוייִם קיינמאָל ניט געזען פֿון די פֿריִערדיקע בעלי־בתּים, פֿון די פּוילישע פּריצים. מע דאַרף געדענקען, אַז דער עלטערער דור מוזשיקעס האָבן נאָך ניט פֿאַרגעסן דעם טעם פֿון „פּאַנשטשינע". אַף זייערע לײַבער האָבן זיי נאָך געטראָגן סימנים פֿון שמיץ. און דאָ באַגייט מען זיך מיט זיי, ווי מיט מענטשן, ניט ווי מיט „סקאָט". הײַנט דער צוטרויען, וואָס זיי האָבן געהאַט צום בעל־הבית. זעלטן ווער פֿון זיי אינעם גאַנצן דאָרף האָט געקאָנט צונויפֿרעכענען, וויפֿל עס באַטרעפֿט צוויי מאָל צוויי. באַם חשבון האָבן זיי זיך אינגאַנצן פֿאַרלאָזט אַפֿן אַלטן. זיי זײַנען געווען זיכער, אַז ער וועט זיי ניט אָפּנאַרן אַף קיין פּרוטה אפֿילו.

עס איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן, וואָס פֿאַר אַ ווענדונג וואָלט אָנגענומען די היסטאָריע פֿונעם ייִדישן פֿאָלק און וואָס פֿאַר אַ ראָלע מיר

וואָלטן געשפּילט אין דעם עקאָנאָמישן און אין דעם פּאָליטישן לעבן פונעם לאַנד, ווען ניט די געוויסע „ווערעמענע פּראַווילעס“, וואָס דער מיניסטער איגנאַטיעוו האָט אָנגעכמאַרעט אַף די ייִדן, אַז זיי זאָלן ניט טאָרן זיצן אין די דערפער און ניט קויפן און ניט דינגען קיין ערד אַף צו באַאַרבעטן איך זאָג עס דערפאַר, ווייל אַזעלכע פעלד־בעלי־בתים, ווי דער אַלטער לאָיעוו, זיינען אין יענעם געגנט, ווי אויך אין אַנדערע געגנטן פון דער געבענטשטער „טשערטאַ“, געווען ניט קיין זעלטנהייט. באָסלאַווער, קאַני־ווער, שפּאָלער, רזשישטשעווער, טאַראַשטשער, זלאַטאָפּאָלער, אומענער און נאָך אַ סך אַנדערע ייִדן האָבן זיך אַ לאָז געגעבן פון די קליינע שטעטלעך אין דאָרף אַריין, אָפּגעדונגען גרויסע און קליינע פּאָסעסיעס, גענומען אין דער אַרענדע פּריצישע פּאָלוואַרקעס, באַוויזן וווּנדער, גע־מאַכט פון שלעכטער ערד, פון פאַרלאָזענע חורבות אַן אמתן גן־עדן. דאָס איז ניט קיין איבערטרייבונג, קיין גוזמא־זאַך. די דאָזיקע ווערטער האָט דער פּראָפעסאָר פון די דאָזיקע כתבים אַליין געהערט פון אַ באַרימטן רוסישן פּאָמעשטשיק, אַ קריסט, מיטן נאָמען וואַסילי פּיאָדאָראָוויטש סימערענקאָ, מיט וועלכן דער אַלטער לאָיעוו איז געשטאַנען אין נאָענטע געשעפטס־פאַרבינדונגען און מיט וועלכן מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען. מיט איינעם וואָרט — איר האָט פאַר זיך אַ טיפּ פון אַ ייִדן אַ פּריץ, אַ ייִדן אַ פּאָמעשטשיק, וואָס איז, ליידער, דורך אַ בייזער האַנט אַרויסגעריסן גע־וואָרן מיטן וואָרצל און איז אָפּגעשטאָרבן פאַר דער היסטאָריע אפשר אַף לאַנגע־לאַנגע יאָרן.

70

דאָס לעבן אין דאָרף

דאָס דאָרף „סאָפּיעווקאַ“. — דער מחבר פון די באַשרייבונגען באַקענט זיך מיט דער דרויסנדיקער וועלט. — דריי גוטע יאָרן. — דער לערער מיט דער שילערן ווערן נאָענט, ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. — באַ די ביכער, אַפּן פעלד און באַ די שכנים.

דאָס דאָרף, וווּהין דער פּראָפעסאָר פון די דאָזיקע געשיכטעס איז גע־בראַכט געוואָרן, האָט געהערט צום גראַף בראַניצקי און האָט זיך אָנגערופן מיטן נאָמען „סאָפּיעווקאַ“. געבראַכט איז ער געוואָרן אַהער אַלס אָנגע־שטעלטער, אַלס לערער, אַף אַ קורצע צייט, און איז שוין פאַרבליבן דאָ אַף שטענדיק. דאָ האָט ער געפונען זיין צווייטע היים. דאָ האָט זיך פאַרזיגלט, ווי מיר וועלן דאָס ווייטער זען, זיין גליק און זיין לעבן אַף אייביק... דער־

ווײַל האָט ער אַלס לערער פאַרבראַכט אין דעם דאָרף עטוואָס קאַרגער פון דרײַ יאָר. די דאָזיקע דרײַ יאָר מעגן פאַרצייכנט ווערן אַלס די בעסטע, די שענסטע און די גליקלעכסטע פון זײַנע יאָרן. מע קאָן זאָגן, אַז דאָס איז געווען באמת דער פרילינג פון זײַן לעבן. דער פרילינג אין אַלע אופנים. דאָ האָט ער געהאַט די בעסטע געלעגנהײַט נענטער צו באַקענען זיך מיט דער נאַטור, מיט גאָטס וועלט, מיט גאָטס ערד. מיט דער ערד, פון וואַנען מיר זײַנען אַלע געקומען און וווּהין מיר אַלע זײַנען אָנגעברייט אַוועקצוגיין. דאָ האָט ער דערזען, פאַרשטאַנען און דערפילט, אַז אונדזער אָרט איז דאָ, אַף דער נאַטור, און ניט נאָר אָט דאָרטן, אין דער שטאָט. דאָ איז ער געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז מיר זײַנען אַ טייל פון דער גרויסער, דרויסנדיקער וועלט, און אַז מיר האָבן אַלע מאָל געבענקט און וועלן תמיד בענקען נאָך דער מוטער־ערד. אַז מיר האָבן אַלע מאָל ליב געהאַט און וועלן תמיד ליב האָבן די נאַטור. אַז עס האָט אונדז אַלע מאָל געצויגן און עס וועט אונדז תמיד ציִען אין דאָרף אַרײַן. איך וויל האָפן, אַז דער גוטהאַרציקער לעזער וועט מיר איצטיקס מאָל מוחל זײַן פאַר מײַן קורצע הקדמה. איך קאָן מיך נישט דערמאָנען אָן דעם דאָרף און ניט אַרויסזאָגן די געפילן, וואָס זײַנען מיט דעם פאַרבונדן. און האָב איך שוין אַרויסגעזאָגט, קאָנען מיר שוין אַריבערגיין צום דאָרף גופא און געבן אַ גענויע באַשרײַבונג פונעם דאָרפישן גליקלעכן לעבן.

געשלאָפן אין אַ גרוים ליכטיק צימער בײַ פאַרמאַכטע לאָדן, כאַפּט זיך אויף דער לערער אינדערפרי, טוט אַ שטופּ מיט דער האַנט פון זיך — עפנט זיך אויף דאָס פענצטער מיטן לאָדן אינאיינעם, און עס רײַסט זיך אַרײַן אַ סנאָפּ ליכט, מיט אַ וואַרעמקייט פון דער זון, מיט אַן אַראָמאַט פון רעזעדאַ, אויסגעמישט מיט אַ ריח פון מיענטע און פון פּאָלין, מיט נאָך פאַרשיידענע מינים ריחות פון גראָזן, וואָס מע ווייס ניט זייערע נעמען. די גראָזן זײַנען, זאָגט מען, דאָ געווען אַמאָל פאַרזייט פונעם גראָף בראַניצקי. נאָר איצט וואַקסן זיי אַליין פון זיך, אינאיינעם מיטן פּראָסטן בוריאַן, שטעכעלקעס און קראָפּעווע. אין מיטן זומער זײַנען די גראָזן אַזוי הויך געוואַקסן, אַז דער לערער מיט דער שילערן זײַנען ניט איינמאָל געגאַנגען ביז איבערן האַלדז און האָבן זיך געקאָנט באַהאַלטן איינס פון דאָס אַנדערע און זיך נאָכדעם לאַנג זוכן און — געפינען. פונעם אויפעפענען דאָס פענצטער מיטן לאָדן האָט אַ קוואָקעדיקע הון מיט איר משפחה זיך ספּאָלאָשעט און אַ ביסל אָפּגעטרעטן אַף אַ זײַט. זי האָט זיך אָבער באַלד אומגעקערט צוריק, געשאַרט און געפּיקט אין מיסט און געלערנט אויך די קליינע הינדעלעך, ווי אַזוי צו שאַרן און צו פּיקן.

דאָס אויפשטיין, דאָס אָנטאָן זיך מיטן אײַנוואַשן זיך נעמט נישט קיין סך צײַט, און עס איז נאָך גאָרניט אַזוי שפּעט. נאָר אַז דער לערער קומט אַרויס, טרעפט ער שוין קיינעם ניט אין שטוב. דער אַלטער לאָיעוו איז

שוין לאנג בא דער ארבעט אפן „טויק", פון וואנען עס לאזט זיך הערן דאס גראגערן פון דער דרעשמאשין. דעם אלטנס פרוי איז בא די אינדיקעס, בא די גענדז מיט די קאטשקעס און די איבעריקע עופות — א גאנצע מלוכה פון עופות! פון די ברייטע פעלדער ציען זיך פאוואליע גרויסע אקסן־פורן מיטן אפגעשניטענעם ברויט. פון דער ווייטן קאן מען כאפן מיטן אויג דעם לאן מיט ווייץ. א סך איז שוין אפגעשניטן און צונויפגעלייגט קופעס־וויז אין די סנאפעס. און א סך שטייט נאך אין די געלע צייטיקע זאנגען, רירט זיך און שאקלט זיך כוואליעסווייז פון א גרינג ווינטעלע, וואס לויפט פארביי. אף יענער זייט לאן, דארט ווו עס ענדיקט זיך דאס ברויט, הייבן זיך אן די גרויסע גרינע בלעטער פון די בוראקעס, וואס וואקסן גלייכע שורות־ווייז. צווישן זייערע רייען, גאנץ שיטער, שטייען, ווי סאלדאטן אף דער וואך, די הויכע „סאנישניקעס" מיט די גרויסע געלע קוטשמעס. פייגעלעך האבן ליב צו קלייבן זיך ארום די סאנישניקעס און ארויספיקן פון זיי איינציקווייז די נאך ווייסע, נאר שוין זיסע, סעמעטשקעס. נאך ווייטער גייט דאס דעמבענע געדיכטע וועלדל, מיטן נאמען די „טורטשינא". דעמאלט, ווען פריצים זיינען דא געזעסן, איז מען געגאנגען אהער שיסן, „נא פאליעוואניע". איצט, אז די פאסעסיע האלט א ייד, קאנען די אומשולדיקע האזן און גאט די נשמה שולדיקע פייגעלעך זיין גאנץ רויק. יידן שיסן ניט. יידן קאנען באשטיין צו ציען אנדערע נוצן פונעם וואלד. פון דעם וואלד האט דער אלטער לאיעוו ארויסגעפירט א היפש ביסל געהילץ און האט אנגעבויט שטאלן מיט שטעלכעלעך, קאמערן מיט קעמערלעך, אמבארן פאר תבואה און סאראיען מיט סטאנים פאר אקסן און פאר פערד, און וועגן און שליטנס און נאך זאכן, וואס ווערן אנגערופן מיט אן אלגעמיינעם נאמען „רעמאנענט".

נאכן ערשטן אנבייסן און נאך דער ערשטער שטונדע מיט דער שילערן נעמט דער לערער א שפאציר אין גארטן. אמאל אליין און אמאל אינצווייען, טאקע מיט דער שילערן. עס איז שווער צו זאגן, ווען איז דער גארטן שענער: צי ארום שבועות־צייט, ווען דיביימער האלטן אין רעכטן בליען? צי דעמאלט, ווען עס האבן זיך נאר־וואס אנגעהויבן צו רויטלען די וויימפערלעך מיט די אגרעסן? צי העט־שפעט, שוין סוף זומער, ווען די עפל הייבן־אן אליין צו פאלן און עס בלייבן די פארשפעטיקטע קיילעכיקע שווארצע פלוימען, וואס מע רופט זיי „טשערקוסן"? אין יעדער צייט האט זיך דער גארטן זיין רייץ מיט זיין חן. אין יעדער צייט געפינען די שפאצירנדע, דער לערער מיט דער שילערן, עפעס נייס. מעגן זיין די אגרעסן נאך גרין אזוי ווי גראז און זויער אזוי ווי עסיק — מאכט נישט אויס. מע צעשטעכט זיך די הענט און מע רייסט־ארויס די גרעסטע פון זיי, די וואס הענגען־אראפ און לייכטן זיך דורך אף דער זון. און ווער שמועסט א ביסעלע שפעטער, ווען די וויימפערלעך גיסן זיך אן מיט רויטן ווייַן און

בלישטשען אף דער זון — דעמאָלט בעטן זיי זיך, מע זאָל פאַרזוכן נאָך אַ בינטל און נאָך אַ בינטל. מע פאַרזוכט אַזוי לאַנג, ביז עס ווערן הײַליק די ציין. דאָס אייגענע איז מיט די ווײַנשל און מיט די קאַרשן און מיט די אַלע איבעריקע אויבסטן און פּירות, וואָס קומען־אויף און ווערן צײַטיק נישט אַלע אויף איין מאָל. אמת, דאָס זײַנען אַלץ אַזעלכע זאַכן, וואָס מע קריגט עס אין שטאָט אויך, וואָס מע קאָן עס קויפן פאַר געלט. עס האָט אָבער נישט דעם טעם מיט דעם ריח, ווי בעת איר רײַסט דאָס אַליין אַראָפּ פונעם בוים. ובפרט אַז איר זײַט ניט אַליין, נאָר אינצווייען מיט אַ מיידל, וואָס איז אײַך ליב און טײַער, מיט אַ מיידל, וואָס איר זײַט איר ליב און טײַער, ווי אַן אייגענער, ווי אַ ברודער...

ווי דען האָט די שילערן אַנדערש געקאָנט באַציִען זיך צום לערער, אַז ניט ווי צו אַ ברודער, ווען אירע פאָטער און מוטער האָבן זיך באַצויגן צו אים, ווי צו אַ קינד? עס איז נישט געווען קיין שום אונטערשייד בא זיי צווישן אים און צווישן זייערע אייגענע קינדער. אַזוי ווי די אייגענע קינ־דער, אַזוי האָט דער לערער זיך געבאָדן אין גוטס, נישט געוווּסט פון קיין נויט און פון קיין זאָרג און פון דעם, וואָס געהער זיך אָן מיט געלט. דאָס מין געלט האָט אין יענער שטוב בכלל נישט עקזיסטירט. דאָס הייסט, געלט איז געווען אַ סך, גאָר אַ סך. נאָר קיינער, אויסער דעם אַלטן, האָט נישט געוווּסט דעם ווערט פון דעם און נישט געפילט, אַז עס פעלט. אַלץ איז געווען גרייט און אַלץ פון דער פולער ברייטער האַנט. דאָס עסן, דאָס טרינקען, דאָס קליידן זיך און שיכן זיך און דאָס אַרויספאָרן מיטן גלאַנץ און מיטן קנאַק. אַף יעדן טריט אַ באַדינער. מענטשן און פערד וויפל איר ווילט און ווען איר ווילט. און באַווײַזט איר זיך אין דאָרף, בייגן זיך פאַר אײַך אַלע גוייִם, נעמען־אַראָפּ דאָס היטל. געבוירענע גראַפן באַדאַרפן זיך ניט פילן בעסער, פרײַער און בכבודער.

געקומען דער אַלטער פון דער אַרבעט, באַדעקט פון קאָפּ ביז פיס מיט שטויב, מיט שטרוי און מיט זאַנגען. ער וואַרפט אַראָפּ די לאַנגע שטיוול, וואַשט זיך אײַן, טוט זיך איבער און באַקומט אַן אַנדער אויסזען. ער זעצט זיך אַוועק צום שרײַב־טיש, נעמט זיך צו דער פּאָסט, וואָס אַ שייגעצל האָט געבראַכט צו פירן פון דער סטאַנציע „באַראַניעפּאָליע", רײַטנדיק אַף אַ פערד מיט אַ טאָרבע איבער די פּלייצעס. איבערגעקוקט די פּאָסט, רופט ער צו דעם לערער, ער זאָל שרײַבן ענטפער אַף די בריוו. דער לערער טוט די אַרבעט געשיקט, וואָרעם ער פאַרשטייט דעם אַלטן אַפן קוק און ווייס די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ אַף אויסווייניק. דער אַלטער האָט פײַנט איבער־חזרן אַ זאַך צוויי מאָל און האָט ליב, מע זאָל אים פאַרשטיין וואָס ער וויל, נאָך איידער ער האָט עס אַרויסגעזאָגט. אַליין אַ פלינקער אַרבעטער, האָט ער ליב צו זען, אַז די אַרבעט זאָל ברענען אונטער די הענט. פּאַרטיק גע־וואָרן מיט אַלע אַרבעט, זעצט מען זיך עסן. זעלטן עס זאָלן ניט זײַן עט־

לעבע זייטיקע, פרעמדע מענטשן באַם טיש. דאָס זײַנען מערסטנטייל געסט, שכנים, פּאַסעסאָרס, אָדער סוחרים, וואָס זײַנען געקומען קויפן ווייץ, האָבער, גערשטן, אָדער אַנדערע תבואות. באַם טיש הערשט, ווי איך האָב שוין פריִער באַשריבן, אַ שטרענגע דיסציפּלין. קיינער וואַגט ניט אַ הויך וואָרט אויסצורײדן, נאָר דער אַלטער קלינגט, ווי אַ גלאָק. באַ אים לאָזט זיך קיינ־מאָל ניט אויס קיין שטאָף. ער האָט אײַך אַף אַלצדינג אַ מעשה, אַ משל און אַ גלײַכוואָרט, וואָס מאַכט אײַך צום דענקען און צום לאַכן. וואָרעם איר האָט ניט געזען אַ צווייטן, וואָס זאָל אײַך קאָנען אַזוי אינטערעסאַנט דער־ציילן און קאַפּירן, נאָכמאַכן יעדן איינציקן מיט אַלע פּליטערלעך — אַן אמתער טאַלאַנט, כאָטש באַ דער וועלט, צווישן ייִדן, האָט ער געהייסן אַ מאָדנער ייִד, אַ „טשודאַק“ און אַ „שגעון“. און דאָך האָבן סוחרים ליב געהאַט מיט אים צו האַנדלען, ווײַל דאָס וואָרט איז באַ אים געווען הייליק, און האָט ער אײַך עפּעס פאַרקויפט, אָט דאָס געמעגט ווערן ווי טײַערער, האָט איר געקאָנט זײַן זיכער, אַז קיין חרטה וועט ניט זײַן. דאָס איז גע־ווען אָן אַ שום פּרינציפּן און פּרעטענזיעס, נאָר פּראָסט און פּשוט די נאַ־טירלעכע אָרנטלעכקייט, וואָס ווייס ניט פון קיין דריידלעך און האָט פײַנט קרומע פאַלשע וועגן. אין דער סוחרישער וועלט הייסט אַפילו אַזאַ נפש, הינטער די אויגן געווײנלעך, אַ „משוגענער מענטש“, נאָר מע האָט בעסער ליב מיט אַזאַ משוגענעם צו האָבן געשעפט, ווי מיט אַן אַנדערן אַ קלאָרן.

נאָכן טיש לאָזט מען איבער דעם אַלטן מיט די געסט, זיי זאָלן זיך דאָרטן שמועסן און מאַכן געשעפטן, און דער לערער מיט דער שילערן זעצן זיך אַוועק לערנען, שטודירן, לייענען. איבערהויפּט לייענען. מע לייענט אַלץ, וואָס עס קומט צו דער האַנט, אָן אַ קאָנטראָל, אָן אַ סיסטעם און אָן אַן איבערקלײַבן. צום מײַנסטן ראָמאַנען, די גרעסטע קלאַסיקער, ווי שעקספּיר, דיקענס, טאָלסטאָי, געטע, שילער, גאָגאָל, אויסגעמישט מיט די ערגסטע שונד־ראָמאַנען פון אייזשען סיו, קסאַוויע דע מאָנטעפּען, אַשאַר, פּאָן באָרן און נאָך אַזעלכע פּוסטע שמירער פונעם פראַנצויזישן בולוואַר. אָנגעלייענט זיך, ווי די פּויקן, גייט מען זיך דורך צו דער מאַ־שינע, זען ווי מע דרעשט. אָדער אין פעלד אַרויס, צוקוקן ווי מע שנײַדט דאָס ברויט, ווי מע נעמט עס צונויף און מע בינדט עס אין די סנאָפּעס. און עס נעמט־אָן אַ חשק פאַרקאַטשען די אַרבל און זיך נעמען צו דער אַרבעט. עס באַווײַזט זיך אָבער אַרויס, אַז שטיין באַ דער זײַט און קוקן, ווי מע שנײַדט ברויט און מע בינדט סנאָפּעס, איז אַ סך גרינגער, ווי אײ־דער אַליין אָנבייגן זיך און שנײַדן ברויט און בינדן סנאָפּעס. וואָרעם פון קוקן ווערט מען ניט דערשוויצט און אַף די הענט לויפן ניט אויף קיין בלאָטערן... דערפאַר אָבער — וואָס פאַר אַן אַפּעטיט מע האָט דערנאָכדעם! מע קומט אַהיים און מע עסט זויערמילך מיט שוואַרצברויט און מע מאַכט אַ שפּאַציר אין גאָרטן. אָדער מע הייסט אײַנשפּאַנען דאָס פאַעטאָנדל און

מע פּאָרט זיך דורך מיט אַנדרייען אין די איבעריקע פּאָסעסיעס אָדער עקאָנאָמיעס: אין גוזיפּקע, אין קריטאָהאָרבע, אין זאַקוטעניץ. אָדער מע פּאָרט אַריבער קיין באַראַניעפּאָליע צום פּאָסטמײַסטער מאַלינאָווסקי. און אומעטום ווערט מען אויפגענומען ווי זייער אָנגעליינטע, פיל געליבטע געסט. מע ווייס גאָר ניט, מיט וואָס זיי מכבד צו זײַן. שטעלט מען דעם סאַמאָוואַר און מע דערלאַנגט אײַנגעמאַכטס. באַם פּאָסטמײַסטער מאַלינאָווסקי ווערט באַשאַפן אַ פלעשל בראָנפן, וואָס ער אַליין טאַקע טרינקט דאָס אויס גלעזלעכווײַז ביזן סוף, וואָרעם מאַלינאָווסקי איז אַ גוי, וואָס האָט ליב דעם ביטערן טראָפּן. און אַז ניט, כאַפּט מען זיך גאָר אַרײַן צו דאָדי דעם עקאָנאָם, וואָס זיצט ניט ווײַט, טאַקע אַף איין הויף מיט די בעלי־בתים. דאָרטן, באַ דאָדין אין דעם קליינעם שטיבל, איז פריילעכער, ווי באַ זיי אין דער גרויסער שטוב. און דאָס, וואָס מע קריגט באַ דאָדין, קאָן מען אין דער היים ניט אויספירן. אַשטייגער, ווו וועלן זיי זיך דערלויבן עסן גרינע קנעבעלעך מיט שטשאַוו, אַז ניט באַ דאָדים ווײַב? אָדער געזאַלצענע אוגערקעלעך גלײַך פון סלאָי מיט הייסע קאַרטאָפל אין די מונדירן? אָדער זיסע קאַטשעגעס פון קרויט, וואָס דאָדיכע שאַטקעוועט אויף צו זײַערן? אָדער אָנטרינקען זיך מיט עפּלקוואַס, וואָס איז טעם גן־עדן? פון דעם באַזוך קאָן מען זען, אַז דאָדיכע שעצט זיך גליקלעך, און ווער שמועסט דאָדי — דער איז אַפן זיבעטן הימל! נאָר דאָדי דער עקאָנאָם איז אַ טיפּ פאַר זיך, און ער פאַרדינט באַשריבן צו ווערן אין אַ באַזונדער קאַפּיטל.

71

דאָדי דער עקאָנאָם

א נאַטור־מענטש. — דער אַלטער לאַיעוו לייענט די געשיכטע פון פעטער דעם רגויסן, און דאָדי ווערט אַנטשלאָפן. — באַ דאָדיעכן אין שטיבל. — דער העלד שרײַבט ראָמאַנען און טראַגעדיעס און טראַכט ניט פון זײַן אייגענעם „ראָמאַן“.

דאָדי דער עקאָנאָם איז געווען אַ מענטש אַ גבר, אַ גבור. ניט אַזוי הויך געוואַקסן און ניט אַזוי גראָב געפּאַקט, ווי גוט געבויט און שטאַרק פאַרפונדעוועט. אַ בולאַנער מיט קליינע אויגן. אַ ביסל קאַסאָקע. די פּלייצע — שטאָל. די ברוסט — אײַזן. אַ האַנט — אַ האַמער. ניט איטלעכס פערד האָט געקאָנט אים לײַדן אַף זיך. און האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אַפן פערד, איז ער געווען ווי צוגעוואַקסן, און איר האָט נישט געוווּסט, ווו לאָזט זיך אויס דאָדי און ווו הייבט זיך אָן פערד. פאַר דאָדין האָבן אַלע גוייִם געהאַט דאָס קדחת, געציטערט אימת־מות פאַר זײַן האַנט, כאָטש געשלאָגן האָט

ער זיך זייער זעלטן. סײַדן אונטער אַ נויט. דעמאָלט, ווען ווערטער זײַנען נישט בכח צו טאָן גאָרנישט. עס איז געגוג געווען, איינער זאָל אַ זאָג טאָן: „אָן גייט דאָדי”, אַז אַלע גוייִם, גויעס און שיקסעס, וואָס זײַנען געשטאַנען און געפּלאַפּלט, זאָלן זיך אַ נעם טאָן מיט חשק צו דער אַרבעט. צוגעקומען צו די אַרבעטער, האָט דאָדי פֿײַנט געהאַט יוצא זײַן מיט ווערטער. ער האָט זיך גענומען צום אַקער, צום סערפּ, צו דער לאָפּעטע, אָדער צום זאַסטופּ, און האָט מיט זײַנע הענט באַוויזן אַ בײַשפּיל, ווי אַזוי מע באַדאַרף אַרבעטן. אָפּנאַרן דאָדין איז געווען שווערלעך, און גנבהנען בא אים — אוממעגלעך. פֿאַר גנבה איז די גרעסטע שטראָף געווען ווינציק. אויך פֿאַר שכורן איז ער געווען אש־להבה. אויסטרינקען אַ גלעזל בראָנפֿן — דאָס מאַכט ניט אויס. נאָר פֿאַרשכורן זיך און מאַכן סקאַנדאַלן — דאָס ניט. חיות ניט זיכער!

הײַנט שטעלט אײַך פֿאָר, אַז אָט דער דאָדי, דער גבר, וואָס פֿאַר אים האָט געציטערט אַ גאַנץ דאָרף מיט גוייִם, אַז ער איז געשטאַנען פֿאַרן אַלטן לאָיעוו, איז געווען אים ניט צו דערקענען. קלענער פֿון אַ קינד, שטילער פֿון אַ שעפּעלע. די הענט אַראָפּגעלאָזט. דעם אָטעם פֿאַרהאַלטן. אַ סאָלדאַט פֿאַר אַ גענעראַל אַ פֿעלדמאַרשאַל באַדאַרף ניט שטיין מיט מער רעספּעקט און מיט מער מורא און דרך־ארץ, ווי דאָדי איז געשטאַנען פֿאַרן אַלטן בעל־הבית. אָנגעקומען אין דאָרף אַרײַן אַלס יינגל, איז ער שוין פֿאַרבליבן דאָרטן אויף שטענדיק. געוואַקסן און געגאַנגען אַלץ העכער און העכער, ביז דער אַלטער האָט אים געקרוינט מיטן נאָמען עקאָנאָם, דאָס הייסט, ער האָט אים געמאַכט פֿאַרן אויפֿזעער איבער אַלע עקאָנאָמיעס. דאָ אין דאָרף האָט דאָדי חתונה געהאַט, באַקומען זײַן געהאַלט, אַ באַזונדער שטיבל מיט אַ באַזונדערן גאָרטן, מיט מעל, מיט שטרוי, מיט האָלץ, מיט אַ פּאָר מעלקעדיקע בהמהלעך — געוואָרן אַ שטיק בעל־הבית און אַ טאַטע פֿון קינדער. און דאָך האָט ער קיינמאָל ניט געוואַגט פֿאַרן אַלטן בעל־הבית זיך צוזעצן אַפֿילו אויף אַ מינוט. נאָר איין מאָל אין זײַן גאַנצן לעבן איז ער געזעסן פֿאַרן בעל־הבית, האָט זיך געטראָפֿן אַן אינצידענט, וואָס דאָדי האָט אים געהאַט צו געדענקען דאָס גאַנצע לעבן.

איך האָב שוין, דאַכט מיר, אויבן באַמערקט, אַז דער אַלטער לאָיעוו האָט ליב געהאַט אויפֿצוקלערן, לערנען יעדן איינציקן, טיילן זיך מיט דעם, וואָס ער ווייס. איינמאָל, אין אַ לאַנגער ווינטערנאַכט איז דאָס געווען, האָט דאָדי אָפּגעגעבן אַ ראַפּאָרט פֿון די עקאָנאָמיעס, שטייענדיק פֿאַרן אַלטן אויסגעצויגן, ווי דער שטייגער איז. געענדיקט דעם ראַפּאָרט, האָט דאָדי געוואָרט, מע זאָל אים הייסן גיין. איז אָבער דער אַלטער געווען אויפֿגעלייגט און געוואָלט נאָך אַ ביסל שמועסן, שוין ניט פֿון די עקאָנאָמיעס, נאָר פֿון זײַטיקע זאַכן, וועגן די שכנים די פּאָליאַקן, — ביז ער איז אַרויף אויף אַ געשפּרעך וועגן פּוילן און וועגן דעם פּוילישן מיאַטעזש, דעם פּוילישן

אויפשטאנד. פון די פוילן איז ער ארויף אף די רוסן, אף דער רוסישער היסטאריע פאר פעטער דעם גרויסן. און אזוי ווי אפן טיש איז געלעגן די רוסישע היסטאריע אין דער העברעישער איבערזעצונג פון מאנדעלקערן, האט ער גענומען לייענען און פארטײַטשן אף יידיש פאר דאדין די גאנצע געשיכטע, האט ער געהייסן דאדין צוזעצן זיך אף א שטול. האט דאדי נישט געוואגט. האט דער אלטער געהייסן נאכאמאל. האט ער שוין געמוזט זיך אוועקזעצן. און אוועקגעזעצט האט ער זיך בא דער טיר, אונטערן אלטן וואנטזייגער. דאדיס קאפ איז ניט געווינט געווארן צו אזעלכע לעקציעס, און דערצו איז ער נאך געזעסן אויך, האט ער ביסלעכווײַז אָנגעהויבן צו דרעמלען, די אויגן האבן זיך אים געקלעפט, ביז ער איז אונטערן אלטנס קול פאוואלינקע גאנץ געשמאק אנטשלאפן געווארן. אצינד וועלן מיר לאזן דאדין, ער זאל זיך שלאפן, און מיר וועלן דערווײַל זאגן א פאר ווערטער וועגן דעם דארפישן וואנטזייגער.

דאס איז געווען אן אלטער אינוואליד, וואס האט שוין לאנג אפגעדינט זײַנע יארן און וואלט שוין לאנג געמעגט רוען אפן בוידעם צווישן אלטע אפגעלעבטע שמאטעס. האט אבער דער אלטער לאיעוו געהאט א מאדנע ליבשאפט, א מין טראדיציע, דווקא צו אלטע זאכן. אשטייגער, צו אן אלטן אפגעריבענעם שפיגל, וואס באווײַזט צוויי פנימער, צו אן אלטער האלבצעפאלענער קאמאדע, וואס ארויסציען א שופלאד קומט־אן שווער, בקריעת ים־סוף, און נאך אזעלכע אלטע זאכן. צום בײַשפיל, בא אים אפן שרײַבטיש איז כל ימיו געשטאנען אן אלטמאדיש טינטערל — א גלעזערן שטיוועלע אין א שווארץ הילצערן שיסעלע, אנגעשאטן מיט זאמד. פאר קיין געלט האט מען נישט געקאנט פועלן באם אלטן, ער זאל ארויסווארפן דאס דאזיקע טינטערל און אײַנפירן א נײַעם, א לײַטישן טינטער. דאס איז געווען ניט מחמת קארגשאפט. דער אלטער איז שוין גאר ניט געווען קיין קארגער. אדרבה, האט ער שוין געקויפט א זאך, האט דאס באדארפט צו זײַן דאס בעסטע און דאס טײַערסטע. עס איז אים נאר שווער געווען צו שיידן זיך מיט אן אלטער זאך. דאס אייגענע איז געווען אויך מיטן זייגער, וואס פאר אלטקייט האט ער זיך גענייטיקט אין וואג. אלע מאל איז צוגעקומען צו אים א נײַע געוויכט. איידער דער דאזיקער זייגער האט באדארפט שלאגן, האט ער זיך פארגאנגען מיט א הייזעריקן כריפען, ווי אן אלטער מאן א זקן, וואס לײַדט פון אסטמא, אז ער באדארף זיך אויסהוסטן. דערפאר אבער אז ס'איז געקומען צום שלאגן, האט ער געשלאגן, ווי א קלויסטער־גלאק: באם! באם! — מע האט געהערט אין דרויסן, ווי דער זייגער קלינגט אין שטוב.

אצינד קערן מיר זיך אום צוריק צו דאדין. דאדי שלאפט, און דער אלטער לייענט די היסטאריע פון פעטער דעם גרויסן און פון זײַן ווײַב אנאסטאסיא. פלוצעם פארגלוסט זיך דעם זייגער קלינגען צען. האט דאדי

זיכער געמיינט, אַז ס'איז אַ שׂרפה, דער „טויק" ברענט. האָט ער זיך גע־געבן אַ כאַפּ־אויף מיט אַ אימפּעט און מיט אַ געשריי: „וואַסער!"... דער אַלטער האָט זיך דערשראָקן, האָט אַוועקגעלייגט דאָס בוך מיט דער היס־טאָריע פון פּעטער דעם גרויסן און גענומען קוקן אַף דאַדין דורך די ברילן. אָט אַ יענעם קוק, זאָגט דאַדי, וועט ער געדענקען, אַז ער וועט ליגן אַפן טויטן־בעט...

דער לערער האָט ליב געהאַט דאַדין פאַר זיין נאַטירלעכקייט און פאַר זיין גוטסקייט. ער איז געווען איבערצייגט, אַז אָט דער נאַטור־מענטש האָט קיינמאָל אַף זיין לעבן קיין ליגן ניט געזאָגט. זיין געטריישאַפט און זיין צוגעבונדנקייט צו זיין בעל־הבית און צו זיין משפּחה האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ. און וויל דער לערער איז דאָרט געווען ווי אַן אייגענער, איז ער בא דאַדין געווען פאַררעכנט אין דער משפּחה, און דאַדי איז גרייט געווען פאַר אים אין פייער און אין וואַסער. בא דאַדין אין די אויגן איז אַלץ, וואָס האָט זיך אָנגעקערט מיט דער פאַמיליע לאַיעוו, געווען פון אַ העכערער מדרגה. יעדנפאַלס, ניט גלייך מיט אַלע איבעריקע מענטשן. ער האָט פּשוט פאַרגעטערט די דאָזיקע פאַמיליע. און איר זכות האָט גענאָסן אויך דער לערער. אין די הייסע זומערדיקע טעג, אָדער אין די לאַנגע ווינ־טערדיקע נעכט האָבן דער לערער מיט דער שילערן ליב געהאַט זיך אַריינ־כאַפּן צו דאַדין און צו דאַדיכען. דאָרטן, אין דעם קליינעם שטיבעלע מיט דער נידעריקער סטעליע, וואָס מע קאָן דערלאַנגען מיט דער האַנט, האָבן זיי זיך געפילט אַלע מאָל בעסער, ווי אינדערהיים. עסן בא דאַדין זומער אַ זויערן שטשאַוו מיט יונגן קנאָבל און ווינטער הייסע קאַרטאָפל אין די העמדלעך מיט געזאַלצענע אוגערקעלעך, אָדער געפּרווירענע געזייערטע קרויט האָט געהאַט זיבן טעמים און איז געווען טויזנט מאָל בעסער פון די טייערסטע מאכלים באַם טיש. און ווער שמועסט, אַז דאַדיס ווייב פּעסיע האָט געבאַקן לעקעך, אָדער געפּרעגלט שמאַלץ — דעמאָלט איז געווען פאַר די יונגעלייט אַ יום־טוב. אַ קלייניקייט — הייסער לעקעך, נאַר־וואָס פונעם אויוון? אָדער פרישע פעטע גריוון, וואָס צעגייען זיך אין מויל, אַזוי ווי דער מן, וואָס די יידן האָבן געגעסן אין דער מדבר!

מערסטנטייל זיינען זיי געווען געסט בא דאַדין און בא דאַדיכען ווינ־טער. דעמאָלט, ווען די ביימער ווערן איינגעהילט אין ווייסן, זעען־אויס ווי די איבערגעפרווירענע מתים אין תּכריכים. דאָס דאַרף פאַרלירט דעמאָלט דעם זומערדיקן רייץ און פּראַכט, און עס בלייבט־איבער מער ניט אַז אַריינכאַפּן זיך צו דאַדין אינעם וואַרעם־אָנגעהייצטן שטיבל און קוויקן זיך מיט פּעסיעס מאכלים. ס'איז מוראדיק שטיל. דער שניי איז טיף. קיינער קומט ניט. ס'איז טרויעריק אַפן האַרצן. אומעטיקלעך אַף דער נשמה. סיידן מע הייסט אַמאָל אַנדרייען איינשפּאַנען די פערד אין אַ ברייטן שליטן. מע פּעלצט זיך אָן, מע דעקט זיך צו מיט אַ וואַרעמער „באַראַניצע"

און מע פֿאָרט זיך דורך פֿון איין פּאָלוואַראָק אינעם צווייטן. דאָרט שטעלט
מען דעם סאַמאָוואַר, מע טרינקט זיך אָן מיט טיי און מע פֿאָרט צוריק.

דער ווינטער האָט אָבער זײַנע גוטע מעלות — ס'איז דאָ צײַט גענוג
אַף צו לייענען און אַף צו שרײַבן. אין די כמעט דרײַ יאָר, וואָס דער
העלד האָט פֿאַרבראַכט אין דאָרף, האָט ער אָנגעשריבן אַ סך מער, ווי
ער האָט געשריבן נאָכדעם, ווען ער איז שוין געווען אַ שרײַבער און גע־
הייסן „שלום עליכם”, אין צען יאָר. עס האָט זיך אים קיינמאָל אַזוי גרינג
ניט געשריבן, ווי אין יענער צײַט. און געשריבן האָט ער גאַנצע נעכט —
גרויסע, האַרצרײַסנדיקע ראָמאַנען, שרײַענדיקע דראַמעס, פֿאַרפּלאָנטערטע
טראַגעדיעס און קאָמעדיעס. עס האָבן זיך געגאָסן די געדאַנקען, ווי פֿון אַ
פֿאַס. עס האָט געשפּרודלט די פֿאַנטאַזיע, ווי אַ פֿאָנטאַן. צוליב וואָס דאָס
אַלץ איז געשריבן געוואָרן — האָט ער זיך קיינמאָל ניט געפֿרעגט. קוים
איז פֿאַרטיק געוואָרן באַ אים אַ „זאַך”, האָט ער דאָס איבערגעלייענט פֿאַר
זײַן שילערן — און ביידע זײַנען געווען אַנטציקט. ביידע זײַנען געווען
איבערצײַגט, אַז דאָס איז אַ מײַסטערווערק, — אָבער ניט אַף לאַנג. קוים
איז ער פֿאַרטיק געוואָרן מיט אַן אַנדער ווערק, אַזוי איז שוין דאָס צווייטע
געווען אַ מײַסטערווערק, און דאָס ערשטע איז געוואָרן בלאַס, אָפּגעבליאַ־
קעוועט. דעם בעסטן אָרט פֿאַר דעם איז געווען דער אויוון. און אַזוי איז
אַוועק מיטן פֿײַער ניט איין טוץ ראָמאַנען און ניט איין צענדליק דראַמעס...

אַז דער בחור איז געבוירן געוואָרן צו זײַן אַ שרײַבער — אין דעם
איז באַ זיי ביידן נישט געווען קיין שום ספק. דער לערער מיט דער שי־
לערן האָבן דערפֿון גערעדט, געפֿאַנטאַזירט, געבויט די שענסטע לופֿטשלעַ־
סער. ריידנדיק פֿון פֿאַרשיידענע פּלאַנען פֿון פֿאַרשיידענע ווערק, האָבן זיי
פֿאַרגעסן פֿון זייערע אייגענע פּלאַנען... וועגן דעם איז איבערהויפּט ניט גע־
ווען באַ זיי קיינמאָל קיין שום רייד. עס איז זיי קיינמאָל נישט געקומען
אַף די געדאַנקען צו דערקלערן זיך איינס דאָס אַנדערע אין זייערע גע־
פֿילן, אָדער צו פֿאַרטראַכטן זיך אַפֿן גורל פֿון זייער אייגענעם ראָמאַן...
דער נאָמען „ראָמאַן” איז, אפֿנים, געווען צו שאַבלאָן, דאָ וואָרט „ליבע”
איז געווען צו באַנאַל פֿאַר די געפֿילן, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט און אויס־
געוואַקסן צווישן די צוויי יונגעלײַטלעך. זיי זײַנען ביידע געווען אַזוי נאַ־
טירלעך איינס פֿאַר דאָס אַנדערע, אַז ס'האָט גאָר ניט געקאָנט זײַן מעגלעך,
ס'זאָל זײַן אַנדערש. וועט דען קומען אַמאָל אַף די געדאַנקען אַ ברודער,
ער זאָל זיך דערקלערן אין ליבע צו זײַן שוועסטער? איך האָב מורא, אַז
מיר וועלן זײַן ניט ווײַט פֿונעם אמת, אויב איך וועל זאָגן, אַז זײַטיקע פֿאַר־
שוינען, מענטשן מן הצד, האָבן אַ סך מער געוווּסט און גאָר אָן אַן ערך
מער גערעדט פֿונעם ראָמאַן פֿון די יונגע העלדן, ווי איידער די העלדן
אַליין. צו יונג זײַנען זיי געווען ביידע, צו נאַיִוו און צו גליקלעך. אַף זייער
הימל איז ניט געווען קיין שפּרינקעלע. זיי האָבן נישט אַרויסגעזען פֿון

ערגעץ ניט קיין ווידערשטאַנד. און וואָס ס׳איז דער עיקר — זיי האָבן קיינמאָל ניט געדענקט דערפון. אין דער צײַט פון די קאַרגע דרײַ יאָר פון זייער באַקאַנטשאַפט האָבן זיי ביידע נישט געקלערט אַפילו איין מינוט פון צעשיידן זיך. און דאָך איז געקומען דער טאָג, ווען זיי האָבן געמוזט זיך צעשיידן. דערווײַל ניט אויף שטענדיק, נאָר אויף אַ קורצע צײַט.

דאָס איז געווען די צײַט, וואָס דער העלד האָט זיך באַדאַרפט שטעלן צום „פּריזיוו".

72

דער פּריזיוו

מע רעדט שטאַרק פון „פּריזיוו". — ער גרייט זיך מיט דער שילערן און פירט פון סאַפּיעוועקע אַ בריוו צום „פּרעדוואָדיטעל". — די פאַנטאַזיעס אויף וועג. — דער בריוו ווירקט, און עס דערגייט ניט צו זײַן נומער. — אַ מעשה מיט אַ זון אַ קאַליקע. — ער קערט זיך אום צוריק אין דאָרף, נאָר די חלומות ווערן נאָך אַלץ נישט מקוים.

מען קאָן מיט זיכערקייט זאָגן, אַז כמעט אין דער גאַנצער צײַט פון די אויבן־באַשריבענע דרײַ יאָר איז נישט אַוועקגעגאַנגען אין סאַפּיעוועקע קיין טאָג, וואָס מע זאָל ניט הערן דאָס וואָרט „פּריזיוו". פאַרן אַלטן לאַיעוו איז דער פּריזיוו געווען אַ קראַנקייט, אַ מאַניע אַזעלכע, וואָס האָט אים נישט געלאָזט רוען באַטאָג און שלאָפן באַנאַכט. אַ גאַנץ פאַרמעגן האָט דאָס אים אָפּגעקאָסט. וואָס איז די מעשה? זײַן זון יהושע האָט באַדאַרפט שטיין צום פּריזיוו, האָט דער פאָטער קודם זיך אַוועקגעלאָזט אין טשערני־געווער גובערניע, האָט זיך דאָרט אָפּגעוואַלגערט אַ צײַט, אויסגעריסן גע־וואָרן און האָט אײַנגעהאַנדלט אַ „קוויטאַנציע". דאָס איז געווען איינע פון די געציילטע עטלעכע „זאַטשאָטנע קוויטאַנציעס", וואָס דורך זיי איז מען אויסגעלייזט געוואָרן פונעם פּריזיוו. דאָס הייסט, אַז ווער עס האָט גע־קאָנט צושטעלן אַזאַ „קוויטאַנציע", דער איז געווען פרײַ פון צו גיין דינען און ער האָט זיך גערעכנט נאָר אין דער „אָפּאָלטשעניע" (רעזערוו). וואָס אַזאַ „קוויטאַנציע" האָט אָפּגעקאָסט, וואָלט אַן אַנדערער געקאָנט זײַן אַ גרויסער נגיד. פאַרן אַלטן לאַיעוו איז אָבער צוליב אַ קינד קיין זאַך ניט געווען צו טײַער.

פּאַרטיק געוואָרן מיט דער „קוויטאַנציע", האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַע התונה. עס האָט אויסגעבראָכן די רוסיש־טערקישע מלחמה און מע האָט געשמועסט, אַז עס וועט דערגיין צו די „אָפּאָלטשענצעס" (רעזערוויסטן). וויבאַלד אַזוי, באַדאַרף מען דעם זון באַוואָרענען מיט אַ „ווײַסן בילעט"

באַצײַטנס. דאָס האָט געהייסן: מע באַדאַרף דעם אָפּאָלטשענעץ שטעלן צום „פּריאָם", אונטערזוכן זײַן געזונט, אַף וויפֿל ער טויג פֿאַר אַ סאָלדאַט. און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן מן הסתם, אַז פֿאַר אַ סאָלדאַט טויג ער ניט, און מע האָט אים געגעבן אַ ווײַסן בילעט, דאָס הייסט, מע האָט אים, דאַנקען גאָט, „פֿאַרבראַקעוועט"... מע האָט אים ניט נאָר „פֿאַרבראַקעוועט" פֿון פּריזיוו; מע האָט אים געמוזט דערנאָכדעם אַוועקשיקן אין די וואַרעמע לענדער, קיין מענטאָן און קיין ניצע, ער זאָל זיך קורירן, וואָרעם ער איז געווען ערנסט קראַנק אַפֿן האַרצן, פֿון וועלכער קראַנקייט ער איז אין עטלעכע יאָר אַרום, ווי מיר וועלן דאָס זען אַ ביסל ווײַטער, טאַקע געשטאָרבן... אָבער דערווײַל האָט זיך געטאָן חושך: מע איז געפֿאָרן קיין קאַניעוו, מע האָט זיך באַקענט מיטן איספּראַווניק, מיטן פּרעדוואָדיטעל, מיט די דאָקטוירים. די טשינאָווניקעס פֿון דער „פּריסוטסטוויע" האָבן געשלעפּט גמילות־חסדים. ייִדן גוטע פֿרײַנט און בעלי־עצות האָבן אָפּגעלעקט אַ ביינדל. ווער עס האָט געהאַט גאָט אין האַרצן, דער האָט געפּאָמפּעט געלט. הכּלל, עס איז געווען פֿול די שטוב מיט פּריזיוו, פּריזיוו און פּריזיוו...

און אַז ס'איז געקומען די צײַט, וואָס דער העלד פֿון דער ביאָגראַפֿיע האָט באַדאַרפֿט זיך שטעלן צום „פּריזיוו", איז דער אַלטער לאָיעוו געוואָרן נערוועז. קודם כּל האָט ער זיך אַ סטאַרעווע געטאָן און האָט געזען, מע זאָל דעם לערער באַצײַטנס אַריבערפֿירן פֿון זײַן געבורטסשטאָט, פֿון פּערעיאַסלאַוו, קיין קאַניעוו, און צושרײַבן צו דער קאַניעווער „פּריסוטסוויע", דאָרט ווו לאָיעוו האָט אַ האַנט און קאָן עפּעס טאָן... מיר דאַכט, אַז אַן אייגענער פֿאָטער באַדאַרף אַזוי ניט טראָגן אַפֿן קאָפּ זײַן זון, ווי דער אַלטער לאָיעוו האָט געטראָגן דעם לערער. נאָך מער: דער לערער אַליין האָט ווינציקער מורא געהאַט פֿאַרן „פּריזיוו", ווי די פֿאַמיליע לאָיעוו. באַם בחור אַליין איז דאָס פֿאָרן קיין קאַניעוו און זיך שטעלן צום פּריזיוו געווען אַ גאַנצער יום־טוב. ער האָט זיך באַשטעלט אַ פּאָר גרויסע שטיוול, אַ סאָלדאַטסקן באַשליק און איז געווען מוכן ומזומן „אַרײַנצוטרעטן אין דער דינסט". ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט אין דער דינסט אויסנעמען, נושא־חן זײַן באַ „נאַטשאַלסטווע" און ווערן איינגיכן אַן אונטעראָפֿיציר, אָדער אַ פֿעלדפֿעבל. העכער דערפֿון קאָן דאָך אַ ייִד ניט גרייכן... נאָר אַז ס'איז געקומען צום רעכטן שפּיץ, אַז ער האָט שוין טאַקע באַדאַרפֿט זיך זעצן פֿאָרן, האָט ער מיט אַ מאָל פֿאַרלוירן דעם גאַנצן קוראַזש. עס איז אים אַ חרפּה, אַ בזיון, נאָר ער מוז זיך מודה זײַן, אַז ס'איז געקומען צום געזעגענען זיך מיט דער פֿאַמיליע לאָיעוו, אפשר אַף שטענדיק, האָט אים פֿאַרפּרעסט דאָס האַרץ מיט אַ מאָדנע בענקעניש און ער האָט זיך באַהאַלטן באַ זיך אין חדר, פֿאַרגראָבן דאָס פּנים אין קישן און געוויינט מיט ביטערע־ביטערע טרערן...

נאָר ער איז געווען ניט דער איינציקער אין דער דאָזיקער שטוב, וואָס

האָט ביטער געוויינט. בײַ זיך אין איר חדר האָט זײַן שילערן נאָך מער געוויינט. אירע אויגן זײַנען געווען געשוואָלן פון געוויין, און זי האָט יענעם טאָג ניט געקאָנט באַווײַזן זיך צום טיש אַפילו... אונטער אַן אויסרייד פון אַ שטאַרקן קאָפּווייטיק איז זי געבליבן דעם גאַנצן טאָג בײַ זיך, ניט געוואָלט זען קיינעם.

טרויעריק, זייער טרויעריק איז געווען דאָס געזעגענען זיך. תשעה־באָב איז געווען אין שטוב, און אַפן האַרצן וויסט און פינצטער. שוין אַז דער העלד איז געזעסן אין פּאַעטאָן און אַנדריי דער קוטשער איז גרייט געווען זיך אַ נעם טאָן צו דער בײַטש, האָט דער יונגער העלד צום לעצטן מאָל אַ קוק געגעבן אין פענצטער און דערזען צווײ פאַרוויינטע אויגן, וואָס האָבן גערעדט אָן ווערטער, נאָר קלאָרע דבורים: „פאָר געזונט, טײַערער, טײַערער, נאָר קום צוריק וואָס גיכער, וואָרעם איך קאָן אָן דיר ניט לעבן!“...

די דאָזיקע ווערטער האָט דער בחור געהערט מיט אַלע זײַנע חושים, און זײַנע אויגן האָבן איר געענטפערט: „זײַ געזונט, טײַערע, טײַערע, איך קום צוריק צו דיר, וואָרעם איך קאָן אָן דיר ניט לעבן!“... און ערשט אַצינד האָט ער דערפילט, ווי שטאַרק ער איז צוגעבונדן צו דער דאָזיקער שטוב, און אַז ס'איז גאָר ניטאָ אויף דער וועלט אַזאַ כח, וואָס זאָל אים קאָנען אָפּרײַסן פון דאַנען, סײַדן דער טויט... און די געדאַנקען צעשפּילן זיך, און די היציקע פאַנטאַזיע כאַפּט אים אונטער אויף אירע פליגלען, און ער הייבט־אָן צו חלומען, ווי אַזוי ער וועט קומען צוריק, וועט ער פריִער זיך אַנטדעקן פאַר איר, דערנאָך פאַר איר פאָטער און מוטער. ווי אַזוי ער וועט זיך ווענדן צום אַלטן און וועט אים זאָגן דעם פּסוק: „אָ ה ב ת י — איך האָב ליב אײַער טאָכטער, טוט מיט מיר וואָס איר ווילט!“... ווי אַזוי דער אַלטער וועט אים אַרומנעמען און וועט אים זאָגן: „גוט, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט — איך קוק שוין לאַנג אַרויס דערויף“... דערנאָכדעם הייבט מען זיך אָן גרייטן צו דער חתונה. מע ברענגט־אַראָפּ שנײַדערס פון באָסלאַוו און פון טאַראַשטשע, וואָס נייען מלבושים פאַר חתן־כלה... מע באַקט לעקעכער און מע פּרעגלט אײַנגעמאַכטס... נאָך חתנס צד שיקט מען אַרויס די גרויסע קאַרעטע וואָס אין שטאַל, וואָס ווערט גענוצט נאָר אויף אַן עקסטראַ זאַך. און עס קומען צו פאָרן דער טאַטע, דער פעטער פיניע און די איבעריקע משפּחה... מע ווייס ניט פון וואַנען, נאָר עס וואַקסט - אויס אויף דער חתונה שמואליק... אָט אַ יענער חבר שמואליק דעם רבס, „שמואליק דער יתום“, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַזעלכע שיינע מעשיות... ער צעקושט זיך מיטן חתן און זאָגט צו אים: „נו, שלום? האָב איך דיר געזאָגט, אַז דער אוצר איז דײַנער?“...

— — — — — — — — — — — — — — — —

די דאָזיקע קינדערשע זיסע חלומות און די ייִנגלשע גאָלדענע פאַנטאַזיעס וועבן זיך בײַ אים אין דער מחשבה דעם גאַנצן וועג — ביז ער קומט

צו פֿליִען קיין קאַניעוו. אָפּגעשטעלט זיך בײַ דעם אַלטן לאָיעווס אַ קרובֿ, אַ ייִד אַ הויקער, נאָר אַ נגיד, וואָס האַלט אַ ווײַנשענק פֿאַר פּריצים, — זײַן נאָמען איז ברך פּערטשיק, — פֿאַלט ער אַרײַן אין די עסקנים פֿון „פּריזיוו” און גיט־איבער דעם אָדון דעם פּרעדוואָדיטעל אַ בריוו. אינעם בריוו שרײַבט דער אַלטער לאָיעוו, אַז ער שיקט צום „פּריזיוו” זײַן לערער און וויל האָפֿן, אַז ניט שפּעטער ווי אין אַ וואָך אַרום זאָל ער אים האָבן צוריק אַ באַפֿרײַטן... דער אָדון, דער פּרעדוואָדיטעל האָט איבערגעלייענט דעם בריוו און געענטפֿערט נאָר איין וואָרט: „כאַ־ראַ־שאָ”... און דאָס איז גענוג געווען, אַז דער בחור זאָל זײַן רויִק. ער איז געגאַנגען צום „פּריזיוו”, געצויגן אַ גורל און אַרויסגענומען אַ נומער 285. מע קאָן ניט זאָגן, אַז דאָס זאָל זײַן אַזאַ הויכער נומער. נאָר בײַ נומער 284 האָט זיך דער „פּריזיוו” געשלאָסן... און דער לערער איז אַרויס פֿרײַ. אין זײַן זכות זײַנען באַפֿרײַט געוואָרן נאָך עטלעכע ייִדישע קינדער מיט העכערע נומערן, און די שמחה איז געווען יענעם יאָר אין קאַניעוו זייער גרויס!...

צו דער שמחה פֿונעם „פּריזיוו” איז געקומען צו פֿאָרן קיין קאַניעוו פֿון פּערעיאַסלאַוו אויך דער פֿאָטער פֿונעם בעל הפּריזיוו, און, אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז דער פֿעטער פּיניע אויך געקומען — ער האָט געהאַט אין קאַניעוו אַ מחותן, — און די שמחה איז געווען טאָפּל. ברך פּערטשיק האָט געלייזט פֿאַר ווײַן, און דער בעל־שמחה האָט אַוועקגעשיקט אַ דעפּעש קיין סאָפּיעווקע דורך סטאַנציע באָראַניעפּאָליע: „מזל־טובֿ, צו מיר ניט דערגרייכט. בין פֿרײַ. כ׳פֿאָר אַרויס מאָרגן פֿרי צוריק”.

ניט איין מאָרגן איז אָבער אַוועקגעגאַנגען, ביז דער העלד האָט געקאָנט אַרויספֿאָרן פֿון קאַניעוו. וואָרעם עס קאָן דען זײַן, אַ ייִדישע שמחה זאָל ניט פֿאַרשטערט ווערן? עס האָט זיך געפֿונען איינער, ווישינסקי אָדער ווישנעווסקי, אַ ייִד אַ שרײַער מיט אַ קול פֿון אַ גראַגער. האָט ער געהאַט אַ זון אַ קאַליקע, וואָס איז געווען זיכער, אַז ער וועט אַרויס פֿרײַ. צום סוף האָט מען אים אָפּגעגעבן פֿאַר אַ סאָלדאַט. האָט דאָס דעם פֿאָטער פֿאַרבאַקט באַם האַרצן, און ער האָט גענומען שרײַען און גראַגערן: „סטײַטש, זײַן זון, דער קאַליקע, וועט גיין דינען פֿאַר די מיוחסים, וואָס האָבן זיך געלאָזט קאָסטן געלט?” בעט מען אים, ער זאָל אַזוי ניט שרײַען. זאָגט ער: „איך שרײַ דען? איך רייד, דאַכט מיר, שטיל”. און ער הייבט־אָן צו גראַגערן נאָך שטאַרקער, אַז „ער ווייס פֿון דעם שכל, פֿאַר וואָס דער אָדון דער „פּרעדוואָדיטעל” האָט צוגענומען קאַליקעס”... און ער דערציילט יעדן איינציקן דעם „שכל” בסוד סודות, נאָר אַזוי הויך, אַז עס ווייס שוין דערפֿון די גאַנצע שטאָט מיט אַלע סימנים, און אַפֿילו מיטן לשון פֿונעם בריוו, וואָס דער אַלטער לאָיעוו האָט געשריבן צום „פּרעדוואָדיטעל” (פֿאַר אַ ייִדן איז ניטאָ קיין סוד). און דער ייִד האָט געגעבן צו וויסן, אַז ער וועט

דאָס ניט פֿאַרשווײַגן. ער וועט אָוועקגעבן, זאָגט ער, „פֿאַד סוד" (צום געריכט) דעם פּרעדוואָדיטעל, מיט די דאָקטוירים, מיט דער גאַנצער „פּריסוטסטוויע"!... רופֿט מען אָפּ דעם ייִדן אַף אַ זײַט און מע זאָגט אים צו, אַז מע וועט זיך צונויפֿלייגן און מע וועט אַרויסנעמען זײַן זון דעם קאַליקע פֿון פּאָלק... ווײַל ער ניט הערן פֿון צוזאָגעכצן. פֿון „וכך היה אומר" ביז „וכך היה מונה" פֿעלט מען, זאָגט ער, זיבן מאָל כורעים. ער וויל, זאָגט ער, זיך זען מיט דער מטבע. און ער הייבט שוין גאָר אָן צו ריידן אַף רוסיש: „כאָטשו, זאָגט ער, ווידיעט דיענגי!"... און עס האָט גאָרניט געהאָלפֿן. עס האָבן זיך אַרײַנגעלייגט מענטשן. מע האָט געמאַכט אַן אסיפֿה און נאָך אַן אסיפֿה און נאָך צוויי אסיפֿות, און די באַפֿרײַטע פּריזיוווניקעס האָבן זיך צונויפֿגעלייגט און באַשטײַערט, ווער מיט אַ פּופּציקער און ווער מיט אַ הונדערטער, און מע האָט די צונויפֿגעזאַמלטע סומע פֿונאַנדערגעטיילט צווישן די אָפּגעגעבענע ייִדן. דעם גרעסטן חלק האָט גענומען, פֿאַרשטייט זיך, דער ייִד דער שרײַער. ער האָט געטענהט, אַז אים קומט מער פֿון אַלע, דערפֿאַר, ווײַל זײַן זון איז מער קאַליקע פֿון אַלע. דער שכל־הישר האָט אַפֿילו געזאָגט פֿאַרקערט: אַדרבה, ווײַל ער איז אַ קאַליקע, באַדאַרף זײַן גרינגער אים צו באַפֿרײַען! נאָר וואָס וועט איר מאַכן מיט אַ ייִדן אַ שרײַער, וואָס האָט אַ קול פֿון אַ גראַגער? דערזען, אַז מע גיט אים נאָך, ווי אַ בן־יחיד, האָט ער זיך פֿאַרמאָסטן אַלע מאָל צו ריידן העכער און העכער. ער האָט געהאַנדלט, ווי אַן אמתער נאַיאָמשטשיק... אַ גליק, וואָס דער אויבנדערמאָנטער קרוב ברך פּערטשיק האָט געהאַט אַ באַפֿויל פֿון דעם אַלטן לאָיעוו: „קאַרט־בלאַנש", דאָס הייסט, מע זאָל דעם בחור דעם פּריזיווניק געבן געלט, וויפֿל ער וועט באַדאַרפֿן. ווער האָט געקוקט דעמאָלט אַף געלט? פֿרײַהייט — דאָס איז געווען דער איינציקער פּונקט, דער איינציקער לײַכטנדיקער שטערן. אַ באַפֿרײַטער האָט ער זיך געפֿילט ערשט דעמאָלט, ווען ער איז שוין געזעסן אין פֿאַעטאָן, וואָס מע האָט אים אַרויסגעשיקט אַף דער סטאַנציע קיין מיראָנאָווקע, און אַנדריי דער קוטשער האָט אים איבערגעגעבן אַ גרוס פֿון דער היים, אַז אַלע זײַנען, דאַנקען גאָט, געזונט און אַלץ איז אין אָרדענונג. „ווסיאָ בלאַהאָפּאָלוטשנאָ" — לאָזט־אויס אַנדריי און שמועסט זיך דורך מיט די פֿערדלעך אַף זייער לשון, און די פֿערדלעך פֿאַרשטייען אים און טראָגן דאָס פֿאַעטאָנדל כמעט אין דער לופֿטן. ס'איז אַ וואַרעמער, ווייכער אָסיענדיקער טאָג. די זון בראָט ניט, בריט ניט, נאָר זי גלעט און צערטלט. און עס שליסן זיך די אויגן. און עס וועבן זיך חלומות, זײַדענע חלומות. און עס בויען זיך לופֿטשלעסער, גאָלדענע לופֿטשלעסער. אָט באַלד איז ער אינדערהיים. און קומט ער צו פֿאָרן אַהיים, אַזוי דעקט ער אויף פֿאַרן אַלטן לאָיעוו די קאָרטן: „הנה זײַט ווּיסן, אַז איך האָב ליב אײַער טאָכטער און אײַער טאָכטער האָט ליב מיך"... אָט באַלד, נאָך אַ האַלבע שעה, נאָך אַ פֿערטל שעה. אָט איז שוין

דאָס באַקאַנטע באַראַניעפּאָליע, דער וואַלד, דער לאַן, די „קלאַדבישטשע", די ווינטמילן, וואָס זעען־אויס פון דער ווײַטן ווי ריזן, וואָס מאַכן מיט די הענט: „אַהערצוצו! אַהערצוצו!"... נאָך עטלעכע מינוט — און אָט איז שוין דער הויף. די גרויסע ווײַסע שטוב מיט די צוויי גאַניקעס. ניין. עס איז אַ ספק, אויב עס קאָן זײַן אַ גרעסערע שמחה, ווען אַן אייגן קינד קומט אַ באַפרײַטער אַהיים צו די פּאָטער און מוטער. דער העלד האָט געהאַט צו דערציילן און צו דערציילן נסים ונפלאות פונעם „פּריזיוו" — יציאת־מצרים! נאָר דאָס סאַמע וויכטיקסטע, ווי ער האָט זיך געהאַט געגרייט, האָט ער נ י ט דערציילט, און די קאָרטן האָט ער פאַרן אַלטן לאַיעוו נ י ט אויפגעדעקט... דאָס האָט ער אָפּגעלייגט אויף מאָרגן, אויף שפּעטער... און דער־ווײַל איז פאַרבײַגעגאַנגען אַ טאָג און אַ טאָג, אַ וואָך און אַ וואָך. ביז עס איז געקומען אַ קאַטאַסטראָפע גאָר אומגעריכט, דורך אַ זײַטיקן פּאַרשוין, וואָס האָט דעם אַלטן געעפנט די אויגן אויף דעם ראָמאַן...

דאָס איז געווען אַ יידענע אַ חכמה מיט אַ ווײַטן קוק, דעם אַלטנס אַ קרובה פון באַרדיטשעוו, מיטן נאָמען טויבע. מיר רופן זי די „מומע טויבע פון באַרדיטשעוו". אַז איר וועט זיך באַקענען מיט איר, וועט איר זען, אַז דער נאָמען פּאַסט איר. נאָר וועגן איר — אַ באַזונדער קאַפּיטל.

73

די מומע טויבע פון באַרדיטשעוו

די מומע טויבע קוקט־נאָך די יונגעלײַט. — דער אַלטער לאַיעוו ווערט געוואָר פונעם סוד. — די קאַטאַסטראָפע. — דער העלד לאָזט זיך אין דער וועלט אַרײַן אַ באַליידיקטער. — מע כאַפּט־איבער זײַנע בריוו, און ער בלאָנדזשעט אין דער פינצ־טערער נאַכט.

אין דער אמתן אָט זי דאָרט קיינעם ניט אָנגעקערט קיין מומע. סך־הכל איז זי געווען דעם אַלטן לאַיעווס אַ קוזינע. נאָר, ווי געזאָגט, דער נאָמען „מומע" האָט איר געפּאַסט צום פּנים. אַ יידענע ניט קיין שיינע, מיט אַ ראַ־בעטינע געפּינטלט פּנים און מיט אַ לאַנגער נאָז ,האָט זי פאַרמאָגט אַ פּאָר זייער קלוגע אויגן, וואָס אַז זיי קוקן אויף אײַך, נעמען זיי אײַך דורך און דורך. באַ איר מאַן, זאָגט מען, גייט זי אין ספּאָדיק, פירט אַלע געשעפטן, איז גאַנץ רײַך. און געקומען איז זי אַהער צוגאַסט נאָך אַ סך יאָרן, וואָס מע האָט זיך נישט געזען.

פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אַזאַ מומע, וואָס איז געקומען אַזש פון באַר־דיטשעוו, האָט דאָס פּריצישע לעבן אין דאָרף אויסגעזען געגנוג נײַ און ווילד,

און זי האָט אַף יעדע זאַך געקוקט מיט אירע באַרדיטשעווער אויגן און האָט יעדע זאַך באַוווּנדערט. מיט דעם אַלטן לאָיעוו איז זי געווען אַף „דו“ און האָט אים אַלצדינג אַרויסגעזאָגט, וואָס זי דענקט און וואָס איר געפעלט און וואָס נישט.

למשל, איר איז געפעלן דאָס לעבן אין דאָרף, די לופט, די קי, די פערד, די פרישע מילך, וואָס הערט זיך פון דעם די פּאַשע, דאָס ברויט פון די אייגענע ווייצן. אַלץ שמעקט מיט ערד, אייגענע האָרעוואַניע — אַלצדינג גוט, אויסגעצייכנט גוט. אַפילו דאָדי דער נאַטורמענטש איז איר געפעלן. איז זי אָבער ניט איינפאַרשטאַנען מיט איר קוזענס דיסציפּלין, וואָס ער פירט זיך שוין צופיל מעשה פריץ. אַ ייִד אַ פּאָמעשטשיק, לויט איר פאַרשטאַנד, קלעפּט זיך עפּעס ניט... אָדער, אַשטייגער, לאָמיר זאָגן דאָס, וואָס ער איז אַ גוטער פּאָסעסאָר, אַ ליבהאָבער פון ערד — מהכתיתי, אָבי גאָט העלפט, מע קאָן מאַכן געלט, ווערן אַ גביר, פאַר וואָס ניט? זי וואָלט זיך אפשר אויך ניט אָפּגעזאָגט דערפון... נאָר צו וואָס דאַרף מען זיך אַזוי דערווייַטערן פון ייִדן? — אָט וואָס זי פאַרשטייט ניט. פאַר וואָס פאָרט ער ניט אַרויס קיין באָסלאַוו, אַז עס קומט אַ ייִדישער יום־טוב? און ווידער האַלט זי אים פאָר, למאי ער לאַכט־אָפּ פון אַן ערלעכן ייִדן, אַן „אייזיקל“ מיט אַ גרינער שאַל, וואָס פאַרבלאָנדזשעט צו אים נאָך אַ נדבה? אַ נדבה גיט ער, און נאָך מיט אַ ברייטער האַנט, נאָר ער מאַכט חוזק פון ייִדן. „אמער גיב ניט און מאַך ניט חוזק“... אַזוי טענהט מיט אים די מומע טויבע פון באַרדיטשעוו.

און נאָך אַ זאַך. דער מומע טויבע איז געפעלן דער לערער. אַ גאַנץ פייַנער בחור — מע קאָן ניט זאָגן. און אַ קענער. און דערצו נאָך אַ „טאַטנס אַ קינד“ — איז דאָך אוודאי גוט. נאָר ווו שטייט דאָס געשריבן, אַז אַ לערער דאַרף זייַן אַ נאָענטער מחותן מיט דער שילערן? און לויט איר מיינונג, איז דער דאָזיקער לערער שוין צו אַ נאָענטער מחותן מיט זייַן שילערן. פון וואַנען ווייס זי דאָס? — די מומע טויבע ווייס. די מומע טויבע האָט אַן אויג. די מומע טויבע האָט זיך געגעבן די מי נאָכצוקוקן דעם יונגן פּאָר אַף טריט און שריט, און זי האָט אַליין געזען מיט אירע אויגן, ווי זיי האָבן געגעסן פון איין טעלער. ווו איז דאָס געווען? בא דאָדין. די מומע טויבע פון באַרדיטשעוו האָט שוין באַלד פונעם ערשטן טאָג באַמערקט, אַז דאָס מיידל „גייט־אויס נאָכן בחור“ און אַז דער בחור „איז די כפרה נאָכן מיידל“... דאָס זעט־אַרויס, האָט זי געזאָגט, יעדער מענטש, סייַדן אפשר דער, וואָס איז אָדער אַ בלינדער אַף ביידע אויגן, אָדער ער וויל ניט זען וואָס בא אים אונטער דער נאָז טוט זיך... ס׳איז גאַנץ גענוג, האָט די מומע טויבע געזאָגט, מע זאָל זיך צוקוקן, ווי די צוויי זיצן באַם טיש און וואַרפן זיך דורך מיט אַ קוק, רייִדן זיך איבער מיט די אויגן... פון דעמאָלט אָן, זאָגט זי, האָט זי פון זיי קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט. די מומע טויבע

האָט זיך ניט געפּוילט נאָכקוקן נאָך זיי, בעת זיי זיצן און לערנען, בעת זיי גייען שפּאַצירן, אָדער בעת מע זעצט זיך פּאָרן.

איינמאָל — אַזוי האָט די מומע טויבע דערציילט פאַרן אַלטן — האָט זי זיי באַמערקט אַרײַנשפּאַצירן צו דאָדי דעם עקאָנאָם אין שטיבעלע אַרײַן. איז איר די מעשה באַלד נישט געפעלן: „וואָס האָבן אַזעלכע קינדער צו טאָן באַם עקאָנאָם אינעם אָרעמען שטיבל?" פּוילט זי זיך ניט, די מומע טויבע פון באַרדיטשעוו, און כאַפּט אַ קוק אַרײַן צו דאָדין דעם עקאָנאָם דורכן פענצטער און דערזעט, ווי דאָס פּאָרל עסן ביידע פון איין טעלער. וואָס זיי האָבן געגעסן — ווייס זי ניט. נאָר געזען האָט זי, זי זאָל אַזוי זען אַלדאָס גוטס, ווי מע עסט און מע רעדט און מע לאַכט... „איז דאָך ממה־נפשך: איז דאָס אַ שידוך — איז מהכתיתי. באַדאַרפן דאָך טאַטע־מאַמע וויסן. אָלא וואָס דען — ס'איז אַ ליבע? אַ ראָמאַן? באַדאַרפן דאָך אוודאי טאַטע־מאַמע וויסן דערפון... וואָרעם ס'איז אַ סך געזינטער און בעסער און שענער געבן דער טאָכטער פאַר אַ חתן אַן אָרעמען לערער, וואָס פאַרמאָגט אינגאַנצן איין פּאָר העמדער, איידער וואַרטן, ביז דער דאָזיקער לערער וועט אַנטלויפן מיט דער טאָכטער אין אַ פינצטערער נאַכט קיין באָסלאַוו, אָדער קיין טאַראַשטשע, אָדער קיין קאָרסון, און דאָרטן שטעלן אַ שטילע חופּה"...

אָט דאָס זײַנען געווען די טענות פון דער מומע טויבע, ווי עס האָט זיך נאָכדעם אַרויסבאַוויזן. און אַנטדעקט האָט זי דאָס איר קוזען בסוד־סודות, אַ האַלבע שעה פאַר איר אַוועקפאָרן. און אירע ווערטער האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אין האַרצן פונעם אַלטן לאָיעוו, וואָרעם אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען מיט זײַן קרובה זי צו באַגלייטן, איז ער געווען אַ צעקאָכטער און האָט דעם גאַנצן טאָג נאָכדעם ניט אויסגערעדט מיט קיינעם אַ וואָרט אַפילו. ער האָט זיך פאַרשפּאַרט באַ זיך אין חדר און האָט זיך שוין מער יענעם טאָג ניט באַוויזן.

אַף דער נאַכט איז געקומען צו פאָרן דער זון דער משכיל, יהושעקע, און איז שוין געבליבן נעכטיקן אין סאָפּיעווקע. עפּעס האָט זיך דאָרט געטאָן. עפּעס האָט זיך געקאָכט. מע האָט זיך פאַרשלאָסן מיטן אַלטן אין די אַלקערס און מע האָט זיך געסודעט. מע האָט געהאַלטן, אַפּנים, אַ פאַמיליענראַט. די שילערן האָט זיך געקליבן גיין אַפּן שפּאַציר מיטן לערער — האָט מען זי אָפּגעהאַלטן. צום טיש איז מען ניט געגאַנגען אַלע אינאיינעם, ווי אַלע טאָג, נאָר יעדער באַזונדער איז געקומען אין אַן אַנדער צײַט, אָפּגעגעסן, אויפגעשטאַנען און אַוועק צו זיך. עס איז פאָרגעקומען אין דער דאָזיקער שטוב עפּעס אומגעווייִנלעכעס. אַ מאָדנע שטילקייט. די גרויזאַמע שטילקייט, וואָס טרעט־אַרײַן פאַר אַ שטורעם... ווער וואָלט זיך דאָס געקאָנט ריכטן, אַז אַ פּאָר פילדײַטיקע ווערטער, וואָס די מומע טויבע פון באַרדיטשעוו האָט אַרײַנגעוואָרפן, זאָל אָנאַרבעטן אַזאַ חתונה און ברענגען אַן איבערקערעניש אין אַ שטוב? עס קאָן זײַן אַז ווען די מומע טויבע זאָל גע־

ווען וויסן פריִער, אַז אים אַ וואָרט וועט ברענגען אַזעלכע רעזולטאַטן, וואָלט זי זיך ניט אַרײַנמישן אַהין, וווּ מע דאַרף ניט. ערשט העט־שפּעטער, אין אַ צײַט אַרום, איז מען געוווירע געוואָרן, אַז די מומע טויבע פון באַרדיטשעוו האָט באַלד חרטה געהאַט אַף דער גאַנצער מעשה און האָט געוואָלט כאַפּן צוריק, נאָר ס'איז שוין געווען צו שפּעט. האָט זי פּאַרקערעוועט דעם דישעל און גענומען אײַנטענהן מיטן אַלטן, אַז דאָס אומגליק איז, אייגנטלעך, גאָרניט אַזוי גרויס, און אַז זי זעט ניט, וואָס האָט מען זיך דאָ אַזוי צו ערגערן? וואָס איז שולדיק דער בחור, וואָס ער איז אָרעם? „אָרעם איז קיין שאַנדע", און „גליק איז באַ גאָט". און נאָך אַזעלכע ווערטער האָט זי אין אים אַרײַנגערעדט. עס האָבן אָבער ניט געהאָלפן שוין קיין ווערטער. די גאַנצע טענה פּונעם אַלטן איז געווען, אַז צום בחור, אייגנטלעך, האָט ער גאָרניט. נאָר ווי אַזוי האָט מען געוואַגט פירן אַ ראָמאַן באַ אים אין שטוב אָן זײַן וויסן? און אַז זײַן טאָכטער זאָל נעמען אַ חתן אָן אָרעם־בחור אַרט אים אויך ניט. נאָר וואָס דען? ווען ער, איר פאָטער, זאָל איר געבן. ניט זי זאָל אַליין זיך אויסקלײַבן, גאָרניט האָבן זיך אָנגעפרעגט באַ אים! אָט דאָס האָט אים געקרענקט מער פון אַלצדינג.

די אַלע טענות מיט די רייד איז מען געוווירע געוואָרן ערשט נאָכדעם, אין אַ צײַט אַרום. דעמאָלט אָבער האָט דאָס פּאָרפאָלק, ווי די כשרע לעמעלעך, נישט געוווּסט, וועמ עס האָט זיי געשלייערט. זיי האָבן נאָר געפילט, אַז עפּעס קאָכט זיך. וואָס וועט זיך אויסקאָכן — וועלן זיי זען מאָרגן. דער פרימאָרגן וועט זאָגן...

און אַז ס'איז געקומען דער פרימאָרגן און אונדזער העלד איז אויפגעשטאַנען, האָט ער שוין ניט געטראָפן קיינעם. ניט דעם אַלטן, ניט זײַן פרוי, ניט דעם זון, ניט זייער טאָכטער. וווּ זײַנען זיי אַלע? אַוועקגעפאָרן. ווּהין? מע ווייס ניט... פון די מענטשן אין הויף קאָן קיינער ניט זאָגן. אַפן טיש איז געווען אָנגעגרייט פון זײַנעטוועגן אַ פּאַקעט. געעפנט דעם פּאַקעט, האָט ער געהאָפט צו געפינען אַ בריוו, אַ דערקלערונג. צום סוף איז אינעם פּאַקעט נישט געווען קיין איין וואָרט אַפילו. דאָרט איז געלעגן נאָר געלט — די שכירות, וואָס האָבן זיך צונויפגעקליבן פאַר דער גאַנצער צײַט — און מער גאָרנישט. אין הויף איז געשטאַנען גרייט פונעם לערערס וועגן אַ שליטן (אין מיטן ווינטער איז געווען די געשיכטע) און אַ וואַרעמע „באַראַניצע" אַף אײַנצודעקן די פיס. פון די מענטשן איז נישט געווען אַרויסצובאַקומען קיין איינציק וואָרט. אַפילו דאָדי דער עקאָנאָם, וואָס וואָלט זיך פאַרן לערער און פאַר דער שילערן געלאָזט שנײַדן די הענט, האָט אַף אַלע נאָכפרעגענישן געענטפערט נאָר מיט אַ קנייטש מיט די פּלייצעס און מיט אַ זיפץ. די מורא פאַרן אַלטן איז באַ אים געווען שטאַרקער פון אַלץ... דערפון איז דער באַליידיקטער לערער געוואָרן נאָך מער אויפגערעגט. ער האָט זיך פאַרלוירן, נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל גע-

נומען שרײַבן אַ בריוו, פריִער צום אַלטן, דערנאָך צום זון צום „משכיל“, דערנאָך — צו דער שילערן. עס האָט זיך אָבער ניט געשריבן. אַ קאַטאַס־טראָפע איז דאָס געווען אַ גרויסע. נאָר אַף אַזאַ פּאַטש אין פּנים האָט ער זיך נישט געריכט... עס איז אים געווען אַ בזיון, אַ בזיון פאַר זיך אַליין און פאַר די מענטשן. ער האָט דעריבער ניט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און האָט זיך אויפגעזעצט אַפן שליטן און האָט זיך געלאָזט פירן צו דער סטאַנציע, בכדי צו פאָרן פון דאָרטן — וואוהין? ער ווייס נאָך אַליין ניט וואוהין. ווו די אויגן וועלן טראָגן... נאָר דערווײַל, איידער ער קומט צו דער באַן־סטאַנציע, האָט ער געהייסן דעם קוטשער זיך אָפּשטעלן אין באַראַניע־פּאָליע — די פּאָסט־סטאַנציע, פון וואַנען סאָפּיעווקע באַקומט איר קאָרעס־פּאָנדענץ. אין באַראַניעפּאָליע האָט דער העלד פון דער ביאָגראַפיע געהאַט אַ פרײַנט. איר קענט אים. דאָס איז געווען דער סמאָטריטעל פון דער סטאַנציע, אָדער דער פּאָסטמייסטער, מאַלינאָווסקי.

בטבע איז מאַלינאָווסקי דער פּאָסטמײַסטער געווען אַ גוי אַ כאַבאַרניק און האָט ליב געהאַט, ווי מיר ווייסן שוין, דעם טרונק. פונעם אַלטן לאָיעיום פּאָסעסיעס האָט ער געהאַט אָפּטע מתנות: אַ זעקל ווייץ, אַ וואָגן שטרוי, אַמאָל אונטער אַ יום־טוב אַ מזומנע מטבע. מיטן לערער און מיט דער שילערן האָט ער געשלאָגן בלאַט, און בכלל געווען אַ גוטער גוי.

באַ אים האָט זיך דאָס דער לערער אָפּגעשטעלט און פאַר אים האָט ער אַ ביסל אַנטפּלעקט זײַן האַרץ. ער האָט געהאַט אַ מיין דערבײַ, וואָס איז באַשטאַנען אין דעם, אַז ער, מאַלינאָווסקי, זאָל זײַן דער שליח אַף איבער־צופּעקלען קאָנטרבאַנד — אַ בריוו צו לאָיעווס טאָכטער, און איבערשיקן פון איר, אויב ס'וועט זײַן, אַן ענטפער. אויסגעהערט די בקשה, האָט דער פּאָסטמײַסטער מאַלינאָווסקי אויסגעצויגן אַ האַנט און געשוואָרן באַ גאָט, און טאָמער גלויבט מען אים ניט, האָט ער זיך איבערגעצלמט, אַז ער וועט אויספאָלגן אַלצדינג אַפן בעסטן אַרט. און אַזוי ווי עס איז, הייסט עס, געשלאָסן געוואָרן צווישן גוטע פרײַנט אַ געשעפט, באַדאַרף מען דעם אָפּ־מאַך באַנעצן מיט אַ ביסל בראָנפן און פאַרבײַסן מיט אַ הערינג. עס האָט ניט געהאָלפן קיין שום תירוץ. מע האָט זיך אַוועקגעזעצט ביידע און מע איז ניט אויפגעשטאַנען, ביז דאָס פלעשל איז געוואָרן ליידיק און מאַלינאָווסקי איז געוואָרן מלא און האָט זיך אַרומגעכאַפּט קושן מיטן לערער און האָט זיך פאַרשוואָרן נאָך אַ מאָל, און נאָך אַ מאָל זיך איבערגעצלמט, אַז ער וועט זײַנע בריוו איבערגעבן צו לאָיעווס טאָכטער גלײַך אין די הענט אַרײַן — ער מעג שוין זײַן רויִק. וואָרעם מאַלינאָווסקי אַז ער זאָגט אַ וואָרט, איז הייליק...

און כך הווה: די ערשטע עטלעכע הייסע פלאַמפּײַערדיקע ליבע־בריוו, וואָס דער העלד האָט אים צוגעשיקט איינס נאָך דאָס אַנדערע, האָט דער פּאָסטמײַסטער מאַלינאָווסקי, ווי עס האָט זיך אַרויסבאַוויזן נאָכדעם, אי־

בערגעגעבן אַקוראַט צום אַלטן לאָיעוו אין די הענט אַרײַן... עס איז דעריבער גרינג צו פֿאַרשטיין, אַז קיין ענטפֿער האָט ער אַף זײַנע הייסע פֿלאַמפֿיערדיקע בריוו ניט באַקומען. און עס איז דעריבער גרינג צו פֿאַרשטיין, אַז ער האָט אַזוי לאַנג געשריבן בריוולעך ביז — ער האָט אויפֿגעהערט צו שרײַבן.

וואָס באַטײַטן די דאָזיקע פּינטעלעך? זיי באַטײַטן אַ לאַנגע פֿינצטערע נאַכט. אַלץ איז אײַנגעוויקלט אין אַ געדיכטן נעפּל. דער עלנטער וואַנדערער טאַפּט דעם וועג. ער שלאָגט זיך אָן אַלע מאָל אַף אַן אַנדער שטיין, אָדער ער פֿאַלט אַרײַן אין אַ גרוב.. ער פֿאַלט, ער כאַפּט זיך אויף, גייט ווײַטער און שלאָגט זיך אָן אַף אַ פֿרישן שטיין און פֿאַלט אין אַ נײַער גרוב... ניט זעענדיק פֿאַר זיך די ליכטיקע וועלט, טוט ער נאַרישקייטן, באַגייט פֿעלערן, איין פֿעלער גרעסער פֿונעם אַנדערן... מע קאָן ניט אַרויסשלאָגן זיך מיט פֿאַרבונדענע אויגן אַפֿן גלײַכן וועג. מיט פֿאַרבונדענע אויגן מוז מען בלאָנדזשען... און ער האָט געבלאָנדזשעט. לאַנג געבלאָנדזשעט. ביז ער האָט זיך אַרויסגעשלאָגן אַף דעם ריכטיקן וועג. ביז ער האָט זיך אַליין געפֿונען.

74

דער ערשטער אַרויספֿאָר

ער קומט צו פֿאָרן קיין קיעוו און ציט זיך צו די גרויסע שטערן פֿון „השכלה". — די „אַבלאַווע" אַף דער אכסניה. — ער פֿרעגט זיך נאָך אַפֿן העברעישן משורר יהל"ל. — דער מחבר פֿון „זאַפּיסקי יעווריעיאַ" און אַ פֿרעפֿעראַנסל. — ער דערשלאָגט זיך צום משורר יהל"ל און קריגט אַ קאַלטע אויפֿנאַמע.

ווו־הין פֿאָרט אַ בחורל, וואָס האָט ניט קיין היים און וויל עפּעס דערגרייכן? — אין דער גרויסער שטאָט אַרײַן. די גרויסע שטאָט — דאָס איז דער הויפּט־פּונקט, דער צענטער, וווּהין עס ציט יעדן איינציקן, וואָס זוכט עפּעס אַ טועכץ, אַ באַשעפֿטיקונג, אַ פּראָפֿעסיע, אָדער אַ שטעלע. אַ יונגערמאַן האָט פֿאַרלוירן דאָס נדן, אָדער ער האָט געוואָרפֿן אַן אומחן אַפֿן ווײַבל, אָדער ער האָט זיך צעקריגט מיט זײַן שווער און שוויגער, מיט זײַנע עלטערן, אָדער צעגאַנגען זיך מיט זײַנע שותּפֿים, — וווּהין לאָזט ער זיך אַוועק? — אין דער גרויסער שטאָט אַרײַן. איינער האָט געהערט, אַז אַף דער בערזע מאַכט מען פֿון שניי גאָמלקעס און מע שיט־אָן זעק מיט געלט — וואָס טוט ער? — פֿאָרט ער אין דער גרויסער שטאָט אַרײַן זוכן גליק. די

גרויסע שטאָט, דער צענטער, האָט אין זיך אַ מאַגנעטישע קראַפט, וואָס ציטצו, וואָס לאָזט ניט אָפּ. אַהינצו שלעפּט דאָס אײַך, ווי אַ זומפּ. דאָרטן האָפט איר, אַז איר וועט געפינען דאָס, וואָס איר זוכט.

די גרויסע שטאָט אין יענעם געגנט, ווו אונדזער העלד האָט זיך געפונען, איז די באַרימטע הייליקע שטאָט קיעוו. אַהין האָט ער געשטרעבט און אַהין איז ער געקומען. צו וואָס האָט ער, אייגנטלעך, געשטרעבט? און וואָס האָט ער געזוכט? — דאָס לאָזט זיך נישט זאָגן פּאַר קלאָר, וואָרעם קאָנקרעט האָט ער נאָך אַליין ניט געוווּסט, נאָך וואָס עס לעכצט זײַן נשמה. עס האָט אים געצויגן אין דער גרויסער שטאָט אַרײַן, ווי עס ציט אַ קינד צו דער שײַן פון דער לבנה, אין אַ גרויסער שטאָט זײַנען פאַראַן גרויסע מענטשן. דאָס זײַנען די ליכטיקע שטערן, וואָס שײַנען־אַראָפּ צו אונדז אַף דער ערד מיט זייער העלער ליכטיקייט פונעם גרויסן אומענדלעכן הימלרוים. דאָס זײַנען די גרויסע משכילים, באַרימטע שרײַבער און פון גאָט געבענטשטע פּאָעטן, וואָס זייערע נעמען האָבן אַזוי שיין געקלונגען אין די אויערן פון די — ווי אַזוי זאָל איך זיי אָנרופן? — נו, „פּרחי ההשכלה", די יונגעטשקע משכילימלעך, נאַיִווע, אומשולדיקע בחורימלעך. דאָס איז געווען דער ערשטער אַרויספאָר פון אונדזער יונגן העלד אין דער גרויסער וועלט און זײַן ערשטער אַרײַנפאָר אין דער גרויסער שטאָט. און אָפּגעשטעלט האָט ער זיך אַף אַ יידישער אַכסניה מיטן נאָמען „רב אַלטער קאַניעווערס סטאַנציע", אין דעם אונטערשטן טייל פון דער שטאָט, וואָס טראָגט דעם נאָמען „פּאָדאָל" און ווו יידן מעגן זיצן. איך זאָג, אַז יידן מעגן דאָרטן זיצן, און מוז מיך אָבער באַלד פאַרכאַפּן, מע זאָל ניט מיינען, אַז חלילה אַלע יידן מעגן דאָרטן זײַן. דאָס ניט. דאָרט מעגן זײַן נאָר יענע יידן, וועלכע האָבן דערצו וווינרעכט — „פּראַוואָזשיטעלסטווע". למשל: בעלי־מלאכות, פּריקאַשטשיקעס פון ערשטער גילדע, ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטן און אַזעלכע, וואָס האָבן קינדער אין גימנאַזיע. די אַלע איבעריקע יידן כאַפּן זיך אַהער אַריבער, ווי קאָנטראַבאַנד, אַף אַ קורצע צײַט, און לעבן אין גרויסע פּחדים, נאָר מיטן חסד פון דעם דוואָרניק און פונעם אָדון דעם נאָדזיראַטעל, אָדער פונעם אָדון דעם פּריסטאַוו. און דאָס אויך נאָר ביז אַ צײַט. ביז עס מאַכט זיך אַן „אָבלאַווע" — מע פאַלט איבער אַף די יידישע אַכסניות אין מיטן האַלבע נאַכט מיט זשאַנדאַרמען און מיט סאָלדאַטן. אַף זייער לשון ווערט דאָס אָנגערופן „מע מאַכט אַ רעוויזיע"... און אַז מע געפינט אַזעלכע מינים קאָנטראַבאַנדע סחורה, דאָס הייסט, יידן אָן פּראַוואָזשיטעלסטוועס, פאַרנעמט מען זיי, ווי סקאָט, אין פּאָליציע און מע באַגלייט זיי אַרויס מיט גרויס פּאַראַד, דאָס הייסט, מע שיקט זיי אָפּ מיטן עטאַפּ גלײַך מיט אַלע גנבים אַהיים אין זייערע שטעט, וווּהין זיי זײַנען צוגעשריבן.

דאָס האַלט אָבער קיינעם ניט אָפּ פון צו פאָרן קיין קיעוו. ווי זאָגט דער רוס: „וואָלקאַ באָיאַטסאַ, ווליעס ניע כאָדיט". מע האָט טאַקע מורא

פאר „אבלאוועס”, נאר מע פארט. וועגן דעם זארגט שוין דער בעל־הבית פון דער סטאנציע, אז די „רעוויזיע” זאל אפלויפן גלאט, בשלום, און מע זאל, חס וחלילה, קיין טריפה סחורה בא זיי נישט כאפן. ווי אזוי? גאנץ פשוט: דער בעל־אכסניה שמירט־אונטער דארט, וווּ מע דארף. ער ווייס שוין פריער, ווען עס דארף זיין די „רעוויזיע”, און מע גיט זיך שוין אן עצה: מע פארשטופט די פסולע סחורה — ווּעמען אף א בוידעם, וועמען אין א קעלער, וועמען אין א קליידער־שראנק, וועמען אין א קאסטן, און וועמען אין אזא מין ארט, וואס וועט גאר קיינעם ניט איינפאלן, אז דארטן זאל קאנען זיין פארבארגן א לעבעדיקער מענטש... און דאס שענסטע דערביי איז, וואס די זעלבע לייט, וואס זיינען געלעגן אין אזא מין פארבארגעניש, אז זיי קריכן ארויס אף גאטס וועלט, מאכן זיי חוזק פון דער גאנצער מעשה, גלייך ווי קינדער האבן זיך געשפילט אין באהעלטערלעך, און אפן ערגסטן פאל, טרייסט מען זיך מיט א זיפץ: „עט! מיר האבן איבערגעלעבט ערגערע צייטן און גרעסערע המנס!”...

דער מחבר פון די דאזיקע באשרייבונגען האט אף זיין ערשטן ארויס־פאר אין דער גרויסער הייליקער שטאט קיעוו געהאט די ערע און דאס פאר־געניגן צו ליגן מיט נאך א פאר יידן בא רב אלטער קאניעוווער אף דער סטאנציע אף א בוידעם און כאפן א ציטער. געווען איז דאס אין א ווינטער־דיקער פינצטערער נאכט. און אזוי ווי די רעוויזיע איז געווען א פלוצלעכע, אן אומגעריכטע, האבן די זכרים ניט באוויזן צו כאפן אף זיך, איך בעט איבער אייער כבוד, די תחתונים, און די ווייבער — זייערע אונטערשטע קליידלעך. א גליק, וואס די „רעוויזיע” האט זיך דאס מאל גיך געענדיקט, אניט וואלטן זיי אפן בוידעם אויסגעגאנגען פון קעלט. דערפאר אבער — וואס פאר א גדולה איז געווארן, אז דער בעל־אכסניה, רב אלטער קאניעוווער, א שיינער ייד מיט א ווייסער בארד, האט זיי ארופגערופן פונעם בוידעם מיט א מאדנע שפראך, צום גראם:

— יהודים בלא! קריכט ארויס פון שטרוי! געפטרט די שדים, אראפ פונעם בוידעם!...

געענדיקט האט זיך דער איבערשרעק מיט א גרויסער שמחה. מע האט דערלאנגט דעם סאמאוואר און מע האט געטרונקען טיי מיט טרוקענע בייגעלעך און מע האט דערציילט נסים ונפלאות — יציאת־מצרים! די שמחה איז אבער באלד פארשטערט געווארן דורך דעם, וואס דער בעל־אכסניה, רב אלטער קאניעוווער, האט ארויפגעלייגט אף אלע זיינע אורחים א מין קאנ־טריבוציע, צו אנדערהאלבן קארבוינים אף א קאפ, כדי צו דעקן די הוצאות, וואס די רעוויזיע האט געקאסט. עס האבן נישט געהאלפן קיין שום פרא־טעסטן פון די ווייבער. זיי האבן נעבעך געטענהט, אז זיי באדארפן ניט צאלן גארניט, ווארעם זיי זיינען געקומען אהער ניט צוליב פארגעניגן און

ניט צו מאַכן געשעפטן און צו פאַרדינען געלט. זיי זײַנען גאָר געקומען צום פּראָפּעסאָר זיך קורירן...

און עס גייט־אַוועק באַ זיי אַ סדרה דאָקטוירים, פּראָפּעסאָרן. איטלעכע פון זיי דערציילט וועגן איר קראַנקייט און צו וואָסער אַ פּראָפּעסאָר זי איז געקומען. לאָזט זיך אויס, אַז אַלע זײַנען זיי געקומען צו איין פּראָפעסאָר און אַלע האָבן איינע און די זעלבע קראַנקייט. וואָרעם וואָס פאַר אַ פעלער איינע זאָל ניט האָבן, האָבן דאָס אַלע ווײַבער אַקוראַט דאָס אייגענע... נאָר מער חידוש פון אַלצדינג איז דאָס, וואָס אַלע ווײַבער, וויפל זיי זײַנען דאָ, ריידן זיי אינאיינעם, און מע הערט זיך פונדעסטוועגן איינס דאָס אַנדערע! אייניקע שטריכן פון יענער נאַכט האָט דער מחבר פון די דאָזיקע זכרונות אויסגענוצט דערנאָך אין איינעם פון זײַנע ערשטע ווערק מיטן נאָמען „דער ערשטער אַרויספאָר" (אַ מעשה, ווי אַזוי צוויי יונגע פייגעלעך פליען־אַרויס דאָס ערשטע מאָל אַף גאָטס וועלט).

אָט אַזוי האָט אונדזער העלד פאַרבראַכט די ערשטע נאַכט אין דער גרויסער הייליקער שטאָט קיעוו. אַף מאָרגן אינדערפרי האָט ער זיך געלאָזט דערקענען צו די גרויסע ליכטיקע שטערן, וואָס שײַנען־אַראָפּ צו אונדז פון זייער הימל־הייך. דאָס הייסט, צו אונדזערע באַרימטע גרויסע לײַט, צו אונדזערע משכילים און פּאָעטן, צווישן וועלכע ער האָט געוווּסט אין קיעוו דערווײַל נאָר איינעם. דאָס איז געווען דער העברעישער דיכטער, וואָס איז באַרימט אונטערן נאָמען י ה ל " ל . אַהין האָט ער זיך געשלאָגן און דערשלאָגן זיך. אָבער ניט אַזוי גרינג, ווי מע קאָן זיך פאָרשטעלן אַפן ערשטן קוק. גענומען זיך נאָכפרעגן אַפן דיכטער, איז ער געווירע געוואָרן, אַז אין קיעוו איז דאָ אַ מיליאָנער בראָדסקי. און אַז דער בראָדסקי האָט אַף פּאָדאָל אַ מיל. און אַז אין מיל איז דאָ אַ קאַנטאָר. און אַז אין דער קאַנטאָר דינען אַלערליי מענטשן. און אַז צווישן די מענטשן איז דאָ איינער אַ קאַסירער, הייסט ער י. ל. לעווין. און אָט דער י. ל. לעווין איז דאָס דער באַרימטער דיכטער יהל"ל. און דאָ הייבט זיך ערשט אָן אַ געשיכטע.

נישט אַיעדער קאָן האָבן אַ פרײַען צוטריט אין בראָדסקים מיל. אַהין קאָן צוגעלאָזט ווערן נאָר אַזעלכער, וואָס האָט אַ שײַכות צו ווייץ אָדער צו מעל. „צו וועמען דאַרפט איר?" — „צום באַרימטן דיכטער יהל"ל". — „דאָ איז נישטאָ אַזעלכע"... איינער אַ ייִד, אַ מעקלער פון ווייץ, האָט נאָך געפונען דערבײַ אויסצוברענגען אַ פוילן ווייץ. ער האָט אַ פרעג געגעבן באַם בחור: „וואָס איז הײַנט — ראש־חודש, וואָס איר זאָגט הלל?"

גאָט האָט געטאָן אַ נס — ס'איז אָנגעקומען אַ לאַנגער ייִד און אַ דאַרער, מיט אַ לאַנגער נאָז, מיט אַ געקנייטשט פּנים און מיט עטלעכע געלע פּענקעס אין מויל אָנשטאָט ציין. אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ צעריסענעם בגד, און מיטן גרויסן רעגן־שירם פון גרויע פּאַרוסינע און מיטן אָפּגעבאַרעטן קאַפּעלושל, וואָס אַפן קאָפּ, האָט ער געכאַפּט דעם אָנבליק פּר־

נעם וועלט־באַרימטן דאָן קישאָט. צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז אַט דער לאַנגער ייִד, דער דאָן קישאָט, איז גאָר אַ בוכהאַלטער, און ער דינט דאָס אינאיינעם מיטן באַרימטן דיכטער יהל״ל באַ בראָדסקין אין דער מיל! גע־ווירע געוואָרן, צו וועמען דער בחור פרעגט זיך נאָך, האָט אים דער לאַנ־גער אָנגענומען פאַר אַ האַנט און אָן ווערטער איז ער אַרײַן מיט אים אינע־ווייניק. דאָרט האָט דאָן קישאָט אָוועקגעשטעלט דעם גרויסן רעגנשירם, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם אייבערשטן בגד און איז געבליבן אין אַ קורץ ווייטיקל מיט אויסגעריבענע עלנבויגנס און מיט אויסגעבויגענע פיס, וואָס ווען ניט דאָס, וואָלט דער לאַנגער בוכהאַלטער געווען נאָך לענגער. נאָך די ערשטע עטלעכע סקאָרבאָווע ווערטער, וואָס אומבאַקאַנטע באַקענען זיך דורך זיי, איז דער לאַנגער בוכהאַלטער אויסגעוואַקסן אין די אויגן פונעם בחור מיט צוויי קעפּ העכער. וואָס איז די מעשה? עס האָט זיך אַרויסבאַוויזן, אַז אַט דער דאָן קישאָט קען זיך פּערזענלעך מיט אַ מאַן, וואָס אין יענער צײַט האָט ער אויסגעוויזן באַם בחור פאַר אַ מלאך פון גאָט. דאָס איז געווען ניט מער און נישט ווייניקער, ווי ב אָ ג ר אָ ו, דער מחבר פונעם בוך „זאַפּיסקי יעווריעיא״! מיט אים האָט דאָס אַט דער לאַנגער בוכהאַלטער זיך געקענט פּערזענלעך, געדינט אין איין באַנק אין סימפעראָפּאָל.

— אַזוי? אַזוי? האָט איר אים, הייסט עס, געקענט, דעם גרויסן באָג־ראָוו, ליטשנאָ? — פרעגט זיך נאָך באַ אים דער ציקאַווע בחור מיט גרויס התפעלות.

— מענטש! מע זאָגט אײַך, אַז מיר האָבן ביידע געדינט אין איין באַנק, אין סימפעראָפּאָל, זאָגט איר גאָר דאָס!

— און איר אַליין האָט גערעדט מיט אים?

— אַזוי ווי איך רייד מיט אײַך. ניט נאָר גערעדט, נאָר געשפּילט מיט אים אין קאָרטן, אין פּרעפעראַנס. אַ קערטל האָט ער ליב, גריגאָרי אי־סאַקאָוויטש, אײַ האָט ער ליב, אײַ האָט ער ליב אַ קערטל! דאָס הייסט, ניט קיין קאָרטיאָזשניק, נאָר אַזוי גלאַט אַ קערטל, אַ פּרעפעראַנסל — פאַר וואָס ניט? אײַ אַ פּרעפעראַנסל! אײַ־אײַ־אײַ!...

ער הייבט־אויף זײַן טרוקענע ביינערדיקע האַנט אינעם אויסגעריבע־נעם עלנבויגן, פאַרקנייטשט נאָך מער דאָס פאַרקנייטשטע פּנים, טוט אַ פּיר מיט דער שפּיץ נאָז אין דער לופטן האַלבקײַלעכדיק און באַווײַזט די געלע פּענקעס פון זײַנע אַמאָליקע ציין. באַ אים הייסט עס געשמייכלט. נאָר באַלד ווערט ער צוריק ערנסט, קוקט ערגעץ ווײַט־ווײַט דורך זײַנע שאַרפע ברילן, קראַצט זיך אונטערן קאָלנער און רעדט מיט רעספּעקט וועגן באָגראָוון:

— אַ גרויסער מענטש גריגאָרי איסאַקאָוויטש! אַ ווערטעלע אויסצו־ריידן — גריגאָרי איסאַקאָוויטש! פּסס! אָבער טאָקע גאָר אַ גרויסער! אַ סך גרעסער פון אײַער באַרימטן דיכטער יהל״ל. דער איז אַ קלייניטשקער... אַט אַזאַ קלייניטשקער... אָבער טאָקע גאָר ־ גאָר אַ קלייניטש ־

קער!... — און ער האָט אַ ווײַז געגעבן מיט דער האַנט אַף דער ערד, ווי קליין יהל״ל איז. און אַקוראַט אַף די רייד עפֿנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן אַ קליין מענטשל, נאָר גוט געפּאַקט, מיט אַ פֿײַן בײַכל און מיט קאַסאָקע אויגן. אַפֿן ערשטן קוק האָט ער אַקעגן דעם לאַנגן און טרוקענעם דאָן קישאָט אויסגעזען ווי ס אַ נ ט ש אָ פֿ אַ נ ס אַ, דאָן קישאָטס פֿליגל-אַדיוטאַנט. אָן אַ גוט-מאָרגן איז דער סאַנטשאָ פֿאַנסאַ דורכגעלאָפֿן פֿאַרבײַ און איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אַף יענער זײַט קראַטעס אין אַ צווייטן חדרל.

— אָט דאָס איז ער דאָך, אײַער דיכטער יהל״ל. איר קאָנט אַרײַנגיין צו אים, אויב איר ווילט. נישט אַזאַ גרויסער פֿריץ...

פֿון די ווערטער, ווי אויך פֿון דעם פֿריִערדיקן פֿאַרגלײַכן אים צום גרויסן באָגראָוון, איז געווען צו זען, אַז דער בוכהאַלטער מיטן קאַסירער לעבן בשלום, ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז. דערמיט האָט נאָך אָבער דער דיכטער באַ זײַן פֿאַרברענטן חסיד אין די אויגן גאָרנישט פֿאַרלוירן. מיט אַ קלאַפֿנדיק האַרץ און מיט אַ פֿאַרצאַפּלטער נשמה איז ער אַריבער-געטרעטן די שוועל און אַרײַן מיט גרויס דרך־ארץ אין צווייטן חדרל אַרײַן. דאָרט האָט ער געטראָפֿן דעם באַרימטן דיכטער אין אַ פּאָעטישע פּאָזע, צונויפֿגעלייגט די הענט אַפֿן האַרצן, ווי אַלכסנדר פּושקין, אָדער, לכל הפּחות, ווי מיכה יוסף לעבענזאָן. דער דיכטער איז געווען, ווײַזט אויס, אין זייער אַ הויכער פּאָעטישער שטימונג, וואָרעם ער האָט אַרומ-געשפּאַנט הין און צוריק איבערן חדרל מיט די צונויפֿגעלייגטע הענט אַפֿן האַרצן און האָט אַף זײַן יונגן פֿאַרערער כמעט גאָרניט געקוקט און קוים-קוים געענטפֿערט אַפֿן גוט-מאָרגן מער ניט ווי מיט אַ בייזן קוק פֿון זײַנע קאַסאָקע אויגן. פֿון בעטן זיצן, אָדער פֿון נאָכפֿרעגן זיך, ווער-וואָס-ווע-מען — איז גאָר קיין רעדע נישט געווען. דער נאַיִווער פֿאַרערער איז געווען זיכער, אַז אַלע פּאָעטן זײַנען אַזוי. אַז אַלכסנדר פּושקין ענטפֿערט אויך ניט אַף אַ גוט-מאָרגן... דעם בחור איז אַפֿילו געווען נישט אַזוי פֿויגלדיק דאָס שטיין, ווי אַ באָלוואַן, באַ דער טיר. נאָר מע קאָן זיך ניט העלפֿן. און פֿאַריבל האָבן איז דאָך ניט שײַך — פֿאָרט נישט קיין געוויינלעכער בשר־ודם! פֿאָרט אַ דיכטער!... דערפֿאַר אָבער אין עטלעכע יאָר אַרום, אַז דער נאַיִווער פֿאַרערער איז אַליין געוואָרן אַ שרײַבער, און ניט נאָר אַ שרײַבער — ער איז גאָר געוואָרן אַ רעדאַקטאָר פֿון אַ יאָרבוך („די יִדישע פֿאָלקס-ביבליאָטעק״) און דער פּאָעט יהל״ל האָט אים געבראַכט אַ פֿעליעטאָן, האָט אים דער אַמאָליקער פֿאַרערער און דער איצטיקער רעדאַקטאָר ש ל ו ם ע ל י כ ם דערמאָנט זייער ערשטע באַגעגעניש און איבערגעגעבן די אויבן־באַשריבענע סצענעס, האָט דער דיכטער גע-האַלטן זיך באַ די זײַטן פֿאַר געלעכטער.

דעמאָלט האָט זיך אָבער דעם בחור נישט געלאַכט. מיט וואָס פֿאַר אַ האַרץ ער איז אַרויס פֿונעם באַרימטן דיכטער — קאָן מען זיך פֿאָר-

שטעלן. דערמיט האָט זיך אָבער זײַן ערשטער אַרויספּאָר נאָך ניט געענ־דיקט. דאָס רעכטע בינטל צרות, וואָס איז אים באַשערט געווען אויסצו־שטיין אין זײַן ערשטער גרויסער נסיעה, הייבט זיך ערשט אָן.

75

פּראָטעקציעס

דער בעל־אכסניה שמועסט פון פּראָטעקציעס. — ער מאַכט אַ וויזיט דעם קיעווער ראַבינער. — מע שיקט אים אָפּ צום „אוטשאָנע יעווריי" באַם גענעראַל גובערנאַ־טאָר. — אַ צעטראָגענער נפש. — ער באַקומט אַ פּראָטעקציע צום באַרימטן אַדוואָקאַט קופּערניק.

אַ פרעמדער מענטש אין אַ גרויסער שטאָט איז אין אַ וואַלד. אין ערגעץ פילט איר זיך ניט אַזוי עלנט, ווי אין אַ וואַלד. קיינמאָל אין ער־גען ניט האָט זיך דער העלד פון די דאָזיקע באַשרײַבונגען ניט געפילט אַזוי עלנט, ווי ער האָט זיך געפילט אין יענער צײַט אין קיעוו. די מענטשן פון דער דאָזיקער גרויסער שיינער שטאָט האָבן זיך ווי צונויפגערעדט, אַז מע זאָל פאַר דעם יונגן אורח נישט אַרויסבאַווײַזן קיין סימן פון גאַסטפרײַנטלעכקייט, קיין וואַרעמע מינע. אַלע פּנימער זײַנען אָנגעכמו־רעט. אַלע טירן זײַנען פאַר אים געשלאָסן. און וואָלטן כאָטש די אַלע מענטשן, וואָס שווימען און ווימלען פאַר די אויגן, ניט געווען אָנגע־פּעלצט ווי מאַגנאַטן און ניט געפלויגן אויף די גרויסאַרטיקע שליטעלעך מיט ברענענדיקע פעדלעך־רימאַקעס! און וואָלטן כאָטש די הײַזער ניט געווען אויסגעפּוצט מיט אַזאַ שיק און מיט אַזאַ גלאַנץ! און וואָלטן כאָטש די שווייצאַרן מיט די לאַקייען, וואָס באַ דער טיר, ניט קוקן אַזוי פרעך און ניט לאַכן אײַך גלײַך אין פּנים אַרײַן! אַלצדינג וואָלט ער אײַך מוחל געווען, נאָר אַבי מע זאָל ניט לאַכן פון אים. און ווי אויף צו־להכעיס, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַלע מאַכן פון אים חוזק. אַלע — אַפילו דער בעל־הבית פון דער אכסניה, רב אַלטער קאַניעווער, וואָס איז שוין געווען באַ אונדז באַשריבן אויבן. אַ ייִד, וואָס צוליב דעם, וואָס זײַנע געסט האָבן ניט קיין „פּראַוואָזשיטעלסטווע" און טאָרן ניט זײַן אין דעם הייליקן קיעוו, איז ער אַ חשוב באַ „נאַטשאַלסטווע".

אַ טבע האָט אָט דער ייִד, אַז ער רעדט צו אײַך, קוקט ער אײַך ניט אין די אויגן אַרײַן, נאָר ערגעץ ווײַט אַהין, און אַ גרינג שמייכעלע שפּילט באַ אים אונטער די גרויע וואָנצעס. מיטן יונגן אורח רעדט ער ניט אויף „איר" און ניט אויף „דו", נאָר ער דרייט זיך קונציק, ווי אַן אַקראָבאַט,

און באַגייט זיך אָן אַ „איר" און אָן אַ „דו". איך גיב דאָ איבער אַ שמועס צווישן די צוויי, דאָס הייסט, צווישן דעם אַלטן גרײַזגרויען בעל־אַכסניה און זײַן יונגן אורח. דער ייִד שמייכלט, קוקט אַראָפּ און דרייט אַ פּאַפּיראָס, רעדט מיט אַ קוויטשל, צוקער־זיס:

בעל־אַכסניה: ס'הערט זיך?

אורח: וואָס זאָל זיך הערן?

בעל־אַכסניה: וואָס מאַכט מען?

אורח: וואָס זאָל מען מאַכן?

בעל־אַכסניה: איך מיין, וואָס טוט מען אין קיעוו?

אורח: וואָס זאָל מען טאָן אין קיעוו?

בעל־אַכסניה: מסתמא זוכט מען דאָך עפּעס אין קיעוו?

אורח: וואָס זאָל מען זוכן אין קיעוו?

בעל־אַכסניה: אַ טועבײַ, אָדער אַ סלוזשבע?

אורח: וואָסער אַ סלוזשבע?

בעל־אַכסנרה: דורך אַ רעקאָמענדאַציע? אַ פּראָטעקציע? איך ווייס?...

אורח: צו וועמען אַ פּראָטעקציע?

בעל־אַכסניה: איך ווייס, צו וועמען? צום רב.

אורח: וואָס עפּעס צום רב?

בעל־אַכסניה: לאָז זײַן צו דער רביצין.

דאָ האָט דער בעל־אַכסניה פאַר דער גאַנצער צײַט איין מאָל אויפגעהויבן די אויגן אױפֿן יונגן אורח און איז געבליבן שטיל. האָט אים אָבער דער יונגער אורח ניט אָפּגעלאָזט.

אורח: ניין. וואָס איז אײַך עפּעס געפעלן צום רב?

בעל־הכסניה: איך ווייס? אַ בחורל פון הײַנטיקע בחורים־לעך קומט קיין קיעוו, באַדאַרף ער האָבן מסתמא אַ ברייוו צום רב, צום ראַבינער מיין איך, און דורך דעם ראַבינער קאָן מען שוין האָבן אַ פּראָטעקציע... אַזוי פירט זיך די וועלט. און אפשר האָב איך אַ טעות, איז לאַ פדלתי — טאָקע יאַ ניע טאַנצאָוואַל סמעדוועדיעם!...

איז אים שוין גאָר געפעלן דאָס ייִדישע ווערטל: „האָב איך ניט געטאַנצט מיטן בער" איבערזעצן אַף רוסיש. דעם בחור זײַנען אָבער די לעצטע ווערטער פונעם בעל־אַכסניה וועגן אַ פּראָטעקציע בײַם ראַבינער אַרײַן, ווי מע זאָגט, אין נאָז אַרײַן, און ער האָט באַשלאָסן, אַז ס'איז אפשר גאָר ניט אַזוי קרום. אַ פּראָטעקציע ניט קיין פּראָטעקציע, נאָר מאַכן דעם ראַבינער אַ וויזיט קאָן ניט שאַטן. און אפשר טאָקע עפּעס ברענגען אויך. פּאָרט אַ ראַבינער. און נאָך וואָסער אַ ראַבינער! אַ „גובערנסקי" ראַבינער — אַ קלייניקייט!... וואָס ווײַטער צעוואַקסט זיך בײַ אים די פאַנטאַזיע, און דער פּלאַן געהאָלפן צו ווערן דורכן קיעווער ראַבינער באַקומט

באַ אים מער חן און רעאַלע פֿאָרמען, און ער זעט אַרויס בחוש, אַז ס'איז געווען אַ באַשערטע זאַך, אַז דורך דעם, וואָס אַ ייִדן רב אַלטער קאַניעווער איז געפֿעלן צו מאַכן חוזק, אָדער גלאַט אַזוי אַ ביסל פֿלאַפּלען, איז באַ אים געבוירן געוואָרן אַן אידעע, אַ גליקלעכע, אַ גלענצנדיקע אידעע. און מיט אַן אידעע איז אַלע מאָל אַזוי. דורך אַ קלייניקייט, דורך אַ צופֿאַל, קומען אַמאָל אַרויס די גרעסטע געשעענישן אין דער וועלט. די היסטאָריע פֿון די נוצלעכסטע דערפֿינדונגען ווייסט פֿון דעם סוד — ס'איז גאָר קיין נײַס ניט.

געקליבן זיך עטלעכע טעג דורכאַנאַנד און געוווירע געוואָרן, ווו דער ראַבינער זיצט, האָט ער איינמאָל אין אַ קאַלטן פֿרימאָרגן אָנגעקלונגען רעכטס, האָט זיך געעפֿנט די טיר און אַ האַנט האָט אים אַ ווײַז געגעבן אַז ער זאָל קלינגען לינקס, אין דער קאַנצעלאַריע. האָט ער אָנגעקלונגען לינקס, אין דער קאַנצעלאַריע. עפֿנט זיך די טיר און ער קומט־אַרײַן אין דער קאַנצעלאַריע, טרעפֿט ער דאָרט עטלעכע ייִדן, פֿאַרשיידענע טיפּן פֿון אַלערליי פּראָפֿעסיעס, צום מיינסטן — בעל־מלאכות, אָרעמע, דערשלאָגענע, אָפּגעריסענע. אויך ווײַבער אַ פּאָר פֿאַרשלומפּערטע, מיט פֿאַרוויסטע פּנימער, און אַ געשוואָלן ייִנגל מיט גרויסע צעריסענע שטיוועליעטן, פֿון וואַנען עס קוקן אַרויס די פֿינגער פֿון די פֿיס. דערפֿאַר איז אָבער דעם ייִנגלס האַלדז אַרומגעוויקלט מיט צוויי שאַלן, ער זאָל זיך חלילה ניט פֿאַרקילן. אַף די ווענט הענגען אַ צעריסענע מאַפּע פֿון ארץ־ישראל און אַ שלעכטער קייזערלעכער פּאָרטרעט. די קאַנצעלאַריע, די אָפּגעריסענע ייִדן, די פֿאַרשלומפּערטע ווײַבער, דאָס געשוואָלענע האַלב־באָרוועסע ייִנגל, די אָנגעריסענע מאַפּע פֿון ארץ־ישראל מיטן שלעכטן קייזערלעכן פּאָרטרעט וואַרפֿן־אָן אַף אײַך אַ מאָדנע מרה־שחורה. און טאָמער איז קאַרג — זיצט באַ אַן אַלטן אויסגעמוטשעטן פֿאַרפֿלעקטן שרײַבטיש אַן אַלטער מאַן מיט אַן אָפּגעבליאַקעוועט טויט פּנים. ווען דער אַלטער זאָל נישט האַלטן קיין פּען אין האַנט און ניט אײַנטונקען זי אַלע מינוט אין טינטער, וואָלט מען געקאָנט זיכער מיינען, אַז דאָס זיצט אַ בר־מינן, וואָס איז טויט, וויניקסטנס, עטלעכע און דרײַסיק יאָר, נאָר מע האָט אים אײַנגעמאַרענירט, האַלט ער זיך. איינציקוויײַז פֿאַרטיקט זיך אָפּ דער אָפּגעבליאַקעוועטער בר־מינן מיט אַלע ייִדן און ווײַבער, און דאָס נעמט־צו ניט קיין סך צײַט. אַרום און אַרום אפֿשר אָנדערהאַלבן שעה. ביז ער קומט צום געשוואָלענעם ייִנגל מיט די צוויי שאַלן. דאָס געשוואָלענע ייִנגל נעמט אויך צו אַזאַ האַלבע שעה. דאָס ייִנגל וויינט. דער אײַנגעמאַרענירטער בן־מינן שרײַט אַף אים. דאַנקען גאָט — געפּטרט דאָס געשוואָלענע ייִנגל אויך. דעמאָלט טוט דער בר־מינן אַ ווונק צום העלד פֿון די באַשרײַבונגען, ער זאָל צוגיין צום טיש. גייט ער צו. דער בר־מינן קוים וואָס מע הערט אים:

— וואָס'ט איר זאָגן?
— איך דאַרף צום ראַבינער.

דער בר־מינן קוקט צו זיך אין ספר־הזכרונות אַרײַן און זײַן קול גייט ווי פון יענער וועלט:

— אַ מעטריקע?
— ניין.
— אַ חתונה?
— ניין.
— אַ ייִנגל? אַ מיידל פאַרשרײַבן?
— ניין.
— עמעצער געשטאָרבן?
— ניין.
— אַ נדבה?
— ניין.
— וואָס זשע פאַרט?
— גאָרנישט. איך האָב געוואָלט זען דעם ראַבינער.
— אָט אַזוי־זשע רעדט.

און דער מאַרענירטער בר־מינן הייבט זיך אויף פון טיש, גייט פאַ־וואָליע, ווי אַף אונטערגעהאַקטע פיס, ווערט פאַרשוווּנדן אין אַ זײַטיק חדר אַף פופצן אָדער אַף צוואַנציק מינוט און קומט צוריק מיט אַ פאַרע־ווען פּנים און מיט אַ טרויעריקן רעזולטאַט:

— דער ראַבינער איז נישטאָ אינדערהיים. איר'ט מוחל זײַן קומען אַן אַנדערש מאָל.

צום קיעווער ראַבינער האָט זיך דער העלד מטריח געווען ניט איין מאָל און ניט צוויי מאָל. ביז ס'איז אים געראָטן צו טרעפן אים אינדער־היים. דערפאַר אָבער האָט ער געהאַט באַ אים אַן אויפנאַמע זייער אַ פרײַנטלעכע און אַ האַרציקע. דער אָנהייב איז אַפילו געווען ניט אַזוי פּוי־גלדיק. דער ראַבינער איז אין דער ערשטער מינוט געווען ווי דערשראָקן. ער האָט זיך אַביסל אָנגעשטרענגט, ביז ער האָט אַרויסבאַקומען פונעם יונגן באַזוכער, וואָס איז זײַן באַגער. דער בחור האָט געמיינט, אַז אין קיעוו אַ ראַבינער באַדאַרף נאָכן ערשטן קוק אַליין פאַרשטיין, וואָס יע־נער וויל און וואָס יענער באַדאַרף. צום סוף קוקט ער גאָר ווי אַ זינדי־קער מענטש אין די אויגן אַרײַן, און מע דאַרף אים צעקײַען איטלעכס וואָרט און אַרײַנלייגן אין מויל אַרײַן. און ערשט נאָכדעם, אַז מע האָט דאָס אים גוט צעקײַט, לאָזט זיך אויס, אַז ער קאָן גאָרנישט טאָן. לחלוטין גאָרנישט. דאָס איינציקע, וואָס ער קאָן יאָ טאָן — איז געבן אַ רעקאָ־מענדאַציע, אַ פּראָטעקציע.

— א פּראָטעקציע? גאַנץ גענוג! וואָס דאַרף איך דען נאָך? איך באַדאַרף מער ניט, ווי א פּראָטעקציע.

און דער באַזוכער באַטראַכט דעם קיעווער ראַבינער און פאַרגלײַכט אים מיט די ראַבינערס פון די קליינע שטעטלעך, וואָס ער האָט וועגן געקענט. און עס גייען אים דורך פאַרבײַ א גאַנצע רייע פון ראַבינערס, „קאַזיאָנע" רבנים, פאַרזעעניש, טויגעניכטסטן, צווישן זיי איינער מיט א פליך אפן קאָפּ. אָקעגן די אַלע איז דער קיעווער — א מאַגנאַט, און זיי אָקעגן אים זײַנען חיות, קאַרליקעס. דער איז א ריז. און א שיינער מענטש. איין חסרון נאָר, וואָס ער איז א געלער און א ביסל א שווערער פּאַרשוין. רעדט פּאַמעלעך, טוט יעדע זאַך פּאַוואָליע, דענקט פּאַוואָליע, כמעט אָן נערוון. אַזעלכע מענטשן לעבן הונדערט יאָר. זיי כאַפּן זיך ניט שטאַרבן — זיי האָבן צײַט.

— איז ווילט איר, הייסט דאָס, פון מיר א פּראָטעקציע?

— צו וועמען? דאָס דאַרפט איר שוין אַליין באַטראַכטן...

גוט. ער וועט זיך באַטראַכטן. און דער ראַבינער צעפרעגט זיך נאָך אַמאָל באַם באַזוכער, ווער ער איז, פון וואַנען ער איז און וואָס איז זײַן באַגער? דערנאָך גייט־אַוועק א לאַנגע פויזע פון א פּאָר מינוט. א קוועטש א קנעפּל — און עס באַווײַזט זיך דער אַלטער אָפּגעבליאַקעוועטער און גוט־געמאַרענירטער בר־מינן פון דער קאַנצעלאַריע, און דער ראַבינער הייסט אים אָנשרײַבן א בריוו צו זײַנעם א פרײַנט — דעם נאָמען האָט ער ניט אײַנגעהערט — און בעטן אים, טאָמער קאָן ער עפּעס טאָן פאַר אָט דעם בחור... און צום בחור האָט דער ראַבינער א זאָג געגעבן, אַז דאָס שרײַבט ער א בריוו צו זײַנעם א פרײַנט הערמאַן מאַרקאָוויטש בארא״ץ, וועלכער איז א פּריסיאַזשנע פּאָווירענע און א „אוטשאָנע יעוורייי" באַם גענעראַל־גובערנאַטאָר...

אָפּגעטאָן אַזאַ שווער שטיקל אַרבעט, האָט דער ראַבינער אָפּגעאָטעמט. מע האָט געזען, אַז דעם מענטשן איז אַראָפּ א באַרג פון די פּלייצעס. ער האָט טאַקע א ביסל צוגעהאָרעוועט. דערפאַר האָט ער אָבער געטאָן א נוצלעכע זאַך — אויסגעאַרבעט פאַר דעם בחור א פּראָטעקציע, און נאָך וואָס פאַר א פּראָטעקציע — צום „אוטשאָנע יעוורייי" באַם גענעראַל־גובערנאַטאָר!... אַזוי ווײַט האָט זיך דעם בחורס היציקע פאַנטאַזיע גאָרניט פאַרגעשטעלט. די פּראָטעקציע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין בוזעם־קעשענע, האָט אים געוואָרעמט דאָס לײַב און געטראָגן אין דער לופטן. ער גייט פון דאַנען גלײַך צום „אוטשאָנע יעווריי" וואָס באַם גענעראַל־גובערנאַטאָר — דאָ וועט שוין עפּעס זײַן!... און דער „אוטשאָנע יעווריי" אַליין שטעלט זיך אים אָנדערש ניט פאָר, ווי א פּראָפעסאָר, באַהאַנגען מיט מעדאַלן, ווי א גענעראַל. מיט א ציטערניש קלינגט ער אָן באַ דער טיר און ער ווערט אַרײַנגעלאָזן אין א קאַבינעט מיט ספרים

און ביכער. עס קלאַפּט אים אַ צאָן אָף אַ צאָן. אין אַ פּאָר מינוט אַרום פֿליט־אַרײַן אַ ייִד מיט שיטערע באַקנבאַרדן און מיט זייער אַ נידעריקער ראיה, און איז עפּעס מאָדנע צעטראָגן. ניט שוין־זשע איז אָט דער ייִד אָן „אוטשאָנע יעוורײ" באַם גענעראַל־גובערנאַטאָר? ער זאָל ניט גיין אויסגעגאָלט אַ שטיק באָרד אַקוראַט אין מיטן, וואָלט ער געגאַנגען שווערן, אַז ער איז אַ מלמד, אַ גמרא־מלמד. אַ טבע האָט אָט דער „אוטשאָנע־יעוורײ", אַז ער רעדט שפּײַט ער, און איז אַ מאָדנע צעטראָגענע בריאה. פֿון אים דערציילט מען אין קיעוו, ווי ער איז שוין נאָכדעם געוווירע געוואָרן, אַלערליי מעשיות און אַנעקדאָטן. למשל: צו זיך אַהיים האָט ער קיינמאָל ניט געטראָפֿן, ביז ער האָט ניט איבערגעלייענט אָף דער טיר די אויפֿשריפֿט „הערמאַן מאַרקאָוויטש באַראַץ". איינמאָל האָט זיך באַראַץ שטאַרק אײַנגעקוקט אין זײַן נאָמען און האָט דערזען פֿון אונטן אָנגעוויזן די שפּרעכשטונדן פֿון דרײַ ביז פֿינף. אַ קוק געגעבן אָפֿן זייגער, אַז ס'איז ערשט צוויי, האָט זיך באַראַץ באַטראַכט, אַז מסתמא איז באַראַץ ניטאָ אינדערהיים. און וויבאַלד באַראַץ איז ניטאָ אינדערהיים, הײַנט וואָס האָט דאָ באַראַץ צו טאָן? איז זיך באַראַץ דערווײַל געגאַנגען אין גאָרטן שפּאַצירן... מיט איינעם וואָרט, אָף באַראַצן זאָגט מען אין קיעוו, אַז באַראַץ זוכט באַראַצן און קאָן אים ניט געפֿינען... אין דעם דאָזיקן פּרימאָרגן איז באַראַץ געווען גאָר באַזונדער צעטראָגן און ניט גוט געשטימט. ער האָט זיך געאײַלט ערגעץ גיין, געוואָרפֿן זיך און געשפּיגן און געשפּריצט. דערנאָך, אַז ער האָט איבערגעלייענט דעם בריוו פֿונעם ראַבינער, וואָס רעקאָמענדירט פֿאַר אים דעם בחור, האָט זיך דער „אוטשאָנע יעוורײ" אַ כאַפּ געגעבן באַם קאָפּ, גענומען אַרומשפּאַנען איבערן חדר הין און צוריק, ריידן און שפּײַען און בעטן זיך רחמים, מע זאָל אים לאָזן צו־רו, וואָרעם ער וויים גאָרניט און קאָן גאָרניט און וועט גאָרניט טאָן! אַ גאָטס רחמנות געווען צו קוקן אָפֿן „אוטשאָנע יעוורײ"! דער בחור האָט זיך גענומען פֿאַרענטפֿערן, אַז ער מיינט ניט קיין בייז. אַז זײַן גאַנצער מיין איז געווען, טאָמער... אַ פּראָטעקציע... נאָר באַראַץ לאָזט אים ניט ריידן. ער זאָגט, אַז ער וויים עס אַליין גאַנץ גוט. און אַז אים ברענט נאָר אָפֿן ראַבינער, וואָס אַלע טאָג, אַלע טאָג שיקט ער צו אים יונגע מענטשן. וואָס קאָן ער טאָן פֿאַר זיי? וואָס וויים ער? ווער איז ער? וואָס איז ער? ער איז דאָך ניט בראָדסקי!...

מיט אַ צעבראָכן האַרץ און מיט אַ שווער געמיט האָט זיך דער בחור אַרויסגעגליטשט פֿונעם „אוטשאָנע יעוורײ". נאָר אַז ער איז שוין געווען גאַנץ אונטן אָף די טרעפּ, האָט ער דערהערט, אַז מע רופֿט אים צוריק, טאַקע דער זעלבער „אוטשאָנע יעוורײ". באַראַץ האָט זיך באַטראַכט, אַז ער אַליין קאָן טאַקע ניט טאָן פֿאַר אים גאָרניט. ער קאָן אים אָבער געבן אַ רעקאָמענדאַציע צו זײַנעם אַ פֿרײַנט און אַ קאָלעגע, צו קופּער־

ניקן. קופּערניק, ער זאָל וועלן, קאָן ער טאָן אַ סך. זייער אַ סך! אַ קליי־ניקייט קופּערניק? מיט אַזאַ פּראָטעקציע קאָן מען דורכברעכן מויערן! באַוועגן די גרעסטע לײַט! און נישט לאַנג געטראַכט, זעצט זיך אַוועק דער „אָטשאָגנע יעווריי" און שרײַבט אַ קאַרטל צו זײַן בעסטן פרײַנט און קאָלעגע, צום באַרימטן אַדוואָקאַט לעוו אַבראַמאָוויטש קופּערניק.

76

קופּערניק

ער זוכט דעם באַרימטן אַדוואָקאַט אויפן „קרעשטשאַטיק". — „מעניאַלנאַיאַ קאָנטאָראַ קופּערניקאַ". — אין אַקרוזשנע סוד. — ער געפינט ענדלעך וועמען ער זוכט. און די פּראָטעקציע ווירקט. — אַ קליינער טעות: ניט קופּערניק, נאָר משה עפּעלבוים פון ביעלאָצערקאָוו

דער נאָמען קופּערניק, אָדער ווי מע האָט אים גערופן צווישן ייִדן „ק אָ פּ ע ר נ י ק אָ וו", איז געווען כמעט אַזוי באַרימט און פּאָ־פּולער, ווי אַלכסנדר פון מוקדון אין אייראָפּע, אָדער ווי קאָלומבוס אין אַמעריקע. דער פּראָצעס פון קוטאַאיס, דער באַרימטער בלוט־בלבול, וואָס קופּערניק האָט פּאַרטיידיקט און ריינגעוואַשן, האָט אים געמאַכט אַזוי באַ־רימט, ווי אין אַ סך יאָרן אַרום האָט באַרימט געמאַכט אַן אַנדערן אַד־וואָקאַט, אָ. אָ. גרוזענבערגן, דער פּראָצעס פון מענדל ביילים. און אַזוי ווי גרוזענבערגן, אַזוי האָט מען פון קופּערניקן אין זײַן צײַט דערציילט נסים ונפלאות, אַרומגערינגלט אים מיט לעגענדעס.

האָבנדיק אַ פּראָטעקציע צו אַזאַ מאַן, ווי קופּערניק, מעג מען זיך שוין דערלויבן צו טרוימען, פאַנטאַזירן און חלומען די בעסטע חלומות. כאַפּן זיך שטאַרק איז אויך ניטאָ וואָס. ובפרט, אַז ער ווייס נאָך גאָרניט, וווּ קופּערניקס אַדרעס איז. האָט ער זיך פּאַוואָליע אַרויפגעדראַפּעט אויפן הויכן „קרעשטשאַטיק", די שענסטע גאַס אין קיעוו, און דאָרט איז אונזער העלד ניט שווער געווען צו דערפרעגן זיך, וווּ קופּערניק זיצט. אַרײַן אין אַ הויף אַקעגן האָטעל „יעווראָפּאַ", האָט ער איבערגעלייענט אויף רוסיש: „מיעניאַלנאַיאַ קאָנטאָראַ קופּערניקאַ". איז אים אפילו געווען אַ חידוש, ווי קומט צו קופּערניק דעם אַדוואָקאַט אַ „מיעניאַלנע קאָנטאָר"? נאָר עס איז אים באַלד פאַרענטפערט געוואָרן די קשיה.

אַרײַנגעקומען אינעווייניק אין קופּערניקס קאָנטאָר, האָט ער געטראָפן אַ יונגנמאַן מיט בלויע ברילן און אַ ייִדענע אַ ליטוועטשקע אין אַ ווײַסן פּאַריק.

— צו וועמען דאַרפט איר?
— צו קופּערניקן.
— פון וועמען?
— פונעם אוטשאַנער יעווריי, פון הערמאַן מאַרקאָוויטש בארא‌ץ א קאַרטל.
— פון באַראַצן אַ קאַרטל? ווייַזט אַהער.

דער יונגערמאַן מיט די בלויע ברילן נעמט דאָס קאַרטל און טראָגט דאָס צו צו דער ליטוועטשקע אינעם ווייַסן פאַריק. די ליטוועטשקע נעמט דאָס קאַרטל, טוט־אָן די ברילן, לייענט דורך און טוט אַ שמיץ דאָס קאַרטל פון זיך.

— ס'איז ניט צו מיר. ס'איז גאָר צו מייַן זון.
— ווו געפינט ער זיך?
— ווער?
— אייַער זון.
— מייַן זון ווו געפינט זיך? וואָס הייסט ווו? אין אָקרוזשנע סוד אַריין גייט, וועט איר אים געפינען.

זוכן אַן אַדוואָקאַט אין אָקרוזשנע סוד איז פונקט אַזאַ שכל, ווי מע זאָל זוכן אַ נאָדל אין אַ וואָגן היי. דער אָקרוזשנע סוד איז אַן אומגעהייער גרויסע געבייַדע מיט אייַזערנע טרעפּ און מיט אַזוי פיל חדרים, זאַלן און אָפּטיילונגען, אַז אַ פרעמדער קאָן דאָרט פאַרבלאָנדזשעט ווערן און פאַרלירן דעם קאָפּ. צום ערשטן מאָל אויף זייַן לעבן האָט אונדזער העלד דערזען אַזוי פיל מענטשן אין שוואַרצע פראַקן מיט גרויסע פּאָרטפעלן. דאָס זייַנען לויטער געשוואָרענע אַדוואָקאַטן. גייט טרעפט, ווער פון זיי איז דאָ קופּערניק? אָפּשטעלן איינעם פון זיי און אַ פרעג טאָן — איז אַ זאַך, וואָס איז אוממעגלעך. אַז אַלע זייַנען זיי פאַרטראָגן. אַלע לויפן מיט פּאָרטפעלן, דער אַהער, דער אַהין, ווי די משוגעים. איינעם, אַ מאַן אין אַ שוואַרצן פראַק, נאָר מיט אַ גרויסן געלן פּאָרטפעל און מיט זייער אַ סימפּאַטיש פּנים, האָט ער געוואַגט אָפּצושטעלן און אַ פרעג טאָן: „ווו איז דאָ קופּערניק?" האָט ער באַקומען פונעם מאַן אַן ענטפער: „צו וואָס דאַרפט איר קופּערניקן?" „איך האָב צו אים אַ קאַרטל פונעם אוטשאַנער יעווריי הערמאַן מאַרקאָוויטש באַראַץ". „אַ? פון באַראַצן? זיצט אַ ווייַלע — איכל באַלד קומען". און דער מאַן באַווייַזט אים אויף אַ לאַנגער פּאָלירטער באַנק, טוט זיך אַ גליטש און ווערט נעלם. דער בחור זעצט זיך אַוועק אויף דער לאַנגער פּאָלירטער באַנק און זיצט אַ האַלבע שעה, אַ שעה, אַנדערהאַלבן שעה — ניטאָ קיין מאַן, ניטאָ קופּערניק. שטייט ער אויף פון דער פּאָלירטער באַנק און לאָזט זיך גיין. דער עולם איז שוין געוואָרן אַ סך שיטערער. ווו־ניט־ווו וואַרפט זיך נאָך דורך אַ שוואַרצער פראַק. ער דערזעט דעם מאַן, וואָס מיטן געלן פּאָרטפעל.

— אַ? איר זײַט נאָך דאָ? וואָס, אייגנטלעך, דאַרפט איר צו קו־פּערניקן?

דערציילט אים דער בחור נאָך אַ מאָל:

— אַ קאַרטל פון הערמאַן מאַרקאָוויטש באַראָן.

— און ווו איז דאָס קאַרטל?

באַווײַזט ער אים דאָס קאַרטל. דער מאַן לייענט־דורך דאָס קאַרטל.

— וואָס אייגנטלעך, האָט איר געוואָלט פון קופּערניקן?

— איך ווייס נאָך אַליין ניט אַקוראַט... אפשר וועל איך קריגן באַ אים אַ שטעלע?

— וואָס קענט איר?

— איך קען שיין שרײַבן, ייִדיש און רוסיש.

— רוסיש אויך? קומט מיט מיר.

באַדאַרף ער נאָך זײַן אין ספק, אויב דאָס איז קופּערניק?... אַרויס־געגאַנגען מיטן בחור פון אַקרוזשנע סוד, האָט ער, קופּערניק הייסט דאָס, געכאַפּט אַ „ליכאַטש" — אַ דראָזשקע אויף גומעלאַסטיקענע רעדלעך, און האָט אַ זאָג געגעבן: „גאָסטיניצאַ ראָססיאַ". פֿײַל אויסן בויגן האָט זיי דער ליכאַטש געבראַכט צו פירן צו אַ האָטעל, וואָס זײַן נאָמען איז „ראָססיאַ". אַרײַנגעקומען אין אַ שטאַרק אָנגערויכערט צימער, האָט קופּערניק באַ־זעצט דעם גאַסט באַם טיש, פֿאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס און דערלאַנגט אים אַ בויגן פּאַפּיר מיט אַ טינט־און־פעדער און פֿאַרגעלייגט, ער זאָל אָנשרײַ־בן אַ פּאָר שורות. דער בחור האָט אײַנגעטונקען די פען אין טינט און איידער ער האָט זיך צוגעקליבן שרײַבן, האָט ער אַ פרעג געגעבן באַ קופּער־ניקן, ווי אַזוי וויל ער, זאָל מען אים שרײַבן — אויף ייִדיש אָדער אויף רו־סיש? פֿאַרשטייט זיך, אַז אויף רוסיש! דער בחור האָט זיך צוגעפּליסט. דער זכות פונעם רבין מאַניש מיט זײַן גאָלדענער האַנט איז אים בײַגעשטאַ־נען, און נאָך דער ערשטער שורה האָט אים קופּערניק איבערגעשלאָגן און אַ זאָג געגעבן, אַז ער איז צופרידן מיט זײַן האַנטשריפט, און האָט אים פֿאַרגעלייגט אַ פּאַפּיראָס. פונעם פּאַפּיראָס האָט זיך דער בחור אָפּ־געזאָגט:

— האָט קיין פאַריבל ניט, פּאַני קופּערניק, איך רויכער ניט.

— האָט קיין פאַריבל ניט, יונגערמאַן, איך בין ניט קופּערניק. מײַן נאָמען איז גאָר עפּעלבוים.

— עפּעלבוים?

— נו,יאָ, עפּעלבוים, משה עפּעלבוים פון ביעלאָצערקאָוו... פּרי־סיאַזשנע פּאָווערענע...

אַ באַשערטע זאַך. גייט זײַט אַ נביא, אַז פון אַ קיעווער קופּערניק וועט זיך גאָר אויסלאָזן אַ משה עפּעלבוים פון ביעלאָצערקאָוו! דער משה עפּעלבוים פון ביעלאָצערקאָוו האָט זיך אַרויסבאַוויזן פאַר אַן אמתן

דזשענטעלמען. ער האָט זיך לאַנג נישט געדונגען פֿאַרן פּרײַז. מסכּים געווען אַף אַלצדינג. ער האָט נאָך צוגעזאָגט דעם בחור, אַז ער וועט אים צולערנען אַדוואָקאַטור און וועט אים נאָכדעם געבן רעקאָמענדאַציעס ניט נאָר צו קופּערניקן — צו נאָך אַ סך גרעסערע לײַט אין קיעוו, אין מאָסקווע און אין פּעטערבורג, אויסגעבונדן מיט אַלע מיניסטאָרן. אויב דער בחור וויל, קאָנען זיי נאָך הײַנט פֿאָרן קיין ביעלאָצערקאָוו. ער, עפּעלבוים, באַדאַרף זיך נאָר אַראָפּכאַפּן אַף אַ מינוט צום גענעראַל-גובערנאַטאָר. און ווײַבאַלד צום גענעראַל-גובערנאַטאָר, מוז ער שוין זײַן מיט אַ וויזיט אויך באַם גראַזשדאַנסקי גובערנאַטאָר. וואָרעם די הינט זײַנען שרעקלעך מקנא איינס דאָס אַנדערע. ער האָט אַפֿילו באַדאַרפֿט זיך זען מיטן קיעווער פּאָליצמייסטער אויך. נאָר ער קאָן באַשטיין, אַז דער פּאָליצמייסטער זאָל קומען צו אים — ער איז נישט קראַנק...

דער פּריסיאַזשנע פּאָווערענע עפּעלבוים האָט זיך אַרויסגעכאַפּט, איבערגעלאָזט אַ פרעמדן אומבאַקאַנטן בחור אַף גאָטס באַראָט. די אַוואַנטורע איז דעם יונגן רײַזנדער דווקא געפֿעלן. און פֿון דער פּערזענלעכקייט פֿון דעם עפּעלבוים איז ער גאָר געווען אַנטציקט. ער האָט נאָך קיין צײַט ניט געהאַט רעכט צו באַטראַכטן די לאַגע, האָט זיך עפּעלבוים אומגעקערט צוריק, צוגעפֿאָרן ברייט אַף אַ ליכאַטש, אָנגעלאָדן מיט פֿולע פּעק און מיט פּעקלעך. דאָרט איז געווען פֿון כּל טוב; הערינג, און פֿיש, און באַליק, און איקרע, און פרוכטן, און פּאַפּיראָסן.

— איר מיינט, ס'איז געקויפֿט? ס'איז לויטער מתּנות. געשענקט פֿון דער גענעראַל-גובערנאַטאָרשע, פֿון דער גובערנאַטאָרשע און פֿונ'ם פּאָליצמייסטערס ווײַב.

— איר זײַט דען געווען באַם פּאָליצמייסטער אויך? איר האָט דאָך געזאָגט, אַז...

— חס וחלילה! נישט פֿון זײַן ווײַב, נאָר פֿון זײַן פּאָליובאָווניצע... איך בין איר אַדוואָקאַט. איך פֿיר איר אַ פּראָצעס אין פּאַלאַטע אַף אַ האַלבן מיליאָן. זי איז אַ פּילפּאַכע מיליאָנערשע, נאָר אַ קאַרגע. פֿאַר אַ גראָשן וועט זי זיך אויפֿהענגען! פֿאַר מיר איז אָבער ניטאָ צו טײַער. פֿאַר מיר זײַנען זיי אַלע די כּפּרה!... פֿאָרן מיר, הייסט דאָס, קיין ביעלאָצערקאָוו?

— פֿאָרן מיר, הייסט דאָס, קיין ביעלאָצערקאָוו.

אַ שטעלע פאַר אַ „סעקרעטאַר"

ער פאָרט מיט זײַן נײַעם פּאַטראָן קיין ביעלאָצערקאָוו. — מע נעמט אים אויף, ווי אַ טײַערן גאַסט. — פאַמיליען־אידיליעס. — „רב לוי". — דער בעל הבית לערנט מיטן סעקרעטאַר הלכות אַדוואָקאַט. — מיאוס אָפּגענאַרט. — ער שרײַבט אַ מליצה־בריוו צום פאַטער און באַקומט נײַע האָפענונגען.

פאָרנדיק פון קיעוו קיין ביעלאָצערקאָוו, האָט זיך דער „פּריסיאַזשנע פּאָווערענע" עפּעלבוים געשטעלט גאַנץ ברייט, אויפגעפירט זיך ווי אַ רײַכער פּאָמעשטשיק, ניט געזשאַלעוועט קויפן בילעטן ערשטע קלאַס. אָפּן וואָקזאַל, אין פאַסטאָוו, געגעבן שיין צו לייזן געלט דעם בופעט. דעם מענטשן, וואָס האָט זיי באַדינט, האָט ער אויך גאַנץ פײַן באַהאַנדלט. אונדזער יונגן העלד האָט ער פאַר זײַנע באַקאַנטע פאָרגעשטעלט אַלס „סעקרעטאַר". און וואָס ער האָט אַזעלכעס דערציילט אַף זײַן „סעקרעטאַר" בא זיך אינדערהיים — ווייס נאָר איין גאָט אין הימל... נאָר מ'דאַרף זיך פאָרשטעלן אַז מסתמא האָט דער „פּריסיאַזשנע פּאָווערענע" אויסגעמאָלט פאַר זײַנע היימישע זײַן „סעקרעטאַר" מיט די רײַכסטע און שענסטע פאַרבן. וואָרעם ער האָט געהאַט אַזאַ גרויסאַרטיקע וואַרעמע אויפנאַמע, וואָס נאָר אַ לאַנג־דערוואַרטעטער גאַסט, אָדער אַ רײַכער קרוב פון אַמעריקע, קאָן זיך ווינטשן: אַזאַ קרוב, וואָס מע קוקט־אַרויס אַף זײַן ירושה... משה עפּעלבוימס ווײַב, אַ ייִדענע אַ צדיקית און אַ זעלטענע ווירטן, האָט זיך אָנגעטאָן שבתדיק און אויסגעצוואָגן די קינדער. דערנאָך האָט זי אָפּגעקאָכט אַף וועטשערע אַ מאָלצײַט, וואָס אים וואָלט געמעגט עסן דער קייסער. עפּעלבוימס עלטערער בחור לוי, אַ חכם אַ יונגאַטש, — אין שטוב האָט מען אים גערופן „רב לוי" — האָט זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן פון התפעלות און האָט אַ בורקע געגעבן, אויפשטייענדיק פון טיש און גלעטנדיק זיך דאָס בײַכל, אַז עס וואָלט גאָרניט געשאַדט, אַז אַלע טאָג זאָלן זײַן אַזעלכע געסט און מע זאָל קאָכן אַזעלכע גוטע מאָלצײַטן. האָט אים משה עפּעלבוים געשענקט אַ פּאַטש און האָט אים אַ זאָג געגעבן, אַז ס'וואָלט גאָר ניט געשאַדט, אַז ער, רב לוי, זאָל זײַן אַ ביסעלע קליגער און זאָל ניט האָבן אַזאַ לאַנגע צונג. און צום „סעקרעטאַר" האָט ער אַ זאָג געגעבן:

— ווי געפעלט אײַך מײַן קדיש, רב לוי? אַ פײַנער תכשיט! קיין עין־הרע, אַ מושלם! מײַן קאָפּ מעג שוין דעמאָלט ליגן אין דער ערד, ווען ער וועט קאָנען זאָגן נאָך מיר קדיש...

פונעם וויץ האָבן זיך אַלע צעלאַכט, און רב לוי אויך בתוכם. פונדעסטוועגן האָט די מוטער געפונען פאַר נייטיק זיך אָננעמען די קריוודע

פון איר זון — פּאָרט אַ מאַמע! נאָר איר אַרײַנמישן זיך האָט שיר אַרויסגערופן אַ קאָנפליקט. די פרוי עפּעלבוים איז געווען זיכער, — און זי האָט דאָס גאַנץ אָפנטלעך אַרויסגעזאָגט, — אַז איר „קדיש" וועט קומען אין זײַן טאַטנס יאָרן, וועט ער האָבן פּונקט אַזוי פּיל שכל, וויפל דער טאַטע זײַנער.

— און אפשר נאָך מער, ווי דער טאַטע! — האָט אונטערגעכאַפּט רב לוי אַליין, און דער פּאָטער איז געוואָרן אָנגעצונדן. אַ גליק, וואָס רב לוי האָט זיך באַצײַטנס אָפּגעטראָגן, אַניט וואָלט געקאָנט זײַן זיַער ניט שיין. משה עפּעלבוים האָט זיך מודה געווען, אַז כאָטש ער איז אַ קעגנער פון „לײַב־שטראָף" און כאָטש ער האַלט, אַז שמײַסן איז אַ באַרבאַרישער מנהג, וואָס שטימט ניט אײַן מיט די „פּרינציפּן פון ציוויליזאַציע", פונדעסטוועגן געפינט ער, אַז ס'איז זייער נייטיק, אַז אַזאַ פאַרשײַטער בחור, ווי זײַן רב לוי, זאָל פאַרזוכן שמיץ, כאָטש אײן מאָל אין וואָך. דאָס אַליין, זאָגט משה עפּעלבוים, איז בײַ אים אַ פּרינציפּ. און עס לאָזט זיך דענקען, אַז רב לוין איז באַקאַנט דער דאָזיקער פּרינציפּ, ווײַל רב לוי האָט זיך זײַן פּרינציפּ, אַז קוים וויל אים דער פּאָטער מקיים פּסק זײַן, טראָגט ער זיך אָפּ און והילד איננו — גייט זוכט אים!

רב לוים אָפּטראָגן זיך האָט אָבער נישט באַרויִקט דעם אויפגעהויבענעם קאָנפליקט. דער קאַמף האָט זיך נאָר אַריבערגעטראָגן, ליטעראַריש גערעדט, אַף אַן אַנדער באָדן. אָנשטאָט דעם, וואָס פריִער מיט אַ מינוט איז ער געווען צווישן פּאָטער און זון, האָט די מלחמה אַצינד אויסגעבראָכן צווישן מאַן און ווײַב. משה עפּעלבוים האָט אַרויפגעוואָרפן די גאַנצע באַד אָפן ווײַב, אַז שולדיק איז אינגאַנצן זי, זײַן ליבע געטרײַע פרוי, זאָל געזונט זײַן, דערמיט, וואָס זי שטעלט זיך אײַן פאַר איר שיינעם קדיש. און דאָס ווײַב, מאַדאַם עפּעלבוים, האָט זיך ניט געלאָזט שפּײַען אין דער קאַשע און האָט דערמאָנט איר ליבן געטרײַען מאַן זאָל לעבן, אַז ווען ער איז געווען אין זײַן זונס יאָרן, איז ער געווען אַ סך מער באָסיאַק, ווי איר „קדיש" איז אַצינד, און אויב ער, איר טײַערער משה עפּעלבוים, האָט אַ גוטן זכרון, באַדאַרף ער געדענקען, אַז מע האָט אים אַמאָל, ניט הײַנט געדאַכט, גערופן ניט משה עפּעלבוים, נאָר „משה פּלעצל"...

מע קאָן ניט זאָגן, אַז פאַר אַ גאַסט זאָל עס זײַן שטאַרק אָנגענעם צו זײַן אַן אומגעריכטער עדות בײַ אַ פאַמיליען־דראַמע און צוקוקן, ווי ליבע און געטרײַע מאַן און ווײַב וואַשן זיך דאָס קויטיקע גרעט פאַר אַלעמען אין די אויגן. איין זאַך האָט דאָ דער גאַסט באַמערקט און באַוווּנדערט, ווי אַזוי ביידע קעמפנדע צדדים, ניט דער מאַן און ניט דאָס ווײַב, האָבן זיך דערבײַ ניט אָפּגעגעסן דאָס האַרץ. אַדרבה, עס האָט אויסגעזען גלײַך, ווי דאָס פאָרפאָלק איז נאָר־וואָס נאָך דער חתונה אַף זייער ערשטער האָכצײַטס־רײַזע, און נישט האָבנדיק וואָס צו טאָן, בײַט מען זיך מיט זיסע

קאָמפּלימענטן. אַלערליי מענטשן זײַנען פֿאַראַן אױף גאָטס װעלט און אַלער־ליי אידיליעס!...

נאָך דער גרױסאַרטיקער װעטשערע האָט דער „פּריסיאַזשנע פּאָװיע־רענע" עפּעלבױם אײַנגעזעצט זײַן גאַסט און זײַן „סעקרעטאַר" צום שרײַבטיש, געגעבן אים איבערשרײַבן אַ פּאַפּיר, און אַלײן האָט ער זיך צוגעשפּאַרט כאַפּן אַ דרעמל. איבערגעדרעמלט זיך, האָט ער פֿאַררױכערט אַ פּאַפּיראָס און האָט פֿאַרבונדן אַ שמועס מיט זײַן יונגן „סעקרעטאַר". דער שמועס איז געװען אַזױ אינטערעסאַנט, אַז ס'װאָלט געװען, כּלעבן, אַן עבֿירה פֿאַר גאָט אים דורכצולאָזן אומבאַמערקט. עס איז שװער אים איבערצוגעבן נאָך אַזױ פֿיל יאָרן בוכשטעבלעך. נאָר דער אינהאַלט, דער תּמצית פֿון אים, איז געװען לערך אָט אױף דעם שטײגער:

— הערט־זשע אױס, יונגערמאַן, די מעשׂה דערפֿון איז אַזױ: איר זײַט אַ ייִנגל, זע איך, נישט קײן גרױסער נאַר און איר האָט אַ שײן הענטל צום שרײַבן, און אַ צינגל אױף צו רײדן רוסיש האָט איר אױך — אַלע סימנים אַז אײַער באַנער קאָן דערפֿילט װערן. דאָס הײסט, איר זײַט אַ געבױרענער אַדװאָקאַט. דאַרפֿט איר אָבער זען אײן זאַך — איר זאָלט װעלן. אַז אירט װעלן, װעט איר זײַן. קענטעניש איז אַ בײַ־זאַך. דער עיקר — איר טאָרט ניט אַראָפּפֿאַלן בײַ זיך, טאָמער קאָן יענער בעסער פֿון אײַך. איר באַדאַרפֿט מיט אײַער צינגל צעקלאַפּן יענעמס קענטעניש. איר טאָרט ניט באַװײַזן אײן מינוט, אײן רגע, אַז איר האָט דרך־ארץ פֿאַר אַ גרעסערן. װאָרעם איר זײַט דער גרעסטער. איר דאַרפֿט האַלטן אין אײן שיטן מיט װערטער. די צונג דאַרף אַרבעטן מער װי דער קאָפּ. איר דאַרפֿט פֿאַרשיטן יענעם מיט אַזױ פֿיל װערטער, אַז יענער זאָל װערן צעטומלט און זאָל פֿאַרלירן יעדן געדאַנק און יעדן פֿאַרשטאַנד. דעמאָלט קאָנט איר יענעם פֿאַרװאַרפֿן מיט טױזנטער גראַנאַטן פֿונעם „סװאָד זאַקאָנאָװ" און פֿון „קאַסאַציאָנע דעפּאַרטאַמענט", װאָס ניט געשטױגן, ניט געפֿלױגן. דאָס איז פֿאַר די ריכטער. און פֿון די קליענטן רעדט מען ניט. קליענטן זײַנען שאָף, װאָס לאָזן זיך שערן. בהמות, װאָל לאָזן זיך מעלקן. פֿערד, װאָס האָבן ליב, אַז מע פֿאָרט אױף זײ רײַטנדיק. מיט זײ איז אװדאי ניטאָ װאָס צו צערעמאָניען זיך. זײ האַלטן ניט פֿון אַ צװױיקטעד לעמעשקע, װאָס פּרע־דיקט מאָראַל. זײ האָבן מער דרך־ארץ פֿאַר אַ נאַכאַל, אײדער פֿאַר אַ גע־לערנטן פּראָפֿעסאָר, װאָס איז אָנגעשטאָפּט מיט זאַקאָנעס, װי אַ זאַק מיט פּאָלאָװע. אױף דער גאַס טאָרט איר זיך ניט באַװײַזן אָן אַ גרױסן פּאָרטפֿעל — איר מעגט דאָרטן האַלטן אַלטע גאַזעטן, אָדער קױטיקע קעלנער מיט מאַנשעטן. און אין שטוב בײַ זיך מעגט איר זיך שפּילן מיט דער קאַץ גאַנ־צע טעג. נאָר אַז איר דערהערט אַ קלונג, דאַרפֿט איר זיך פֿאַרטיפֿן אין אַ גראָבן בוך און זיך רײַבן דעם שטערן. אַ קליענט טאָרט איר ניט אַרױס־

לאָזן פֿון די הענט, ביז אירט אים ניט אויסזויגן ביזן סוף, און עס דאַרף ניט זײַן אַ זאַך אַף דער וועלט, וואָס איר זאָלט זאָגן „איך ווייס ניט" — וואָרעם איר ווייסט אַלץ!...

נאָך אַזאַ שיינער לעקציע וואָלט דער פּראָפֿעסאָר פֿון דער דאָזיקער ביאָגראַפֿיע, דאַכט זיך, געמעגט פֿאַרשטיין, וואָס פֿאַר אַ מין נפֿש אָט דער „פּריסיאַזשנע פּאָווערענע" משה עפּעלבוים איז. האָט אָבער דער עפּעלבוים געהאַט אַזאַ קלוג, סימפּאַטיש פּנים, אַז ער האָט אײַך פֿאַרכּישופֿט מיט זײַנע אויגן און אונטערגעקויפֿט מיט זײַן ריידן, און ניט ווילנדיק זײַט איר געוואָרן זײַנער מיט לײַב און לעבן. דעם זעלבן אָפּדערנאַכט, נאָך דעם ווי ער האָט זיך איבערגעדרעמלט, האָט ער גענומען דאָס שטעקל מיטן פּאָרטפֿעל און האָט זיך געקליבן ערגעץ גיין. און דאָ איז אַרויסגעשפּרונגען ווידער אַ קאָנפֿליקט צווישן די ליבע און געטרײַע מאַן און ווײַב. דאָס ווײַב האָט אַ פֿרעג געגעבן בײַ איר מאַן, ווּהין ער גייט. דער מאַן האָט געענטפֿערט, אַז אין קלוב אַרײַן אַף איין האַלבע שעה. ער דאַרף זיך דאָרטן זען מיט אַ מענטשן. האָט אים דערויף דאָס ווײַב באַמערקט, אַז איר איז באַקאַנט זײַן האַלבע שעה; הלוואַי ער זאָל קומען כאָטש מאָרגן צו וואַרעמעס... און דער מענטש, וואָס ער דאַרף זיך מיט אים זען, איז איר אויך גאַנץ גוט באַקאַנט. דאָס איז ניט קיין מענטש, זאָגט זי, נאָר מענטשעלעך, לויטער מלכים און מלכות און וואַלעטן...

— און טײַז האָסטו, אפֿנים, פֿאַרגעסן רעכענען, מײַן טײַערע, טײַז!... וואָס פֿאַר אַ שפּיל איז עס אָן טײַז?...

דאָס ווײַב ענטפֿערט אים דערויף גאָרניט. נאָר זי גיט אַף אים אַזאַ קוק, אַז אַן אַנדער מאַן אַף זײַן אָרט וואָלט בעסער אַרײַן אין דער ערד אַ לעבעדיקער. נאָר משה עפּעלבוים מאַכט זיך דערפֿון. ער גייט־צו צו זײַן יונגן „סעקרעטאַר", בייגט זיך אָן צו אים, ווי ער שרײַבט, און טוט אים שטילערהייט אַ פֿרעג, וויפֿל האָט ער בײַ זיך געלט? טוט זיך דער „סעקרעטאַר" אַ כאַפּ בײַ דער קעשענע און באַווײַזט, וויפֿל געלט ער האָט. טוט עפּעלבוים אַ ווײַלע אַ טראַכט, דערנאָך ציט ער אויס די האַנט צום „סעקרעטאַר".

— אפֿשר קאָנט איר מיר דאָס אויסלײַען אַף אַ פּאָר מינוט? איכל דאָס אײַך הײַנט נאָך אָפּגעבן, צוריקקומענדיק פֿון קלוב.

— אָך! מיטן גרעסטן כּבֿוד! — האָט אים געענטפֿערט דער „סעקרעטאַר" און אַוועקגעגעבן אים דאָס גאַנצע ביסל מזומנים.

נאָך דעם אַוועקגאַנג פֿון משה עפּעלבוים האָט די מאַדאַם עפּעלבוים גענומען דעם „סעקרעטאַר" אויסצופֿרעגן, ווי אַזוי ער קומט צו איר מאַן אַלס סעקרעטאַר? און וואָס געהער ער זיך אָן מיט בראָדסקין? — „מיט וואָסער בראָדסקין?" — „מיטן קיעווער מיליאָנער בראָדסקי"... — „וואָס

פאַר אַ מחותּן איז דאָ בראָדסקי?"... — „איז בראָדסקי ניט אײַערער אַ פעטער?" — „וואָס איז אײַך עפּעס געפעלן, אַז בראָדסקי דאַרף מיר זײַן אַ פעטער?... — „וואָס דען קער ער אײַך אָן? — „ווער?"... — „בראָדסקי". — „וואָס, ווילט איר, זאָל ער מיר אָנקערן?"...

אַ קורצע פּויזע. בײדע קוקן זיך אָן אײנס דאָס אַנדערע העכסט פאַרוווּנדערט. יעדער מיט זײַנע געדאַנקען. אין אַ מינוט אַרום פרעגט די פרוי עפּעלבוים באַם „סעקרעטאַר" ווידער אַ מאָל: „אַזוי? איר האָט ניט געדינט אויך באַ בראָדסקין?" — „וואָס פאַלט אײַך אײַן, אַז איך האָב באַדאַרפט דינען באַ בראָדסקין?" — „און איר קענט אים גאָר אַפילו ניט?" — „ווען?" — „טפו זאָל דאָס ווערן! מע רעדט און מע רעדט — און מע קאָן זיך ניט דערריידן! זאָגט מיר כאָטש, ווער זײַט איר און ווי קומט איר אַהער?"...

אָפּן צווייטן טאָג האָט אָף אונדזער נאַיִוון העלד געוואַרט אַ נײַער סורפּריז: זײַן פּאַטראָן משה עפּעלבוים האָט זיך נאָך ניט אומגעקערט פון קלוב. „רב לוי" האָט געהאַט אַן אַרבעט — גיין אין קלוב אַרײַן רופן דעם טאַטן אַהיים עסן וואַרעמעס. האָט רב לוי קיין חשק ניט געהאַט צו כאַפּן אומזיסטע פּעטש אָפּן ניכטערן האַרצן. האָט אים די מוטער געמוזט באַצאָלן „שכר פּעטש" מיט אַן אַוואַנסל. און רב לוי האָט געבראַכט אַ ידיעה, אַז דער טאַטע זײַנער איז אינדערפרי אָפּגעפאָרן פון קלוב גלײַך צום וואָקזאַל, און פון דאָרטן — קיין קיעוו.

פאַר אונדזער העלד איז דאָס געווען אַן איבעררעשונג פון אַ דונער אין אַ שיינעם זונענטאָג מיט אַ בלויען הימל. עס איז געווען בײדע זאַכן: אַ קרענק אין בויך און אַ שאַנד אין פּנים. ערשט דעמאָלט האָט ער זיך גענומען צעפרעגן זיך אָף זײַן פּאַטראָן, און איז געווירע געוואָרן, אַז עפּעלבוים איז נאָך דערווײַל קיינמאָל ניט געווען קיין „פרעסיאַזשנע פּאָוויערענע". ער איז נאָר אַ „האָדאָטאַי", אַ טיפּ פון יענעם מין, וואָס מע רופט זיי „ווינקל־אַדוואָקאַטן", און אַז מע דערמאָנט דעם נאָמען עפּעלבוים אין ביעלאַצערקאָוו, דערמאָנט מען אים ניט אַנדערש, ווי מיט אַ שמייכל... דערווײַל האָט די לאַגע פון אונדזער יונגן העלד אָנגעהויבן צו ווערן טרויעריק. עס האָט געבלאָזן דערויף, אַז ער זאָל אינגיכן ווידעראַמאָל פאַרזוכן דעם טעם פון הונגער... מיט אַ פאַרביטערט האַרץ האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און האָט אָנגעשריבן צום טאַטן קיין פּערעיאַסלאַוו אַ לאַנגן בריוו מיט אַ שיינער מליצה־שפּראַך. די מליצה, קאָן מען זאָגן, האָט אים אַרויסגעראַטעוועט. מיט מליצה קאָן מען אַ סך שרײַבן און ווינציק זאָגן... ערשט צום סוף בריוו האָט ער אַרײַנגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער, אַז ער וואָלט זיך דורכגעפאָרן אַהיים, ער זאָל האָבן גענוג קליינגעלט אָף הוצאות־הדרך... און גאָר נישט לאַנג געוואַרט, קומט אים אָן פון פאָטער אַ געלט־בריוו אָף עטלעכע רובל מיט אַ באַפויל, ער זאָל זיך צואײַלן און קומען וואָס גיכער, וואָרעם עס

האָט זיך געעפנט אַ וואַקאַנסיע אַף ראַבינער אין אַ שטאָט ניט ווײַט פון פּערעיאַסלאַוו, און אַז ער האָט גוטע שאַנסן צו פאַרנעמען די שטעלע. און אויסגעלאָזט האָט ער זײַן בריוו צום זון אויך מיט אַ מליצה: „עשה! חושה! עופה כחץ מקשת כעל כנפי נשרים! מהר אל תביט אחריך! עלה והצלח!" דאָס וועט הייסן אַף אונדזער לשון: „אײַל זיך! כאַפּ זיך! פלי פײַל אויסן בויגן, ווי אַף די פליגלען פון אַן אָדלער! גיכער! זאָלסט זיך גאָר ניט אַרומקוקן! קום און זײַ מצליח!"...

78

די „וויבאָרעס"

ווי אַזוי מע קלײַבט אַ ראַבינער. — דער פריִערדיקער ראַבינער איז לובען. — אַן אַלטער באַקאַנטער. — רב נחמן כהנא פּראָטעזשירט דעם יונגן קאַנדידאַט. — ער האַלט אַ דרשה און נעמט שטאַרק אויס באַם עולם. — „מזל טוב, איזבראַן יעדינאַגלאַסנאַ". — אַ מופת פאַר גוייִם. — ער קומט קיין פּערעיאַסלאַוו, און די שמחה ווערט אים דאָרט פאַרשטערט. — ער גיט זיך דאָס וואָרט, אַז ער וועט נישט זײַן ווי אַלע.

לובען — דאָס איז דער נאָמען פון דער שטאָט, וווּ מע האָט פאַרלאַנגט אַ נײַעם ראַבינער.

דאָס וואָרט „פאַרלאַנגט" איז, מאָלט אײַך, ניט מער ווי אַ מליצה. אַ שטאָט פאַרלאַנגט אַזוי אַ ראַבינער, ווי, אַשטייגער, מע פאַרלאַנגט אַ קברות־מאַן. דער גאַנצער אינסטיטוט פון „קאַזיאָנע רבנים" איז, אייגנטלעך, אַן איבעריקער, אַן אָנגעהאַנגענער פון דער רעגירונג אַף די רוסישע ייִדן, און זיי האַלטן זיך מיט אים, ווי מיט עפּעס רעכטס. שענער פון אַלצדינג איז דאָס, וואָס אַ „קאַזיאָנער רב" ווערט ניט געשיקט דירעקט פון דער רעגירונג צו געוועלטיקן אַף די ייִדן, נאָר די ייִדן אַליין באַדאַרפן אים אויסקלײַבן דורך וואַלן („וויבאָרעס") פון קהל. נאָר די וואַלן גופא זײַנען בעל־כּרחם, געצוויט פון אויבן. דאָס הייסט, „נאַטשאַלסטווע" שרײַבט אַרײַן צו קהל אַ פּאַפּיר, אַז דעמאָלט און דעמאָלט זאָלן זיך די ייִדן צונויפזאַמלען דאָרטן און דאָרטן און זאָלן זיך אויסקלויבן אַ ראַבינער. און עס טוען זיך אַ לאָז קאַנדידאַטן. יעדער קאַנדידאַט האָט זיך זײַן צד, און יעדער צד האָט זיך זײַנע כּלי־זין מיט זײַנע מיטלען, מיט וואָס צו נעמען דעם עולם. איינער האָט אַ שיינע פּראָטעקציע. דער אַנדערער אַרבעט מיט געלט. דער דריטער — מיט אַ גלעזל משקה. שלאָפן שלאָפט קיינער ניט. אין שטאָט קאָכט עס, און עס רעדלט זיך. חברה היצן זיך, עס איז אַ גדולה

אַף דער ייִדישער גאַס, אַ שמחה — מע קלײַבט אַ ראַבינער. מע באַלאָטירט. מע וואַרפט גאַלקעס. עס איז חי־געלעבט! אַמאָל ציט זיך עס אַזוי אַוועק וואָכן. אַמאָל — חדשים. כדי די „וויבאָרעס" זאָלן צוגיין כשר, ווערט צוגעשיקט אַ „קנעפּל", וואָס גיט אַכטונג, אַז ס'זאָלן ניט פאָרקומען חלילה קיין שום פאַלשקייטן באַם ציילן די גאַלקעס. און ערשט נאָך די וואַלן הייבט זיך אָן די רעכטע חתונה. אַזוי ווי דער גובערנאַטאָר באַדאַרף דעם אויסוואַל באַשטעטיקן, הייבט־אָן צו גיין אין דער גובערנסקי פּראַוולעניע מסירות מיט קאַסאַציעס פון די נישט־אויסגעקליבענע קאַנדידאַטן, און אויב די „וויבאָרעס" ווערן קאַסירט, הייבט זיך אָן די שמחה נאָך אַמאָל פון אָנהייב. נײַע קאַנדידאַטן, נײַע צדדים, נײַע „וויבאָרעס", נײַע מסירות מיט נײַע קאַסאַציעס...

צווישן די פּאַרשוינען, וואָס האָבן אַרויסגעשטעלט זייער קאַנדידאַטור אַף רבנות אין לובען, איז געווען אויך דער פריִערדיקער ראַבינער. אויב איר געדענקט, איז דאָס געווען משה־דוויד דעם מלמדס זון, שמעון רודערמאַן, אָט דער וואָס האָט געהאַלטן אין פּערעיאַסלאַוו באַ שמדן זיך און ייִדן האָבן אים אַרויסגעראַטעוועט און אָפּגעשיקט אין דער ראַבינער־שול אין זשיטאָמיר. דער דאָזיקער ראַבינער האָט, אַפּנים, ניט שטאַרק אויסגענומען אין לובען. דער עולם האָט אַרויסגעקוקט אַף די „וויבאָרעס", ווי אַף משיחן. די לובענער ייִדן ווייסן ניט פון קיין פּאָליטיק און פון קיין חכמות. זיי, אַז עס געפעלט אַ מענטש, זאָגן זיי אים: „ביסט אונדז געפעלן". און אַז עס געפעלט זיי ניט, זאָגן זיי: „גיי געזונטערהייט, דו ביסט אונדז ניט געפעלן". דעם ראַבינער רודערמאַן האָבן זיי שוין לאַנג געזאָגט, און דווקא ניט זייער פאַרשטעלט, אַז ער מעג זיך זוכן אַן אַנדער שטאָט. און טאָמער וועט ער מיינען, אַז זיי טרײַבן מיט אים קאַטאָוועס, האָבן זיי זײַן אָרט אין בית־מדרש פאַרדונגען צו אַ בעל־הבית, אַזוי אַז דער ראַבינער איז געקומען שבת אין שול אַרײַן, האָט ער ניט געהאַט וווּ צו זיצן, און האָט געמוזט אויסשטיין די גאַנצע צײַט אַף די פיס. דעם צווייטן שבת איז ער שוין דערפאַר געקומען מיט „פּאָליציע" און האָט מיט תקיפות און מיט גבורה אײַנגענומען זײַן שטאָט אויבן־אָן אין מזרח־וואַנט. און מע קאָן זיך גרינג פאָרשטעלן דעם עפעקט מיטן חן, וואָס עס האָט געהאַט. די גאַנצע וועלט האָט געוווּסט פון דעם פאַקט. וואָרעם אַ חוץ, וואָס די גאַנצע מעשה איז געווען באַשריבן אינעם „המליץ", האָט נאָך דער רעדאַקטאָר צעדערבוים צוגעגעבן פון זיך מיט גאַנץ קליינע אותיותלעך אַ „הערת המו"ל" — אַ באַמערקונג פונעם רעדאַקטאָר, וואָס פאַרנעמט פּונקט דרײַ מאָל אַזוי פיל, ווי די קאָרעספּאָנדענציע. דאָרט גיט ער אַוועק אַ גאָב סײַ דעם ראַבינער, סײַ דעם איבעריקן עולם, און מוסרט זיי פאַרן חלול־השם, וואָס זיי האָבן דערלאָזט פּאָליציע אין אַ מקום קדוש. און לאָזן לאָזט ער אויס מיט אַ

„וכן לא יעשה״ — אַזוי טוט מען ניט, און פֿאַרענדיקט מיט אַ פּאָר מדרשים, מיט אַ פּסוק און מיט אַ מליצה פֿון דער מגילה: „וכדי בזיון וקצף״. צעדערבוים, עליו השלום, איז דערויף געווען אַ מײַסטער!

פֿונדעסטוועגן האָט רודערמאַן ניט אויפֿגעגעבן זײַן קאַנדידאַטור אויף לובענער הבנות. און אויך די איבעריקע קאַנדידאַטן האָבן געאַרבעט יעדער מיט זײַן צד, און יעדער צד אויף זײַנע כלים, און דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן. נאָר שוין כמעט גאָר צו־לעצט, אַ פּאָר טעג פֿאַר די „ווײַבאָרעס״, איז ווי פֿונעם הימל אַראָפּגעפֿאַלן דער העלד פֿון דער דאָזיקער ביאָגראַפֿיע מיט אַ בריוול פֿונעם פּעטער פּיניע צו זײַנעם אַ מחותן, איינעם פֿון די פֿײַנסטע בעלי־בתים אין לובען, מיטן נאָמען רב נחמן כהנא. דאָס איז געווען אַ זקן, אַ מיוחס און אַ נגיד. אַזאַ ייִד פֿאַרנעמט אין שול דעם אויבן־אָן. דער חזן וואַגט ניט גיין ווײַטער, ביז רב נחמן שטייט ניט אויס שמונה־עשרה — עס מעג זיך ציִען אייביק. אַז עס מאַכט זיך, רב נחמן פֿאַרשפּעטיקט זיך קומען אין שול אַרײַן (און דאָס טרעפֿט זיך מיט אים כמעט אַלע שבת), שיקט ער אַ שליח, מע זאָל אויף אים ניט וואַרטן. דער עולם פֿאַרשטייט אָבער דרך ארץ, אַז ער מיינט מסתמא, אַז מע זאָל יאָ אויף אים וואַרטן מיטן דאַוונען. מיט איינעם וואָרט, דאָס איז געווען אַ ייִד אַ צאַצקע, וואָס מע מעג זאָגן אויף אים „תורה וגדולה במקום אחד״.

געטראָפֿן האָט אים דער יונגער קאַנדידאַט זיצן איבער אַ משניות. איבערגעלייענט דעם פּעטער פּיניעס בריוול, האָט דער אַלטער כהנא צורעכט געמאַכט דיברילן און גענומען באַטראַכטן דעם בחור פֿון קאָפּ ביז פֿיס. עס האָט אויסגעזען, אַז דער חברה־מאַן האָט מיט זײַן קורץ ווייטיקל ניט אַזוי שטאַרק נושא חן געווען בײַ דעם שיינעם ייִדן. נאָר דער זכות פֿונעם פּעטער פּיניע איז אים בײַגעשטאַנען, און ער האָט אים געבעטן זיצן. צערעדט זיך מיטן גאַסט און דערזען, אַז דער בחור איז ניט קיין עם־הארץ אין די קליינע אותיות, ניט שטאַרק ווײַט פֿון אַ פּרק משניות, און אַז ער רעדט, וואַרפֿט ער גאָר אַרײַן אַ לשון־קודש־וואָרט, האָט זיך דער אַלטער צעשמייכלט און האָט אַ זאָג געגעבן, מע זאָל דערלאַנגען עפּעס פֿאַרבײַסן. און עס איז אַרײַנגעטראָגן געוואָרן אַ טעצל. אויפֿן טעצל איז געשטאַנען אַ שעלעכל, און אינעם שעלעכל איז געלעגן, איינס אַליין, ווי אַ יתומהלע, אַ צוקערלעקעכל. און אינעם צוקערלעקעכל האָט געשטעקט אַ ראָזינקע.

— מאַכט מזונות! — רופֿט זיך אָן דער אַלטער גביר און צעפֿרעגט זיך בײַם יונגן קאַנדידאַט אויף דער שטאָט פּערעיאַסלאַוו, ווו ער איז געווען אַמאָל מיט אַ יאָר עטלעכע און זעכציק צוריק. דעמאָלט איז דאָס געווען אַ ייִדישע שטאָט — ווי האַלט דאָס דאָרט איצט מיט ייִדישקייט?

— עס האַלט זייער גוט! — ענטפֿערט אים דער גאַסט און זאָגט זיך אויף פֿונעם לעקעכל, ניט אַזוי איבערן „מזונות״, ווי איבער דעם, וואָס נאָכ־

דעם וועט מען מסתמא אים הייסן מאַכן די „ברכה אחרונה" — און ער האָט זי קיינמאָל נישט געקענט אויסווייניק... פאַרן אוועקגיין האָט אים דער אַלטער כהנא געבענטשט, ער זאָל זײַן מצליח. און ער וועט, אם ירצה שם, געווים מצליח זײַן, וואָרעם ער, אַז ער בענטשט, — אַזוי האָט אים דער אַלטער פאַרזיכערט — ווערט מקוים, וואָרעם ער איז אַ כהן...

דעם זעלבן טאָג איז אַרויס אַ קלאַנג אין שטאָט, אַז ס'איז צוגעקומען נאָך אַ קאַנדידאַט אויף ראַבינער. נאָך גאָר אַ יונגער, אַ בחורל, נאָר אַ חברה־מאַן מיט אַלע מעלות. ערשטנס, אַ „טאַטנס אַ קינד". רב נחמן כהנאס אַן אייגענער. הײַנט אַ בעל־תנ"ך, און אַ כתבא רבה, און איז קלאָר אין ש"ס און פוסקים. און אַזוי ווי די פאַנטאַזיע האָט זיך שוין צעהיצט, האָבן איי־ניקע צוגעלייגט, אַז ער האָט סמיכות אויף רבנות, און אַז ער קען פּסקענען שאלות, און אַז ער וועט אײַך פאַרשטעקן אין גאַרטל דעם רב מיט נאָך דרײַ אַזעלכע; ווי דער רב, — הכלל, עפּעס טאַקע אַ פויגל פון פויגללאַנד! אַז ער האָט זיך באַוויזן אין גאַס, צווישן די קלייטן, האָט מען אויף אים געטײַט מיט די פינגער, און ער האָט געהערט הינטער זײַנע פּלייצעס ריידן:

— אָט דאָס איז ער?

— ווער?

— דער נײַער ראַבינער.

— אַזאַ צוציק?

— דער מאַמעס מילך נאָך ניט אויסגעטריקנט.

— און וואָסערע לאַנגע האָר ער טראָגט!

— לאַנגע האָר, קורצער שכל...

פונדעסטוועגן האָט ער געהאַט געגנוג שכל אין איין טאָג אָפּשטאַטן אַ האַלב טוץ וויזיטן צו די „פּני", צו דעם סאַמע צימעס פון שטאָט — צו די באַכמוצקיס, צו די קאַניעווסקיס, צו די ראָגאַטשעווסקיס און צו די אַלע איבעריקע פאַרשטייער פון דער לובענער בורזשואַזיע. און טאָמער איז קאַרג, איז ער דעם שבת וואָס פאַר די „וויבאָרעס" געווען אין שול. האָט מען אים אַוועקגעזעצט אויבן־אָן, גוט אָנגעקוקט זיך, אָפּגעשטעקט אים אַ פּאָר הונדערט שלום־עליכמס און אויפגערופן מפטיר.

דאָס איז געווען אַ מין עקזאַמען. און דער חברה־מאַן האָט אַוועקגע־לייגט אַ הפטרה, איז דאָס שוין געווען איין מאָל אַ הפטרה! נאָר דאָס איז נאָך גאָר־ניט אַקעגן דעם, וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן בײַ די „וויבאָרעס". און אָפּגעטאָן האָט זיך אָט וואָס: דער זאַל פון דער „אופראַווע" איז געווען פול מיט ייִדן, און מע האָט שוין באַדאַרפט צוטרעטן צו די וואַלן, קומט־אַרויס דער יונגסטער פון די קאַנדידאַטן מיט אַ ריידעניש, און דווקא אויף רוסיש, אויסגעמישט מיט פּסוקים פון תנ"ך און מיט אַ משל און מיט אַ מדרש, וואָס האָבן זיך געקלעפּט צום ענין, פּונקט ווי אַן אַרבעס צו דער

וואנט. נאר די „דרשה" האט אזוי אויסגענומען, אז דער יונגער קאנדידאט איז אויסגעקליבן געווארן פאר ראבינער פונעם גאנצן עולם גאר אן גאל־קעס. באלד איז אוועק א דעפעש אהיים: „מזל־טוב, איזבראן יעדינאגלאס־נא." און אליין איז דער אויסדערוויילטער יונגער ראבינער אוועק צום אלטן רב נחמן כהנא אפדאנקען זיך. דער אלטער איז באמת געווען גערירט, וואס זיין פראטעקציע האט געהאט אזא דערפאלג. ער איז א בעלן געווען דעם ראבינער, ער זאל אים איבערדערציילן די דרשה, וואס ער האט געהאלטן פארן עולם. האט אים דער ראבינער געענטפערט, אז ער וואלט דאס אים מיט פארגעניגן איבערדערציילט, איז נישטא וואס צו הערן.

— וואס־זשע זאגט מען, אז דער עולם האט געלעקט די פינגער?

— אויב איר'ט קיין פאריבל ניט האבן, וועל איך אייך דערציילן א מעשה.

— מהכתיתי. אבי עס האט א שייכות אהער. — האט דער אלטער כהנא זיך צוגעגרייט הערן, אנגעטאן דיברילן, און דער ראבינער האט אנגעהויבן בזה הלשון:

די מעשה, וואס איך וועל אייך דערציילן, איז מיט, להבדיל, א גלח. א יונגער גלח, נאר־וואס פון דער נאדל ארויס, איז געקומען צום מיטראפאליט, ער זאל אים בענטשן און זאגן, וואס ער האט צו ריידן חגא פאר די גויים אין קלויסטער. האט אים דער מיטראפאליט געבענטשט און געזאגט, אז ער זאל די גויים דערציילן מופתים פון הייליקע. למשל, דעם מופת פון די פערציק הייליקע, וואס האבן געבלאנדזשעט אין וואלד דריי טעג מיט דריי נעכט, שיער ניט אויסגעאגנגען פון הונגער. האט גאט באוויזן א מופת — זיי האבן געפונען א ברויט. האבן זיך אלע פערציק הייליקע אוועקגעזעצט עסן דאס ברויט. האבן זיי געגעסן און געגעסן, געגעסן און געגעסן, — און ס'איז נאך איבערגעבליבן אף מארגן... אז ס'איז געקומען חגא, האט דער יונגער גלח אין קלויסטער פאר די גויים איבערדערציילט דעם מופת, נאר א ביסל אנדערש. איינער א הייליקער האט געבלאנדזשעט אין א וואלד דריי טעג און דריי נעכט, שיער ניט אויסגעגאנגען פאר הונגער, האט גאט באוויזן א מופת — ער האט געפונען פערציק ברויט. האט ער זיך אוועקגעזעצט עסן, האט ער געגעסן און געגעסן, געגעסן און געגעסן — און ס'איז נאך איבערגעבליבן אף מארגן... שפעטער, אז דער מיטראפאליט האט אים פארגעהאלטן, ווי אזוי מאכט דאס א גלח אזא מיאוסן טעות? האט אים דער יונגער גלח געענטפערט:

— פאר אט די גויים איז דאס אויך א מופת...

דער אלטער כהנא איז צעשמאלצן געווארן פאר געלעכטער. ער האט זיך משמח געווען מיטן ראבינער, געקליבן תענוג, טאקע ווי אן אייגענער. ניט לאנג האט עס אבער געדויערט. עס איז אים גלייך פארשטערט געווארן

די שמחה, ווי מיר וועלן דאָס ווייטער זען. דערווײַלע פֿאָרן מיר זיך דורך מיטן יונגן ראַבינער אין זײַן געבורטסשטאָט, אין פּערעיאַסלאַוו.

פֿאַרגעשטעלט האָט זיך אונדזער העלד, אַז פּערעיאַסלאַוו וועט גיין כּאַדראַם מיט זײַנע „וויבאָרעס". אַ קלייניקייט — אַזאַ דערפֿאָלג, און באַ אָט די יאָרן! צום סוף — גאָרנישט מיט גאָרנישט. געפֿרייט האָט זיך נאָר די משפּחה. און אויך ניט אינגאַנצן. די שמחה וועט ערשט זײַן, אַז דער גובערנאַטאָר וועט די „וויבאָרעס" באַשטעטיקן. דערווײַל הענגט דאָס נאָך אין לופֿטן. מע דאַרף זיך דורכפֿאָרן אין דער גובערניע, קיין פּאָלטאַווע — כּלאָפּאָטשען, שמירן... דאָס אַליין איז שוין געווען גענוג אָפּ אָפּצוקילן די געהויבענע שטימונג. און טאָמער איז קאַרג, באַדאַרף זיך דער העלד באַגעגענען מיט חייטע רודערמאַן, דעם לובענער ראַבינערס יינגערן ברודער. חייטע גייט זיך אַזוי ברייטלעך, די הענט אַרונטער, דאָס געלע אויבעררעקל אַף די אַקסלען אָן די אַרבל. ניט פֿילנדיק זיך אין קיין זאַך שולדיק, ציט אים אויס אונדזער העלד די האַנט. יענער רירט ניט מיט קיין האַנט, טרעט־אָפּ אַף אַ זײַט און גייט־דורך פֿאַרבײַ, ווי אַן אומבאַקאַנטער... „אַ ברודער פֿאַר אַ ברודער" — טראַכט זיך דער באַליידיקטער, געפֿינט אַ זכות אַף זײַן חבר דעם באַליידיקער און לויפֿט־אַוועק אויסגיסן זײַן הארץ פֿאַר אַן אַנדער חבר, פֿאַר אַברהמל זאָלאָטושקינען. לאָזט זיך אויס, אַז זאָלאָטושקין, כאָטש ער איז מיט חייטע רודערמאַן אַף מעסערשטעך, דאָך גיט ער אָפּ דעם גערעכט חייטן און זאָגט דעם העלד אין די אויגן, אַז אַ רעכטער מענטש טאָר אים איצט די האַנט ניט געבן. איבער צוויי טעמים: ערשטנס — דער־פֿאַר, וואָס ער איז אַ ראַבינער, און אַ ראַבינער איז אַ צבֿועק, אַ היפּאָקריט, אַ טעלערלעקער באַ די נגידים און אַ טשינאָווניק באַ דער רעגירונג. און צווייטנס — אַן אָרנטלעכער מענטש גייט ניט צונעמען יענעמס פּרנסה, רײַסט ניט ווי אַ הונט באַם אַנדערן דעם ביין פֿון די ציין...

קורצע, נאָר שאַרפֿע דבורים. אונדזער העלד פֿילט, אַז אין די ווערטער ליגט אַ שטיק אמת. און ער דערמאָנט זיך אַ בילד, ווי אַזוי ער האָט דעם טאָג פֿון די „וויבאָרעס" באַגעגנט זיך מיטן לובנער עקס־ראַבינער שמעון רודערמאַן, ווי אַזוי יענער איז געוואָרן בלאַס, די אויגן צעשראָקן, גלײַך ווי זיי וואָלטן פֿרעגן: „וואָס האָסטו געהאַט צו מיר?"... אַזוי טראַגיש זעט־אויס אַ הונט, וואָס איז פֿון אַנדערע הינט צעריסן און צעביסן און אַרויס־געיאָגט געוואָרן אַף אַלע פֿיר עקן פֿון דער וועלט. עס האָט אים פֿון דער באַגעגעניש פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ. איין מינוט איז געווען אַזעלכע, וואָס ער איז גרייט געווען פֿאַלן דעם אומגליקלעכן שמעון רודערמאַן אַפֿן האַלדז, אים בעטן מחילה און אָפּטרעטן אים די שטאָט לובען מיט אירע שיינע בעלי־בתים און מיט דער קאַנדידאַטור אַף רבנות... דאָס וואָלט געווען מענטשלעך, שוין צו מענטשלעך... האָט עס אָבער מער ניט געדויערט ווי

איין מינוט. באַלד איז אַרויס דער עגאָאיסט, דער „איך" — און דער „איך" האָט גובר געווען...

מיט וואָסער אַ האַרץ דער העלד איז אַוועק פון זײַן חבר זאָלאָטושקין — קאָן מען זיך משער זײַן. וואָס קאָן זײַן ערגער פון דעם, אַז איך וויים, אַז יענער איז גערעכט און איך בין אומגערעכט?... באַ טשעכאָוון איז פאַראַן דערויף דער ריכטיקער אויסדרוק: „ער האָט זיך געפילט ווי איינער, וואָס האָט געגעסן זייף"... איין זאַך נאָר האָט ער ניט געקאָנט פאַרשטיין: פאַר וואָס מוז אַ ראַבינער זײַן דווקא אַ היפּאָקריט, און דווקא אַ טעלערלעקער באַ די נגידים און אַ טשינאָווניק באַ דער רעגירונג?... און ער גיט זיך דאָס וואָרט, אַז ער וועט דאָס ניט זײַן! אַז ער וועט זײַן אַ ראַבינער ניט ווי אַלע... אַ מענטש איז דאָס, וואָס ער וויל זײַן!...

געשריבן אין די יאָרן 1913—1916.

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

(מיטן קאַפּיטל „די וויבאָרעס" ווערט איבערגעריסן אין רעכטן מיטן דאָס וווּנדערלעכע בוך פון שלום-עליכמס לעבנס-געשיכטע, אין וועלכן ער האָט אַרײַנגעגעבן די בעסטע קרעפטן זײַנע אין די לעצטע יאָרן און האָט עס גערעכנט פאַר זײַן „שיר-השירים" — דער געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען. ווי עס שײַנט, איז דאָס דאָזיקע קאַפּיטל געשריבן געוואָרן שוין אין די לעצטע טעג פון זײַן לעבן.

נאָכזוכנדיק אין די איבערגעבליבענע שריפטן פון שלום-עליכמס אַלצדינג, וואָס האָט אַ וועלכע עס איז שײַכות מיטן בוך „פונעם יאַריד", האָט זײַן פאַמיליע מער קיין געניצלעך באַאַרבעטע קאַפּיטלעך פון דער אויטאָביאָגראַפיע ניט געפונען, אויסער אַ קורצע לעבנסבאַשרײַבונג פון שלום עליכם, געשריבן מיט יאָרן צוריק פון אים אַליין אין דער פאָרעם פון אַ בריוו צו אַ פרײַנט, און אויסער אַ קליינע הקדמה צום בוך „פונעם יאַריד", אין וועלכער דער פאַרפאַסער דערציילט, ווי אַזוי ער איז געקומען צום געדאַנק צו שרײַבן זײַן לעבנסגעשיכטע. אַנשטאָט דעם האָט מען געפונען ניט קיין באַאַרבעטע אויטאָביאָגראַפישע מאַטעריאַלן און רשימות, וואָס האָבן געזאָלט דינען באַם מײַסטער אין די הענט אַלס ליים און ציגל פאַר אַ גרויסן פראַכטפולן בנין — פאַר אַ קאָלאָסאַלן בוך. וואָס האָט אפשר געקאָנט דערגרייכן ביז צען בענדער, וועלכע וואָלטן אַרומגענומען, צוזאַמען מיטן פערזענלעכן לעבן פונעם דיכטער, אַ גאַנצע עפּאָכע פונעם יידישן לעבן אין אייראָפּע און אַמעריקע.

די יידישע ליטעראַטור האָט אָבער קיין מזל ניט געהאַט — און דער דאָזיקער גרויס-געפּלאַנטער בנין וועט אַזוי בלײַבן דערפירט נאָר ביז זײַן דריטן שטאָק און וועט אַזוי בלײַבן שטיין אין אונדזער אָרעמער גאַס ניט קיין געענדיקטער, אַז אַ דאַך. דער מײַסטער איז אין רעכטן מיטן פון זײַן אַרבעט אַוועקגערופן געוואָרן.

אייניקע מיטגלידער פון שלום-עליכמס פאַמיליע האָפן דאָך די ביאָגראַפיע פון דעם פאָלקסדיכטער — אויב נישט אין דער זעלטענער דיכטערישער פאָרעם, צו וועלכער ער אַליין נאָר איז געווען באַרופן, איז כאָטש אין דעם אמתן ליכט פון די ווירקלעכע פאַקטן און לעבנס-פּאַסירונגען — דערפירן ביזן סוף. צו דעם דאָזיקן צוועק וועלן אויסגענוצט ווערן אַלע די מאַטעריאַלן און רשימות, וואָס שלום עליכם האָט געזאַמלט פאַר זײַן לעבן און האָט זיי איבערגעלאָזט אין גרויסער אָרדענונג צווישן זײַן ליטעראַרישער ירושה.

באַמערקונג פון י. ד. בערקאָוויטש).

אויטאָביאָגראַפישע פאַרצייכענונגען
שלום-עליכמס צוואה און עפּיטאַפיע

פון דער רעדאַקציע

אויסער דער ניט־פאַרענדיקטער גרויסער קינסטלערישער אויטאָביאָגראַפיע, דעם בוך „פונעם יאַריד", האָט שלום־עליכם באַ פאַרשיידענע געלעגנהייטן אָנגעשריבן עטלעכע קורצע אויטאָביאָגראַפישע פאַרצייכענונגען, וואָס זיינען געווען באַשטימט פאַר דער פרעסע און זיינען דאָרט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, טיילמאָל אַפילו אָן דער אָנווייזונג, אַז געשריבן האָט דאָס שלום עליכם אַליין.

די דאָזיקע אויטאָביאָגראַפישע פאַרצייכענונגען, געשריבן געלעגנהייטלעך, פרעטענדירן נישט אַף קיין קינסטלערישן ווערט, ערטערווייז זיינען אַפילו אין די פאַרצייכענונגען די דאַטעס נישט גענוג שטרענג קאָנטראָלירט און די פאַקטן ווערן צייטנווייז באַהאַנדלט גאַנץ אויבערפלעכלעך.

נישט געקוקט אַף די דאָזיקע דעפעקטן, גיבן דאָך צו די פאַרצייכענונגען אייניקע שטריכן צו דער כאַראַקטעריסטיק פון שלום־עליכם און זיין אַרבעט אַפן בוך „פונעם יאַריד". דערפאַר גיבן מיר דאָ צוויי אַזעלכע אויטאָביאָגראַפישע פאַרצייכענונגען: די ערשטע איז געשריבן אַף יידיש צו י. ראַווניצקי (1903 י.), און די צווייטע איז געשריבן אַף רוסיש פאַר דער צייטונג „קיעווסקאַיאַ מיסל" (1908 י.). זי ווערט דאָ געגעבן אין י. בערקאָוויטשעס איבערזעצונג, ווי זי איז אָפגעדרוקט אינעם „שלום־עליכם־בוך".

צולעצט, גיבן מיר אויך שלום־עליכמס צוואה און עפּיטאַפיע, וואָס ער אַליין האָט געשריבן און וואָס זאָגן אײדעס וועגן דער גרויסקייט און גלייכצייטיקער באַשיידנקייט פון אונדזער אומפאַרגעסלעכן פאָלקס־שרייבער.

I

צו מײַן ביאָגראַפֿיע

(געשריבן אין יאָר 1903 צו מײַן אינטימסטן פֿרײַנט י. ח. ראַווניצקי)

ליבסטער חבר, טײַערסטער פֿרײַנט ראַווניצקי!

איר ווילט, איך זאָל אײַך געבן כאָטש אַ ביסל רשימות צו מײַן ביאָגראַפֿיע? איך האָב זייער מורא, צי איז בכלל ניט קיין איבעריקע זאַך די ביאָגראַפֿיע מײַנע? אפֿשר איז נאָך אַ ביסל צו פֿרי? דאָס איז נומער איינס. והשנית, האָב איך חשק אַליין אָנשרײַבן די געשיכטע פֿון מײַן לעבן — אַ גאַנצן ספֿר *. און דריטנס, בין איך איצט, לא עליכם, שטאַרק פֿאַרטאָן אין עסק. טאָקע אין ליטעראַטור. זינט איך שרײַב בין איך נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי פּראָדוקטיוו, אַזוי פּרוכטבאַר, ווי אַצינד. צי גוט, צי שלעכט — נאָר סע שרײַבט זיך אַ סך. און איר ווייסט דאָך, ווי אַזוי איך בין מסוגל צו שרײַבן — אַפֿילו אַף אַ שפּיץ פֿון אַ נאָדל און אַף אַ שאַרף פֿון אַ שווערד!... אַ חסרון — די צײַט איז ניט גוט, און בײַ אונדזער פֿאָלק אין דרויסן איז כמאַרנע, גלוסט זיך ניט לאַכן, און אַז סע לאַכט זיך — לאַכט זיך מיט יאַשטשערקעס... הײַנט דאָס איבערשרײַבן זיך מיט אונדזערע גדולים, די ייִדן און, להבדיל, די גויִים — נעמט צו בײַ מיר אַ גוזמא צײַט. און דאָך האָב איך זיך אָפּגעריסן פֿון אײַערטוועגן אַ גאַנצע שעה (רוצח!), און נאָט אײַך נאָך אַ ביסל רשימות. אפֿשר וועלן זיי אײַך צונוץ קומען בײַ אײַער אַרבעט? און גאָט לאָז אײַך זײַן צו הילף!

אײַער איבערגעבנסטער חבר

ש ל ו ם - ע ל י כ ם.

... אין אַ קליין שטעטל וואָראָנקאָ, ווי אַ טל־ומטר די גרויס, ניט ווײַט פֿון דער שטאָט פּערעיאַסלאַוו (וווּ איך בין אינעם יאָר 1859 געבוירן) — דאָרט האָב איך פֿאַרבראַכט די בעסטע גילדענע יאָרן, מײַנע ערשטע גוטע נאַרישע קינדערשע יאָרן. אין דעם דאָזיקן קליינעם וואָראָנקאָ איז מײַן פֿאָטער געווען דער מיוחס, דער גביר, דער גבאי ראשון פֿון אַלע חברות — „רב נחום וועוויקס"! און מיר, רב נחום וועוויקס קינדער, — אויך נישט

---

* דעם ספֿר האָב איך טאַקע אָנגעהויבן נאָכדעם צו שרײַבן אין איטאַליע מיטן נאָמען „שלום עליכמס ביאָגראַפֿיע, פֿון אים אַליין געשריבן".

אָנגעמערקט פֿון שלום עליכם) אין 1913.

קיין קלייניקייט! אַלע שבת־צו־נאַכטס איז געווען בײַ אונדז אַ מלווה־מלכּה פאַר דעם גאַנצן שטעטל; אַלע יום־טוב איז מען געקומען צו אונדז אויף קי־דוש; אַלע נײַס האָט מען געבראַכט צו אונדז און אַרויסגעטראָגן פון אונדז; אַ גלעזל ווײַן האָט מען געטרונקען בײַ אונדז; פונעם רבין האָט מען גע־רעדט בײַ אונדז, פון פּאָליטיק — בײַ אונדז, אַלצדינג — בײַ אונדז. און אונדז, נחום וועוויקס קינדער, האָט מען געהאַלטן חשוב, געפירט בדרך הישר, אָפּגעגעבן צום בעסטן מלמד, צו רב זרחן, און פרום זײַנען מיר גע־ווען באמת.

איך געדענק נאָך אַצינד דעם זיסן טעם פון די טרערן, וואָס מיר האָבן פאַרגאָסן פון אונדזער רבינס מוסר. אַלע טאָג פלעגט אונדז דער רבי זרח זאָגן אַ ביסל מוסר, און מיר פלעגן זיך נאָכדעם, באַם דאַוונען, שלאָגן „אָשמנו" אויף אונדזערע גרויסע זינד, וואָרעם אינאיינעם מיטן פרומקייט זײַנען מיר געווען אויך גרויסע־גרויסע בעלי־עבירות: ליגנערס, נאַשערס, ניט געפּאָלגט דעם טאַטן, געהיפּט אינעם דאַוונען, געגנבעט געלט פון דער צדקה־פּושקע (זע „דאָס מעסערל"). הײַנט הרהורים, מחשבות זרות, געדאַנקען!... איינער איז געווען צווישן אונדז אַ חבר, אַן עלטערער, אלי האָט ער געהייסן, אלי קיילעס, אַ יינגל אַ חתן — האָט ער אונדז דערציילט מעשיות, געוועקט בײַ אונדז דעם יצר־הרע, פאַרדאַרבן, געמאַכט אונדז פאַר גרויסע... און נאָכדעם האָט דער רבי געזאָגט מוסר, און מיר האָבן געוויינט, געגאָסן מיט טרערן און געדאַוונט ערלעך, נישט געהיפּט, געשלאָגן זיך „אָשמנו" און געוויינט, געוויינט און תשובה געטאָן.

די פאַנטאַזיע איז בײַ מיר געווען פון קינדווײַז־אָן מאָדנע גרויס און צעהיצט. הײַזער האָבן בײַ מיר אויסגעזען ווי שטעט, הויפן — מדינות, ביימער — מענטשן, מיידלעך — בת־מלכּהס, רײַכע יונגעלײַט — פּרינצן, גראָז — חיל, שטעבלקעס און קראָפּעווע — פּלשתים, אדום און מואָב, און איך פלעג גיין אויף זיי מיט מלחמה (זע „גרינס אויף שבועות").

אויפכאַפּן דאָס לעבעדיקע פון יעדער זאַך און פון יעדן מענטשן — דאָס איז געווען בײַ מיר כּמעט אַ חולאת. איך פלעג, ניט ווילנדיק, נאָכמאַ־כן איטלעכן באַזונדער. פונעם רבין רב זרח מיט זרחליכען מיט אַלע חברים מיט זייערע טאַטע־מאַמע ביז ברוך־בער דעם שכור און, להבדיל, אַניסקאַ דעם סטאָראָזש מיט די אויסגעדרייטע פיס — און פאַר אָט דעם נאָכמאַכן האָב איך געכאַפּט פעטש, ווי האָלץ. אין חדר בין איך געווען די „פאַר־שלעפּטע קרענק" (דער קאָמיקער). אַלע פלעגן לאַכן, ביזן טויט לאַכן, אַ חוץ מיר. נאָר אינדערהיים האָט די מאַמע באַמערקט מײַנע שטיק, און פון דעמאָלט אָן האָט זי גענומען אויסקאָרעניען אין מיר די דאָזיקע תנועות.

נאָך איינער איז געווען מיט מיר אַ גלײַכן אויף מאַכן אָנשטעלן, זיך פאַרשטעלן, „שפּילן", „זיך גרימירן", און בשעת מעשה זינגען שיינע, וווּנ־

דערשיינע לידער. דאָס איז געווען מאירל דעם רבס, אָדער מאירל מעדוועדיעוו, דער געוויסער נאָכדעם באַרימטער אַרטיסט מ ע ד וו ע ד י ע וו. די קונץ פון „שפּילן" איז געווען אַנטפּלעקט פאַר אים נאָך דעמאָלט, ווען ער איז געגאַנגען באַרוועס און געזונגען דאָס שענסטע ליד פאַר אַ גראָשן אָדער פאַר אַ האַלבן עפּל *. מיר ביידע, איך און מאירל מעדוועדיעוו, האָבן געשפּילט דעם „גזלן" — אַ טעאַטער־שטיק פון אונדזער אייגענער פאַנטאַזיע. מעדוועדיעוו איז געווען דער גזלן, איך בין געווען דער ייִד, דער אָרעמאַן, און די איבעריקע חברים זײַנען שוין געווען דער וואַלד (די ביימער פונעם וואַלד: סטאַטיסטן). איך, דער ייִד דער אָרעמאַן, בין געשטאַנען פאַר אים, פאַרן גזלן, אויף די קני, געטענהט: „וואָס האָסטו צו מיר? איך בין אַ ייִד אַן אָרעמאַן, אַן אביון! האָב רחמנות אויף מײַן ווײַב און קינדער!"... און ער, דער גזלן (מעדוועדיעוו), מיט אַ קאָלאָדאַטשמעסער אין האַנט, האָט געזונגען זייער אַ שיין לידל: אַז ער מוז, ער מוז אויסקוילען אַלע ייִדן!...

ווי ווײַט פאַרדאַרבן און שלעכט דערצויגן מיר זײַנען נישט געווען, איז דער געפיל פון צער בעלי־חיים געווען בײַ מיר אַזוי גרויס, אַז אַ קראַנק פערד האָט מיך געקרענקט (זע „מתושלח"), אַ הונט מיט אַן איבערגעבראָכענעם פוס האָט אַרויסגערופן בײַ מיר טרערן (זע „ראַבטשיק"), און אַפילו אַ קאַץ, וואָס איז גאָר אַ טמא, אַ שרץ, איז בײַ מיר געווען טײַער און ליב. און פון קראַנקע אָרעמע קינדער שמועסט מען נישט (זע „באַשעפעניש").

דער חשק פון שרײַבן — מערקווירדיק! — האָט זיך גענומען בײַ מיר פון דעם רבין רב זרחס זעלטן שיין הענטל. פאַר אַ שיינעם „כתב" האָט אונדז דער טאַטע געשענקט אַ גראָשן (דער ערשטער „האָנאָראַר"), און צוליב דעם שיינעם כתב האָב איך זיך אויפגעגנייט אַ ביכל און האָב שיין אָנגעשריבן („פּאַרפּאַסט") אַ גאַנצן חבור אויף תנ"ך און אויף דקדוק, און אַז איך האָב דאָס באַוויזן דעם טאַטן, איז ער נתפּעל געוואָרן פון מײַן „ווערק" און האָט דאָס לאַנג־לאַנג אַרומגעטראָגן בײַ זיך אין קעשענע, באַוויזן איטלעכן באַזונדער, ווי שיין זײַן זון שרײַבט (אַלט האָב איך באַדאַרפט זײַן דעמאָלט אַ יאָר צען), ווי קלאָר ער איז אין תנ"ך און ווי גוט ער קען דקדוק. דערויף האָט געזאָגט אונדזער שכן, אַ ייִד אַ חסיד מיט אַ צאַפּן־בערדל, רב אײַזיק, וואָס פלעגט קוויטשען בשעת דאַוונען, ווי אַ קעצל: „דקדוק — שמינדיק — בינדיק בלע"ז! דער עיקרשט איז בײַ מיר דאָס הענטל! אַ גילדן הענטל!"... (די ערשטע „קריטיקע").

---

* איך געדענק אַ לידל מיט דער מעלאָדיע:
„גיי איך אַרויס אין דער ווילנער גאַס,
הער איך אַ קול מיט אַ גרויס געשריי:
אוי־וויי! —
מע שרײַט אַזוי..."

געצויגן האָט מיך אַלץ אַהין, אין יענע עולמות פון רוחניות, פון חלומות, פון נגינה (זע „יאָסעלע סאָלאָוויי"), פון שפּילן (זע „סטעמפּעניו"), און איך האָב אַליין נאָך דער בר־מצווה בגנבה זיך צוגעכאַפּט צום פידל — און האָב געכאַפּט דעם רעכטן פּסק פון מײַן טאַטן (זע „אָפּן פידל").

פאַראַרעמט געוואָרן, זײַנען מיר אַריבערגעפאָרן פון וואָראָנקאָ צוריק קיין פּערעיאַסלאַוו. דאָרט האָט מען אונדז אויפגענייט די ערשטע מאָדנע קאַפּאָטקעלעך, מיט אַ שפּאַלט פון הינטן. און אַז די מאַמע איז געשטאָרבן (פון דער חלירע), האָט אונדז דער טאַטע אָפּגעגעבן אין דער „שקאָלע", און איך האָב מיך אויסגעפּײַנט צווישן אַלע קינדער, באַוויזן אַ סך בריה־שאַפט, און נאָך דעם ערשטן ביכל, וואָס איך האָב אױף מײַן לעבן געלייענט צו פופצן יאָר, „ר אָ ב י נ ז אָ ן ק ר ו ז אָ ע", האָב איך תיכּף ומיד געמאַכט אַן אייגענעם „ראָבינזאָן קרוזאָע", מיטן נאָמען: „דער ייִדי־שער ראָבינזאָן קרוזאָע", באַוויזן דעם טאַטן, און דער טאַטע האָט באַוויזן די אורחים (בײַ אונדז איז געווען אַן אכסניה), און אַלע זײַנען אַרויס פון די כלים!

פון דעמאָלט־אָן האָט דער טאַטע געקוקט אױף מיר, ווי אױף אַן אבן־טוב, מיך אַרויסגענומען פון דער שטיפמאַמעס רשות, נישט געלאָזט, מע זאָל מיך שלאָגן, נישט געלאָזט מיך וויגן אירע קליינע קינדער, נישט געגעבן מיר האַקן ראָזשינקעס, ווי פריִער (בײַ אונדז איז געווען אויך אַ ווײַנקע־לער מיטן נאָמען „יוזשני בערעג"), און פאַרווערט מיר פּוצן פאַר די אור־חים די שטיוול, שטעלן דעם סאַמאָוואַר, לויפן אַ גאַנג, וכדומה אַזעלכע מלאכות, וואָס איך פלעג זיי טאָן ביז יענער צײַט.

אין דער עפּאָכע וואָס פון זיבעצן יאָר ביז איין־און־צוואַנציק יאָר, ביז איך האָב גענומען שטודירן, געוואָלט זײַן אַ ראַבינער, האָב איך אַ סך־אַ סך געלייענט, נאָר נאָך מער געשריבן. און געשריבן האָב איך אַלץ, וואָס איך האָב געלייענט: לידער, פּאָעמעס, ראָמאַנען, דראַמעס אָן אַ שיעור און גלאַט „מאמרים" אין דער וועלט אַרײַן! מײַנע „ווערק" האָב איך געשיקט אין אַלע ייִדישע און גויִישע רעדאַקציעס (איך האָב געשריבן אין לשון־קודש און אין רוסישן), און די רעדאַקציעס האָבן, ברוך השם, געהאַט מיט וואָס צו הייצן די הרובעס... נאָר איין „המליץ" האָט אָפּגעדרוקט אַ צוויי־דרײַ פון מײַנע „מאמרים" מיט אַ הערה פון דער רעדאַקציע מיט קליינטשקע אותיותלעך: „ש פ ת ך א ת ך (דײַן שפּראַך איז מיט דיר). ש ל ח ד ב ר י ך ו כ ב ד נ ו ם (שיק דײַנע רייד, וועלן מיר זיי פאַרצוקערן)"... און איך האָב אָנגעהויבן שרײַבן לשון־קודשדיקע „מאמרים" אָפּן פּוד, גאַנצע וואָגאָנעס מיט „מאמרים", נאָר מע האָט זיי ניט געוואָלט „פאַרצו־קערן", איך ווייס ניט פאַר וואָס!...

ב ע ת ה ה י א — אין יענער צײַט (1883) האָט זיך באַוויזן אַ

יִדיש בלאַט, דאָס ערשטע יִדישע בלאַט אין זשאַרגאָן („פּאָלקסבלאַט" פון אלכסנדר צעדערבוים), און אזוי ווי די גוים האָבן מײַנע „ראָמאַנען" און מײַנע „דראַמען" נישט געוואָלט דרוקן, און די לשון־קודשדיקע „מאמ־רים" זײַנען אויך געלעגן נישט „פּארצוקערטערהייט", האָב איך מיך גע־פּרוּווט אַף אַ ציקאַוועסט אָנשרײַבן עפּעס אַ זאַך פּראָסט אַף דעם לשון, וואָס מע רעדט, אַף דעם לשון פון מענדעלע מוכר־ספרים, וואָס איז דעמאָלט געקומען מיר אין האַנט — און שטעלט אײַך פאָר, אַז מע האָט דאָס אויפ־געכאַפּט אין „פּאָלקסבלאַט", און דער רעדאַקטאָר אַליין, צעדערבוים, האָט מיט זײַן האַנט מיר אָנגעשריבן אַ בריוו און געבעטן (איר הערט? — ג ע ב ע ט ן !), איך זאָל שרײַבן נאָך. און פון יענער צײַט האָב איך אָנגעהויבן געבן פעליעטאָנען אין „פּאָלקסבלאַט", און וואָס מער איך האָב געגעבן, אזוי מער האָט מען מיר געשריבן, איך זאָל שיקן נאָך. און צו דעם האָט זיך אונטערגעכאַפּט מרדכי ספּעקטאָר, אַלס מיטאַרבעטער אין „פּאָלקס־בלאַט": ער האָט מיך ניט אויפגעהערט צו וואַרעמען, איך זאָל שרײַבן — עד היום הזה. דאָס איז אָבער באַ מיר געווען אין יענער צײַט ניט מער ווי אַ שפּילעכל, ביז עס האָט זיך געטראָפן אַ מעשה מיט אַ „מעסערל", וואָס האָט געמאַכט אַן איבעריקערעניש אין מײַן אַרט שרײַבן און אויך אינעם גאַנצן לעבן באַ מיר.

יענע צײַט איז געווען באַ מיר אַ צײַט פון מסחר, פון געלט, פון בערזע, פון פּאַפּירן, וכדומה אַזעלכע זאַכן, וואָס זײַנען ניט שײַך צו לי־טעראַטור. איך האָב זיך אַרײַנגעכאַפּט, ווי מע זאָגט, אין די פעדערן, אין די גרויסע שווערע טויזנטער, און וואָלט אפשר אַוועק אַף אַן אַנדער וועג, ווי זיי רופן עס — דעם אַ מ ת ן וועג... געקומען אין דער גרויסער שטאָט אַרײַן, אין קיעוו, וועגן פאַרשיידענע גרויסע עסקים, און אָנגעמידט זיך פונעם טאָג, האָב איך מיך געלייגט שלאָפן און האָב נישט געקענט אַנט־שלאָפן ווערן. בין איך אויפגעשטאַנען, זיך געזעצט צום שרײַבטיש און אָנ־געשריבן — ניט אָנגעשריבן, נאָר אויסגעגאָסן אַ זאַך, אַ דערינערונג פון מײַנע חדר־יאָרן, און האָב דאָס אַ נאָמען געגעבן „דאָס מעסערל", און האָב דאָס אַוועקגעשיקט אין דער רעדאַקציע — און פאַרגעסן.

ויהי היום, איך לייען דעם „וואָסכאָד", טרעף איך אַן איבערבליק איבער ליטעראַטור פון „קריטיקוס" (דובנאָוו) — איבער פאַרשידענע שמאַטעס, ובתוכם מײַן „מעסערל". מיט אַ האַרצקלאַפּעניש האָב איך איבערגעלייענט די עטלעכע וואַרעמע שורות פון דעם „קריטיקוס", וואָס לויבט דאָס „מעסערל" מײַנס און זאָגט נביאות, אַז דער יונגער מחבר פונעם „מעסערל" וויזט־אויס אַ טאַלאַנט צו זײַן און ער וועט נאָך אַמאָל געבן גוטע זאַכן פאַר אונדזער אָרעמער יִדישער זשאַרגאָן־ליטעראַטור.

מיט טרערן פון פרייד און דאַנקבאַרקייט האָב איך איבערגעלייענט

נאָכאַמאָל די דאָזיקע ווערטער פונעם ליבהאַרציקן „קריטיקוס" און האָב מיר געגעבן דאָס וואָרט, איך זאָל שרײַבן אין דער אַרט נאָך און נאָך — און פון דעמאָלט־אָן ביז הײַנטיקן טאָג שטייען מיר פאַר מײַנע אויגן די עטלעכע וואַרעמע גוטע געטרײַע ווערטער, און איטלעכס מאָל, ווען איך שרײַב־אָן אַ נײַע זאַך, פאַרגעס איך ניט פרעגן בײַ זיך אַליין: וואָס וועט זאָגן דערויף „קריטיקוס"?... פון דעמאָלט־אָן האָב איך דאָס געלט פאַרלאָרן, נאָר מוט איז מיר געבליבן, און איך האַלט שטאַרק־שטאַרק די פּען אין האַנט! צי דאַרף איך אים זאָגן אַ דאַנק, דעם דאָזיקן קריטיקוס (דובנאָוו), צי חלילה פאַרקערט?... דערויף בין איך נישט קיין בעל־הבית. איך בין פאַרקראָכן מיט מײַן חולאת (שרײַבערײַ) אַזוי ווײַט, אַז איך הייב שוין אָן געהערן נישט צו זיך און נישט צו מײַן הויזגעזינד, נאָר מער צו אונדזער ליטעראַטור און צו יענעם גרויסן געזינדל, וואָס הייסט פּובליקום...

קיעוו, חול־המועד סוכות, תרס"ד.

II

יאָר פון געבורט — 1859. אָרט פון געבורט די שטאָט פּערעיאַסלאַוו (פּאָלטאַווער גובערניע). אָרט פון אויסוואַקסן — וואָראָנקאָ, אַ קליין שטעטעלע אַ העק, דאָס עמעסע קאַסרילעווקע.

די משפּחה אַ גרויסע אין צאָל און אַ פרומע. דער פאָטער — אַ טיפּ פון דעם אַמאָליקן משכיל און למדן. צוליב זײַנע אויסערגעוויינלעכע פעיִקייטן, האָט מען דאָס יינגל געגרייט צו זײַן אַ רב, נאָר ס׳איז אַנגעשטאַנען די עפּאָכע פון „אויפקלערונג" און די צײַט האָט אַנדערש באַשטימט: פון אים איז טאַקע אַרויסגעקומען אַ רב, אָבער נישט אַ גײַסטלעכער, נאָר אַ „קאַזיאָנער" (אין דער שטאָט לובען, פון יאָר 1880 ביז 1883).

אין אָט דעם פּעריאָד (פון רבנות) האָט דער כמעט צוואַנציק־יאָריקער יונגערמאַנטשיק אָנגעהויבן אַרויסצובאַווײַזן אַ נייגונג צו שריפטשטעלערײַ, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין עטלעכע נאַרישע קאָרעספּאָנדענציעס און אינהאַלטלאָזע אַרטיקלען פון דעם מין „מאַמריסטיק" אין דער „המליץ" און אין דער „הצפירה". נישט געקוקט אַף זייער טאַלאַנטלאָזיקייט, האָבן זיי שטאַרק אויסגענומען בײַ דער משפּחה, און דער פאָטער פון דעם שריפטשטעלער, וואָס האָט ליב געהאַט די העברעיִשע „מליצה", איז געווען אַפן זיבעטן הימל און האָט אַלץ צוגעגעבן חשק דעם „טאַלאַנטפולן" זון ווײַטער צו שרײַבן, נביאות אים געזאָגט, אַז ער וועט ווערן באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט (וואָרעם דער „המליץ" און די „הצפירה" צעגייען זיך „איבער דער גאַנצער וועלט").

אין יענער צײַט (יאָר 1883) האָט דער רעדאַקטאָר פונעם „המליץ" אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אויך אַ זשאַרגאָנישע צײַטונג „דאָס יִדישע פאָלקסבלאַט" *. דער ערשטער נומער, וואָס איז אַרײַנגעפאַלן צו אים אין די הענט, האָט איבערראַשט דעם שריפטשטעלער מיט דער איינפאַכקייט פון דעם אײַנפאַל. „אָט — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — דרוקט זיך אַ צײַטונג אַף אַזאַ פּשוטער שפּראַך, וואָס איז צוגענגלעך פאַר אַלע ייִדן, אַפילו פאַר ווײַבער!" פון דעמלט אָן האָט זיך צו אים פאַרגנבעט דער געדאַנק: צי שפּײַזט נישט די העברעיִשע שפּראַך מיט איר פײַנער „מליצה" נאָר אַ קליינע צאָל אויסדערוויילטע, וואָס באַזיצן זי? דאָס איז איינס. און דאָס צווייטע איז, וואָס סײַ־ווי־סײַ, ווען דו שרײַבסט העברעיִש, טראַכטסטו דאָך אַף זשאַרגאָן, — איז שוין נישט בעסער טאַקע גלײַך אַפן אָרט צו שרײַבן ייִדיש, דאָס הייסט, שרײַבן אַזוי ווי דו טראַכסט? אָבער ווי אַזוי

---

* „יודישעס פאָלקסבלאַט".

קאָן מען עס פועלן בא זיך צו שרײַבן אַף אַזאַ שפּראַך, אַף וועלכער „אַלע ריידן”. און דער עיקר — אַף וועלכער עס דרוקן זיך „תחינות פאַר ווײַבער”? וואָס וועט זאָגן דערויף דער טאַטע?... — אָט דעמלט איז עס צוגעטראַכט גע־וואָרן דער פּסעוודאָנים „שלום עליכם”, אונטער וועלכן דער מחבר האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון קרובים און באַקאַנטע, דערהויפּט נאָך דעם, ווען ער האָט דורך די אומשטענדן (זײַן חתונה האָבן אוים ליבע מיט אַ רײַך מיידל) אַוועקגעלאָזט דאָס רבנות און איז אַרײַנגעפאַלן אין דאָס סאַמע געדיכטע פון דער פּלוטאָקראַטיע, וואָס איז אַזוי באַריכות באַשריבן פון מנחם־מענדלען אין זײַנע אומצאָליקע בריוו. אין דער דאָזיקער סביבה (אַף דער קיִעווער בערזע) האָט זיך בכלל גערעכנט פאַר אַ חרפּה אָנצוקערן מיט די, וואָס שרײַבן, בפרט נאָך אַף זשאַרגאָן! ערשט אין אַ צייט אַרום האָט מען זיך דערוווּסט, ווער ס'איז אָט דער חברה־מאַן. דעם שריפטשטעלערס פאָטער, דערגייענדיק דעם סוד (בא יִידן זײַנען נישטאָ קיין סודות!), האָט אַוועקגע־שריבן דעם זון אַ באַגײַסטערטן בריוו מיט אַ באַגריסונג, אַז, הייסט עס, „אַלע יִידן לייענען דײַנע פריילעכע פעליעטאָנדלעך און קאַטשען זיך פאַר געלעכטער, און מײַן פאָטערלעך האַרץ פרייט זיך. אַ שאָד נאָר, וואָס דו שרײַבסט אָט די אַלע זאַכן אַף אַ וואָכעדיקער שפּראַך, אַף דער שפּראַך פון „קעכנס און דינסטמיידלעך”. ווי קומט דאָס צו מאַפּו? און איך, אורטיילנדיק לויט דײַנע ערשטע מאמרים אין „המליץ”, האָב אַלץ געחלומט, אַז פון דיר וועט אויסוואַקסן נישט אַנדערש נאָר אַ צווייטער מאַפּו!” —

די ערשטע פּאַרזוכן צו שרײַבן אַף זשאַרגאָן זײַנען געווען „די איבער־געכאַפּטע בריוו”...

ווײַטערדיקע ביאָגראַפישע ידיעות

פון 1883 ביז 1890 האָט ער פאַרבראַכט די סאַמע גליקלעכע יאָרן אין קיִעוו, צווישן בערזע־סוחרים, מעקלערס און אַנדערע געשעפטסלײַט, געטיילט די צײַט צווישן בערזע־שפּיל און ליטעראַטור, אין די געשעפטן פון דער בערזע האָט אָבער דער שריפטשטעלער געהאַט אַ סך ווייניקער דערפאָלג, ווי אַפן ליטעראַרישן געביט. אין יאָר 1890, נאָך דעם, ווי ער האָט פאַר־לאָרן אַ גאַנץ פאַרמעגן, איז ער אַריבערגעפאָרן אַף צו באַזעצן זיך אין אָדעס, ווו ער האָט אַוועקגעוואָרפן די קאָמערציעלע געשעפטן און געהאַט בדעה זיך אָפּצוגעבן אויסשליסלעך מיט שריפטשטעלערײַ. דאָס האָט זיך אים אָבער נישט אײַנגעגעבן, וואָרעם דעמלט, אַזוי ווי אויך איצט נאָך, איז אַ יִידישן שרײַבער שווער געווען צו לעבן נאָר פון דער ליטעראַטור אַליין. אַ יִידישער שרײַבער מוז אומבאַדינגט זײַן נ אָ ך ע פּ ע ס. אַזוי, אַז דורכלעבנדיק אין אָדעס אין שטילער נויט אַרום דרײַ יאָר, האָט ער געמוזט זיך אומקערן צוריק אַהיים קיין קיִעוו און ווידעראַמאָל פּרוּוון מזל

אין קאָמערציע. נאָר די הצלחה, קוים האָט זי זיך איינמאָל אָפּגעקערט פונעם מענטשן, האָט זי שוין מער קיין חשק נישט צו אים זיך אומצוקערן. ווי אַ פיש אָפן אײַז, אַזוי האָט זיך דער שריפטשטעלער געוואָרפן אַף אַלע זײַטן, אויסגעפּרוּווט אַלערליי געשעפטן און טועכצן, אַבי נאָר מיט כבוד אויפצו־האַלטן זיך און זײַן גרויסע פאַמיליע; אַף דער געוויינלעכער שפּראַך ווערט דאָס אָנגערופן „לעבן אָנשטענדיק". עס איז אים אויסגעקומען צו פירן אַ פאַרצווייפלטן קאַמף, אויסבאַהאַלטנדיק זײַן פײַנלעכע לאַגע פון פרעמדע אויגן.

און דאָך, וואָס האַרטער עס איז געווען דער קאַמף, וואָס שווערער און ביטערער עס איז געווען דאָס לעבן, אַלץ אָפטער און אײַנגעשפּאַרטער פלעגט זיך באַווײַזן די באַגײַסטערונג צום שאַפן. דאָ וואָלט געווען דער ריכטיקער אָרט צו באַמערקן, צו דער כאַראַקטעריסטיק פונעם שאַפן פון ש. ע., אַז ער קאָן שרײַבן צו יעדער צײַט, אַף יעדן אָרט און בײַ אַלערליי אומשטענדן: אין סאַלאָן, אין קיך, אין וואַגאָן, אין רעסטאָראַן, אַפילו פאַרנ־דיק „אַף אַ איזוואָשטשיק" און אַפילו ליגנדיק אין בעט. רבונו־של־עולם! אַזאַ מאַסע טעמעס און סוזשעטן! וואָלט נאָר געווען פרײַע צײַט און וואָלטן נאָר מענטשן געלאָזט שרײַבן. צום באַדויערן, האָט מען גאַנצע טעג באַ־דאַרפט זײַן אין געיעג נאָכן קערבל, און באַנאַכט האָבן חשבונות, וועקסלען, פּאָוועסטקעס און איספּאָלניטעלנע ליסטן נישט געלאָזט שלאָפן; אין אָט די דאָזיקע ביטערע מינוטן איז שוין במילא קיין אַנדער ברירה נישט געווען, סײַדן זיך נעמען צו דער פעדער...

לויט דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון די סוזשעטן אין די דערציילונגען פון ש. ע., דאַרף מען אַרויסזען די פאַרשיידנאַרטיקע באַשעפטיקונגען פונעם מחבר, וועלכער איז איבערגעווען אי אַ סוחר, אי אַ בערזע־האָז, אי אַ קאַזיאָנער ראַבינער, און וואָס נישט? נאָר מער פון אַלץ האָט ער זיך גע־פילט פאַר אַ שרײַבער. צו דער ליטעראַטור האָט עס אים געצויגן. און אין יאָר 1900 האָט ער אינגאַנצן אַוועקגעוואָרפן אַלע געשעפטן און זיך אָפּ־געגעבן אויסשליסלעך צו דער ליטעראַטור.

און די ליטעראַטור די ייִדישע, דערהויפּט די פאָלקס־ליטעראַטור אַף דעם אַזוי גערופענעם זשאַרגאָן, האָט אָנגעהויבן זיך פאַנאַנדערוואַקסן און צו בליִען. עס האָבן זיך גענומען באַווײַזן צײַטונגען און זשורנאַלן און פאַרשיידענע בוך־פאַרלאַגן. אַפּנים, ס'איז אויסגעוואַקסן אַ לעזער און עס האָט זיך באַוויזן אַ נאָכפרעג אַפן בוך, דערהויפּט פון בעלעטריסטישן אינ־האַלט. וואָלט דאָך שוין אַזאַ שריפטשטעלער געמעגט אײַנאָרדענען זיך אין לעבן, מער אָדער ווייניקער, אָנשטענדיק. נאָר, אַף וויפל ש. ע. איז געווען אַ גוטער שרײַבער צווישן סוחרים, אַף אַזויפיל האָט ער זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ שלעכטן סוחר צווישן ליטעראַטן. די פאַרלעגער האָבן געמאַכט אַף

אים נישט קיין שלעכטע פּראָבעס, און אים זײַנען צוגעוואָרפֿן געוואָרן נישטיקע גראָשנס. ס'איז אויסגעקומען דורכצולעבן זיך פֿון האַנט צום מויל, אייביק אָנקומען צו הלוואות, וואָס ווערן אָנגערופֿן „גמילת־חסדים". מע האָט באַדאַרפֿט באַזיצן אַ געניאַלע געשיקטקייט, אום טאָג־טעגלעך צו אַנטלײַען געלט אַף צו דעקן די חובות, נעמען באַ א. אַף אָפּצוגעבן ב., כאַפּן אַ הלוואה באַ ג. און אָפּגעבן ד., כדי מע זאָל ווידעראַמאָל קאָנען אַנטלײַען באַ ד. אַף צו דעקן דעם חוב פֿון א. יאָ, דאָס איז שוין גאָרניט אַזאַ לײַכטע באַשעפֿטיקונג, און נישט אומזיסט האָט דער שריפֿטשטעלער געענטפֿערט זײַנעם אַ פֿרײַנט אַף דער פֿראַגע: „ווי אַזוי לעבט זיך עס אײַך?" — גאָט צו דאַנקען, איך זיץ ע ל ה ת ו ר ה ו ע ל ה ע ב ו ד ה ו ע ל ג מ י ל ת ח ס ד י ם . . .

אַזוי האָט זיך עס געצויגן ביזן יאָר 1905, בעת עס זײַנען אָנגעשטאַנען די געדענק־ווירדיקע אָקטיאַבער־טעג, און דער שריפֿטשטעלער, אַ צעשלאָגענער, ווי דאָס גאַנצע פֿאָלק ישׂראל, האָט גענומען דעם שטעקן און זיך געלאָזט וואַנדערן קיין אַמעריקע. נאָר נישט אַזוי גיך האָט ער זיך דערשלאָגן קיין אַמעריקע. ס'איז אויסגעקומען אָפּצושטעלן זיך אין יעדער שטאָט אין אייראָפּע, וווּ ייִדן האָבן פֿײַערלעך מקבל־פּנים געווען דעם פֿאַרטריבענעם שריפֿטשטעלער, געמאַכט פֿאַר אים אָוואַציעס אא"וו.

ערשט צום סוף 1906 איז ער אַרײַנגעפֿאַלן אין אַמעריקע, אין אָט דעם קאָכעדיקן קעסל, וווּ גלײַך מיט אַנדערע פֿעלקער קאָכט זיך אויס אויך דאָס ייִדישע פֿאָלק. וואָס עס וועט זיך אויסקאָכן פֿון דעם — דאָס וועט באַווײַזן די צוקונפֿט.

אַרײַנגעפֿאַלן אין אַמעריקע, האָט זיך ש. ע. דערפֿילט ווי אין דער היים. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס זײַנען אַלץ אייגענע מענטשן, וועלכע האָבן באַגעגנט דעם שריפֿטשטעלער, ווי אַן אַלטן גוטן פֿרײַנט, און דעריבער, אַפּנים, האָט מען אים געמאַכט שוין אַ צו טומלדיקן קבלת־פּנים, אַזאַ, וואָס מע קאָן נאָר מאַכן אין קאָלומבוסעס מדינה.

צוגעקוקט זיך די ערשטע צײַט צום לעבן פֿון זײַנע אַמעריקאַנער ברידער און צו זייער אייגנאַרטיקער ליטעראַטור (גיכער — „פּרעסע"), האָט ער שטופֿנווײַז אָנגעהויבן פֿאַרנעמען אַ פּאָזיציע אין עטלעכע ייִדישע צײַטונגען, אין דרײַ מיט אַ מאָל: אין דעם קאָנסערוואַטיוון „ייִדישן טאָגעבלאַט", אין דעם „ייִדישן אַמעריקאַנער" * און אין מילערס פּראָגרעסיווער

* די ניו־יאָרקער וואָכנשריפֿט „דער אַמעריקאַנער".

צײַטונג „די וואַרהײַט" (פֿאַרשטייט זיך, אַז די מיטאַרבעטונג האָט זיך אויסגעדריקט נאָר מיט דער באַטייליקונג אין זייער בעלעטריסטישער אָפּטיילונג, נישט אין דער פּאָליטיש־פּובליציסטישער).

אויסגעקליבן פאַר זײַן וווין־פּלאַץ די אומגעהויער גרויסע שטאָט ניו־יאָרק, איז ער אָבער אויסגעפאָרן אויך די אַנדערע גרויסע שטעט פון אַמע־ריקע, ווו ער האָט מיט אַן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג געלייענט זײַנע הו־מאָריסטישע ווערק, זיך אויסגעפּײַנט אין דער דאָזיקער קונסט, מען מעג זאָגן, ביז ווירטואָזיטעט, צוגעבנדיק צו זײַן באַרימטקייט ווי אַ הומאָריסט אַ שרײַבער דעם נאָמען פון מײַסטערהאַפטן פאָרלעזער.

אַ חוץ דער פּרעסע און די פאָרלעזונגען, האָט אים אויך פאַרכאַפּט דאָס טעאַטער, וועלכעס (אינעם זינען פון דעקאָראַציעס און הכנסה) צע־בליט זיך. דאָך, אין פאַרלויף פונעם ערשטן סעזאָן האָט ער באַוויזן אויפצו־פירן נאָר צוויי פּיעסן אין צוויי טעאַטערס, און דערנאָך האָבן ענינים פון דער פאַמיליע אַוועקגערופן אים צוריק קיין אייראָפּע (1907), ווו ער איז שוין פאַרבליבן ביז אינמיטן יאָר 1908, און גלײַך נאָך דעם זיך אומ־געקערט צוריק אין דער אַלטער היים קיין רוסלאַנד, ווו ער איז מיטן זעלבן דערפאָלג אַרויסגעטראָטן אַף פאַרשיידענע ליטעראַרישע אָוונטן, איבער־פליִענדיק מיט דער שנעלקייט פון אַ לופטשיף פון שטאָט צו שטאָט, און אַזוי איז ער פאַרפאָרן צום סוף יולי אינעם שטעטל באַראַנאָוויטש (מינסקער גובערניע), ווו ער איז פאַרשלאָפּט געוואָרן מיט אַ היפּש געפער־לעכער לונגען־קראַנקייט. אָפּגעלעגן אַרום צוויי חדשים, האָט ער צום סוף סעפּטעמבער 1908 פאַרלאָזט רוסלאַנד און איז, לויט דער פאָרשריפט פון די דאָקטוירים, אַוועקגעפאָרן אין די דרום־לענדער אַף קוראַציע.

די צוואה פון שלום-עליכם

די צוואה פון שלום-עליכם

איך בעט עפענען און פאַרעפנטלעכן אינעם טאָג פון מײַן טויט.

ש ל ו ם - ע ל י כ ם

י"א תשרי התרע"ו. 19 סעפּט. 1915, ניו יאָרק.

הײַנטיקן טאָג, מחרת יום־הכּפּורים, עס האָט זיך נאָרוואָס אָנגעהויבן אַ נײַ יאָר, און אַ גרויס אומגליק האָט געטראָפן מײַן פאַמיליע — געשטאָרבן מײַן עלטערער זון מישאַ (מיכאַאיל) ראַבינאָוויץ און אַוועקגעטראָגן מיט זיך אין קבר אַ שטיק פון מײַן לעבן, איז געבליבן בײַ מיר, איך זאָל איבערשרײַבן אויף דאָס נײַ מײַן צוואה, וועלכע איך האָב געהאַט געשריבן אינעם יאָר 1908, בײַ מײַן קראַנק זײַן, אין נערווי (איטאַליע). —

זײַענדיק געזונט און אין פולן פאַרשטאַנד שרײַב איך מײַן צוואה, וואָס באַשטייט אין צען פּונקטן:

א) ווּ איך זאָל ניט שטאַרבן, זאָל מען מיך באַהאַלטן ניט צווישן אַריסטאָקראַטן, מיוחסים, אָדער גבירים, נאָר גראָד צווישן פּראָסטע ייִדן אַרבעטער, מיטן אמתן פאָלק, אַזוי אַז די מצבה, וואָס מע וועט דערנאָך אַוועקשטעלן אויף מײַן קבר, זאָל באַשײַנען די אײנפאַכע קברים אַרום מיר, און די אײנפאַכע קברים זאָלן באַפּוצן מײַן מצבה, אַזוי ווי דאָס פּראָסטע ערלעכע פאָלק האָט פאַר מײַן לעבן באַשײַנט זייער פאָלקסשרײַבער. —

ב) קיין שום טיטלען מיט לויבענישן מיט מורי־מורינוס זאָל אויף מײַן מצבה ניט זײַן, אויסער דער נאָמען „שלום־עליכם" פון איין זײַט און אויסער דעם ייִדישן אויפשריפט, וואָס בײַגעלייגט, פון דער אַנדערער זײַט.

ג) קיין שום דעבאַטן און דיסקוסיאָנען פון מײַנע קאָלעגן וועגן פאַרייביקן מײַן נאָמען, וועגן אויפשטעלן מיר אַ מאָנומענט אין ניו־יאָרק אד"ג, זאָל ניט זײַן: איכל נישט קאָנען אײַנליגן רויִק אין קבר, אַז מײַנע חברים וועלן זיך נאַריש מאַכן. דער בעסטער מאָנומענט וועט זײַן פאַר מיר, אַז מע וועט לייענען מײַנע ווערק און אַז עס וועלן זיך געפינען אין די פאַרמעגלעכע קלאַסן פון אונדזער פאָלק מעצענאַטן, וואָס וועלן זיך נעמען אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן מײַנע ווערק, הן אין ייִדיש, הן אין

שלום-עליכם אפן טויטנבעט (געצייכנט פונעם מאלער יואל לעווית)

אַנדערע שפּראַכן, און דערמיט געבן דעם פאָלק די מעגלעכקייט צו לעזן און מײַן פאַמיליע — אַ בכבודיקע עקזיסטענץ. אויב איך האָב ניט זוכה געווען, אָדער נישט פאַרדינט קיין מצבֿה־אַטן בײַ מײַן לעבן, וועל איך זיי אפשר זוכה זײַן נאָכן טויט. איך גיי אַוועק פון דער וועלט מיטן פולן גלויבן, אַז דאָס פאָלק וועט נישט פאַרלאָזן מײַנע יתומים. —

ד) אַף מײַן קבר און דערנאָך דאָס גאַנצע יאָר און שפּעטער אַלע מאָל צום יאָרצײַט זאָל מײַן איבערגעבליבענער איינציקער זון, ווי אויך מײַנע איידעמס, אויב זיי וועלן וועלן, זאָגן נאָך מיר קדיש. און אויב זיי וועלן קיין חשק נישט האָבן, אָדער די צײַט וועט זיי נישט דערלויבן, אָדער סיוועט זײַן קעגן זייערע רעליגיעזע איבערצײַגונגען, קאָנען זיי יוצא זײַן נאָר דערמיט, וואָס זיי וועלן זיך צונויפקלײַבן אַלע מיט די טעכטער מײַנע מיט די אייניקלעך און מיט גלאַט גוטע פרײַנט, און פאָרלייענען די דאָזיקע צוואה מײַנע, און אויך אויסקלײַבן אַ מעשה פון מײַנע מעשהלעך, פון די סאַמע פריילעכע, און פאָרלייענען עס אין וואָסער אַ שפּראַך סיוועט פאַר זיי זײַן מער פאַרשטענדלעך, און לאָז מײַן נאָמען דערמאָנט ווערן פון זיי בעסער מיט אַ געלעכטער, איידער גאָרניט דערמאָנט ווערן. —

ה) רעליגיעזע איבערצײַגונגען קאָנען מײַנע קינדער און קינדס־קינדער האָבן וואָסערע זיי ווילן. נאָר זייער ייִדישע אָפּשטאַמונג בעט איך, זיי זאָלן היטן. די יעניקע פון מײַנע קינדער, וואָס וועלן זיך אָפּוואַרפן פון זייער שטאַם און וועלן אַריבער אין אַן אַנדער גלויבן, האָבן זיך שוין דערמיט אַליין אָפּגעוואָרפן פון זייער שטאַם און פון זייער פאַמיליע און אַליין אויסגעמעקט זיך פון מײַן צוואה — ואין להם חלק ונחלה בתוך אחיהם. —

ו) אַלץ וואָס איך פאַרמאָג, סײַ אין מזומן — אויב דאָס מין וועט זיך געפינען אין מײַן באַזיץ — סײַ אין ביכער, געדרוקטע און אין מאַנוסקריפּט, סײַ אין ייִדיש, סײַ אין אַנדערע שפּראַכן (אויסער די, וואָס זײַנען איבערזעצט אין העברעיִש), געהער צו מײַן פרוי האָדל בת אלימלך, אָדער אָלגאַ ראַבינאָוויץ, און נאָך איר טויט גייט עס אַריבער צו מײַנע קינדער גלײַך אַף גלײַך: צו מײַן טאָכטער חיה אסתר (ערנעסטינאַ) בערקאָוויץ, צו מײַן טאָכטער שרה (ליאַליאַ) קויפּמאַן, צו מײַן טאָכטער נעמי (עמאַ) ראַבינאָוויץ, צו מײַן טאָכטער מרים (מאַרוסיאַ) ראַבינאָוויץ און צו מײַן זון נחום (נומא) ראַבינאָוויץ. און וואָס אַנבאַלאַנגט צו מײַנע ווערק אין העברעיִש געהערן זיי צום מײַסטערהאַפטן איבערזעצער, מײַן שוויגער־זאָן י. ד. בערקאָוויץ, און צו זײַן טאָכטער, מײַן אייניקל תמר (תמרה) בערקאָוויץ — דאָס זאָל זײַן איר נדן. — די טאַנטיעמען, וואָס וועלן אַרײַנפאַלן פאַר מײַנע פּיעסן, הן אין רוסלאַנד והן אין אַמעריקע, זאָל

האַלב גיין צו מײַנע יורשים און האַלב זאָל אָפּגעלייגט ווערן אָפּן נאָמען פון מײַן אייניקל בעללאַ, די טאָכטער פון מיכאַאיל און שרה קויפּמאַן — דאָס זאָל זײַן איר נדן. —

ז) פון אַלע הכנסות, וואָס זײַנען אויסגערעכנט אין פריערדיקן פּאַראַגראַף, זאָל אַרונטערגענומען ווערן פאַרן פאָנד פאַר ייִדישע שרײַבערס (אין ייִדיש און אין העברעיִש) ביז פינף טויזנט רובל אַ יאָר — פינף פּראָצענט, און אויב די הכנסה וועט זײַן מער פון 5.000 רובל אַ יאָר, איז צען פּראָצענט (צום ב״ש: פון 6.000 רוב. 600, פון 7.000 — 700, פון 8.000 רוב. 800 רובל אזו״ו). אויב אין יענער צײַט וועט זײַן אַזאַ פאָנד, דאָ אין אַמעריקא, אָדער דאָרט אין יוראָפּ, זאָלן די פּראָצענטן אַלע יאָר אײַנגעצאָלט ווערן אין פאָנד אַרײַן, און דער פאָנד וועט טאָן לויט זײַנע סטאַטוטן. באַם אָבער עס וועט ביז דאַן קיין אָפיציעלער פאָנד ניט זײַן, אָדער עס וועט זײַן אַזאַ פאָנד, וואָס אַנטשפּרעכט ניט מײַן ווילן, וואָס איז אויסגערעדט אין אָנהייב פונעם דאָזיקן פּאַראַגראַף, זאָלן די פּראָצענטן צעטיילט ווערן נויטבאַדערפטיקע שריפטשטעלער פון מײַנע יורשים דירעקט, לויט פאַרייניקונג צווישן זיך.

ח) אויב איך וועל ניט באַוויַזן פאַר מײַן לעבן אַליין אַוועקצושטעלן אַ מצבה אַפן קבר פון מײַן נאָר־וואָס פאַרשטאָרבענעם זון מיכאַאיל (מישא) ראַבינאָוויץ אין קאָפּענהאַגען, זאָלן דאָס טאָן מײַנע יורשים ביד רחבה, און אינעם טאָג פון זײַן יאָרצײַט זאָל אַלע יאָר געזאָגט ווערן קדיש און צעטיילט ווערן ח״י קרוין צדקה לעניים.

ט) מײַן ווּנטש איז, אַז מײַנע יורשים זאָלן זיך אײַנאָרדענען אַזוי, אַז מײַנע ווערק און מײַנע פּיעסן זאָלן לצמיתות ניט פאַרקויפט ווערן, ניט דאָ אין אַמעריקע, ניט אין יוראָפּ, נאָר זיי זאָלן באַווײַזן צו לעבן פון זייער אײַנקונפט אַלע יאָרן, וואָס עס געהער צו זיי לויט געזעץ פונעם לאַנד. סײַדן עס וועט קומען אַזאַ צײַט, אָדער עס וועט זיך געפינען אַזאַ שוטה, וואָס וועט אָפּצאָלן פאַרן זכות אַזאַ סומע, וועלכע זאָל קענען זײַן גענוג אַף אויסצוהאַלטן אַ משפחה. דאַן זאָלן זיך אַלע יורשים צווישן זיך פאַרשטענדיקן, און אויב די מערהײַט וועט צושטימען, זאָל מען זיך מיט די מזומנים צעטיילן חלק כחלק לויט פּאַראַגראַף ו׳ און קודם כל זאָלן די 10 פּראָצענט אַראָפּגענומען ווערן פאַרן ייִדישן ליטעראַטור־פאָנד לויט פּאַראַגראַף ז׳.

י) מײַן לעצטער ווּנטש צו מײַנע נאָכפאָלגער און מײַן בקשה צו מײַנע קינדער: אָפּהיטן די מאַמע, באַשײַנען איר עלטער, פאַרזיסן איר ביטער לעבן, היילן איר געבראָכן האַרץ, נאָך מיר ניט וויינען, נאָר אַדרבה דערמאָנען מיך מיט פרייד, און דער עיקר — צווישן זיך לעבן אין פרידן, ניט טראָגן קיין שנאה איינס אַף דאָס אַנדערע, אויסהעלפן זיך איינער

דעם צווייטן אין אַ שלעכטער צײַט, דערמאָנען זיך אַמאָל אין דער משפּחה, רחמנות האָבן גלאַט אַף אַן אָרעמאַן, און באַ גוטע אומשטענדן צאָלן מײַנע חובות, אויב, אַזעלכע וועלן זײַן. קינדער! טראָגט מיט ערע מײַן פאַרהאָרעוועטן יִידישן נאָמען, און דער גאָט וואָס אין הימל זאָל אײַך זײַן צו הילף. אָמן.

שלום בן מנחם נחום ראַבינאָוויץ
שלום - עליכם

עפּיטאַפֿיע

עפּיטאַפיע פון שלום עליכם

דאָ ליגט אַ ייִד אַ פּשוטער
געשריבן ייִדיש־דײַטש פאַר ווײַבער
און פאַרן פּראָסטן פאָלק האָט ער
געווען אַ הומאָריסט אַ שרײַבער.

דאָס גאַנצע לעבן אויסגעלאַכט,
געשלאָגן מיט דער וועלט כּפּרות.
די גאַנצע וועלט האָט גוט געמאַכט,
און ער —אוי ווי— געווען אַף צרות!

און דוקא דעמאָלט ווען דער עולם האָט
געלאַכט, געקלאַטשט, און פלעג זיך פרייען,
האָט ער געקרענקט —דאָס ווייס נאָר גאָט—
בסוד, אַז קיינער זאָל ניט זען.

ש ל ו ם - ע ל י כ ם

געשריבן פון אים אַליין און אויסגעקריצט אַף זײַן מצבה

די מצבה פון שלום־עליכם (ייִדישע זײַט)

פון פאַרלאַג

מיר האָבן פאַרענדיקט די אויסגאַבע פון שלום עליכמס „אַ ל ע װ ע ר ק" גראָד אין דעם יאָר, ווען די ייִדישע און אַלגעמיינע קולטור־וועלט פײַערט דעם הונדערטסטן געבוירניאָר פון אונדזער גרויסן פאָלקס־שרײַבער. איז עס פאַר אונדז אַ דאָפּלטער כבוד און סאַטיספאַקציע, וואָס מיר קענען צוטראָגן צו דער אַלוועלטלעכער שלום־עליכם־פײַערונג אָט די נײַע אויסגאַבע פון זײַנע ווערק.

אָנגעהויבן האָבן מיר די צוגרייטונגען צו דער גרויסער אַרבעט נאָך אין יאָר 1950. פאַרשיידענע שוועריקייטן, וואָס זײַנען שפּעטער אונטערגעקומען, אַזוי פון פינאַנציעלן, ווי פון טעכנישן און פּאָליטישן כאַראַקטער, האָבן לײדער געווירקט, אַז דאָס אַרויסענדיקן דעם גאַנצן קאָמפּלעט ביכער זאָל זיך פאַרציִען מער צײַט, ווי מיר האָבן אויסגערעכנט. וויכטיק אָבער איז, אַז מיר האָבן אונדזער אויפגאַבע סוף כל סוף דערפילט בשלימות און די איקוף־אויסגאַבע פון שלום עליכמס ווערק וועט באַשײַנען טויזנטער ייִדישע היימען און ביבליאָטעקן.

מיר האָבן לײדער נישט געקענט אַרײַננעמען אין דער אויסגאַבע, ווי עס איז געווען אונדזער ווונטש, די נאָך נישט פאַרעפנטלעכטע ווערק פון שלום־עליכמס אַרכיוו. דאַקעגן גייט אין איר אַרײַן שלום־עליכמס ווערטפולער ראָמאַן „בלאָנדזשענדע שטערן", וואָס איז אין אַנדערע אויסגאַבעס אויסגעלאָזן געוואָרן.

באַם איבערגעבן אין רשות פון די לייענער די דאָזיקע אויסגאַבע פון שלום עליכמס „אַלע ווערק", וויל דער פאַרלאַג „איקוף" ספּעציעל אויסדריקן זײַן דאַנק די העכער טויזנט אַבאָנענטן אין אַרגענטינע און אין אַנדערע לענדער פון אונדזער קאָנטינענט, וועלכע האָבן מיט זייערע פאַרויסיקע אײַנצאָלונגען און צוגאָב־צוצאָלונגען פאַרלײַכטערט די רעאַליזירונג פון דער גרויסער און וויכטיקער אונטערנעמונג.

פ אַ ר ל אַ ג „א י ק ו ף"

אויסבעסערונג צום באַנד 14

אױף זײַט 53 דאַרף די שורע 8 פֿון אונטן זיך לייענען אַזוי:

שטשופּאַקן הייסט עס, געוויינט, געחלשט, געקושט די הענט, ער זאָל מיר

אַלע ווערק פון שלום עליכם

אינהאַלט פון די 15 דאָפּל־בענד:

I — יונגט־ראָמאַנען; יידישע ראָמאַנען

ערשט בוד: טײַבעלע; קינדער־שפּיל
צווייט בוד: סענדער בלאַנק; סטעמפּעניו

II — יאָסעלע סאָלאָוויי; אין שטורעם

III — מנחם־מענדל; גאַנץ טביה דער מילכיקער

IV — מאָטל פּייסי דעם חזנס

ערשט בוד: פון דער היים קיין אַמעריקע
צווייט בוד: אין אַמעריקע

V — מעשיות פאַר יידישע קינדער

ערשט בוד: דאָס מעסערל; אַפּן פידל; דער זייגער; ראַבטשיק; מתושלח; כפּרות; דאָס פּאָרפּאָלק; פּעסעלע דעם רבינס; באַשעפּעניש; צער בעלי־חיים; דער יינגסטער פון די מלכים; קדלת וקדשת

צווייט בוד: די פּאָן; חנוכה־געלט; באַם קעניג אחשורוש; אַ פאַרשטערטער פּסח; ל״ג בעומר; גרינס אַף שבועות; שוין איינמאָל אַ סוכה; די ערשטע קאָמונע; דאָס דריידל; אסתר; די ערבפּסחדיקע עמיגראַציע

VI — קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השגות; אַלט־נײַ כתרילעווקע

ערשט בוד: די שטאָט פון די קליינע מענטשעלעך; אַן אנגעלייגטער ברית; נחת פון קינדער; אַ פאַרשטערטע חתונה; נישט פאַר קיין יידן געדאַכט; דרייפוס אין כתרילעווקע; קיין עין־הרע נים; אים מעג מען מקנא זײַן; צוויי שלח־מנותן; נישטאָ קיין מתים; פאַרבענקט אַהיים; ווען איך בין רויטשילד; די יורשים; די גרויסע בהלה פון די קליינע מענטשעלעך; אויסגעטרייסלט; די גאָלדשפּינערס; בערל־אײַזיק

צ וו יי ט   ב ו ד :   כתרילעווקער נשרפים; דאָס נײַע כתרילעווקע; כתרילעווקער מושב־זקנים; אַ פּסחדיקע עקספּראָפּיִאַציע; מילכיקס; אַ גרינגער תענית; צוויי טויטע; חרוסת

VII — פון כתרילעווקע

ע ר ש ט   ב ו ד :   כתרילעווקער פּראָגרעס; זומערדיקע ראָמאַנען; אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט; לשנה טובה; פון פּסח ביז סוכות; שמואל שמעלקיס און זײַן יובילעום; וועלוול גאַמבעטאַ

צ וו יי ט   ב ו ד :   שיר־השירים; דער מלך מיט דער מלכה; בע־רעלע; דרײַ לוחות; לאַטקעס של חנוכה; קאָנקורענטן; אַפּיקומן; דוויד מלך ישראל; וואָס איז חנוכה; פּורים; ארבע כוסות; איבער אַ היטל

VIII — לכבוד יום־טוב

ע ר ש ט   ב ו ד :   אַרבע כוסות; בחפזון; אַף פּסח אהיים; כל נדרי; שמחת תורה; די ערשטע נאַכט פּסח אַף דער מלחמה; אקדמות; דער סדר; נישטאָ קיין נײַס; אַ פּריִער פּסח; בלינצעס; קנאָרטן; המן און מרדכי

צ וו יי ט   ב ו ד :   מה נשתנה; דער אתרוג; המן און זײַנע טעכ־טער; געצל; לאהניו; אַ פּאַרשיפּלטער ל״ג בעומר; צו דער סעודה; דער אורח; אליהו הנביא; אַז גאָט וויל שיסט אַ בעזעם; דרײַ קעפּלעך; גזלנים; אַ פּסח אין דאָרף; פּסח מיט אַ קל־וחומר; די וועלט גייט צוריק; שלח־מנות; די געפּערלעכע מצה

IX — אָרעמע און פריילעכע

ע ר ש ט   ב ו ד :   דער פאַרכשופטער שנײַדער; פינף און זיבע־ציק טויזנט; דער דײַטש; די פריילעכע קאָמפּאַניע; עולם הבא

צ וו יי ט   ב ו ד :   אַ „ווייגרישנע בילעט“; מיטן עטאַפּ; הונדערט איינס; מײַן ערשטער ראָמאַן; צוויי אַנטיסעמיטן; אָפּגעשלאָגענע הושענות; מען איז זיך מוחל; מען הוליעט

X — אײַזנבאַן־געשיכטעס; יידישע שרײַבער

ע ר ש ט   ב ו ד :   קאָנקורענטן; דער גליקלעכסטער אין קאָדני; סטאַנציע באַראַנאָוויטש; צוגענומען; אַ מענטש פון בוענאָס אײַרעס; קבר אבות; דער ליידיקגייער; דער נס פון הושענא־רבה; אַ חתונה אָן כלי־זמר; דער טלית־קטן; אַ זעקס־און־זעכציק; גימנאַזיע; פונעם פּריזיוו; מען טאָר נישט זײַן קיין גוטער; אַ נשרף; נישטאָ קיין מזל; באַשערט אַן אומגליק; רוף מיך קנאַקניסל; דער צענטער; דריטער קלאַס

צ וו יי ט   ב ו ד :   שלום־עליכם; ווי שיין איז דער בוים; אויטאָ־דאַ־פע; מײַן באַקאַנטשאַפט מיט א. ל. לעווינסקי; מ. מ. וואַרשאַווסקי און זײַנע לידער; אַ וואָך מיט י. ל. פּרץ; וועגן

פרישמאַנס יוביליעום; פרישמאַן צוגאַסט בײַ שלום-עליכם; מײַן באַ־
קאַנטשאַפט מיט ח. נ. ביאַליק; פיר זײַנען מיר געװעסן

XI — זומער־לעבן; מעשיות און פאַנטאַזיעס

ע ר ש ט ב ו ך : גלות דאַטש; אין די װאַרעמבעדער; מאַ־
ריענבאַד

צ װ ײ ט ב ו ך : די רויטע ייִדעלעך; משוגעים; מעשיות פון
טויזנט און איין נאַכט; איינער פון טויזנט

XII — מאָנאָלאָגן; פון צוויי וועלטן (דראַמאַטישע שריפטן)

ע ר ש ט ב ו ך : דאָס טעפּל; געוואַלד; אַ ווײַסע כּפּרה; דער
יום-טובדיקער צימעס; אַ נגידישע פּרעזשניצע; אַן עצה; באַם
דאָקטער; יוסף; כאַבנע; ס׳איז ליגן; דרײַ אַלמנות; פון דער רי־
וויערע; גיטל פּורישקעוויטש; דאָקטוירים; מיסטער גריז האָט אַ
דזשאָב; אַ מעשה מיט אַ גרינהאָרן

צ װ ײ ט ב ו ך : שווער צו זײַן אַ ייִד; טביה דער מילכיקער

XIII — דראַמאַטישע שריפטן; קאָמעדיעס

ע ר ש ט ב ו ך : דער גט; צעזייט און צעשפּרייט; אַ דאָקטער;
מענטשן; דאָס גרויסע געווינס

צ װ ײ ט ב ו ך : די אסיפה; יקנה״ז; מזל־טובֿ; פאַרביטן די
יוצרות; אַגענטן; קעניג פּיק; שראַגע; עולם-הבא; מיסטער בוים אין
קלאָזעט; אינצווייען; אַ זעקס-און-זעכציק

XIV — בלאָנדזשענדע שטערן

ע ר ש ט ב ו ך : אַקטיאָרן
צ װ ײ ט ב ו ך : נע־ונד

XV — פונעם יאַריד (ערשט און צווייט בוך)

שער־בלאַט געצייכנט פון מ. וואָלאַנסקי

שלום־עליכם פּאָרטרעט, געצייכנט פון מ. קאַנטאָר

פאַרלאַג „איקוף“

וואַלענטין גאָמעז 3245, בוענאָס-איירעס, אַרגענטינע

Este libro se terminó de imprimir
el día 17 de noviembre de 1959
en los
Talleres Gráficos OPTIMUS S.R.L.
Valentín Gómez 2755
Buenos Aires